STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06041

DI LEBNSGESHIKHTE FUN A YIDISHN ZSHURNALIST

Jacob Botoshansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

די לעבנסגעשיכטע פון א יידישן זשורנאליסט

(מעמואַרן)

„קאָמיטעט ארויסצוגעבן די מעמוארן פון י. באָטאָשאַנסקי"

בוענאָס איירעס

1942

PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY JACOBO BOTOSHANSKY

JACOBO BOTOSHANSKY

La vida de un periodista judío

"Comité para editar las obras escogidas
de J. Botoshansky"
Camargo 440, Dto. 1 — Buenos Aires

געדרוקט אין 1000 עקזעמפלארן

Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Junín 344, Buenos Aires.

ערשטער טייל

די קינדהייט

ג ע ה יי ל י ק ט דעם זיכרון פון מיי־
נע עלטערן אברהם און לאה. געווידמעט
מיין פרוי מרים און מיין זון אברהם.

דער מחבר.

אברהם באָטאָשאַנסקי ע"ה, געוועזענער שוחט פון קיליע,
דעם מחברס טאַטע.



לאה לעווין באָטאָשאַנסקי ע"ה, דעם מחברס מאַמע.

פון קיליע ביז בוענאָס איירעס

(אַז איר ווילט, איז עס אַ הקדמה)

קיליע איז אַ שטעטל אין דרום בעסאַראַביע, לעבן ברעג פון דונײַ. אין דעם דאָזיקן שטעטל איז דער העלד פון אָט דעם „רעאַלן ראָמאַן" געבוירן געוואָרן און דאָרט זײַן קינדהייט אויסגעטרוימט, אויסגעשפּילט און אויסגעשטורעמט. בוענאָס איירעס, די הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע, איז זײַן לעצטע היים, ער האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט אין עלטער פון קנאַפּע דרייסיק יאָר און ער וועט שוין דאָרט מסתּמא זײַן לעבן אָפּלעבן און זײַן אייביקע רו געפינען, אויב... אויב ביז דעמלט וועלן ייִדן נאָך נישט האָבן קיין אייגענע טעריטאָריע, וואו ייִדיש וועט זײַן די שפּראַך סיי פון פּאַנאַטיקער, סיי פון ליבעראַל. צווישן קיליע און בוענאָס־איירעס ציט זיך אַ לעבן פון טרוים און קאַמף, פון ריידן, זינגען, ליבהאָבן, האַסן, שטורעמס, סקאַנדאַלן, פרייד און שרייבן. אַך, וויפל שרייבן! דאָס מערסטע, וואָס דער העלד אונזערער האָט געטאָן איז — שרייבן. ער ווייסט נאָך נישט, צי ער איז אַ גרויסער שרייבער, צי אַ קליינער, ער ווייסט אָבער, אַז ער איז אַן עכטער, אַז שרייבן איז זײַן באַרוף ווי קרייען בײַ אַ האָן און מיאַוקען בײַ אַ קאַץ און אַז ער קען נישט לעבן אַ טאָג אָן שרייבן פּונקט ווי היינע און שלום עליכם האָבן עס נישט געקענט.

דער לייענער מעג פרעגן: פאַרוואָס? פאַרוואָס עפּעס פּלוצים זכרונות, ווען די ווירקלעכקייט איז אַזאַ וואולקאַן און אַזאַ מזבח און ווען דער ריח פון געבראָטן מענטשן־פלייש מאַכט אַזוי פאַרצווייפלט שיכור? און דער מחבר קען דערויף ענטפערן, אַז אין איינעם אַ יוני ווינטער פאַרטאָג (אויך די מעבר לים לייענער ווייסן שוין, אַז אין אַרגענטינע איז יוני ווינטער) נאָכדעם, וואָס דער העלד האָט אין איינעם מיט זײַן פרוי און זײַן זון פאַרבראַכט בײַ זיך אין שטוב ביז דריי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט מיט די שוישפּילער בערטאַ גערסטען, יעקב בן עמי און יעקב מעסטל ערב דעם דריטן דעבוט פון

מאָרים שוואַרץ אין בוענאָס־איירעס, צו וועלכן ער האָט זיך געקליבן צו גיין, איז אים געקומען צו גאַסט דער מלאך המות אַליין און ער האָט געוואָלט נישט ווייניקער ווי זיין האַרץ... האָט דער מחבר באַשלאָסן, אַז כאָטש די וועלט איז אַזאַ וואולקאַן און אַ מזבח און כאָטש ער אַליין איז נאָך קיין פופציק יאָר נישט אַלט, וועט ער נעמען דערציילן, וואָס ס׳איז געווען מיט אים, ווייל וואָס אַ שרייבער מוז נישט דערציילן, טאָר ער דאָס אייגענע לעבן נישט באַהאַלטן, וואָרום דאָס זיכערסטע, וואָס אַ מענטש קען, איז זיין אייגן לעבן...

דער לייענער מעג אויך פרעגן פאַרוואָס שרייבט דער מחבר זיינע זיכרונות אין דער דריטער פּערזאָן, אַזוי ווי שלום עליכם האָט עס געטאָן? דער לייענער, וואָס האָט דעם מחבר געלייענט טאָג איין, טאָג אויס, מעג באַזונדערס שטעלן די דאָזיקע פראַגע, ווייל ער ווייסט, אַז דער שרייבער פון קיליע אין בוענאָס־איירעס האָט דווקא שטענדיק ליב צו שרייבן בלשון „איך" און ער ווייסט אויך, אַז דער דאָזיקער שרייבער האָט אַ גאַנץ לעבן אויסגעמיטן דאָס שלום עליכמדיקע און ער האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען נישט ארייַנצופאַלן אין טאָן פון אונזער גרויסן הומאָריסט. דער ענטפער קען דאָ זיין, אַז ראשית: איז שווערער צו שרייבן מעמוארן אין דריטער פּערזאָן ווי אין ערשטער און דער מחבר האָט זיך געוואָלט מאַכן שווער בכדי נישט צו שרייבן צופיל און יעדנפאַלס נישט צו שרייבן אַלץ. דער שרייבער האָט אַ חיסרון: ער געדענקט צופיל. והשנית: דער העלד פון אָט דעם רעאַלן ראָמאַן האָט ביים אָנהייב פון זיין קאַריערע זיך געראַנגלט מיט שלום עליכמס איינפלוס ממש אַזוי ווי יעקב אבינו האָט זיך געראַנגלט מיט דעם מלאך, ווייל דעמלט האָבן אַלע פעליטאָעניסטן נאָכגעמאַכט דעם גרויסן יעהופּעצער און עס האָט צו מאָל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז נישט מען שרייבט יידיש, נאָר מען קרימט זיך נאָך שלום עליכמן און מען קרימט טאַקע נאָך יידיש. איצטער אָבער איז די נאָכקרום־סכנה פאַרביי און מען מעג זיך שוין אומקערן צום בעסטן פון שלום עליכמען. און איך מוז דאָ באַמערקן, אַז איך האָב ביי שלום עליכמען גענומען ניט מער ווי, דאַכט מיר, די פאָרם פון דערציילן אין דריטער פּערזאָן. און לאָמיך שוין אויסזאָגן דעם אמת, אַז מיר קומט אויס צו דערציילן אין אָט דעם בוך עראָטישע איבערלעבענישן, וואָס דערציילן זיי אין ערשטער פּערזאָן איז פיינלעך. דער העלד מיינער שרייבט נישט קיין ווידוי ווי זשאַן זשאַק רוסאָ, אָבער ער קלויבט זיך נישט צו באַהאַלטן מיטן אמת. עס איז פּאָרט ווייניקער פיינלעך צו דערציילן אין דריטער פּערזאָן, ווי אין ערשטער, אַז דער זעכצן יעריקער העלד האָט אין דער נאַכט ווען זיין האַרצנס באַגערטע האָט חתונה געהאַט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זיך „געטשעפּעט" אַ צעפּייניקטער און ברענענדיקער צו דער דינסט. און נאָך איין ענטפער: איך ווייס עד היום נישט וואָסאַראַ אמת ס׳איז דער אמתדיקער — דער ווירקלעכער,

צי דער דמיונדיקער. אין דער ערשטער פּערזאָן מוז מען שרייבן נאָר דעם ווירק־לעכן, בעת אין דער דריטער פּערזאָן מעג מען שוין דאָס דמיונדיקע אויך שרייבן...

דער לייענער קען שטעלן נאָך אַ סך „פּאַרוואָסן?", אָבער אויב דאָס דאָזיקע ווערק וועט אַליין קיין ענטפער נישט געבן אויף זיי, וועט די הקדמה אוודאי קיין ענטפער נישט געבן. אויב איר ווילט איז דאָס דאָזיקע געווען אַ הקדמה און אויב איר ווילט, איז עס געווען סתם אַ שמועס.

☆

קאפיטל איינס

דער ערשטערווינטער

...ווען הייבט אָן אַ קינד זיך צו געדענקען? וויפל איז מען, געוויינלעך, אַלט ווען דער זכרון גייט אריין אין אַמט? קיין געוויסע ענטפער קען קיינער נישט געבן אויף אָט דער פראַגע. נישט ביי אַלע איז דער זכרון אַלציינס, פונקט ווי נישט אַלע האָבן אַלציינע אויגן. עס איז גאָר שווער צו וויסן, צי דאָס דאַזיקע, וואָס מען געדענקט, געדענקט מען טאַקע, אָדער מען האָט עס געהערט דערציילן. ביי איינעם הייבט אָן דער זכרון צו פונקציאָנירן בעת אַ ווייטיק און ביי אַן אַנדערן בעת אַ פרייד. ווער עס געדענקט זיך פון אַ ברית, ווער פון אַ שניט און ווער פון גיין אויף אַ חתונה. דער העלד פון אָט דעם ראָמאַן געדענקט זיך אויף אַ וואָגן, וואָס האָט איבערגעצויגן זיין מישפּחה פון איין דירה אין דער צווייטער. ער געדענקט נישט, ווען מען האָט אים אויפגעזעצט אויף דעם וואָגן. ער געדענקט אָבער, ווען ער איז געזעסן אויף אים און ער געדענקט די טישן און קאַסטענעס צווישן וועלכע ער איז געזעסן און געדענקט ווי מען האָט אים אַראָפּגענומען פון וואָגן און ער האָט געוויינט, ווייל ער האָט געוואָלט נאָך פאָרן, אָדער נאָר כאָטש זיצן אויף דעם וואָגן... און פאָרן איז שוין פארבליבן זיין ליידנשאַפט. ער איז שוין אויסגעפאָרן אַ האַלבע וועלט און כמעט דאָס גאַנצע יידישע לעבן מיט אַלע לענדער, אויסער ארץ ישראל און ער האָט שוין אויסגערייזט באַלד אַלע יידישע פּאַרטייען און ער וויל נאָך פאָרן און זוכן... לויט דעם חשבון פון זיין אַלטער גוטער מאַמע איז דער העלד אַלט געווען דריי יאָר, מיט קאַרגע דריי חדשים, ווען זיין מישפחה האָט זיך איבערגעצויגן „פון פאַנלוטשעס דירה אין ראובן וויינבערגס" און דעמלט האָט ער אָנגעהויבן וויסן, אַז ער איז עמיצער אויף גאָטס וועלט, אַז ער איז יאַנקל אברהם שוחטס זון און אַז ער איז אַ יידיש יינגעלע און אַ יידיש יינגעלע דאַרף מורא האָבן פאַר גאָט, אַז נישט שטראָפט אים גאָט. דאָס דאַזיקע האָט ער זיך נישט דערוואוסט דווקא ווען ער איז אַראָפּ פון יענעם וואָגן, אָבער ער האָט עס שוין דעמלט געוואוסט... ס'איז אַ מאָדנע זאַך: וויפל מאָל ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען עפּעס פון

דעם, וואס ס׳האט פאסירט מיט אים איידער ער איז געזעסן אויף יענעם וואגן האט ער עס פאר קיין פאל נישט געקענט, אבער ווען ער האט געוואלט זיך דערמאנען וועגן דעם ווען און וואו מען האט אים געזאגט, אז ס׳איז דא א גאט אויף דער וועלט, האט ער אויך נישט געקענט, דאך איז ער געווען זי־כער, אז דאס דאזיקע האט ער שוין געוואוסט נאך איידער ער האט זיך אליין גערענקט. מען האט עס אים נישט אויפגעהערט צו זאגן אין יעדער מינוט. ווען ער האט זיך געשפילט מיט א ייִנגעלע פון שכן, וואס איז געווען קלענער פון אים און ער האט אים צעשלאגן, האט אים די מאמע געזאגט: „זאלסט אים מער נישט שלאגן, יאנקעלע, גאט וועט דיך שטראפן, ער איז א יתום״... און ער האט שוין מער נישט געשלאגן. דאס ייִנגעלע האט יאנקעלען א סך מאל געביסן און געריסן ביי די האר און זיך אין גאנצן ארויפגעלייגט אויף אים און פון אים געריסן שטיקער און ער האט זיך געלאזט, ווייל ער האט מורא געהאט פאר גאט...

ווען ער איז געקומען צו זיין פעטער פראים צו גאסט, האט ער דארט געהערט ווי מען האט געשראקן די קינדער מיט א ציגיינער, אדער מיט א גנב, אדער מיט א פאליציימאן („גאראדאוואי״ האט מען געזאגט) אים האט זיין מאמע געשראקן נאר מיט גאט. ביי זיין פעטער פראים איז געווען א פולע שטוב מיט קינדער. שפעטער האט ער זיך געגעבן חשבון, אז דארט זיינען דא זיבן קינדער, בעת ביי זיי אין שטוב זיינען געווען פיר, אבער דעמלט האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ביים פעטער איז דא אפשר צען מאל אזויפיל קינדער ווי ביי זיי. מקנא געווען האט ער דעם פעטערס קינדער, ווייל זיי זיינען געווען דריי ברידערלעך, ער איז געווען א בן יחיד. דער גרעסטער חלום אין זיין לעבן איז דעמלט געווען צו האבן נאך א ברודערל. ביים פעטער אין שטוב שלאגן זיך טאקע די ברידער, אבער ער וואלט זיין קלענער ברידערל שטענדיק געקושט... און ווייל עס זיינען ביים פעטער פראים אין שטוב געווען אזויפיל קינדער און איבערהויפט ייִנגלעך, האט אים אהין געצויגן ווי מיט צוואנגען. נישט שטענדיק האט ער געקענט גיין אהין, ווייל דער פעטער האט געוואוינט ווייט, ווייט. זיין שטוב איז געווען די לעצטע יידישע שטוב, ווייטער איז שוין געגאנגען די „מאהאלע״ (פעריפעריע אין רומעניש) מיט גויים. און ווען יאנקל איז שוין איין מאל אין דער וואך אריינגעפאלן אין הויז פון דער כאפטע קינדער, האט מען אים שוין פון דארט נישט געקענט אפרייסן. ביים פעטער אין שטוב איז געווען א סך ארעמער ווי ביי זיין טאטן און ס׳האט דארט געשמעקט מיט געזאלצענע פעל, און דער ריח האט געקיצלט אין די נאזלעכער צום ניסן, דאך האט זיך אים נישט געגלוסט אוועקגיין פון דארט. אפילו די קאלטע מאמעליגע, וואס מען האט דארט געגעבן צו עסן די קינדער, איז אים געפעלן און די מומע חווה זיינע, א קיילעכדיקע יידענע מיט לאכנדיק בלויע אויגן, פלעג זאגן, אז זיין מאמע

גיט אים נישט צו עסן. דער מאמען זיינער, וואס איז געווען א סך דארער פון דער מומען און האט אויסגעזען ווי א העלפט פון איר, פלעג דאס פאר־דריסן און זי פלעג זאגן מיט א קרעכץ און מיט א טרער: „אלע מיינע ליבע זאל פעלן, וואס מיין יאנקעלען פעלט". און ווען די מאמע האט געהערט ווי די מומע שרעקט די קינדער מיט א ציגיינער און מיט א „גאראדאוואי", פלעג זי געפינען די געלעגנהייט זיך אפרעכענען און אפמוסרן פאר „אזא ווילדקייט" און די מומע האט זיך פארענטפערט, אז — וואס זאל זי טאן? זי קען פון די ממזרים נישט אויסהאלטן. און ווען יאנקל האט אין א מינוט ארום אויפגעהויבן א קעצל, האט די מאמע אים געזאגט: „גיטע, גאט וועט דיך שטראפן"... מיט א ציגיינער האט מען נישט געטארט סטראשען, אבער מיט גאט — יא! און וויפל מאל איז עס נישט יאנקעלע געליגן ביינאכט און מורא געהאט פאר גאט! די מאמע זיינע, וואס איז געווען וואך איבער אים טאג ווי נאכט, האט דערפילט, אז ער שלאפט נישט, פלעג אים פרעגן פאר־וואס און ער האט געענטפערט:

— איך האב מורא!

— פאר וועמען האסטו מורא?

— פאר גאט...

— פאר גאט, קינד מיינס, דארף מען נישט מורא האבן, ווען מען איז גוט.

און די מאמע האט נישט אנדערש ווי' נאר אויפגעוועקט דעם טאטן, אז ער זאל אים געבן צו פארשטיין, אז פאר גאט דארף מען מורא האבן, אבער זיך נישט שרעקן. און דער טאטע, וואס האט שוין באלד געדארפט אויפ־שטיין און ער האט זיך שטענדיק געקלאגט, אז ער שלאפט זיך נישט אויס, האט געמוזט אראפגיין, זיך אפגיסן נעגל־וואסער און נעמען דערקלערן יאנ־קעלען, אז ווען מען איז גוט, באצאלט גאט בכפל כפלים... יאנקעלע האט אפילו נישט פארשטאנען געגוי וואס דאס מיינט, אבער ער האט פארשטא־נען, אז ס'איז א גוטע זאך און ער האט געהאפט אויף דעם „בכפל כפלים", וואס ער האט נישט געקענט פונקט נאכזאגן. ווען ער האט אויף מארגן זיך געשפילט מיט א יינגל, וואס האט געהאט א מעסערל, האט ער געבעטן, אז ער זאל אים דאס לייען און ער האט אים צוגעזאגט צו אפגעבן „קעפל קיפלייע"...

יאנקל געדענקט, אז א צייט נאך דעם, וואס ער האט אנגעהויבן זיך געדענקען, איז געווארן קאלט און מען האט אים נישט געלאזט גיין אין גאס אריין און אין שטוב האט ער נישט געהאט וואס צו טאן. זיין קלענערע שוועסטער שפרה איז נאך קיין יאר נישט אלט געווען און זי איז געליגן אין וויגל און זיין עלטערע שוועסטער מרים איז שוין אלט געווען זעקס יאר און זי איז שוין געווען א גרויסע מויד. יינגלעך האבן געזאגט, אז מיט א מיידל

איז אַן עבירה זיך צו שפּילן. און זי האָט גאָר מיט אים נישט געוואָלט זיך שפּילן, זי האָט נאָר ליב געהאַט זיך צו קריגן מיט אים. זי פלעג אים רופן „תם" און „נאַר" און ער פלעג וויינען, אָדער אָנפּאַלן הינטן אַרומער אויף איר און זי צעשלאָגן. זי פלעג נעמען שרייען „מאַמע" מיט אַזאַ קוויטש גלייך מען האָט זי געקוילעט און די מאַמע פלעג אים שטענדיק געבן גערעכט, ווייל ער איז דער קלענערער, אָבער די שוועסטער האָט איר אויסגעוואָרפן, אַז זי טוט עס, ווייל ער איז אַ בן יחיד. און זי פלעג אים רופן „בן יחיד" מיט אַזאַ האַס, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיין ערגער וואָרט איז אויף דער וועלט נישטאָ. „גאָט" איז פאַר אים געווען דאָס בעסטע וואָרט און „בן יחיד" — דאָס ערגסטע... די שוועסטער איז ערשט אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אין דער היים, זי איז אין דער פרי און ביי טאָג געגאַנגען אין חדר אריין און ער איז געווען אַליין. די עלטסטע שוועסטער האָט זיך יאָ געשפּילט מיט אים, אָבער זי איז געווען אַ גרויסע, אַ כלה־מיידל און איר שפּילן זיך איז נישט געווען פון קיין קינד. די מאַמע איז שטענדיק געווען אין קיך, דעם טאַטן האָט אַלע מאָל אַן אַנדער יידענע, אָדער שיקסע אַרויסגערופן קוילען אַן עוף, אַזיסט איז ער געזעסן איבער אַ ספר און שטיל געברומט און יאַנקל האָט אפילו מיטן קעצל זיך נישט געטאָרט שפּילן. דאָס קעצל פלעג אַלע מאָל געפונען אַ קניילעכל און זיך פּלאָנטערן דערמיט און ער האָט זיך מיט גאָר נישט געטאָרט שפּילן. ער האָט נאָר געמעגט וויגן דער קליינער שוועסטערס וויגל. ער האָט עס דערפאַר שוין געטאָן מער ווי מען דאַרף, ער פלעג זי וויגן אויך ווען זי איז געשלאָפן און זי דערמיט אויפגעוועקט...

דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז מען זאָל יאַנקלען שוין אַריינגעבן אין חדר אריין, אָבער די מאַמע האָט נישט געלאָזט, זי האָט געזאָגט, אַז איר טאַטע פלעג נישט לאָזן אַריינגעבן קיין קינד צום ערשטן מאָל אויף ווינטער אין חדר אריין, ווייל עס קען זיך נאָך חלילה פאַרקילן. די מאַמע פלעג שטענדיק ריידן וועגן איר טאַטן, זי האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ רב און דערנאָך ווען ער איז געוואָרן אוים רב, איז ער געווען נאָך גרעסער ווי אַ רב, כאָטש ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין גמרא מלמד און ער האָט זיך גענומען צו דער מלאכה פון אַרבעטן פעל. און אַז די מאַמע האָט שוין דערמאָנט איר טאַטן, האָט זי זיך שוין געווישט די נאָז אין איינעם מיט די אויגן און מיט טרערן האָט זי געזאָגט: „זאָלסט כאָטש קענען לערנען אַ העלפט וויפל דיין זיידע". ער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט וואָסאַראַ שייכות עס האָט איר טאַטע מיט זיין זיידן. יאַנקל האָט קיין איין לעבעדיקן זיידן נישט פאַרכאַפּט, זיי זיינען ביידע געשטאָרבן איידער ער איז געבוירן געוואָרן און ער האָט ערשט העט שפּעטער זיך דערוואוסט, אַז דער מאַמעס טאַטע איז געווען זיין זיידע און ער האָט שוין חוץ ווענן גאָט אויך געהאַט צו טראַכטן וועגן זיידן. אויסגעפירט האָט די מאַמע, אין חדר אריין האָט מען אים נישט געשיקט,

באַטש ער האָט דאָס אַזוי געוואָלט. די מאַמע פֿלעג בכלל מער אויספֿירן ווי דער טאַטע און ווען זי האָט נאָך געזאָגט, אַז איר טאַטע האָט אַזוי געטאָן, דעמלט האָט יאַנקלס טאַטע געוואוסט, אַז ס'איז שוין איבעריק דאָס ריידן. דער טאַטע האָט געהאַט אַ רויטע באָרד און גוטע אויגן, בעסערע אויגן ווי די מאַמע און ער האָט מער געשוויגן ווי גערעדט, פּונקט ווי די מאַמע האָט מער גערעדט ווי געשוויגן. אָבער ווען דער טאַטע האָט געהערט ווי די מאַמע זאָגט, אַז יאַנקעלע זאָל קענען אַ העלפֿט ווי דער זיידע, האָט ער געפֿרעגט: „פֿאַר־וואָס עפּעס אַ העלפֿט? פֿאַרוואָס נישט צוויי מאָל אַזוי פֿיל?"... מער האָט מען נישט באַדאַרפֿט! די מאַמע איז געוואָרן אָנגעצונדן און זי האָט געזאָגט, אַז איר טאַטע איז געווען אַ ליטוועק און אַז בעסאַראַבער קענען נישט לער־נען... דער טאַטע האָט זיך געפּרוּווט פֿאַרענטפֿערן, אַז ער זאָגט חלילה נישט, אַז דער שווער האָט נישט געקענט לערנען, נאָר אויב מען בעט שוין גאָט, קען מען דאָך שוין בעטן אויף מער... די מאַמע האָט זיך נישט געקענט באַ־רואיקן. דעם טאַטן איז קבר זאָל מען איר אַזוי באַליידיקן. און יאַנקעלע האָט דאָ נישט פֿאַרשטאַנען איין זאַך: וואָס טוט דאָ דעם טאַטנס שווער און ווער איז געווען דעם טאַטנס שווער? פֿרעגן האָט ער זיך געשעמט. ער האָט אַ סך זאַכן געפֿרעגט און מען האָט אים געענטפֿערט ברוגז. איבערגעבעטן האָט דעם טאַטן מיט דער מאַמען ווי שטענדיק די גוטע עלטסטע שוועסטער מאַמציע. איר האָט מען צוליב געטאָן, זי איז געווען אַ כלה־מיידל.

און דער ווינטער איז וואָס אַמאָל געוואָרן קעלטער און בייזער. פֿריער זיינען טאָג ווי נאַכט געגאַנגען רעגנס און ס'זיינען געוואָרן גרויסע בלאָטעס און די מאַמע האָט געהאַט אַן אַרבעט זיך צו קריגן מיט דעם טאַטן פֿאַרוואָס ער פֿאַרדריפּעט אַזוי די שטיוול און דעם פּאַלטן. אַנדערע מענער, האָט זי געזאָגט, פֿאַרנעצן קוים די קאַלאָשן און דיר גרייכט די בלאָטע שוין ביז אין קאַלנער. דער טאַטע פֿלעג שמייכלען מיט די גוטע אויגן און שווייגן. דערנאָך זיינען געקומען ווינטן. ווי זיי האָבן עס געוואויעט די ווינטן! יאַנקעלע פֿלעג זיך נישט איינמאָל אויפֿכאַפּן און פֿרעגן: „ווער מאַכט עס אַזוי וו...וו..."? די מאַמע האָט געענטפֿערט: „דער ווינט!" האָט שוין יאַנקעלע ווידער גע־פֿרעגט: „דער ווינט איז אַ לעבעדיקע זאַך?" „נאַרעלע, האָט די מאַמע אים בעסער איינגעדעקט און גוט אַראָפּגערוקט די יאַרמעלקע איבער דעם קעפּל, דער ווינט איז פֿון גאָט..." איז שוין יאַנקעלע געלעגן און מורא געהאַט אי פֿאַר דעם ווינט, אי פֿאַר גאָט...

און דערנאָך זיינען געקומען די שנייען מיט די פֿרעסט. די וועלט איז געוואָרן ווייס אַן אַן עק. די פֿענצטער האָט מען פֿאַרהאָנגען און פֿאַרדעקט מיט קישעלעך און מיט וואַטע און דאָס קינד האָט זייער זעלטן געקענט זען אַ שטיקל דרויסן, אוי, ווי אים האָט זיך געוואָלט אַרויסלויפֿן אין דרויסן און אַרומ־לויפֿן אין שניי! ווי ער האָט עס מקנא געווען די מענטשן וואָס זיינען געקו־

מען ווייסע און פארשנייעטע פון גאס! און אין שטוב האט מען געהאלטן אין איין ריידן וועגן דעם, אז דער טייך דארף זיך שטעלן און ער וועט זיך שטעלן. יאנקעלע האט נישט פארשטאנען און ער האט געפרעגט די מאמע:

— א טייך גייט דען?

די מאמע האט געקוקט אויף אים מיט שרעק און זי האט נישט פארשטאנען, וואס ער מיינט. ער האט אבער זיך נישט פארלוירן און געפרעגט פארוואס מען האלט אין איין זאגן, אז דער טייך שטעלט זיך. די מאמע האט אים דערקלערט, אז דער טייך ווערט פארפרוירן, ווייל ער ווערט פריער פול מיט שניי און געדיכט ווי א קאשע און דערנאך קומט דער פראסט און פארפרירט אים אין גאנצן. זיי האבן אמאל געוואוינט אין דארף לעבן טייך און זי האט געזען.

און ווען דער טייך האט זיך געשטעלט, איז געווארן נאך מער קאלט. מען פלעג מוזן הייצן צוויי מאל אין טאג. געהייצט האט מען מיט אזעלכע לאנגע סנאפעס, וואס מען האט גערופן „קאמיש". ערגעץ אנדערש האט מען עס גערופן „טשערעט", אדער „אטשערעט". מען האט דעם דאזיקן „קאמיש" געשניטן אין די נאענטע געמויזעכצן לעבן טייך, די געמויזעכצן האט מען גערופן „פלאווניעס". די קאמישן זיינען געווען זייער הויך, העכער ווי די שטוב און מען האט זיי געמוזט איינברעכן אין דרייען, בכדי זיי זאלן קענען אריין אין הרובע. זיי האבן געהאט האריקע קעפ, אזוי ווי עק פון קעץ און אז זיי פלעגן צופאלן צו א רעקל, אדער צו א קליידל, האט מען שוין נישט גע־קענט עס אפרייניקן. דער קאמיש האט געפלאקערט אין הרובע מיט גרויסע צונגען און אזוי לאנג מען האט אונטן נישט פארמאכט דאס טירל פלעג יאנקל שטיין און קוקן אין הרובע אריין און אים האט זיך געדאכט, אז קיין שענערס ווי אט דאס פייער איז גאר אויף דער וועלט נישטא. דער פלאם פלעג אים פאלן אויף די באקן און זיי פלעגן זיך אים צעפלאמען און ער האט דערפון געפילט א זעלטענע פרייד. ווען עס איז שוין געווען אין גאנצן אויס־געפלאמט און מען האט שוין צוויי מאל איבערגעשארט דאס אש און געזען, אז ס'איז נישטא קיין פונקען, פלעג מען פאררוקן דעם קוימען. דאס איז צום מערסטנס געווען דעם טאטנס ארבעט און די מאמע פלעג שטענדיק אכ־טונג געבן ווי ער פאררוקט, ווייל מען קען חלילה פארטשאדעט ווערן. און זי האט דערביי דערמאנט, אז פאראיארן איז מען ביי יאקל שוסטער שיעור נישט פארטשאדעט געווארן און פאר דריי יארן איז ביי מענדל בלעכער א קינד פארטשאדעט געווארן אויף טויט, נישטא געדאכט... און וויפל מאל מען האט גערעדט וועגן טשאד, איז אויסגעוואקסן אין שטוב די משה וועל־וולקע און זי האט גענומען אויסרעכענען וויפל מענטשן עס זיינען שוין אין קיליע געשטארבן פאר איר צייט פון טשאד. די משה וועלוולקע איז געווען א יידענע פון א יאר זיבעציק און אויסגעזען האט זי אפשר ווי פון הונדערט.

איר מאַן איז געווען אַ שניידער אַ לאַטוטניק, ער האָט עס טאַקע געהייסן משה וועלוול און זי פלעג אַריינקומען צו יאַנקלס מאַמע, לייקע הער שוחטקע. אין שטוב אַריין צו נעמען אַ וואָרט אין מויל אַריין און אויך טרינקען אַ גלאָז טיי. איר האָט שוין שלעכט געדינט דער זיכרון און זי פלעג שלעכט אָנרופן נעמען און מען האָט דערפאַר פון איר געלאַכט. „וואָלף בער" האָט ביי איר געהייסן „לייב הערש" און זי האָט גלאַט געערדט האַלבע ווערטער. דערצו איז זי נאָך געווען פון אַן אַנדער שטאָט און דאָרט האָט מען אויף אַ ברונעם געזאָגט נישט אַ „קערניצע" ווי אין קיליע, נאָר אַ „קרעניצע". אַפילו די מאַמע יאַנקלס פלעג איר זאָגן: „איר רעדט דאָך עפּעס ווי אַ פּוילישע"... און אָט ווי משה וועלוולקע האָט נישט געקענט נאָכזאָגן קיין נעמען און ווי זי האָט געערדט האַלבע ווערטער און אַנדערע ווערטער איבערגעקערט, האָט זי געוואוסט פון אַלע שווערע הערצער און זי האָט געוואוסט וואָס עס טוט זיך ביי יעדן אונטער דעם נאָגל און זי האָט אין עטלעכע מינוט אָנדערציילט אַ פולע שטוב און זי האָט ביים דערציילן אַליין געלאַכט און אַליין געוויינט; זי האָט דערציילט נישט נאָר פריילעכע זאַכן, אָבער יאַנקלען איז געוואָרן פריילעך אויך פון אירע טרויעריקע מעשהס. זי האָט דערציילט ווער עס קריגט זיך און ווער עס בעט זיך איבער און ווער עס האָט חתונה און ווער עס האַלט זיך אין גטן און ווער עס איז נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט קראַנק און ווער עס האַלט נישטאָ געדאַכט אין שטאַרבן. יעדן טאָג האָט זי געהאַט צו דערציילן אַן אַנדער פּאַק... שוין אויף דער שוועל פלעג זי זאָגן: „ער איז דאָך זיך שוין ווידער צעגאַנגען מיטן ווייב"... און ביז מען איז ביי איר דערגאַנגען ווער עס איז דער ע ר ! זי האָט אויסגעמאָלט וואו ער וואוינט און מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך און דריי מאָל אָנגערופן זיין נאָמען און קיין איין מאָל נישט נאָר נישט ריכטיק, נאָר אַפילו נישט ענלעך. פאַר יאַנקלען איז דער משה וועלוולקעס קומען געווען דאָס גרעסטע גליק. זי איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט דערציילט מעשהס ביי זיי אין שטוב. נישט אַלץ, וואָס זי האָט דערציילט, האָט ער פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט שטענדיק אויפגעשטעלט מויל און אויערן. ווען מען זאָל יאַנקלען אין יענעם ווינטער געוועזן פרעגן וועמען ער האָט מער ליב, דעם טאַטן, די מאַמע, צי די משה וועלוולקע, וואָלט ער אפשר נאָר פאַר מורא געווען נישט געענטפערט, אַז די משה וועלוולקע... די מעשה מיט דעם בער און מיט דער באָבעצי האָט אים אויך צום ערשטן מאָל דערציילט די משה וועלוולקע און ווי ער האָט עס געוויינט ביי די טרויעריקע שטעלן און געלאַכט ביי די פריילעכע! און ווען זי האָט דערציילט, אַז מען האָט די קינדער געגעבן צו עסן קאַשע מיט מילך און זיי אַריבערגעוואָרפן איבער אַ פּלויט און — הייד אין חדר אַריין, האָט ער ממש דערפילט דעם ריח פון קאַשע מיט מילך.

דער ווינטער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן ערב פסח. דאָס ערשטע, וואָס

יאַנקל געדענקט פון דעם איז דאָס שטעלן באָרשט. אין זאַל האָט די מאַמע אַריינגעשטעלט דאָס פעסל. דער זאַל איז ביי זיי געווען דאָס גרעסטע צימער, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט אַ סך בענקלעך און די פענצטער זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט אַ סך פאָרהענגלעך. אַ גאַנצן ווינטער האָט מען דאָרט נישט געהייצט און ס׳איז געווען קאַלט ווי אין אַ פּסאַרניע און קיינער איז אַהין סיי ווי נישט אַריינגעגאַנגען, אָבער ווייל די מאַמע האָט אָנגעזאָגט זהיר וזהיר נישט אַריינגיין אין זאַל אַריין און נישט טשעפּען דעם באָרשט, האָט זיך יאַנקלען דווקא געגלוסט אַהין אַריינגיין און טשעפּען. און וויפל מאָל עס איז קיינער נישט געווען אין שטוב, איז ער אַריינגעגאַנגען אַהין און אויפגעהויבן די עטלעכע שמאַטעס מיט וועלכע דאָס קליינע און גוט אויסגעריבענע פעסל איז געווען פאַרדעקט און אַריינגעקוקט אין באָרשט אַריין. און דעמלט האָט טאַקע פּאַסירט, די ערשטע טראַגעדיע אין אונזער העלדס לעבן. ער האָט אַ שלעכטן שלעפּ געטאָן דעם באָרשט און אים איבערגעקערט. ער האָט געזען ווי דער פּאָל איז געוואָרן רויט ווי מיט בלוט... נישט טויט נישט לעבעדיק איז ער אַרויסגעלאָפן פון קאַלטן זאַל. צום גליק איז קיינער נישט געווען אין שטוב און ער האָט זיך אָנידערגעזעצט לעבן שפּרהס וויגל, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. דאָס האַרץ האָט אים נישט אויפגעהערט טיאָכקען. ער האָט באַשלאָסן נישט צו קוקן אין זאַל אַריין און דווקא געקוקט אַהין און זיך געשראָקן גלייך דאָר וואָלט געווען אַ גנב... פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די מאַמע האָט באַלד אַנטדעקט דעם בראָך און זי האָט באַלד געוואוסט, אַז דער טאַטע איז שולדיק — ער האָט אים שלעכט אַנידערגעשטעלט. „איך האָב דיר אָבער געזאָגט, אברהם, האָט זי געשריגן מיט טרערן, אַז דו זאָלסט גוט אַכטונג געבן ווי דו שטעלסט אוועק דאָס פעסל..״

דער טאַטע האָט שטיל געענטפערט, אַז ער וואָלט געקענט שווערן, אַז ער האָט גוט אַנידערגעשטעלט און די מאַמע האָט געליאַרעמט. עס איז אַ שאָדן און ס׳איז, נישט מיט איר מויל גערעדט, אַ שלעכטער סימן... צום גליק איז אָנגעקומען די משה וועלוולקע און זי האָט באַלד געזאָגט, אַז צו אַ שלעכטן סימן האָט זי אַן אָפּשפּרעכעניש און זי האָט טאַקע באַלד גענומען עפּעס שעפּטשען מיט די ליפּן אָן ציין און זי איז געווען הוילע גוטסקייט. און דעם שאָדן האָט זי אויך צונישט געמאַכט! עס איז נאָך פרי און צען פעסער באָרשט קענען נאָך אויך זיך איינשטעלן. די מאַמע האָט זיך באַרואיקט און איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז שוין אַלץ אַריבער בשלום. אָבער ביינאַכט האָט די מאַמע ווידער גענומען יאַדען דעם טאַטן. דאָס מאָל האָט מאַמציע שוין אויך נישט געקענט העלפן. און דער טאַטע האָט אַזוי לאַנג געשוויגן ביז וואַנען ער האָט זיך גענומען שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין. זיין טאַטע, האָט ער געזאָגט, פלעג אויך אַזוי טאָן, ווען די מאַמע האָט אים געיאַרעט. יאַנקל האָט

שטאַרק רחמנות געקראָגן אויף דעם טאַטן און ער האָט דאָך מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז ער האָט איבערגעקערט דאָס פעסל. אָבער ווען די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט ריידן און דער טאַטע האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד, האָט יאַנקל זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט אויסגעזאָגט. ביים אָנהייב האָט די מאַמע נישט געגלויבט און דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז ווען דער טאַטע וואָלט געשטעלט גוט דאָס פעסל, וואָלט דאָס קינד נישט געקענט אַזוי גרינג עס אַראָפוואַרפן און דערנאָך האָט זי אַליין געוויינט און זיך געוואָרפן דעם טאַטן צו די פיס און אים געבעטן, אַז ער זאָל איר מוחל זיין און זי האָט נאָך אין יענעם ביינאַכט געקויפט כאַלוואַ און געגעבן יאַנ־קלען און זיינע שוועסטער מאַמציען און מרימען, זיך האָט זי גאָרנישט גענומען.

עס איז נאָך געווען איין שטיקל קריג פאַר פסח. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ווער עס זאָל פרעגן די פיר קשיות, יאַנקל, צי מרים. די שוועסטער האָט געטענהט, אַז זי גייט אין חדר און יאַנקל נישט, דער טאַטע האָט אויך אַזוי געהאַלטן, אָבער די מאַמע האָט געטענהט, אַז יאַנקל איז אַ יינגל. זי האָט געגנוג געוויינט פאַר גאָט ביז זי האָט אויסגעבעטן נאָך אַ יינגל. דאָס ערשטע יינגל אירס האָט ער איר צוגענומען, וועט איצטער, ווען זי האָט שוין אַ קדיש ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, גאָר דאָס מיידל פרעגן די פיר קשיות. יאַנקלען האָט פון דער גאַנצער געשיכטע אינטערעסירט דאָס יינגל, וואָס גאָט האָט אים צוגענומען. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך געוויינט וועגן דעם ברודערל זיינעם, וואָס ער האָט נישט געקענט. מאַמציע האָט זיך אַריינגע־מישט און געבליבן איז, אַזביידע זאָלן פרעגן די פיר קשיות, אָבער יאַנקל איז סיי ווי צו ביידע סדרים איינגעשלאָפן און די שוועסטער האָט זיך מיט אים דערנאָך אַ לאַנגע צייט געריי צט. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער דורכפאַל זיינער אין זיין לעבן און ער האָט זיך געשוואוירן, אַז איבער אַ יאָר וועט ער שוין די סדרים נישט פאַרשלאָפן.

☆

קאפיטל צוויי

דאָס גרויסע געוויסער און אַן אַ רעגן

יאַנקל האָט זיך גענוג אָנגעוויינט ביז וואַנען מען האָט אים אַרויסגע־לאָזט אויף דער גאַס. די מאַמע האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך פאַר־קילן. עס איז שוין געווען גאָר אַ וואַרעמער טאָג און דער שניי איז שוין גע־ווען אין גאַנצן צעלאָזט, ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט. און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען לויפן קוקן ווי אַזוי דער טאַטע קוילעט עו־פות. די בית השחיטה האָט יעדער שוחט פון שטעטל געהאַט ביי זיך אין הויף. דער טאַטע איז געשטאַנען אין אַזאַ שטיבל לעבן אַ פענצטער אָן אַ שויב און ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. אַ סך מאָל האָט ער אַריינגע־נומען דעם חלף אין די ציין אַריין און מיט די הענט האָט ער געפליקט די פעדערן. ווען עס איז געווען אַ הון, אָדער אַ האָן, האָט די יידענע, וואָס האָט געבראַכט דאָס עוף, געזאָגט: „פליקט אַביסל בעסער אָפּ, ר' אברהם!" אָבער ווען עס איז געווען אַ קאַטשקע, אָדער אַ גאַנדז, האָבן די יידענעס אין גאַנצן נישט געלאָזט פליקן די פעדערן. יאַנקלען איז דער טאַטע נישט געפעלן, ווען ער האָט געקוילעט, ער איז געווען אויסגעשמירט מיט בלוט און מיט פעדערן און ער האָט אויסגעזען צערודערט. אין שטוב האָט ער אויסגעזען שענער. יאַנקל האָט רחמנות געהאַט אויף זיין גוטן טאַטן, וואָס דאַרף קוילען עופות און ער האָט אים שפּעטער געפרעגט פאַרוואָס ער קוילעט... דער טאַטע האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן און ער האָט געשמייכלט און אים געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר, יידן דאַרפן דאָך עסן כשר. ער טוט אַ הייליקע אַרבעט, אַן עבודת הקודש. די עופות פלעגן זיך וואַרפן, וואַרפן ביז זיי האָבן אויפגעהערט. איין הון האָט זיך געגעבן אַ וואָרף העכער ווי דער דאַך, יאַנקעלע האָט זיך מוראדיק דערשראָקן, אָבער נאָך מער האָט ער זיך דער־שראָקן, ווען אַ געקוילעטע קאַטשקע האָט זיך אויפגעבונדן ביי די פיס און האָט אָנגעהויבן אַרומצולויפן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די געקוילעטע קאַטש־קע לויפט צו אים און וויל אים אַ ביס טאָן. ביינאַכט האָט זיך אים נישט אויפגעהערט חלומען, אַז די געקוילעטע קאַטשקע לויפט אים נאָך און וויל

איִם בייסן און ער האָט געוויינט פון שלאָף. אויף דעם צווייטן טאָג איז יאַנקל שוין נישט געגאַנגען מער קוקן ווי דער טאַטע קוילעט און ער איז בעסער געלאָפן אין גאַס אַריין און דאָרט זיך אַרומגעטאָלאָפּעט אין די ריטש־קעס און אין די בלאָטעס און ער איז אַהיים געקומען אַן אויסגעשמירטער פון די פיס ביז אין קאָפּ. די מאַמע האָט אים פריער אויסגעוואַשן און דערנאָך האָט זי אים אָנגעפּאַטשט און זי האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך פאַרדריפען אַזוי ווי דער טאַטע, וועט זי אים מער נישט לאָזן גיין אין גאַס אַריין.

אַ גרויסע פרייד איז ביי יאַנקלען געווען, ווען דער טאַטע האָט אים מיטגענומען אין „בוינע" אַריין, וואָס איז געווען ווייט לעבן טייך. מען האָט אַהין געדאַרפט פאָרן מיט אַ וואָגן און דאָס דאָזיקע איז געווען פאַר אים די גרעסטע גדולה. דאָרט וואו דער וועג איז געווען טרוקן, איז דער וואָגן גע־לאָפן און אַרויסגעטרייסלט די נשמה און דעם קינד האָט זיך געדאַכט, אַז קיין בעסער פאַרגעניגן ווי אָט דאָס טרייסלען איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. די „בוינע" איז געווען אונטער אַ הויכן באַרג, וואָס מען האָט גערופן „קרעפּאָסטי" (פעסטונג) און לעבן סאַמע טייך. אַ גרויסע שטוב איז זי גע־ווען די בוינע מיט אַ צעמענטענעם פּאָל און מיט עטלעכע קאַנאַלן. ער האָט געזען ווי די קצבים האָבן אָנגענומען די קי ביי די הערנער און זיי האָבן זיך אויסגעגליטשט און איבערגעקערט און אים איז קאַלט געוואָרן דערפון. נאָך מער איז אים קאַלט געוואָרן, ווען זיין טאַטע האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן חלף און געמאַכט אַ ברייטן און טיפן שניט אין האַלדז פון דער קו, אָדער פון אָקס, וואָס זיינען געווען געבונדן. דאָס בלוט האָט געגעבן אַ שפּריץ און דערנאָך האָט עס אָנגעהויבן רינען ריטשקעסווייז דורך די קאַנאַלן גלייך אין וואַסער אַריין. די בהמות האָבן געקוקט מיט גרויסע אויגן און יאַנקלען האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער זעט טרערן אין זיי. און זיי האָבן אַזוי געקרעכצט די בהמות. ניין, יאַנקלען איז דעם טאַטנס מלאכה נישט געפעלן און ער האָט זיך שוין דעמלט געזאָגט אַז ווען ער וועט זיין אַ גרויסער, וועט ער קיין שוחט נישט זיין. דערווייל האָט מען די בהמות אַרויפגעצויגן אויף שטריק און די קצבים האָבן זיי אויפגעשניטן די בייכער און אַרויסגענומען פון אינעווייניק שמאַלע און ברייטע קישקעס און די געקנייטשטע לונג. דער טאַטע האָט זיך גענו־מען פאָרען ביי דער לונג און זי באַטראַכטן און איינער פון די קצבים האָט זי אָנגעבלאָזן, אַז זי איז געוואָרן קיילעכיק און שיעור נישט געפּלאַצט. אַז דער טאַטע האָט אָפּגעריסן דאָס אונטערשטע שטיקל פון דער לונג און די גאַנצע לופט איז אַרויס און ער האָט געזאָגט "כשר", איז געוואָרן אַ גאַנצע גדולה און אַפילו די ווענט האָבן נאָכגעזאָגט „כשר". אַפילו דער הונט וואָס האָט געכאַפּט דאָס אַוועקגעוואָרפענע שטיקל לונג, האָט זיך, דאַכט זיך, גע־פרייט און נאָכגעזאָגט „כשר". אַ נידעריקער ייִד מיט אַ געלער באָרד, וואָס

איז געווען גרעסער פון אים, איז באלד אויסגעוואקסן מיט א גרוים שטעמפל, וואס איז אויך געווען גרעסער פון אים און ער האט עס געלייגט אויף דער דיך פון דער בהמה. ווען אבער דער טאטע האט נישט אפגעריסן דאס שטיקל לונג, איז קיין הונט נישט אונטערגעלאפן און יאסל נאמן להבדיל איז נישט צוגעקומען און קיינער האט זיך נישט געפרייט און נישט געשריגן כשר און אן עלטערער קצב האט געקרעכצט: „רב אברהם, האט גאט איז הארצן!״ און דער טאטע האט געקוקט טרויעריק און זיך אליין שיעור נישט צעוויינט און געטרייסט דעם קצב און געזאגט: „גאט וועט אייך מירטשעם ממלא זיין!״ יאנקל האט געזען ווי פרויען דרייען זיך ארום מיט קליינע קינדער און די קצבים שניידן אויף א גרויסן ברייטן פאביר, וואס איז פול מיט שיטער מיסט פון דער בהמה און די פרויען לייגן אהין אריין די קינדער ביז די העלדזלעך אריין און האלטן זיי צו. די קינדער זיינען מוראדיק גרין און זיי האבן אפילו נים קיין כוח צו וויינען. דער טאטע האט שוין געהאט ארומגעווישט דעם חלף און ער איז אליין שוין אויך געווארן רואיק און ער האט יאנקלען געזאגט, אז קינדער, וואס האבן די „געלע זאך״, לייגט מען אריין אין מאגן אריין און זיי ווארעמען זיך אוים און זיי ווערן געזונט. יאנקל האט באמערקט, אז ער האט ביי די קינדער נישט געזען קיין שום געלע זאך און דער טאטע האט געלאכט און אים דערקלערט, אז די „געלע זאך״ איז אזא קראנקייט פון וועלכער מען ווערט געל. ווען יאנקל איז אהיימגעקומען פון דער בוינע, האט ער זיך גע־פילט שלעכט און ער האט געבראכן און ס'איז אים געווען קאלט, אבער ווען דער טאטע האט אים נאך אמאל גערופן אין „בוינע״ אריין, איז ער געלאפן. אים איז געפעלן צו קוקן אויף דעם טייך, אויף דעם „קרעפאסטי״ און מער פון אלץ איז אים געפעלן דאס פארן.

און ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאג פון אנהייבן גיין אין חדר אריין. דער טאטע האט יאנקעלען איינגעהילט אין א טלית און אים אוועקגע־טראגן גלייך צו משה הערשן אין חדר אריין. משה הערש איז געווען א ייד מיט א גרויסער בארד. ער האט געהאט די גרעסטע בארד אין שטעטל. עס איז אזש געווען א ווערטל אין קיליע: „א נייעס, אז משה הערש האט א בארד״. געווען איז ער א הויכער ייד און דאך האט מען ביי אים כמעט גארנישט אנגעזען אויסער בארד. דער מלמד האט יאנקלען גענומען ווייזן אן אלף און א בית אין א בלעטל מיט גרויסע אותיות, אויף וועלכע עס זיי־נען געפאלן קאפיקעס. וואס א „מלאך״ האט געווארפן. דאס קינד האט גע־קוקט נאר אויף די אותיות און ער האט נישט געזען ווי דער טאטע האט דערווייל געווארפן די קאפיקעס. דערנאך האט דער רבי צונויפגערופן אלע קינדער און זיי געטיילט צוקערלעך, וואס דער טאטע האט געבראכט און ער האט געזאגט: „עסט, קינדער, דאס האט ר׳ אברהם שוחט געבראכט, אבער זייט נישט קיין ממזרים, א רוח אין אייער פארעך אין מיטן אריין און

לערנט"... יאַנקל האָט זייער געוואָלט וויסן, וואָס עס הייסט „פֿאָרעך אין
מיטן אַריין", אָבער ער האָט זיך געשעמט. ביי די קינדער איז ער דערנאָך
געווען אַ גאַנצער מיוחס, ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט זיך שפּילן אין
איינעם מיט אַלע. די קינדער האָבן זיך צווישן זיך געשלאָגן, אָבער אים האָט
מען נישט געטשעפּעט. אייניקע האָבן נאָך געטשמאָטשקעט די צוקערלעך, וואָס
זיין טאַטע האָט זיי געגעבן. דער הויף, וואו מען האָט זיך געשפּילט, איז
געווען אַ גרויסער און ער איז פֿול געווען מיט קינדער. יאַנקלען האָט זיך
געדאַכט, אַז ס'זיינען דאָרט געווען אפשר הונדערט קינדער, יינגלעך מיט
מיידלעך. ס'איז געווען אַזאַ רויש, אַז מען האָט געקענט טויב ווערן. ווען
מען האָט אים שפּעטער מיט אַ האַלב יאָר מיטגענומען אויף דעם גרויסן יאַ־
ריד, וואָס האָט זיך געשטעלט סוכות־צייט לעבן זיי אויף דעם אַלטן מאַרק,
וואו ס'איז געווען אַ ווילדער רויש, האָט עס אים נישט געמאַכט אַזאַ איינ־
דרוק ווי יענער ערשטער טאָג אין הויף פֿון חדר. וואָס דאָרט האָט זיך נישט
אָפּגעטאָן! קינדער האָבן געוויינט און געלאַכט און זיך געקריגט און איבער־
געבעטן און זיינען געגאַנגען פּאָר זיך גרויס און קליין אין אַן אָפּגעצוימט
שטיק פּלאַץ, אָבער איינס דעם אַנדערן אין די אויגן. אייניקע קינדער האָבן
געהאַט „גייעצן" — אַזעלכע לאַנגע ווערעם, וואָס האָבן זיי נישט געקענט
אַרויסגיין און זיי האָבן געקוויטשעט, איבערהויפּט האָבן געקוויטשעט די
מיידלעך. און אַלע מאָל איז דער רבי אונטערגעשפּרונגען אַזוי ווי אַ גזלן
און ער האָט אַרויסגענומען די גייעצן און אָנגעזאָגט די קינדער, אַז די מאַ־
מעם זאָלן זיי געבן צו עסן ווערעם־קרויט. יאַנקלס שוועסטער מרים איז אויך
געווען אין חדר און זי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים, ווייל זי
האָט זיך געשפּילט **מיט גרעסערע מיידלעך.** און ער האָט דערלעבט אַ נקמה
אין איר, ווען זי האָט אויך געהאַט „גייעצן" און דער רבי האָט געמוזט קור־
מען אַרויסרייסן. זי האָט געקוויטשעט ווי אַ געקוילעטע און וויפֿל מאָל זי
האָט זיך דערנאָך מיט אים געקריגט אין דער היים, האָט ער איר געשריגן:
„דו האָסט דאָך גייעצן!" און ער האָט איר נאָכגעמאַכט ווי אַזוי זי האָט גע־
שריגן „מאַ־מע"... אַהיים איז יאַנקלען געקומען אָפּנעמען זיין עלטסטע
שוועסטער מאַמציע און זי האָט אים געפֿירט ביי דער האַנט און געגלעט און
געקושט און געפֿרעגט, צי ער האָט שוין אַ סך אויסגעלערנט. די מאַמע האָט
שוין געוואַרט אויף אים ביי דער טיר; זי האָט געשיינט ווי די זון. ער האָט
זי קיינמאָל אַזוי שיין נישט געזען. זי האָט געטראָגן אַ זילבערן זיידן טיכל
אויף דעם קאָפּ און די אויגן האָבן איר געוויינט און געלאַכט. זי האָט אים
גענומען אויף די הענט און אים געקושט און אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין
און אין איין וועג איבּ פֿאַרהערט אין גרויסן קרבן מינחה סידור און זי האָט
שיעור ניט געטאַנצט פֿאַר פֿרייד. ער האָט שוין געקענט מער ווי אַ האַלבן אלף
בית... דעם זיידנס קאָפּ וועט ער האָבן, האָט זי געלאַכט און געוויינט.. ווען

זי האָט אים שוין אָפּגעהאַלטן אירם אויף די הענט, האָט אים דער טאַטע גענומען צו זיך און אים געקושט און געקיצלט מיט דער רויטער באָרד און נאָך געמאַכט מיט די טרערן און געהאַלטן אין איין זאָגן „מיינע ביינדעלעך זאָלסטו מיר איבערלעבן". שפּעטער מיט יאָרן האָט יאַנקל פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע האָט געוואָלט זאָגן „מיינע ביינער", אָבער ער האָט געזאָגט „ביינדעלעך", ווייל ער איז געווען באַגייסטערט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ רעדט זיך נישט וועגן זיינע ביינער, נאָר וועגן דעם קינדס ביינדעלעך...

די מאַמע האָט אין יענעם טאָג געקאָכט אַ באָרשט מיט וואַרעניקעס און איינגעלאַדן אי דעם טאַטנס ברודער, דעם פעטער נח מיט דער מומע חווה מיט דעם קינד, אי דער מאַמעס ברודער, דעם פעטער פּראַים מיט דער מומע חווה מיט אַלע קינדער. יאַנקל האָט זיך נישט אויפגעהערט וואונדערן פון דעם, וואָס ביידע מומעס הייסן חווה. די קינדער האָט מען געגעבן באַזונדער עסן אין קיך, אָבער יאַנקלען האָט מען איינמאָל אַריינגערופן אין „סטאָלאָווע" (עסצימער) אַריין און מען האָט צו אים געטרונקען לחיים און אים געגעבן די האַנט ווי אַ גרויסן און אים געוואונטשן, אַז טאַטע מאַמע זאָלן אין אים דערלעבן אַלדאָס גוטס און אים מגדל זיין לתורה, לחופּה ולמעשים טובים. צו דער מאַמען איז קיינער דעמאָלט נישט געווען גלייך, קיינער האָט נישט אַזוי געוויינט ווי זי. יאַנקלען איז געפעלן געווען דער גאַנצער טיש מיט די דריי טאַטעס. דער פעטער פּראַים איז געווען דער נידעריקסטער. ער האָט געהאַט אַ געלע באָרד, אַ שטאַרק געדיכטע און קליינע, וויינענדיקע אויגן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַזאַ לאַנגע קאַפּאָטע ווי דער טאַטע, כאָטש ער איז נישט געווען קיין כלי קודש. דער פעטער נח איז געווען אַ הויכער, אַ געשטרעקטער, מיט אַ קליין בערדל, וואָס האָט אין איינעם מיט די וואָנציעס אויסגעזען ווי אַ קמץ. ער האָט געהאַט גרויסע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געלאַכט. ער איז געגאַנגען אין אַ קורץ רעקל. ער איז געווען אַ בוכהאַלטער אין פאַבריק פון האָלץ און ער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר דאָרט נישט גיין אין קיין קאַפּאָטע. יאַנקלען האָט געדאַכט, אַז זיין טאַטע שיינט אַרויס פון אַלע מענער, פונקט ווי זיין מאַמע שיינט אַרויס פון אַלע דריי ווייבער. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דער פעטער נח איז שענער פון דעם פעטער פּראַים, כאָטש דער פעטער פּראַים איז יידישער. אָבער ווער ס'איז שענער פון די צוויי מומע חווהס, האָט ער זיך נישט געקענט באַשליסן. דעם פעטער פּראַימס מומע חווה איז געווען אַ קיילעכדיקע, אַ העלע, מיט לאַכנדיקע אויגן, דעם פעטער נחס מומע חווה איז געווען אַ דאַרע, אַ טונקעלע מיט שמייכלענדיקע אויגן. די ערשטע מומע חווה איז געגאַנגען מיט אַ שווערן פּאַרוק, אַזוי ווי די מאַמע, די צווייטע איז געגאַנגען מיט אַזאַ געלעכערט טיכל, וואָס מען האָט גערופן באַרעטל און דער טאַטע האָט שטילערייד באַמערקט זיין ברודער, אַז צו אים אין שטוב וואָלט די שוועגערן געמעגט נישט קומען מיט די הוילע האָר... די

מומע חווה פון פעטער פראַים האָט געבעטן דעם טאַטן, אַז ער זאָל ווינטשן, אַז איר מאַן זאָל שוין מער נישט אַנטלויפן אַזוי ווי ער איז אַמאָל אַנטלאָפן. און זי האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען פון שטוב קויפן הערינגלעך און ער האָט זיך אומגעקערט אין דריי יאָר אַרום און זי מיט די קינדער איז דאָ שיעור נישט געשוואָלן געוואָרן פאַר הונגער, ווען נישט אירע ברידער. דער מאַמען האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס זי דערמאָנט נישט דעם טאַטן און זי האָט געזאָגט: „ניש קשה, דער שוואָגער אברהם שוחט האָט אויך געהאָלפן און וויפל מאָל איך האָב אָפּגעריסן פון מיין און מיינע קינדערס ביסן, אַזויפיל מאָל זאָל מיר גאָט העלפן”... און ס'האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז מען זאָל זיך אין גאַנצן צעקריגן, ווען אברהם שוחט זאָל נישט געווען אָנהייבן זינגען אַ ניגון. ביידע פעטערס האָבן נאָכגעברומט און זיי האָבן דווקא געוואָלט ווינן, צי דער חדר־יונג קען שוין אויך זינגען... נאָך אַ פּאָר מאָל האָט מען זיך צעווערטלט און שיעור נישט צעקריגט. די קינדער אין קיך האָבן זיך אַ סך מאָל געקריגט און אַפילו געשלאָגן און זיי האָבן זיך באַלד איבערגעבעטן און יאַנקל האָט דעמלט צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז גרויסע קריגן זיך ערגער ווי קליינע און אַז צווישן די דריי שטיבער איז קיין שטאַרקער שלום נישט געווען. צום געזעגענען זיך האָבן אים אַלע געקושט און ער איז מיט פרייד געלאָפן אין חדר אַריין אין איינעם מיט זיין שוועסטער מרים. די מאַמע האָט נאָכגעשריגן: „גיט אכטונג, קינדער, אַז מען זאָל זיך נישט איבערפאָרן”...

און יאַנקל האָט אַליין נישט געדענקט ווי דער זומער איז אַריבער, כאָטש ער האָט פאַר דעם זמן אַ סך אויסגעלערנט. ער האָט שוין געקענט „טראָפּ” און היפּשלעך דאַוונען און אין שול האָט ער שוין אַריינגעקוקט אין אַ סידור און ער האָט שוין אַ סך זאַכן געקענט נאָכזאָגן און ער האָט זיך שוין אַ סך מאָל געפילט ווי אַ יידעלע, נישט ווי קיין קינד. דער טאַטע זיינער האָט געדאַוונט פאַר דעם עמוד און דאָס איז אים געפעלן. אַ שוחט זיין — נישט, אָבער דאַוונען פאַרן עמוד און זינגען די שיינע ניגונים פון די תפילות איז אים געפעלן און ער האָט זיך געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיין אַ גרויסער, וועט ער אויך זיין אַ בעל תפילה, אָדער גאָר אַ חזן. דער סוף פון זומער איז געווען אַ טרויעריקער. פריער איז דווקא געווען פרייליך, עס זיינען געווען אַ סך גוטע פרוכטן און וויינטרויבן אָן אַ שיעור, אָבער ווען עס איז געקומען סליחות און ראש השנה איז געוואָרן טרויעריק. ס'האָבן געבלאָזן קאַלטע ווינטן און די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין זאָגן און וויינען, זי האָט נאָך מער געזאָגט און שוין אוודאי מער געוויינט ווי דער טאַטע. יאַנקעלע האָט קוים דערלעבט סוכות, ווען ס'איז פריילעכער געוואָרן. נאָך סוכות איז געווען „פּאָקראָווע” און מען האָט אים מיטגענומען אויף דעם יאַריד און מען האָט באַצאָלט פאַר אים אַ קאָפּיקע ער זאָל פאָרן אויף דער „קאַטשעליע” (קאַרו־

סעל) און ער האָט איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס ווי ווען ער איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין חדר אַריין. און אויף ווינטער איז יאַנקל וויַיטער געגאַנגען צו משה הערשן, כאָטש די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין ביי אים אויסגעלערנט די גאַנצע תורה. דער מלמד מיט דער גרויסער באָרד איז געקומען אַהיים און געבעטן, אַז מען זאָל אים נישט פאַרשעמען און ער האָט געזאָגט, אַז חומש קען ער גאָט זיי דאַנק אויך לערנען און נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע האָבן געוואָלט זיין קיין גזלנים און האָבן אים ווידער געשיקט. אָבער זיי האָבן אויסגענומען נאָר נאָך אויף איין זמן. און דער רבי האָט געהאַלטן וואָרט און גענומען לערנען חומש מיט אים, אָבער נישט אויף לאַנג. יאַנקל איז באַלד קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען און דערנאָך איז ער שוין פון איין קראַנקייט אַרויס און אין דער צווייטער אַריין. ער האָט געהאַט שקאַרלאַטינע און אַנגינע און דיפטעריט. ווען ער האָט געהאַט די לעצטע קראַנקייט, האָט די מאַמע אַזוי איינגעלייגט וועלטן, אַז ער האָט זיך דערשראָקן. דער מאַמעס געוויין האָט אים מער געשראָקן ווי די קראַנקייט אַליין. דאָס קראַנק זיין אַליין איז געווען נישט אַזוי שלעכט, ער איז געלעגן אין אַ שיין, ריין בעטל און געפיבערט און געזען אַזעלכע שיינע חלומות. און ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן געזונט, האָט מען אים געגעבן אַזויפיל זאַכן. וואָס ער האָט געבעטן, האָט מען אים געגעבן, אַ פּערדעלע און אַן עפּעלע און וואָס נישט? ווען ער איז קראַנק געווען אויף דיפטעריט, האָט מיט אים פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך. ער האָט אין חלום דערזען דעם זיידע לייב (אַזוי האָט געהייסן זיין מאַמעס טאַטע). ער האָט פון אים נישט אויפגעהערט טראַכטן זייט מען האָט געזאָגט, אַז ער איז ענלעך צו אים און מען האָט אים געוואונטשן צו האָבן זיין תורה, אָבער קיין בילד איז פון אים נישט געבליבן און ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט ווי אַזוי ער זעט אויס און דאָך האָט ער אים געזען. ער האָט אָנגעהויבן שרייען פון שלאָף און ווען מען האָט געמאַכט ליכטיק, האָט ער אים נאָך אַלץ געזען. די מאַמע האָט זיך גאָר דערפרייט און זי האָט געזאָגט: „מיין טאַטע איז געקומען און ער האָט געבראַכט מיין קינד די רפואה שלימה"... די מאַמע האָט זיך ביי אים נאָכגעפרעגט ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען און ער האָט איר דערציילט, וואָס ער האָט געזען און זי האָט נישט אויפגעהערט זאָגן: „אוי, פּונקט דער טאַטע!"

אין יענעם ווינטער האָט זיך אברהם שוחט ווידער געמוזט איבערציען, וויל ראובן וויינבערג, ביי וועמען ער האָט געוואוינט, האָט געהאַט אַ שענק און אים איז געגאַנגען זייער גוט און ער האָט געדאַרפט די שטוב פאַר זיך. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַלע אונזערע שונאים זאָלן וואוינען ביי יענעם. און זיי האָבן זיך איבערגעצויגן צו אורי גאָלדענבערג אין שטוב אַריין. אורי גאָלדענבערג איז געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין שטאָט, ער האָט געהאַט די גרעסטע שניט-קראָם. ער איז געווען פון די גאָר געציילטע, וואָס

מען האָט אין קיליע גערופן בײַם פאַמיליען נאָמען. די מערסטע האָט מען גערופן מיט נישט גאָר שיינע צונעמען, און אין בעסטן פאַל אויף די נעמען פון די טאַטעס, מאַמעס, אָדער גאָר ווייבער. אז אַ ייד האָט געהאַט אַ ווייב אַ קאָזאַק, אָדער אַ שלאַק, האָט מען אים גערופן אויף איר נאָמען. געווען אַ שענקער, מענדל, איז ער געווען אַ שטילער ייד און האָט געהאַט אַ יידענע אַ העלד, וואָס האָט געהייסן עלקע, האָט מען אים גערופן „מענדל עלקעס" און ווען די שיכורים האָבן זיך אַמאָל גערייצט מיט אים פאַרוואָס ער הייסט אויף דעם ווייבס נאָמען, האָט ער געענטפערט: „אָבער דו זאָגסט אַלץ נישט, אַז דו גייסט צו עלקען אין שענק, נאָר צו מענדל עלקעס". און די שיכורים האָבן געזאָגט מיט אַ וואונק: „צו זיינעם האָט ער שכל", אָדער — „אַ תם, אַ תם און שטויסט ווי אַ מועד". אורי גאָלדענבערג האָט מען פון דעסטוועגן הינטער די אויגן גערופן „אורי פאַרעך" און מען האָט אים געשאָלטן אויך. ער איז נישט לאַנג געוואָרן אַ גביר, עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן נאָך געדענקט ווען ער איז געווען אַ ביטערער אָרימאַן און ער האָט אין איינעם מיט זיין ווייב גענייט „קאַפּראַנקעס" — אַזעלכע לייבלעך פאַר די בולגאַרן פון די דערפער. — די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן געמאַכט די לייבלעך, האָט מען גערופן „קאַפּראַנטשיקעס", אורי גאָלדענבערג האָט מען אַמאָל אויך גערופן קאַפּראַנטשיק. ער איז געווען אַ מיטלגעוויקסיק יידל מיט אַ רויט פנים, בלוט האָט געשפּריצט פון דעם און ער האָט געטראָגן אַ קיילעכדיק, גלאַט אָרומגעשוירן בערדל. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ליסענע, וואָס האָט אים געגרייכט כמעט ביז אין די אויערן. אַ פנים דערפאַר האָט מען אים גערופן „פאַרעך". אין קיליע האָט מען אַ ליסעקאָפּ אויך גערופן פאַרעך... ער האָט נישט געדאַוונט אין דער גרויסער שול, וואוהין עס זיינען געגאַנגען די רייכע יידן מיט די געשוירענע בערד און נישט אין בית המדרש, וואו עס האָבן געדאַוונט די רייכע יידן מיט גרויסע בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס און אויך די למדנים און הייסע חסידים. נאָר ער איז געגאַנגען אין דער „חברה נושאי המיטה" שול, וואו עס האָבן געדאַוונט יידן בעלי מלאכות, צום מערסטן סטאָליערס, גלעזער, בלעכער, שוסטער א. א. וו. ער האָט זיך אַ פנים נישט געפילט אַזוי גוט צווישן די איידעלע לייט. אין דער חברה „נושאי" איז ער געווען דער גרעסטער באַלעבאָס און ער האָט דאָרט געהאַט אָן אַ שיעור פּלימעניקעס פון זיין און ווייבס און זיין צד, וואָס האָבן געוואוינט אין די הינטערגעסלעך און זיינען געווען וואַסערפירער, באַלעגאָלעס, אָדער גאָר טרעגער. פאַר זיי איז דער „פעטער אורי", געווען דאָס אויבערשטע פון שטייסל און זיי האָבן אין פאַליש נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אים. איין פּלימעניק האָט ער געהאַט, איז ער געווען אַ נידעריקער, אַ גראָבער און ער האָט געהאַט גראָבע ליפּן און קורצע, זיי האָבן אים נישט געקענט פאַרשטעלן דאָס גאַנצע מויל, האָט מען דעם דאָזיקן בחור גערופן — יאַנקל קען זיך נישט

דערמאָנען פאַרוואָס — אַלי כּאיטאַטעס, פלעג דער דאַזיקער אַלי זאָגן, אַז זיין פעטער אורי איז רייכער פון ראָטשילדן... יאַנקלס טאַטע איז געווען בעל תפילה אין דער חברה נושאים און אורי איז געווען זיין רייכסטער באַלעבאָס, אָבער ווען עס איז געקומען צו דינגען אַ דירה ביי אים, האָט ער זיך געהייסן גוט באַצאָלן. דער טאַטע האָט שטיל געקרעכצט און די מאַמע האָט געקרעכצט אויף אַ קול. דער טאַטע האָט שווייגעדיקערהייט דערציילט, אַז פריער מיט אַ צייט האָט אים אורי געזען און באַדויערט, וואָס ער פאַרדינט אַזוי ווייניק און ער האָט אים אַליין געמאַכט אַ חשבון, אַז דאָס לעבן איז טייער און מיט זיין וואַכנגעלט און מיט די זייטיקע פאַרדינסטן קען ער נישט אויסקומען און ער איז געווען זייער ברוגז אויף דער שטאָט, וואָס זי צאָלט אַזוי ווייניק, אָבער ווען עס איז געקומען צו דינגען ביי אים אַ דירה, האָט ער זיך נישט אויפגעהערט ציגיינערן און דינגען. יאַנקלען איז געפעלן געוואָרן די נייע דירה שוין צוליב דעם איבערציען זיך. און טאַקע די דירה אַליין איז אים אויך געפעלן. זי האָט געהאַט פון פאָרנט גרויסע סלופּעס און אַ סך יינגלעך האָבן אים מיט די דאָזיקע סלופּעס מקנא געווען. די טירן זיינען אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס און דער הויף איז געווען הינטן. די צווייטע טיר האָט געוואוינט דער לאַטוטניק שניידער משה וועלוול, וואָס איז שטענדיק געזעסן פאָרנט און גענייט מיט דער נאָדל. ער איז שוין געווען גאָר אַן אַלטער ייד און עס איז פון אים ווי אַראָפּגעקראָכן אַ ווייסע, נישט שטאַרקע ריינע באָרד. וואָס איז שטענדיק געווען פול מיט פעדימער. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ „קאַפּראַנקע", וואָס איז געווען צעריסן און צעפּיצלט און פאַרלאַטעט און איז שטענדיק געווען אויפגעשפּיליעט אין איינעם מיט דעם צעריסענעם העמד, דורך וועלכן עס האָט זיך אָנגעזען אַ האָריקע ברוסט. די נאָז איז ביי אים געווען אַ לאַנגע און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי האַלט זיך שטענדיק אין איין ציען און זי ווערט לענגער. ער האָט נישט געהאַט קיין ציין און ער האָט געפּאַנפּעט אויך און עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, וואָס ער האָט געזאָגט. דערפאַר אָבער האָט יאַנקל ליב געהאַט זיין ווייב, די משה וועלוולקע, וואָס איז פול געווען די גאַנצע שטאָט און זי האָט געוואוסט פון אַלע שווערע הערצער און זי איז שטענדיק געקומען צו זיי אין שטוב אַריין און נישט אויפגעהערט צו דערציילן פון הערן און געדענקען. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז איצטער וועט שוין די משה וועלוולקע זיין אַ גאַנצן טאָג ביי זיי און נישט אויפהערן צו דערציילן. אָבער יאַנקלען איז אויך געפעלן משה וועלוולס טאָכטער גאָלדע, וואָס איז געזעסן לעבן איר טאַטן און האָט גענייט אויף דער מאַשין. זי איז געווען אַ קיילעכדיקע און האָט געהאַט אַזעלכע זאַפטיקע אויגן, מיט וועלכע זי האָט שטענדיק געשמייכלט. די מאַשין איז ביי איר געלאָפן גיך, גיך. מיט איין האַנט האָט זי געדרייט דאָס הענטל און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי צוגעהאַלטן דאָס דאַזיקע, וואָס זי האָט גענייט און זי

האָט געגייט און זי האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן, אז ווען זי וואָלט גע־האַט אַ מאַשין, וואָס מען נייט מיט די פיס, וואָלט זי געאַרבעט צוויי מאָל אַזוי פיל. דאָך האָט זי כסדר געזונגען און זי האָט געהאַט אַ שיין קול. יאַנקלען איז זייער געפעלן צו הערן ווי זי האָט געזונגען, אָבער די מאַמע האָט אים אַלעמאָל אוועקגענומען און האָט אים געזאָגט, אַז אַ יינגל טאָר נישט הערן דאָס קול פון אַ מיידל און גאָלדען אַליין האָט זי געזאָגט, אַז זי מעג אַביסל מורא האָבן פאַר גאָט און וויניקער „קאָלאָקאַטשען" מיטן מויל. אין שטוב האָט מען גערעדט וועגן דעם, אַז גאָלדע איז שוין אַן אַלטע מויד און מען האָט זי באַדויערט, וואָס דער טאַטע אירער האָט איר נישט צו געבן קיין נדן און איין חתן איז שוין דערפאַר פון איר אוועק. יאַנקלען איז גאָלדע זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט גאָרנישט געזען, אַז זי זאָל זיין אַלט, זי האָט אים אויסגעוויזן יונג און שיין און ווען זי האָט אים גענומען אויף די הענט און אים אַריינגערוקט אין איר גרויסער ווייכער ברוסט און האָט אים געקושט מיט אירע שיינע ליפּן, איז עס אים געווען געפעלן און ער האָט זיך געפילט זייער גוט. ער האָט נאָר נישט געקענט ליידן, וואָס זי האָט גערעדט „שאַרלאַטאַנס־קע" ווערטער. געווען יידן אין שטאָט, וואָס מען האָט זיי גערופן מיט שרעק־לעך מיאוסע „מענערישע" און „ווייבערישע" ווערטער. האָט גאָלדע גערופן די דאָזיקע יידן ביי זייערע צונעמענישן און זי האָט עס געטאָן מיטן פולן מויל און מיט לאַכנדיקע אויגן און עס איז געווען קענטיק, אַז זי האָט דערפון שטאַרק הנאה... יאַנקל פלעג זיך שעמען און ער האָט זי אויך באַדויערט, ער האָט געוואוסט, אַז גאָט וועט זי דערפאַר שטראָפן. ניט איינמאָל ביינאַכט פלעג דאָס יינגל זען אין חלום ווי מען שמייסט גאָלדען אויף יענער וועלט און ער האָט געוויינט. מ'קען זאָגן אָן גוזמא, אַז גאָלדע איז געווען די ערשטע ליבע פון אונזער העלד, ער האָט ליב געהאַט זי צו הערן, צו זען, צו זיין ביי איר אויף די הענט און ער האָט אפילו געפּרוּווט נאָכברומען דאָס לידל, וואָס זי האָט שטענדיק געזונגען און ס'האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער:

„היינטיקע ייִנגלעך איז אַזוי צו גלייבן,
אַזוי ווי דעם הונט אויף דער גאַס..."

אַריבערגעצויגן האָט זיך אַברהם שוחט אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח און אין אַ צייט אַרום האָט די מאַמע נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז גאָט אַליין האָט געשיקט זיין מלאך און ער האָט געהייסן ראובן וויינבערג, אַז ער זאָל זיי הייסן אַרויסציען. עס האָט געהאַלטן אין קומען אַ געוויסער אויף דעם שטעטל. יאַנקל האָט נישט געוואוסט וואָס אַזוינס עס מיינט אַ געוויסער, אָבער אַזוי ווי אויף זיינע פראַגעס האָט מען אים נישט שטאַרק גערן געענטפערט, האָט ער נישט געפרעגט, ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער ווייסט אַזוי לאַנג נישט אַ וואָרט ביז וואַנען ער הייבט עס אָן צו פאַרשטיין. צום ערשטן מאָל האָט יאַנקל דערהערט דאָס דאָזיקע וואָרט צום צווייטן סדר. דאָס מאָל איז ער

שוין נישט פארשלאפן, ער האט זיך אויסגעשלאפן בייטאג און ער איז גע־וועז וואך ביז גאר שפעט. די פיר קשיות האט ער אליין געפרעגט, די שוועס־טער איז געווארן אוים קאנקורענטקע. א מיידל פרעגט נישט קיין פיר קשיות, האט די מאמע געזאגט, אז ס'איז דא א יינגל און נאך א יינגל, אויף וועלכן די מאמע האט אזויפיל טרערן פארגאסן ביז וואנען זי האט אים אויסגע־בעטן ביי גאט... און יאנקל האט שוין דעמלט נישט נאר געפרעגט די פיר קשיות, נאר ער איז שוין געוועזן א פאלנע יידעלע. ער האט מיטגעזאגט די גאנצע הגדה און שוין געפרואווט צו זאגן מיטן גוסח, אזוי ווי דער טאטע, כאטש ער האט קיין ווארט נישט פארשטאנען פון דעם, וואס ער זאגט. ער האט אפילו די פיר קשיות, וואס ער האט געזאגט אי אויף יידיש, אי אויף לשון קודש אויך נישט געגוג פארשטאנען. געוועזן אין זיי אייניקע יידישע ווער־טער, וואס ער האט אויך נישט פארשטאנען... שפעט ביינאכט נאך דעם צווייטן סדר, ווען מען האט געעפנט די טירן צו אליהו הנביאס כוס, האט די מאמע באמערקט, אז אין דרויסן שטייט א רעדל יידן און רעדט. די נאכט איז געוועזן שוין א ווארעמלעכע און א העלע און די מאמע מיטן טאטן זיי־נען ארויסגעגאנגען צו די יידן. דער טאטע איז אראפ פון גרויסן „עסע בעט" מיטן ווייסן קיטל, וואס האט געשיינט אזוי ווי שניי, ווייל די מאמע איז געוועזן א גרויסע בריה, זי האט זיך שטענדיק געריסט מיט איר בריהשאפט. און דעמלט האט יאנקל צום ערשטן מאל דערהערט דאס ווארט „געווויסער" און ווי די מאמע האט געדאנקט גאט, וואס מען האט זיך ארויסגעצויגן, ווייל ראובן וויינבערג שטוב איז זייער א נידעריקע, בעת אורי גאלדענבערגס שטוב שטייט אויף א בארג. די יידן האבן שוין לאנג געהאט געענדיקט דעם סדר און זיי האבן שפאצירט ביז אין דער טינע(1) און זיי האבן עס אנגעזאגט די בשורה, אז עס קומט דאס געוויסער. זיי זיינען אלע געוועזן זייער איבער־געשראקן און אייניקע פון זיי האבן געזאגט צום טאטן: „רב אברהם. איר וועט דארפן מאכן פלאץ, מיר וועלן זיך צו אייך אויך דארפן אריינציען"...

און יאנקל האט זיך גיך דערוואוסט וואס א געוויסער מיינט. אונטן, לעבן טייך זיינען באלד פארטרונקען געווארן עטלעכע נידעריקע שטיבלעך. ער האט געהערט זאגן, אז צוריק מיט יארן איז שוין געוועזן אזא געוויסער אין קיליע און דעמלט האט עס געבראכט א סך אומגליק אין שטאט אריין און האט חרוב געמאכט מער ווי פול די גרעסטע שריפה, אבער שפעטער איז גע־קומען אזא גוט יאר, אז מען געדענקט נישט אזוינס, ווייל וואסער איז א סימן ברכה... די פרומע יידן, וואס זיינען געקומען צום טאטן טרינקען א גלאז טיי און ריידן וועגן תורה, האבן געקרעכצט און געזאגט, אז אומזיסט קומט נישט אויף קיליע א מבול שוין צום צווייטן מאל. גאט ברוך הוא האט טאקע גע־

(1) אזוי האט מען אין קיליע גערופן אויף יידיש דעם דונאי.

שוואוירן מער נישט צו ברענגען קיין מבול אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער אויף באַזונדערע שלעכטע שטעט ברענגט ער אַמאָל דאָך אַ מבול... און דאָס וואַסער איז געקומען שנעלער און שנעלער און ס׳איז שוין צוגעקומען ביז צו אונזער שטוב, אָבער ס׳האָט נישט געקענט אַריין צו אונז, ווייל מען האָט געדאַרפט אַרויפגיין אויף דריי טרעפּלעך. דערפאַר אָבער האָט עס פאַרטרונקען די גאַנצע שטוב פון אַנטקעגן, וואו עס האָט געוואוינט אַ שוסטער מיט אַ גרויסער מישפּחה און אַ פרוי אַן אַלמנה, וואָס מען האָט גערופן „די קאַבאַטשיכע" און וואָס האָט געמאַכט אַזאַ „מאַסטי" (זאַלב) פאַר די מיידלעך קעגן די פּרישטשעס און פאַר שיינקייט. די „קאַבאַטשעכע" האָט געהאַט צוויי מיידלעך, איינע אַ הויכע און גאָר אַ שיינע מיט אַ גלאַט פּנים. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט. און מען האָט געדרונגען, אַז דאָס קומט פון איר מוטערס „מאַסטיען". פאַרוואָס זשע — האָט מען געפרעגט — איז איר בן יחיד אַ רויטער און ער האָט קלייען? איז געווען אַ תירוץ, אַז אַ יינגל דאַרף נישט זיין שיין. פאַרוואָס זשע איז דאָס קלענערע מיידל דער קאַבאַטשעכעס אויך רויט און קלייענדיק? איז דער תירוץ געווען, אַז זי איז נאָך קליין, ווען זי וועט ווערן גרעסער, וועט זי די מאַמע אויך מאַכן שיין. אַלע האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז יענע פרוי קען מאַכן פון מיאוס שיין און נישט איין מאַמע פלעג קומען צו איר מיט אַ מיאוס מיידל נאָך מיט מער גלויבן, ווי אין רבין און זי פלעג אָנהייבן מיט די ווערטער „פריער גאָט און דערנאָך איר..." די „קאַבאַטשעכע" מיט אירע צוויי טעכטער און מיט דעם בן יחיד האָט מען אַריינגעשטעלט צו משה וועלוולען, ווייל דאָרט איז געווען אַ קלענערע שטוב און צו זיי אין דער גרעסערער שטוב אַריין האָט מען אַריינגעשטעלט דעם שוסטער מיט דער גרויסער מישפּחה. די מאַמע האָט געקרעכצט, איר אַרט נישט, האָט זי געזאָגט, וואָס מען וועט איר אַ תל מאַכן די שטוב, אָבער דאָס וואַסער גייט דאָך נאָך און עס וועט דאָך אָנקומען צום ברודער אירן, צו פראָימען, וואָס וואוינט אויך נידעריק. ער האָט אויך אַ ווייב מיט אַ פולער שטוב מיט ווערעם און ער איז נאָך דערצו נישט הי. ער איז שוין ווידער אַוועק אין אַ דאָרף אַריין קויפן פעל און ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. „איך וועל דאָך, האָט די מאַמע געקרעכצט, מוזן אַריינגעמען די שוועגערן מיט די קינדער, ס׳איז דאָך אייגן פלייש און בלוט". אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, מען האָט דעם שוסטער געמוזט אַריינגעמען. מען האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם, אַז געליטן האָבן נאָר די אָרעמע לייט, די רייכערע וואוינען אַלע הויך, עס זיינען אויך געווען אייניקע אָרעמעלייט, וואָס האָבן געוואוינט הויך, אַזוי ווי אברהם שוחט, דערפאַר אָבער איז נישט געווען קיין איין גביר, וואָס האָט געוואוינט נידעריק. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ טייך און עס זיינען אַרומגעשוואומען שטיקער פון שאַפעס און פון טישן. אייניקע זיינען אַרומגעפאָרן מיט שיפלעך אָנקוקן וואָס

עס טוט זיך אַרום, ייִנגלעך האָבן געכאַפּט פּישלעך לעבן זייערע שטיבער און ס'איז געווען אַ לעבן. ס'איז געוואָרן וואָס אַמאָל זומערדיקער און וואַרעמע־רער און אייניקע קינדער האָבן זיך געבאָדן לעבן זייערע שטיבער. יאַנקלען האָט מען נישט געלאָזט. ער האָט דעמלט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טעם פון „מען טאָר נישט!" און פאַרוואָס, האָט ער געפרעגט, מעג יענער? האָט מען אים געענטפערט, אַז יענער איז נישט קיין שוחטס אַ זון. און ער האָט שוין געפילט, אַז שטאַרק גרינג וועט אים נישט אָנקומען דאָס זיין אַ שוחטס אַ זון, כאָטש ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס עס קער זיך אָן אַ שוחטס אַ זון מיט באָדן. דערפאַר האָט ער זיך געפרייט מיט דעם, וואָס מען האָט נישט געדאַרפט גיין אין חדר אַריין, ווייל משה הערש איז אים שוין געווען נמאס. ער איז געווען זייער אַ גוטער דער דאָזיקער רבי מיט די ווייבע אויגן און מיט דער לאַנגער באָרד, ער האָט כמעט קיינמאָל נישט געשלאָגן קיין קינד און אַז ער האָט שוין אַמאָל יאָ אַריבערגעלייגט, האָט ער מער גע־קיצלט ווי געשמיסן. אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין שטאָפּן עברי און דאַוונען און יאַנקל האָט עס שוין געקענט און ער האָט שוין געדענקט אויף אויסנווייניק דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט אים געלערנט.

און דאָס וואַסער איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער און מען האָט גע־זאָגט, אַז ס'איז שוין אָנגעקומען צו דער קאַצאַפּסקע „מאַהאַלע" (פּעריפע־ריע). לעבן טייך האָבן אין קיליע געוואוינט די מאָלדאַוואַנעס אין הער מיט — די ייִדן און צום סטעפּ־צו האָבן געוואוינט פון איין זייט די קאַצאַפּעס און פון דער אַנדערער זייט די כאָכאָלן. דער פעטער פּראָים האָט געוואוינט נישט ווייט פון דער קאַצאַפּסקער „מאַהאַלע" און דאָס וואַסער איז צוגעקומען ביז אין זיין שטוב אַריין און איז געבליבן שטיין. עטלעכע נעכט איז שוין די מומע חווה נישט געשלאָפן מיט די קינדער און מען האָט געמיינט, אַז אָט, אָט, אָבער צום לעצט האָט דאָס וואַסער זיך באַטראַכט און זיך אויסגעדרייט אויף צוריק. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט א י ר גאָט געטאָן און יאַנקל האָט געפרעגט דעם טאַטן, צי יעדער מענטש האָט אַן אַנדער גאָט. דער שטילער טאַטע האָט אָנגעשריגן אויף אים פאַרוואָס ער רעדט נאַרישקייטן און מער האָט ער שוין נישט געפרעגט.

אַמאָל אין אַ בייטאָג, ווען עס איז געווען זייער וואַרעם און זייער שיין, האָט דער טאַטע גערונגען אַ שיפל און זיי האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט און זיי זיינען אויסגעפאָרן די גאַנצע שטאָט אָנצוקוקן דאָס געוויסער. אויסגע־פועלט דעם שפּאַציר האָט די עלטסטע שוועסטער מאַמציע, זי איז שוין דעמלט געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן און זי איז שוין געשטאַנען אין שי־דוכים. זי איז געווען אַ זייער שטילע און זי איז געווען אַזאַ טונקלע ווי די מאַמע. זי האָט געהאַט ברענענדיקע אויגן אַזוי ווי פייער און אַז זי האָט עפּעס געוואָלט, האָבן שוין די אויגן פאַר איר גערעדט. זי האָט אָבער זייער

זעלטן עפּעס געוואָלט און איז געווען דאָס קינד, וואָס האָט מער געפאָלגט ווי אַלע. זי איז געווען אַזוי שטיל ווי די מאַמע און אַזוי פאַנאַטיש ווי דער טאַטע. און אַז זי האָט שוין געזאָגט, אַז אַלע האָבן שוין אָנגעקוקט דאָס געווייסער און נאָר זיי נישט, האָט דער טאַטע באַלד נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט און געדונגען אַ „לאַדקע". יענער טאָג איז מיסתמא געווען דער גליקלעכסטער אין יאַנקלס לעבן און זיין שוועסטער מרים האָט אַזוי געטאַנצט, אַז זי איז שיעור נישט אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין. און אויך די קלענסטע, שיפרה, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פולע דריי יאָר, האָט אויך געטאַנצט פאַר פרייד. געררודערט דאָס שיפל האָט אַ מאָלדאַוואַנישער שגץ פון אַ יאָר זעכצן און אונזער העלד האָט נאָך קיינעם אין זיין לעבן נישט אַזוי מקנא געווען אַזוי ווי יענעם בחור און אין געדאַנק האָט ער זיך געשוואוירן, אַז ווען ער וועט גרויס ווערן, וועט ער זיך אויסלערנען רודערן. דאָס וואַסער האָט פאַרפלייצט אַ סך, אַ סך הייזער. נישט ווייט פון דער בריק איז גע־שטאַנען אַ קליין שטיבל, ס'איז געווען איינס אין דעם גאַנצן קוואַרטאַל, וואָס איז געשטאַנען נישט פאַרבויעט און האָט געהאַט נאָר אַ פּאָר שפייכלער מיט תבואה. אין דעם דאָזיקן הייזל האָט געוואוינט אַלטער שמש טאָקע פון טאַטנס שולעכל. ער איז געווען אַ ייד מיט אַ שוואַרצער קיילעכדיקער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרצע סטענגע מיט וועלכער מען האָט אים אַרומ־געבונדן דאָס פּנים און ער האָט געהאַט גרויסע, שטומע אויגן. ער איז טאָקע געווען אַ האַלב שטומער, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען קוים זאָגן אַ פּאָר ווערטער און ערשט נישט גוט. ער האָט געהאַט אַ ווייב, איז זי געווען אַ זייער גראָבע און זי האָט געהייסן סטיסיע. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ גרויסע נאַשערן, זי קויפט גויהשע מילך אין מאַרק פאַר די קינדער און נאַשט זי אַליין אויף פון טאָפּ. אַלטער אַליין פלעג זיך אויך פאַרקלאָגן, אַז דאָס ווייב נאַשט אויף אַלץ, וואָס ער פאַרדינט מישטיינס געזאָגט און די קינדער וויינען שטענדיק הונגעריקע. אָבער איינמאָל האָט אַלטער באַקומען לשון און ער האָט זיך שבת צו פּתיחה אַנידערגעשטעלט לעבן ארון קודש און געזאָגט, אַז ער וועט נישט לאָזן אַרויסנעמען די „ריינקייט" ביז וואַנען מען וועט אים נישט העכערן אַ קערבל אַ וואָך, ווייל ער האָט נישט פון וואָס צו לעבן. עס איז גאָר נישט געווען דער אַלטער פון שטענדיק. ער האָט געשריגן, אַז די וועגט האָבן געציטערט. אַ פּאָר יידן האָבן געזאָגט, אַז ער איז שיכור און דער ווייַן שרייט פון אים אַרויס און אברהם שוחט, וואָס איז געשטאַנען לעבן עמוד איבערגעדעקט מיט דעם טלית האָט אַ זאָג געטאָן, אַז דער הונ־גער שרייט נאָך שטאַרקער ווי דער ווייַן. מען איז דעמלט איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה און מען האָט אַלטערן מוסיף געווען אַ האַלב קערבל. דאָס געווייסער האָט פאַרכאַפּט אַלטערן אומגעריכט, צום אַלעם ערשטן האָט דאָס וואַסער געטראָפן צו אים אין טאָל אַריין. דאָס שטיבל איז געווען אין גאַנצן איינ־

געפאַלן און מען האָט געזען צווישן די ברייטער און שטיקער ליים עטלעכע צעבראָכענע בענקלעך און עטלעכע שמאַטעס. די מאַמע האָט דערציילט, אַז אַלטער האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט, די שווערע און פעטע סטי־סיע איז דעמלט פונקט געזעסן איבער אַ טאָפּ מילך און מען האָט זי קוים אַרויסגעשלעפּט. איין קינד האָט מען פאַרגעסן און ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט זיך אין דעם דערמאָנט באַצייטנס. אַנישט וואָלט עס דערטרונקען געוואָרן. און דער טאַטע האָט צוגעקרעכצט: „נישט גוט צו זיין קיין קבצן!" יאַנקל האָט געקלערט: אויב ס'איז נישט גוט, פאַרוואָס איז מען? אָבער ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן. ער האָט אַ סך מאָל געהאַט אַ שוואַרצן סוף פאַר זיינע פראַגעס. דער גאַנצער שפּאַציר איז געווען אַ פרייליכער, אָבער די אָרעמע הייזלעך, וואָס זיינען פאַרטרונקען געוואָרן אין איינעם מיט אַלצדינג, וואָס איז געווען אין זיי, האָבן אים געמאַכט זייער טרויעריק. ווען מען איז אַהיימגעקומען, האָט יאַנקל שטילערהייט דאָך געפרעגט דעם טאַטן פאַרוואָס גאָט האָט באַשאַפן אָרעמע לייט און דער טאַטע האָט אים אָנגעקוקט גוט און ברוגז און ער האָט אים געזאָגט, אַז אַזעלכע פראַגעס טאָר מען נישט פרעגן און ער דאַרף זיך ביכלל אָפּגעוואוינען פון צו פרעגן קשיות חוץ ביים סדר...

דאָס וואַסער האָט זיך אָפּגעשטעלט, עס איז נישט געגאַנגען ווייטער, אָבער צוריק איז עס אויך נישט געגאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טייך האָט זיך אַריינגעצווינגען אין שטאָט אַריין און וויל זיך נישט אַרויסציען. מען האָט אָנגעהויבן לייגן קלאַטקעס, אַז מען זאָל קענען אַריבערגיין. „שפּיגע־לאַנטן"(2) זאָלן קענען גיין האַנדלען, באַלמעלאָכעס זאָלן קענען אָפּטראָגן און אָננעמען אַרבעט, און יידן בכלל זאָלן קענען גיין אין שול אַריין, קינדער זאָלן גיין אין חדר אַריין און ווייבער — אין מאַרק אַריין. דאָס גיין איבער די קלאַטקעס איז פאַר קליינוואַרג געווען אַ גאַנצע מציאה און זיי האָבן געקענט אַריבערגיין איבער איין קלאַטקעלע צען מאָל. אין אייניקע ערטער איז נישט גענוג געווען קיין קלאַטקע און מען האָט דאָרט געמוזט לייגן אַ גאַנצע בריק. און דאָס לעבן איז צוריק געוואָרן אַ לעבן. די פּויערים פון די אַרומיקע דער־פער האָבן אָנגעהויבן ברייננען גרינצייג און הינער און שאָף. אין טייך האָט מען געכאַפּט מער פיש ווי אַלע יאָר און מען האָט אַרויסגעשיקט קיין אָדעס און נאָך ווייטער און ס'איז געווען פרנסה פאַר אַלע. אַ גאַנץ הויזגעזונט האָט געגעסן אַן אָנבייסן פאַר עטלעכע קאָפּיקעס. פיש און קאַרטאָפל זיינען גע־ווען בחצי חינם און וואו מען איז געגאַנגען און וואו מען איז געשטאַנען האָט געשמעקט מיט געקאָכטע פיש, קאַרטאָפל און פעפער. מען האָט טאַקע געוואוינט ענג, אַ גרויסע מישפּחה האָט זיך געדאַרפט אַריינשטופּן אין איין

(2) סוחרים פון ווייץ האָט מען אין קיליע גערופן „שפּיגעלאַנטן" — אַ פאַר־דרייט וואָרט פון ספּעקולאַנטן.

חדרל אריין און דערצו נאָך ביי יענעם און מען האָט זיך געקריגט אָן אויפ־הער. מען פלעג זיך גענוג קריגן אויך פאַר דעם געוויסער, אָבער איצטער איז געווען דריי שלייער פאַר א גראשן. צום מערסטן האָבן זיך געקריגט די ווייבער מיט א קווימש אויף אדויף אָבער געפּערלעך האָבן אָנגעהויבן ווערן די קריי־גערייען, ווען די מענער האָבן זיך אריינגעמישט און גענומען ברומען אין דער טיף.

און יאַנקל געדענקט א פאַרשטערטן שבת ביי זיי אין שטוב. דער טאַ־טע איז שבת בייטאָג נאָך דעם דאַוונען נישט אהיימגעקומען. עס פלעג אָפּט פּאַסירן, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט. ער איז געווען א מוהל אויך דער טאַטע, האָט ער אָפּט געהאַט א ברית. אמאָל איז געווען א לעקעך און בראַנפן, אָדער גלאָט א קידוש. די מאַמע פלעג נישט וועלן ליידן דאָס פאַרשפּעטיקן און זי האָט זיך דערפאַר שטענדיק געקריגט מיטן טאַטן. וואָס וואָלט אפשר טאַקע געקענט קומען אביסל פריער, אָבער עס האָט זיך אים נישט געגלוסט, עס איז אים געווען גוט צו זיין צווישן יידן. ס'איז, פלעג ער זאָגן, אזא פרייד צו זיין צווישן מענטשן. אין יענעם שבת איז נישט געווען קיין ברית און קיין שום קערמעשל און דאָך האָט ער פאַרשפּעטיקט ביז פאַרנאַכט. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל א קלאָטקע האָט זיך אי־בערגעריסן און מען האָט נישט געקענט אריבערגיין. און אזוי ווי דער פעטער נח האָט דאָרט געוואוינט נאָענט, האָט שוין דער טאַטע געגעסן ביי זיין ברו־דער. אריבער צוויי שעה האָט די מאַמע געוואַרט און נישט געוואָלט געבן די קינדער עסן און זי האָט געזאָטן. ערשט ווען מען האָט באַקומען א גרוס, אַז מ'קען נישט אהיימגיין פון שול, ווייל די קלאָטקע האָט זיך איבערגעריסן און אַז דער טאַטע עסט ביים פעטער נח, האָט די מאַמע שוין געגעבן עסן און זי האָט זיך נאָך מער אָנגעצונדן. זי האָט נישט פאַרגונען דער מומע חווה מיט די „בלויזע האָר" צו הערן דעם טאַטנס שיינע זמירות. „זאָל איר דער מאַן אירער, האָט זי געוויינט, דער גוי מיט קורצן קוצעוויטיק זינגען זמי־רות... ווען ס'איז ביי מיין ברודער, וואָלט ער נישט געווען געבליבן". ערשט פאַרנאַכט האָט מען פאַרריכט די קלאָטקע און דער טאַטע איז אהיימגעקומען און ער האָט אריינגעכאַפּט דעם אמתן ברוך הבא... וואָס דער טאַטע האָט זיך נישט געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אויפהערן, האָט זי נאָך מער זיך גע־ברוגזט. דער טאַטע איז געווען אביסל בגילופין אויך, עס ווייזט אויס, אַז ערגעץ האָט מען דאָרט דאָך אריינגעכאַפּט א קידוש. און בגילופנדיקערהייט איז דער גוטער טאַטע געווען מיט דער גאַנצער נשמה אין דרויסן און וואָס מער די מאַמע האָט זיך געבייזערט, אַלץ מער האָט ער גערעדט גוטע רייד און נאָר גענומען זינגען א ניגון און דאָס דאַזיקע האָט די מאַמען נאָך מער אויפ־גערעגט און זי האָט געוויינט און געקלאָגט אויף איר דאַליע. דער טאַטע האָט זיך געבעטן און ערשט ווען ער האָט געזאָגט: „שוויג, לאה, מיר האָבן

דאָך שוין אַ מיידל פאַר לייטן" דעמלט איז זי אביסל איינגעשטילט געוואָרן. אָבער אין אַ צייט אַרום האָט זי ווידער אָנגעהויבן טענהן פאַרוואָס דער טאַטע איז געבליבן ביי דער שוועגערן מיט די בלויזע האָר... דער טאַטע האָט אַ ביינזער אַ זאָג געטאָן: „דיין ברודער פירט אַ שענער לעבן? ער אַנטלויפט אַלע מאָל פון ווייב און קינדער. דו וואָלסט געדאַרפט האָבן אַזאַ מאַן ווי דיין ברודער..." די מאַמע האָט נישט געקענט פאַרליידן, וואָס מען באַליידיקט איר ברודער און זי האָט גענומען שרייען, אַז ער איז אַ כשרע נשמה, ער אַנטלויפט חלילה נישט צו קיין שיקסעס און צו קיין אשת אישן, ער לויפט זוכן פרנסה. וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, אַז גאָט האָט אים געשטראָפט און ער איז אַן אָרימאַן? דער טאַטע האָט צוגעגעבן, אַז קיין שלעכטער איז דער פעטער פראַים נישט. ער איז נאָר אַ צעטראָגענער און אַ חוש און ער ווייסט נישט אויף וואָסערע וועלט ער איז... און מיר האָבן געמיינט, אַז ס'איז שוין געענדיקט די גאַנצע זאַך, אָבער אין אַ צייט אַרום האָט די מאַמע ווידער אָנגעהויבן וויינען פאַר וואָס מען האָט איר פאַרשטערט דעם שבת. און ווען די עלטסטע שוועסטער וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט, ווער ווייסט ווי לאַנג דער קריג וואָלט זיך געווען געצויגן. שטילערהייט האָט זי געפרעגט ביי דער מאַמען, צי זי וויל, אַז דער טאַטע זאָל ווידער בייז ווערן, אַזוי ווי אַמאָל... און דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז אויב זי וועט נישט אויפהערן, וועט זי אַנטלויפן. די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, ווייל אין קיליע זיינען שוין אַ סך מאָל מיידלעך אַנטלאָפן און זי האָט זיך אָנגערופן: „וואָס זאָגסטו עס מיר? זאָג עס דעם טאַטן?" און דערמיט איז זי אַנטשוויגן געוואָרן...

און דאָס וואָסער איז סוף כל סוף אַוועק אַהין פון וואַנען עס איז געקומען און אין שטאָט איז געוואָרן וואָס אַמאָל פריילעכער. אַלע האָבן געזאָגט, אַז זיי זעען ווי עס קומט אַ גוט יאָר. יאַנקל האָט פון געוויסער אָריינגעכאַפט אַ ניי חדר — מען האָט אים געשיקט צו חיים ערליכן. אַז ער האָט געהערט, אַז מען וועט אים אַהין שיקן, איז ער אַזש פאַרציטערט געוואָרן. ערשטנס איז אים גלאַט געפעלן צו גיין אין אַ ניי חדר, ווייל משה הערש איז אים שוין געווען צוגעגעסן, צווייטנס האָט ער געוואוסט, אַז צו חיים ערליך גייען רייכערע קינדער. דער דאָזיקער מלמד איז נישט לאַנג געווען אין שטאָט, ער איז געווען אַ פרעמדער. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז אַ פּוילישער, אָבער אין בעסאַראַביע האָט מען פּאָדאָליער און כערסאָנער אויך גערופן „פּוילישע". ער האָט געטראָגן אַ גאַנצע באָרד, אָבער קיין פּאות האָט מען ביי אים נישט אָנגעזען און קיין קאַפּאָטע האָט ער אויך נישט געטראָגן, ער איז געגאַנגען אַזאַ מין רעקל, וואָס איז נישט געווען לאַנג און נישט קורץ. די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז ער איז נישט אַ גענוג פרומער ייד, לייב ליטוועקס אייניקל זאָל גיין צו אים אין חדר. און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד ווי אַלע און דערצו איז קיין ברירה נישטאָ. ער איז דער איינציקער מלמד, וואָס

וואוינט נאָענט און מען דאַרף נישט גיין צו אים איבער קלאָטקעס. און נאָר א דאַנק דעם האָט מען באַשלאָסן צו שיקן יאַנקלען אַהין, בעסער, האָט מען געזאָגט, איידער אומצוגיין בטל. און יאַנקלען איז זייער געפעלן צו לערנען ביי דעם נייעם רבין, וואָס האָט געהאַט א געל־גרויע באָרד, שטילע אויגן און א הייזעריק קול, אָבער זייער אַן אַנגענעמס; אַז ער האָט עפּעס געזונגען, איז געווען שיין צו הערן. דאָס לערנען איז ביי אים געווען אינטערעסאַנטער ווי ביי משה הערשן — חומש! שיינע מעשהס, פון וועלכע עס ווערט קאַלט און וואַרעם און פריילעך און טרויעריק און וואָס דערציילט וועגן מענטשן, וועלכע מען האָט ליב און מענטשן, וועלכע מען האָט פיינט. נישט אַלץ האָט יאַנקל פאַרשטאַנען, אויך צווישן די יידישע ווערטער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער ביי משה הערשן האָט ער דאָך גאָר־נישט פאַרשטאַנען. ווען דאָס וואַסער איז אין אינגאַנצן געווען אָפּגעפאַלן, האָט ער געהערט, אַז זיין שוועסטער איז א כלה געוואָרן פון א שטעטל, וואָס הייסט טאַטאַרבונע און פאַר א שוחטס א זון. די מאַמע מיטן טאַטן זיינען געפאָרן אין איינעם מיט מאַמציען אָנקוקן דעם חתן אין דאָרף טשיטשמע, וואָס איז געווען פּונקט אין דער מיט צווישן קיליע און טאַטאַרבונע. מען האָט זיך גענוג געדונגען ביז וואַנען מען האָט באַשלאָסן, אַז דאָס „אָנקוקעניש" זאָל זיין אין דאָרף, דעם חתנס מאַמע האָט געשריגן, אַז די כלה דאַרף פאָרן אָנקוקן דעם חתן, ווייל „דער חתן איז דער עיקר". די מאַמע האָט געזאָגט אויף דער מחותנתטע, נאָך איידער זי האָט זי געזען פאַר די אויגן, אַז זי איז י ע נ ע שלאַנג! און וויפל געבעקס האָט עס די מאַמע אָנגעבאַקן פאַרן דאָרף! זי האָט ליב געהאַט צו מאַכן שמחות די מאַמע און זי האָט ליב געהאַט מען זאָל זאָגן, אַז זי איז א בריה און זי קען גוט קאָכן און באַקן און זי האָט טאַקע געקענט און איז טאַקע געווען די אמתע בריה. ביי קיינעם אין שטוב איז נישט געווען אַזוי ריין און זויבער ווי ביי לייקע דער שוחטקע און ביי קיינעם איז דאָס עסן נישט געווען אַזוי געשמאַק ווי ביי איר. די געפּרעגלטע לעבער ווי זי האָט געמאַכט, האָט געהאַט א שם אין דער גאַנצער געגנט. און זי האָט ערשט דערצו געהאַט צוויי בהמות, וועלכע זי האָט אַליין געמאָלקן, בכדי צוצוהעלפן דעם טאַטן אין דער פּרנסה. און קיין דינסט האָט זי נישט געלאָזט צונעמען, ווייל עס האָט נישט געקלעקט. צוריקגעקומען זיינען אַלע דריי פון טשיטשמע זייער האָפערדיק און מאַמציע איז געווען גאָר שטראַלנדיק. זי האָט זיך געפּרעגלט פאַר נחת און די „מזל טובֿ" האָט זי צוגענומען ווי א גרויסע, א יידענע האָט זי געענטפערט: „אין גיכן ביי אייערע קינדער" און א מיידל האָט זי געענטפערט: „אין גיכן ביי דיר!" דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אויך צוריקגעקומען פריילעך, אָבער מיט רויטע אויגן. און מאַמציע האָט דערציילט וואָס ס'איז געווען. זיי האָבן אַמאָל געוואוינט אין טשיטשמע, וואו דער טאַטע איז געווען שוחט, איידער מען האָט אים אַרויסגענומען

קיין קיליע און דאָרטן זיינען געשטאָרבן צוויי קינדער — א יינגעלע בערעלע און א מיידעלע ביילע — און צוריקוועגס האָט זיך דעם בעל עגלה פארגלוסט דורכצופאָרן דעם יידישן בית עולם פון דעם דאָרף, וואו עס וואוינט נאָך אלץ אריבער א מנין יידן און מער האָט מען נישט באדארפט. זיי זיינען ביי־דע אראָפגעגאנגען אויף „קבר אבות" צו די קינדער און מען האָט זיי קוים אָפגעריסן פון דאָרט און דערנאָך האָבן זיי שוין דעם גאנצן וועג גערעדט וועגן די געשטאָרבענע קינדער און דערציילט זייערע מעלות. די מאמע האָט אלעמאָל אויסגעבראָכן אין א געוויין און זי האָט געזאָגט, אז איצטער וואָלט שוין באלד ביילעניו אויך געדארפט ווערן א כלה און זי האָט געזאָגט, אז זי וועט אויסבעטן א גוטע דאָליע פאר איר שוועסטער.

איידער מען האָט זיך רעכט אומגעקוקט נאָכן געוויסער, האָט מען שוין געדאַרפט בעטן אויף רעגן, ווייל די תבואהס אין די פעלדער זיינען שוין גע־וועז טרוקן און ס'איז געוועז א סכנה, אז זיי זאָלן פארברענט ווערן. יידן האָבן געזאָגט: ערשט געוועז צופיל וואסער און שוין — צו ווייניק. די קריסטן האָבן געמאכט א פראָצעסיע אין גאס מיט די ציילעמעס און די גלחים האָבן געפּרעפּלט און זיי האָבן געבעטן די יידן, אז זיי זאָלן אויך בעטן גאָט. יידן האָבן נישט געגלויבט, אז די „גויאישע געטער" וועלן העלפן און זיינען אליין געגאנגען בעטן. זיי האָבן אין א וואָכעדיקן נאָכמיטיק פארמאכט די קלייטן און ווארשטאטן און זיינען געגאנגען אין די שולן אריין און געזאָגט תהילים און געוויינט און אויסגעזוכט אלערליי תפילות, וואָס בעטן אויף רעגן און אויף וואסער. מען האָט שוין אין גאנצן פארגעסן, אז ערשט נישט לאנג האָט מען אזויפיל געליטן פון וואסער און מ'האָט געשריגן: גאָטעניו, שיק אונז די בעסטע ברכה דיינע — וואסער...

✡

ק א פ י ט ל ד ר י י

דער גלאַזונער מחותן האָט פאַרשלאָפן די תנאים

ביי חיים ערליך האָט שוין יאנקל געלערנט און געלערנט, כאָטש די מאַמע האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אָפּנעמען פון דאָרט, ווייל עס לערנען דאָרט צופיל „גויים"... עס זיינען שוין דעמלט געווען אין קליע אייניקע יידישע קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער רוסישער שטאָט־שול און זיי פלעגן בייטאָג קומען אין חדר אריין מיט היטלעך מיט גלינצעריקע דאשעקעס מיט הערבן און מיט „גאָלדענע" קנעפּ ביי די רעקלעך און מיט גאַרטלען מיט שפּראַנטשיקעס. פון גיין אין דער רוסישער „שקאָלע" האָט יאנקל אפילו נישט געקענט חלומען, ער האָט קוים געפועלט, אַז מען זאָל אים נישט אָפּנעמען פון דעם חדר, ווייל עס גייען אהין „גוים פון שקאָלע"; נאָר ווייל ער האָט שטאַרק געוויינט און נאָר ווייל ער איז נאָך אַלץ געווען א בן יחיד און די מאַמע האָט אים שטאַרק ליב געהאַט און נישט געקענט צוזען, ווי ער האָט געוויינט, האָט מען אים נישט אָפּגענומען. און נישט געוואָלט אַוועקגיין פון חדר האָט יאנקל, ווייל ער האָט ליב געהאַט דאָס גאַנצע חדר אין איינעם מיט די יינגלעך און ווייל ער האָט ליב געהאַט דעם רבין און ווייל עס איז אים געפעלן געווען דעם רבינס א קליין מיידעלע, וואָס האָט געהייסן נעכע און האָט געהאַט קליינע גאָלדענע צעפּלעך. ווען די מאַמע האָט געגעבן יאַנקלען א קאָפּיקע אויף באַלווא, האָט ער געקויפט נעכען בילדער אַזעלכע, וואָס מען האָט גערופן „טומאנע קאַרטינעס". זיי זיינען געווען פאַרהויכט און מען האָט כמעט גאָרנישט געזען אויף זיי, אָבער אַז מען האָט זיי באַנעצט און צוגעקלעפּט צו א שטיק פּאַפּיר, זיינען זיי אראָפּגעגאַנגען און געוואָרן לעבעדיקע בילדער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט פערד און בלומען און סאָלדאַטן און מילחמות... מען האָט זיך מיט יאנקלען נישט אויפגעהערט רייצן און געזאָגט, אַז נעכע וועט ווערן זיין כלה און ער האָט זיך געשעמט און זיך גערויטלט און ווייטער געבראַכט די „טומאנע קאַרטינעס".

און ווידער האָט זיך געשטעלט א ווינטער, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט ווייסע פרעסטלעך און מיט די פלאַקסיווע טעג פון סליחות, ראש השנה און יום כיפור. יאנקל איז שוין געגאַנגען אין שול אריין אפילו צו סליחות. צו

די ערשטע סליחות האָט אים דער טאַטע אויפגעוועקט פאַרטאָג און ער האָט זיך ממש אראָפּגעוואָרפן פון בעטל. עס זיינען געווען נאָך קינדער אין שול, אָבער נישט אַזעלכע קליינע ווי ער, ער איז געווען דער קלענסטער. געזאָגט סליחות האָט נישט זיין טאַטע, נאָר אַ אַנדער ייד מיט אַ שוואַרץ־ווייסער באָרד און מיט רויטע אויגן; מען האָט אים גערופן שלום יאָסי. ער איז געווען דער בעל מוסף אין שול, יאַנקלס טאַטע איז אַ גאַנץ יאָר געווען בעל תפילה און בעל קורא און ימים נוראים איז ער געווען בעל שחרית. יאַנקלען האָט ווי געטאָן, וואָס אַ פרעמדער ייד פאַרנעמט זיין טאַטנס פלאַץ, אָבער ער האָט ביי זיך מודה געווען, אַז דער פרעמדער ייד זינגט שע־נער פון זיין טאַטן. דערפאַר האָט ער געקענט שטיין כמעט דעם גאַנצן ראש השנה און יום כיפור לעבן זיין טאַטן און דאָס איז אים זייער געפעלן, ווייל אַ גאַנץ יאָר האָט ער עס נישט געקענט באַוויזן, לעבן עמוד האָט ער נישט געקענט שטיין. אַלע קינדער זיינען געשטאַנען לעבן זייערע טאַטעס און ער נישט. אין שול איז געווען קאַלט און יידן האָבן זיך געריבן האַנט אין האַנט און געטופּעט מיט די פיס אויף צו דערוואַרעמען זיך און יאַנקל האָט זיי נאָכגעטאָן פונקט ווי אַן אמתער ייד. ער האָט גרינג געקענט זאָגן די עברי פון סליחות און ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַ סך ווערטער. ער האָט זיך שוין געפילט ווי אַ פאָלגע ייד. אַ סך יידן האָבן שוין גערעדט צו אים ווי צו אַ גרויסן און אויב ער האָט נישט געענטפערט, האָט ער שוין כמעט אַלע יידן געקענט ביי די נעמען און ער האָט געוואוסט ווער עס איז אַ שוסטער און ווער אַ „שאָרניק" (רימער). ער האָט געהערט ווי מען האָט גערעדט וועגן אים און מען האָט געזאָגט, אַז „ביים שוחט וואַקסט אַ כלי" און יידן האָבן זיין טאַטן מקנא געווען. דער ראש השנה און יום כיפור זיינען אים אויך געפעלן געווען, ער האָט נאָר נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס מען וויינט אַזויפיל. גרויסע מענטשן מיט בערד האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער און עס האָט אים געצופּט ביים הארצן. און מערער פון אַלע האָט געוויינט זיין טאַטע, שטיקער הארץ האָט עס אויסגעריסן ביי אים. און פון דער ווייבערישער שול האָט מען אויך געהערט געוויינען און אויך פון דאָרט האָט ער געהערט, אַז מער פון אַלע וויינט זיין מאַמע... און ווידער איז ער געווען גליקלעך, ווען די וויינענדיקע טעג זיינען שוין אריבער און ס'איז אָנגעקומען דער סוכות מיט דער פרייד. אוי, וויפל זאַכן ער האָט זיך דערוואוסט אין יענעם יאָר! ער האָט געוואוסט ווען מען פאַרשרייבט דאָס גוטע יאָר און ווען מען חתמעט עס אונטער און ווען מען גיט שוין ארויס דאָס גוטע קוויטל און ס'איז אים אין גאַנצן ערשט געגאַנגען דאָס זעקסטע יאָר.

און ער איז שוין געווען אין דער גרעסטער „כתה" ביי חיים ערליך, ער האָט געלערנט אין איינעם מיט יונגאַטשעס, וואָס זיינען געווען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי ער און טאָקע צוויי מאָל אַזוי אַלט אויך. ער האָט שוין געלערנט

די גאנצע סדרה און די ערשטע פרשה האט ער שוין געלערנט מיט רשי. און די סדרות זיינען געווען אזעלכע שיינע! ביי די מעשהס וועגן יוספן מיט די ברידער האט ער געוויינט און ביי דער מעשה וועגן מבול האט ער זיך געשראקן, ס׳מבול האט אים דערמאנט אין געוויסער ביי זיי, כאטש ס׳איז געווען אנדערש! אין חומש איז דאס וואסער געקומען פון אויבן און מיט א רעגן און מיט דונערן און בליצן, בעתביים געוויסער איז דאס וואסער געקומען נאר פון אונטן. און כאטש ער האט געלערנט מיט גרעסערע פון זיך, האט ער געקענט בעסער פון אלע און דער רבי האט אים כסדר געלויבט פאר אלע קינדער און געזאגט, אז זיי זאלן זיך אראפנעמען א מוסר פון אים. די קינדער האבן אים דערפאר נישט שטארק ליב געהאט און זיי האבן אים גערופן מיט שנאה „דאס קליינע שוחטל״. זיי האבן געזאגט, אז ער קען, ווייל אין שטוב לערנט מיט אים אי דער טאטע, אי די מאמע. זיין מאמע האט אויך געהאט א שם פון א וואוילקענעוודיקער אין שטאט און זי איז געווען די בעסטע פירזאגערין. דער רבי האט טאקע געהייסן די קינדער, אז זיי זאלן איינחזרן דאס לערנען אין שטוב, אבער יאנקל האט עס נישט באדארפט, ער האט פון דעם ערשטן מאל הערן שוין געקענט און א סך זאכן געדענקט ווארט ביי ווארט אויף אויסנווייניק. די מאמע האט נישט געוואגט אים צו פארהערן, זי האט אים באלד געהאלטן פאר א למדן, דאך האט זי אים געפרעגט: „פארוואס חזרסטו נישט איבער דאס לערנען, יאנקעלע?״ האט ער איר שטענדיק געענטפערט, אז ער קען. דער טאטע פלעג אים פון צייט צו צייט פרואוון פארהערן, האט ער זיך איבערצייגט, אז ער זאגט טאקע נישט קיין ליגן. ער איז געווען א שטילער, און א שעמעוודיקער, ער האט ליב געהאט זיך צו שפילן, אבער ער האט נישט געהאט מיט וועמען, אי ווייל מען האט אים פיינט געהאט פאר זיין צופיל קענען, אי פאר זיין נישט ליבהאבן נאכצוריידן מיאוסע ווערטער און אפילו נישט־וועלן הערן זיי. מיידלעך זיינען אים שטענדיק געליגן אין קאפ, אמאל גרויסע און אמאל קליינע, אבער הערן „שארלאטאנסקע״ ווערטער האט ער פיינט געהאט... איז ער שטענדיק געזעסן אין שטוב א שטילער און א טרויעריקער און ער האט נישט איינמאל געהערט זאגן, אז ער האט א גוט קעפל, אבער ער איז א נאר. אים האט דאס וויי־געטאן. און אז זיין שוועסטער מרים האט דאס דערהערט, האט זי אים שוין נישט אפגעלאזט און זי האט אים געזאגט: „דו ביזט א נאר, די מאמע אליין זאגט עס״. פלעג ער צו איר זיך ווארפן שלאגן און ער האט געפילט מיט פארגעניגן, אז ער ווערט שוין שטארקער פון איר. כמעט די גאנצע צייט, וואס ער איז נישט געווען אין חדר און נישט מיטן טאטן אין שול איז אים אוועק אויף קריגן זיך מיט דער עלטערער שוועסטער און מיט דער צייט אויך מיט דער קלענסטער שוועסטער שיפרה, וואס איז אונטערגעוואקסן א רויט מיידעלע מיט א פיסקל אויף שרייפלעך. ער האט אין

אַ שעה נישט אויסגערעדט וויפל זי אין אַ מינוט. געוויינטלעך האָט שיפרה אויך נישט געלעבט גוט מיט מרימן און זי האָט זיך מיט איר שטאַרק גע־קריגט, אָבער ווען יאַנקל האָט זיך גענומען שלאָגן מיט מרימען, איז דאָס קליינע שפּרהלע אונטערגעקומען צו הילף דער שוועסטער און זי האָט גע־מאַכט אַזאַ רעש, אַז מען איז זיך צונויפגעלאָפן. די גוטע מאַמציע האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט, אַזביידע מיידלעך האָבן זיך גענומען אויפן יינגל און זי האָט אַלעמען איינגעטיילט צו גוטמוטיקע פּעטשלעך און אַמאָל אויך צו גוטע זאַכן און געמאַכט שלום.

און ערב פּסח האָט שוין ווידער אַמאָל נישט געפעלט אַ סקאַנדאַל אין שטוב. עס איז אַ פּנים נישט באַשערט געווען, אַז ס׳זאָל זיין לאַנג שטיל. חיים ערליך האָט זיך אין זיין לערנען דערלויבט אייניקע מאָדערנעקייטן און צווי־שן זיי איז געווען „פיר פראַגעס" אַנשטאָט „פיר קשיות". אים איז אויסגע־קומען, אַז מיט דעם נייעם נוסח וועט ער מער נושא חן זיין ביי די באַלע־באַטים זיינע, די גבירים. האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז אַ צייט פריער זאָל די מאַמע פרעגן ביי איר בן יחיד, צי ער קען שוין די פיר קשיות און ער האָט באַלד גענומען זאָגן ווי וואַסער, אָבער אָנשטאָט „קשיות" האָט ער אַריינגע־זעצט „פראַגעס" און מער האָט מען נישט באַדאַרפט. פאַרוואָס עפּעס „פראַ־געס"? — האָט די מאַמע געפרעגט. דער רבי האָט געזאָגט, אַז ס׳איז בעסער אַזוי. די מאַמע האָט גענומען שרייען נישט מיט איר קול, אַז זי האָט שוין לאַנג געזאָגט מען זאָל נישט אַריינגעבן דאָס קינד צום „פּוילישן דאַטש", ווייל זי האָט פון פריער געוואוסט, אַז מען וועט אים דאָרט מאַכן פאַר אַ גוי... עטלעכע טעג איז די גאַנצע שטוב געגאַנגען כאַדאָראַם. די מאַמע האָט געוויינט און יאַנקל האָט געוויינט און מרים מיט שפרהן האָבן אויך געוויינט און מאַמציע האָט שטילערהייט אויך געוויינט. ווען יאַנקל וואָלט נישט געווען קיין בן יחיד, וואָלט מען אים באַלד געווען אָפּגענומען, אָבער ער איז געווען אַ ציטערדיקער און ער האָט נישט געוואָלט אַוועק פון חדר. גלייך מען וואָלט אים דאָרט אַ כישוף אָנגעטאָן. די מאַמע האָט טאַקע געזאָגט, אַז נישט אַנ־דערש ווי די דאָרע רביצן, די פּוילישע, וואָס איז גרין ווי גראָז, טוט כישוף די קינדער... זי איז אַ בעלן צו גיין צום רבין זיך אויסטענהן, האָט ער איר געזאָגט, אַז מיט קיין יידענעס האָט ער נישט ליב צו ריידן וועגן דעם ווי אַזוי מען דאַרף לערנען מיט קינדער. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז לייב ליטוועקס טאָכטער און איר טאַטע איז געווען אי רב, אי גמרא מלמד, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. ער האָט געזאָגט, אַז מלמד קען ער בעסער זיין ווי אַלע יידענעס... און די מאַמע האָט עס געמוזט אַריבערטראָגן און לאָזן איר בן יחיד ביים „דאַטש"... דער טאַטע האָט זיך אַריינגעמישט און ער איז גע־גאַנגען צום מלמד און ביי אים געפועלט, אַז מיט זיין זון זאָל ער לערנען די פיר „קשיות". חיים ערליך האָט אים באַלד צוליב געטאָן און ער האָט אים

פאַר אַלע קינדער אין די אויגן געזאָגט, אַז ער זאָל זאָגן די פיר קשיות. „און די ערשטע?" האָט יאַנקל געפרעגט. די ערשטע זאָלסטו אויך זאָגן קשיה, האָט דער רבי געענטפערט. „און די צווייטע?" אויך די צווייטע, האָט דער רבי געענטפערט שמייכלענדיק און די דריטע און די פערטע... אַ לאַנגע צייט האָבן די קינדער זיך געריצט מיט יאַנקלען און גערופן „פיר קשיות" און ער האָט געשוויגן און אַלץ אָנגענומען פאַר ליב און ער איז ווייטער גע־גאַנגען אין זעלביקן חדר אַריין.

אויף יענעם פסח איז געווען אַ נייע פרייד אין שטוב ביים שוחט — אַן אורח, וואָס האָט געהייסן ר' משה טשיטשילניצקי. אַן עלטערער ייד מיט אַ ווייסער באָרד איז ער געווען און ער האָט שטענדיק געלאַכט אויף אַ קול. ער איז געווען אַ קליינינקער, אָבער צוליב דער לאַנגער, ווייסער באָרד האָט ער אויסגעזען גרעסער. נאָך איידער ער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָט ער שוין געלאַכט. ער איז נישט לאַנג אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, כאָטש זיין זון האָט שוין לאַנג געוואוינט אין קיליע, ער האָט חתונה געהאַט פון ערגעץ ווייט אין אונזער שטאָט אַריין און זיך באַזעצט. מען האָט דעם זון זיינעם גערופן „אלי קאַלאַש", ווייל ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו גיין אין קאַלאַשן; אפילו אין מיטן זומער, ווען עס איז געווען טרוקן ווי פעפער, איז ער געגאַנגען אין קאַלאַשן. „אלי קאַלאַש" האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער און דער טאַטע זיינער האָט זיך געפילט נישט גוט ביי אים. יאַנקלס מאַמע האָט באַלד געזאָגט, אַז מיסתמא האָט ער זיך צעקריגט מיט דער שנור... ר' משה איז געווען פון ערגעץ לעבן טשיטשילניק און די מאַמע האָט באַלד געוואוסט, אַז דאָס דאָזיקע דאָרף מיסתמא זיין אין פוילן. די קינדער האָט ער אויסגעגעבן, אַן אַלמן איז ער געבליבן, איז ער געקומען קיין בעסאַראַביע פאַרזוכן אַ גוט ביסל ווייִן אויף די עלטערע יאָרן. ביי אברהם שוחט איז קיין פסח אָן אַן אורח נישט געווען. מ'קען זאָגן, אַז אַ גאַנצן ווינטער האָט מען שוין אין יענער שטוב געזאָרגט פאַר אַן אורח און משה טשיטשילניצקי איז געוואָרן דער פסחדיקער אורח. וואָס האָט געבראַכט מיט זיך די מילדקייט פון אַ זיידן. אַלע קינדער האָבן קיין זיידן נישט פאַר־כאַפּט און זיי האָבן דעם אורח ליב באַקומען דאָס לעבן און מער פון אַלע האָט אים ליב באַקומען יאַנקל, וואָס איז אים אַנטקעגן געלאָפן מיט אַ שלום עליכם. ר' משה האָט אים באַלד אַ שנאָל געטאָן אין דער נאָז אַריין און אים געפרעגט: „האָט אַ קאַץ אַ פּופּיק?" דער כמעט זעקסיעריקער בחור האָט טאַקע נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, אָבער געפעלן געוואָרן איז עס אים און ער האָט געלאַכט, אַז ער האָט זיך געקאַטשעט אויף דער ערד. די מאַמע האָט אים אויסגעלערנט, אַז ווען ר' משה וועט נאָך אַמאָל פרעגן די זעלביקע קשיה, זאָל ער ענטפערן, אַז „ווען די באַלעבאָסטע איז אַ שטינקערן, האָט די קאַץ אַ פּופּעק". און זי האָט אים טאַקע באַלד דערקלערט, אַז דאָס איז דער־

פאַר, ווייל די קאַץ כאַפּט אַראָפּ דעם פּופּיק פון זאַלץ־ברעטל. יאַנקל איז געגאַנגען קוקן, צי די קאַץ האָט אַ פּופּיק און זי האָט אים דערפאַר גוט צע־דראַפּעט און ער האָט געענטפערט אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהייסן. ר׳ משה האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט דער בחור נישט אַליין אויסגע־טראַכט מיט זיין קאָפּ. צום סדר האָט דער טאַטע געבעטן ר׳ משהן, אַז ער זאָל עפּעס זינגען אַ נייעם חד גדיא, אָדער עפּעס אַן „אחד מי יודע״, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין מנגן; ער איז געווען אַ שטילער ייד, וואָס האָט קוים פאַר זיך געזאָגט קידוש און קוים־קוים געקענט אַריינקוקן אין אַ נישט שווערן ספר. עס האָט דאָך פון אים אַזוי געשיינט, אַז די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער זעט אויס ווי אַ למד וניק...

ר׳ משה טשיטשילניקער איז געבליבן דער שטענדיקער אורח אויף שבת. עס האָט געמעגט דונערן און בליצן, איז ער פּריטיק צו נאַכטס און שבת ביי־טאָג געקומען עסן און אַ סך מאָל איז ער אויך געקומען פּריטיק פאַרנאַכט עסן אַביסל צימעס־פּאַסאָליעס און אין איין וועג האָט ער שוין געבראַכט אַ שקאַליקל בראָנפן פאַר זיבן מיט אַ האַלבן קאָפּיקעס. דער טאַטע האָט גע־קויפט נאָר ווין אויף שבת און דער אַלטער האָט ליב געהאַט אַביסל בראָנפן, האָט ער שוין געגעבן דעם טאַטן אַ גלעזל פאַר די פיש און אַמאָל אויך נאָך די פיש. ביידע פלעגן זיי נאָך דער שאַרפער משקה (זי האָט געהאַלטן זיבן און פופציק גראַד) זיך געבן אַ קוויק מיט אַזאַ קרעכץ, אַז די שטוב האָט אַ ציטער געטאָן. און יאַנקלען האָט מען שוין אויך אַמאָל געגעבן אַ לעק און ער האָט אויך מעשה ייד זיך אַ קוויק געטאָן מיט אַ קרעכץ. צום מערסטן האָט אונ־זער בחור אינטערעסירט דאָס עפענען דאָס שקאַליקל. ר׳ משה פלעג געבן אַ קלאַפּ אויף דער דלאָניע און ער האָט באַלד אַרויסגעזעצט דעם קאָרעק. יאַנקל האָט שטאַרק געוואָלט נאָכמאַכן און ער האָט זיך היפּש צעקלאַפּט די האַנט און אַרויסגעזעצט האָט ער דאָס פאַרשטעקל ערשט ביים דריטן, אָדער פערטן קלאַפּ. מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט די קונץ און מיט דעם ערשטן טראַסק פלעג דער קאָרעק שפּרינגען ביז אין סטעליע, אַמאָל נאָך מיט אַ שפּריץ. ר׳ משה האָט געשריגן „בראַוואָ״ און געזאָגט, אַז „די מלאכה האָט ליב אַ לעק״ און ער האָט יאַנקלען געגעבן גאַנצע צוויי לעק... ער האָט שוין דערפאַר געזונגען די זמירות מיט אַזאַ ברען, אַז שכנים פון אַרום האָבן זיך אָנידערגעשטעלט ביי די פענצטער אונטערהערן. דער שם איז שוין וואָס אַמאָל מער נעגאַנגען, אַז ביים שוחט וואַקסט אַ בחור, וועלן אים גאָט און לייט מקנא זיין...

דער זומער איז נעקומען פּאַוואָליע, פריער איז געוואָרן אַביסל וואַרעם. דערנאָך מער וואַרעם און ביז עס איז געוואָרן גאָר הייס, איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. יאַנקל האָט דערקענט דעם אָנקום פון דעם זומער לויט די שטאָרכן, וואָס זיינען געווען אויף דעם אַנטקעגנדיקן דאַך. ער האָט נישט געזען, ווען

זיי זיינען אָנגעקומען, אָבער ער האָט געהערט זייער קלאַפּן מיט די לאַנגע שנאָבלען און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פֿאַראַיאָרן האָט ער זיי אויך געהערט אַזוי קלאַפּן, ווען עס איז געוואָרן זומער. מען האָט די דאָזיקע פֿייגל גערופֿן אין קיליע „טשאַרנאַהוזן” און די משה וועלוולקע האָט זיי גערופֿן „קאָקוסטערקעס” און זי האָט געזאָגט, אַז דאָס ערשטע מאָל דאַרף מען קוקן אויף זיי נאָר ווען זיי פֿליען, די מאַמע האָט געלאַכט דערפֿון און זי האָט געזאָגט, אַז איר טאַטע האָט נישט געהאַלטן פֿון אַזעלכע זאַבאָבאָנעס. יאַנקלען האָבן די באָטשאַנעס נישט געלאָזט רוען. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף זייער שעהן־ווייז און זען וואָס זיי טוען. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן ווי אַזוי זיי הייבן זיך אויף הויך און מען הערט דאָס קנאַקן פֿון זייערע פֿליגל און ער האָט ליב געהאַט צו קוקן ווי אַזוי איין פֿויגל גייט אַרויף אויף דעם צווייטן און קלאַפּט מיט די פֿליגל. אים איז אַפֿילו נישט איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן וואָס אַזוינס זיי טוען. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס שפּילן זיי זיך אין רייטערלעך. ער האָט דאָך אויך אַ סך מאָל זיך געשפּילט אַזוי מיט קינדער און זיי זיינען געפֿאָרן רייטנדיק אויף אים און ער אויף זיי. נישט איינמאָל פֿלעג יאַנקל ריידן צו די גרויסע ווייסע פֿייגל מיט די לאַנגע שנאָבלען און מיט די שוואַרצע פֿלעקן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ענטפֿערן זיי אים מיט דעם קלאַפּן פֿון די שנאָבלען. אוי, ווי אים האָט זיך געגלוסט אַרויפֿצוקלעטערן אויף דעם דאַך און דאָרט זיך שפּילן מיט זיי, אָבער די מאַמע האָט נישט געלאָזט, זי האָט געזאָגט, אַז זיי קענען נאָך מיינען, אַז ער וויל ביי זיי צונעמען די אייער, וואָס ליגן אין די נעסטן און זיי זאָלן אויסשטעכן אַן אויג. און די משה וועלוולקע האָט שוין טאָקע דערציילט, אַז דער אונטער שמש אין קליינעם שולעכל איז בלינד פֿון אַן אויג פֿון די „קוקוסטערקעס”. ער איז יינגלווייז געגאַנגען צונעמען אייער ביי זיי, האָט אים די „זי” אויסגעשטאָכן אַן אויג. די „זי”, האָט זי געזאָגט, איז אַזוי ווי ביי מענטשן די פֿרוי און דער „ער” איז ווי דער מאַן און די „זי” היט מער אָפּ די אייער ווי דער „ער”, די „זי”, איז ווי אַ מאַמע... און די משה וועלוולקע האָט זיך דערביי צעוויינט. „זי”, האָט זי געזאָגט, איז דאָך אויך אַ מאַמע און זי ווייסט... וואָס זי ווייסט, האָט יאַנקל בשום אופֿן נישט געקענט ווייסן, אָבער די מאַמע האָט געטרייסט די אַלטע שניידערקע און איר צוגעזאָגט, אַז גאָט וועט העלפֿן און איר זון דודל, וואָס איז אַוועק קיין אָדעס, וועט זיך נאָך אָפּזוכן און ער וועט נאָך צוריקקומען. און דערווייל זיינען פֿון די אייער געוואָרן פֿייגל און יאַנקל האָט נאָך שטאַרקער געוואָלט אַרויף אויף דעם דאַך. נישט געווען אַ זאַך אין לעבן, וואָס ער וואָלט נישט אַוועקגעגעבן פֿאַר דעם, אַז מען זאָל אים לאָזן אַרויפֿגיין אויף דעם דאַך.

און ווען די קליינע באָטשאַנעס זיינען שוין געוואָרן גרויס, איז געוואָרן הייס אין דרויסן, שטאַרק הייס. דער רבי פֿלעג אַרויסלאָזן די קינדער אויף אַ לענ־

גערע צייט אין הויף אריין צום שפּילן זיך, ווייל ער האָט געהאַט אַ זאַדישקע און ער האָט אָפּט געהוסט פון די היצן. דער הויף איז געווען אַ גרויסער און די קינדער האָבן זיך געהאַט וואו צו שפּילן און צו דערארבעטן מעשים. און ס'איז טאַקע געווען אין הויף ווי אַ יאַריד. קינדער האָבן זיך געשלאָגן, אַנ־דערע האָבן געהאַט פייפעלעך און זיי האָבן נישט אויפגעהערט פייפן מיט זיי און אָנמאַכן אַ טומל. אייניקע האָבן געהאַט מעסערלעך און זיי האָבן געשניצט אַזעלכע פייפעלעך פון בוים. ס'איז געווען אַ ייִנגל, וואָס האָט געהאַט אַ זייַ־גערל אויך, יאַנקל האָט גאַרנישט געהאַט. ער איז געווען דער אָרעמסטער פון די ייִנגלעך. דערפאַר האָט ער געקענט זייער גוט לויפן און וויפל מאָל ער האָט זיך פאַרוועט מיט אַ ייִנגל אויף צו לויפן פון איין עק הויף אין צווייטן, עס האָט געמעגט זיין מיט דעם גרעסטן ייִנגל, האָט ער געוואונען, כאָטש ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געגאַנגען אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע און די פּאָ־לעס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט ביים לויפן. ער פלעג יאָגן אַזוי גיך, אַז די פיסלעך האָבן אים געטראָפן דורך די פּאָלעס אין הינטן אריין און אַ סך מאָל פלעג אים נאָך דעם לויפן נישט ווייטאָן די פיס, נאָר דאָס פלאַץ, וואָס מען שעמט זיך אויסצוזאָגן. די ייִנגלעך פלעגן אים רופן „שוּיבעדינע", ווייל ער איז אַ שוחטס אַ זון און זיי פלעגן עס נאָך זאָגן צום גראַם:

שויבעדינע,
אַ קאַפּקע אַ סטרונע...

פון דעסטוועגן איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו האָבן טענות פאַרוואָס ער גייט אַ לאַנגע קאַפּאָטע און ער טראָגט פּאות. ער האָט גע־וואוסט, אַז אַ שוחטס אַ זון מוז אַזוי גיין. הערשל שוחטס ייִנגלעך גייען אויך מיט פאות. פנחס שוחט האָט נישט קיין ייִנגלעך און שמואל שוחט האָט אין גאַנצן נישט קיין קינדער און אלי חיים דער יונגערער דיין האָט שוין אויך אַלע קינדער חתונה געמאַכט. ער האָט נאָר איין נישט אויסגעגעבענעם זון, שייקע, איז ער שוין אויך אַ גרויסער און ער איז ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט. פאַר־דראָסן האָט יאַנקלען, וואָס די ייִנגלעך אין הויף ריידן בעת דער הפסקה שאַר־לאַטאַנסקע ווערטער. געווען צוויי קינדער פון זייער רייכע עלטערן, איינער האָט געהייסן פייסיע ווייסליב און דער אַנדערער האָט געהייסן וואָלאָדיאַ ליטווין, דעם ערשטנס טאַטע האָט געהאַט אַ געשעפט פון שניט און דעם צווייטנס טאַטע האָט געהאַט אַ קראָם פון אייזן. דער ערשטער איז שוין אויך געווען אַ גרויסער בחור, אָבער נישט אַזוי ווי דער צווייטער. וואָלאָדיאַ איז שוין מיסתמא אַלט געווען פערצן יאָר און ער האָט אויסגעזען נאָך גרעסער. פייסיע האָט געהאַט אַ סך פרישטשעס אויף דעם פנים און די אויגן האָבן ביי אים שטענדיק געוויינט. וואָלאָדיאַ האָט געהאַט אַ ריין קיילעכדיק פּנים און די אויגן האָבן ביי אים שטענדיג געלאַכט. די צוויי ייִנגלעך זיינען געווען די עלטסטע אין חדר און וואָס זיי האָבן געהייסן, האָט מען געדאַרפט פאָלגן.

און געהייסן האָבן זיי אַ סך מאָל טאָן זייער מיאוסע זאַכן. און גערעדט האָבן זיי נאָך מיאוסערע זאַכן. זיי האָבן שטענדיק גערעדט וועגן דעם פֿון וואָס עס ווערן געבוירן קינדער. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די „טשאַרנאַהוזן”, די גרויסע פֿייגל אויף די דעכער ברענגען די קינדער, פּייסיע מיט וואָלאָדיען האָבן געלאַכט דערפֿון און זיי האָבן געזאָגט, אַז קינדער ווערן געבוירן פֿון דעם, וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמען... די קינדער האָבן נישט געגלויבט און איינער פֿון זיי איז אויפֿגעשפּרונגען און ער האָט געפֿרעגט: „און ווי־אַזוי האָט פּנחס שוחט קינדער?” פּנחס שוחט האָט מען געהאַלטן פֿאַר דעם פֿרומסטן יידן אין שטאָט. פֿרימער אַפֿילו פֿון דעם דיין. יאַנקלען האָט עס פֿאַרדראָסן, ער האָט געהאַלטן, אַז זיין טאַטע איז פֿרימער און ער האָט טאַקע זיך באַלד אויסגעשריגן:

— מיין טאַטע איז פֿרימער פֿון פּנחס שוחט...

די קינדער האָבן זיך צעלאַכט און אפשר צען האָבן אויסגעשריגן מיט אַמאָל:

— ער איז דאָ! שויכעדינע אַ קאָפּיקע אַ סטרונע...

די יינגלעך האָבן ווייטער גערעדט וועגן דער זעלביקער זאַך. פּייסיע האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט די טרויעריקע אויגן און ער האָט געזאָגט, אַז אַלע זאָלן זיך צוקוקן אין דעם היים און קומען און דערציילן. צום סוף איז אים איינגעפֿאַלן, אַז אַזוי ווי ביי זיי איז דאָ אַ דינסט, וואָס האָט אַ קינד, וועט ער זי פֿרעגן ווי אַזוי זי האָט עס געהאַט... און דאָס גאַנצע האַרץ האָט פּייסיע אויסגעלאָזט צו יאַנקלען און האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן פֿון וואָס מען רעדט דאָ, ווייל אַנישט וועט ער אים אויס־רייסן אַ פּוס פֿון... יאַנקל האָט זיך צעוויינט און ער האָט געשוואוירן, אַז ער איז נישט קיין מסור. וואָלאָדיאַ האָט זיך אָנגענומען פֿאַר אים און האָט אים נישט געלאָזט וויינען און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים נעמען אין געשעפֿט פֿון אייזן און ער וועט אים לאָזן אָנקוקן אַלע לאָפּעטעס און אַפֿילו זיי האַלטן אין דער האַנט. און יאַנקל האָט אַזוי געוואָלט גיין אין קלייט אַריין, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען, אָבער די מאַמע האָט נישט געלאָזט, זי האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן פֿאַנבראַט מיט אַ יינגל, וואָס הייסט וואָלאָדיאַ, וואָס איז אַ נאָמען פֿון אַ גוי...

און יאַנקל איז געזעסן די גאַנצע צייט אין חדר און נישט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן דעם, וואָס די יינגלעך ריידן און ער האָט געפֿילט, אַז ס'איז אַ גרויסע זינד און אַז מען וועט זיי אויף יענער וועלט דערפֿאַר ברענען און בראָטן און אים אַליין וועט מען אויך ברענען און בראָטן, ווייל ער זאָגט נישט אויס... ער האָט געפֿילט, אַז ער דאַרף אויסזאָגן, אָבער ער האָט מורא גע־האָט, אַז די יינגלעך, וואָס האָבן אים אַזוי אויך נישט שטאַרק ליב, וועלן זיך אין גאַנצן נישט וועלן שפּילן מיט אים. און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו

טאן, ער האט נישט געוואוסט, וואס ער זאל אויסקלייבן: גהינום, צי זיך נישט שפילן מיט די קינדער. קיינמאל איז ער נישט אויסגעשלאפן א גאנצע נאכט אויף איינמאל, שטענדיק האט ער זיך אויפגעכאפט עטלעכע מאל דורך דער נאכט און אלעמאל ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער געקלערט וועגן דעם, וואס ער דארף טאן: יא אויסזאגן, צי נישט. און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, איז די מאמע אויסגעוואקסן לעבן אים און דאס ערשטע האט זי אים פעסט אנגעטאן די יארמעלקע אויף דעם קעפל. ווען איז זי געשלאפן די מאמע? ער האט זי קיינמאל נישט געזען עסן און קיינמאל נישט שלאפן. זי האט אים געלייגט אין בעט אריין און זי האט אים אויפגעהויבן. איינמאל האט ער איר שוין גענומען דערציילן וועגן דעם, וואס די קינדער ריידן, האט זי אים געזאגט, אז ער זאל בעסער שלאפן און בייטאג וועט ער שוין דער־ציילן. אים האט זיך געדאכט, אז צו בעסטן וואלט געווען, אז ער זאל דער־ציילן דער עלטערער שוועסטער מאמציע, אבער ער האט זיך פאר איר אויך געשעמט, זי איז דאך שוין געווען א כלה און מען האט זיך שוין געריכט אין גיכן צו מאכן די תנאים. עס האבן געדארפט קומען די מחותנים און דעם חתנס שוועסטער און טאקע דער חתן אליין. מיט שפרהן, דער קלענסטער, האט ער גארנישט געהאט וואס צו ריידן, זי איז נאך געווען א קליינע און ער האט זיך שטענדיק ליב געהאט צו קריגן מיט איר. זי האט געהייסן שפרה נעכע נאך צוויי באבעס, אבער גערופן האט מען זי שפרה אליין און ווען ער האט זי גערופן שפרה נעכע האט זי געמאכט קולות ביז אין הימל אריין און די מאמע האט זי בארואיקט און איר געזאגט:

— וואס אזוינס האט ער דיר געטאן? האט ער דיר גערופן שפר"ה נעכע? אזא יאר זאל איך האבן וואסארא פרומע יידענע די באבע נעכע איז געווען, הלוואי וואלסטו געווען א העלפט פרום וויפל זי איז געווען. זי איז שוין נע־בעך לאנג אין גן עדן...

און דער סוף איז געווען, אז פון דעם גאנצן קריג האט זיך די מאמע צעוויינט און יאנקל האט בשום אופן נישט פארשטאנען פארוואס די מאמע דארף וויינען, אויב די באבע נעכע איז אין גן עדן. מיט דער שוועסטער מרים האט יאנקל געפרואווט ריידן וועגן דעם, צי ער זאל אויסזאגן, אבער זי האט געלאכט פון אים און געזאגט, אז ער זאל נישט זיין קיין תם, ווייל די מייד־לעך ריידן אויך פון דעם. און זי האט אים געווארנט, אז ער זאל זיך נישט דערוועגן קיינעם דערציילן, ווייל די יינגלעך וועלן אים אזוי דערגיין די יארן, אז מען וועט אים מוזן אפנעמען פון חדר.

צום גליק האט זיך באלד אנגעהויבן רוישן מיט די תנאים פון דער עלטסטער שוועסטער. עס זיינען אנגעקומען דער מחותן מיט דער מחותנתטע, דער חתן אליין, זיינע צוויי שוועסטער, וואס איינע פון זיי איז שוין געווען א כלה און דעם חתנס יינגערער ברודער, וואס האט געהייסן שמשון נטע.

אַלע זײַנען זיי צוגעפֿאָרן צו דער כלהס שטוב, אָבער דערנאָך האָט מען זיי אײַנגעטיילט אין פֿאַרשיידענע שטיבער. דעם חתן האָט מען אַרײַנגעפֿירט צום פֿעטער נח, ווײַל דער חתן טאָר נישט זײַן מיט דער כלה אין איין שטוב פֿאַר דער חתונה, די צוויי שוועסטער האָט מען געשיקט צו דער מאַמעס אַ פֿרײַנטל, וואָס מען האָט גערופֿן מאיר קראַסנאָוו און דעם חתנס ברודער האָט מען פֿאַר יוצא־וועגן געשיקט צום פֿעטער פֿראָים. כאָטש דאָרט איז געווען זייער ענג; מען האָט מורא געהאַט, אַז די מומע חווה זאָל זיך נישט פֿילן באַליי־דיקט. יאַנקלען האָט שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס מען האָט אַוועקגענומען פֿון זייער שטוב שמשון נטע; ער איז געווען אַזאַ היימישער און אַ „שוטניק" (אַ שפּאַסמאַכער) און ער האָט מיט די ערשטע ווערטער שוין אַרויסגערופֿן גע־לעכטער ביי אים. די קיליער האָט מען גערופֿן „פֿעלצן". אין דער גאַנצער געגנט האָט מען געזאָגט „קיליער פֿעלצן", האָט שמשון נטע, אַ בחור פֿון אַ יאָר זעכצן געזאָגט, אַז ער איז שוין אַזוי לאַנג אין קיליע און ער האָט נאָך נישט געזען קיין איין פֿעלץ... יאַנקל האָט זיך דערפֿון געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער. און ווען די מאַמע האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל: „אום זומער וויל ער זען פֿעלצן!" האָט שמשון נטע געענטפֿערט: „אום ווינטער זײַנען דאָך דאָ פֿעלצן אויך אין טאַטאַרבונע"... האָט דאָס יאַנקלען אויסגעוויזן נאָך מער קאָמיש און ער האָט נאָך מער געלאַכט. האָט מען גענומען אָט דעם שמשון נטע און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אַזוי ווייט אַזש צום פֿעטער פֿראָים. צום גליק האָט מען יאַנקלען צוליב די געסט באַפֿרייט אַ האַלבן טאָג פֿון חדר און ער איז נאָכגעלאָפֿן שמשון נטען ביז צום פֿעטער פֿראָים. דאָרט האָבן אים אַלע מיידלעך, וואָס זײַנען געווען קיין עין הרע נישט גאַנצע פֿיר, אַרומגערינגלט און איינעם מיט דער מומע חווה און זיי האָבן אים געפֿרעגט, צי דער חתן איז אַ שיינער. איבערהויפּט האָט אים געפֿרעגט וועגן דעם די עלטסטע טאָכ־טער מאַמציע, וואָס האָט געהייסן נאָך דער זעלביקער באָבע, וואָס זײַן שוועס־טער די כלה און וואָס האָט זיך שוין אויך געקליבן צו ווערן אַ כלה און האָט שוין אָנגעקוקט אַ סך חתנים. מאַמציע איז געווען קלענער ווי איר ייִנגערע שוועסטער און ווען זי איז געגאַנגען, האָט זי זיך אונטערגעטענצלט און ווען זי איז געשטאַנען, האָט זי זיך געדרייט אויף דעם קאָרעק. יאַנקל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. פֿאַר גרויס רעש האָט ער זיך גאָר נישט צוגע־קוקט צום חתן, ער האָט זיך בעסער צוגעהערט צו שמשון נטען און ער האָט געענטפֿערט:

— אַ חתן קען דען זײַן נישט קיין שיינער? אַ חתן מוז דאָך זײַן אַ שיינער...

— אָבער ווי אַזוי איז ער — האָט מאַמציע ווייטער געפֿרעגט — אַ ווײַ־סער, צי אַ שוואַרצער?

יאַנקל האָט גוט געדענקט, אַז ער איז אַ שטאַרק ווייסער און ער האָט

עס זיין שוועסטערקינד געזאָגט און זי האָט אויפגעשטעלט אויף אים גרויסע אויגן און זי האָט געזאָגט צו איר ייִנגערער שוועסטער בייקע, וואָס איז געווען אַ סך גרעסער פון איר און האָט אויסגעזען מער כלה ווי זי און איז געווען אַ געזונטע מיט גראָבע באַקן און בלויע אויגן:

—נישט אומזיסט האָט מאַמציע דער מומע לייקעס געלעקט ביינער די גאַנצע צייט. פון היינט אָן און ווייטער וועל איך שוין אויך לעקן ביינער. מאַמע, פון איצט אָן און ווייטער זאָלסטו מיר אוועקגעבן אַלע ביינער.

— און מיר אויך — האָט בייקע געזאָגט מיט אַ געזונט קול.

יאַנקל איז נישט לאַנג געבליבן ביים פעטער פּראָים אין שטוב, ווייל אים איז בעסער געפעלן געווען צו גיין אַ קוק טאָן אין מאַרק אריין ווי אַזוי דער פעטער פּראָים אין איינעם מיט זיינע צוויי עלטערע ייִנגלעך יאַנקל און נתן שטייען און פאַרקויפן „פּאַסטאַלעס". די פּאַסטאַלעס זיינען געווען שטיקער פעל, וואָס ליגן צונויפגעלייגט ווי טאָוולען פון ביבער און די פויערים אַליין נייען זיי שוין צונויף אַזוי, אַז מען זאָל זיי קענען אָנטאָן אויף די פיס. די שטיקער פעל האָבן געשמעקט מיט דזשייגעכץ און מיט זאַלץ און זיי זיינען געווען פעט און יאַנקל האָט ליב געהאַט צו קוקן ווי די גויים פּרואוון זיי אָנמעסטן אויף די פיס און קנייטשן זיי און בייגן זיי און דינגען זיך. דער פעטער מאָנט מערער און די גויים ווילן געבן ווייניקער און דער פעטער נעמט אַלעמאָל אָן אַ פויערס אַ האַנט און גיט אַ זעץ מיטן גאַנצן כוח און לאָזט אַראָפּ אַ קאָפּיקע. דער פעטער פּראָים האָט אַזאַ געדיכטע געלע באָרד, וואָס זעט שוין באַלד אַליין אויס ווי די פּאַסטאַלעס און די אויגן זיינען ביי אים געל און זיי שמעקן דאַכט זיך אויך נאָך דזשייגעכץ... ווען ער דערזעט יאַנקלען, רעדט ער מיט אים וועגן תורה, עס מעג זיין אפילו אין מיטן מאַרק. אָבער יאַנקל ווייסט שוין, אַז ער קען נישט לערנען. ער האָט געהערט אַ סך מאָל זאָגן, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן און ער האָט געהאַט דעם בעסטן קאָפּ אין קיליע און ער האָט געהאַט אַ שווער קעפּל און וויפל מען האָט נישט געשטאָפּט אין אים, איז נישט אריין. דאָך האָט אים יאַנקל ליב געהאַט, עס איז אים געליגן דאָס גוטסקייט אויף דער שפּיץ נאָז, דאָרט וואו די נשמה איז. לעבן אים זיינען געשטאַנען אין מאַרק נאָך ייִדן מיט פּאַסטאַלעס, מען האָט זיי אַלע גערופן „פּוסטילניקעס" און ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געטראָגן אַ לאַנג רעקל און פּאות, די אַנדערע זיינען געגאַנגען מיט קורצע רעקלעך, אָן פּאות און אייניקע האָבן שוין אפילו געטראָגן אַרומגעשוירענע בערד. אַז איין פּוסטילניק האָט אויסגעכאַפּט ביים צווייטן אַ קונה, האָט מען זיך געקריגט און די פּוסטילניקעס האָבן גערעדט מיאוסע ווערטער, אָבער דער פעטער פּראָים האָט קיינמאָל קיין קללה און קיין איין גראָב וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דערפאַר האָט אים יאַנקל ליב געהאַט. צווישן די פּוסטילניקעס איז געווען אַן אָפּמאַך, אַז אַזוי לאַנג אַ קונה שטייט לעבן איינעם,

טאָר אים אַ צווייטער נישט צורופן. אָבער ווען איין פּוסטילניק איז געווען ברוגז אויף דעם צווייטן, פלעג ער אים אַרויסרייסן אַ קונה פון אונטער די הענט, ער פלעג בדאַי דערלייגן פינף קאָפּיקעס, אַבי צוצונעמען דעם קונה... אין שטאָט האָט מען דעם פעטער גערופן „פראַים לעפקעס". דאָס איז גע־ווען דערפאַר, וואָס זיין טאַטע האָט געהייסן לייב און ער איז געווען אַ ליטוואַק, האָט מען אים גערופן „לעפקע", מען האָט געזאָגט, אַז אַ ליטוואַק קען נישט זאָגן „לייבקע", ער מוז זאָגן „לעפקע". פאַר יאַנקלען איז דאָס אויס־געקומען, אַז ס'איז אַ באַליידיקונג און ער האָט נישט איינמאָל געוויינט, ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז ער איז פראַים לעפקעס אַ פּלימעניק און ער איז געראָטן אין זיין פעטער. די מאַמע פלעג אים טרייסטן און זי האָט אים גע־זאָגט, אַז איר טאַטנס טאַטע, וואָס האָט גערופן איר טאַטן „לעפקע" האָט גע־הייסן חיים ליטוואַק און מען האָט אים אויך גערופן „חיים גאון" און אַז ער איז אויף פיר הונדערט ווערסט געווען דער גרעסטער למדן און אַז די בע־סאַראַבער וועלן זיך אויסלעבן זייערע יאָרן און זיי וועלן אויפעסן טויזנט פוד מאַמעליגע, וועלן זיי אַזאַ קאָפּ נישט אַרויסגעבן... און יאַנקל האָט אויס־געהערט און פון דעסט וועגן ווייטער געוויינט, ווען מען האָט אים גערופן פראַים לעפקע, אָדער גאָר פראַים פּוסטילניק...

ביים פעטער פראַים אין מאַרק איז דער יונגער מחותן נישט געווען לאַנג, כאָטש ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיין נאָך אַביסל, ווייל ער איז אים מזלדיק. זייט ער איז דאָ, האָט ער שוין פאַרקויפט דריי פאָר פּאַסטאַ־לעס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מינוט גייט די שטוב דאָרט כאַדראַאַם און עס טוען זיך אָפּ גוואַלדיקע זאַכן. און אין שטוב איז טאַקע געווען ווי אויף אַ יאַריד. די מאַמע איז געלאָפן פון שטוב אין קיך אַריין און צוריק און ס'איז געווען אַ סאַרווערן, וואָס האָט געהייסן חווה שרה, איז זי אויך געווען פאַרפלאָמט און די קלענסטע שוועסטער שפרה איז אויך געלאָפן אַהין און צוריק און האָט אויסגעזען ווי אַ קליינע יידענע און ווען מען האָט איר עפּעס געזאָגט אַ וואָרט, האָט זי באַלד אָנגעהויבן וויינען און געקראָגן אַ רויטע נאָז. די כלה איז אַרומגעגאַנגען מיט די גרויסע, מילדע אויגן, וואָס האָבן אי געברענט אי געגלעט און זי האָט זיך געשעמט. מען האָט געזען ווי זי וויל זיך באַהאַלטן. און אַלעמאָל זיינען דווקא אַריינגעקומען אַנדערע יידענעס און געוואונטשן מזל טוב און געוויינט. די שוועסטער מרים איז אין גאַנצן נישט געווען אין שטוב און יאַנקל אַליין האָט זיך אויך געפילט איבעריק. וואוהין ער איז נישט געגאַנגען, האָט זיך עמיצער פאַרטשעפּעט אין אים און אפילו די מאַמע האָט שוין אויף אים אָנגעשריגן, אַז ער זאָל אַוועק פון שטוב און זיך נישט פּלאָנטערן און זי האָט אים געגעבן צוויי שטיקלעך געבעקס, וואָס זי האָט גערופן „פּאַלטשיקלעך" און זי האָט אים געזאָגט, אַז איינס זאָל ער

אַליין אויפעסן און איינס זאָל ער געבן אַ חבר, ווייל עס איז נישט שיין אַליין צו עסן, ווען די שוועסטער ווערט אַ כלה...

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז די בעסטע זאַך איז אַוועקצוגיין צום פעטער נח, וואו דער חתן שטייט איין און אין ווענס וועט ער אים שוין טאַקע גוט אָנקוקן. דער פעטער איז נישט געווען אין דער היים און די מומע חווה האָט זיך געהאַלטן מיט אַ בחור פון אַ יאָר אַנדערטהאַלבן אויף די הענט און ווען זי האָט דערזען איר גאַסט, האָט זי אויסגעשריגן:

— סקאָצל קומט, יאַנקל דעם פעטער אברהמס איז דאָך דאָ...

ביי דעם פעטער פראַים האָט ער געהייסן „דער מומע לייקעס" און ביי דעם פעטער נח האָט ער געהייסן „דעם פעטער אברהמס"... יאַנקל האָט נישט קיין סך געטראַכט און אַוועקגעגעבן דער מומע חווהס יינגל, וואָס האָט געהייסן מענדל, דאָס צווייטע „פּאַלטשיקל" און ער איז אַריינגעגאַנגען גלייך צום חתן. ער איז טאַקע געווען זייער אַ ווייסער; אַזוי איז ער געווען אין גאַנצן ווי זיין יינגערער ברודער שמשון נטע, אַזאַ דינע פאַרשפּיצטע נאָז גע־האָט ווי ער און אַזעלכע בלויע אויגן, אָבער ער איז געווען אַ סך ווייסער. יאַנקל האָט זיך עס אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז אַ חתן. אַ חתן מוז דאָך זיין ווייס... אַז אַ מיידל לעקט די ביינער, מוז זי האָבן אַ ווייסן חתן און וואָסאָרא מיידל לעקט נישט די ביינער? אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט געקענט, האָבן געלעקט ביינער, אפילו זיין שוועסטער מרים, וואָס איז נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט געווען, האָט אויך אַוועקגעשלעפּט אַמאָל אַ ביין פון טיש. דער חתן איז געזעסן ביי אַ גמרא און ער האָט אַרויסגעקוקט און ווען ער האָט דערזען זיין קומענדיקן שוואָגער, איז ער אים אַנטקעגן געגאַנגען און אים גערופן ביים נאָמען און ער האָט אים געפרעגט ביי וועמען ער לערנט און וואָס ער לערנט. יאַנקל האָט געענטפערט שעמעוו־דיק און ער האָט אים גערופן „חתן", האָט ער געלאַכט מיטן גאַנצן מויל און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אים נישט רופן חתן, נאָר זיידל. יאַנקל האָט שוין געוואוסט, אַז ער הייסט זיידל און ער האָט שוין אפילו געוואוסט, אַז זיידל איז נישט אַ נאָמען, וואָס מען גיט, נאָר וואָס מען פאַרציט, ווען מען איז אַ ציטערדיקער. פון געבוירן האָט ער געהייסן יוסף אליעזר, אָבער ווייל ביי זיין מאַמען האָבן זיך פאַר אים נישט געהאַלטן קיין קינדער, האָט מען אים גערופן זיידל און זיין עלטערע שוועסטער, וואָס איז שוין אויך אַ כלה, רופט מען באָבע, כאָטש ביים לעקען און בראָנפן האָט מען זי אַ נאָמען גע־געבן שיינע רבקה. זיידל האָט אים געפרעגט, צי ער וויל שוין אָנהייבן לער־נען גמרא און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אהיימקומען, וועט ער אים שיקן אַזאַ ספרל, וואָס הייסט „לקח טוב" און וואָס ס'איז דער אָנ־הייב פון גמרא. און דערווייל האָט ער זיך געחכמהט פונקט ווי שמשון נטע און ער האָט אים געזאָגט: „דו קענסט דאָך מיינען, אַז לקח טוב מיינט אַ

גוטער לעקעך, זאָלסטו וויסן, אַז ס'איז אַ גוטע לערע, וואָס איז נאָך בעסער ווי גוטער לעקעך".

יאַנקל איז ביים חתן אויך נישט לאַנג געזעסן און ער איז געגאַנגען אָנקוקן די צוויי יונגע מחותנתטעס, וואָס זיינען געווען ביי דער מאַמעס פריינט מאיר קראַסנאָוו. דאָרט איז געווען אַ רייכע שטוב און די קראַסנאָוועכע האָט אים אויפגענומען מיט אַ גאַנצער גדולה און זי האָט געזאָגט צו די מיידלעך, אַז דער גלאַוונער מחותן גייט און זי האָט אים געגעבן אַ פריש „פּאַלטשיקל" און געזאָגט צו די מיידלעך ווער ער איז. זיי האָבן געוואוסט זיין נאָמען, אָבער געקענט האָבן זיי אים נישט. די עלטערע, באָבע, איז געווען אַ לאַנגע, און זי האָט געהאַט קלייען אויפן פּנים, די יינגערע, רחל, איז געווען אביסל נידעריקער און האָט געהאַט אַ ריין פּנים. די יינגערע איז געווען אַ סך שענער פון דער עלטערער, אָבער די עלטערע איז געווען חנוודיקער. זי האָט גערעדט פּשוט און זי האָט יאַנקלען אַרומגענומען און געקושט און אים געהאַלטן אויף די הענט און ער האָט זיך ביי איר געפילט פּונקט אַזוי גוט ווי ביי גאָלדע דער משה וועלוולקעס, רחל איז אים נישט געפעלן. זי האָט גערעדט מיטן מויל ווען זי האָט גערעדט און אין גאַנצן האָט זי זיך אויך גערעדט. זי האָט גערעדט מיט דער קראַסנאָוועכעס עלטער מיידל און זי האָט איר געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן אירע „פּאַדרוגעס" (חברטעס) און יאַנקלען איז נישט געפעלן זי און נישט אירע „פּאַדרוגעס" און ווען ער איז דערנאָך אהיימגענגען האָט ער זיך געפרעגט: פאַרוואָס זיינען נישט אַלע מענטשן גלייך? און אין דער היים איז שוין געווען אַ פולע שטוב מיט מענטשן. געווען אייגנטלעך איז דער טאַטע, די מאַמע, די סאַרווערן, וואָס האָט זיך געדרייט אַרויס און אַריין, דער מחותן און די מחותנתטע, אָבער געדאַכט האָט זיך, אַז די שטוב איז געפּאַקט. די כלה האָט מען אָוועקגעשיקט צו דער קראַסנאָוועכע, אַז זי זאָל דאָרט פאַרברענגען מיט דעם חתנס שוועסטער. דער מחותן איז געווען אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, בלויע ברילן און מיט אַ זיידן פּנים. ער האָט געהאַט אַ דין קול, אַזוי ווי דער חתן און ער איז געווען זייער שיין. די מחותנתטע איז געווען אַ סך נידעריקער פון אים, זי האָט געטראָגן אַ ווייס זיידן טיכל און כאָטש זי איז געווען עלטער פון יאַנקלס מאַמע, האָט זי געהאַט אַ סך ווייניקער קנייטשן אויף דעם פּנים. ער האָט געהערט נאָך פון פריער ווי די מאַמע האָט געזאָגט, אַז די מחותנתטע האָט זיך ליב, אַזוי ווי די מומע חווה דעם פעטער פראָימס... די מאַמע האָט שוין נישט שטאַרק ליב געהאַט די מחותנתטע און יאַנקל אויך נישט. דער מחותן האָט דעם בחור פאַרהערט די סדרה פון דער וואָך און ער האָט אים געגעבן אַ גלעט און געזאָגט, אַז ער וועט אים ירצה השם וואַקסן אַ כלי, די מחותנתטע האָט אים געגעבן צו עסן אַ „פּאַלטשיקל" און די מאַמע האָט אונטערגעקרעכצט: עס פעלט אים אוודאי... און יאַנקל האָט געהערט ווי די מחותנים דינגען זיך

אונטער וועגן נדן. דער טאַטע זאָגט פיר הונדערט און דער מחותן זאָגט פינף הונדערט און ער גיט זיך אַ גלעט די באָרד: „עך זאָג פינף, בכדי ס׳זאָל זיכער זיין מיט פיר"... די מחותנתטע האָט זיך געהייסן ווייזן דעם זייגער, וואָס מען וועט געבן דעם חתן און זי האָט אים באַקוקט פון אַלע זייטן און זי האָט געזאָגט:

— מילא וואָס ער איז אַ זילבערנער, נישט קיין גילדענער, איז מיסתמא פון גאָט... ס׳איז אַזאַ מזל, בערל שוחטס זון פון טאַטאַרבונע וואָלט געמעגט האָבן אַ גאָלדענעם זייגער! זאָלן זיי שוין האָבן אַ גאָלדן מזל, די קינדער, אָבער עפּעס זעט דאָך אויס דער זייגער ווי פון בלעך...

— ווי פון בלעך — האָט די מאַמע געקרעכצט — אַלע מיינע ליבע זאָלן האָבן אַזעלכע בלעכענע זייגערס.

דער טאַטע האָט גענומען דעם זייגער אין דער האַנט אריין און ער האָט געוויזן די פּראָבע און דער מחותן האָט אויסגעטאָן די בלויע ברילן, אָנגעטאָן ווייסע און גוט אָנגעקוקט. די מחותנתטע האָט שמייכלענדיק, אָבער שטעכנדיק געזאָגט:

— עך ווייס, עך ווייס, אַז ער האָט די פּראָבע... עך רייד פון דעם אויסזען, רעד עך...

די מאַמע האָט קוים באַהערשט די טרערן.

פון דעסט וועגן איז געווען נישט נאָר טרויעריק פון דעם גאַנצן טאַראַראַם, ס׳איז געווען פריילעך אויך. אין דעם זעלביקן אויף דער נאַכט, וואָס די געסט זיינען געקומען, איז געווען אַ „האַנטשלאַג" און עס זיינען געקומען אַ סך מענטשן און מען האָט געגעסן געבעקס און געטרונקען בראָנפן און וויין און געקנאַקט ניסלעך. דער אַלטער שעפּטל דיין, וואָס האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן זיין זון אלי חיים דאָס דיינות און אַליין האָט ער זיך געקליבן צו „גיין קיין ארץ ישראל", איז געקומען מקבל קנין זיין. ער איז געווען אַ קליינער ייד מיט אַ געקאַרטשעט פּנים און מיט אַ ווייסער באָרד און די הענט האָבן שוין ביי אים געציטערט. ער איז נישט אריינגעקומען אין שטוב אריין, נאָר ווי אריינגעפלויגן, ער האָט ווי נישט באַרירט דעם פּאָל מיט די האַלבע שיך און ווען ער האָט געהאַלטן דאָס ווייסע טיכל און גענעבן איין עק דעם חתן און דעם צווייטן עק דער כלה, האָט דאָס טיכל געפלאַטערט ביי אים אין די הענט. די מאַמע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט צעבראָכן אַ שעלעכל און אַלע האָבן אויסגעשריגן מזל טוב. דער טאַטע מיטן מחותן בערל האָבן זיך געגעבן די הענט און די מאַמע מיט דער מחותנתטע, וואָס האָבן זיך נישט שטאַרק ליב געהאַט, האָבן זיך צעקושט און צעוויינט. קינדער זיינען געווען אָן אַ שיעור. פון די זיבן קינדער מיט וועלכע דער פעטער פּראַים און די מומע חווה זיינען געקומען, זיינען דריי נאָך געווען קליינע. דער פעטער נח מיט דער מומע חווה זיינען געקומען מיט גאָר אַ קליין קינד, וואָס האָט

שוין נישט געוואָלט זיין אויף די הענט און האָט נאָר געוואָלט אַרומלויפן אין איינעם מיט אַלע. די קרובים מיט די שכנים זיינען אויך געקומען מיט די קינדער און אַלע האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איינעם און אַלע האָבן זיי געוואָלט זען אַלצדינג. וואָס מען טוט, חלילה קיין שום זאַך נישט פאַרפעלן און אומעטום האָבן זיי אַריינגעשטעקט די נעז און פון אומעטום האָט מען זיי געטריבן. פריער האָט מען געטרונקען לחיים און גערעדט, זיך נאָכגעפרעגט ביים מחותן ווי אַזוי עס איז אין טאַטאַרבונע, ווי עס האַלט דאָרט מיט פרנסה און מיט יידישקייט. דערנאָך האָט מען געזונגען איין ניגון און אַ צווייטן און ס'איז געוואָרן גאָר פריילעך. געוועז אַ רויטער שוסטער, אשר האָט ער געהייסן, האָט ער געהאַט אַ קול ווי אַ גלעקל און ער האָט געזונגען אַ ניגון, אַז מען האָט געהערט מיט צען גאַסן ווייטער, ער האָט דעם ניגון, האָט ער געזאָגט, אויסגעלערנט אין „סלוזשבע". ווי אַלע קבצנים, האָט ער גערינט פאַניען, די גבירישע קינדער האָבן נישט גערינט. און צום לעצט האָבן די געסט פאַרלאַנגט, אַז דער חתן אַליין זאָל זינגען אַ ניגון און זיידל האָט זיך געלאָזט בעטן און ערשט ווען דער מחותן האָט אים געהייסן זינגען, האָט ער זיך צוגעהאַלטן מיט דער רעכטער האַנט די באַק און געזונגען אַ ניגון, וואָס קיינער האָט נישט געקענט. ער האָט געזונגען שיין, נאָר אַביסל צו הויך און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט רייסט ער זיך איבער. דער טאַטע האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען דעם נייעם ניגון און מאַמציע האָט זיך געשעמט און אַביסל געוויינט; די מאַמע האָט געוויינט אויף אַ קול. דער ניגון איז שוין פאַרבליבן. דער ערשטער האָט אים אויסגעלערנט אָשר דער שוסטער. וואָס האָט געהאַט אַן אייזערנעם קאָפּ, האָט מען געזאָגט, צו נגינה. מען האָט אים דערנאָך טאַקע שוין שטענדיק גערופן „זיידלס ניגון". דער גאַנצער שבת איז געווען אַ פריילעכער. עס זיינען אין שטוב אַריין כסדר געקומען געסט און מען האָט זיי מכבד געווען. ווי די מאַמע האָט עס אַרומגעטאַנצט אַרום די געסט און געזען, אַז יעדער זאָל עפּעס נעמען! צו יעדן איינעם האָט זי געזאָגט: „איר זענט דאָך נישט געקומען צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט". און וויפל מען האָט עס אָנגעשיקט ערב שבת מיט די געסט! לעקעכער און קוגלען און פלעשער וויין און ניס. די מאַמע אַליין האָט געמוזט גיין צונעמען ביי יעדן קינד דעם טעלער, אָדער די פלאַש און יעדן איינעם געזאָגט מיט פרייד און מיט אַ קרעכץ: „זאָלסט זאָגן דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז אין גיכן ביי זייערע קינדער און זיי זאָלן טאַקע אַליין קומען מאָרגן אָפּעסן!" און שבת ביייטאָג איז טאַקע געקומען אַ האַלבע שטאָט. עס זיינען געקומען אַלע נאָענטע און ווייטע קרובים, אַלע באַלעבאַטים פון שולעבל, וואו דער טאַטע איז געווען בעל תפילה און חוץ דעם זיינען געקומען די שיינע באַלעבאַטים פון שטאָט. און מ'האָט אויפגעגעסן אַלץ, וואָס מען האָט געשיקט נאָך מיט פראָצענט, טאַקע ווי די מאַמע האָט געזאָגט. מען האָט אויפ־

געגעסן אויך די לעקעכער און די קוגלען, וואָס די מאַמע האָט אָנגעבאַקן. און די קינדער האָבן עס אביסל געגעסן! יאַנקל האָט אַלע מאָל ארויסגעשלעפּט נים און זיי געגעבן און ער איז ביי אַלע קינדער געווען געהויכט און גע־קרוינט. קיינמאָל האָבן אים די קינדער נישט אזוי ליב געהאַט ווי דעמלט. ער האָט זיך געוואונטשן, אַז קיינמאָל זאָלן די תנאים נישט אויפהערן, עס זאָל זיך אזוי ציען און ציען...

אָבער דעם גרויסן כּראַסק האָט יאַנקל פאַרשלאָפן. די תנאים זיינען פאָרגעקומען שביתי נאַכטס און מען האָט זיי אַ פּנים געמאַכט אביסל שפּעט־לעך און ווייל ער איז זיך אָנגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג און זיך אָנגעהוליעט און אָנגעשפּילט, איז ער געוואָרן מיד און ער איז ערגעץ אַנטשלאָפן געוואָרן און אויפגעשטאַנען איז ער שוין מאָרגן אין דער פרי, ווען אין שטוב איז אַלץ געווען אָנגעוואָרפן און אָנגעקידעט און איבערגעקערט האָרע קאָרע און ער האָט געדאַרפט גיין אין חדר אריין... ער האָט געפרעגט ווען עס וועלן זיין די תנאים און מען האָט געלאַכט פון אים און געזאָגט, אַז די פּור איז שוין לאַנג אוועקגעפאָרן... וויפל ער האָט זיך דערנאָך נישט נאָכגעפרעגט ווי אַזוי תנאים זעען אויס און ווי אַזוי מען האָט זיי געמאַכט, האָט ער זיך גאָרנישט געקענט דערוויסן. און ווען ער האָט שפּעטער געלערנט אין חדר „אינו דומה שמועה לראיה" (ס'איז נישט גלייך הערן צו זען) האָט ער זיך שטענדיק דער־מאָנט אין זיין שוועסטער מאַמציעס תנאים, וואָס ער האָט פאַרשלאָפן...

דער זומער איז שוין דערנאָך אוועק אַ טרויעריקער פאַר יאַנקלען. עס האָט זיך אים כּסדר געדאַכט, אַז ער האָט דאָס שענסטע פאַרשלאָפן אין זיין לעבן און וואו ער איז נישט געווען און וואָס ער האָט נישט געטאָן, האָט ער נישט אויפגעהערט טראַכטן פון די פאַרשלאָפענע תנאים. נאָך די דריי וואָכן און די נייען טעג איז מען אַ סך מאָל זיך געגאַנגען באָדן אין טייך אריין. דער טאַטע האָט אים איינמאָל מיטגענומען זיך באָדן אין אָפענעם טייך. די מאַמע האָט אים מיטגענומען אין די פאַרמאַכטע „קופּאַלניעס" (באָד־בעדלעך) וואו די ווייבער האָבן זיך געבאָדן באַזונדער און די מענער באַזונ־דער און ס'איז איןביידע ערטער געווען אַ גרויסע פרייד... מען האָט זיך געבאָדן און געפרייט. אויך אין דער גרויסער קיליער באָד האָבן די מענטשן געשריגן און זיך געפרייט, ווען זיי האָבן זיך געפּאַרעט פרייטיק פאַרנאַכט, אָבער אַזוי פריילעך ווי ס'איז געווען ביים טייך און אין די „קופּאַלניעס" און ביים אָפענעם טייך איז אין באָד נישט געווען. די מענטשן און די קינ־דער האָבן געטאַנצט אין וואַסער, וואָס איז ביים אָנהייב געווען אביסל קאַלט און דערנאָך איז עס געוואָרן ווארעם אַ מחיה. אָבער יאַנקלען איז דאָס אַלץ נישט באַקומען, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער, דער גלאַוונער מחותן, האָט אַזוי נאַריש פאַרשלאָפן דער שוועסטערס קנסמאָל..

קאפיטל פיר

דער רבי קומט און רופט ארויס א מלחמה צווישן טאטן מיט דער מאמען

די נייע ימים נוראים זיינען פאר יאנקלען געקומען נישט נאר מיט דעם געוויינלעכן טרויער, נאר אויך מיט פרייד. שלום יאסי, וואס האט געדאוונט מוסף ביי זיין טאטן אין שול, האט דאס מאל געוואלט דאוונען מיט משוררים און ער האט צונויפגענומען עטלעכע ייִנגלעך און יאנקל איז געווען צווישן זיי. שלום יאסי האט אים פארהערט מיט א קאמערטאן און ער האט אים געהייסן מאכן „טא" א סך מאל ביז וואנען ער האט אים געזאגט, אז ער טויג און ער וועט זיין א מענטש און ער וועט עסן אין סוכה. און אלע טאג, ווען יאנקל איז אהיימגעקומען פון חדר, איז ער שוין געגאנגען צו שלום יאסין אהיים מאכן „רעפעטיציע" און דאס איז ביי אים געווען א גאנצע גדולה. די מאמע איז גאר געווען אויף דעם זיבעטן הימל דערפון און וויפל מאל ער איז צוריקגעקומען פון „רעפעטיציע" האט ער געמוזט איבערזינגען אלץ, וואס ער האט געלערנט, כאטש א סך מאל האט ער גאר נישט געלערנט, ווייל שלום יאסי איז אהיימגעקומען פון תבואה מארק, וואס מען האט גערופן „פריוואז" און וואו ער האט געהאנדלט, א מידער און א פארפראשעטער און ער האט געהייסן די קינדער אהיימגיין און קומען מארגן. יאנקל איז געווען ברוגז, וואס שלום יאסי האט געגעבן צו זינגען סאלא אן אנדער ייִנגל און נישט אים. ער האט דאס אזוי לאנג פארשוויגן ביז וואנען ער האט עס ארויסגעשאסן פאר דער מאמען און די מאמע האט שוין געמאכט, אז דער טאטע זאל זיך גיין זען מיט בעל מוסף וועגן דעם. שלום יאסי האט זיך פארענטפערט, אז ער איז נאך א קליינטשיקער און ער האט צוגעזאגט, אז איבער א יאר וועט ער שוין אים געבן צו זינגען סאלא און ער האט זיך געטרייסט און געהאפט און איז דאך געווען טרויעריק. שוין אזויפיל מאל אין זיין לעבן האבן אנדערע געקראגן דאס דאזיקע, וואס ער האט געוואלט. זיין פעטער פראימס ייִנגל לייבל, וואס איז קלענער מיט א יאר פון אים און ער איז נישט געווען דער כלהס א ברודער, האט נישט פארשלאפן די תנאים און ער האט זיי געזען און ער, דער גרעסערער, דער ברודער האט גארנישט גע־

זען... און דער פאַרדראָס זײַנער איז נאָך געװען גרעסער, װען דאָס ייִנגל האָט טאַקע געזונגען סאָלאָ און אַלע האָבן אים געלױבט און געזאָגט, אַז ער װאַקסט אַ כלי. און יענער איז געװען אַ פּראָסט ייִנגל, נישט קײן שוחטס אַ זון, זײַן טאַטע איז געװען אַן אָרעמער „שפּיגעלאַנט״. אים, אברהם שוחטס זון, האָט קײנער נישט געלױבט און גאָרנישט געזאָגט· נאָר אײן טימעלע האָט פּאַר אים געהאַט אַ גוט װאָרט, ער האָט אים געזאָגט: „אױ, יאַנקל, זינגסטו שײן, הלװאי קען איך אַזױ זינגען״. טימעלע איז געװען אַ װאַסערפירער. ער פלעג טאַקע ברענגען װאַסער צו זײ אין שטוב אַרײַן. ער איז שטענדיק געגאַנגען אָנ־געטאָן אַ װאַטן לײַבל און תמיד איז ער געװען נאַס. ער האָט געהאַט אַ רױטע באָרד, װאָס איז אַ גאַנץ יאָר געװען פול מיט װאַסער און װינטער איז זי גע־װען פול מיט שטיקלעך אײַז. ער האָט כמעט גאָרנישט געקענט רײדן און אַז ער האָט עפּעס געװאָלט זאָגן אַ גוטע זאַך, האָט ער געמאַכט הו, הו, הו... ער האָט געהײסן שימעלע, אָבער װײַל ער האָט נישט געקענט זאָגן קײן שין, האָט ער געזאָגט „טימעלע״, האָבן אים שױן אַלע אַזױ גערופן. ער האָט יאַנקלען ליב געהאַט, ער האָט אים גענומען אױף די הענט און אים נאַס גע־מאַכט און געקושט. אַמאָל האָט אים יאַנקל נישט געקענט לײדן, װײַל ער איז נאַס, אָבער דערנאָך האָט ער דערפילט אין אים אַ גלײַכן חבר... טימעלע האָט יאַנקלען געזאָגט, אַז ער װעט זײַן אַ גרױסער רב און װען ער איז אַלט געװען קױם פינף יאָר, האָט ער אים שױן געזאָגט: „הו, הו, הו! הלװאי קען איך שױן אַזױ לערנען װי דו״... און די אױגן האָבן בײַ אים געקוקט אַזױ שטום און מיט אַזאַ ליבע, אַזױ װי די מאַמע און אַזױ װי... דער הונט, װאָס האָט זיך בײַ זײ אַרומגעדרײט אין הױף און יאַנקל האָט פון אים געריסן שטיקער און ער האָט זיך דװקא געליאַנטשעט צו אים.

און נאָך אַלע יום טובים האָט יאַנקל אָנגעהױבן לערנען אַביסל גמרא. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען צום חיים ערליך און ער האָט אין אײן צײַט אָנ־געהױבן צו לערנען אי פּסוק, אי גמרא. דער רבי אַלײן האָט געהאַלטן, אַז עס איז נאָך צו פרי צו לערנען גמרא, ער איז קױם אַריבער די זעקס יאָר, אָבער דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז מ׳קען זיך אין גאַנצן באַגײן אָן פּסוק, דער עיקר איז די גמרא. ער אַלײן האָט אין גאַנצן נישט געלערנט אין חדר קײן פּסוק, ער איז גלײַך אַריבער פון חומש מיט רשי צו גמרא; האָט דער רבי דעם טאַטן צוליב געטאָן און האָט מיט אים געלערנט אַביסל גמרא טאַקע פון דעם לאַנגן און דינעם ספרל, װאָס מאַמציעס חתן האָט צוגעשיקט און װאָס האָט געהײסן „לקח טוב״. דער פּסוק איז יאַנקלען בעסער געװען געפעלן װי די גמרא, אין פּסוק זײַנען געװען סאַמע מעשהס. אין גמרא איז בײַם אָנהײב אױך געװען אַ מעשה. „שנים אוחזין בטלית״, אַז צװײ האַלטן אַ קלײד, זה אומר אַני מצאתיהו, דער זאָגט איך האָב עס געפונען און דער זאָגט... דאָס איז דאָך אַ מעשה און אַ שײנע דערצו און אַ קריג אױך... דאָס שענסטע איז

דאָך, ווען מען קריגט זיך און דער זאָגט אַזוי און יענער זאָגט אַזוי... ביי זיי אין שטוב קומט דאָך שטענדיק פאָר אַזוי, זאָגט דער טאַטע אַזוי, זאָגט די מאַמע אַנדערש... און אין חדר אין דאָך אויך אַזוי, איין ייִנגל זאָגט איין זאַך, זאָגט דאָס צווייטע ייִנגל אַ צווייטע זאַך... אָבער דערנאָך איז שוין אין דער גמרא קיין מעשהס נישט געווען און אין פסוק זיינען כסדר געווען מעשהס און מעשהס... און אַלץ אַזעלכע שיינע, וועגן מילחמות, וואָס זיינען כסדר געווען גוט און האָבן זיך געענדיקט גוט פאַר די גוטע און שלעכט פאַר די שלעכטע... און דער רבי האָט געלערנט דעם פסוק שיין און מיט אַ ניגון און אַ סך מאָל האָט ער פאַרקלעמט ביים האַרצן. אָט דערציילט ער ווי אַזוי די ייִדן זיינען שוין אַריינגעקומען קיין ארץ ישראל און זיי האָבן שוין פאַרלענדט די פיינט און זיי האָבן זיך שוין איינגעטיילט מיט דער ערד און יהושע איז שוין גע־וואָרן אַלט און ער האָט געשיקט רופן די עלטסטע און ער האָט געהייסן אי־בערגעבן אַלע ייִדן, וואָס גאָט האָט געטאָן פאַר זיי און ער האָט זיי געזאָגט, אַז אויב זיי געפעלט נישט דער ייִדישער גאָט, זאָלן זיי זיך אויסקלייבן אַנ־דערע געטער פון די שכנים. און ער אַליין און זיין הויזגעזיכט וועלן דינען גאָט... און דער רבי האָט געזאָגט, אַז היינט זיינען נאָך אויך פאַראַן ייִדן, וואָס דינען אַנדערע געטער און זיי האַלטן אָפּן שבת די קלייטן... און אין חדר זיינען געווען ייִנגלעך, וואָס זייערע טאַטעס האָבן געהאַלטן אָפן שבת די קלייטן און זיי האָבן זיך געשעמט און אייניקע האָבן געוויינט אויך, אָבער שפּעטער אַביסל האָבן זיי שוין גערעדט שאַרלאַטאַנסקע ווערטער. ווען יאַנקל האָט דערציילט דער מאַמען, וואָס דער רבי האָט מיט זיי געלערנט און ווי אַזוי ער האָט עס פאַרטייטשט, איז זי געווען אין זיבעטן הימל. די מאַמע האָט געמוזט וויסן אַלצדינג, וואָס איר יאַנקעלע האָט געלערנט און פון דעם איבערדערציילן איז זי אַליין געוואָרן געלערנט און וואוילקענעוודיק און זי האָט עס איבערגעזאָגט פאַר די ווייבער אין שול. די מאַמע האָט דערציילט, אַז איר טאַטע האָט שטענדיק געזאָגט, אַז קינדער דאַרפן לערנען פסוק און אַז די חסידים טוען זייער נישט גוט, וואָס זיי לערנען נישט די קינדער קיין תנך. און זי איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון דעם, וואָס דער רבי האָט אַריינגעזאָגט די ייִדן, וואָס האַלטן אָפן די קלייטן אום שבת, אַז זי האָט געזאָגט, אַז ווען ער איז נישט קיין מאַנספּאַרשוין, וואָלט זי געגאַנגען און אים אַ קוש געטאָן. און דער טאַטע האָט שוין געמוזט לאָזן, אַז יאַנקל זאָל דערווייל לערנען מער פסוק ווי גמרא, כאָטש דאָס האַרץ איז אים נישט געווען דערביי, ער איז געווען אַ חסיד און ער האָט געוואוסט, אַז פון תנך לערנט מען זיך אויס לשון קודש און אויף לשון קודש זיינען דאָ אַפּיקורסישע ספרים אויך, בעת אויף גמרא לשון איז דאָס נישטאָ. ער האָט אָבער אויסגע־נומען, אַז צום צווייטן זמן אם ירצה השם וועט ער שוין לערנען מער גמרא פון אַלץ...

אייגנטלעך איז שוין צייט געווען אריינצוגעבן יאנקלען אין אן אנדער חדר, אָבער ס'איז נישט געווען וואו. געווען איין גמרא מלמד אין שטאָט, דניאל האָט ער געהייסן, האָט ער געוואוינט ווייט. ער האָט געוואוינט לעבן נייעם מאַרק, נישט ווייט פון פעטער פראָים און יאנקל איז נאָך געווען צו קליין, אַז ער זאָל גיין אַזוי ווייט צוויי מאָל אין טאָג. ביי דניאלן האָבן געלערנט גאָר גרויסע בחורים, דער קלענסטער איז שוין דאָרט געווען בר מיצווה, אייניקע זיינען שוין געווען חתנים און האָבן שוין געהאַט גאָלדענע זייגערס. און דערצו האָט מען נאָך דאָרט געלערנט בייגאַכט און אויף וויפל יאנקל איז געווען יונג, האָט ער זיך נאָך געהאַלטן קלענער. ער איז עפּעס גאָר אַ וועווריק, האָט מען געזאָגט און מען האָט צוגעגעבן: „זאָל זיין מזל זיין גרויס!" און מען האָט אויסגעשפּיגן...

צום זומער האָט יאנקל סיי ווי געמוזט בלייבן ביי חיים ערליך, ווייל עס איז ווידער געקומען אַ געוויסער אויף דעם שטעטל. דאָס געוויסער איז דאָס מאָל געקומען אַ סך שפּעטער ווי צוריק מיט צוויי יאָר. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך פּסח, ווען דאָס וואַסער איז געקומען, אָבער מען האָט געוואוסט אַ סך פריער, אַז עס וועט קומען. ס'איז נישט געווען אַנדערש, ווי דאָס ערשטע געוויסער, אָבער ס'איז געוואָרן אַנדערש צוליב דעם, וואָס דעמלט איז אין קיליע געווען דער רבי. אַז מען האָט אין קיליע געזאָגט „דער רבי", האָט מען געמיינט דעם בוהושער. די גאַנצע שטאָט האָט אין אים געגלייבט און גאָרנישט געוואָלט וויסן פון קיין אַנדער רבין. ער האָט געוואוינט אין רומעניע און יאנקל האָט געהערט זאָגן, אַז מען וויל אים נישט אריינלאָזן אין שטאָט אריין, ווייל דער קייסער לאָזט נישט אריין קיין „זאַגראַניטשנע" (אויסלענדישע) יידן קיין רוסלאַנד, אָבער מען האָט אים דאָך אריינגעלאָזט, ווייל דער רבי קען מיט איין וואָרט, מיט איין ריר אפילו מאַכן, אַז עס זאָל זיין אויס קייסער...

דער רבי איז אָנגעקומען מיט דער שיף פון גאַלאַץ און די גאַנצע שטאָט יידן מיט גויים זיינען געווען ביי דער שיף. מען איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט ברויט און זאַלץ אַזוי ווי אַ קייסער און אפילו דער „פּריסטאַוו" איז אים אַנקעגן געפאָרן. יאנקלען האָט מען צום שיף נישט מיטגענומען, ווייל מען האָט מורא געהאַט מען זאָל אים דאָרט נישט צוטרעטן און די משה וועלוולקע האָט טאַקע דערנאָך דערציילט, אַז מען האָט צעטראָטן אַ קינד, זי האָט נאָר נישט געקענט זיך דערמאָנען וועמענס עס איז געווען... מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון דעם פאַעטאָן, אין וועלכן דער רבי האָט זיך אריינגעזעצט און יידן אַליין האָבן געשלעפּט דעם וואָגן. ר' משה טשיטשילניצקי, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון בוהושער רבין, ווייל ער האָט געהאַלטן פון אַן אַנדערן, האָט געזאָגט, אַז יידן זיינען גוטע פערד. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וויל גאָרנישט זאָגן, ווייל איר טאַטע האָט נישט

געהאַלטן פון קיין רבים, ער איז געווען אַ מתנגד. און זי האָט דערציילט, אַז איר טאַטע איז געוואָרן אויס רב אין איזמאַיל טאַקע צוליב דעם בוהושער רבין, נישט דעם איצטיקן, נאָר זיין טאַטן. דער אַלטער רבי איז דעמלט גע־קומען קיין איזמאַיל און די יידן האָבן געוואָלט, אַז דער רב זאָל אים אַנט־קעגן גיין, האָט דער טאַטע עליו השלום, האָט די מאַמע דערציילט, געפונען אַ פסוק, צי אַ גמרא, אַז דער מרא דאתרא, דער רב פון דער שטאָט איז דער גרעסטער און צו אים דאַרף מען קומען... האָט ער געמוזט ווערן אויס רב! און ווען די יידן האָבן דערנאָך געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן גמרא מלמד, האָט ער נישט געוואָלט און ער האָט געזאָגט, אַז אויב זיי קענען נישט ערלעך האַלטן די דאַזיקע, וואָס לערנען תורה, דאַרפן זיי נישט קיין תורה און ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן פּאָסטאַלעס און ער, דער גרעסטער למדן אויף אַריבער פיר הונדערט ווערסט, איז געשטאַנען איבער אַ ביטל מיט פעל און ער איז טאַקע געגאַנגען יונג פאַר דער צייט... און אַז די מאַמע האָט זיך שוין צערעדט וועגן דעם רבין, האָט זי גערעדט. זי האָט דערציילט, אַז ער האָט דעם טאַטן אויך קיין טובה נישט געטאָן. דער טאַטע איז געווען שוחט אין דעם דאָרף טשיטשמע, פלעגן קיליער יידן קומען אהין אויפן יאַריד און דער טאַטע איז זיי געפעלן און זיי האָבן אים געוואָלט ברענגען קיין קיליע. אי־בערהויפּט האָבן אים געוואָלט די פּראָסטע יידן, בעלי מלאכות, וואָס זיינען געקומען אויפן יאַריד פאַרקויפן די „קאַפּראַנקעס" און די קוטשמעס, וואָס זיי האָבן געמאַכט. אין קיליע זיינען דעמלט געווען צוויי שוחטים און איינער פון זיי האָט געדאַוונט אין בית מדרש און דער צווייטער אין דער גרויסער שול. אין דער „חברה נושאי המיטה שול", וואו די פּראָסטע יידן האָבן גע־דאַוונט, איז נישט געווען קיין שטענדיקער בעל תפילה. די שוחטים זיינען ביידע געווען פּריצים. פּנחס האָט געגלאַנצט מיט די אויגן צו גאָט און ער האָט געבאַפט מלאכים און ער איז וואָס אַמאָל געוואָרן ברייטער ווי לענגער און בייטאָג איז ער געשלאָפן און ווען מען איז צו אים געקומען פון אַ קבצן, האָט דאָס ווייב זיינס געזאָגט, אַז ער איז נישטאָ אין דער היים. הערשל שוחט איז געווען אַ פריילעכער ייד און אַ קלוגער, ער איז געווען אַ בעל שמסקע אייניקל און ער האָט זיך איבערגענומען מיט דעם. ער איז געווען אַ לאַנדס־שדכן און איז אַלע מאָל געפאָרן קיין קעשענעוו אויספירן רייכע שידוכים. און די שטאָט איז געווען אָן אַ שוחט. האָבן די פּראָסטע יידן געוואָלט ברענגען אברהמען פון טשיטשמע, האָט אָבער דער רבי געהאַט צוגעזאָגט צו מאַכן פאַר שוחט אַ יונגן מאַן שמואל. די צוויי עלטערע שוחטים האָבן אויך געוואָלט שמואלן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ער וועט זיין זייער משרת. זיינען אין אַ שיינעם מיטוואָך בייינאַכט אָנגעקומען עטלעכע בעלי מלאכות מיט צוויי גרוי־סע וועגענער קיין טשיטשמע און האָבן אַרויפגעלייגט אברהם שוחט מיטן ווייב, מיט ביידע טעכטער און מיט די בעבעכעס און זיי אַוועקגעפירט קיין קיליע.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי געפאָרן מיט דעם שוחט, און מיט די בעבעכעס און געזונגען ניגונים און לידער. איז געוואָרן אַ שריפה... די פּיטראַפּיע (אַזוי האָט מען גערופן קהל) איז געגאַנגען און האָט אויף צו להכעיס די „פּאַלגעס" צוגענומען שמואלן... איז געוואָרן יענץ מחלוקת, די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אויף צוויי צדדים און מען האָט זיך באַלד געווענדט צום רבין... דער רבי איז געווען צו קלוג, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין גאַנצן אויף איין צד, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די שניידערוקעס און די שוסטערוקעס וועלן אים נישט פאָלגן, האָט ער געפּסקנט, אַז דערווייל זאָל מען ביידע שוחטים נישט לאָזן קוילען און מען זאָל זיי ביידע צאָלן וואָכנגעלט, שמואלן העלפט וויפל אַן אַנדער שוחט, ווייל ער האָט נישט קיין קינדער, ביי אים בלייב עס, האָט די מאַמע צוגעגעבן, און אברהמען אביסל מערער... און אַריבער אַ יאָר האָט מען אַזוי געקראָגן וואָכנגעלט אָן הכנסה און נישט געקוילעט. די חלפים האָבן געזשאַווערט אין די קאַסטנס און די קבצנים האָבן געקרעכצט, אַז זיי האָבן קיין שוחט נישט. אברהם האָט געדאַוונט אין דער חברה נושאים און האָט באַלד געקראָגן אַ שטיקל הכנסה. ער איז געוואָרן דער בעל תפילה פון די בעלי מלאכות. זיינען געגאַנגען אייניקע שניידערס, צום מערסטנס דאַמסקע און זיי האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן און זיך געמאַכט אַ באַזונדערע שול, וועלכעס זיי האָבן גערופן „דאָס קליינע שולעכל" און די שטאָט האָט עס גערופן „דאָס שניידערישע שולעכל" און דאָרט איז געוואָרן שמואל דער בעל תפילה. ערשט אין אַ יאָר אַרום האָט דער רבי דערלויבט ביידע צו קוילען, ווייל די האָרעפּאַשניקעס האָבן געזאָגט, אַז בלוט וועט זיך גיסן, אויב ער וועט זייער שוחט קריוודען. אָבער אַ געהאַלט האָט אברהם געקראָגן אַ סך אַ קלענערס ווי די אַלטע שוחטים און שמואל, וואָס איז געווען אַ בעזדיטניק, האָט געקראָגן נאָך אַ קלענערס. קיין „שטיקלעך" האָבן די צוויי נייע שוחטים נישט געקראָגן, כאָטש זיי זיינען צום מערסטן געפאָרן אין „בוינע" אַריין. אַלע וואָך זיינען געפאָרן צוויי שוחטים אין „בוינע" אַריין, איינער אַן אַלטער און איינער אַ נייער, פלעג דער אַלטער כמעט קיינמאָל נישט פאָרן און דער נייער האָט אים געדאַרפט אָפּשיקן די שטיקלעך און נאָך אַכטונג געבן, אַז מען זאָל גאָרנישט צונעמען. ווי אויף צו להכעיס האָט הערשל שוחט געדאַרפט וואַוינען אַ סך ווייטער פון דער „בוינע" ווי אברהם און די קצבים פלעגן נישט וועלן אָפּפירן די שטיקלעך, פלעג הערשלס ווייב זאָגן, אַז די מאַמע יאַנקלס נעמט איר צו דאָס פלייש, האָט זי שוין די מאַמע אַביסל אָנגעבענטשט דערפאַר און זי האָט געזאָגט, אַז אויב עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וועט ער נאָך מאַכן, אַז זי זאָל זיך וואַרגן מיט די שטיקלעך. שטאַרק האָט דערפאַר די מאַמע נישט געהאַלטן פון רבין, אָבער דעם טאַטן אין די אויגן האָט זי עס נישט געזאָגט.

און די שטאָט איז הערווייל געגאַנגען כאַדראַם מיטן רבין, וואָס איז

אָנגעקומען כמעט אין איינעם מיטן געוויסער. מען איז שוין געווען אַביסל פּראַקטישער ווי פריער און מען האָט פאַר די נידעריקע שטיבער אָנגעשיט זאַמד און אַש און אָנגעלייגט שטיינער און ביי איניקע האָט עס טאַקע געהאָלפן אויך, דאָך זיינען גענוג שטיבער פאַרטרונקען געוואָרן. דער רבי איז איינגעשטאַנען ביים גרעסטן גביר פון שטאָט, וואָס האָט געהייסן חיים יאַנקל קיצים. אייגנטלעך האָט מען נישט געוואוסט, צי ער איז טאַקע דער גרעסטער גביר, איניקע האָבן געזאָגט, אַז שלום לעוונטאַן איז אַ גרעסערער, אָבער יענער איז געווען אַ האַלבער גוי, ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד און ער איז געגאַנגען געשוירן און מען האָט נאָך געזאָגט דערצו, אַז ער האָט צוויי ווייבער. די איידעמס זיינע זיינען גאָר געווען גאַנצע גויים און זיי זיינען געגאַנגען געגאָלט. זיינע טעכטער האָבן גערעדט מיט די קינדער רוסיש. איין איידעם איז גאָר געווען אַן אַפּטייקער. פאַר די פרומע יידן איז דער גרעסטער גביר געווען חיים יאַנקל קיצים. ער איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ ווייס בערדל, אַביסל אַן אויסגעקראָכנס און מיט אומרואיקע אייגלעך. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, ער האָט געקוקט אויף מענטשן און ער האָט זיי נישט געזען. ער האָט געטראָגן נישט קיין קורץ רעקל און נישט קיין קאַפּאָטע, אָבער שבת איז ער געגאַנגען אין בית מדרש אַריין און ער האָט געטראָגן אַ שווערע אַטלעסענע קאַפּאָטע, וואָס האָט שטאַרקער געגלאַנצט ווי אַלעמענס קאַפּאָטעס. ער האָט געטראָגן צוויי קאַסטנס אַריינגעשטעלטע ציין און זיי האָבן זיך אים שטענדיק געשאָקלט אין מויל און פאַר יעדן און נאָך יעדן וואָרט האָט ער געזאָגט: „ששש...” ער האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער, סאַמע זין. אפשר צוועלף זין. דער עלטסטער איז געווען עלטער פון יינגסטן מיט פינף און צוואַנציק יאָר און ער האָט אויסגעזען ווי זיין טאַטע. אויף צוויי פון די זין האָט מען געזאָגט, אַז זיי זיינען משוגע געוואָרן און מען האָט זיי געמוזט אַוועקפירן ערגעץ אין משוגעים הויז. אין קיליע האָט מען זיי אין ערגעץ נישט געזען. אויך זיין ווייב, וואָס האָט געהייסן גאָלדע, איז נעבעך נישט געווען אין גאַנצן ביי די געדאַנקען. אַ שטוב איז ביי חיים יאַנקלען געווען אַ גרויסע, זי האָט פאַרנומען אַ האַלבן קוואַרטאַל, עס זיינען אין איר געווען אפשר דרייסיק צימערן, איינע גרעסער פון אַנדערן. און מער ווי אַ העלפט פון דער דאָזיקער דירה האָט מען אָפּגעטראָטן דעם רבין מיט זיינע מענטשן. אַ גאַנצע וואָך האָט דער רבי געפּראַוועט און גענומען קוויטלעך מיט פדיונות, עס איז נישט געווען איין ייד, וואָס אים האָט עפּעס נישט געפעלט און וואָס זאָל נישט ברענגען קיין פדיון. אָרעמעלייט האָבן פאַרזעצט דאָס העמד פון לייב און געבראַכט פדיונות. מען האָט געזאָגט, אַז אַן אָרעמאַן פּראַוועט דער רבי אויך אָן אַ פדיון, אָבער עס האָט קיין ווערט נישט. מען מוז עפּעס ברענגען, בכדי די ברכות זאָלן זיך צוקלעפּן... מען איז געלאָפן נאָך שידוכים פאַר מיידלעך און נאָך קינדער און

נאָך געזונט און נאָך פּרנסה און נאָך שלום בית און מען האָט אויפגעדעקט אַלע שווערע הערצער. א סך סודות זיינען אויפגעדעקט געוואָרן. מען האָט זיך אפילו דערוואוסט פון מענער, וואָס זיינען נישט געטריי די ווייבער און זיי גייען צו אַנדערע... אַלעמאָל איז די שטאָט געגאַנגען כּאַדראַם מיט אַן אַנדער נייעס. און שבת האָט דער רבי געפּראַוועט טישן, איינמאָל האָט ער געפּראַוועט פּרייטיק צונאַכטס און שלוש סעודות, אַן אַנדער מאָל שבת ביי־טאָג. די חסידים זיינען דאָרט איבערגעליגן טאָג ווי נאַכט. די שטאָט איז פול געווען מיט וואַסער, קיין מאַרק איז כמעט נישט געווען, האָבן די אַלע מעקלער און „שפּיגולאַנטן" און סוחרים, וועלכע מען האָט גערופן „פּראָסטאַקעס" (אַזוי האָט מען גערופן אַלע יידן אויסער די בעלי מלאכות) נישט אויפגע־הערט צו הוליען ביים רבין. בייטאָג און ביינאַכט און אפילו אין דער פרי פלעג מען נעמען אַביסל משקה און זינגען אַ ניגון און אָנהייבן גיין אַ ריקוד און מען האָט נישט אויפגעהערט ביז וואַנען דער רבי איז נישט אַרויסגעקו־מען. דער רבי איז געווען אַ הויכער, אַ פעסטער און ער האָט שטענדיק גע־טראָגן אַ שטריימל מיט אַ שפּיץ, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך העכער. ער האָט געהאַט אַ טונקלע באָרד, שוין היפּשלעך גרוי און אונטער דער באָרד האָט זיך ביי אים אַרויסגעזען אַ געפּרעסט העמד, אַן אַריבערגעלייגטס, וואָס איז געווען ווייס ווי שניי און ס'האָט זיך אויך אַרויסגעזען אַ ברייטער, פּיל־קאָלירנדיקער שניפּס מיט אַ בריליאַנטענער שפּילקע. ער האָט געטראָגן אַ בלישטשענדיקע זיידענע קאַפּאָטע און לאַקירטע דינע שטיוועלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף אַ מייל די וויט. די פּאות זיינען ביי אים געווען ברייטע, גלייך פאַרבויגענע און פעט אָנגעשמירטע און זיי האָבן אויך געבלישטשעט. דאָס פּנים איז געווען ווייס און לויטער און אָן איין קנייטש, נאָר אויף דעם גרויסן שטערן האָט ער געהאַט עטלעכע קנייטשן. די אויגן זיינען געווען גרוי־סע, קיילעכדיקע, אַביסל אָנגעגאָסענע און זיי האָבן געקוקט גלייך אויף דעם עולם, וואָס האָט געטאַנצט ווילד און האָט נאָך ווילדער געשריגן „ישראל מלך ישראל חי וקים". (דער רבי האָט געהייסן ר' ישראל'ניו). דער רבי איז אַזוי געשטאַנען אַ שטיק צייט און צוגעפּליעסקעט מיט די ווייכע ווייסע הענט און ער איז באַלד פאַרשוואונדן און די יידן האָבן ווייטער געזונגען און געטאַנצט.

מענער פלעגן אַהיימקומען שפּעט ביינאַכט און זיי האָבן געהאַט אַ תירוץ, אַז אַ קלאַטקע האָט זיך איבערגעריסן. און אַז ס'האָט זיך נישט איבערגע־ריסן, האָט מען איבערגעריסן... די ווייבער האָבן שוין קיין טענות נישט גע־האַט, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. און זיי האָבן טאַקע אויך געגלויבט אין רבין און זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט ברענגען מזל ברכה...

יאַנקל געדענקט, ווי דער טאַטע האָט אים מיטגענומען זיך פּראַוועזן ביים רבין. ביי די אַנדערע צוויי שוחטים און ביים דיין איז הער רבי געווען צו

גאַסט. דער רבי איז געווען צו גאַסט ביי די גבירים, ביי וועלכע ער האָט געפּראַוועט וואָכעדיקע „טישן" מיט פּירות און פאַר דעם „טיש" האָבן זיך די גבירים מיט זייערע מישפּחות געפּראַוועט און געגעבן גרויסע סומעס געלט. צו הערשל שוחט איז דער רבי געגאַנגען, ווייל ער איז געווען אַ בעל שמסקע אייניקל און עפּעס אַ ווייטער קרוב און צו פּנחסן איז ער געגאַנגען, ווייל ער איז געווען איינער פון די צוויי עלטערע שוחטים און ער האָט אים נישט געוואָלט פאַרשעמען. אברהם האָט אַפילו נישט געוואָגט צו טראַכטן וועגן דעם, אַז דער רבי זאָל גיין צו אים. ערשטנס איז ער געווען אַ מתנגדם אַן איידעם, צווייטנס איז ער אַריינגעפאָרן קיין קיליע אָן זיין וויסן... טאַקע שוין ביים שלום געבן האָט דער רבי באַמערקט אברהמען, אַז אויף אים, אויף בערל שוחטס זון פון איזמאַיל האָט ער זיך נישט גערעכנט. ער קומט אַרויס פון דור דורות חסידים און אין די מקומות האָט זיך נאָך נישט געמאַכט, אַז אַ שוחט זאָל אַריינפאָרן און נישט פרעגן ביי אונז... אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט — ביי אונז... דער טאַטע האָט זיינע ווערטער נאָכגעזאָגט מלה במלה און דערפון שטאַרק יסורים געהאַט און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, אַז ער איז נישט שולדיק; יידן זיינען געקומען און האָבן אים געבראַכט! דער רבי האָט באַמערקט: „און מיסתמא איז זי געווען שולדיק אין דעם, לייב ליטוועקס טאָכטער... איר טאַטע האָט דאָך נישט געוואָלט אַנטקעגן גיין מיין טאַטן... ער האָט זיך דאָך אונז אַנטקעגן געשטעלט"... דער טאַטע האָט עס פריער פאַרשוויגן אַ לאַנגע צייט און סוף כל סוף האָט ער עס פאָרט דערציילט דער מאַמען, ווען יאַנקל איז געווען דערביי. דער טאַטע איז געווען גאָר איבערגעשראָקן און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אירע הענט און איר נשמה זיינען איר ריין און זי האָט נישט מורא, איר טאַטנס זכות וועט ביישטיין... פּראַווען איז דער טאַטע געגאַנגען נישט אַליין, נאָר מיט דער גאַנצער מישפּחה. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין דער שבתדיקער זיידענער קאַפּאָטע און אין סאַמעטענעם היטל, די מאַמע איז אויך געגאַנגען און זי האָט געזאָגט, אַז איר האַרץ ווייסט נאָר גאָט. זי האָט אָנגעטאָן דעם פּאַרוק מיט דעם זיידענעם באַרעטל און מיט אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ סאַמעטן מענטעלע פון אויבן, כאָטש ס'איז געווען גאַנץ וואַרעם און אַלע פיר קינדער האָט מען אויך אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. פאַר זיי זיינען געווען עטלעכע יידן אויך מיט די גאַנצע פאַמיליעס און זיי האָבן געדאַרפט לאַנג וואַרטן. דער גבאי האָט אָנגעשריבן אַ קוויטל און ער האָט געפרעגט, צי דער טאַטע וויל עפּעס בעטן באַזונדער און דער טאַטע האָט נישט מער געהייסן ווי אַריינשרייבן געזונט אַלעמענס נעמען. דער גבאי, וואָס האָט געשריבן די קוויטלעך איז געווען אַ קליינטשיקער, אַ שוואַרצער אַזוי ווי אַ ציגיינער, און ער האָט געהאַט אַ גרויסע ביבקע אויף דעם לינקן אויער. מען האָט אים גערופן מאיר ענגלבערג און ער פלעגט אַלע יאָר קומען אַליין קיין קיליע צונויפקלויבן „מעמדות" פאַר דעם

רבין. מען האָט אים גערופן דעם רבינס מיניסטער. דער רבי האָט אויפגענו־מען מיט דער רעכטער האַנט איבער ביידע אויגן, ער האָט יאָ און נישט גע־זען. דעם טאַטן האָט ער געוואונטשן געזונט און פרנסה און אַ פעסטע האַנט צו דער שחיטה און נחת אין קינדער און זיין אַ געטרייער חסיד... דער טאַטע האָט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער איז עס ברוך השם שטענדיק גע־ווען. דער מאַמען האָט ער געוואונטשן געזונט און פרנסה און דערלעבן מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים און זיי נישט פירן אין מתנגדישע וועגן. דער טאַטע האָט זיך געבעטן ביי דער מאַמען, מיט די אויגן, אַז זי זאָל גאָרנישט ענטפערן. ביי דער שוועסטער מאַמציע האָט זיך דער רבי לענגער אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער קען איר מחותן און ער ווייסט, אַז ער האָט אַ וואווילן זון און ער ווינטשט, אַז דער זיווג זאָל עולה יפה זיין און אַז ער זאָל באַפרייט ווערן פון גויאישע הענט. ער ווייסט, אַז ער איז ערגעץ באַהאַלטן אין אַדעס צוליב דעם „פריזיוו". די קינדער האָבן עס ערשט איצ־טער זיך דערוואוסט. ביי די צוויי קלענערע מיידלעך האָט זיך דער רבי נישט לאַנג אָפּגעשטעלט, דערפאַר האָט ער זיך זייער לאַנג אָפּגעשטעלט אויף יאַנקלען און געפרעגט ווי אַזוי ער לערנט און ווען דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַן אויסגעשפּילט קעפּל, האָט דער רבי געזאָגט, אַז ער זאָל נאָר נישט זיין קיין צו אויסגעשפּילט קעפּל, ווייל די גאָר גוטע קעפּלעך ווערן מתנגדים, אָדער גאָר אפיקורסים רחמנא ליצלן... אַ ירא שמים, האָט דער רבי געזאָגט, איז עדיף (מער) פון אַ למדן... און ער האָט יאַנקלען צוגערופן צו זיך און אים געזאָגט: „דו האָסט געהאַט אַ זיידן אַ גרויסן למדן, אָבער נאָר זיין תורה זאָלסטו ירשענען, נישט זיינע דרכים... ער איז חלילה נישט אַרוים לתרבות רעה (ער האָט דערביי געקוקט מיט אַ האַלב אויג אויף דער ברוגזער מאַמען) אָבער — נישט אונזער דרך... אין אונזער דרך איז געגאַנגען דיין זיידע בערל און דיין עלטער זיידע ר' נח בערשאַדער, וואָס איז עולה געווען קיין ארץ ישראל און ביי אונז פּראָוועט מען ביז היינט זיין יאָרצייט, ווייל מיין טאַטע זכרונו לברכה האָט עס אונז געלאָזט בקבלה..."

ביים אַרויסגיין האָט מאיר ענגלבערג אַלעמען צוגעוואונטשן, אַז וואָס דער רבי האָט געוואונטשן זאָל מקוים ווערן און יאַנקל איז געווען מער צע־פּלאָמט ווי אַלע. ער האָט געפילט ווי עס האָט אין אים אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף דער טאַטע מיט דער מאַמען, די זיידעס פון דעם טאַטנס צד מיט די זיידעס פון דער מאַמעס צד... און אַזוי ווי זיי זיינען נאָר אַרויסגעגאַנגען פון חיים יאַנקל קיציסעס הויז האָט די מאַמע געזאָגט, אַז פון דעסט וועגן ווינטשט זי, אַז אַלע אירע ליבע זאָלן האָבן אַזעלכע קינדער ווי איר טאַטע איז געווען. דער טאַטע איז געגאַנגען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן... קיינמאָל ביז דעמלט און נאָך דעמלט האָט יאַנקל נישט אַזוי געפילט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען זיך אַזעלכע פרעמדע צוויי וועלטן, ווי ער האָט עס גע־

פילט אין יענער רגע. און דעם חילוק פון א ליטוועק ביז א מתנגד האָט ער פּאָרט נישט געוואוסט און ער האָט זיך איין געדאנק געזאָגט, אז ווען ער וועט ווערן גרויס, וועט ער מוזן זיך דערוויסן דעם חילוק צווישן טאַטנס און דער מאַמעס צד.

די מאַמע איז שוין מער צום רבין נישט געגאַנגען, דער טאַטע איז דאָרט איבערגעלינן טאָג ווי נאַכט און עס האָט שטענדיק געשמעקט פון אים מיט ווייַן און ער איז שטענדיק געווען הייזעריק. יאַנקל איז אויך א סך מאָל מיט־געגאַנגען מיט דעם טאַטן און ער האָט געקוקט ווי די יידן טאַנצן און א סך מאָל האָט ער מיטגעזונגען. איבערהויפּט האָט ער געזונגען, ווען דער רבי איז אַרויסגעגאַנגען צו די יידן. דער רבי איז אים געווען געפעלן, כאָטש ער איז ברוגז געווען אויף אים, וואָס ער האָט גערעדט אַזעלכע האַרבע רייד צו דער מאַמען. א חלום האָט געהאַט יאַנקל — קריגן א קוילעטשל פון רבינס טיש. לויט אן אַלטן מנהג נאָך פון די צייטן פון בית המקדש האָט מען בעדאַרפט מאַכן א המוציא איבער צוועלף חלות, זיינען ביים רבין אויף דעם טיש גע־ליגן צען קליינע קוילעטשלעך אויסער די צוויי גרויסע חלות. האָט זיך באַלד ביים אָנקומען פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז ווען דער רבי וועט אָוועקפאָרן, וועט מען די צען קוילעטשלעך צעטיילן צווישן קינדער און אַלע קינדער האָבן גע־חלומט פון זיי. אָבער יאַנקלען איז נישט באַשערט געווען צו זיין פון די מיוחסים. ביים גבאי פון רבין זיינען געווען גרעסערע מיוחסים ווי ער... אוי־סער ביי זיין מאַמען איז ער, דער בן יחיד, ביי קיינעם קיין מיוחס נישט געווען, אויך נישט ביי זיינע מלמדים, כאָטש ער האָט תמיד געקענט בעסער פון אַלע קינדער...

דאָס וואַסער איז אַוועק נאָך איידער דער רבי איז אָוועקגעפאָרן. די „אופּראַווע" (שטאָט־פאַרוואַלטונג) האָט אונטערגענומען א זאַמלונג ביי אָרעם און רייך אויף אויסצובויען א דאַמבע, בכדי צו פאַרהיטן די שטאָט פון א נייעם געוויסער. יידן האָבן געגעבן געלט מער ווי אַלע און מען האָט באַלד גענומען בויען. מען האָט אויסגעבויעט א הויכן באַרג לעבן ברעג, אז דאָס וואַסער האָט שוין טאַקע נישט געקענט אַריבער און זייט דעמאָלט איז שוין אין קיליע מער קיין געוויסער נישט געווען. יידן האָבן געזאָגט, אז דאָס איז געווען דעם רבינס ברכה און עס זיינען אפילו געווען גויים, וואָס האָבן עס אויך געזאָגט. עס זיינען א סך גויים אויך געגאַנגען זיך פּראַווען צום רבין. אייניקע זיינען געקומען בעטן אויף קינדער און אַנדערע זיינען געקומען בעטן, אז קינדער זאָלן זיך ביי זיי האַלטן און עס האָבן נישט געפעלט קיין קריסט־לעכע פּרויען, וואָס האָבן געזאָגט, אז דער רבי האָט זיי געהאָלפן. ביי יאַנק־לען איז פאַרבליבן א פאַרדרוס נאָך דעם רבינס אָוועקפאָרן, אי ווייל ער האָט גערעדט האַרבע רייד צו דער מאַמען און זי אויף לאַנג טרויעריק געמאַכט, אי ווייל ער האָט נישט געקראָגן קיין קליין קוילעטשל. ער האָט ביי א סך

קינדער געזען קליינע קוילעטשלעך און לויט זיין חשבון זיינען פון זיי געווען
א סך מער פון דריי מאָל צען. ער האָט געזען קוילעטשלעך ביי קינדער, וואָס
זייערע טאַטעס זיינען א סך ווייניקער פרום ווי זיין טאַטע און ס'האָט אים
פאַרדראָסן און וויי געטאָן.

☆

קאַפּיטל פינף

ער פאָרט קיין איזמאַיל נאָך מתנות און קומט צוריק און ווערט אַ גנב

צוויי מאָל איז די מאַמע קראַנק געוואָרן אין יענעם ווינטער, וואָס איז געקומען נאָך דעם זומער, ווען דער רבי איז געווען אין איינעם מיטן געוויסער און האָט געלאָזט מזל און ברכה. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געהאַט טיפוס און איז געווען געפערלעך. אַ ניי וואָרט האָבן די קינדער פון שטוב דעמלט אויסגעלערנט — „פּערעלאָם" (קריזיס). דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז עס דאַרף קומען דער „פּערעלאָם" און אויב זי וועט אים אַריבערטראָגן, וועט זי ווערן געזונט. זיינען אַלע קינדער אַרומגעגאַנגען און געבעטן גאָט, אַז די מאַמע זאָל אויסהאַלטן דעם „פּערעלאָם". מער פון אַלע האָט געבעטן און געוויינט און געקלאָגט די קלענסטע שוועסטער שפרה, וואָס איז שוין דעמלט אַלט געווען פינף יאָר. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָט און וועמען זי האָט געזען, האָט זי געבעטן, אַז זיי זאָלן בעטן גאָט, אַז די מאַמע זאָל אויסהאַלטן דעם „פּערעלאָם". און די מאַמע האָט אויסגעזען, אַז אַ שענערע לייגט מען אין דער ערד אַריין. זי האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי די מאַמע, נאָר ווי עפּעס אַן אַנדער פרוי. איינמאָל האָט מען שוין צונויפגענומען אַלע קינדער און געזאָגט, אַז די מאַמע וויל זיך מיט זיי געזעגנען און זי האָט געקוקט אויף אַלע קינדער מיט טרערן, דער דאָקטער האָט איר נישט געהייסן זיי קושן, ווייל זי קען זיי נאָך חלילה אָנשטעקן און זי האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן נישט אַ קוש צו טאָן די קינדער. זי האָט געהייסן אַלע קינדער בעטן גאָט אויף איר. „נישט צוליב מיר, האָט זי געזאָגט, נאָר צוליב אייך... איר דאַרפט אַ מאַמע... וואָס וועט איר טאָן אָן אַ מאַמע?" די עלטסטע שוועסטער מאַציע, וואָס האָט זיך קלוימערשט געהאַלטן ווי דער העלד, האָט געחלשט און די קלענסטע האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און איז געלאָפן קושן די מאַמען און עס האָט איר גאָרנישט געשאַדט. און שפּעטער האָט שוין די מאַמע קיינעם נישט דערקענט... און אויף מאָרגן האָט דער גוטער דאָקטער נעמיראָווסקי, וואָס האָט גערעדט יידיש, כאָטש מען האָט געמורמלט, אַז ער האָט זיך געשמדט, געטרייסט די קינדער און זיי אָנגעזאָגט

די בשורה, אַז דער „פּערעלאַם" איז אַריבער און אַז מען וועט איצטער אַכ־טונג געבן אויף איר און זי אָפּהיטן, וועט זי זיין געזונט. און מער פון אַלע האָט זי שוין אָפּגעהיט שפרה. זי האָט אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל טאָן אַלץ, וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן. זי האָט נאָר שוין אַביסל צופיל אַכטונג גע־געבן און די מאַמען מיד געמאַכט און איר געשטאָפּט מיט עסן מער וויפל מען האָט באַדאַרפט. אָבער אַזוי ווי די מאַמע איז נאָר אַביסל געקומען צו זיך, האָט זי באַלד ווידער גענומען האַרעווען איבער די כוחות. דער טאַטע האָט צוגענומען אַ דינסט און ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפן, ווייל דער מאַמען איז סיי ווי נישט געווען געפעלן ווי אַזוי די דינסט רוימט און מעלקט די קי און אין קיך אַריין האָט זי איר שוין גאָרנישט אַריינגעלאָזט.

און אַ צוויי חדשים נאָך דעם, וואָס די מאַמע האָט געהאַט דעם טיפוס, איז זי ווידער קראַנק געוואָרן — דאָס מאָל אויף אַ לונגען אַנטצינדונג. און ווידער האָט מען גערעדט וועגן „פּערעלאַם", אָבער דאָס מאָל שוין מיט מער שרעק. דער דאָקטער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט מורא זי וועט נישט אויסהאַלטן, ווייל זי איז זייער אָפּגעשוואַכט. אין שטאָט האָט מען שוין גע־קוקט אויף די קינדער ווי אויף יתומים. די ערשטע האָט גערופן אַלע קינדער יתומים די משה וועלוולקע און דערנאָך איז שוין געגאַנגען אַ גאַנג... אַ פּאָר מאָל האָט מען שוין געזאָגט אין שטאָט, אַז די מאַמע איז שוין געשטאָרבן און דער טאַטע, וואָס איז שוויגנדיקערהייט אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און גע־זעסן טאָג ווי נאַכט לעבן דעם צימער, וואו די מאַמע איז געלעגן און ער האָט געזאָגט תהילים, האָט געברומט מיט פאַרוויינטע אויגן, אַז דאָס, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זי איז שוין געשטאָרבן, איז אַ גוטער סימן... מען האָט דער מאַמען גענדאַרפט געבן מילך פון מאַנדלען, זיינען אַלע קינדער געזעסן טאָג ווי נאַכט און געקלאַפּט מאַנדלען און קיין פרעמדע נישט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט און זיי האָבן אַריינגעוויינט מיט בלוטיקע טרערן אין די מאַנדלען אַריין. און מער פון אַלע האָט געקלאַפּט די קליינע שפרה און מער פון אַלע האָט זי געוויינט. און ווידער איז זי אויסגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט און גע־בעטן יעדן, אַז זיי זאָלן בעטן גאָט אויף איר מאַמען. זי איז געווען ביי אַלע פּירזאָגערינס און צום רב איז זי געגאַנגען און אין שול אַריין צום ארון קודש איז זי געלאָפן און געשריגן. די אויגן זיינען איר געווען רויט און די נאָז די ברייטע איז איר אויך געווען רויט. ווען מען האָט זי געזען, האָט זיך געגלוסט אי וויינען, אי לאַכן... עס איז געווען שווערער ווינטער, עס זיינען געשטאַנען גרויסע פרעסט און די גאַנצע שטאָט איז געווען באַדעקט מיט שניי. דער טייך איז שוין געשטאַנען און אַלע שויבן זיינען געווען פול מיט קרענצלעך אייז און שפרה איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ דין מענטעלע און מיט אַ שאַלעכל אויף דעם קאָפּ און געוויינט און געשריגן און ס'איז געווען אַ נס, וואָס זי האָט זיך נישט פאַרקילט און איז נישט קראַנק געוואָרן. מען האָט זי שוין נישט געררו־

פון אַנדערש ווי די יתומה נעבעך... וועמען פון די קינדער מען האָט געזען, האָט מען געשאָקלט מיט די קעפּ. און ווידער איז געקומען די שווידערלעכע סצענע פון געזעגענען זיך און דאָס מאָל איז זי געווען אַ סך אַ שווערערע, ווייל די מאַמע האָט אויסגעזען אַ סך ערגער, זי האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק שוואַר־צע ערד און זי האָט שוין גאָר ווייניק דערקענט די קינדער. דער טאַטע איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער און האָט געפּרואווט מיט זיינע צוויי דאַרע הענט אַרומנעמען אַלע פיר קינדער. און ווידער איז עס געווען דער גוטער דאָק־טער נעמיראָווסקי, וואָס האָט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז דער „פּערעלאָם” איז איבערגעגאַנגען. אין דער שטאָט האָט מען געמאַכט די ברכה „ברוך מחיה מתים” און ווער עס האָט דערנאָך געזען די מאַמע שוין אַ געזונטע, האָט איר געזאָגט, אַז „אַ פּנים מען קומט יאָ צוריק פון יענער וועלט”. די מאַמע האָט געענטפערט, אַז גאָט האָט דערהערט דאָס געוויין פון אירע קינדער און פון פון די אָרעמע פרויען, וואָס זי העלפט. און מען האָט איר דערציילט, אַז מער פון אַלע האָט זיך אוועקגעלייגט די קליינע שפרה. „ווייל זי דאַרף מיך, האָט די מאַמע עס פאַרענטפערט, נאָך מער האָבן ווי אַלע”. און שפרה איז געוואָרן ביי איר געהויכט און געקרוינט און נישט נאָר ביי איר, נאָר ביי אַלעמען, אַלע האָבן געגלויבט, אַז שפרה האָט זי געהאָלפן אָפּשרייען. און דאָס מאָל האָט מען נאָך מער אכטונג געגעבן אויף דער מאַמען און מען האָט איר נישט געלאָזט שווער אַרבעטן אויך ווען זי איז שוין געווען אין גאַנצן געזונט. אַ לאַנגע צייט איז אין שטוב געווען ווי אין גן עדן, מען האָט פון קיינעם קיין הויך וואָרט נישט געהערט. אָבער מיט דער צייט איז די שטוב געוואָרן ווי אַמאָל, יאַנקל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן קריגן אי מיט מרימען, אי מיט שפרהן און שפרה האָט זיך אויך געקריגט מיט מרימען. שפרה האָט איינגע־לייגט וועלטן וועגן דעם, וואָס זי איז קלייענדיק און פאַרוואָס די מאַמע גע־פינט איר נישט אַ זאַלב און די מאַמע האָט איר צוליב געטאָן און אין גע־גאַנגען צו דער „קאַבאַטשעכע” און געקויפט אַ זאַלב און באַצאָלט „צוליב” אַ גאַנצע פּויטיקע און עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. מרים האָט דעמלט אָנגעהויבן לערנען רוסיש ביי אַ חברטע, וואָס איז געגאַנגען אין דער רוסישער „שקאָלע” אַריין, האָט עס דער טאַטע נישט געוואָלט ליידן שטי־לערהייט און יאַנקל האָט עס נישט געוואָלט ליידן אויף אַ קול און ער האָט גע־זאָגט, אַז זי וועט ווערן אַ גויע און ער האָט זי שוין גערופן „מאַריאַ מאַגדאַ־לענאַ”, אַליין נישט וויסנדיק פון וואַנען דאָס וואָרט קומט צו אים און זייענ־דיק זיכער, אַז מאַריאַ מאַגדאַלענאַ איז דעם יויזלס מאַמע. און ווען מרים האָט דערהערט דעם דאָזיקן צונאָמען, פלעג זי זיך וואַרפן צו אים און אים דווקא וועלן אויסדראַפּען די אויגן... און די מאַמע האָט יאַקאָס אויך געפור־נען תרעומות צו האָבן צום טאַטן. דער טאַטע האָט געהאַט אַ מאַמע, וואָס האָט געלעבט און האָט נאָך פאַרדינט. אין איזמאַיל האָט זי געוואוינט און זי

האָט געהייסן די באָבע דבורה. זי איז שוין דעמלט געווען א יידענע פון אַרי־
בער זיבעציק יאָר. זי איז געווען א הייבאַם, די גרעסטע הייבאַם אין איזמאַיל,
זי האָט גענומען טויזנטער קינדער. ווען איר מאַן איז געשטאָרבן, איז זי קוים
אַלט געווען פערציק יאָר און זי האָט געהאַט ניין קינדער. חתונה געהאַט האָט
זי צו פערצן יאָר און דאָס ערשטע קינד האָט זי געהאַט צו זעכצן יאָר. ווען
זי איז געוואָרן אַן אַלמנה, האָט זי שוין געהאַט אַן אויסגעגעבענע טאָכטער
אויף יענער וועלט און זי האָט זיך געדאַרפט באַווען מיט אירע צוויי קליינע
קינדער און אַליין האָט זי דעמלט געהאַט א קינד פון צוויי יאָר, דאָס איז גע־
ווען דער פעטער נח. דעם עלטסטן זון אירן, דעם פעטער אלי, האָט זי באַלד
נאָך איר מאַנס טויט חתונה געמאַכט און אים געמאַכט פאַר שוחט אויף דעם
מאַנס פּלאַץ — ער איז דעמלט אַלט געווען ווייניקער פון זעכצן יאָר. אין א
קורצער צייט אַרום איז ביי איר געשטאָרבן נאָך א אויסגעגעבענע טאָכטער
און ווידער געלאָזט צוויי יתומים, האָט זי חתונה געמאַכט די פערטע טאָכטער
פאַר דעם זעלביקן מאַן און איר געגעבן צו ניאַנטשען די נייע יתומים און
אַליין איז זי געבליבן מיט נאָך א נישט אויסגעגעבענער טאָכטער און מיט
דריי זין און צוויי אייניקלעך. דער טאַטע פון די דאָזיקע צוויי אייניקלעך איז
זיך „אוועקגעגאַנגען" קיין ארץ ישראל און ער האָט פון גאָרנישט געוואָלט
וויסן. און זי האָט אַלע קינדער אויסגעגעבן און איין אייניקל א יתומה איז
שוין אויך געווען א כלה. געוואוינט האָט זי אין איזמאַיל אין איינעם מיט
דעם פעטער אלי, וואָס איז פאַרבליבן שוחט אויף דעם זיידנס פּלאַץ און האָט
שוין געהאַט א פולע שטוב מיט קינדער — צוויי זין און זעקס טעכטער; און
זי האָט נאָך צייט געהאַט צו שטריקן זאָקן פאַר די אייניקלעך. פון צייט צו
צייט האָט די באָבע דבורה געשיקט געשטריקטע זאָקן סיי צום פעטער נח
אין שטוב אַריין, סיי צום טאַטן; האָט דער מאַמען זיך אויסגעוויזן, אַז צום
פעטער נח שיקט זי מער זאָקן און מער מתנות. און אפשר האָט זי טאַקע גע־
שיקט מער, ער איז דאָך געווען דער מיזיניק און ביי איר איז נאָך געבליבן
דער איינדרוק, אַז ער איז נאָך א קליינטשיקער, ער איז דאָך אַלט געווען אין
גאַנצן צוויי יאָר, ווען דער מאַן איז איר געשטאָרבן. פלעג די מאַמע נישט
אויפהערן יאָדען דעם טאַטן פאַרוואָס ער לאָזט, אַז מען זאָל אים אַזוי באַ־
עוולהן און פאַרוואָס ער לאָזט זיך אַזוי שפּייען אין קאַשע אַריין. און יאַנקל
האָט רחמנות געהאַט אויף דעם טאַטן, אָבער ער האָט אויך געהאַלטן מיט
דער מאַמען, ער האָט געפילט, אַז זייער שטוב איז עפּעס נישט קיין שטאַרק
מזלדיקע און אַז אַנדערע שטיבער האָבן מער גליק... דער טאַטע האָט אַרי־
בערגעטראָגן דער מאַמעס באַליידיקן און ער האָט געשוויגן, כאָטש ער האָט
פון דער מאַמעס צד אויך געהאַט גענוג אויסצושטיין. ער האָט שטענדיק
אונטערגעשריבן וועקסלען פאַר דעם פעטער פראַים, ווען יענער האָט גע־
דאַרפט סחורה; פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיי דערנאָך נישט געקענט באַ־

צאָלן ווייל ער האָט אויפגעגעסן דעם ריווח מיטן קרן און דער טאַטע האָט געמוזט פאַרזעצן דאָס וואַכנגעלט און צאָלן. די קינדער האָבן מער פראַטעסטירט ווי דער טאַטע, ווייל צוליב דעם צאָלן פאַר די וועקסלען האָט אַ סך מאָל אויסגעפעלט אין שטוב דאָס נייטיקסטע. אברהם שוחט האָט שוין דעמלט געוואוינט נישט ביי אורי גאָלדענבערג, ווייל ער האָט צעוואָרפן די אַלטע דירה און גענומען בויען אַ נייע, פון איבערגעבערענטע ציגל. ער האָט דעמלט געוואוינט כמעט אנטקעגן, ביי אַ יידן, וואָס האָט געהייסן אַגרעס. דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ דאַרער און אַ קליינער מיט אַ געשוירן ווייס בערדל און ער האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ זויערער אַגרעס. ער איז געווען אַ ליטוועק און ער האָט געהאַט דעם גרעסטן דעפּאָזיט פון קאָלאָניאַלע סחורות און פון פעל אין קיליע און ער איז געווען פון די שטילע גבירים. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעוואוינען פון זיין ליטוויש ריידן און ער האָט געהאַט געברוינטע ליידן, מען האָט כסדר חוזק געמאַכט פון זיין לשון, כאָטש ער האָט שוין געלעבט אין שטאָט אריבער דרייסיק יאָר. איבערהויפּט האָט ער נישט געקענט נאָכזאָגן די שטומפּיקע „י", וואָס מען זאָגט אין בעסאַראַביע און ער האָט אומעטום געזאָגט אַ שאַרפע. אין קיליע האָט מען געזאָגט אַ „פינעפערל" מיט אַ שטומפּיקער „י" און ער האָט געזאָגט אַ „פינפערל" מיט אַ שאַרפער „י". ער פלעג אַ סך מאָל אוועקרופן יאַנקלען און אים הייסן זאָגן אַ „פינפערל". יאַנקל האָט געזאָגט אַ „פינעפערל" מיט אַ שטומפּיקער „י" און דער אַלטער אַגרעס האָט בשום אופן נישט געקענט כאַפּן דעם חילוק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זאָגט אויך אַזוי. ביי אָט דעם אַגרעסן פלעג דער פעטער פראַים לייען געלט אויף פּראָצענט און דער טאַטע האָט אונטערגעשריבן דאָס וועקסל און דערנאָך האָט ער געמוזט באַצאָלן. אַגרעס, פלעג מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער נעמט דאָס געלט נאָר בכדי אָנצולערנען דעם „סייבעט", אַז ער זאָל מער נישט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אריין. דער טאַטע פלעג צאָלן און שווייגן, אָבער ווען די מאַמע האָט אים שוין צופיל דאַפּיקעט וועגן דעם, וואָס די באָבע מאַכט אַלעמען מתנות חוץ זיינע קינדער, פלעג ער אַמאָל ארויס פון די כלים און זאָגן: „דערפאַר טוט מיר דיין ברודער טובות..." די מאַמע האָט דערויף געהאַט אַ פּאַרטיקן תירוץ, אַז פאַר אָרעמקייט, נישט דאָ געדאַכט, איז קיינער נישט באַוואָרנט און אַז איר טאַטע פלעג זאָגן „אין לי (איך האָב נישט) איז אַ טענה". און די מאַמע האָט אַזוי לאַנג געהאַט טענות וועגן דעם, וואָס די באָבע דבורה פאַרגעסט אין בעסטן קינד ביז ס'איז פאַרבליבן, אַז יאַנקל זאָל פאָרן אויף שבועות צו דער באָבען און זאָל זי אים נישט אומקערן פאַר די הוצאות און נישט מיטגעבן קיין מתנה. מען האָט זיך גוט צוזאַמענגעשריבן, אַז מען זאָל וואַרטן אויף אים אין איזמאַיל ביים „פּאַראָכאָד" (דאַמפּער) און מען האָט אים געקויפט אַ האַלבן בילעט פאַר דער שיף „גראַף איגנאַטיעוו" און מען

האט אים אריינגעזעצט אין דריטן קלאס אריין און מען האט שוין געפונען א באקאנטן, וואס האט אכטונג געגעבן אויף אים. דאס פארן מיט דער שיף איז פאר אים געווען א גאנצע מציאה. ער האט דעם גאנצן וועג געהאלטן אין איין קוקן און געוואלט פארשטיין ווי אזוי די שיף גייט. מען האט אים אנגעזאגט, אז ער זאל נישט קוקן אין וואסער אריין, האט ער דווקא געקוקט און געוואלט וויסן ווי טיף דאס וואסער איז און פארוואס די שיף פאלט נישט אריין... אין וועג איז די שיף איינמאל געשטאנען און ווען דער קוימען האט געגעבן א פייף, איז אויף אים געפאלן א שטיקל ברענענדיקע קויל און שיעור נישט געטראפן אין אויג אריין. ער האט זיך גוט אפגעבריט, אבער נאך מער האט ער זיך דערשראקן, דאך האט ער אלץ אנגענומען פאר ליב! א קלייניקייט! ער פארט דאך קיין איזמאיל און אליין, ווי א גרויסער מענטש. און אים האט דאך געפעלט נאך אריבער צוויי חדשים ביז אכט יאר. ער האט שוין געטראכט וועגן דעם, וואס ער וועט דערציילן אין חדר וועגן זיין פארן. ער האט נאר מורא געהאט, אז מען וועט אים אין חדר נישט גלייבן, אז ער איז טאקע געווען אין איזמאיל. ער האט געוואלט באהאלטן דעם בילעט, האט מען אים אבער געזאגט, אז דער קאפיטאן נעמט אים צו ביים אראפגיין! אוי, ווען ער וואלט געקענט זיך אראפגנבענען און באהאלטן דעם בילעט.

ביי דער שיף האט אויף אים געווארט נישט די באבע, ווייל זי איז פונקט דעמלט געווען ביי א קימפעטארן. זיין שוועסטערקינד ניסל איז געקומען אים דערווארטן. ער איז געווען עלטער פון אים אפשר מיט פיר יאר און ער איז געווען דריי מאל אזוי גרויס ווי ער. די קינדער אין חדר וואלטן געזאגט, אז ער איז א לאנגערווארגעלעץ. און ער איז געווען א פריילעכער דער דאזיקער ניסל. ער האט ביי יעדן ווארט אליין געלאכט און ער האט געהאט אזעלכע חן־גריבלעך אין די באקן און ווען ער האט געלאכט, זיינען די גריבלעך געווארן גאר טיף. ער האט געזאגט, אז די באבע האט אים געהייסן נעמען א דראשקע, אבער אזוי ווי ס'איז נישט ווייט, וועלן זיי בעסער גיין צופוס און פאר דעם געלט, וואס די באבע האט געגעבן, וועלן זיי קויפן כאלוואַ און ער איז שוין טאקע באלד אריינגעגאנגען אין א קלייט אריין און געקויפט פאר צוויי קאפיקעס כאלוואַ און אים געגעבן דעם גרעסערן חלק, כאטש ער איז דער קלענערער, ווייל ער איז א גאסט. און ער האט אים אנגעזאגט, אז דער באבען זאל ער זאגן, אז זיי זיינען געפארן. און יאנקל האט געמיינט, אז דאס גוטע געשעפט מאכט דא ער, נישט ניסל. ער האט דאך אויפגעגעסן מער ווי פאר א קאפקע כאלוואַ.

דער פארט איז אין איזמאיל געווען א סך גרעסער ווי אין קיליע. אין קיליע איז חוץ דער שיף, וואס גייט קיין אדעס דורך ווילקאוו פון איין זייט און קיין איזמאיל און רעני פון דער צווייטער זייט נישט געשטאנען מער ווי א צוויי דריי „שלעפן" (אזוי האט מען גערופן די שיפן, וואס מען האט אנ־

געלאָדן מיט תבואה און אַנדערע שיפן האָבן זיי אָוועקגעפירט), אין איזמאַיל זיינען געשטאַנען אַ סך, אַ סך שיפן און „שלעפן" און באַרזשעס. יאַנקל האָט כסדר געהערט זאָגן, אַז אין איזמאַיל אַרבעט אַ סך ערגער דער פּאָרט ווי אין קיליע, ווייל איזמאַיל איז ווייטער פון אָדעס און מען מוז דאָרט צאָלן קלענערע פּרייזן די גוים, פירן דערפאַר די גוים פון די דערפער, וואָס זיינען נעענטער קיין איזמאַיל אויך זייער תבואה קיין קיליע. יאַנקל האָט אַפילו געהערט זאָגן, אַז איזמאַילער יידן האָבן נישט קיין פּרנסה און אַ סך פון זיי ציען זיך אַרויס אין אַנדערע שטעט און אויך קיין קיליע און צום סוף האָט ער געזען, אַז אין איזמאַיל איז אַ סך אַ גרעסערער פּאָרט ווי אין קיליע און ער האָט ווי אַ גרויסער געפרעגט ניסלען ווי עס קומט און ניסל האָט אים געענטפערט נאָך ווי אַ גרעסערער, אַז ער רעדט ווי אַ נאַר, ווען ער פאַרגלייכט קיליע צו איזמאַיל! קיליע איז אַ קליין שטעטל און איזמאַיל איז אַ גרויסע שטאָט, זאָל ער קוקן, וועט ער זען. יאַנקל האָט געפרעגט ניסלען, צי ער איז שוין אַמאָל געווען אין קיליע, האָט ער אים געענטפערט, אַז אים שטייט נישט אָן צו זיין אין אַזאַ קליין שטעטל ווי קיליע מיט די דאָרטיקע פעלצן. און ער האָט געלאַכט; האָט יאַנקל זיך געשעמט און ער האָט אויך געלאַכט און ער האָט געזען, אַז איזמאַיל איז טאַקע אַ גרויסע שטאָט. די גאַסן זיינען אַ סך מער ברוקירט ווי אין קיליע און זיי זיינען טאַקע אַ סך גרעסער אויך. אין קיליע האָט ער אין דער ברייט שטענדיק אָנגעזען ביידע עקן שטאָט און דעם סטעפּ, נאָר אין דער לענג האָט ער נישט אָנגעזען דעם עק און דאָ איז ער געגאַנגען און געגאַנגען אין דער ברייט און עס האָט קיין ענדע נישט גענומען. און ער האָט עס טאַקע געזאָגט זיין שוועסטערקינד, וואָס איז אים געפעלן, ווייל ער איז אַ „שוטניק" (אַ שפּאַסמאַכער) און יענער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אים און ער האָט געזאָגט, אַז אַפילו די שולן זיינען אין איזמאַיל גרעסערע און די באָד איז אויך אַ גרעסערע. „זאָלסטו זען, האָט ער געזאָגט, אין איזמאַיל אַ באָד, דריי קיליער בעדער קענען אַהין אַריינגיין". „פון וואַנען ווייסטו? האָט אים יאַנקל געפרעגט, האָסט דען געזען?" און ניסל האָט געענטפערט, אַז ער דאַרף נישט זען, ער ווייסט. ער שטויסט זיך אָן וואָסאַראַ באָד עס קען שוין זיין אין קיליע מיט די פעלצן... ביי זיי אין שטוב לאַכט מען שטענדיק פון קיליע און פון די קיליער און אין גאַנץ איזמאַיל לאַכט מען פון זיי און מען זאָגט „אויך מיר שטאָט"... יאַנקלען האָט פאַרדראָסן, וואָס ער מאַכט אַזוי אָוועק פון זיין שטאָט און ער האָט געזאָגט, אַז אין קיליע איז דווקא דאָ אַ שיינע באָד און מען האָט זי נישט לאַנג פאַרריכט און מען האָט אַריינגעשטעלט עטלעכע נייע ביטלעך... ניסל האָט געלאַכט און האָט געזאָגט, אַז אין קיליע רעדט מען ווי ליטוועקעס, אין איזמאַיל זאָגט מען נישט קיין ביטלעך, נאָר וואַנעס... יאַנקל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געלאָזט און ער האָט געזאָגט, אַז אַלע פרייטיק גייט ער מיט דעם טאַטן אין באָד אַריין און

דער טאטע נעמט אים אין שוויץ, אי אין א ביטל, אי אין מקווה אריין. און אין באד אריין קומט א גרויסער עולם און ס'איז פריילעך, מען גיסט אלע מאל ארויף וואסער אויף די שטיינער און עס ווערט א פארע, אז מען זעט נישט גארנישט. א סך יידן שרייען און קוויקן זיך און ס'איז שיין צו הערן. ס'איז דא איינער א זסיע, האנדלט ער א גאנצע וואך מיט פערד און אמאל שטייט ער אויך אין מארק מיט קאלעך און מיט הערינגגלעך, איז אז עס קומט פרייטיק, איז ער דער ערשטער אין באד און ער לויפט ארויף אויף דער סאמע אויבערשטער באנק און ער איז אזא גראבער, און ער פארנעמט אפשר א האלבע באנק און ער האלט זיך אין איין שמייסן און גיסן מיט וואסער און ער שרייט אזוי, אז מען הערט, דאכט זיך, ביז איזמאיל. ער גיט יעדן געשריי „פאדאוואי פארע", אז די ווענט ציטערן. דער אלטער דיין האט אים שוין אמאל געזאגט, אז ער איז א גרויסער חסיד אין באד... ניסל האט איבערגעריסן יאנקלען און ער האט געזאגט, אז א באד איז גארנישט, אפילו ווען די קיליער באד זאל זיין גרעסער, איז קיליע נאך אלץ א קליין שטעטל. ווארום איזמאיל האט נישט איין באד, נאר גאנצע דריי און ערשט האבן די גויים באזונדערע בעדער און אין קיליע האט ער געהערט זאגן, אז איינמאל אין דער וואך קומען די גויים זיך באדן אין דער יידישער באד... יאנקל האט קיינמאל נישט געהערט ריידן וועגן דעם און ער האט נישט געוואוסט, דאך האט ער געזאגט, אז ס'קען נישט זיין. ניסל האט זיך אנגערופן פלוצעם:

— ווייסטו גאר וואס? א בולוואר איז דא אין קיליע?

יאנקל האט זיך געשעמט אויסצוזאגן, אז ער ווייסט נישט, וואס דאס הייסט און ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ און ניסל האט דווקא געקוקט אויף אים און ער האט געזאגט:

— און אין איזמאיל זיינען דא גאנצע דריי... אט איז טאקע דא אנטקעגן איינער...

יאנקל האט אויסגעטשאַרטשעט א פאר אויגן און ער האט געזען א גרויסן שיינעם גארטן מיט א סך ביימער. אזא האט ער אין קיליע נישט געזען און ער האט מודה געווען, אז ער האט נאך אזא אין זיין לעבן נישט געזען. און ניסל האט אים געזאגט, אז דאס איז ערשט־דער קלענסטער און עס זיינען דא נאך גרעסערע צוויי און ער האט אריינגעפירט דעם „קיליער פעלץ" אין דעם קליינעם בולוואר אריין און אים געוויזן וויפל אקאציע־ביימער ס'זיינען דא און ווי אזוי זיי שמעקן. יאנקל האט דערציילט, אז פאר זייער שטוב איז אויך דא אן אקאציע־בוים און ער שמעקט זייער שיין און די קינדער עסן אפילו די אקאציע און זיי זאגן, אז זי איז זייער זיס און די מאמע פרעגלט איינגעמאכטס פון דער אקאציע... ניסל האט שוין ווידער געלאכט און ער האט געזאגט, אז ליטוועקעס זאגן „איינגעמאכטס", די באבע זאגט אויך אמאל איינגעמאכטס, אבער אין איזמאיל זאגט מען „ווארעניע". יאנקל האט

זיך געלאָזט פאַרריכטן די שפּראַך און ער האָט שוין צוגעזאָגט אויך צו זאָגן „וואַרעניע" און ער האָט געזאָגט, אַז אין קיליע האָט ער קיינמאָל נישט גע־פילט אַזוי שיין שמעקן ווי אין איזמאַיל און ער האָט שוין דורך אַגב דער־ציילט, אַז ער האָט אַ שטאַרקן חוש הריח, אָבער זיין טאַטע האָט גאַרנישט קיין חוש הריח און דערפאַר מאַכט ער שביתי־נאַכטס ביי דער הבדלה נישט קיין בורא מיני בשמים און דאָס בשמים־ביקסל, וואָס איז אַ זעלבערנס און אַ שיינס שטייט שטענדיק ליידיק און די מאַמע לאַכט פון טאַטן וואָס ער האָט אַ גרויסע נאָז און ער פילט גאַרנישט. ניסל האָט זיך צוגעהערט און ער האָט דערנאָך געזאָגט:

— אַזוי, אַזוי, זי טשעפּעט זיך צום טאַטן! ביי אונז זאָגט מען טאַטע, אַז דיין מאַמע די ליטוועטשקע דערגייט דעם טאַטן די יאָרן און ער איז אַ פלאַבער און ער לאָזט זיך...

יאַנקלען האָט דערפון פאַרקלעמט ביים האַרצן, אים איז נישט געפעלן, וואָס מען רעדט אַזוי וועגן זיין מאַמען און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז זייער אַ גוטע און אַז זי איז ווינטער געווען צוויי מאָל שטאַרק קראַנק און זי איז שיעור נישט געשטאָרבן און מען האָט געזאָגט, אַז די אָרעמעלייט האָבן זי אויסגעבעטן ביי גאָט, ווייל זי איז אַ גוטע... ניסל האָט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם און ער האָט ווידער געבעטן יאַנקלען, אַז ער זאָל נישט זאָגן דער באָבען, אַז זיי זיינען געגאַנגען צופוס און ער האָט אים נאָך אַמאָל געפרעגט ווי עס געפעלט אים דער בולוואַר. און ער איז אים טאַקע שטאַרק געפעלן, די ביימער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דער ריי אַזוי ווי די יידן אין שול צו שמונה עשרה, אייניקע האָבן געהאַלטן גלייך די קעפּ, אַנדערע האָבן אָנגעבויגן די קעפּ. און אין מיטן איז געווען אַרומגעצוימט און עס זיי־נען געווען בלומען פון אַלערליי קאָלירן און אַפילו די גראָזן האָבן דאָרט אויך געהאַט אַ סך קאָלירן, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל בלומען און אַזויפיל ביימער אויף איין פּלאַץ. עס איז געווען שיין צו קוקן און עס האָט געשמעקט; יאַנקל האָט צענומען די נאָזלעכער פון דער ברייטער נאָז און ער האָט אָנגעאָטעמט פולע לונגען און ער האָט געפילט אַ טעם אין דעם גלייך ער וואָלט עפּעס געטרונקען, אָדער געגעסן אַ געשמאַקע זאַך. מיטן אויסזען איז זיין נאָז געווען ענלעך צו דעם טאַטנס, אָבער מיטן חוש הריח איז זי געווען ענלעך צו דער מאַמעס, אַז די מילך האָט אַמאָל ביי זיי נאָר געוואָלט אָנהייבן לויפן, האָט ער באַלד דערפילט. די מאַמע פלעג שטאָלצירן מיט זיין חוש הריח און זי האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין מאַכן בורא מיני בשמים אויך פאַר דעם טאַטן.

ווען יאַנקעלע איז געקומען צו דעם פעטער אלי אין שטוב אַריין, האָבן שוין אַלע אַרויסגעקוקט אויף אים מיט טויזנט אויגן. די באָבע איז אים אַנט־קעגן געלאָפן און האָט אים אַרומגעכאַפּט און געוואָלט אויפהייבן. אַ הויכע

יידענע איז זי געווען און אַ פּולע, זי איז געווען אין גאַנצן קיילעכדיק און ס'האָט איר אַראָפּגעהאָנגען אַ גוידער, איז זי שיעור נישט געפאַלן מיט אים אין איינעם. זי איז געווען אַ שיינע אַלטע פרוי און אַ ריינע און איז געגאַנגען געפּוצט און האָט געטראָגן גרויסע ברילן אַרום די אויגן און דאָס דאָזיקע האָט איר צוגעגעבן אַביסל אַ שטרענגן אויסזען. אָבער פון הינטער די ברילן האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר מילדע, לאַכנדיקע אויגן. אין מויל האָט זי געהאַט נאָר איין צאָן, וואָס האָט אויסגעזען מוראדיק לאַנג און ער האָט אַרויסגעסטאַרטשעט. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און גענומען יאַנקלען צו זיך אויף די קני און האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין און געזאָגט: „אין גאַנצן דער טאַטע מיט די ביינער, אַז איך זע דיך, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע דיין טאַטן צוריק מיט דרייסיק יאָר״... און זי האָט זיך צעוויינט און דאָס מויל האָט זיך איר נאָך מער פאַרמאַכט, אָבער דער צאָן איז געבליבן אין דרויסן. „ווי זעט ער אויס!״ האָט זיך אָנגערופן אַ ייד, וואָס האָט אויסגעזען אין גאַנצן ווי דער טאַטע זיינער, נאָר אַנשטאָט אַ רויטער באָרד, האָט ער געהאַט אַ שוואַרצע און ער איז געווען אַביסל העכער. „זיין טאַטע איז דאָך אַ רויטער, ער איז אַ שוואַרצער ווי די מאַמע זיינע, די ליטוויטשקע״. און ער האָט געלאַכט, פּונקט ווי זיין טאַטע האָט ער געלאַכט. יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער פעטער אלי און ער האָט זיך געחידושט, וואָס ער איז אַזוי שטאַרק ענלעך צו זיין טאַטן און ער האָט זיך געקלערט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַ ברודערל, וואָלט ער אויך געווען אַזוי ענלעך צו אים. און ער איז צוגעגאַנגען און האָט געגעבן שלום עליכם דעם פעטער, אַזוי ווי אַ גרויסער מענטש. דער פעטער האָט אים געענטפערט מיט אַ ברייטן שלום עליכם און ער האָט ווידער געלאַכט און ער האָט אים אויפגעהויבן צו זיך אַזוי ווי מען הייבט אויף אַ שטרויעלע און האָט אַזש שיעור נישט דערלאַנגט ביז אין דער סטעליע. און ער האָט ווידער געלאַכט און ער האָט געזאָגט: „קומט אַהער וועט איר זען דעם ליטוועק פון קיליע ,ווי גיך ער איז דאָ אויסגעוואַקסן!״ און אַלע קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און זיי זיינען אַלע געווען מיידלעך, עטלעכע זיינען געווען גרעסער פון אים און צוויי זיינען אויך געווען קלענער. זיי האָבן אים אַלע געכאַפּט צום קושן און ער האָט געשריגן: „הערט אויף, מיט מיידלעך טאָר מען זיך נישט קושן!״ זיי האָבן זיך אַלע צעלאַכט און די מומע, וואָס איז געווען אַ הויכע, שיינע און פעטע יידענע האָט זיך גאָר צעלאַכט און האָט געזאָגט: „ווערליק אַ ליטוועק, ווערליק לעפּקעס אייניקל, וואָלסטו געמעגט זיין אַביסל קליגער!״ און זי האָט אים אויך אויפגעהויבן צו זיך און אים געקושט און די מיידלעך האָבן אַלע נאָכגעטאָן אויף צו להכעיס. ער האָט זיך נישט געלאָזט און געדריגעט מיט די פיסלעך און זיי האָבן געלאַכט. די מומע האָט זיך צעשריגן אויף די מוידן און האָט געגעבן דעם „גאַסט״ קאַווע מיט מילך און ברויט מיט פּוטער. ביי זיי אין שטוב האָט

ער קיינמאָל נישט געטרונקען קיין קאַווע מיט מילך, שבת אין דער פרי איז געווען ציקאָריע מיט מילך, שטאַרק פאַרפּריט פון פאַררוקטן אויוון, אָבער צו דער איזמאַילער קאַווע מיט מילך איז זי נישט געקומען. און ברויט מיט פּוטער האָט ער אויך קיינמאָל נישט געגעסן אַזויפיל אין קיליע. ער האָט טאַקע שטענדיק געהערט פון זיין מאַמען, אַז וואָס די באָבע דבורה פאַרדינט, גיט זי אַוועק צום פעטער אלי אין שטוב אַריין. און יאַנקל האָט דערציילט, אַז ביי זיי אין שטוב עסט ער קיינמאָל נישט אַזויפיל פּוטער, ער עסט שטענדיק אַ גרויס שטיק ברויט מיט אַ קליין שטיקעלע פּוטער. און ווען ער עסט פליייש, הייסט מען אים אויך נעמען אַ גרויס שטיק ברויט און אַ קליין שטיקעלע פליייש. אַלע האָבן געלאַכט, נאָר די באָבע האָט אַ קרעכץ געטאָן און אָנגעשריגן, אַז זיי זאָלן נישט לאַכן, ווייל פון קיליער שחיטות איז נישטאָ אויף צו לעבן און פון קבצנים טאָר מען נישט לאַכן...

מען האָט יאַנקלען געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן דעם, וואָס עס טוט דער טאַטע און צי די מאַמע איז שוין אין גאַנצן געזונט און וואָס טוט די כלה מאַמציע און צי זי האָט אַ שיינעם חתן. די מיידלעך האָבן געוואָלט וויסן, צי קיליע איז אַ שיינע שטאָט און צי דאָרט זיינען פאַראַן שיינע בולוואַרן און צי ס'איז דאָ וואוהין צו גיין „גוליאַען". ניסל האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז אין קיליע איז אין גאַנצן קיין בולוואַרן נישטאָ און אַז יאַנקל האָט גאָר נישט געוואוסט, וואָס אַ בולוואַר הייסט און ער האָט אים געדאַרפט ווייזן... די מומע גאָלדע האָט זיך אָנגערופן:

— ניסעלע גנב, וואו ביזטו געקומען צו אַ בולוואַר? דו ביזט נישט געפאָרן מיט קיין דראָזשקע, און דו האָסט זיך צוגענומען דאָס געלט...

און די מומע האָט דווקא געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל אויסזאָגן, צי זיי זיינען געפאָרן, אָדער געגאַנגען. יאַנקל האָט געפילט, אַז דאָס בלוט קומט אים אין פּנים אַריין און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט צו זאָגן אַ ליגן און ער האָט נישט געוואָלט ברוגז ווערן מיט ניסלען, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָ איז ער דער איינציקער, וואָס קען זיין אַ חבר פאַר אים, כאָטש ער איז גרעסער פון אים; האָט ער געזאָגט, אַז זיי זיינען געפאָרן, אָבער אַלע האָבן דערקענט, אַז ער זאָגט אַ ליגן און די מומע האָט געזאָגט, אַז איצטער ווייסט זי שוין פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזויפיל געזוימט און זיינען געקומען אַזוי שפּעט פון דער שיף און ניסל האָט זיך געשוואוירן, אַז ער איז געפאָרן, אָבער ער האָט זיך געזוימט אַביסל, ווייל ער האָט געוואָלט זיין שוועסטערקינד ווייזן די שטאָט...

נאָכדעם, וואָס אַלע האָבן זיך אָפּגעקריגט מיט ניסלען, איז פּלוצעם שטיל געוואָרן און יאַנקל האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און געוויזן דער באָבען, וואָס זי „דאַרף" אים מיטגעבן אַהיים. דאָרט איז געווען אויסגערעכנט צוויי פּאָר שקאַרפּעטקעס פאַר דעם

טאַטן, צוויי פּאָר זאָקן פאַר אים אַליין, פאַר דער מאַמען, מרימען און שפרהן צו איין פּאָר זאָקן און חוץ דעם אַ „סיעטקע“ (אַ נעץ) מאַמציען פאַר די האָר און דערנאָך — וואָס די באָבע וועט וועלן. אַלע האָבן זיך איבערגע־וואונקען און געלאַכט. די באָבע האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און זי האָט געפרעגט, ציטמער נישט און זי האָט אים געגעבן אַ וואַרעמען קוש. און ווען אַלע האָבן געלאַכט, האָט זי אָנגעשריגן אויף זיי. זי האָט געזאָגט, אַז זאָקן דאַרף מען ערשט אויסשטריקן! וואָס זי האָט פאַרטיק, וועט זי אים מיטגעבן און די אַנהערע זאַכן וועט זי קויפן און זי וועט קויפן נאָך מער און זי האָט באַלד גענומען קוקן וואָסאַרא שטיוולעטן יאַנקל גייט און זיי זיינען איר נישט געווען געפעלן. זי האָט אים געפרעגט פון ווען אָן ער גייט זיי און ווען ער האָט געזאָגט, אַז פון סוכות, האָט זי געזאָגט, אַז ס'איז שוין צו לאַנג, און זי וועט אים קויפן נייע, ווייל מאַכן איז שוין נישטאָ קיין צייט. יאַנקל האָט שיעור נישט געטאַנצט פאַר פרייד און ער האָט געזאָגט דער באָבען, אַז ער וויל מיט ריזינקעס, מיט שטעך און מיט סקריפּ, ווייל וועלוול שוסטער זאָגט אים אַלע יאָר צו צו מאַכן אַזוי און ער מאַכט נישט. די באָבע האָט אים צו־געזאָגט צו קויפן דאָס בעסטע און איך שטוב האָט מען ווידער געלאַכט פון אים. ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס מען לאַכט אַזוי פון אים, אָבער גע־פעלן איז עס אים נישט. ס'איז געקומען דעם פעטערס עלטסטער זון בערל און ער האָט אים אויך אויפגעהויבן צו זיך און ער האָט אים געקושט און ער האָט אים אויך גערופן ליטוועק. ער איז געווען גאָר אַ גרויסער, ער האָט שוין נישט אויסגעזען ווי אַ ייִנגל, נאָר ווי אַליין אַ טאַטע. ער האָט שוין געהאַט אַ בערדל, דאָך האָט ער געטראָגן אַ קורץ רעקל. אויך ניסל האָט געטראָגן אַ קורץ רעקל. ער האָט נישט איינמאָל געהערט פון דער מאַמען, אַז איזמאַיל איז אַ גוויאישע שטאָט. ווען אין קיליע וואָלט אַ שוחטס אַ זון געגאַנגען אַ קורץ רעקל, וואָלט מען דעם שוחט באַלד אָפּגעזאָגט און אין איזמאַיל גייען זיי אַלע קורצע קוצעוויטיקס. בערל האָט געטראָגן ברילן און די אויגן האָבן ביי אים שטענדיק געלאַכט הינטער זיי. אַ קול האָט ער געהאַט אַ הייזעריקס, אָבער אַן אַנגענעמס. ער האָט געפרעגט וואָס דער טאַטע טוט און ער האָט אויך זיך געפרעגט, וואָס נח טוט. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גע־פרעגט אויף דעם פעטער נח און אַלע האָבן זיך פאַרשעמט און אויך געגנו־מען זיך נאָכפרעגן אויף אים און אויף דער מומען און צי זייער זון איז שוין אַ גרויסער בחור. און צווישן יאָ און ניין האָט די מומע גאָלדע דערציילט בערלען, אַז יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער עסט אַ גרוים שטיקל ברויט און אַ קליין שטיקעלע פוטער און ביי פלייש הייסט מען אים ווידער אַזוי טאָן. די קינדער האָבן אַלע ווידער געלאַכט דערפון און די באָבע האָט אָנגעשריגן אויף זיי. יאַנקלען איז עס אויך נישט געפעלן, ער האָט געפילט, אַז מען מאַכט אַביסל חוזק פון אים, אָבער ער האָט געשוויגן. די באָבע האָט אים פאַרגיטיקט

און זי האָט אים געשענקט פינף קאָפּיקעס. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גע־האַט אַ גאַנץ פּיטאַקל און עס האָט אים שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס עס איז נישט אין דער היים און ער קען זיך נישט באַרימען פאַר די שוועסטער און נישט פאַר די ייִנגלעך אין חדר... ניסל איז ווידער געווען דער איינציקער צו וועמען ער האָט געהאַט צוטרוי און ער האָט זיך באַרימט פאַר אים און ניסל האָט פּאַוואָליע גענומען די מטבע אין האַנט אַריין, זי גוט אַרומגעקוקט און אים געראָפן זיך שפּילן. יאַנקל איז שוין מיד געווען צו זיצן אַזוי לאַנג אין שטוב און ענטפערן אויף אַלע פראַגן און ער האָט זיך דערפרייט, וואָס זיין שוועסטערקינד רופט אים. די מומע גאָלדע האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נישט גיין ווייט און קומען באַלד עסן און זי האָט אויך אָנגעזאָגט ניסלען, אַז ער זאָל נישט צונעמען ביי אים דאָס פּיטאַקל. דער גרויסער בחור האָט זיך אַזש געפילט באַליידיקט און ער האָט ברוגז גע־זאָגט: „וואָס בין איך עפּעס? אַ גנבֿ? איך בין אַלי שוחטס זון.” „און אַ גרוי־סער נאַשער” — האָט די מומע גאָלדע צוגעגעבן שוין אין איינעם מיט ביידע גרעסערע מיידלעך, וואָס איינע פון זיי איז שוין געווען אַ כלה.

ניסל האָט געפירט יאַנקלען אין קעלער אַריין, ווייל ער האָט געוואוסט, אַזוי האָט ער געזאָגט, אַז ביי זיי אין קיליע איז נישטאָ קיין קעלער און אַז מען דאַרף שבת לאָזן קאַלט עסן, לאָזט מען עס אַראָפּ אין קרעניצע אַריין. דער קעלער איז טאַקע געווען אַ גרויסער און אַ שיינער, מען האָט געקענט אין אים גיין און גיין און נישט אויפהערן. ווען יאַנקל וואָלט געגאַנגען אַליין, וואָלט ער זיכער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, אָבער ניסל קען אַלע ווינקעלעך. און נאָכדעם, וואָס ער האָט אים שוין אַלץ געוויזן, האָט ער אים געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך שפּילן.

— אין וואָס?

— אין וואַרפן פּיטאַקלעך!

— ווי אַזוי?

— מיר וועלן פריער וואַרפן די פּיטאַקלעך און דערנאָך וועלן מיר זיי גיין זוכן.

— דו האָסט דען אויך אַ פּיטאַקל?

— אַוודאי האָב איך, אָבער פריער וואַרף דו...

יאַנקל האָט נישט געוואוסט פון קיין חכמות און געוואָרפן און זיי זיי־נען ביידע געלאָפן זוכן דאָס פּיטאַקל, זיי זיינען ביידע אויסגעגאַנגען דעם גאַנצן קעלער און האָבן עס נישט געפונען. ניסל האָט זיך אַלעמאָל אָנגעבויגן, געזוכט און געזאָגט טרויעריק, אַז ס'איז נישטאָ. איז ער געפאַלן אויף אַן עצה, ער וועט וואַרפן זיין פּיטאַקל, וועט עס געפינען יאַנקלס און ער האָט אַ וואַרף געטאָן. האָט זיך זיינס טאַקע געפונען און יאַנקלס איז טאַקע נישט געווען... נאָר ווען זיין מאַמע איז קראַנק געווען און ווען ער האָט נישט גע־

קראָגן קיין קוילעטשל פון רבין, איז יאַנקל אַזוי טרויעריק געווען, ווי דעמלט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געהאַט אַ גאַנץ פּיטאַקל, האָט ער עס אַליין אַוועקגעוואָרפן. ס'איז טאַקע אמת, וואָס מען זאָגט, אַז ער איז אַ נאַר. ער האָט זיך געשעמט צו וויינען און ער איז צום עסן דאָך אַרויסגעקומען מיט רויטע אויגן און נאָך איידער עמיצער האָט עפּעס געפרעגט האָט ניסל גע־זאָגט, אַז יאַנקל האָט פאַרלוירן זיין פּיטאַקל... אַלע האָבן געפרעגט ווער, וואָס און ווען און דער פעטער אלי האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער פאָרט שוין אַליין צו גאַסט, דאַרף ער קענען אַפּהיטן געלט. אָבער די מומע גאָלדע האָט געזאָגט שטילערהייט, אַז ניסעלע האָט עס צוגענומען. די עלטערע שוועסטער האָט זיך אָנגענומען פאַר איר ברודער און זי האָט געזאָגט, אַז די מאַמע מאַכט אים אַזאַ שם, אַז מען וועט אים ניט וועלן געבן קיין כלה פון קיליע און ניסל האָט זיך געשוואוירן, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. יאַנקל האָט זיך צעוויינט און די באָבע האָט אים געגעבן אַן אַנדער פּיטאַקל און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז איצטער זאָל ער עס שוין אָפּהיטן; האָט ער זיך נאָך מער צעוויינט...

ביי טאָג האָט מען יאַנקלען געפירט צו זיין מומע ליבע. ער האָט אין איזמאַיל געהאַט נאָך אַ מומע — דער מאַמעס שוועסטער. די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זאָגן איר שוועסטער, אַז זי איז געזונט און אַז ער זאָל נישט ריידן שלעכטס אויף דעם פעטער פראַים און אויב די מומע ליבע וועט אים וועלן געבן אַ מתנה, זאָל ער נישט נעמען, ווייל זי איז אַליין אַן אָרעמע, אָבער אויב זי וועט שטאַרק וועלן, זאָל ער זי נישט פאַרשעמען. די מומע ליבע האָט געוואוינט שטאַרק ווייט און ער האָט גענדאַרפט גיין און גיין, אָבער עס איז אים געפעלן. ער האָט געזען אַ גרויסע שטאָט. אין קיליע זיינען דאָ נישט מער ווי צוויי מאַרקן און דאָ איז ער שוין דורכגעגאַנגען דריי מאַרקן און ס'זיינען נאָך דאָ. און די מאַרקן זיינען דאָ געווען אַנדערש, גרעסער און מיט מער סחורות. אויך זיין מומע איז געזעסן אין אַ מאַרק מיט אַ שטעלעכל סחורה. זי האָט פאַרקויפט זאַקן און גויאישע טיכלעך און קעמ־לעך און שטיקלעך סחורה און נעצן צו די האָר. די מומע איז געווען אַ הויכע און אַ שיינע. זי האָט אויסגעזען אַ סך יינגער ווי די מאַמע און זי איז גע־גאַנגען כמעט די אייגענע האָר. אַז די מאַמע האָט ניט געטראָגן קיין פּאַרוק, איז זי געגאַנגען אַ ווייסע קאָסינקע און פון אויבן אַ טיכל און ערשט זיינען די האָר געווען אָפּגעשוירן ביז אין קאָפּ אַריין און די מומע ליבע האָט גע־טראָגן נאָר אַ שאַלעכל אויף דעם קאָפּ און דאָס שאַלעכל איז איר אַלעמאָל אַראָפּגעפאַלן און די נישט געשוירענע האָר האָבן זיך אין גאַנצן אַרויסגעזען. יאַנקלען איז דאָס שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, די מאַמע האָט אַזוי־פיל מאָל געזאָגט, אַז די פרוי, וואָס ווייזט אַ מאַן די אויפגעדעקטע האָר, וועט זיין אין גהינום. און יאַנקל האָט זייער נישט געוואָלט, אַז די מומע זאָל זיין

אין גהינום. ער האָט זי נאָך פון פריער ליב געהאַט. ער האָט פון תמיד אָן געהערט ריידן וועגן איר און זי איז אים געווען געפעלן. זי האָט זיך שטאַרק צוגעלאָזט צו אים און אים געקושט און געוויינט און זיך נאָכגעפרעגט, וואָס די מאַמע מאַכט און זי קיין איינמאָל נישט אָנגערופן ליטוועטשקע און זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע אין שטוב ביי זיי און ביים פעטער פראַים און האָט ווידער געוויינט און געזאָגט, אַז מען וואוינט אַזוי נאָענט און מען איז אייגענע שוועסטער און ברידער און מען פאַרט זיך קיינמאָל נישט זען, ווייל מען איז פאַרהאָרעוועט. צו מאַמציעס תנאים איז זי נישט געקומען, אָבער צו דער חתונה וועט זי שוין מירטשעם קומען און נישט אַליין, זי וועט מיטנעמען איר טאָכטער מאַניע... יאַנקל האָט דעם דאָזיקן נאָמען געהערט צום ערשטן מאָל, ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַ טאָכטער מאַמציע און ער האָט טאַקע באַלד געפרעגט ווער מאַניע איז. די מומע האָט געענטפערט, אַז מאַמציע און מאַניע איז אַלציינס. די גויים די קונים קענען נישט זאָגן דעם ייִדישן נאָמען. זאָגן זיי מאַניע און מיידלעך אין שטאָט זאָגן אויך אַזוי. „דיין מאַמע, האָט די מומע געשמייכלט, איז דאָך אַ גאַנצע שמדניצע”... יאַנקלען האָט עס אונטערגעטראָגן און ער האָט געזאָגט, אַז די מאַמע איז אַ פרומע ייִדענע, די פרומסטע ייִדענע אין קיליע... די מומע האָט נאָך בעסער גע־שמייכלט און געזאָגט, אַז דאָס האָט זי טאַקע געמיינט, איז דערפאַר האָט זי געוואָלט בעטן יאַנקלען אַז ער זאָל נישט אויסזאָגן דער מאַמען, אַז מען רופט זי מאַניע. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, וואָס זיין מאַמע האָט דעראַר־בעט, ווען ער האָט נאָר געלערנט אין חדר מיט איין ייִנגל, וואָס האָט געהייסן וואָלאָדיע, היינט וואָס זי וואָלט שוין דעראַרבעט, ווען זי דערוויסט זיך, אַז איר שוועסטערס טאָכטער הייסט מאַניע... די מומע האָט געזוכט צו פאַר־גלעטן דאָס אַלץ און זי האָט געהייסן דער פרוי, וואָס זי איז געזעסן לעבן אים, אַז זי זאָל קויפן קאַראַמעלקעס פאַר אים. די פרוי איז געווען אַ קליינע און אַ דאַרע און זי האָט געהאַט אַ הויקער, וואָס איז געווען גרעסער ווי זי אַליין. זי האָט געהאַט אַ קינדיש פנימל, שטאַרק געקנייטשטס און עס האָט פון דעם אַרויסגעשטאַרטשעט אַ לאַנגע, דינע און שפּיצעכיקע נאָז. זי האָט אויסגעזען אי ווי אַ באָבעצע, אי ווי אַ קינד. וועגן אַזעלכע פרויען האָט יאַנקל אַמאָל געהערט דערציילן מעשהס, אָבער פון דער נאָענט האָט ער קיינ־מאָל נישט געזען אַזאַ־אַ. ער האָט זיך פשוט דערשראָקן פאַר איר. ער האָט זיך נאָר מער דערשראָקן, ווען זי האָט גענומען שמייכלען צו אים און גע־פרעגט, צי דאָס איז דער בחור, וואָס וועט זיין אַ רב און זי האָט אים געגעבן אַ קוש אין שטערן און אַ קניפּ אין דער באַק. די מומע ליבע האָט אים גע־זאָגט, אַז דאָס איז איר שוועגערן, דעם פעטער הערשס שוועסטער. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז דער מומע ליבעס מאַן, דער פעטער הערש, איז אַמאָל געווען אַ מלמד און אַז ער ליגט שוין זייט לאַנג קראַנק און די מומע איז די ברויט־גע־

בערן, אָבער אַז דער פעטער הערש האָט אַ שוועסטער און נאָך פון אַזאַ אויס־זען, האָט ער קיינמאָל נישט געהערט. דער הויקער האָט אים געבראַכט צו־קערלעך און האָט אים ווידער געגעבן אַ קניפּ אין בעקל; ער האָט זיך צוגע־קוקט און געזען, אַז זי איז נישט אַזאַ שרעקלעכע און אַז זי קוקט מיט גוטס־קייט אויף אים, זי האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיין אַ גוטער, וועט זי אים דערציילן אַ סך מעשהס... די מומע ליבע האָט געבעטן ניסלען, אַז ער זאָל אָפּפירן יאַנקלען צו איר אַהיים און זי וועט שוין באַלד אויך אַהין קו־מען, ווייל דער מאַרק ענדיקט זיך און אביסל וועט זי פאַרבויגן צוליב דעם גאַסט. יאַנקל איז געווען אין זיבעטן הימל צוליב דעם, וואָס די מומע רופט אים גאַסט און ער איז שוין געווען גרייט איר מוחל צו זיין, וואָס זי גייט מיט די הוילע האָר און זי רופט די טאָכטער מאַניע. ניסל האָט געזאָגט, אַז ער קען דעם גאַסט אָפּפירן, אָבער צו וועטשערע וועט ער אים מוזן אַהיימפירן. די מומע האָט געזאָגט מיט אַ ברוגזן שמייכל, אַז ער וועט ביי איר חלילה אויך נישט שטאַרבן פאַר הונגער און ניסל האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז גאַר־נישט שולדיק, ער איז נאָך אַ קליין יינגל, ער איז דאָך אפילו נישט קיין בר מצווה און וואָס מען הייסט אים, דאָס טוט ער. די מומע האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך נישט קריגן מיט קיינעם, יאַנקל איז איר שוועסטערס קינד, פּונקט ווי ער איז זיין טאַטנס ברודערס קינד און מיסתמא וועט ער שוין ביי איר אויך זיין אַ טאָג און שלאָפן אַ נאַכט. היינט וועט זי אים אָפּלאָזן, אָבער מען זאָל וויסן פון פריער, אַז דעם צווייטן טאָג שבועות איז ער איר גאַסט, עס זאָל אפילו דונערן און בליצן.

און ניסל האָט אָפּגעפירט יאַנקלען צו דער מומע ליבע. די שטוב איז דאָרט געווען אַ קלענערע ווי ביים פעטער אלי און אויך קלענער ווי ביי זיי אין דער היים, אָבער ס'איז אומעטום געווען צוגערוימט און ס'האָט עפּעס געשמעקט ווי מיט גוטע זייפלעך. מאַניע איז שוין געווען אַ גרויסע מויד, זי איז געווען יינגער פון מאַמציען, אָבער זי האָט אויסגעזען עלטער, ווייל זי איז געווען פולער אַ סך. זי האָט געהאַט אַ העל פּנים מיט בלויע אויגן און איז געווען טאַקע אַ שיינע, שענער פון אַלע שוועסטערקינדער, זי האָט נאָר געהאַט אביסל אַ צו גרויסע נאָז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליינע, דינע קאַרטאָפליע, אָבער די נאָז האָט איר אויך צוגעגעבן חן. זי האָט יאַנקלען ארומגענומען און געקושט און דערנאָך האָט אים געקושט אויך די קלענערע שוועסטער, וואָס האָט געהייסן שרה און איז געווען שטאַרק ענלעך צו מאַ־ניען, נאָר זי האָט געהאַט אַ דינערע נאָז. יאַנקל האָט זיך שוין אפילו נישט געפּרוואווט מער ווערן קענען די מיידלעך, וואָס קושן אים, ווייל ער האָט מער נישט געוואָלט מען זאָל לאַכן פון אים, אַזוי ווי דעם פעטער אלים מיידלעך האָבן געלאַכט. ער וועט, האָט ער געקלערט, נישט אויסזאָגן אין דער היים. איי גאָט ווייסט דאָך סיי ווי? מען האָט אים דאָך שוין אַזויפיל מאָל געלערנט,

אז גאָט ווייסט אַלצדינג. וואָס עס טוט זיך ביים מענטשן און די משה וועלוול־קע האָט אפילו שוין געזאָגט, אז גאָט ווייסט פון אַלע שווערע הערצער... איז מיט גאָט טאַקע נישט געווען גוט ביי אים. ער האָט אָנגעהויבן נישט פאַר־שטיין דעם גאָט, וואָס וויל נישט, אז מען זאָל זינדיקן. פאַרוואָס מאַכט ער נישט, האָט ער זיך געפרעגט, אז מען זאָל נישט וועלן זינדיקן און שוין? ער האָט אַמאָל געפרעגט די דאָזיקע קשיה דעם טאַטן אויך. האָט ער אים גענענט־פערט, אז אויב ער וועט שטעלן נאָך אַ סך אַזעלכע קשיות, וועט מען אים נישט אויפהערן צו ברענען און בראָטן אין גהינום. דער פעטער הערש איז געלעגן אין אַ בעט אין אַ שטיבל לעבן דער קיך און ער האָט אויסגעזען שטאַרק אַלט. נאָך עלטער ווי משה טשיטשילניצקי, ער האָט מער אויסגעזען ווי אַ זיידע, איידער ווי אַ פעטער און ער האָט אויסגעזען נישט ווי אַ מאַן פון דער מומע ליבע, נאָר ווי איר טאַטע. צוליב אים איז דער פעטער הערש אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און ער האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרהערן פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט. יאַנקל האָט געוואוסט, אז דער פעטער הערש איז געווען אַ מלמד און ער האָט נישט איינמאָל געהערט זיין מאַמען זאָגן, אז איר טאַטע איז געווען אַן אָרעמאַן און ער האָט נישט געהאַט צו געבן קיין נדן זיין טאָכטער און קיין גראָבן יונג האָט ער איר נישט געוואָלט געבן, האָט ער גענומען פאַר איר אַ מלמד אַן אַלמן און ער האָט פאַרוויסט איר וועלט. דער פעטער הערש איז געווען זייער בלייך און אז ער האָט גערעדט, האָט ער קוים געכאַפּט דעם אָטעם, פון דעסט וועגן האָט ער נישט אויפגע־הערט צו ריידן צו זיין פּלימעניק און נאָכדעם, וואָס ער האָט אים שוין פאַר־הערט פון הערן און געדענקען, האָט ער געזאָגט, אז ער מוז לערנען מיט אים אַ קאַפּיטל פּסוק און זאָל ער דערנאָך דערציילן זיין טאַטן, וואָס זיין פעטער קען. און האָט גענומען אַ תנך און ער האָט אויפגעמישט דאָס ערשטע קאַ־פּיטל ישעיה און ער האָט גענומען זאָגן מיט אַ ניגון און פאַרטייטשן אויף יידיש. וואָס אַמאָל האָט ער געשריגן מיט מער כוח און מיט מער ברען:

שמעו שמים, והאזיני ארץ, כי ה׳ דבר, הערט צו, הימלען און פאַרנעם ערד, ווייל גאָט האָט גערעדט, בנים גדלתי ורוממתי, קינדער האָב איך דער־וואַקסן און דערהויבן והם פשעו בי און זיי האָבן געזינדיקט קעגן מיר... ידע שור קנהו, אַן אָקס, וואָס פאַרשטייט מער, קען דעם, וואָס האָט אים געקויפט, וחמור אבוס בעליו און אַן אייזל, וואָס איז נאַרישער, קען די קאָריטע פון זיין האַר. לא ידע עמי, לא התבונן, מיין פאָלק האָט נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען. הוי, גוי חוטא, עם כבד עון, אוי דו זינדיק פאָלק, דו פאָלק מיט די שווערע זינד...

די מומע ליבע איז אָנגעקומען און האָט גענומען שרייען פון דער טיר: דו דרשנסט שוין און באַלד וועסטו הוסטן און מען וועט דאַרפן רופן דעם דאָקטער, גיי אַריין צוריק אין בעט אַריין! און זי האָט אים גענומען לייגן

צוריק אויף זיין אָרט. ער האָט זיך נישט געלאָזט און געשריגן: „דו לאָזט מיך נישט לערנען קיין קאַפּיטל פּסוק מיט אים, ווייל דו ווייסט, אַז ס'איז קענען דיר און קענען דיינע קינדער און קענען דער גאַנצער שטוב." די מומע איז געוואָרן גרין ווי געל און זי האָט געזאָגט: „שריי נישט אַזוי, די קינדער זיינען דיינע און די שטוב איז אויך דיינע". „ווייל איך נישט אַזאַ שטוב! האָט ער געשריגן, און איך וויל נישט אַזעלכע קינדער! דו לאָזט מיך נישט לערנען קיין קאַפּיטל ישעיה, ווייל דו ווייסט, אַז ישעיה האָט גערעדט קעגן דיר און קעגן דיינע קינדער און אַלע נביאים האָבן גערעדט קעגן דיר, ירמיהו אויך און עמוס אויך"... די מומע האָט אים אַנידערגעלייגט אויף זיין פּלאַץ און זי האָט אים געזאָגט: „זאָלן שוין דיינע שונאים ריידן!" און צו יאַנקלען האָט זי גערעדט ווי צו אַ גרויסן און זי האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש און פאַרדינען פאַרדינט ער גאַרנישט און פאַרן דאָקטער דאַרף ער און אויף רעצעפּטן דאַרף ער און זי אַרבעט און ווערט אויסגעריסן אין איינעם מיט די קינדער און אַז עס קומט אים אָן די נעבבעך, שרייט ער און ער שעלט און ער דערציילט אַ מעשה, אַז דער נביא האָט אַזוי געזאָגט. דער פעטער איז שוין געלעגן אין בעט און ער האָט אונטערגעהוסט און ער איז געווען נעבעכדיק און ער האָט אויסגעזען גאָר אַן אַנדערער ווי פריער, ער איז געווען אין גאַנצן אַן אויסגעלאָשענער... די מומע האָט יאַנקלען אַריינ־געפירט אין „סטאָלאָווע" אַריין, וואו ס'איז שוין געשטאַנען אַ סאַמאָוואַר אויף דעם טיש און עס זיינען געלעגן בייגל, פון וועלכע עס האָט געשמעקט. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער זיך באַלד צוגעכאַפּט צו די בייגל און ער וואָלט פון זיי געריסן שטיקער, די מומע האָט עס געמערקט און אים באַלד געגעבן אַ בייגל און אַ צווייטן האָט זי אים געוואָלט אָנשמירן מיט פּוטער. ער האָט זיך נישט געלאָזט, ס'איז נאָך נישטאָ, האָט ער געזאָגט קיין זעקס שעה זייט ער האָט געגעסן פליישיקס צו אָנבייסן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זי האָט עס פאַרגעסן. זי איז רויט געוואָרן און האָט געענטפערט, אַז ביי זיי האָט מען היינט צו אָנבייסן נישט געגעסן קיין פליישיקס און יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז דער פעטער האָט מיסתמא נישט אומזיסט געשריגן, עס איז דאָ אַ זינדיקע שטוב און גאַנץ איזמאַיל איז אַ זינדיקע שטאָט... עס זיינען אַהיימגעקומען די צוויי יינגלעך פון דער מומע ליבע, דער עלטערער, שלום האָט ער געהייסן, האָט געהאַט פּונקט אַזאַ נאָז ווי זיין מומע מיטן הויקער, ער איז עלטער מיט עטלעכע יאָר פון יאַנקלען און ער האָט שוין געאַרבעט ערגעץ אין אַ מאַגאַזין (שפּייכלער) ביי תבואה. דער יינגערער האָט געהייסן לייב נאָך דעם זיידן און ער איז געווען אין איינ־נע יאָרן מיט יאַנקלען. ער איז געקומען פון חדר און ער האָט באַלד געכאַפּט אַ בייגל און דווקא מיט פּוטער און יאַנקל האָט גוט געזען, אַז ער האָט קיין ברכה נישט געמאַכט. שלום האָט אויך נישט געמאַכט קיין ברכה נישט אויף

דעם בייגל און נישט אויף דער טיי. יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז זיין מאַמע וואָלט דאָ קיין טרונק וואַסער נישט געטאָן. דאָך האָט ער זיך דאָ געפילט גוט, עס איז געווען פּראָסט און היימיש און די קינדער האָבן מיט אַזאַ ליי־בע נאָכגעפרעגט אויף דער מומע לייקע און אויף דעם פעטער אברהם און אויף אַלע קינדער; באַלד איז אָנגעקומען די פרוי מיטן הויקער, וועלכער די קינדער האָבן גערופן מומע און זי האָט געבראַכט כאַלוואַ און האָט דאָס ערשטע געגעבן יאַנקלען אין איינעם מיט אַ קניפּ אין בעקל און דערנאָך האָט זי געגעבן אַלע קינדער. זי האָט דווקא יאָ געמאַכט אַ ברכה, אי אויף דער טיי, אי אויף אַ בייגל און זי האָט געגעסן און געטרונקען און גערעדט אין איין צייט און זי האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן, צי מאַמציע האָט אַ שיי־נעם חתן און האָט געזאָגט מאַניען, אַז זי זאָל נישט זאָרגן, זי וועט איר שוין געפינען אַ חתן און דווקא אַ שיינעם... די קינדער האָבן געבעטן די מומען, אַז זי זאָל זינגען אַ ליד און זי האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. מיט אַ קולכל פון אַ יינגל האָט זי געזונגען אַ ליד פון איינעם אַ ר' תחנון, וואָס קלאָגט זיך, אַז וואו נאָר עס ווערט ערגעץ אַ שטיקל יום טוב, טרייבט מען אים אַרויס. זי האָט עס געזונגען אַזוי, אַז ס'איז געווען אַ גאַנץ רחמנות אויף דעם אַלטן ר' תחנון און ווען זי האָט געענדיקט, האָט זי געפרעגט יאַנקלען, צי ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס ליד מיינט. און זי האָט אַליין דערקלערט, אַז דאָס מיינט מען תחנון, וואָס מען זאָגט נאָר אין דער וואָכן ביים דאַווענען און ווען נאָר עס איז אַ שטיקל יום טוב, מעג זיין דער קלענסטער, מעג זיין אַפילו ראש חודש, זאָגט מען אים שוין נישט... און די מומע האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָט געזונגען אַ ליד פון אַ יינגל אַ שאַלטיק, וואָס דער טאַטע זאָגט אים מוסר, ווייל ער וויל נישט לערנען און ער וויל נישט אָפּהיטן קיין מצוות. און די מומע ליבע האָט שוין געזאָגט, אַז מיט דעם ליד מיינט מען נישט יאַנקלען, ווייל ער לערנט גוט, נאָר מען מיינט איר לייבן, וואָס איז גאָרנישט געראָטן אין דעם זיידן, נאָך וועלכן ער הייסט און ער איז אַ בחור אָן אויסוואורף און ער לויפט אַרום טאָג ווי נאַכט מיט שאַל־טיקעס און מיט „שלענג" אויף די דעכער...

ניסל האָט געזאָגט, אַז ס'איז צייט צו גיין און יאַנקלען האָט באַנג גע־טאָן, וואָס ער דאַרף שוין אַוועקגיין, אים איז דאָ שטאַרק געפעלן געוואָרן, ער האָט שוין פאַרגעסן אין די אַלע זינד, וואָס ער האָט דאָ געזען און ער האָט שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער מאַמען וועט ער פון דעם אַלעמען גאָרנישט דערציילן. ער האָט נאָר מורא געהאַט, אַז גאָט זאָל אים נישט שטראָפן דערפאַר, וואָס ער וועט נישט אויסזאָגן... אַ סך מאָל אין זיין לעבן האָט ער נישט געוואוסט ביז איצטער, צי זאָל ער מורא האָבן פאַר גאָט, צי זאָל ער זיין גוט מיט מענטשן... ווען ער איז געקומען צום פעטער אלי, איז יענער שוין גרייט געווען צו גיין אין שול אַריין דאַווענען מנחה און מעריב און

האָט מיטגענומען זיין ברודערס זון אין איינעם מיט זיין קלענערן זון. דער פעטער אלי האָט געדאַוונט אין דער גרויסער איזמאַילער שול, אין וועלכער מען איז אריינגעגאַנגען מיט טרעפּ אויף אַראָפּ און ס'האָט פון דאָרט אַנט־קעגן געזעצט אַ קאַלטע פּאַרדומפּנקייט. די קיליער גרויסע שול איז אויך גע־ווען גרויס, אָבער נישט אַזוי; די איזמאַילער איז געווען ווי אַ וואַלד, ביז מען איז צוגעקומען צום ארון קודש איז מען געגאַנגען און געגאַנגען. דער פעטער אלי האָט געזאָגט צו יאַנקלען: „געפעלט דיר אַ שול, האַ? ווי קומט אייערע צו איר! קיליע איז דאָך נאָך אַלעמען אַ קליין שטעטל. אָבער יידן — האָט ער געזאָגט מיט אַ קרעכץ — זיינען שוין אין קיליע באַלד דאָ מער... וויפל דאַוונען ביי אייך אין שולעכל יידן אין אַ פּראָסטן פאַרנאַכט?" „אַ סך — האָט יאַנקל געענטפערט — אַ פולע שול." „און דאָס איז דאָס קלענסטע — האָט אלי שוין באַמערקט צו אַ פּאָר יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אין מזרח." „נישט דאָס קלענסטע — האָט זיך יאַנקל געדונגען — ס'איז דאָ נאָך אַ קלענערס." „דאָס איז אַלציינס — האָט דער פעטער אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט — איז דאָ נאָך אַ קלענערס און דאָרט זיינען מיסתמא אויך דאָ אַ סך יידן." און צו די יידן, וואָס זיינען געשטאַנען האָט דער פעטער גע־זאָגט, אַז יאַנקל איז זיין ברודערס יינגל פון קיליע און ער איז אַליין געקומען צו גאַסט, ער האָט נישט מורא געהאַט. אין שטוב האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַרעלע און דאָ האָט ער זיך באַרימט מיט אים און אַ פּאָר האָבן אים גע־געבן שלום ווי אַ גרויסן. ניסל האָט אים באַלד געזאָגט, אַז דער ייד מיט דער רויטער באָרד, וואָס איז שוין גרוי, איז דער דיין, ראובן דיין. יאַנקל האָט וועגן אים געהערט ריידן נאָך אין קיליע, מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער צעטראָגענער. זיין ווייב האָט עטלעכע בהמות, העלפט ער איר אָנציען וואַסער, קען ער אַמאָל פאַרגעסן, אַז ער שטייט ביי דער קרעניצע און ער הייבט אָן דאַוונען גלייך אין וואַסער אַריין. דאָ איז ער גע־שטאַנען אַ שטילער און זיך געצופּט אַ נאָגל מיט איין עק מויל און געביסן אָן עק באָרד מיטן אַנדערן עק מויל. און אויף אָן אַנדער יידן מיט אַ גרוי־לעכער באָרד און מיט אַ בראָדיוועקע ביים אויג האָט ער געזאָגט, אַז דער דאָ־זיקער ייד הייסט משה פּאַפּאַוו און מען רופט אים אויך משה רובין, ער איז אַ מלמד, אָבער ער לערנט שוין דיקדוק און ער האַלט דרשות אין די שולן, וועלכע ער רופט רעדעס און דער טאַטע האַלט נישט פון אים, ווייל ער איז אַ ציוניסט. יאַנקל האָט נישט געוואוסט וואָס אַזוינס איז אַ ציוניסט און ניסל האָט אים דערקלערט, אַז ציוניסטן ווילן, אַז יידן זאָלן גיין יונגערהייט קיין ארץ ישראל, נישט אַזוי אַלטערהייט, אַזוי ווי אונזערע זיידעס זיינען אַלע גע־גאַנגען. יאַנקל האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז גוט, אָבער ניסל האָט געזאָגט, אַז ־דאָס איז נישט גוט, קיין ארץ ישראל, זאָגט ער, טאָר מען נישט גיין אַליין, נאָר גאָט דאַרף פירן. זיין טאַטע האָט טאַקע זיך געווערטלט מיט משה רובין

וועגן די ארץ ישראל יידן און יענער האָט אים געענטפערט ברוגז. עס זיינען נאָך געקומען עטלעכע יידן און אַלע זיינען געווען עלטערע, נאָר איין יונגערמאַן מיט אַ רויט בערדל איז געשטאַנען אין ווינקל איבער אַ שווערער גמרא און האָט קיינעם נישט געזען. ניסל האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ראובן דיינס זון ישעיה, וואָס קען שוין אַליין זיין אַ רב און ער איז שוין אַ חתן פאַר אַ קעשענעווער דיינס אַ טאָכטער, ווייל ער איז אַ גרויסע צאַצקע. קיין קינדער זיינען אין גאַנצן נישט געווען; „אין קיליע קומען אַלע טאַטעס מיט די קינדער אין די שולן אריין, האָט יאַנקל געזאָגט, און דאָ נישט". „האָסט נישט מיט וועמען זיך צו שפּילן", האָט דער פעטער געלאַכט, און צום דיין האָט ער געזאָגט: „געהערט? דאָרט נעמען זיי מיט די קינדער אין שול אריין. דאָ גייען די קינדער אין די שקאָלעס אריין און אַז מען פועלט ביי זיי, אַז זיי זאָלן קומען יום טוב אין שול אריין, איז שוין אויך גוט..." און ביידע יידן האָבן געקרעכצט. דער דיין האָט אפילו געזאָגט, אַז עס וועט נישט געשענקט ווערן. וויפל מאָל יידן ווילן ווערן אוים יידן, רעכנט זיך גאָט אָפּ מיט זיי... און ער האָט אויסגעזען פונקט ווי דער פעטער הערש, וואָס האָט נעכטן געשריגן מיט די פסוקים פון ישעיה... דער דיין האָט געהייסן דעם שמש ארויסגיין און אַ קוק טאָן, אפשר זיינען נאָך דאָ אַ פּאָר יידן, ווייל עס פעלט צו מנין און ער האָט גענומען שרייען אויף אַ קול: „אַז דער רבונו של עולם קומט אין שול אריין און ער טרעפט דאָרטן קיין מנין נישט, הויבט ער אָן שרייען „מדוע באתי ואין איש קראתי"... יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז עס מיינט „פאַרוואָס בין איך געקומען און איך האָב קיין שום מענטשן נישט געטראָפן?" אָבער דער חידוש איז אים געווען, וואָס דער דיין האָט געזאָגט, אַז גאָט קומט אויך אין שול אריין. אויב ער קומט, פאַרוואָס האָט ער אים קיינמאָל נישט געזען? אין חומש שטייט טאַקע געשריבן, אַז קיינער קען נישט זען גאָט און בלייבן לעבן, אָבער ווי אַזוי מאַכט ער עס? דער דיין האָט ווייטער געשריגן און דער פעטער האָט געלאַכט און געזאָגט: „צו וועמען שרייט איר, צעטראָגענער דיין, צו די יידן, וואָס זיינען נישטאָ?" דער שמש האָט קוים מיט שוועריעמער מי צונויפגענומען אַ מנין און דער פעטער האָט געדאַוונט פאַר דעם עמוד. ער האָט געדאַוונט זייער שיין, ער האָט געהאַט אַ זיס קול, וואָס האָט זיך אי געצויגן, אי געגאָרגלט, אָבער דער דיין האָט אים נישט געלאָזט דאַוונען און ער האָט אים געהאַלטן אין איין אריבערשרייען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס קומט פאַר אַ פאַרוועט צווישן די ביידע יידן... ביים גיין פון שול האָט דער פעטער געפרעגט יאַנקלען, צי זיין טאַטע קען עפּעס דאַוונען און ער האָט אים דערציילט, אַז ווען ער איז אַוועקגעפאָרן צום שווער דעם ליטוועק אויף קעסט, האָט ער אים געלערנט און געלערנט, אָבער ער האָט געהאַט אַ שווערן קאָפּ צו נגינה. יאַנקלען האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס ער רעדט אַזוי וועגן זיין טאַטן און ער האָט געזאָגט, אַז דער טאַטע דאַוונט

זייער שיין, און די מאַמע זאָגט שטענדיק, אַז די ווייבער לעקן די פינגער פון זיין דאַוונען.

אהיימגעפאָרן איז יאַנקל באַלד נאָך שבועות, ווייל אַזוי האָט מען אים אָנגעזאָגט פון דער הײם. בטל זיין פון תורה, האָט די מאַמע געזאָגט, איז אַ גרויסע זינד. פון דעסט וועגן איז ניסל תמיד אַרומגעגאַנגען בטל און ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז מען וועט אים אַריינגעבן אין שקאָלע אַריין. אין איזמאַיל זיינען שוין אין גאַנצן נישט געווען קיין גמרא מלמדים און קיינער פון די יינגלעך, אויסער דעם דיינס, האָבן שוין נישט געלערנט קיין גמרא. יאַנקל האָט געהאַט צו דערציילן און דערציילן פון זיין פאָרן. פון די מילכיקע קרעפּלעך און בייגעלעך, וואָס ער האָט געגעסן ביי ביידע מומעס האָט ער דערציילט ניסים. זיי האָבן זיך געבאָדן אין סמעטענע און אין פּוטער און זיי האָבן געהאַט טעם גן עדן. די מאַמע האָט זיך געחידושט, וואָס ער האָט געגעסן ביידע טעג מילכיקס, ווייל דאַרפן דאַרף מען עסן נאָר דעם ערשטן טאָג. יאַנקל האָט דערציילט, אַז דעם ערשטן טאָג האָט ער געגעסן ביי דעם פעטער אלי און דעם צווייטן טאָג ביי דער מומע ליבע און אין ביידע שטיבער האָט מען אים געגעבן מילכיקס. די מאַמע האָט געקרעכצט און געזאָגט: „די שוועסטער די גויה זאָל חלילה נישט געווען קויפן קיין קעז און פּוטער אין מאַרק ביי די גויהס", דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט געפערלעך, אַז מילכיקס איז נישט שטאַרק טריפה און אויב מען קאָכט עס נישט אין די כלים, מעג מען עס עסן, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז קעז קאָכט מען און איר טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז פּונקט אַזוי טריפה ווי חזיר. יאַנקל האָט לאַנג נישט געלאָזט ריידן וועגן דעם און ער האָט געוויזן די זאַכן, וואָס די באָבע האָט אים מיטגעגעבן און ער האָט געזאָגט, אַז די באָבע האָט אים אויך מיטגעגעבן אַ פּאַפּירן קערבל, וואָס זי האָט עס גוט איינגעניית אין קעשענע און ער האָט געוויזן זיינע נייע שטיוולעטן, וואָס האָבן ריזינקעס און שטעך און סקריפּ, נישט ווי ביי וועלוול שוסטער דעם ליגנער... „אַ נויטיקע זאַך, האָט די מאַמע געזאָגט, אי מיט שטעך, אי מיט סקריפּ, מיסתמא אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן".

און אַ מעסערל האָט יאַנקל אויך געהאַט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געהאַט אַ מעסערל, ביידע קלענערע שוועסטער האָבן אים מיטן מעסערל מקנא געווען מער ווי מיט דער גאַנצער רייזע. וועגן דעם, אַז ער האָט געהאַט אַ פּיטאַקל אויך, האָט ער נישט אויסגעזאָגט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל עס ביי אים נישט צונעמען, וואָרום די צוויי פּיטאַקלעך, וואָס ער האָט געבראַכט די צוויי שוועסטער, האָט מען ביי זיי באַלד צוגענומען און באַהאַלטן. דער גרעסטער שוועסטער האָט די באָבע נישט געשיקט קיין געלט, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז איר וועט זי באַזונדער שיקן כלה מתנות.

און אין חדר האָט ערשט יאַנקל געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן וועגן זיין פאָרן. ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען זיך שפּילן, זיינען די יינגלעך שוין

נישט געזעסן און געשטאַנען אַרום פּייסיען און וואָלאַדיען, נאָר אַרום אים, און פּייסיע און וואָלאָדיע זיינען אויך געזעסן און האָבן זיך צוגעהערט. אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן, ווען ער האָט דערציילט וועגן די בולוואַרן און וואָלאָדיע האָט געזאָגט, אַז אין קיִעוו וועט מען אויך מאַכן אַ בולוואַר, ער ווייסט שוין אַפילו וואו, נאָר ער וויל נישט אויסזאָגן. און יאַנקל האָט אַלעמען געוויזן דאָס מעסערל, וואָס די באָבע האָט אים געקויפט און אַלע יינגלעך האָבן עס געמוזט האַלטן אין די הענט און ווען איינער האָט עס געהאַלטן אַביסל לענגער, איז אים שיעור דאָס האַרץ נישט אַרויסגעפאַלן. וואָלאָדיע, וואָס איז שטענדיק געווען גוט צו אים, האָט געזאָגט, אַז עס קאָסט אפשר צוועלף קאָפּקעס. און יאַנקל האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל ווייזן דאָס פּיטאַקל אויך און ער האָט עס נישט געוויזן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז עמיצער זאָל נישט אויסזאָגן אין דער היים. ער האָט געהאַלטן אין איין קעשענע דאָס מעסערל און אין דער צווייטער דאָס פּיטאַקל און אַלעמאָל האָט ער אַ טאַפּ געטאָן מיט די הענט, צי זיי זיינען דאָ. דער רבי, וואָס האָט ביים לערנען שטענדיק געקוקט צו אים מער ווי צו אַלע קינדער, ווייל ער האָט זיך שטענדיק בעסער צוגעהערט, האָט אים אַ פּאָר מאָל געפרעגט פאַרוואָס ער טאַפּט זיך אַזוי ביי די קעשענעס און ער האָט אים אַפילו געזאָגט, אַז כאָטש און ווייל ער איז געווען אין איזמאַיל, דאַרף ער גוט לערנען.

ס'איז באַשערט געווען, אַז יאַנקלס פּאָרן זאָל זיך ענדיקן נישט פרייליך. דאָס פּיטאַקל איז געווען אין דעם שולדיק. ער האָט איין יינגל אויסגעזאָגט, אַז ער האָט אַ פּיטאַקל. ער האָט געמיינט, אַז ער איז אַ גוט יינגל און ער האָט זיך געחברט מיט אים, כאָטש אַלע אין חדר האָבן אים געזאָגט, אַז ער איז אַ שלעכטער און זיי האָבן זיך מיט אים נישט געוואָלט שפּילן, פּונקט ווי זיי האָבן נישט געוואָלט זיך שפּילן מיט אים אַליין, איידער ער איז געפאָרן קיין איזמאַיל. דאָס דאָזיקע יינגל האָט געהייסן שלומהלע און מען האָט אים גערופן שלומה מיט דער ביבקע, ווייל ער האָט געהאַט אַ ביבקע אויף אַ מיאוס פּלאַץ. די יינגלעך האָבן אַלץ געוואוסט, פאַר זיי איז קיין סוד נישט געווען. איינמאָל אין אַ טאָג האָט שלומהלע גענומען וויינען, אַז מען האָט ביי אים אַרויסגעגנבעט אַ פּיטאַקל, וואָס ער האָט געהאַט און ער האָט שיעור נישט געחלשט. אין חדר איז געוואָרן אַ גערודער און דער רבי איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און ער האָט געגלעט שלומהלען און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן, ער וועט באַלד אַלעמען באַזוכן און בלוט זאָל זיך אַפילו גיסן, וועט ער דאָס געלט געפינען. און ער האָט אַריינגערופן די גרינע רביצן און נעכע איז אויך אַריינגעקומען מיט דעם פאַרפלאָכטענעם צעפּל. און מען האָט גענומען זוכן. יאַנקלען האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט געהאַט דער באָבעס פּיטאַקל און ער האָט קיינעם חוץ שלומה־

לען נישט געזאגט, אז ער האט עס. און כאטש מען האט געזוכט פאוואליע און פרייער ביי די גרויסע, האט לאנג נישט געדויערט ביז מען איז צוגעקומען צו אים און — מען האט ביי אים געפונען. שלומהלע מיט דער ביבקע האט באלד דערקענט דאס פיטאקל און אלע האבן געלאכט. ווען יאנקל וואלט גע־האט א גרוב אונטער זיך, וואלט ער באלד אריינגעקראכן. אלע האבן גע־לאכט, אויך נעבע, וועלכער ער האט א סך מאל געשענקט אזעלכע שיינע „טומאנע קארטינעס" האט אויך געלאכט. יאנקל האט פריער קיין לשון נישט געהאט און דערנאך האט ער געגומען וויינען מיט ביטערע טרערן און ער האט זיך געשוואוירן אז דאס געלט איז זיינס. דער רבי האט אים גענומען אויס־פרעגן, צי אין שטוב ווייסט מען דערפון און יאנקל האט דערציילט, אז אין דער היים האט ער נישט געוואלט אויסזאגן, מען זאל עס נישט צונעמען ביי אים און אין חדר האט ער נישט דערציילט בכדי מען זאל נישט אויסזאגן אין דער היים און ער האט וועגן דעם דערציילט נאר שלומהלען, אבער יענער האט זיך געשוואוירן, אז ער האט קיינמאל נישט געהערט וועגן דעם. די רביצן האט באלד געהייסן שטעלן יאנקלען אין קינע און נאך מיט א בעזים און אלע קינדער האבן שוין אנגעהויבן לאכן. מען האט שוין איינמאל געשטעלט א יינגל מיט א בעזים, האבן אלע געלאכט און זיך געריצט מיט אים ביז וואנען ער האט געחלשט... דער רבי האט אבער געהאלטן, אז די זאך איז נישט אזוי גלאט. ער האט שטענדיק געזען יאנקלען זיך האלטן ביי ביידע קעשענעס. אין איינער האט ער געהאט דאס מעסערל, אבער וואס האט ער געהאט אין דער צווייטער? און מען האט באשלאסן צו שיקן רופן ביידנס טאטעס און די מאמע זיינע איז אויך געקומען. דער טאטע איז געוועזן בלייך ווי די וואנט און די מאמע האט זיך געהאלטן שטארק און זי האט געזאגט, אז פאר איר קינד קען זי שווערן ביי א ספר תורה. די רביצן האט איר געזאגט, אז זי זאל נישט שווערן, ווייל היינטיקע קינדער קען זי בעסער פון איר. די מאמע האט פון דעסט וועגן ארייגעזאגט יאנקלען דערפאר, וואס ער האט געהאט א פי־טאקל און ער האט נישט דערציילט און עס איז באלד געבליבן, אז מען זאל שרייבן א בריוו קיין איזמאיל. עס טוט זיך נישט אזוי גיך, ווי עס רעדט זיך. שיפן זיינען געגאנגען אלע טאג קיין איזמאיל און די פאסט איז דאך אנגע־קומען איין מאל אין דריי טעג. און ביז עס איז אנגעקומען ענטפער איז אוועק א וואך. דער פעטער אלי האט געענטפערט א לאנגן בריוו, אין וועלכן ער האט געשריבן האלב אין לשון קודש און האלב אין יידיש, אז יאנקל איז זיי גע־פעלן געווארן ווי א טייער און ערלעך קינד, וואס וועט נישט רירן אפילו קיין גאלד און ער האט געשריבן, אז ער איז דעם טאטן מקנא, וואס ער ברענגט אויף דער וועלט א נייעם יידן, ווייל די היינטיקע קינדער ווילן שוין בעוונותינו הרבים נישט זיין קיין יידן. און דערנאך האט ער דערציילט פונקט ווי אזוי די באבע האט יאנקלען געגעבן באלד ביים אנהייב חמישה קאפיקעס און ער

זיי באַלד פאַרלוירן און די באָבע האָט אים געגעבן אַנדערע און „בני ניסל, וואָס איז אַן אוהב ממון און האָט זיך ליב צוצוקוקן האָט געזען, אַז החמישה קאָפּיקעס זיינען פון שנת 1898 און זיי זיינען נאָך כמעט געווען נייַ, זיי האָבן געגלאַנצט כזהב טהור". מען האָט אָנגעקוקט די פינף קאָפּיקעס, וואָס מען האָט געפונען ביי יאַנקלען און זיי זיינען געווען פונקט אַזוי ווי דער פעטער האָט זיי באַשריבן, אָבער שלומהלעס מאַמע, וואָס איז געווען אַ יידענע מיט אַ מיילעכל, האָט געזאָגט, אַז נישט איין רויטע קו איז דאָ אין דער וועלט...

און נאָך אָט־אָ דעם בריוו האָט מען ערשט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ערגער פון אַלע איז געווען, אויסער יאַנקלען, דעם רבין חיים ערליך, וואָס זיין חדר האָט געקראָגן אַ שלעכטן שם. שעפּטל דיין אַליין, וואָס האָט שוין נישט קיין כוח געהאַט צו גיין און ער איז שוין געווען אויף דער פור און ער איז נישט געפאָרן, ווייל אייניקע יידן פון דער שטאָט האָבן נישט געוואָלט, אַז זיין זון אלי חיים זאָל בלייבן אויף זיין פּלאַץ, ווייל ער האָט נישט געגוג הדרת פנים (אייניקע האָבן געזאָגט פראָסט, אַז ער זעט אויס ווי אַ רויטער קאַ־צאַפּ), האָט זיך אַריינגעמישט און געמאַכט, אַז אנשטאָט אַ פּסק־דין זאָל זיין אַ פּשרה. אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז יאַנקל איז נישט שולדיק און אַ סך האָבן געזאָגט, אַז שלומהלע איציק יאָסלס זון איז געווען אַ גנב נאָך ביי דער מאַמען אין בויך. עס האָבן זיך אָבער געפונען מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן מיט שלומהלען און זיי האָבן געזאָגט, אַז אַלע „וצדקתכם" און כלי קודש זיינען גאָטס גנבים... איין ייד האָט אפילו אָנגעוויזן אויף יאַנקלען און ער האָט געזאָגט: „קוק נאָר אָן דאָס קליינע שוחטל, עס קען דאַכט זיך קיין צוויי נישט ציילן און צוגנבענען פינף קאָפּיקעס קען עס". דער דיין האָט שטילערהייט געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער ווייסט אויף זיכער ווער עס איז שולדיק, אָבער איציק יאָסל איז אַ געפּרואווטער. איין זון איז אוועק אין „סלוזשבע" און ער איז נישט צוריקגעקומען, ווער ווייסט דאָרט פאַרוואָס און מיט אַ מיידל האָט אויך פּאַסירט אַ מעשה און איצטער, אַז מען וועט נאָך גיין זאָגן, אַז זיין יינגל איז אַ גנב, וועט מען אים גאָר מדחה זיין מיט די הענט און אַזאַ ייד קען חלילה אין גאַנצן אַרויס לתרבות רעה און ווערן רחמנא ליצלן אַ מסור, ווייל קיין שטאַרקער צדיק איז ער נישט, כאָטש ער איז אַ שטילער ייד. און עס איז געבליבן, אַז דאָס פּיטאַקל האָט מען אוועקגעגעבן אויף אָרעמעלייט און די קינדער האָט מען געהייסן זיך געבן די הענט און זיין שלום. יאַנקלס האַרץ האָט געוואוסט נאָר גאָט, ער האָט אי פאַרלוירן די פינף קאָפּיקעס, אי ער האָט נאָך געקראָגן אַ שם פון אַ האַלבן גנב... ער האָט נאָך אַמאָל דערפילט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט. און שלומהלע איז פון דעסט וועגן נאָכגעגאַנגען יאַנקלען אַזוי ווי אַ קו אַ קעלבל און ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים און אַז ער האָט געהאַט עפּעס אַ גוטע זאַך, האָט ער אים געגעבן. אין חדר האָט מען פון זיי חוזק געמאַכט און מען האָט זיי

גערופן „די צוויי גנבים״. יאַנקל האָט עס נישט איבערגעטראָגן, ער האָט בעסער געוואָלט שטאַרבן, איידער הערן די דאָזיקע ווערטער. און אין צוויי וואָכן אַרום איז שלומהלע קראַנק געוואָרן, אַזוי קראַנק געוואָרן, אויף צו שטאַרבן. און ער האָט אַלעמאָל געבעטן, אַז מען זאָל צו אים ברענגען יאַנקלען און זיין מאַמע, וואָס האָט זיך פריער אַזוי שטאַרק געקריגט מיט דער שוחטטע, איז איצטער געקומען, בעטן אַלע טאָג, אַז זי זאָל לאָזן איר זון גיין צו זיי. און שלומהלע האָט איינמאָל אַריינגערופן דעם טאַטן מיט דער מאַמען אין איי־נעם מיט יאַנקלען און ער האָט אויסגעזאָגט, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף דעם שוחטס זון, ווייל ער האָט געוואָלט האָבן די פינף קאָפּיקעס און איצטער האָט זיך אים געחלומט, אַז אויב ער וועט נישט אויסזאָגן, וועט ער שטאַרבן. די עלטערן האָבן סיי ווי געוואוסט, אַז ער איז שולדיק. און זיי האָבן געבעטן יאַנקלען, אַז ער זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן וועגן דעם. און באַלד נאָך דעם האָט שלומהלען אָנגעהויבן צו גיין בעסער און בעסער און ער איז געזונט געוואָרן און ער איז דערנאָך געוואָרן גאָר אַ פרומער און ער איז גע־גאַנגען אַלע טאָג אין שול אַריין. אָט אַזוי האָט זיך דאָס פאָרן געענדיקט פאַר יאַנקלען אי זייער טרויעריק, אי פריילעך.

☆

קאַפּיטל זעקס

אַ פריילעכע חתונה מיט אַ צעריסן רעקל

עס איז אָבער יאַנקלען באַשערט געווען צו פאָרן אין יענעם יאָר נאָך אַמאָל קיין איזמאַיל. צוויי חתונות זיינען אין יענעם זומער פאָרגעקומען ביים פעטער אלי. די ערשטע האָט חתונה געהאַט ביילע דער באָבעס, וואָס איז געווען אירם אַן אייניקל פון דער געשטאָרבענער טאָכטער רייזע און וואָס איר טאַטע איז אַוועק קיין ארץ ישראל און די צווייטע האָט חתונה געהאַט דעם פעטער אלים עלטסטע טאָכטער חיה ביילע. ביי יאַנקלען האָט זיך גע־פלאָנטערט אין קאָפּ מיט ביילע און חיה ביילע און ער האָט זיי געהאַלטן אין איין פאַרמישן. דער טאַטע האָט געדאַרפט פאָרן צו ביידע חתונות און די מאַמע, ווייל ס'איז נישט איר מישפחה, נאָר צו איינער, צו דער חתונה פון דער יתומה. די עלטסטע שוועסטער מאַמציע האָט אויך געדאַרפט פאָרן נאָר צו איינער, ווייל לאָזן די שטוב אליין האָט מען נישט געקענט. מרים האָט אויך געזאָלט פאָרן צו ביידע חתונות און שפרה צו ביידע נישט, ווייל זי איז נאָך אַ צו קליינע. מען האָט זי איינגענומען מיט כאַלוואַ און דעם לע־קעך, וואָס מען וועט איר ברענגען און מיט נאָך גוטע זאַכן. און יאַנקל האָט אויך געדאַרפט פאָרן נאָר צו איין חתונה, צו חיה ביילעס, ווייל ער איז שוין איינמאָל געווען אין איזמאַיל. יאַנקל מיט מרימען האָבן געפירט אַ שטרענגן חשבון און איינער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן דעם צווייטן פון דאַנען אַהין. צו דער חתונה האָט מען יאַנקלען אויפגענייט אַ ניי רעקל פון אַלפּאַגאַ, וואָס האָט געגלאַנצט און איז געווען נישט צו לאַנג, אָבער אויך נישט צו קורץ. אויך אַ קאַפּעליוש האָט מען אים געקויפט אַ נייעם און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן מיט אַ זעלטענער צופרידנקייט און מיט אַ גליק־לעכער פרייד אויף ביידע נייע זאַכן און דעם קאַפּעליוש האָט ער אַלע־מאָל אַראָפּגענומען צו זען, צי דער קנייטש אין אים איז גלייך און צי די „ליענטע" (סטענגע) גלאַנצט. די חתונה איז געווען גרויס ווי אַ יאַריד. זיי זיינען צוגעפאָרן צו דער מומע ליבע. עס זיינען זיך צונויפגעקומען אפשר טויזנט מחותנים, האָט מען געזאָגט. מחותנים פון חתנס צד און קרובים פון דער כלהס צד זיינען געקומען פון אַ סך שטעט און דערפער. עס איז געקומען

דער פעטער לייזער, וואָס איז געווען דער באָבע דבורהס א ברודער און וועגן וועלכן דער טאַטע האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן. ער איז געווען א פרו־מער ייד און א גרויסער למדן און פון דעסט וועגן האָט ער נישט געוואָלט זיין קיין כלי קודש און ער איז גאָר געווען א בוכהאַלטער אין א גרויסער האָלץ פאַבריק, אַזוי ווי דער פעטער נוח. ער האָט טאַקע אויסגעלערנט דעם פעטער נוח בוכהאַלטעריע. אָבער דער פעטער לייזער האָט אויסגענומען, אַז ער וועט נישט קומען שבת צו דער אַרבעט ס'זאָל אַפילו דונערן און בליצן. די וועלט זאָל זיך איבערקערן, איז ביי אים שבת — שבת. און געוואוינט האָט ער דווקא אין רעני. וואָס מען האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז נאָך א מער נויאישע שטאָט ווי איזמאַיל. ער איז געווען דער בכבודיקסטער מענטש אין דער גאַנצער מישפחה און אין א נויט האָט מען זיך געווענדט צו אים און ער האָט אי געהאָלפן מיט אַן עצה, אי טאַקע מיט געלט. אַז איינער האָט געטאָן אַן עוולה צו דעם אַנדערן, האָט ער זיך באַלד געווענדט צום פעטער לייזער. וואָס האָט פריער אויסגעהערט דורך בריוו ביידע צדדים און דערנאָך האָט ער אויסגעמוסרט דעם שולדיקן. מען האָט געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס ביי וועמען ער אַרבעט, בלאָזט אים אָפּ דאָס פלאַץ און אַז גויים אין גאַס שטעלן זיך אָפּ, ווען ער גייט און אַפילו דער פריסטאַוו אַליין גריסט אים. ער איז געווען דער שטאָלץ פון דער מישפחה. און דערביי האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט איובס צרות. דאָס ווייב איז, נישט־דאָ געדאַכט, אַראָפּ פון זינען און זי איז אין משוגעים הויז, א זון האָט ער, איז ער נישט קיין שטאַרק געראָטענער. ער איז א זייער גוטער, אָבער נישט קיין קלוגער, פירט ער געשעפטן און מען נאַרט אים אַלע מאָל אָפּ און ער בלייבט אָן א קאָפּיקע און דער פעטער מוז פאַר אים צאָלן די חובות. אַן איינציקע טאָכטער האָט ער, וואוינט זי אין א בולגאַריש דאָרף און זי האָט פרנסה, אָבער וואָסאַרא לעבן איז עס אין א דאָרף? און זי האָט נאָך קיין קינדער אויך נישט, זי איז א בעזדיטניצע. דער פעטער איז אַליין אין שטוב. א גויה קומט דאָרט אַריין צורוימען און א יידענע קאָכט אים אָפּ איינמאָל אין טאָג א לעפל געקעכטס. ער איז א גרויסער בריה און ער גייט אָנגעטאָן ריין ווי גאָלד און ער קאָכט זיך אַליין אָפּ א קאַווע מיט מילך און ער מאַכט זיך אַליין א „פּראַזשניצע" פון אייער. דער טאַטע האָט גערעדט וועגן אים און האָט געקרעכצט און ער האָט געזאָגט „את אשר יאהב ה', יו־כיח". יאַנקל האָט זיך געפּרייט, וואָס ער פאַרשטייט עס. גאָט האָט אַזוי ליב דעם פעטער לייזער, אַז ער שטראָפט אים אַזש... פון דעסט וועגן, פלעג דער טאַטע זאָגן, אַז גאָט שטראָפט דעם דאָזיקן, וואָס טוט שלעכטס און יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען און ער האָט געפרעגט דעם טאַטן, אַז ער זאָל אים פאָרט זאָגן וועמען גאָט שטראָפט, צי דעם דאָזיקן, וואָס טוט גוטס, אָדער דעם דאָזיקן, וואָס טוט שלעכטס; דער טאַטע האָט זיך געבייזערט און ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע קשיות וועלן אים פאַרטרייבן אין גהינום אַריין...

דער טאַטע האָט מיטגענומען יאַנקלען זען דעם פּעטער לייזער און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך האַלטן שיין און אַז ער וועט אים פרעגן עפּעס וועגן לערנען, זאָל ער ענטפערן גוט און אויב ער וועט אים עפּעס אַזוי פרעגן, זאָל ער נישט ענטפערן ווי קיין נאַר, ווייל דער פּעטער לייזער איז אַ זייער קלוגער. מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ וועלט־חכם. ווי אַזוי צו ענטפערן גוט וועגן דעם לערנען, האָט יאַנקל געוואוסט, אָבער ווי אַזוי צו ענטפערן נישט ווי קיין נאַר, האָט ער נישט געוואוסט און ער איז געווען נערוועז און ער האָט פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט קוקן אויף דעם נייעם רעקל און ער האָט אַלעמאָל אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליושל און געקוקט אויף אים און פאַרגלעט דעם קנייטש. „אַט, אַט — האָט דער טאַטע געזאָגט — דאָס אַראָפּ־נעמען אַלעמאָל דעם קאַפּעליוש, טויג נישט, מען בלייבט אָן דעם היטל, דער פּעטער לייזער קען דערפאַר מאַכן אַ „זאַמעטשאַניע" (באַמערקונג). יאַנקל האָט שוין פאַר שרעק מער נישט אַראָפּגענומען דעם הוט, כאָטש געגלוסט האָט זיך עס אים זייער שטאַרק. דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען אַ קוק צו טאָן אויף דעם גלאַנץ פון דער סמענגע.

געגאַנגען איז ער צום פּעטער לייזער נאָך מיט מער פּחד ווי צום בוהו־שער רבין, אָבער דערנאָך האָט ער געזען, אַז ס'איז אומזיסט די שרעק. דער עלטער פּעטער איז געווען אַ זייער גוטער און גאָרנישט קיין בייזער. ער איז געווען אַ הויכער אַזוי ווי די באָבע דבורה און ער האָט אויך געטראָגן ברילן אַזוי ווי זי און פון אונטער די ברילן האָבן אַרויסגעקוקט פּונקט אַזעלכע גוּ־טע אויגן ווי ביי איר. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס זיינען טאַקע דער באָבעס אויגן. יאַנקל האָט זיך געחידושט, וואָס ער זעט פּונקט אַזוי אויס ווי די באָבע, כאָטש ער איז אַ מענטש און זי איז אַ ווייב... נאָר וואָס ער האָט געהאַט אַ באָרד מיט פּאות און ער האָט געטראָגן אַ רעקל, ווייטער איז ער געווען אין גאַנצן די באָבע... ער איז אויך געגאַנגען אַזאַ אַלפּאַגאַ רעקל ווי יאַנקל און אויך אַזאַ נישט קיין צו שטאַרק לאַנגס און נישט קיין צו שטאַרק קורצס. און די באָרד, וואָס איז שוין ביי אים געווען מער גרוי ווי שוואַרץ, איז געווען נישט קיין לאַנגע און שטאַרק גלייך פאַרקעמט. ער האָט געטראָגן פּאות און ער האָט זיי נישט אַרונטערגעשאַרט הינטער דעם אויער און זיי האָבן דאָך זיך נישט שטאַרק אָנגעזען. ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע און גרינג און ער איז ווי אין גאַנצן געווען אַ זיידענער. ער איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען און ער האָט דעם טאַטן אַרומגענומען און געקושט און ער האָט דערנאָך גע־קוקט אויף יאַנקלען און געזאָגט: „דאָס איז דער בן יחיד? אַ שיינער בחור!" און ער האָט זיך אָנגעבויגן און אים געגעבן שלום און אַ קוש אין שטערן און ער האָט ווייטער גערעדט מיט דעם טאַטן און אים האָט ער כמעט ווי גאָרנישט געפרעגט. ווען דער טאַטע האָט אים דערציילט, אַז ער לערנט גוט, האָט דער פּעטער לייזער אים געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און דערנאָך האָט ער

אַרויסגענומען אַ גאַנצע זילבערנע גריוועניקע (צען קאָפּיקעס) און ער האָט אים געגעבן. יאַנקל איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן און ער האָט מורא געהאַט צו נעמען, דער טאַטע האָט אים געהייסן נעמען און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זי נאָר נישט באַהאַלטן... און ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרט, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז אַזעלכע ייִדן ווי דער פעטער לייזער דאַרף מען זוכן. ער איז נישט קיין כלי קודש און ער היט אָפּ בעסער ייִדישקייט אפילו פֿון אַ רב. אָט איז ער אַ בוכהאַלטער און אַ בעסערער ווי נוח... אם ירצה השם אויף יענער וועלט וועט דער פעטער לייזער זיין בוכהאַלטער ביים רבש״ע אַליין... אַלע בוכהאַלטערס מעגן ביי אים אין הרובע הייצן, פֿון דעסט וועגן, אַז מען פֿרעגט נוחן פאַרוואָס ער היט נישט אָפּ קיין ייִדישקייט, זאָגט ער, אַז ער איז נישט קיין שוחט, ער איז אַ בוכהאַלטער... אוי־וואַ! אַ היץ אין באָד... דער טאַטע איז געווען אויפגערעגט גאָרנישט ווי זיין שטייגער און ער האָט גערעדט צו יאַנקלען ווי צו אַ גרויסן, כאָטש ווען די מאַמע האָט גערעדט אויף נוחן און געזאָגט, אַז ער איז אַ גוי, האָט ער זיך פאַר אים אָנגענומען און אים נישט געלאָזט באַליידיקן. גרויסע מענטשן, האָט יאַנקל זיך געחידושט, ריידן נישט שטענדיק אַלציינס.

ביים צוריקגיין האָט דער פאָטער ערשט דערציילט די גרויסקייט פֿון זיין פעטער, וואָס איז אַ וועלט־חכם און וואָס וואָלט אַליין געקענט זיין אַ רבי. אין רעני, וואו ער וואוינט, איז ער טאַקע אַ שטיק רבי. מען קומט צו אים דאָרט נאָך אַן עצה גיכער ווי צום אַלטן דיין. די רעניער ייִדן זיינען גויים גמורים רחמנא ליצלן און ווען ניט דער פעטער לייזער, הע, הע... אַז זיי זיינען אַלע צונויפגעפאָרענע דאָרט, איינער קען ניט דעם צווייטן, איז ניטאָ קיין בושה, איינער שעמט זיך נישט פאַרן צווייטן. און דאָרט וואו ס'איז נישטאָ קיין בושה פאַר מענטשן, איז נישטאָ קיין מורא פאַר גאָט... ווען נישט דער פעטער לייזער, וואָלט שבת דאָרט קיין מנין נישט געווען אין שול. אַז אַ ייִד זעט אים אום שבת, ווי עס רוט אויף אים די שכינה, מוז ער זיך דערמאָנען, אַז ס'איז דאָ ברוך השם אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז ס'איז דאָ אַ פאָלק ייִדן! און אַמאָל מאַכט זיך ער שטעלט אָפּ אַ ייִדן און ער זאָגט אים:

— איר גייט אויף דעם „פּריוואָז"? האַנדלען מיטן גוי? ער איז אַ בעסערער געבער ווי גאָט ברוך הוא? ער איז קראַנטנער? פּרוּווט איין טאָג אין דער וואָך „האַנדלען" מיט אים אַליין... ער איז הנותן ליעף כוח. ער גיט דעם מידן כוח, ער גיט דעם האָן שכל צו קרייען...

און דער ייִד פאַרשעמט זיך און עס ווייזן זיך אים טרערן אין די אויגן און ער גייט אַוועק אין שול אַריין און גאָט ברוך הוא העלפט.

דעם טאַטן האָבן זיך אַליין געוויזן טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט דאָס דערציילט. ער האָט אויך דערציילט ווי אַזוי דער פעטער לייזער האָט שלום געמאַכט צווישן אַ פּאָר פאָלק, וואָס איז שוין געווען גרייט זיך צו גטן.

ער האָט פריער אים געפרעגט, צי ער וועט שוין מער נישט חתונה האָבן און דערנאָך האָט ער זי געפרעגט דאָס אייגענע. ער האָט געענטפערט, אַז אַ ייד טאָר דאָך נישט וואוינען אָן אַ ווייב און זי האָט אויך געענטפערט, אַז אַ מענטש איז דאָך נישט קיין בהמה. האָט דער פעטער לייזער זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— וואָס זשע וועט איר זיך גטן? אַז איר וועט נעמען אַ פרעמדן יידן, וועט אייך זיין בעסער? און אַז איר וועט נעמען אַ פרעמדע יידענע, וועט אייך ווערן גרינגער? איר קענט אייך שוין איינער דעם צווייטן, איר קענט אויך די מעלות, די חסרונות. איר ווייסט — האָט ער געזאָגט צו דער יידע־נע — וואָס פאַר אַ מאכלים ער האָט ליב... אייגנס איז דאָך נישט פרעמדס...

און זיי האָבן זיך איבערגעבעטן. דער טאַטע איז געווען באַגייסטערט. אהרן הכהן, האָט ער געזאָגט, וואָלט דאָך נישט בעסער שלום געמאַכט... נעם מיך אַליין, איך קריג זיך אויך אַמאָל מיט דער מאַמען, נו? וואָלט מיר מיט אַ פרעמדער יידענע חלילה געווען בעסער?!... דער פאָטער האָט זיך פאַר־שעמט און איז שטיל געוואָרן אין מיטן און ביים קינד האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן — ער האָט מורא געהאַט, אַז דער טאַטע גייט חתונה האָבן מיט אַ פרעמדער יידענע.

מיטן פעטער לייזער איז יאַנקלען דורכגעגאַנגען גוט, ערגער איז אים געגאַנגען ביי אַ קרוב, וואוהין דער טאַטע האָט אים גענומען. דער קרוב איז געווען אַ רייכער, ער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון זעלצער וואַסער און יאַנקל איז אַהין געגאַנגען מיט אַ גאַנצער גדולה, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען קיין פאַבריק. און דאָ האָט מיט אים פּאַסירט דאָס דאָ־זיקע אומגליק, וואָס האָט מיט אים געמוזט טרעפן אַלע מאָל, ווען עס איז אים געגאַנגען צו גוט. אַזוי ווי זיי זיינען אַריינגעגאַנגען צום קרוב, האָט געגעבן אַ לויף צו צו אים אַ הונט און ער האָט זיך געוואָרפן אויף אים. די נשמה איז אים שיעור נישט אַרויס, דער הונט האָט אים געגעבן אַ כאַפּ אָן הינטן ביים רעקל, געגעבן אַ ריס און אָפּגעלאָזט און אַוועק. דאָס רעקל איז געווען צעריסן און יאַנקל האָט זיך צעוויינט. די פרוי פון קרוב איז געווען אַ גוטע און אים געגלעט און געטרייסט און געזאָגט, אַז זי וועט דעם ריס אַזוי פאַר־נייען, אַז מען וועט אין גאַנצן נישט אָנזען און זי האָט אים דערווייל שוין געגעבן זעלצער וואַסער פון אַ סיפאָן און נאָך מיט איינגעמאַכטס דערצו. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזויפיל איינגעמאַכטס און אַזויפיל זעלצער וואַסער אויף איינמאָל, אָבער דאָס איז אים נישט איינגעגאַנגען און ער האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען. דעם ריס האָט מען טאַקע אַזוי פאַרנייט, אַז מען האָט כמעט נישט אָנגעזען און די יידענע האָט געזאָגט: „ווייסעך וואָס! עס איז אַ שוואַרצע סחורה, עס זעט זיך נישט אָן!” אָבער אַ סימן איז דאָך געווען און יאַנקל האָט אַלעמאָל געקוקט אַהין. דער טאַטע האָט דעם קרוב

אריינגעזאָגט, דערפאר, וואָס ער האָלט הינט און ער האָט אים געזאָגט א גמרא, אז המגדל כלבים האָט נישט קיין עולם הבא, אָבער דער ייד האָט געזאָגט, אז ס'זיינען נישט קיין כלבים, נאָר איינער א כלב און אין דער גמרא איז עפּעס אַנדערש און ווען מען האָט א פאבריק, איז אויך עפּעס אַנדערש... אויף דער גאַס האָט דער טאַטע געזאָגט יאַנקלען, אז אַלע גליקן דאַרפן אים טרעפן און ער האָט זיך געפילט אומגליקלעך דערפון, עס טרעפן אים טאַקע אַלע אומגליקן. ער האָט די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן אין איין אויסדרייען און קוקן אַהין וואו דער רים איז געווען אין נייעם רעקל און אים האָט זיך געדאַכט, אז אַלע קוקן אויף אים און אַלץ איז אים געווען פאַרשטערט. כאָטש די חתונה איז געווען אַזאַ גרויסע און מיט א סך כלי זמר און א פרייליכע און די קינדער האָט מען געגעבן לעקעך און קאַמיש־ברויט און שטרודל וויפל זיי האָבן נאָר אַליין געוואָלט, אבי זיי זאָלן נישט דערקוטשען. דער גרויסער קנאַק איז געווען צום ערשטן מאָל פרייטיק בייטאָג, ווען מען האָט באַזעצט די כלה. די באַזעצעניש איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער שטוב פון פעטער אלי און די שטוב איז געווען פול מיט קינדער, די מענער זיינען אַלע געווען ביים חתן און זיי האָבן געדאַרפט קומען אין איינעם מיט אים. ס'איז געווען פרייטיק בייטאָג און די חופּה האָט באַלד געדאַרפט פאָרקומען אין הויף פון דער גרויסער שול. די קינדער האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע באַקוקט און ווער ס'האָט געהאַט א ניי אנצוגל, האָט געוויזן. פון יאַנקלען האָט מען געלאַכט און מען האָט געזאָגט, אז ער גייט אָנגעטאָן א לאַנגע קאַפּאָטע, אָבער ער האָט געמיינט, אז מען לאַכט פון דעם רים מיט דער נאָט, וואָס האָט איינגעקאָרטשעט דאָס רעקל... ביי דער באַזעצעניש האָבן אַלע ווייבער געוויינט און מער פון אַלע האָבן געוויינט די כלה און די באָבע און וואָס מער זיי האָבן געוויינט, האָבן די קינדער געלאַכט ביז מען האָט זיי אַרויסגעטריבן. און דערנאָך איז אָנגעקומען דער חתן מיט די אונטערפירער און די כלי זמר האָבן געשפּילט און מען האָט נאָך אַמאָל געוויינט. און די גלאַוונע מחותנים האָט מען אַריינגעזעצט אין פאַעטאָנעס און מען איז געפאָרן אין דער גרויסער שול. יאַנקל האָט קוים געזען די כלה. וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט א גרויסן ווייסן שלייער, וואָס מען האָט גערופן „פאַעטאַ" (מיטן אַקצענט אויף דער א) און וואָס האָט געהאַט קרענצלעך פון ליכט. דער כלה האָט זיך נאָכגעשלעפּט א גרויסער שלעפּ און די מיידלעך האָבן אים צוגעהאַלטן. מאַמציע האָט אים אויך צוגעהאַלטן און די כלה, די גוטע חיהּביילע מיט די דינע ליפּן און מיט די בלויע אויגן האָט זיך אַביסל אויפגעדעקט דעם שלייער און געזאָגט: „אין גיכן ביי דיר, מאַמציע!" און נאָכדעם, וואָס די כלה איז אריין מיט די אונטערפירערנס אין איין פאַעטאָן און דער חתן אין א צווייטן, האָבן זיך די גלאַוונע מחותנים אויך אַריינגעזעצט אין פאַעטאָנעו. יאַנקל האָט זיך שטאַרק געהאַלטן לעבן טאַטן און מאַמציע האָט זיך געהאַלטן לעבן יאַנקלען און

זיי זיינען אַלע דריי אַריין אין אַ פּאַעטאָן, אין וועלכן עס זיינען שוין גע־זעסן אַ פּאָר יידן מיט ווייסע בערד. וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל אויך אַריין און דער טאַטע האָט קוים געפּועלט ביי זיי. די חופּה איז פאָרגעקומען אין גרויסן הויף פון דער גרויסער שול, ס'איז דאָרט געווען אפשר גאַנץ איזמאַיל. יינגלעך האָבן צוגעהאַלטן די שטאַנגען פון דער חופּה און יאַנקל איז אויך געווען צווישן זיי. געגעבן חופּה וקידושין האָט דער דיין ראובן, וואָס האָט דאָ אויסגעזען אַ סך שיינעגדיקער, ווי אַמאָל אין שול. ביז וואַנען דער חתן האָט דער כלה אָנגעטאָן דאָס רינגל און ער האָט נאָכגעזאָגט דעם הרי את, האָט אַזוי לאַנג געדויערט און יאַנקלען איז שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען דאָס הארץ. דער חתן איז געווען נידעריקער פון דער כלה און ער האָט שוין געהאַט אַ קיילעכדיק בערדל. ער האָט געהייסן חיים בער און די כלה חיה ביילע און יאַנקלען איז געפעלן געוואָרן, וואָס די נע־מען זייערע קלינגען אַזוי אַלציינס. ער איז געווען פון אַ דאָרף דער חתן און מען האָט געזאָגט, אַז ער קען אין די דריבנינקע אותיות מער ווי די שטעטישע און פרומער איז ער אוודאי פון זיי. דער דיין האָט ערשט דערנאָך גענומען אַ סידור און האָט נאָך געזאָגט און געזאָגט און די כלה איז געשטאַנען און האָט געוויינט, דער חתן האָט דווקא געשמייכלט. נאָכדעם, וואָס דער דיין האָט אָפּ־געזאָגט, האָט דער פעטער אלי געגעבן אַ וואונק צום טאַטן און ער האָט אָנ־געהויבן צו זינגען די שבע ברכות, מען האָט זיך גענומען שושקען פון אַלע זייטן און מען האָט געזאָגט, אַז די שבע ברכות זאָגט דער כלהס פעטער, וואָס איז שוחט אין קיליע. יאַנקלען איז געפעלן געווען, וואָס מען רעדט אַזוי וועגן דעם טאַטן און עס איז אים אויך געווען געפעלן ווי אַזוי דער טאַטע זינגט. ער איז געגאַנגען אין זיין שיינער זיידענער קאַפּאָטע דער טאַטע און אין פּליור־שענעם היטל און ער האָט אויסגעזען זייער שיין. אָבער די שמחה איז אים שפּעטער פאַרשטערט געוואָרן, ווען ער האָט געהערט ווי זיין שוועסטערקינד בערל האָט געזאָגט, אַז דער רויטער אברהם האָט אַ קול פון אַ רוקבעט... אים האָט פאַרדראָסן, וואָס מען רופט זיין טאַטן רויטער און ער האָט נישט איינ־מאָל באַמערקט, אַז דער טאַטע האָט אויך יסורים דערפון און ער זוכט שטענ־דיק אין דער רויטער באָרד גרויע האָר און ער זאָגט, אַז אַבי די באָרד וועט אים ווערן גרוי, וועט ער שוין מער נישט זיין קיין רויטער, ווייל דער קאָפּ איז ביי אים שוואַרץ. נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מען זאָגט, אַז זיין טאַטע האָט אַ קול פון אַ רוקבעט. זיין טאַטע האָט דווקא שיין געזונגען... בערל האָט דערזען, אַז יאַנקל האָט געהערט ווי אַזוי ער האָט גערעדט פון זיין טאַטן און אַז ער קוקט אויף אים ברוגז. האָט ער אים געגלעט און געזאָגט, אַז ער האָט נישט געמיינט גאָרנישט און אַז עס איז נאָר אַ „שוטקע" (שפּאַס), ווייל ער האָט דעם פעטער אברהם שטאַרק ליב און אַלע אין שטוב האָבן אים ליב, יאַנקלען איז אָבער שוין די שמחה צום צווייטן מאָל פאַרשטערט גע־

וואָרן. פון שול איז מען געפאָרן אין גרויסן זאַל אריין וואו עס האָט שביתי־נאַכטס גערארפט זיין די גרויסע חתונה און וואו מען האָט דערווייל געגעסן לעקעך און געטרונקען בראַנפן און וואו די מיידלעך האָבן געטאַנצט. דעם טאַטן איז געפעלן געווען דער זאַל און ער האָט געזאָגט, אַז אין קיליע איז נישטאָ אַזאַ מין; דאָרט מאַכט מען די חתונהס אין די „מאַגאַזאַנעס" (שפייכלער) מיט תבואה, וואו עס לויפן ארום די שטשורעס. דער טאַטע האָט געטרונקען לחיים צו אַלע מחותנים און צו די מחותנתטעס און צו דער באָבען און ווען ער האָט געטרונקען לחיים צו דעם פעטער אלי, האָט ער זיך אַזוי צוגעקלעפט צו אים, אַז מען האָט זיי קוים אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן. און יאַנקל האָט געקוקט ווי אַלציינס זיי זעען אויס, כאָטש דער טאַטע איז אַ רויטער. דער פעטער נוח איז דאָ אויך געווען, אָבער ער האָט נישט פאַרנומען אַזאַ פּלאַץ ווי דער טאַטע און יאַנקלען האָט עס הנאה געטאָן, ער האָט עס אויגעטייטשט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיין טאַטע איז אַ פרומער ייד און נוח גייט מיט אַ קורץ רעקל. די באָבע האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס איר דריטער זון, מאיר, איז נישטאָ, ער וואוינט אין אַקערמאַן. וואָס איז גאַנץ ווייט און עס גייט אים נישט גוט און ער האָט נעבעך נישט אויף הוצאות. „זיין האַרץ, האָט די באָבע געזאָגט, ווייסט נאָר גאָט און איך..." און זי האָט אויך גערעדט פון די צוויי טעכטער אירע, וואָס זי האָט אין רומעניע, שרה און זלאַטע... ווען פאָניע וואָלט נישט געמאַכט קיין גרעניץ אין מיצקע הערינגען, וואָלטן זיי געווים געקומען... דריי טעכטער זיינען דאָרט נישט דאָ געדאַכט געשטאָרבן... ס'זיינען פון אַקערמאַן, בוהוש און בוקאַרעשט אָנגעקומען טעלעגראַמעס. פון פעטער מאיר איז געשטאַנען מזל טוב מיט רוסישע אותיות, אָבער פון דער מומע שרה, וואָס האָט געוואוינט אין בוהוש און דער מומע זלאַטע, וואָס האָט געוואוינט אין בוקאַרעשט זיינען אָנגעקומען טעלעגראַמעס מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן און מען האָט געזוכט דעם פעטער לייזער, אַז ער זאָל זיי איבערלייענען, אָבער ער איז שוין נישט געווען, מען האָט געזאָגט, אַז פרייטיק פאַרנאַכט גייט ער פרי אין שול אריין, ווייל ער זאָגט גאַנץ שיר השירים. האָט מען געזוכט דעם פעטער נוח, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער קען אויך לייענען די לאַטיינישע אותיות און ער האָט איבערגעלייענט. אין ביידע טעלעגראַמעס איז געשטאַנען, נישט מער ווי „מזל טוב" און די נעמען. די מומע חווה דעם פעטער נוחס האָט זיך אריינגעמישט און זי האָט געזאָגט, אַז ווייל דער טאַטע האָט געזאָגט שבע ברכות, האָט ער געדאַרפט צולאָזן נוחן צו לייענען די דעפּעשעס. יאַנקל האָט געקלערט, אַז ווען זיין מאַמע וואָלט דאָ געווען, וואָלט ארויס אַ קריג... די באָבע האָט געשלעפּט אַלע דריי זין טאַנצן און מען האָט גענומען שרייען „שששאַ" און מען האָט געהייסן די קלעזמער זיי זאָלן שפּילן אַ ווייוואַט. די דריי זין האָבן נאָר אַביסל געטאַנצט און זיי האָבן זיך געשטעלט ביי אַ זייט און צוגעפּליעסקעט און די

באָבע האָט אַליין געטאַנצט; האָבן שוין אַלע צוגעפּליעסקעט; די באָבע איז געווען אַזוי הויך און שיין און דאָס ווייסע זײַדענע טיכל האָט בײַ איר גע־גלאַנצט און זי האָט פֿאַרהויבן מיט איין האַנט דאָס זײַדענע קלייד... און ווען די באָבע האָט געענדיקט דאָס טאַנצן, האָבן אַלע מיידלעך גענומען טאַנ־צן, אָבער נישט אויף לאַנג, דער טאַטע האָט גענומען שרייען, אַז ס׳איז שוין שפּעט און מען דאַרף שוין ליכט בענטשן און מקבל שבת זײַן. די מיידלעך האָט עס פֿאַרדראָסן און יאַנקל האָט געהערט ווי זיי זאָגן, אַז עס איז גע־קומען אַ שוחט פֿון קיליע און ער „ראָזאַריאַיעט״ זיך. עס האָט אים גע־אַרט, וואָס די מיידלעך ריידן אַזוי וועגן זײַן טאַטן, אָבער דערפֿאַר האָט דער טאַטע זייער אויסגעפֿירט. די מוזיק האָט באַלד אויפֿגעהערט שפּילן און דאָס טאַנצן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן און ביידע מחותנתטעס אין איינעם מיט דער באָבען האָבן באַלד אויסגעוואַקסן לעבן דער כלה און האָבן איר געהייסן בענטשן ליכט און זיי האָבן געזאָגט, אַז איצטער איז זי שוין אין גאַנצן ווי אַ יידענע און זי דאַרף שוין אָפּהיטן אַלע ווייבערישע מיצוות גלייך מיט אַלע און חיה ביילע האָט געפֿאָלגט און זי האָט געטאָן אַזוי ווי מען האָט איר געוויזן און זי האָט זיך פֿאַרשטעלט נאָך מער דאָס פּנים, ווײַל זי האָט זיך געשעמט. און נאָך איידער די ווײַבער האָבן געענדיקט דאָס ליכט בענטשן, האָט דער טאַטע אויסגעזוכט דאָס פּלאַץ וואו ס׳איז מיזרח און ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מינחה און אַ סך יידן האָבן אים נאָכגעטאָן און ס׳איז באַלד געוואָרן אַ מנין אַרום. די מומע גאָלדע האָט געהייסן דעם שמש אויסרופֿן, אַז אַלע היגע מחותנים זאָלן גיין אַהיים און אַלע פֿרעמדע מחותנים, וואָס זײַנען געקומען פֿון אַנדערע שטעט, זאָלן דאָ בלײַבן און זיי וועלן דאָ עסן. אַ ייד האָט אָפּגעשטעלט דעם שמש און אים געפֿרעגט: „און וואָס וועט זײַן מיט די דאָזיקע, וואָס זײַנען געקומען פֿון די דערפֿער?״ דער שמש האָט געלאַכט און די מומע גאָלדע האָט געענטפֿערט, אַז פֿון די דערפֿער זאָלן אויך בלײַבן. האָט דער ייד געזאָגט, אַז דער שמש זאָל אויסרופֿן נאָך אַמאָל און אויסרופֿן די דערפֿער אויך, אַז נישט גייט ער באַלד אַוועק. און די מחותנתטע האָט געהייסן דעם שמש אויסרופֿן נאָך אַמאָל, ווײַל דער מחותן, וואָס מאַנט עס, איז פֿון חתנס צד און מיט חתנס צד שפּילט מען זיך נישט, כאָטש מען פֿײַפֿט שוין אויף זיי, ווײַל דער חתן האָט שוין מקדש געווען די כלה. און דער זעלביקער ייד האָט געבעטן בײַם טאַטן, אַז ער זאָל אים אָפּטרעטן דעם „עמוד״. „איר, האָט ער אים געזאָגט, דאַוונט דאָך סײַ ווי אַ גאַנץ יאָר פֿאַר דעם עמוד און איך בין אין דאַרף מיט די איוואַנעס און זיי ווילן נישט קומען מקבל שבת זײַן...״ דער טאַטע איז געווען זייער פֿריילעך, יאַנקל האָט אים נאָך קיינ־מאָל נישט געזען אַזוי פֿריילעך און ער האָט דעם יידן אָפּגעטרעטן זײַן פּלאַץ און יענער האָט גענומען דאַוונען מיט אַ גראָב קול און זעצן ווערטער ווי אַ באַד־נער. מען האָט זיך אַרומגעוואונקען וועגן אים און געלאַכט און ער האָט וואָס

אַמאָל געשריגן העכער און זיין קול האָט אין גרויסן זאַל געקלונגען ווי דריי קולות. די סאַרווערגס זיינען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז אַרום די לאַנגע טישן און בענק, וואָס זיינען געמאַכט געווען פון ברייטער און זיי האָבן צו־געגלעט די טישטעכער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווייסע ציכלעך און זיי האָבן אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָלן זיין גלעזער און מעסער און גאָפּלען. און די מחותנים האָבן זיך דאָ פריילעך געמאַכט איבער דעם דאָרפס־יידן, וואָס האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. זיי האָבן אים אין מיטן דער שמונה עשרה אויפגע־הויבן און אים אַוועקגעטראָגן און געהייסן האַלטן גלייך די פיס און זיי האָבן אים צוריקגעשטעלט אויף דעם אָרט און אים געהייסן דאַוונען ווייטער. די יידן מיט די גרויסע בערד האָבן אויסגעזען ווי גרויסע קינדער און דער טאַ־טע האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן און געלאַכט און געשריגן: „אוי, איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן אַזויפיל נישט געלאַכט.“ די קינדער האָבן געקוקט פאַרוואונדערט, זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז גרויסע זאָלן זיך שפּילן אַזוי ווי קליינע קינדער. דער ייד, וואָס האָט געדאַוונט פאַרן עמוד האָט אויך געלאַכט און ער האָט זיך צוגעהאַלטן ביים מויל, אַז ער זאָל נישט אויס־ריידן קיין וואָרט און ערשט ווען ער האָט געענדיקט די שמונה עשרה האָט ער געזאָגט, אַז די יידן זיינען ערגער ווי די גוים אין דאָרף און ער האָט ווייטער געלאַכט. דאָס גאַנצע דאַוונען האָבן זיי אָפּגעלאַכט, אַז זיי האָבן שוין נישט קיין כוח געהאַט צו שטיין אויף די פיס. ביים טאַטן זיינען די פאות געווען צעשויבערט און די באָרד צעפּלאָשעט און די קאַפּאָטע צעשפּיליעט, ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי...

געשלאָפן איז יאַנקל ביים פעטער אלי אויפן בוידעם און איינעם מיט אַ סך קינדער. דער טאַטע איז געגאַנגען אין איינעם מיט מאַמציען נעכטיקן צו דער מומע ליבע, אָבער ער האָט נישט געוואָלט גיין. דער בוידעם איז גע־ווען אַ גרויסער און מען האָט אים אויסגעפּוצט ווי אַ שטוב און מען האָט אויסגעשפּרייט שטרוי און אַרויפגעלייגט ליילעכער און געהייסן די קינדער זיך לייגן, די יינגלעך פון איין זייט און די מיידלעך פון דער צווייטער זייט. דער דינסט האָט מען געהייסן אויסלעשן דעם לאָמפּ און מען האָט אָנגעזאָגט, אַז די יינגלעך זאָלן נישט קוקן צו די מיידלעך. די מיידלעך האָט מען גאָר־נישט אָנגעזאָגט און דווקא זיי זיינען געלאָפן צו די יינגלעך און זיך גע־שפּילט מיט זיי און געלאַכט. אויך לעבן יאַנקלען איז געווען אַ קליין מיידע־לע, וואָס איז געווען אַזאַ גלאַטינקע, ביי אַ יינגל האָט ער קיינמאָל נישט גע־פילט אַזאַ גלאַטע הויט ווי ביי יענעם מיידעלע, וואָס ער האָט אפילו נישט געוואוסט ווער זי איז... ער האָט נישט געוואוסט וואוהין די נאַכט איז אַוועק און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג און מען האָט די קינדער גענומען טרייבן אין גאַס אַריין, ווייל מען האָט געדאַרפט צורוימען דעם בוידעם מיט דער שטוב. נאָך יאַנקלען איז געקומען דער מומע

ליבעם קלענער ייִנגל ליב און האָט אים גענומען צו זיי אַהיים. ווען ער איז געקומען אַהין, האָט ער שוין געטראָפן דעם טאַטן מיט נאַסע פּאות און ער האָט געוואוסט, אַז ער איז שוין געווען אין מיקווה. ער איז געזעסן און גע־טרונקען קאַווע מיט מילך, וואָס האָט געשמעקט אַ מייל די ווייט. אויך מאַמ־ציע האָט געטרונקען קאַווע מיט מילך. די מומע ליבע האָט זיך אַרומגעדרייט מיט רויטע אויגן און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ביז וואַנען יאַנקל האָט זיך דערוואוסט פאַרוואָס זי וויינט. מען האָט איר נישט געשיקט קיין בילעט אויף דער חתונה צום פעטער אלי. די מיידלעך האָבן זיך געריכט צו גיין און זיי האָבן אַפילו זיך געמאַכט נייע „פּלאַטיעס" (קליידלעך) און די שכנים האָבן געוואוסט, אַז זיי קערן זיך אָן מחותנים און אַז צו זיי איז געקומען אַ פעטער פון קיליע, וואָס איז דער כלהס פעטער און צום סוף האָט מען זיי אָנ־געטאָן אַזאַ בושה. דער טאַטע האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן, ער האָט געזאָגט, אַז ערב אַ חתונה איז מען פאַרראַשט און מען האָט עס געווים נישט געטאָן פאַר שלעכטיקייט, נאָר פּשוט ווייל מען האָט פאַרגעסן און די מומע האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט מען זי געוואָלט פאַרשעמען, ווייל זי שטייט אין מאַרק מיט סחורה, ווייל זי האָט נישט געלאָזט די קינדער אירע אומקומען פאַר הונגער פון דעם מאַן דעם שלימזל, וואָס מען האָט איר געגעבן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך נישט געדאַרפט רעכנען און גיין מיט אים אין איינעם צו דער חופּה און די בושה, וואָס זי וואָלט מיט אירע קינדער גע־ליטן, וואָלט ער עס גענומען אויף זיך, וואָרום ווער ווייסט דען, צי עמיצער האָט אַ בילעט? די גאַר היימישע שיקט מען נישט קיין בילעטן... אַז ער וועט מירטשעם חתונה מאַכן מאַמציען, וועט ער איר אויך נישט שיקן קיין בילעט, פון דעסט וועגן לאַדט ער זי שוין איין אויף דער חתונה און אויב זי וועט נישט קומען, וועט ער זיין ברוגז. די מומע איז באַשטאַנען אויף אירן און זי האָט געזאָגט, אַז ווען די מאַמע וואָלט געקומען, וואָלט זי נישט געלאָזט אַזוי פאַרצאַפּן איר בלוט און זי וואָלט אויך נישט געגאַנגען צו דער חופּה. ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף דער מומען, ווי זי רעדט מיט בלוטיקע טרערן און ס'איז געווען אַ רחמנות אויף דעם טאַטן, וואָס איז געזעסן אַ טרויעריקער און האָט זיך געביסן דעם עק פון דער באָרד. דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז צייט צו גיין דאַווענען און ער האָט יאַנקלען אויך מיטגענומען אין דער גרויסער שול אַריין, וואָס איז געווען גאַנץ ווייט און ביז זיי זיינען אָנגעקומען, האָט מען מיט דעם דאַוו־נען געהאַלטן שוין העט־העט. אין שול איז געווען אַ רויש און אַ טומל, אַלע מאָל איז אָנגעקומען אַן אַנדער מחותן און אַ סך האָבן אַריבערגעשריגן דעם פעטער אלי, וואָס האָט געדאַווענט פאַרן עמוד און זיי האָבן גאָר געזונגען עפּעס אַנדערש. דער חתן איז אָנגעקומען גאָר שפּעט און מען האָט אים אָני־דערגעזעצט אין סאַמע מזרח און אים איינגעהילט אין טלית איבערן קאָפּ. און

ס'האָט זיך דערנאָך געטאָן אַ אויפרופעכץ, אַזוי ווי שמחת תורה. מען האָט געדאַרפט אויפרופן אַלע מחותנים און מען האָט יעדן איינעם געמוזט געבן אַ קליין שטיקעלע תורה. דער טאַטע האָט געלייענט און ער האָט זיך געקלאָגט, אַז די סדרה איז אַ קליינע און ער קען נישט אַזוי פיל „טעכברן"; בכדי מען זאָל מעגן מאַכן אַ ברכה, דאַרף מען לייענען כאָטש דריי פסוקים און ער האָט זיך געמוזט אומקערן אויף צוריק און לייענען צוויי מאָל איין פסוק. און ווען מען האָט אויפגערופן דעם חתן איז געוואָרן אַ גערודער אוין אין דער ווייבערישער שול. דער טאַטע האָט אויפגערופן אויף אַזאַ קול, אַז מען האָט געהערט אפשר אויף דער דריטער גאַס. מען האָט דעם חתן דורכגעפירט אַרום דער גאַנצער שול און ווען ער איז דורכגעגאַנגען די פענצטערלעך פון דער ווייבערישער שול, האָט מען אים אָפּגעשיט פון קאָפּ ביז די פיס מיט ניס און מיט צוקערלעך און די ייִנגלעך האָבן זיך געוואָרפן כאַפּן און יאַנקל צווישן זיי און איין ייִנגל האָט געריסן ביים אַנדערן און זיך געדראַפּעט די הענט און די ייִדן האָבן זיי אַלע שיעור נישט צעטרעטן. און דער טאַטע האָט געפּועלט ביים פעטער אלי און ער איז געגאַנגען מיט אים איבערבעטן די מומע ליבע, כאָטש עס איז געווען ווייט און דער פעטער איז געווען מיד. דער פעטער האָט געגעבן זיין וואָרט, אַז ער האָט געהייסן שיקן אַ בילעט, אָבער וואָס דערנאָך האָט פּאַסירט, ווייסט ער נישט, אפשר האָבן די קינדער פאַרגעסן צו שרייבן און אפשר האָט דער „פּאָטשטאַליאָן" נישט אָפּגעגעבן. דער פעטער אלי האָט געמוזט זיצן אַ לענגערע צייט און טרינקן אביסל וואַסער מיט איינגעמאַכטס און זאָגן, אַז דער איינגעמאַכטס איז זייער גוט. יאַנקל האָט געזען ווי די מומע ליבע האָט פאַרמאַכט דאָס חדר, וואו דער פעטער הערש איז געליגן אַ קראַנקער און ער האָט געהוסט. דער פעטער אלי האָט נישט געפרעגט אויף אים, גלייך ער וואָלט נישט געלעבט אויף דער וועלט און יאַנקלען האָט ווי געטאָן פאַר אים דאָס האַרץ און ער האָט געפילט, אַז פונקט ווי עס איז געשען אַן עוולה דער מומע ליבע מיט דעם, וואָס מען האָט נישט געשיקט דעם בילעט, פונקט אַזוי איז געשען אַן עוולה דעם קראַנקן פעטער הערש און כאָטש אַרום איז געווען אַזוי פריילעך, איז ער אַ שטיק צייט געווען טרויעריק. ווען עס איז טונקל געוואָרן, איז מען צו דער מומע ליבע געקומען מיט אַ פאַעטאָן נעמען מאַמציען, די מומע מיט די צוויי מיידלעך און יאַנקל און דאָס ייִנגערע ייִנגל דער מומעס זיינען אויך אַריין. די מיידלעך האָבן זיך נאָך פון פריער באַרימט פאַר זייערע חברטעס פון דער גאַס, אַז מ'וועט זיי קומען נעמען מיט אַ פאַעטאָן און זיי זיינען געווען שטאַרק פריילעך. עס איז געווען אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע און דאָס פּופּיקל, וואָס די באָבע האָט אים געגעבן, האָט געהאַט דעם זיבעטן טעם. און ביי דער וועטשערע האָבן די קלעזמער אַזוי געשפּילט, אַז מען האָט אי' געטאַנצט, אי געוויינט. געווען אַ בלינדער קלעזמער, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ פליים,

האָט ער געשפּילט אַזעלכע דוינעס, אַז ער האָט דאָס חיות אויסגעזויגן ביי אַלע. ער האָט געטראָגן גרויסע שווארצע ברילן, דורך וועלכע מען האָט גאָר־נישט אָנגעזען און יאנקל האָט זייער שטארק געוואָלט וויסן, צי ער האָט טאַקע גאָרנישט קיין אויגן. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז דער בעסטער קלעז־מער אין גאַנץ „ניי בעסאַראַביע" און ער וואוינט אין באַלגראַד. יאנקל האָט אָבער נישט געגלויבט, אַז ער איז אַ בעסערער קלעזמער פון לייבעלע פידלער, וואָס וואוינט אין קיליע און וואָס איז דער בעסטער אין דער גאַנצער וועלט. אויף דעם בלינדן קלעזמער האָט מען געזאָגט, אַז ער מאַכט אַליין מעלאָדיעס, אַזוי גוט קען ער נאָטן און אַז ער שרייבט לידער אויך. אויף יידיש שרייבט ער זיי. ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד וועגן די יידן, וואָס זיינען געפאָרן אַר־בעטן ערד קיין ארגענטינע, איז עס איינס אין דער וועלט. ער האָט אָפּגע־שפּילט אַ וועטשערע, האָט מען געזאָגט, אַז מען וועט עס האָבן צו גע־דענקען און אַלע וואָס האָבן געהאַט קינדער חתונה צו מאַכן, האָבן זיך גע־וואונטשן, אַז דער בלינדער זאָל שפּילן ביי זיי. און מען האָט שוין געזאָגט, אַז די בלינדע זיינען די בעסטע קלעזמער אין דער וועלט, ווייל זיי זעען נישט, הערן זיי בעסער און עס זיינען דאָ אַזעלכע בלינדע, וואָס הערן אין מיטן העלן טאָג ווי די מלאכים זינגען אין הימל... און נאָך דער וועטשערע האָט זיך עס אָנגעהויבן דאָס טאַנצן. פון איין זייט האָבן געטאַנצט די ווייבער אַליין און פון דער אַנדערער זייט האָבן געטאַנצט די מענער אַליין, אָבער אַ פּאָר מאָל האָבן געפּרואווט טאַנצן מענער אין איינעם מיט פרויען און די פרומע יידן האָבן געשריגן גוואַלד. מער פון אַלע האָבן געטאַנצט די יידן פון די דערפער, זיי האָבן אַלע מאָל געשריגן: „קלעזמער, אַ בולגאַריש!" און זיי זיינען געשפּרונגען ביז אין דער סטעליע אַריין און זיי האָבן אַזש אָנגעמאַכט אַ פּאַרעך. יאנקל האָט אויך אַ סך מאָל מיטגעטאַנצט. ער האָט געזען ווי אַזוי די יידן וואַרפן מיט די פיס, האָט ער נאָכגעטאָן.

און וואָס עס איז דערנאָך געוואָרן, האָט ער שוין נישט געדענקט. אין דער פרי האָט מען אים קוים אויפגעריסן, אַז ער זאָל גיין צו דער שיף פאָרן אַהיים, ווייל דער טאַטע דאַרף פאָרן אין בוינע אַריין און ער דאַרף גיין אין חדר אַריין. די מומע ליבע האָט געוואָלט פאַרהאַלטן מאַמציען אויף עטלעכע טעג, האָט זי נישט געוואָלט בלייבן, זי האָט געזאָגט, אַז זי מוז פאָרן העלפן דער מאַמען, ווייל זי איז נעבעך שוואַך. פון די ווערטער „חדר" און „בוינע" האָט יאנקלען געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן, אַזעלכע וואַכעדיקע ווערטער! ער האָט אין זיי שוין געהאַט פאַרגעסן. די באָבע האָט נישט פאַרגעסן צו דער־מאָנען אים, אַז אין עטלעכע טעג אַרום ווערט ער אַכט יאָר און זי האָט אים געגעבן אַ שטיקל סחורה אויף אַ מתנה, מען זאָל אים מאַכן אַ ניי אַנצוגל. אַ גוטע באָבע, אַלץ געדענקט זי און אַלע האָט זי אין זינען. אין קאָפּ האָט נאָך ביי יאנקלען געשפּילט און געטאַנצט און ער האָט זיך געקלערט, אַז אַ

חתונה איז א שיינע זאך, אבער ער האט נישט געקענט פארגעסן אין דעם, וואס די מומע ליבע האט געוויינט, ווייל מען האט איר נישט געשיקט קיין בילעט. א גרויסער מענטש זאל אזוי וויינען! און ער האט אויך נישט געקענט פארגעסן דעם פעטער הערש, וואס איז אזוי קראנק און ער הוסט אזוי שטארק און דארף שטענדיק זיין אליין. אפילו זיין אייגענע שוועסטער, די מומע מיטן הויקער, איז אויך קיינמאל נישט מיט אים און זי האלט נישט מיט אים און אז ער הויבט אן צו ריידן אויף די קינדער, שרייט זי, אז ער זאל נישט בורטשען...

ווען זיי זיינען אנגעקומען קיין קיליע, האבן אויף זיי שוין געווארט ביי דער שיף די מאמע און שפרה; שפרה האט באלד געפרעגט וואס מען האט איר געבראכט. אלע האבן פארגעסן, אז מען דארף עפעס מיטברענגען אהיים, נאר מאמציע האט נישט פארגעסן. זי האט מיטגעבראכט א גאנצן בינט מיט לעקעך און מיט קאמיש-ברויט און מיט טארטלען און מיט שטרודל און זי האט געזאגט, אז דאס האט די מומע גאלדע מיטגעגעבן פאר דער מאמען מיט שפרהן און אפילו א שטיקל געבראטנס האט זי אויך געהאט אין אן אנדער טיכל. די מאמע איז געווען גאר געהויבן, וואס די מומע האט אין איר נישט פארגעסן און זי האט געפרעגט, וואס די מומע ליבע מיט די קינדער טוען און וואס דער פעטער הערש טוט. זי האט נישט פארגעסן אין פעטער הערש. און ווען זיי זיינען אראפגעגאנגען, האט די מאמע באלד דערזען, אז ביי יאנקלען איז דאס רעקל פארנייט און זי האט געזאגט:

— א וויטיק איז מיר, ווער האט דיר צעריסן דאס נייע רעקל און ווער האט עס אזוי שיין צונויפגעשטשאכעט דארטן? זי האט עס געפרעגט מיט אזויפיל ביטערקייט, אז יאנקל האט דערפילט ווי עס ווערט אוים יום טוב.

☆

קאפיטל זיבן

„יאנקלס אורח", דער קעשענעווער פאגראם און א בלוט-בילבול

קיין מזל האט יאנקל אויך די ימים נוראים נישט געהאט. ער איז ווי־דער געווען משורר ביי שלום יאסין און ער האט געדארפט זינגען א סאלא, אבער ווען ער איז מיט די אנדערע משוררים געקומען צום חזן, איז ער געווען מיד און ער האט דאס אפגעלייגט אויף מארגן און דערווייל האבן זיך אונ־טערגערוקט סליחות און שלום יאסי האט געזאגט, אז ער וועט שוין דאס יאר זיין אן סאלא און מען זאל אים אזוי „האלטן א טאן" און ענטפערן ברוך הוא וברוך שמו אמן. נישט באשערט געווען צו זינגען א סאלא, כאטש דאס קול איז ביי אים געווען א שטארקס און ווען ער האט געזונגען זמירות, איז מען געשטאנען ביי די פענצטער. אים האט זיך גערעכט, אז ער קען שוין באלד אליין דאווענען, אפילו מוסף. ער האט אלע נוסחאות געקענט אויף אויסנ־ווייניק און דא האט ער גערארפט שטיין ביים עמוד און גארנישט טאן און נאר ענטפערן ברוך הוא וברוך שמו, אמן...

אין חדר האט ער דערפאר געהאט א שיינעם זמן. דער טאטע האט נאך אים אלץ געלאזט ביי חיים ערליך, כאטש יענער האט ווייטער געלערנט מיט אים מער פסוק און ווייניקער גמרא. חיים ערליך האט זיך געבעטן ביי אים, אז ער זאל אים נישט אפנעמען, ווייל ער איז דער בעסטער תלמיד ביי אים און ווען ער וועט אים נישט האבן, וועט ער אין גאנצן נישט האבן צו וועמען צו לערנען. ס'איז, האט ער געקרעכצט מיט דעם הייזעריקן קול, אזנים להם ולא ישמעו, זיי ווילן נישט און הערן נישט... דער מלאך, האט ער געזאגט, לערנט טאקע תורה מיט אלע יידישע קינדער איידער זיי ווערן געבוירן, אבער אייניקע גיט ער א צו שטארקן שנאל און זיי פארגעסן. יאנקלען האט דער מלאך געגעבן א שוואכערן שנאל. און חוץ דעם האט מען אין שטאט נאך נישט פארגעסן אין גאנצן די מעשה מיט דער גניבה פון פיטאקל, האט ער זיך געבעטן, אז דער טאטע זאל אים נישט אפנעמען, בכדי מען זאל נישט מיינען, אז ס'איז צוליב יענער געשיכטע. און דער רבי האט זיך אראפ־גערעדט פון הארצן פארן טאטן וועגן זיין פרנסה, וואס איז א מחיה בזויה. יעדן אנהייב זמן מוז ער גיין בעטן ביי די טאטעס זיי זאלן אים געבן די קינ־דער. מלמדים ברוך השם זיינען דא א סך און יעדער האט א פאר פיס און לויפט. לאזט ער אראפ א קערבל א זמן, עס קאסט אים עפעס טייערער? און

דערנאָך האָט קיינער נישט קיין פּרנסה... און די קינדער, כאָטש האָק האַלץ מיט זיי! אַלעמאָל ווערן זיי ערגער און זיי ווילן ווייניקער. ער פלעג אַמאָל זאָגן, אַז ס'איז דאָ אַלערליי קינדער, צו אייניקע דאַרף מען האָבן משה רבנו מיטן שטעקן, צו אַנדערע דאַרף מען האָבן גאָט אַליין און היינט מוז ער זאָגן, אַז ס'זיינען שוין דאָ קינדער, וואָס גאָט אַליין העלפט צו זיי נישט...
דער רבי האָט אַזױפיל אָנגעקרעכצט אַ האַרץ דעם טאַטן, אַז ער האָט אים נישט געקענט אָפּזאָגן און ער האָט אים געלאָזט נאָך אַ זמן, אָבער מיטן תנאי, אַז ער זאָל מיט אים לערנען מער גמרא. ער האָט שוין סיי ווי געהאַט גע־לערנט מיט אים נישט „לקח טוב", נאָר טאַקע גמרא אַליין און ער האָט שוין באַלד אויסגעלערנט גאַנץ בבא מציאה. האָט ער אים צוגעזאָגט צו לערנען בבא קמא און אים פאַרגעבן אַ „לייענען" אויך, כאָטש קיין כתה האָט ער נישט צו אים; די טאַטעס אַליין ווילן גאָרנישט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען גמרא, זיי ווייסן שוין, אַז זיי וועלן קיין גרויסע לומדים נישט זיין. יאַנקל האָט גע־דאַרפט מער זיצן אין חדר צוליב דער גמרא; ווען די ייִנגלעך זיינען אַרויס־געגאַנגען אין הויף זיך שפּילן, האָט ער געמוזט זיצן מיט דער בבא קמא און לערנען וועגן דעם אָקס, וואָס האָט געשטויסן אַ קו און מען האָט געפונען אַ קעלבל ביי דער זייט. ער האָט ביי זיי אין הויף געזען אַ סך מאָל ווי אַן אָקס האָט געשטויסן אַ קו, אָבער קיין קעלבל ביי דער זייט איז נישט געווען. מען פלעג אַ סך מאָל ברענגען צו זיי אין הויף אַריין אַן אָקס, אַז ער זאָל שטויסן ביידע קי, וואָס זיי האָבן געהאַט. די גאַנצע געשיכטע האָט יאַנקלען נישט שטאַרק אינטערעסירט, אָבער ער האָט דאָך געלערנט, ער האָט נישט געוואוסט פון קיין נישט לערנען און עס איז געווען געצוונג, אַז ער זאָל הערן איינמאָל פון דעם רבין, אַז ער זאָל שוין גדענקען און אפילו נישט דאַרפן איבערחזרן. מיטן „לייענען" פלעג אים אָנקומען אַביסל שווערער, ער האָט אַליין גדאַרפט אָפּ־לערנען אַ בלאַט גמרא און דערנאָך זאָגן פאַרן רבין. די ווערטער פון דער משנה האָט ער נאָך פאַרשטאַנען, אָבער פון דער גמרא אַליין נישט און ער האָט געמוזט אַריינקוקן די טייטש אין רשי, אָבער ער האָט אויך דאָרט נישט אַלע ווערטער פאַרשטאַנען און עס זיינען דאָרט אויך נישט געווען פאַר־טייטשט אַלע ווערטער. אָבער ווינטער איז געווען און די אָוונטן זיינען געווען לאַנגע, איז ער געזעסן און זיך געמוטשעט און אַז ער האָט פאָרט נישט גע־קענט פאַרשטיין, האָט ער געפרעגט דעם טאַטן. אים איז צונוץ געקומען דאָס „לייענען", ווייל אין שטוב איז געווען וואַרעם און טרויעריק און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ר' משה טשיטשילניצקי איז אַוועקגעפאָרן קיין ווילקאָוו און ער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ ליידיק פלאַץ. ער האָט אויסגעפעלט אין די פרייטיק צו נאַכטסן און שבת אין דער פרי. ער פלעג מאַכן אַזעלכע שיינע חכמות און זאָגן, אַזעלכע קלוגע ווערטלעך, אַז מען האָט געמוזט לאַכן. אין די פרייטיק צו נאַכטסן, ווען עס זיינען געווען גרויסע זאַווערוכעס, האָט

מען ר׳ משהן נישט געלאָזט אהיימגיין און ער איז געבליבן שלאָפן. באַלד נאָכן עסן האָט ער זיך געלייגט און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין געשלאָפן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַלע אַלטע יידן זיינען אַזוי, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז ער קען אַלטע יידן, וואָס קענען גאָרנישט שלאָפן און זיי זאָגן יעדע נאַכט אָפּ גאַנץ תהילים און אויב זיי קענען לערנען, לער־נען זיי. האָט די מאַמע געזאָגט, אַז וואָס זי זאָל נישט זאָגן, מוז זיך דער טאַטע קריגן מיט איר, אַפילו, ווען זי זאָגט, אַז זי האָט פיינט צו ניסן, זאָגט ער, אַז ער האָט ליב צו ניסן; האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז ער קריגט זיך נישט, ער דערציילט נאָר און אַזוי איז שוין אַוועק אַ גאַנג, ביז מאַמציע האָט זיי איי־בערגעבעטן. און די קינדער האָבן ליב געהאַט צו קוקן ווי אַזוי ר׳ משה שלאָפט. ער האָט געכראָפּעט, איז זיי דאָס אויך געפעלן געוואָרן. אַ סך מאָל האָט ער גערעדט פון שלאָף און ער האָט גערעדט רוסיש. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס חלומט זיך אים מיסתמא, וואָס ער רעדט מיט די גויים אין מאַרק. די רוסישע ווערטער זיינען אַרויסגעקומען אין גאַנצן פאַרדרייט און אַפילו מרים, וואָס האָט געלערנט רוסיש, האָט זיי אויך נישט געקענט פאַרשטיין. האָט ער פלוצים געזאָגט, אַז ער פאַרט אַוועק קיין ווילקאָוו חתונה האָבן. נחמן רויזן האָט אים גערעדט אַ שידוך מיטן אַן איידלער יידענע אַן אלמנה, וואָס האָט דאַרט אַ קרעמל. נחמן רויזן איז געווען אַ ייד אַ שדכן. אַ קליין דאַר יידל איז ער געווען, ווען נישט דאָס בערדל, וואָלט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ קינד. ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיק געל בערדל, אָבער טאַקע געל אַזוי ווי טאַבעקע. ער פלעגט שטענדיק רייסן שטיקער פון בערדל און ס׳איז געווען אויסגעקראָכן. מען האָט אַרויסגעזען די הויט דורך די האָר. די מאַמע האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער קען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און אַז ער שפּאַרט אומע־טום אַן ווי אַ ווינט. ער איז געווען אין שטעט און אין שטעטלעך און אין דערפער אַפילו. אומעטום האָט ער געהאַט שותפים און מען האָט שוין צונויפ־געפּאַרט. וואו עס האָט גענדאַרפט געשלאָסן ווערן אַ שידוך, האָט ער אַריינ־געשטעקט די נאָז און ער האָט שוין גענומען שדכנות אַפילו, אַז ער האָט נישט אויסגעפירט דעם שידוך. הערשל שוחט, וואָס איז געווען אַ לאַנד־שדכן, האָט פאַר אים מורא געהאַט און ער האָט זיך געהיט, אַז ער זאָל אים נישט אַריינ־קריכן אין גרגרת אַריין. אויך צום שידוך פון מאַמציען מיט זיידלען איז ער צום לעצט צוגעשטאַנען און גענומען אַ פּאָר קערבלעך און ער האָט נאָך גע־וואָלט מער. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז איבער אַ טייך און דערפאַר קומט מער שדכנות־געלט. דער טאַטע האָט געטענהט, אַז אין טאַטאַרבונע איז נישטאָ קיין טייך, האָט ער אָבער געזאָגט, אַז אין קיליע איז יאָ דאָ אַ טייך און מען האָט געמוזט גיין צום דיין. האָט ער געפּסקנט, אַז „איבער אַ טייך" הייסט דעמלט, ווען פון דער שטאָט וואו עס וואוינט דער חתן, מוז מען אַריבערפאָרן איבער אַ וואַסער אין דער שטאָט וואו עס וואוינט די כלה און פון טאַטאַרבונע קיין

קיליע פּאַרט מען נישט איבער קיין טייך. דער דאָזיקער נחמן רויזן האָט איינגערעדט משה טשיטשילניצקי, אַז ער זאָל פּאַרן חתונה האָבן און ר׳ משה האָט געזאָגט, אַז וואָס וועט ער זיך פּלאָגן אויף די עלטערע יאָרן און גיין זוכן אַ וועשנע, וואָס זאָל אים אויסוואַשן אַ פּאָרל וועש... אַלע קינדער האָבן געוויינט, ווען ר׳ משה איז אַוועקגעפאָרן און מער פון אַלע יאַנקל. ר׳ משה האָט זיך אויך געווּישט די אויגן און ער האָט געזאָגט, אַז דער מאַמעס פּיש וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן און דערמיט האָט ער די מאַמען אָפּגעקויפט אויף שטענדיק... געווען איז דעמלט אין שטוב אַן אַנדער אורח, אַ ייד אַ סופר. טאַקע פון טאַטאַרבונע. מען האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס קיליע איז אַזאַ גרויסע שטאָט, האָט זי נישט קיין סופר און טאַטאַרבונע, וואָס איז אַ קליין שטעטל, האָט יאָ אַ סופר. אָבער סיי ווי איז דער סופר מער ארומגעפאָרן, ווי געווען אויף אַ פּלאַץ. ער האָט אין די שטעט און אין די שטעטלעך פאַרריכט תפילין און ספר תורהס און געמאַכט נייע תפילין און מזוזות. ער האָט געהאַט אַ ווייב, אָבער נישט קיין קינדער. די מאַמע האָט באַלד געוואוסט זיין גאַנצן יחוס און זי האָט דערציילט. ער האָט ביי זיך אַ וויכאַוואַנאַק אַ מיידל; ער האָט זי צוגענומען, ווייל דאָס ווייב איז אַ קראַנקע. שוין אַ גרוים מיידל, ער זוכט שוין פאַר איר אַ שידוך. ער האָט געדאַרפט בלייבן אין קיליע דעם גאַנצן ווינטער, ער האָט אָנגענומען אַ ספר תורה ביי אַ רייכן בעזדיטניק. אַלע רייכע בעזדיטניקעס האָבן געשריבן ספר תורות. דער סופר איז איינגעשטאַנען ביי אברהם שוחט. ער איז ביי אים געווען מיט שלאָפן און עסן. אמאָל, אַז מען האָט אים ערגעץ איינגעלאַדן אַלס אורח, איז ער נישט געקומען עסן, אָבער פּרייטיק צונאַכטס און שבת אין דער פרי האָט ער נישט געטאָרט אַוועקגיין. ער איז גע־ווען אַ שוואַרצער ייד. זיין באָרד איז געווען אַזוי שוואַרץ ווי די טינט, מיט וועלכער ער האָט געשריבן און וועלכע ער האָט אַליין געמאַכט. און אַ שווייגער איז ער געווען. ער האָט געקענט אָפּזיצן שעהן־ווייז און שווייגן. און אַ טרויערי־קער איז ער געווען. ס׳איז געווען טרויעריק צו קוקן ווי ער זיצט און שווייגט. האָט יאַנקל בעסער ליב געהאַט צו קוקן אין דער גרויסער גמרא, איידער צו קוקן אויף אים. אין חדר אריין האָט מען אים מיטגעגעבן קליינע גמראלעך, וועלכע מען האָט געקויפט ביי אַ מוכר ספרניק, אָבער אין שטוב האָט מען אים געלאָזט מאַכן דאָס לייענען פון דעם גרויסן ש״ס, וואָס דער זיידע לייב האָט געלאָזט, ווילנער ש׳ס, וואָס איז געווען איינס אין דער וועלט, ווי מען האָט געזאָגט. די גמרא איז געווען גרעסער פון יאַנקלען און אַז עס פלעג אריינקומען אַ יידענע, פלעג זי זיך נישט קענען געבוג אָנליובען מיט אים און זי האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל, אַז זי זאָל אים קיין עין הרע נישט געבן און ערשט דערנאָך האָט זי געזאָגט צו דער שוחטקע, אַז זי איז שוין ברוך השם פאַרזאָרגט מיט גן עדן. די משה וועלוולקע פלעג נישט אָפּטרעטן ביז וואַנען

זי האָט איר נישט צוגעזאָגט, אַז זי וועט איר געבן אויף יענער וועלט אַ שטיק פון דעם שור הבר און פון דעם לויתן...

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין יענעם זמן איז פאַר יאַנקלען געווען „מישלי", וואָס דער רבי האָט אָנגעהויבן לערנען אין חדר. ער האָט געלערנט מיט אַ ניגון און יאַנקל האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס עס געפעלט אים בעסער — דער ניגון צי די ווערטער. דער רבי האָט פשוט איינגעלייגט די שטוב אין איינעם מיט דער וועלט ביים לערנען. אַלע קינדער האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן. עס האָט זיך אָפט געטראָפן ביים רבין, אַז ער זאָל לערנען אַ שטיקל פסוק, אָדער אפילו אַ שטיקל חומש זינגענדיק, אָבער אָנהייבן אַ ספר מיט געזאַנג און דערנאָך זינגען די גאַנצע צייט האָט איצטער געטראָפן צום ערשטן מאָל. אפילו די אַנדערע יינגלעך, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט לערנען, האָבן זיך איצטער שטאַרק צוגעהערט. ער האָט אָנגעהויבן זינגענדיק „מישלי שלמה בן דוד מלך ישראל" און ער האָט אויף יידיש אויך געזונגען, אַז דאָס זיינען די רייד פון שלמה דעם זון פון דוד, דער קעניג פון די יידן. דאָס ספר, האָט ער ווייטער געזונגען אויף יידיש און לשון קודש, איז געמאַכט געוואָרן בכדי צו וויסן חכמה און מוסר און צו פאַרשטיין די ווערטער פון פאַרשטאַנד און אָראָפּצונעמען דעם מוסר פון קלוגשאַפט און גערעכטיקייט און רעכט און יושר; די נאַרן צו געבן קלוגשאַפט און דעם יונגן צו געבן קענטשאַפט און וויסן. דער חכם זאָל אויך הערן און קענען נאָך מער. און דאָ האָט זיך דער רבי אָפּגעשטעלט און דערקלערט די קינדער, אַז דאָס דאָזיקע ספר איז פאַר אָרעם און רייך, קלוגע און נאַראָנים און ער האָט אַריינגעקוקט אַלע קינדער אין די אויגן אַריין און ער האָט געזונגען מיט אַ ניגון, וואָס האָט געצופּט ביים האַרצן: יראת ה' ראשית דעת, די מורא פאַר גאָט איז דער אָנהייב פון וויסן, אָבער חכמה ומוסר אווילים בזו, אָבער די נאַראָנים פאַרשעמען די חכמה און דעם מוסר... און נאָך שטאַרקער האָט ער גענומען זינגען: שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך — הער צו, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאָטער און זאָלסט נישט פאַרלאָזן די לערע פון דיין מוטער... און ווידער האָט ער גענומעןריידן פּראָסט און ער האָט גענומען פרעגן ביי יעדן איינעם, צי זיי האָבן היינט געפּאָלגט דעם טאַטן מיט דער מאַמען און אַלע קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען, אפילו די דאָזיקע, וואָס זיינען געווען שטיל און זיי האָבן געפאָלגט. דער רבי האָט זיך גאָר שטאַרק צעזונגען: בני אם יפתוך חטאים, אל תבוא, מיין זון, אַז די זינדיקע וועלן דיך וועלן אָנריידן, זאָלסטו נישט גיין! אים יאמרו לכה אתנו, אויב זיי וועלן דיר זאָגן קום מיט אונז, גיי נישט לערנען, גיי שפּילן זיך אין שלעגג, לויף אַרום איבער די דעכער, זאָג איך דיר, בני אל תלך בדרך אתם, מיין זון גיי נישט אין איין וועג מיט זיי, מנע רגלך מנתיבתם, פאַרמייד דיין פוס פון זייער שטעג... דער רבי האָט אַזוי אָפּגעזונגען און אָפּגעלערנט איין קאַפּיטל און אַ צווייטס און ביז וואַנען ער

האָט נישט אָנגעהויבן הוסטן, אָדער ס'איז נישט אַריינגעקומען די רביצן און געזאָגט „גענוג שוין" אָדער ביז וואַנען עס איז נישט געוואָרן אין גאַנצן פינצטער, האָט ער נישט אויפגעהערט. אין עטלעכע וואָכן האָט ער אָפּגע־לערנט גאַנץ „מישלי" און אַלץ, וואָס ער האָט געלערנט, איז ביי אים געווען אַ משל צו די קינדער, אָדער צו די דערוואַקסענע. עס איז ביי אים אויסגע־קומען אַז אַלץ איז קעגן דעם יצר הרע, וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט ווי אַ פרוי מיט שיינע רעדלעך און האָניק טריפן אירע ליפּן און גלאַטער בוימל פון איר גומען. און מיט צאָרן האָט ער געגעבן אַ געשריי: ואחריתה מרה כלענה און איר סוף איז ביטער ווי ווערמקרויט, חדה כחרב פיות, שאַרף אַזוי ווי אַ שווערד מיט צוויי שניידן, רגליה יורדות מוות, אירע פיס נידערן צום טויט, שאול צעדיה יתמכו, אין גהינום שפּאַרן אַן אירע טריט...

און אַזוי איז כסדר און כסדר געוואַקסן זיין צאָרן צו דער פרעמדער פרוי, וואָס רעדט אָן צו אַלדאָס בייז. די פרעמדע פרוי איז שטענדיק געווען, לויט זיינע רייד דער יצר הרע, אָבער די עלטערע יינגלעך האָבן עס אַנדערש גע־טייטשט און זיי האָבן גאָר אַנדערש דערקלערט, וואָס עס מיינט און זיי האָבן באַנייט די שמועסן וועגן דעם ווי אַזוי עס ווערן געבוירן קינדער און זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז טאַקע אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט. ווען דער רבי האָט גע־לערנט , אַז אַ זון אַ חכם דערפרייט דעם פאָטער און אַ זון אַ נאַר איז אַ קלאָג פאַר זיין מוטער, האָבן די יינגלעך געזאָגט, אַז דאָס מיינט מען יאַנקלען, ווייל ער איז אַ נאַר. אָבער ווען דער רבי האָט געלערנט לא יועילו אוצרות רשע, עס וועלן נישט העלפן די אוצרות פון דעם רשע, האָט ער זיך גאָר דערפרייט און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס מיינט ער אַ יינגל פון חדר, וואָס זיין טאַטע איז רייך ווי קורח און וועט נישט געבן אַן אָרעמאַן, זאָגט מען, קיין טרונק וואַסער און דאָס יינגל אַליין איז גוט אַזוי ווי זיין טאַטע, ער קומט מיט די בעסטע זאַכן אין חדר אריין און וועט קיינעם גאָרנישט געבן, יענעם מעג אַפילו אויסגיין דאָס חיות... און קעגן וועמען האָט עס דער רבי נישט גערעדט מיט די פּסוקים? ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז דער וויין איז אַ לץ און דער טרונק מאַכט אַ רעש און יעדער, וואָס טרינקט, וועט שוין קיין חכם נישט זיין, האָט ער דערלעבט אַ נקמה אין אַן אַנדער יינגל, וואָס זיין טאַטע איז אַ שיכור. און ווען ער האָט געלערנט וועגן דעם, אַז ס'איז אַ כבוד פאַר אַ מענטשן זיך אָפּצוהאַלטן פון קריג און אַז אַ נאַר ברעכט אויס אַ קריג, האָט ער געפילט אַ נקמה אין די אַלע יינגלעך, וואָס האָבן זיך ליב צו קריגן און הערן זיך נישט אויף צו קריגן טאָג ווי נאַכט.

דער רבי האָט געלערנט גיך דאָס ספר און אין עטלעכע וואָכן איז ער פאַרטיק געוואָרן דערמיט און יאַנקל האָט עס געקענט כמעט אין גאַנצן אויסנ־ווייניק און ער האָט עס געקענט פונקט אַזוי זינגען ווי דער רבי. און ווען עס איז צוגעקומען צום לעצטן קאַפּיטל, צו „אשת חיל", האָט ער עס שוין פון

פריער געקענט אויף אויסנווייניק, ווייל זיין טאטע האט עס געזאגט יעדן פרייטיק צו נאכטס פאר קידוש־מאכן און יאנקל האט געזאגט דעם רבין, אז ס'איז פון סידור, דער רבי האט אים פארריכט, אז אין סידור איז עס פון דאנען. יאנקל איז געווען זיכער, אז מיט דעם באזינגען די פרוי די בריה מיינט מען עס זיין מאמען, וואס ארבעט אלצדינג און העלפט אזוי אלעמען; און דאס ספר איז פאר אים שוין געווען גאר חשוב דערמיט, וואס עס האט זיך פארענדיקט מיט א געזאנג פאר זיין מאמען. און נאך מישלי האט דער רבי אנגעהויבן „ישעיה". ער האט אנגעהויבן טאקע פון דעם ערשטן קאפיטל, וואס ער האט געהערט אין איזמאיל פון זיין פעטער הערש און ער האט גע־דענקט דעם אנהייב און ווען דער רבי האט געזאגט, האט ער מיטגעזאגט און געהאלפן פארטייטשן און די קינדער האבן זיך געחידושט, וואס אלצדינג קען ער דער „שוויכעדינע". דער רבי האט געזונגען ישעיה אנדערש ווי מישלי, בייז־זער, אבער שיין איז עס אויך געווען. פון דעם נייעם ספר האט ער פאר־שטאנען, אז די יידן זיינען נישט געווען אזוי גוט ווי גאט האט געוואלט. גאט האט זיי ארויסגענומען פון מיצרים און ער האט זיי געפירט איבער דער מדבר און ער האט זיי געגעבן צו עסן מן און ער האט זיי געבראכט קיין ארץ כנען און ער האט פארשניטן אלע פעלקער פאר זיי און זיי זיינען געווארן שלעכט און ערגער און ער האט זיך געבייזערט אויף זיי און ער האט געזאגט, אז ער וועט זיי מאכן וויסט דאס לאנד און פארברענען די שטעט... יאנקל האט נישט פארשטאנען, וואס דא קומט פאר. גאט וואלט דאך געקענט מאכן, אז יידן זאלן זיין גוט און ער זאל זיך נישט דארפן בייזערן אויף זיי און זיי נישט דארפן שטראפן. און ער האט דאס געפרעגט דעם רבין. דער רבי האט אים געגעבן א גלעט און געזאגט, אז גאט איז א טאטע און וואסארא טאטע וויל נישט, אז זיין קינד זאל גיין אין גוטן וועג? נו, קען ער עס אויספירן? יאנקל האט ערשט רעכט נישט פארשטאנען, עס איז אויסגעקומען, אז גאט האט נישט מער כוח ווי א טאטע... אבער מער צו פרעגן האט ער זיך געשעמט און ער האט ווייטער געלערנט ווי גאט האלט זיך אין איין בייזערן און ער האט ווייז־טער נישט פארשטאנען פארוואס נעמט ער נישט און מאכט נישט, אז אלע יידן זאלן זיין גוט. אין קיליע אליין זיינען אויך דא יידן, וואס זיינען נישט פרום און זיי היטן נישט אפ קיין יידישקייט און מען וועט זיי זיכער שטראפן אויף יענער וועלט. טאקע אנטקעגן זיי וואוינט א ייד, וואס הייסט יאסל גא־לוב, היט ער גארנישט אפ קיין יידישקייט, מען זאגט, אז ער גייט נאר איינ־מאל אין יאר אין שול, אום יום כיפור. מיט די קינדער רעדט ער רוסיש און ער האט א זון הייסט ער גאר פיליפ און ער לערנט ערגעץ אויף דאקטער. דער טאטע האט געקרעכצט: א יידיש קינד זאל הייסן פיליפ. די מאמע האט געזאגט, אז ביי גאלובן אין שטוב איז אין גאנצן טריפה. נישט נאר מילכיקס קויפט מען אין מארק, נאר אויך פליישיקס. זי איז זיכער, אז מען קויפט

פשוט חזיר אין שטוב אריין. לעבן זייער שטוב וואוינט א קריסט, קאָסטיא מאַנאָליא הייסט ער. א שווארצער איז ער, שוין אביסל גרוי און ער זעט אויס ווי א גרויער ציגיינער. א נידעריקער איז ער און ער טראָגט אום ווינטער א הויכע קוטשמע, וואס איז גרעסער פון אים. זיין ווייב איז דווקא א הויכע און זי איז א גרינגע. פלעג די מאמע זאָגן, אז יאָסל גאָלוב איז פונקט אזא גוי, ווי קאָסטיא מאַנאָליא... אויף קאָסטיאַן זאָגט מען, אז ער איז אן אנטיסעמיט א המן הרשע א צורר היהודים, כאָטש ער האנדלט מיט יידן און ער רעדט צו זיי גוטע רעדעלעך, אבער ווער קען וויסן, צי יאָסל גאָלוב האָט מער ליב יידן פון אים?... מרים גייט אריין אי צו מאַנאָליאַן אי צו גאָלובן און די מאַמע וויל נישט ליידן, ווייל זי איז זיכער, אז קיין גוטס וועט זי פון זיי נישט אויסלערנען. ביי מאַנאָליאַן איז דאָ א קראנק מיידל פון א יאָר פערצן, מאַריצא הייסט זי, זי איז א שווארצע און האָט גרינע אויגן. מען זאָגט, אז זי וועט אין גיכן שטאַרבן, זי אליין ווייסט עס אויך. מרים דערציילט, אז זי זינגט שטענדיק א לידל:

יא טשאַכאָטקאָיו סטראַדאַיו,
סקאַראַ,סקאַראַ יא אומרו...
(איך לייד פון טובערקולאָז, גיך, גיך וועל איך שטאַרבן).

אז מרים האָט נאָכגעמאַכט ווי אזוי מאַריצא זינגט עס, האָט זי געוויינט און אלע אין שטוב האָבן נאָכגעוויינט, אפילו די ברוגזע מאמע. די קראנקע מאַריצא האָט אָפגעשטעלט אמאָל יאנקלען און זי האָט צו אים גערעדט אויף רוסיש. ער האָט זי נישט גוט פארשטאַנען, אבער די שוועסטער האָט אים דערנאָך איבערגעגעבן, אז זי האָט אים געזאָגט, אז אזוי ווי זי האָט געהערט ער ווערט ראַבין און ראַבינס קענען העלפן, בעט זי אים, אז ער זאָל איר העלפן געזונט ווערן, ווייל זי וויל נישט אזוי יונג שטאַרבן. זי האָט עס אים געזאָגט און האָט געוויינט און ער האָט געקוקט טרויעריק אויף איר. אין א צייט ארום איז זי טאַקע געשטאָרבן. די מאמע האָט אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, כאָטש דער טאַטע האָט געזאָגט, אז מען דאַרף נישט. מען דאַרף נאָך א טויטן אויסגיסן דאָס וואַסער, ווייל ווען דער מלאך המות גייט אוועק, וואַשט ער אויס דעם חלף אין פאַס, אבער צו א גוי קומט נישט דער מלאך המות... ווי אזוי זשע דען שטאַרבט ער? ווער ווייסט עס! יאנקלען איז געווען זייער טרויעריק פון מאַריצאַס טויט און ער האָט דערנאָך א לאַנגע צייט נישט אויפגעהערט טראַכטן פון איר און ער האָט נישט געקענט פארגעסן אירע גרינע אויגן. און ביי גאָלובן איז אויך קראנק געוואָרן א מיידל און מען האָט אויך געזאָגט, אז זי וועט גיך שטאַרבן. די מאמע האָט געזאָגט, אז גאָט שטראָפט גאָלובן, ווייל ער איז קיין ייד נישט. וואָס זשע איז דאָס מיידל שולדיק, אז ער איז קיין ייד נישט? שטייט געשריבן, ענטפערט דער טאַטע, אז גאָט באַצאָלט די זינד פון די עלטערן צו די קינדער. יאנקל מיינט,

אַז גאָט טוט נישט גוט, אָבער ער האָט עס מורא צו זאָגן. יאַנקל פאַרשטייט איבערהויפּט נישט פאַרוואָס גאָט מאַכט דעם מענטשן שלעכט און ער שטראָפט אים און פאַרוואָס ער מאַכט אים נישט גוט, בכדי ער זאָל אים נישט דאַרפן שטראָפן. און אָרעם און אָרום זיינען דאָ אַזויפיל קראַנקע און אַלעמאָל שטאַרבט מען און מען זאָגט כסדר, אַז גאָט שטראָפט. און דער רבי לערנט אַלץ ווייטער דאָס ספר „ישעיה" און ער שרייט און ער בייזערט זיך אויף דעם, וואָס די טעכטער פון ציון שטרעקן אויס די העלדזער און זיי ווינקען מיט די אויגן און ער זאָגט, אַז אין קיליע איז שוין פּונקט אַזוי... און ער שרייט און ער שעלט, אָבער שפּעטער זאָגט ער אויך צו, אַז עס וועט קומען אַ גוטע צייט און אַז יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן און נאָך שפּעטער טרייסט ער.

און דער ווינטער איז אַזוי אַריבער און יאַנקל האָט געקענט אויסנווייניק כמעט גאַנץ מישלי און אַ העלפט פון ישעיה און ער האָט זיי נישט אויפגעהערט זינגען אין שטוב. און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ס'איז צוקער זיס און אַזאַ יאָר זאָל זי שוין האָבן ווי שלמה המלך איז געווען קלוג, כאָטש ער האָט גערעדט אויף די ווייבער און אַזאַ יאָר זאָל זי האָבן, ווי ישעיה איז גערעכט, ער רעדט פּונקט ווי אַ בעל דרשן, וואָס איז צוריק מיט עטלעכע יאָר געווען אין שטאָט און האָט געדרשנט אין דער גרויסער שול און ער האָט געזאָגט מוסר סיי די מענער, סיי די ווייבער. אָבער ווי זי האָט הנאה געהאַט פון דעם פּסוק, האָט זי זיך געערגערט פון דעם, וואָס עס ווייזט זיך קיין אורה נישט אויף פּסח. דער סופר האָט געענדיקט דאָס ספר און ער איז צוריקגעפאָרן קיין טאַטאַרבונע. די מאַמע האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ נאַרישער ייד. ס'איז געווען צוליב אַ מעשה. ער פלעג זיצן אין בית מדרש און שרייבן דאָס ספר ביז שפּעט אין דער נאַכט און דעם טויער האָט מען אים געלאָזט אָפן. האָט די מאַמע אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז זי האָט מורא פאַר אַ גניבה. דער סופר איז געווען אַ שעמעוודיקער און ער האָט נישט ליב געהאַט צו דערקוטשען, האָט ער געזאָגט, אַז מען זאָל פאַריגלען דעם טויער און ער וועט שוין אַריבערקריכן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט ווייטער האַלטן אָפן דעם טויער. און ווען ער איז די צווייטע נאַכט געקומען, האָט ער שוין נישט געקוקט, צי דער טויער איז אָפן, אָדער פאַרמאַכט און ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף די ברייטלעך און לייסטלעך און ער איז אַריבערגעקראָכן. און געווען איז ער אַ שווערער ייד אַ געפּאַקטער, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט און צעריסן די הויזן אין איינעם מיט דעם גראָבן פלייש. די הויזן האָט מען אים באַלד פאַרריכט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע. אַ קאַפּאָטע האָט ער געהאַט אי אַ שבתדיקע, אי אַ וואָכעדיקע, אָבער הויזן האָט ער געהאַט איין פּאָר. דאָס פלייש האָט מען אים נישט געקענט פאַרריכטן, מען האָט אים געדאַרפט צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן און ער האָט נעבעך גאַנצע נעכט

געקרעכצט. און דער טויער איז געווען אפן ווי שטענדיק. איז ער נישט א נארישער ייד? אבער ווי נאריש ער איז געווען, איז ער געווען א מענטש אין שטוב און אן אים איז ערגער. און ס'איז שוין געווען נאך פורים און קיין אורחים האבן זיך נישט געוויזן. דער ווינטער איז געווען א שטארקער און דער טייך איז נאך געשטאנען, קיין שיפן האבן נישט געקענט גיין. אבער סיי ווי זיינען קיין קיליע נישט געקומען קיין פרעמדע יידן מיט דער שיף, ווייל דארט איז געשטאנען פאליציי און האט אכטונג געגעבן און געפרעגט אויף פעסער. קיליע איז געווען אין די „פופציק ווערסט" (פופציק ווערסט פון א גרעניץ האבן יידן אין רוסלאנד נישט געטארט וואוינען, אויסער די דאזיקע, וואס האבן שוין דארט געוואוינט פון אמאל). און אז א פרעמדער ייד איז אנגעקומען מיט דער שיף, האט אים באלד פאליציי באמערקט און אים נישט געלאזט אריין אין שטאט, בעת ווען מען איז געקומען פון סטעפ, האט מען נישט באמערקט. מאלע איז דארט א ייד אנגעקומען מיט א פורל, אדער גאר צופוס, ווער האט אים געזען? און אויב א „גאראדאוואי" האט אים יא דער־זען, האט ער אים פאר פינף קאפקעס נישט געזען. זיינען דעמלט פון סטעפ אויך נישט אנגעקומען קיין יידן און עס האט געהאלטן דערביי, אז אויף פסח זאל קיין אורח נישט זיין. די מאמע האט נישט אויפגעהערט וויינען און קלאגן, אז עס גייט א פארשטערטער פסח. יאנקל איז ארומגעגאנגען טאג ווי נאכט און געזוכט פרעמדע יידן. ער האט שוין דעמלט געקענט די גאנצע שטאט און ער האט שוין געוואוסט ווער עס איז א פרעמדער. מען האט שוין געהאט אפגעמאלן די שמירה־מצה אין א ווינטמיל. מען האט אים צוגעזאגט מיטצונעמען, אבער מען האט אים אפגענארט, ווייל מען האט מורא געהאט, אז ער וועט זיך פארקילן. און מען האט שוין געהאט אפגעבאקן די שמירה־מצה און קיין אורח איז נאך אלץ נישט געווען. גייט יאנקל אזוי אין א פאר־נאכט און ער טרעפט א יידן מיט א לענגעכיק בערדל און מיט איינגעפאלענע באקן. נישט גאר קיין שיינער ייד, אבער קיין מיאוסער אויך נישט. א פרעמ־דער איז ער זיכער, יאנקל האט אים פריער קיינמאל נישט געזען. גייט ער צו און גיט אים אפ שלום. קוקט ער דער ייד, ווי א פארשוין פון אכט יאר, וואס זעט אויס נאך קלענער, גיט אים אפ שלום, פרעגט אים יאנקל, וואו ער שטייט איין, לאכט ער דער ייד און ער זאגט, אז ער זוכט אן אכסניה, ער האט דאס פעקל געלאזט אין שול. זאגט אים יאנקל, אז ער זאל שוין גייען צו זיי אין שטוב אריין און דערנאך וועט ער נעמען דאס פעקל אין שטוב אריין, ווייל זיין טאטע הייסט אברהם שוחט און זיין טאטע און זיין מאמע זיינען גרויסע מכניס אורחים און זיי קענען נישט זיין אן אן אורח. דער ייד האט זיך נישט געלאזט בעטן און ער איז מיטגעגאנגען און אין שטוב איז געווארן א גאנצע גדולה — אן אורח! די מאמע האט נישט געוואוסט ארום וועמען זי זאל מער טאנצן, ארום דער אורח, צי ארום דעם זון, וואס האט אים איר גע־

בראכט. דער ייד איז געווען א פריילעכער און א באריידעוודיקער און ער האט באלד דערציילט ווער ער איז און פון וואנען ער קומט. ער איז א פאראליער און ער האט נישט לאנג אויסגעדינט סלוזשבע און ער האט א ווייב מיט א קינד און ער האט קיין פרנסה נישט, האט ער זיך ארויסגעלאזט אויף דער וועלט. ער האט דאס אלץ דערציילט אזוי לייכט, גלייך ער וואלט געלאפן צום טאנץ, ער האט נישט אויפגעהערט צו לאכן. דער טאטע איז באלד אנ־געקומען און די מאמע איז אים אנטקעגן געלאפן און אים דערציילט, אז דער זון האט געבראכט אן אורח. דער טאטע איז באגייסטערט געווארן און ער האט געזאגט, אז „יאנקל וואקסט א מכנים אורח, אזוי ווי דער טאטע.״ „פארגינסט מיר נישט, האט די מאמע געזאגט, צו זאגן אזוי ווי דער טאטע און די מאמע״, אבער זי איז געווען צו גליקלעך, אז זי זאל זיך נעמען קריגן מיט אים. דער טאטע האט באלד אויסגעהערט די קורצע לעבנס־געשיכטע פון יידן און ער האט געקרעכצט, וואס ער האט נעבעך געדארפט דינען פאנ־ניען און איין וועג האט ער אים געפרעגט, צי ער האט אפגעהיט כשרות און צי ער האט געגעסן פון קעסל. דער ייד האט געמאכט אן ערנסטע מינע און געזאגט: „איך האב געגעסן פון קעסל? חס וחלילה. אז עמיצער האט אין קאזארמע געוואלט פרעסן פון קעסל, האט באלד דער אונטער אפיצער דער־לאנגט אזא שמיץ איבער דער האנט״. און ער האט געלאכט, פשוט און גוט־מוטיק געלאכט. האבן שוין דער טאטע מיט דער מאמען אויך געלאכט, כאטש זיי האבן דערביי געקרעכצט, וואס א ייד מוז עסן טריפות... און דער טאטע האט געזוכט מליץ יושר צו זיין — ס'איז פיקוח נפש... געווען אין קיליע א בחור, וואס האט נישט געוואלט עסן „פון קעסל״, האט ער כסדר געגעסן טרוקנס און ער איז קראנק געווארן נישט דא געדאכט און ער איז געגעאנגען פאר דער צייט פון דער וועלט... האט שוין דער ייד דער אורח אונטערגע־קרעכצט און געזאגט, אז ס'איז גארנישט געווען אזוי גרינג צו דינען פאניען און ער איז אין „סאלדאטשינע״ גענוג פארשווארצט געווארן. פסח האט ער אפגעהיט, ער האט איינמאל א גאנצן טאג געפאסט און נישט געגעסן קיין חמץ. האט די מאמע געזאגט, אז דערפאר וועט זי אים שוין דעם פסח אפ־געבן כפל כפלים. ער וועט שוין זען וואסערא לאטקעס און וואסערא כרעמז־לעך זי מאכט. דער ייד האט זיך אזש באלעקט און ער האט געזאגט, אז עס צופט אים אזש שוין אונטערן לעפעלע. די מאמע האט באלד פארשטאנען, וואס ער האט געמיינט און זי האט אים געפרעגט, צי ער איז פליישיק, צי מילכיק און ער האט געענטפערט, אז ער איז ביידע, ס'הייסט ער איז ביידע נישט. די מאמע האט אים שוין געגעבן צו פארזוכן קיליער קעז און פוטער, אז ער זאל האבן צו געדענקען און ער האט געזאגט, אז ער וועט עס שוין סיי ווי געדענקען. ער פארט שוין אזוי ארום א ווינטער מיט א זומער און מיט א ווינטער איבער גאטס וועלט און ער איז שוין אויסגעווען א שיין ביסל שטעט

און שטעטלעך און דערפער און אין ערגעץ האָט אים נישט געטראָפן, אַז אַ קינד זאָל אים אָפּשטעלן אין גאַס און בעטן אין שטוב אַריין. אין יעדער שטאָט מוז ער גיין אין בית מדרש אַריין און פריער זיך אָנהונגערן און אָנ־פרירן אַ גאַנצן טאָג און פאַרנאַכט באַקוקן ערשט די באַלעבאַטים, אַזוי ווי מען באַקוקט אַ בהמה און אייניקע פאַרהערן אַזוי ווי מען פאַרהערט אַ חתן. זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי ער קען תורה... זיי ווייסן נישט, אַז תורה קאָסט טייער און זיין טאַטע דער אָרעמאַן האָט אים נישט געהאַט צו געבן קיין תורה, פּונקט ווי זיין ווייב האָט אים נישט געהאַט צו געבן קיין נדן... און ביי פּאַניען האָט ער אויך נישט אויסגעלערנט קיין תורה אין די דריי יאָר מיט די אַכט חדשים, וואָס ער האָט געדינט. נישט דער מיט די צוויי בענדלעך און נישט מיט די דריי און נישט דער „פּאָדפּאָרוטשיק" און נישט אַפילו דער קאָמאַנדיר האָבן געקענט תורה. זיי האָבן געקענט נאָר זאָגן אַ „פּסוק", קיין גמרא האָבן זיי נישט געקענט... און ערשט נאָכדעם, וואָס די יידן האָבן אים באַקוקט און פאַרהערט, אין די אַנדערע שטעט, האָט אים אַ באַלעבאָס גע־רופן צו זיך אַהיים, אויב עס זיינען נישט געווען קיין שענערע יידן פון אים; און דאָ האָט מען אים אויסגעכאַפּט נאָך איידער ער איז ערגעץ געגאַנגען און ווער? אַ קינד... אַ, דאָ וועט ער בלייבן!

דער טאַטע האָט אים געפרעגט, וואָס ער קען און ער האָט געענטפערט, אַז אַלעס און גאָרנישט. וואָס קען אַ ייד אַ פּראָסטעק, וואָס דער טאַטע האָט אים נישט געלערנט קיין מלאכה? אָבער ער האָט דאָך עפּעס געדינט פּאַניען און אַז מען דינט פּאַניען, קען מען אַלצדינג, אַפילו גנבענען... דער טאַטע האָט זיך דערשראָקן און דער ייד האָט געזאָגט, אַז מען זאָל נישט מורא האָבן, ער קען, אָבער ער וויל נישט. כאָטש, אַז ער דערמאָנט זיך, אַז דאָס ווייב מיטן קינד האָבן דאָרט נישט אויף פּסח, וואָלט ער אַפילו אַ קלויסטער באַ־גנבעט... די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז נאָך נישט הפקר אַ וועלט און פון קיליע איז נאָך קיינער נישט אַוועקגעפאָרן מיט ליידיקן און ער וועט שוין קריגן אַ פּאָר רובל און אַז מען וועט דאַרפן איבערשיקן דאָס געלט, קען איר מאַן אַליין אָנשרייבן אַ „פּערעוואָד", כאָטש ער איז אַ שוחט און די טאָכטער קען אויך שרייבן און ער דאַרף טאַקע נישט מאַכן קיין שהיות און שוין נעמען גיין און קיין איינציקע קאָפּיקע זאָל ער נישט נעמען, נאָר פינף, אָבער אַז עמיצער וועט זיך איינשפּאַרן און געבן דריי, זאָל ער אויך נעמען, ווייל דריי קאָפּיקעס גייען אויך נישט צופוס, אָבער קיין איינציקע קאָפּיקע בשום אופן נישט, ווייל ער וועט זיך אומגליקלעך מאַכן, באַלד וועלן זיך אַלע דערוויסן דערפון און זיי וועלן שוין אַלע געבן נאָר איינציקע קאָפּיקעס. און די מאַמע האָט אים געפרעגט, צי ער איז נישט קיין „אייניקל". ער האָט גע־לאַכט און ער האָט געזאָגט, אַז אוודאי איז ער אַן אייניקל, זיין טאַטע האָט געהאַט אַ טאַטן און זיין מאַמע אויך... די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער פאַר־

שטייט נישט און זי האט אים געפרעגט, צי ער איז נישט קיין בעל שמסקי איינִיקל, האט ער געענטפערט, אז אפשר איז ער עס, אבער קיינער האט אים וועגן דעם נישט געזאגט. סיי ווי איז זיין זיידע געווען א גרויסער ייד, ער איז געווען דער שמויסן־מאכער פון טראסטינעץ... יאנקל האט זיך דא שטארק צעלאכט; ער האט זיך נישט געגלויבט, אז ס'איז דא אזא שטאט ווי טראסטינעץ. דער ייד האט אבער נישט פארשטאנען און ער האט געפרעגט מיט וואס קיליע איז שענער... די מאמע האט אים ווייטער געפרעגט, צי ער האט נישט עפעס א כתב פון א רב. ער וואלט מיט דעם געמאכט מערער געלט. ער האט אבער נישט געהאט. נאר פון פאניען האט ער א כתב, אז ער האט אויסגעדינט. דער טאטע האט געזאגט, אז וועגן פיקוח נפש מעג מען זאגן א ליגן אויך, זאל ער זאגן, אז ער איז א נישרף. זאל ער דערמאנען עפעס א שטעטל, וואס האט אפגעברענט, וועלן יידן געבן. עס איז שוין א לאנגע צייט נישט געווען קיין ארעמאן אין קיליע און מען איז שוין זשעדנע... דער ייד האט זיך געחידושט: וואס זשע? אין קיליע אליין זיינען נישטא קיין קבצנים? האט אים די מאמע געענטפערט, אז עס זיינען דא. ערשטנס איז דא איינע א פילטישקע. אזוי רופט מען זי. אן אלמנה? האט דער אורח געפרעגט. ניין, נישט קיין אלמנה, זי האט א מאן, וואס מען רופט אים פילטעש, קיינער ווייסט נישט ווי אזוי ער הייסט. ער איז אויך א קבצן אין זיבן פאלעס אבער ער איז א שטילער, הערט מען אים נישט און זי רוישט א גאנצן טאג און לויפט ארום ביז ערב שבת שפעט, די וואך קלעקט איר נישט. און זי האט שטענדיק די קינדער אויף די הענט, זי האט שוין גרויסע מוידן און זי טראגט זיי ארום, מען זאל מער רחמנות האבן. חוץ איר זיינען דא עטלעכע שטילע ארעמעלייט, וואס מען מוז זיי געבן מתן בסתר, אבער סיי ווי ווייסט די גאנצע שטאט פון זיי. איינער הייסט שמואל קיצים, מען זאגט, אז ער איז דעם גרויסן חיים יאנקל קיציסעס א ווייטער קרוב. מען זאגט, אז אלע קיציסעס זיינען פון איין מישפחה, זיי קומען אלע ארויס פון ר' וואלף קיצים, וואס איז געווען די רעכטע האנט פון בעל שם, אבער חיים יאנקל, וואס איז דער גרעסטער גביר אין שטאט, וויל נישט וויסן פון קיין נאענטע קרובים, וועט ער גיין וויסן פון ווייטע... מען רופט אים אויך, דעם שמואל קיצים — שמואל דער פוילישער, ווייל ער איז פון פוילן. מען מוז אים שטילערהייט געבן אויף מעות חטין און א סך מאל טאקע אויף שבת. ווייטער איז דא איינער א ייד, וואס מען רופט אים אריה פארעך... יאנקל האט זיך ארייגעמישט און געזאגט, אז דער דאזיקער אריה פארעך איז א שטיקל משוגענער און אז די ייִנגלעך לויפן אים נאך, שרייט ער: „לאזט מיך צורו, איך האב מיר מיינס אויפן קאפ..." האט די מאמע דערציילט, אז דעם דאזיקן אריה האלט אויך אויס די שטאט, אבער די אייגענע קבצנים זיינען שוין נמאס און א פרעמדער איז עפעס אנדערש.

דער טאטע האט א קרעכץ געטאן און ער האט געזאגט, אז עס שטייט גע־

שריבן „עניי עירך קודם", די אָרעמעלייט פון דיין שטאָט דאַרפן זיין פריער. האָט די מאַמע געזאָגט, אַז פריער זיינען זיי טאַקע, אָבער איין גאָט ווייסט דעם אמת, ווי די פילטעטשקע איז שוין אַלעמען נמאס און זי וואָלט שוין געמעגט אביסל אַרויספאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. זי האָט זיך פאַרליבט אין קיליע און טו איר עפּעס...

דער אורח האָט זיך נאָכגעפרעגט ווי אַזוי מען ווייסט וואו עס וואוינען יידן און מען האָט אים געזאָגט, אַז אומעטום וואוינען יידן, אַבי נאָר נישט אין די „מאַהאַלעס". זי האָט אים פריער געהייסן גיין מיט דער גרויסער גאַס, וואָס מען רופט זי „באַלשאַיאַ דונאַיסקאַיאַ" און זי האָט אים אויסגעמאָלן, אַז ער זאָל אָנהייבן פון סאַמע עק שטאָט. דאָרט איז דאָ אַ שענק פון אַ יידן, וואָס הייסט יאַנקל מאַשניאַנסקי, ער האָט אַ רויטע באָרד און דערנאָך זאָל ער גיין טיר ביי טיר. צוויי גויים האָבן קליטן, וועט ער שוין זען, אַז זיי זיינען גויים. און צו איינעם אַ יידן, וואָס הייסט אשר זינגער און האָט אַ גרויסע שניטקראָם זאָל ער נישט אַריינגיין, ווייל יענער האָט נאָך קיינעם נישט געגעבן קיין גראָשן. ס'איז דאָ אַן אַנדער ייד, וואָס הייסט ווייסליב און ער האָט אויך אַ גרויסע שניטקראָם, איז ביי אים, ווי אַמאָל. אַז ער איז דאָ אַליין, גיט ער נאָך עפּעס, אָבער אַז עס איז דאָ זיין ווייב מינדעטשקע, גיט ער שוין גאָרנישט. זי איז גרויס ווי אַ קולעק אָט די מינדעטשקע און זי בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק און מיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז אירע און זי וויל פאַרזשערען די וועלט. ווייטער געבן אַלע יידן, דער אַפּטייקער גיט אויך, אָבער אויב עס איז דאָ אַ רוסישער קונה, דאַרף מען איבערוואַרטן, ווייל ער האָט נישט ליב, אַז מען רעדט צו אים יידיש, ווען עס זיינען דאָ גויים. אוודאי ווייסן זיי נעבעך נישט די גויים, אַז ער איז אַ ייד... דער אורח האָט זיך צו־געהערט ווי מען רעדט צו אים און מען האָט דערקענט, אַז ער וויל זיך עס אַריינגעמען אין זיכרון. און די מאַמע האָט אויסגערעכנט וועמען עס גיט גלייך און ווער עס האָט זיך ליב צו דינגען און ווער עס האָט ליב מען זאָל אים חנפנען און ווער ס'האָט ליב מען זאָל זיך פאַר אים קנייטשן, זי גייט אָפּט אויף הכנסת כלה, קען זי שוין די גאַנצע שטאָט... און דערווייל האָט די מאַ־מע געהייסן דעם יידן גיין אין שול אַריין דאַווענען מיטן טאַטן און נישט מאַכן קיין גרויסן רעש און אַז מען וועט אים וועלן איינלאַדן אויף פּסח, זאָל ער זאָגן, אַז ער איז שוין פאַרנומען. און ער איז געגאַנגען און אויף דעם וועג האָט אים יאַנקל געהאַלטן אין איין איבערפרעגן, ווי אַזוי ער האָט געוואָלט עסן פון קעסל און דער אונטער־אַפּיצער האָט נישט געלאָזט. יאַנקלען איז דאָס אויסגעקומען שטאַרק קאָמיש. און דער ייד האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און נאָכגעמאַכט ווי אַזוי דער „אונטער" האָט געגעבן אַ געשריי „ניע סמיעטי!" (נישט וואַגן!) און ער האָט דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט אַ ווירע. ביים

אורח האָט זיך דאָס לענגעביקע בערדל געשאָקלט, ווען ער האָט עס נאָכגעמאַכט און יאַנקל האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

מאָרגן גאַנץ קאַיאָר איז דער ייד אַרויס אין שטאָט אַריין, נאָכדעם, וואָס ער האָט אָפּגעדאַווענט און געגעסן סמעטענע מיט קעז און ער האָט זיך פאַר־קעמט דאָס בערדל. דער טאַטע האָט אים פאַר אַ גוטן פעטשאַטעק געגעבן פינף קאָפּיקעס און די מאַמע האָט אים געוואונטשן מיטן רעכטן פוס און דער ייד איז געקומען פונקט צוועלף אַזייגער, ווען דער טאַטע האָט געמאַכט אַ המוציא מיט אַ קנאַק איבער אַ פריש ברויט. די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ לעבעדיקע שוויגער און ער האָט איר באַלד געענטפערט, אַז הלוואי וואָלט זי נישט געלעבט און ער האָט געלאַכט און געזאָגט, אַז קיליע איז זייער אַ גוטע שטאָט און ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער שוין לאַנג געווען געקומען אַהער. ווען קיליע וואָלט געווען נעענטער צו טראָסטינעץ, וואָלט ער זיך נישט געווען גענודערט אַזויפיל פּלאָגן אויף גאָטס וועלט. ער האָט געגעסן מיט טויזנט רוחות און ער האָט זיך געאײַלט ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. ער האָט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט און ער האָט אַזוי גע־קלאַפּט מיט בײדע באַקן, אַז די מאַמע האָט אַזש אין גוטן מוט געזאָגט, אַז זי זעט ברוך השם, אַז בײַ אַ טיש קען מען מיט אים נישט פאַרשעמט ווערן...
ער האָט זיך גערויטלט און געזאָגט, אַז עסן האָט אים נאָך זײַן טאַטע אויס־געלערנט, ער האָט אים נאָר נישט געהאַט וואָס צו געבן דערנאָך... ס'איז אַלציינס, האָט ער געזאָגט, ווי מען לערנט אויס שניידערײַ און דערנאָך גיט מען נישט קיין אַרבעט. און דערנאָך האָט אים שוין פאָניע אויך אויס־געלערנט עסן. אַז מען גייט אַזוי אַוועק אויף „זאַניאַטיעס" (איבונגען) און מען מאַכט אַ הונדערט מאָל אַהין און צוריק מיט דער ביקס און מען לויפט אַרום אַהין און צוריק „ביעגאָם" און דערנאָך רייבט מען נאָך אָפּ אַ פּאָר פאָלן, קריגט מען דערמלט דעם אמתן אַפּעטיט... ער האָט געגעסן און גערעדט און ער האָט געמאָלט די ווערטער אין איינעם מיט דעם ברויט און מיט דעם פלייש און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער צעמאָלט אפילו די ביינער. און אַלע האָבן אים ליב געהאַט צו הערן, די מיידלעך אויך. מרימען איז געפעלן, וואָס ער מישט אַרײַן אַ סך רוסישע ווערטער, ווײַל די רוסישע ווערטער האָט זי פאַרשטאַנען בעסער פון אַלע. און יאַנקל איז געווען גאָר באַגייסטערט, ווײַל ער האָט דאָך אים געבראַכט. בײַנאַכט נאָך מעריב האָט דער ייד איבערגע־ציילט די פּויטיקע, וואָס ער האָט געמאַכט דעם גאַנצן טאָג און ער האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרפּלאָנטערט מיטן ציילן און ער האָט געבעטן מרימען, אַז זי זאָל אים קומען העלפן, די קליינע שפרה האָט אויך געמוזט ציילן און די כלה מאַמציע האָט זיך אויך אַרײַנגעמישט צווישן די קינדער און זי האָט זיך געפרייט קינדישער פון אַלע דערמיט, וואָס דער אורח האָט געמאַכט אַזויפיל געלט. די קינדער האָבן אָנגעציילט קאַרגע דריי קערבלעך און הער ייד האָט

געזאָגט, אַז מיט דעם, וואָס ער וועט מאָרגן צונויפנעמען, וועט ער מירטשעם האָבן צו שיקן אַהיים פינף קערבלעך, וועט דאָס ווייב מיטן קינד דאָרטן אויך האָבן אַ פריילעכן פּסח. ער דאָ און זי דאָרט. „און אפשר, האָט ער געזאָגט, וועט גאָט העלפן מיר וועלן איבעראַיאָר ביידע זיין דאָ!" „ווער זשע וועט ביי אונז זיין אַן אורח אויף פּסח?" האָט יאַנקל געפרעגט טרויעריק. „גאָט וועט אייך באַשערן, האָט ער געענטפערט, עס פעלן נישט קיין קבצנים אויף גאָטס וועלט."

יענעם פּסח איז יאַנקל געוואָרן געהויכט און געקרוינט ביי די עלטערן און אין דער גאַנצער שטאָט, ווייל אין קיין שטוב זיינען נישט געווען קיין אורחים; פריער זיינען געווען גרויסע קעלטן, איז מען נישט געקומען און דער־נאָך האָט זיך דער שניי צעלאָזט מיט אַ מאָל און ס'זיינען געוואָרן אַזעלכע בלאָטעס, אַז מען האָט פּשוט נישט געקענט אַריינקומען. די גויים פון דער שטאָט האָבן געריסן שטיקער פאַר עופות און פאַר אייער, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז פון דאָרף קען מען גאָרנישט אַריינברענגען. ביי אברהם שוחט איז געווען די איינציקע שטוב, וואו עס איז געווען אַן אורח. קיין גרויסער למדן איז דער ייד נישט געווען, קיין פּשטלעך אויף דער הגדה האָט ער נישט געקענט זאָגן און ער האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו די פּשטלעך, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט און ער האָט, ווייזט אויס, נישט אַלע פאַרשטאַנען, דער־פאַר אָבער אַז עס איז געקומען צו חד גדיא און אחד מי יודע, האָט ער גע־נומען קנאַקן מיט נייע ניגונים, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך. ער האָט געהאַט אַ קול ווי אַ גלעקל און אַזוי ווי די יידן פון אַרום האָבן געענדיקט פריער די הגדה און זיי האָבן זיך סיי ווי אַרומגעשטעלט אַרום די פענצטער, האָבן זיי זיך דאָ נאָך מער אַרומגעשטעלט; און ווען דער אורח האָט גענומען לערנען יאַנקלען, אַז ער זאָל נאָכזינגען, האָט דער עולם ביי די פענצטער אויך מיט־געזונגען און ס'איז אַרוים אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז ביי אברהם שוחט איז דאָ אַן אורח אַ מנגן איינס אין דער וועלט. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די גרעסטע מנגנים פון דער שטאָט האָבן געבעטן דעם טאַטן, אַז ער זאָל זיי איינלאַדן שבת חול המועד אויף קעזל. די גרעסטע מנגנים אין שטאָט זיינען געווען פיר שיינע יידן, וואָס מען האָט זיי גערופן „די פיר שקצים". זיי זיי־נען דווקא געווען די שענסטע יידן אין שטאָט און זיי האָבן געדאַווענט אויבן אָן אין בית מדרש, אָבער מען האָט זיי אַזוי גערופן, ווייל זיי האָבן געקענט דעם גרעסטן אָפּשייגעצן פון קאָפּ ביז אין די פּיס און זיי האָבן אַפילו קיין שוחט נישט געשוינט און דעם נייעם דיין אויך נישט. נאָר פאַר דעם אַלטן דיין האָבן זיי דרך ארץ געהאַט, ווייל ער איז געווען אַן אַלטער ייד, אַריבער שבעים. דער עלטסטער פון די „פיר שקצים" האָט געהייסן נחמן רפאלס, אָדער נחמן דער קליינער. ער איז געווען אַ נידעריק יידעלע מיט אַ ווייסער באָרד און מיט אַ זיידן פּנים. אַז ער האָט גערעדט, האָט ער געציילט

ווערטער. ער איז געווען פון גרעסטן יחוס און א גביר אויך, אָבער א ברודער האָט זיך אים געשמדט, איז דער גאַנצער יחוס זיינער פאַרפלעקט געוואָרן. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן גרויס און ער האָט גערעדט מיט ווערטער ווי פערל. ער איז געווען קראַנק און ער איז אַלע מאָל זיך געפאָרן קורירן קיין קאַרלסבאַד און מען האָט געזאָגט, אַז ער זעט אויס א סך עלטער ווי ער איז אין דער אמתן, ער איז אַלט פופציק און ער זעט שוין אויס מער ווי זיבעציק. ווען ער איז צוריקגעקומען פון קאַרלסבאַד, האָט ער איינגעלאַדן דעם טאַטן אויף טיי און דער טאַטע האָט מיטגענומען יאַנקלען אויך. עס זיינען געווען א סך מענטשן און ער איז געזעסן אויבנאָן און ער האָט גערעדט און דערציילט ניסים פון קאַרלסבאַד און מען האָט זיך צו אים צוגעהערט ווי צום בוהושער רבין. ער האָט דערנאָך דערציילט, אַז די קאַרלסבאַדער טיי שמעקט זייער שיין. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז צוריק מיט יאָרן פלעג מען וויסאָצקים טיי ניט נעמען אין מויל אריין, מען פלעג טרינקען נאָר פּאָפּאָווס טיי, ווייל וויסאָצקים טיי האָט געשטונקען ווי א ייד... ווען זיי זיינען אהיימגעגאַנגען, האָט יאַנקל געפרעגט דעם טאַטן, צי א ייד שטינקט און דער טאַטע איז געווען ברוגז און ער האָט געזאָגט, אַז גויים זאָגן אַזוי... דער צווייטער „שגיץ" איז געווען וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקי. ער איז שוין אויך געווען א ייד מיט א ווייסער באָרד און ער האָט געהאַט א גרויסע שניטקראָם. ער איז נישט געווען אַזאַ למדן, ווי א שיינער ייד, ער האָט געפּראַוועט חסידות און געטראָגן זיידענע קאַפּאָטעס. ער איז געווען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און אמאָל האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט א פּראָסט וואָרט. א סך יידן האָבן אים מקנא געווען און געזאָגט, אַז עס קומט אים נישט קיין פּלאַץ צווישן „די פיר שקצים". ער האָט געהאַט א זייער שיין קול צום זינגען. דער דריטער האָט געהייסן איציק זיידמאַן, ער איז געווען א קליין יידעלע מיט א שוואַרץ בערדל אַן איין גרויער האָר און ער האָט זיך שטענדיק געקנייטשט און ער האָט אויסגעזען נאָך קלענער. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער קנייטשט זיך, ווייל ער האָט א סך קראַנקייטן און עס טוט אים שטענדיק עפּעס ווי. ער האָט געהאַט קליינע אייגעלעך, וואָס האָבן געברענט און געשטאָכן און זיי זיינען דאָך נישט געווען קיין שלעכטע. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז דער קליגסטער פון אַלע און אַז ער וויקלט זיי אַלע אַרום דעם פינגער. ער איז געווען א בוכהאַלטער און דווקא ביי א פּריץ א גוי און ער האָט דערפון געהאַט פּרנסה צו באַשפּייזן א פולע שטוב מיט קינדער, דריי זין און אפשר אכט טעכטער. ער האָט געהאַט א הייזעריק קולכל און ער האָט שטענדיק געמאַכט „איי, איי". דאָך האָט מען געזאָגט, אַז ער איז דער בעסטער מנגן פון אַלע און ער האָט טאַקע געזונגען א ניגון, אַז עס איז געווען מלא טעם. אפילו דער בוהושער רבי, ווען ער איז געווען צוגאַסט אין קיליע, האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זינגען א ניגון. מען האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נישט

הערן אַ ניגון אויף אים אויסצולערנען, נאָר מיט דעם קוק לערנט ער אים אוים. און דער פּערטער האָט געהייסן מיכל זעלצער. ער איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ געלער באָרד. ער איז געווען דער ייִנגסטער פון זיי, דאָך האָט ער שטענדיק געהאַלטן צווישן צוויי פינגער אַ שמעק טאַבעקע. ער איז געווען אַ למדן, אָבער נישט אַזאַ ווי איציק זיידמאַן און ער איז אויך געווען אַ בוכהאַלטער, אָבער נישט ביי קיין גוי, נאָר ביי אַ ייִדן און איציק פלעג זאָגן, אַז רעכענען דאַרף ער זיך נאָך אַביסל צולערנען ביי אים. ער האָט געקענט שיין זינגען און ער פלעג שטענדיק שטיין ביים דאַווענען און זינגען אויף אַ קול, קינדער זיינען געקומען קוקן אויף אים, אָבער ער האָט זיך צופיל געגאָרגלט, ער פלעג זיך אַזוי פאַרגאָרגלען, אַז ער האָט נישט געקענט אויפהערן. די אַלע פיר האָבן זיך געהאַלטן אין איינעם. די שטאָט האָט פאַר זיי מורא געהאַט, הערשל שוחט, וואָס איז געווען דער גרעסטער שגץ פון די שוחטים און וואָס האָט געשטעלט אויף זיך, ווייל ער איז געווען אַ בעל שמסקע איינִיקל, האָט געזאָגט, אַז ער איז מער מגנן פון זיי אַלע, דאָך האָט ער מורא געהאַט פאַר זיי און ער האָט זיי אַ סך שטעכווערטלעך פאַרשוויגן. אַט די אַלע „פיר שקצים” זיינען געקומען שבת בייטאָג אויף קעזל צו אברהם שוחט. די מאַמע האָט שוין געמאַכט יענץ קעזל, עס האָט גערונען דערפון און עס איז געווען אַ נס, וואָס זיי האָבן זיך נישט אַלע אויסגעפלעקט די זיידענע קאַפּאָטעס. און זיי האָבן פריער גערעדט תורה און זיך געהכמהט און דערציילט מעשהס פון רבין און האָבן געזאָגט אַ שטאָכוואָרט דער מאַמען, אַז אַ קעזל מאַכט זי ווי אַ חסידה, אָבער זי איז נאָך אַלץ אַ ליטוויטשקע. דערנאָך האָבן זיי אַליין געזונגען ניגונים און געזונגען אַזוי, אַז מען איז צוגעקומען הערן ביי די פענצטער. און זיי זיינען געגאַנגען אַ ריקוד און מעכל זעלצער האָט אַזוי פאַרריסן דעם קאָפּ, אַז ער האָט זיך אַלעמאָל פאַרטשעפּעט אין באַלקן פון דער סטעליע און די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך רעכט נישט אומגעקוקט אויף דעם אורח און ערשט גאָר שפּעטער האָט איציק זיידמאַן זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און ער האָט געהייסן דעם ייִדן דערלאַנגען דעם נייעם ניגון. דער אורח האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און ווען ער האָט געזונגען, האָט איציק פאַרזשמורעט די אויגן, פאַרקנייטשט דעם שטערן און מיט איין האַנט זיך פאַרשטעלט אַן אויער. יאַנקל האָט געהערט ווי נחמן האָט געזאָגט מיט פערלדיקע ווערטער, אַז ער זינגט ווי אַ סאָלדאַט און מעכל האָט אים געענטפערט, אַז ער זאָל עס נישט זאָגן וואָלפן, ווייל ער זינגט אויך אַמאָל אַזוי... ווען דער ייִד האָט אָפּגעזונגען איינמאָל, האָט אים איציק געזאָגט: „אַ נו, נאָך אַמאָל!” און יענער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און געזונגען און מעכל מיט וואָלפן האָבן שוין מיטגעזונגען און נחמן האָט אויך אַביסל צוגעבאָמקעט און איציק איז אַלץ אַזוי געזעסן ווי פריער און געקנייטשט דעם שטערן און געזשמורעט די אויגן און ווען ער האָט געענדיקט,

האָט ער געזאָגט: „שוין!" און מען האָט געוואוסט, אַז דער ניגון איז ביי אים שוין איינגעפּאַקט. די „פיר שקצים" האָבן געפרעגט ביים אורח, צי ער האָט נאָך אַ ניגון און ער האָט געזונגען נאָך איינעם און נאָך איינעם, ער האָט זיי אין סאָלדאַטשינע, האָט ער געזאָגט, אויסגעלערנט... און איציק זיידמאַן האָט די אַלע ניגונים איינגעפּאַקט צו זיך אין קאַסטן אריין און ער האָט געזאָגט, אַז ערשט איצטער וועלן זיי אַ פּנים האָבן, ווייל ער וועט זיי זינגען ווי אַ ייד. דער אורח האָט נישט געוואוסט, צי ער זאָל לאַכן, צי ברוגז ווערן און ער האָט געלאַכט אַזוי, אַז מען האָט געקענט אויסטייטשן ווי מען האָט געוואָלט. גע־גרימט האָט עס אים און ווען די געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער גע־זאָגט, אַז קיין גרויסע „דימענטן פון לאַשיקעס" זיינען די דאָזיקע יידן נישט...

דער פּסח איז געווען אַ פריילעכער, גאָר אַ פריילעכער און די ניגונים פון „יאַנקלס אורח" האָט מען נישט אויפגעהערט זינגען און צום סוף איז געקומען, ווי שטענדיק נאָך אַ פרייד, אַ טרויעריקע זאַך. אָבער דאָס מאָל אַ צו שטאַרק טרויעריקע. מען האָט גענומען ריידן, אַז אין קעשענעוו איז גע־ווען אַ פּאָגראָם... די קינדער האָבן אַלע נישט געוואוסט, וואָס עס מיינט, אפילו די כלה מאַמציע האָט אויך נישט געוואוסט. מען האָט דאָס וואָרט ארויסגעזאָגט שטיל, גלייך ווי מען וואָלט מורא געהאַט, אַז די גויים זאָלן זיך נישט דערוויסן. אָבער די גויים האָבן שוין געוואוסט און עס זיינען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אין קיליע אויך מאַכן. די פּנימער פון אַלע יידן זיינען פינצטער געוואָרן. ערשט האָבן זיי אַלע געשיינט צוליב דעם פּסח און פּלוצים זיינען זיי באַדעקט געוואָרן מיט וואָלקנס און מיט שרעק. מען האָט גערעדט, אַז עס איז דאָ אַ קאַצאַפּ יעפרעם ביקאָוו, אַ הויכער מיט אַ רויטער באָרד און מיט גזלנישע אויגן, רייצט ער די גויים, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ פּאָגראָם. און פון קעשענעוו זיינען אַלץ אָנגעקומען שרעקלעכע מעשות. מען האָט דערהרגעט קאָרגע פופציק יידן און עטלעכע הונדערט האָט מען געראַניעט (פאַרוואונדעט), שוואַנגערע מאַמעס האָט מען געהרגעט און קליינע קינדער. און מען האָט צעראַבעוועט שטיבער און קלייטן און שולן האָט מען חרוב געמאַכט און איינעם אַ שמש האָט מען אַוועקגענו־מען פון ארון קודש און דערהרגעט. פון פרויען און מיידלעך האָט מען חוזק געמאַכט... דער טאַטע האָט עס געהערט אין שטאָט און ער האָט עס דער־ציילט און געוויינט מיט בלוטיקע טרערן און די מאַמע האָט געחלשט, מען האָט זי קוים דערמונטערט... און מען האָט שוין גערעדט, אַז די גויים קלויבן זיך מאַכן אין קיליע אויך אַ פּאָגראָם און פון דעם דאָרף קראָמאַמעט, וואָס איז דאָס ערשטע פון קיליע, גייען פינף הונדערט גויים מיט מעסערס... מען האָט גערעדט, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן. יידן דאַרפן געבן געלט דער „וולאַסטי" (מאַכט) און מען האָט געזאָגט, אַז מיסתמא האָט מען נישט געפרעגט ביי קיינעם און מען האָט שוין געגעבן. אַ סימן: פון טשיטשמע איז געקומען דער

דאָרטיקער פּריסטאַוו, וואָס האָט געהאַט אַ שם אַלס אַ זייער גערעכטער און אַלס אַ פריינד פון יידן. מען האָט געזאָגט, אַז דער טשיטשמער פּריסטאַוו האָט אַזאַ „נאַראַפּניק" פון אַן עק פון אַן אָקס, וואָס איז אַרומגענומען מיט בליי און אַז ער גיט דערמיט אַ זעץ, זעט מען זיך מיט דער באָבען. מען האָט וועגן יענעם פּריסטאַוו דערציילט אַ סך מעשהס. ביי די יידישע קינדער האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ רעטער. ערשט נעכטן האָט קיינער פון די קינדער נישט געוואוסט, וואָס אַ פּאָגראָם הייסט און היינט האָבן שוין אַלע מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם און זיי האָבן שוין אַלע געהאָפט פריער אויף גאָט און דערנאָך אויף דעם פּריסטאַוו פון דאָרף. מען האָט דערציילט, אַז ער טוט זיך אָן ווי אַ פּראָסטער פּויער און ער גייט אין מאַרק אַריין און אין די שענקען אַריין און אַז ער רופט אַוועק באַזונדער אַ גוי און ער פרעגט אים, צי ער וויל גיין ראַבעווען יידן און אויב ער זאָגט יאָ, הערלאַנגט ער אים מיט דעם „נאַראַפּניק" און ער אַרעסטירט אים און אַזוי רוימט ער אויס די אַלע, וואָס מען האָט גערופן מיט דעם נייעם וואָרט „כוליגאַנעס". מען האָט אויך דערציילט אַז דער „מיראָוואָי סודיא" (פרידנסריכטער) איז אַ גרויסער פריינד פון יידן און ער האָט זיך אויך גענומען צו די כוליגאַנעס... און דערווייל האָט די שטאָט איבערגעלעבט אַ גרויסע שרעק. יעפרעם ביקאָוו האָט אָנגערייצט אַ סך גויים, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ בלוט־ביבול און הרגענען אַ קריסטלעך קינד און עס אונטערוואַרפן צו די יידן, ווען מען זאָגן, אַז זיי האָבן עס גענומען פאַר בלוט אויף פּסח. ער האָט נישט געוואוסט, אַז ס'איז שוין נאָך פּסח. און די גויים זיינען געגאַנגען און האָבן דערהרגעט טאַקע זיינס אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר דריי און האָבן עס אונטערגעוואָרפן צו אַ יידן, וואָס האָט געוואוינט אין דער „מאַהאַלע". עס איז געוואָרן אַ גערודער, אָבער דער „מיראָוואָי סודיא" האָט צונויפגענומען די גאַנצע באַנדע פון יעפרעם ביקאָוו און זי אויסגעמוסרט און געזאָגט, אַז דאָס קינד האָט מען דערהרגעט שוין נאָך פּסח, ווען יידן האָבן שוין געגעסן ברויט און אַז דער מערדער איז דאָ צווישן זיי. דער ריכטער ווייסט שוין ווער עס איז. די קינדער, וואָס האָבן עס דערציילט, האָבן נישט אַנדערש געוואָלט ווי נאָר. אַז דער טשיטשמער פּריסטאַוו איז אויך געווען דאָרט און ער האָט זיי געסטראַשעט מיט זיין באַרימטן „נאַראַפּניק", און די מערדער האָבן זיך דערשראָקן און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרמסרן איינס דאָס אַנדערע און יעפרעם ביקאָוו האָט אַליין אויך געדאַרפט גיין אין „קעסטל" אַריין, ווייל ער האָט געגעבן די עצה און מען האָט די גאַנצע זאַך אַזוי פאַרריבן, אַז ס'זאָל זיין „ני נאַשים, ני וואַשים" און דער גרויסער המן איז געבליבן אָן דעם מיזינעק און נאָך מיט אַ נאָז. מען איז געווען גרייט צו פּראַווען אַ „קיליער פּורים", ווען מען וואָלט נישט געווען דערציילן אַזעלכע שווידערלעכע זאַכן פון דעם קעשענעווער פּאָגראָם. ס'איז געווען חודש ניסן און מען האָט אפילו קיין מלאָס נישט געקענט מאַכן די גע-

הרגטע און ערשט צו די שלושים האָט מען געמאַכט מלאם אין די שולן. מען האָט אויך מקבר געווען, האָט מען דערציילט, די ספר תורהס פונקט אזוי ווי די הרוגים. און אין קיליע האָט מען אויך געמאַכט אַ הספד נאָך די הרוגים פון פאָגראָם. אַלע יידן פון שטאָט האָבן אין אַ פשוטן דאָנערשטיק ביי־טאָג פארמאַכט די קלייטן און זיך צונויפגענומען אין דער גרויסער שול. אַפּי־לו די יידן, וואָס פלעגן האַלטן אָפן שבת די קלייטן, האָבן פארמאַכט. יום כיפור האָט מען קיינמאָל נישט אזוי געוויינט וויפל דעמלט. ווען פנחס שוחט, וואָס איז געווען חזן אין דער גרויסער שול, האָט געמאַכט די מלא און האָט געזאָגט „את נשמות הקדושים והטהורים שנהרגו על קידוש השם בקישענעוו". עטלעכע פרויען און אפילו מענער האָבן געחלשט און עס איז געוואָרן אַ גע־לויף און אַ געשריי „וואַסער!" און דערנאָך האָט דער דיין גערעדט. ער איז נישט געווען רויט ווי שטענדיק, נאָר בלייך און ער האָט געזאָגט מוסר די יידן וואָס היטן נישט אָפּ יידישקייט און דערפאַר שטראָפט זיי גאָט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין די רייד פון ישעיהן, וואָס חיים ערליך האָט געזאָגט אזוי בייז. דער דיין האָט אויסגערופן אַ חרם, אַז מען זאָל נישט מאַכן קיין שמחות אַ גאַנץ יאָר און די ייִנגלעך מיט די מיידלעך זאָלן נישט ריידן קיין רוסיש, ווייל ס'איז אַ חרפה און אַ בושה, וואָס די יידישע מיידלעך ריידן נאָר גויאיש אין די גאַסן...

יאַנקלען האָט דעמלט אָנגעהויבן בויערן אַ נייע פראַגע: פאַרוואָס לאָזט גאָט, עס זאָלן זיין אַזעלכע רשעים אויף דער וועלט? און אויב גאָט האָט אויסגעקליבן די יידן, פאַרוואָס האָט ער געמאַכט, אַז גויים זאָלן קענען מאַכן פאָגראָמען אויף יידן? פאַרוואָס לאָזט גאָט אין גאַנצן, אַז אַזעלכע רשעים ווי יעפרעם ביקאָוו זאָלן לעבן אויף דער וועלט? הער דיין אַלי חיים האָט טאַקע דעמלט געשריגן אין שול: „למה תחריש בבולע רשע צדיק?" רבונו של עולם, פאַרוואָס שווייגסטו, ווען דו זעסט ווי אַ רשע שלינגט איין אַ צדיק?... האָט יאַנקל זיך געפרעגט: אויב די גויים קענען אזוי טאָן מיט די יידן, ווי זיי האָבן געטאָן אין קעשענעוו, קענען דאָך אין גאַנצן נישט בלייבן קיין יידן אויף דער וועלט. אין די מארק טעג האָט ער געזען אַזויפיל גויים — אפשר צוואַנציק מאָל אַזויפיל וויפל יידן און זיי זיינען שטאַרקער פון די יידן, אַלע זיינען זיי שטאַרקער. אויף עטלעכע יידן זאָגט מען, אַז זיי שטאַרקער פון די גויים און זיי קענען טראָגן אויף זיך זעק פון פינף פוד. אָבער די איבעריקע יידן זיי־נען שוואַך. דעם טאַטן האָט ער דאָס אַלעס נישט געזאָגט, ווייל ער פלעג ברוגז ווערן, ווען ער האָט אים עפּעס געפרעגט, אָבער דער מאַמען האָט ער עס גע־פרעגט, די מאַמע האָט ליב געהאַט צו ריידן מיט אים וועגן אַזעלכע זאַכן. און די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז גאָט היט דאָך אָפּ זיינע יידעלעך און ער וועט זיי נישט לאָזן אין גאַנצן פאַרלענדן, ער וועט זיי שטראָפן, אָבער נישט פאַרשניידן, אזוי האָט איר געזאָגט איר טאַטע. און ווען עס וועט קומען די

ריכטיקע צייט, וועט גאָט אומקערן זיין פאָלק קיין ארץ ישראל און די מתים וועלן אויפשטיין, אויך די דאָזיקע, וואָס מען האָט געהרגעט אין קעשענעוו וועלן אויפשטיין... „דער זיידע לייב אויך?" האָט יאַנקל געפרעגט מיט האַפע־נונג. און די מאַמע האָט אים פארזיכערט, אַז דער זיידע לייב אויך און ער וועט ערשט מיט אים לערנען תורה, כאָטש דעמלט וועלן שוין יידן נישט דאַרפן לערנען קיין תורה, סיידן זיי וועלן אליין וועלן. די יידן וועלן שוין דעמלט מעגן אַלצדינגס, פּונקט ווי די גויים... און חוץ דעם, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ גוטע גויים, וואָס געבן אכטונג אויף יידן; חסידי אומות העולם רופט מען זיי און זיי זיינען מעכב די גאולה, ווען נישט זיי, וואָלט שוין משיח לאַנג געקומען... איז שוין אויסגעקומען, אַז פון גוטן קומט ערשט אַרויס דאָס רעכטע שלעכטס! דאָס גוטע מיטן שלעכטן האָבן זיך אין קינדס געדאַנק זייער געמישט.

ביי יאַנקלען איז די האָפענונג געוואָרן גרעסער ווי די שרעק, אָבער אין שטאָט איז געווען טרויעריק, עס איז אַוועק די פרייד. שבת צו שלוש סעודות האָט מען אין די שולן געזונגען שטילערהייט אַ ניגון, מען האָט זיך נישט פאַרגונען צו זינגען הויך. יאַנקל האָט זיך דעמלט דווקא אָנגעהויבן פילן ווי אַ גרויסער. וועגן זיין אויפטו מיטן אורח האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין אַ מענטש און דער טאַטע האָט אים אויף זומער שוין אַריינגעגעבן צו דניאלן. וואָס איז געווען דער גרעסטער מלמד. טרויעריק האָט אים אויסגעזען דאָס לעבן פּונקט דעמלט, ווען ער איז שוין געוואָרן אַ גרויסער און ער האָט סוף זומער געדאַרפט ווערן ניין יאָר. אָבער ער האָט געהאָפט, אַז משיח וועט קומען און אַלע וועלן אויפשטיין תחית המתים און פאַר אַלע וועלן אויפשטיין די קדושים פון קעשענעוו. און דאָס האָט אים געטרייסט און פריילעכער געמאַכט.

☆

קאפיטל אכט

צוליב וואָס דאַרף מען אָרעמע און רייכע און גוטע און שלעכטע?

די ייִנגלעך ביי דניאל מלמד זיינען געווען אַנדערע, ווי די ייִנגלעך ביי חיים ערליך. זיי זיינען געווען די זין פון די בית מדרשניקעס, די פּרומסטע און די למדנים פון שטאָט. נישט אַלע, וואָס האָבן געדאַוונט אין בית מדרש זיינען געווען גבירים. אייניקע זיינען טאַקע געווען קבצנים, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ שטעל און זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די מיוחסים און מען האָט זיי טאַקע געהאַלטן פאַר מיוחסים און מען האָט זיי פיינט געהאַט. די הויפּט־היצטרכותן פון דער שטאָט, ווי כשר פלייש און מצות זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרן פון דער „פּיטראָפּיע", וואָס איז באַשטאַנען פון צוועלף מענטשן, וואָס מען האָט אויסגעקליבן דורך אַ „כלפי". אָבער די אויסגעקליבענע זיינען נאָך נישט געוואָרן קיין פּיטראָפּן, נאָר זיי האָבן ערשט אויסגעקליבן פּיטראָפּן, די אויסגעקליבענע האָט מען גערופן בוררים. האָט מען פון בית מדרש און פון דער גרויסער שול אויסגעקליבן צו פיר פּיטראָפּן און פון חברי נושאים און „קליינעם שולעכל" האָט מען אויסגעקליבן צו צוויי, אָבער די גאַנצע באַ־לעבאַטים זיינען געווען די בית מדרשניקעס. אַ סך פון קהלעכע האָט זיך גע־דרייט אַרום דעם הייליקן אָרט. וואָס האָט געהאַט צוויי חברות, די „חברה נושאי המיטה" און די „חברה קדישא", די ערשטע האָט געגעבן די שווערע אַרבעטער און דעם ראש מאַלאָטשע1) און די צווייטע האָט געגעבן די פּריצים. דאָס געלט האָבן געהאַלטן די „קדישאַניקעס" און די „נושאימניקעס" האָבן געקראָגן אויף אַביסל בראַנפן צו אָנוואַרעמען זיך אין אַ ווינטער טאָג און זיך קילן אין אַ זומער טאָג. אין דער חברה נושאים האָט מען אַריינגע־נומען יהו מי שיהו (יעדן איינעם). ווי מען האָט געזאָגט, און אין דער חברה קדישא — נאָר געקליבענע. די מערסטע מיטגלידער זיינען עס געווען פון געבוירן, זיי האָבן עס געקראָגן בירושה. כמעט אַלע מיטגלידער פון דער חברה קדישא האָבן געדאַוונט אין בית מדרש. עס איז צו יענער צייט נאָך

---

(1) לויט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי שטאַמט עס פון וואָרט „מלאָדשע" — יונגע.

נישט געווען קיין איין בית מדרשניק. וואָס זאָל נישט גיין שבת קיין זיידענע קאַפּאָטע, כאָטש עס זיינען שוין געווען אַ פּאָר, וואָס האָבן אונטערגעשוירן די בערד. מען האָט די בית מדרשניקעס גערופן „טשערקעסן" און זיי האָבן דערפאַר צוריקגערופן די חברה נושאים — חברה „פּלעץ". טשערקעסן זאָלן מיינען עלטסטע פון קאַזאַקן און „פּלעץ" איז גלאַט געווען אַ זידל וואָרט, וואָס אַז מען איז געווען שטאַרק בייז, האָט מען אַרויסגעוואָרפן אַן אות דער־פון. צווישן די קינדער פון די דאָזיקע „טשערקעסן" איז יאַנקל אַריינגעפאַלן. דאָרט האָבן געלערנט סאַמע גרויסע בחורים, דער קלענסטער איז געווען בר מיצווה, ביי אייניקע האָבן זיך שוין געשאָטן בערדלעך. אייניקע האָבן גע־טראָגן יאַרמעלקעס. זיי האָבן יאַנקלען אויפגענומען מיט אַ „ברוך הבא — דער שויכעדינע פון די חברה פּלעץ איז דאָ!" און ער האָט באַלד דערפילט, אַז זיין לערנען אין דעם דאָזיקן חדר וועט זיין אַ שטיק מילחמה. יעדער פון די יינגלעך האָט געהאַט אַ צונאָמען און יאַנקל האָט געוואוסט, אַז אים וועט מען אויך גיך צוקלעפּן אַזאַ און ער האָט זיך דערפאַר געשראָקן. ווען מען איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען זיך שפּילן, האָט מען יאַנקלען געהייסן לויפן און אַ יינגל האָט אים שוין אונטערגעשטעלט אַ פוסל און ער איז גע־פאַלן, דריי מאָל האָט מען עס אים געטאָן. דאָס טוט מען אַלע נייע. האָט מען אים געטרייסט. דערנאָך האָט מען געשפּילט אין „בלינדזיקייט" און ער האָט געדאַרפט אַלע מאָל זיין דער „בלינדער" מיט אַרומגעבונדענע אויגן און ווידער האָט מען אים געטרייסט, אַז אַלע נייע טוט מען אַזוי. און ערשט דערנאָך האָט מען זיך געשפּילט אין עפּעס אַ זאַך, צו וועלכער מען האָט אים נישט צוגעלאָזט און מען האָט אים געצוואונגען צו זיצן אין צווייטן עק הויף, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער אייזערנער פאַרזשאַווערטער קעסל פון אַ געוועזענער זייף־פאַבריק. אַ יינגל איז געזעסן און האָט אים געהיט און אַז ער האָט געוואָלט צוגיין נעענטער, האָט ער געכאַפּט אַ פליאַסק אין פּיסק אַריין און אַ באַפעל, אַז ער זאָל וויינען שטילערייד, אַז נישט וועט מען אים דערגיין די יאָרן. קיין צונאָמען האָט מען אים עפּעס נישט געקראָגן, האָט מען אים דערווייל גערופן „שויכעדינע".

דער רבי דניאל איז געווען נישט קיין הויכער און נישט קיין נידעריקער ייד מיט אַ קליינעם הויקער. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס קומט אים פון זיצן. ער האָט געהאַט אַ שיטער בערדל און נישט קיין שטאַרק לאַנגס. און דאָס בערדל איז נישט געווען שוואַרץ און נישט געל, נאָר עפּעס מיטלמעטיק. אונ־טער די אויגן האָט ער געהאַט גרויסע שטשאָקעס, וואָס האָבן אים כמעט פאַרשטעלט די אויגן מיט וועלכע ער האָט שטענדיק געלאַכט. ער איז געווען דער גרעסטער בריה אין קיליע און ער האָט געהאַט אַ סך מלאכות, ער איז געווען כמעט דער איינציקער איינבינדער אין שטאָט און ער האָט איינגע־בונדן נישט נאָר יידישע ספרים, נאָר אויך גויאישע ביכער און איבערהויפּט

גרויסע פאַרשריבענע ביכער פון דער „אופּראַווע" (שטאָט פאַרוואַלטונג). ווען ער איז געזעסן און האָט געלערנט מיט די קינדער, האָט ער אין איין וועגס געאַרבעט ביים איינבינדן און ער האָט אויך געאַרבעט, ווען די ייִנגלעך זיינען זיך אַרום שפּילן. ער האָט אויך געקענט זיין אַ פאַרבער, אי פון מעבל, אי פון קליידער און ער פלעג אָננעמען איבערצופאַרבן קליידער און ער האָט דערמיט געטאָן אַ טובה, ווייל קיין אַנדערער חוץ אים, וואָס זאָל קענען פאַרבן קליידער איז נישט געווען. ער האָט אויך געקענט זיין אַ סטאָליער, אָבער דאָס האָט ער נישט געוואָלט. פון דעסט וועגן האָט ער זיך באַרימט, אַז דאָס גאַנצע מעבל, וואָס ער האָט אין שטוב אין איינעם מיט די שאַפעס און קאָמאָדעס האָט ער אַליין געמאַכט. און ערשט איז ער געווען אַ ייד אַ למדן און ער האָט גוט געקענט ש״ס און פּוסקים און אַזוי ווי יאַנקל איז נאָר געקומען אין חדר אַריין, האָט ער דערציילט, אַז ער האָט געלערנט ביי זיין זיידן לייב ליטוועק און ער האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער קען און איצטער וועט ער אים אָפּגעבן זיין זיידנס תורה. אַ ייִדענע האָט דניאל געהאַט אַ הויכע און אַ דאַרע, זי איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער און זי האָט געהאַט אויסגעדרייטע הענט. פּונקט אַזוי ווי ער האָט געקענט טאָן אַלצדינג מיט די הענט, פּונקט אַזוי האָט זי גאָרנישט געקענט און מען האָט איר געמוזט אין אַלצדינג העלפן. אפילו אַ גלאָז טיי האָט זי נישט געקענט אַריינטראָגן. אין מאַרק אַריין האָט געמוזט גיין מיט איר אַלע טאָג אַן אַנדער ייִנגל אָפּטראָגן דאָס קיישל. נישט אַלע ייִנגלעך זיינען געגאַנגען, ווייל אייניקע האָבן די עלטערן זיך דערוואוסט און נישט געלאָזט. די ייִנגלעך האָבן דווקא יאָ געוואָלט גיין; אין מאַרק איז דאָך אַזאַ לעבעדיקע וועלט. אייניקע ייִנגלעך האָבן אויך געהאָלפן דעם רבין ביי איינבינדן, זיי האָבן געטאָן די נישט שווערע אַרבעטן און ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז דער עיקר ביי איינבינדעריי איז ריינקייט, כאָטש ביי אים אַליין זיינען די פינגער תמיד געווען פאַרקלעפּט מיט קליי און פאַרשמירט מיט פאַרב. ער האָט געהאַט אַ גרויסע אייגענע דירה און ער האָט צוויי פליגלען פון ביידע זייטן פאַרדונגען. און ווען די ייִנגלעך פלעגן אַוועקגיין, איז ער ערשט שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַרום דער שטוב און וואו מען האָט געדאַרפט, האָט ער צוגעשמירט און צוגעקלאַפּט, ווייל, האָט ער געזאָגט, אַ שטוב טאָר מען נישט פאַרלאָזן. מען האָט געמורמלט אויף אים אין שטאָט, אַז ער איז אָנגעשטאָפּט. זיין איינציקער זון איז געווען שמואל שוחט, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט; פון די פיר טעכטער, וואָס ער האָט געהאַט, זיינען צוויי געווען חתונה געהאַטע, איינע אין אַ דאָרף אַריין און איינע פאַר אַ מעל־סוחר אין קיליע. אין שטוב זיינען אַרומגעגאַנגען צוויי גרויסע מוידן, וואָס האָבן שוין אויסגעזען ווי מאַמעס. מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין גאָר אַלטע מוידן און מען האָט מורא, אַז זיי וועלן פאַרזיצן, ווייל זיי זיינען נישט קיין שיינע נעבעך און ווייל דער פאָטער וויל נישט געבן גע־

נוג נדן. אַלעמאַל איז צו דניאלן געקומען נחמן רויזן מיט דער אויסגעריסע־נער באָרד און ער האָט זיך געסודעט מיט דעם רבין און מיט דער רביצן און די ייִנגלעך האָבן זיך צוגעהערט פון איין טיר און די מוידן — פון אַ צווייטער טיר. דאָס עלטערע מיידל האָט געהייסן איידל און זי איז געווען אַזאַ הויכע ווי די מאַמע און אַ שוואַרצע און זי האָט געהאַט גראָבע ליפּן. די קלע־נערע האָט געהייסן שרהקע און זי איז געווען אַ הויכע, אָבער נישט קיין שוואַרצע, גאָר אַ האַלב טונקעלע. און איין ליפּ איז געווען אַביסל אויסגע־דרייט ביי איר און ווען זי האָט גערעדט, האָט זי נאָך מער געדרייט מיט דער ליפּ. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז איר געקומען פון אַ פאַרקילונג. איידל האָט געהאַט אַ טבע, זי האָט נישט אויפגעהערט צו ניסן און פון יעדער נאָס האָט אַ ציטער געטאָן די שטוב. עס האָט זיך גערעדט, אַז אַ קאַנאָן האָט אויסגעשאָסן. און דערצו האָט זיך נאָך געמאַכט אַזאַ זויערע מינע, ווען זי האָט גענאָסן און זי האָט דערביי אַזוי געפּאַרסקעט מיט די גראָבע ליפּן, אַז מען האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן נישט צו לאַכן. און מען איז טאַקע נישט געווען שטאַרקער פון אייזן. ווען איידל האָט גענאָסן, האָבן די ייִנגלעך אַזוי געלאַכט, אַז דאָס חדר האָט אויסגעזען ווי אַ משוגעים הויז. עס האָבן נישט געהאָלפן די גוטע רייד פון רבין און נישט די שטראָף רייד זיינע און נישט די שמיץ מיט דער ווירע. צוליב דעם איינבונדן, האָט דניאל שטענ־דיק געהאַלטן אַ ווירע מיט זיך. אַז ער האָט געהאַלטן די הילצערנע, איז געווען נאָך צום דערליידן, אָבער אַז ער האָט געהאַלטן די אייזערנע, איז געווען ווי צו די יאָרן, כאָטש ער האָט מיט דער הילצערנער אויך געקענט דערלאַנגען אַזוי, אַז מען זאָל זיך זען מיט דער באָבען, ער האָט דערלאַנגט מיט דער שאַר־פער זייט.

בכלל איז דניאל געווען אַ גוטער און ער האָט זייער זעלטן געשלאָגן און ער האָט געזוכט אַלצדינג צו געבן פאַרשטיין מיט גוטן און ער האָט גע־קענט געבן צו פאַרשטיין. ער האָט געקענט קלאָר מאַכן אי די גמרא, אי דאָס חומש, אי דאָס דאַווגען. פּסוק האָט ער געלערנט ווייניק, ער האָט זיך געהיט דערפון, ער האָט געזאָגט, אַז דיקדוק און פּסוק זאָל לערנען מאָטיע מלמד, וואָס וויל מאַכן די שטאָט פאַר אַפּיקורסים. מאָטיע מלמד איז געווען אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, גרויסע ברילן, אַ שטאַרק הייזעריק קול, וואָס האָט גע־האַלטן פון דיקדוק, האָט מען ביי אים דערפאַר אָפּגענומען די ייִנגלעך, ווייל קיליע דאַרף נישט קיין דיקדוק. און מאָטיע האָט געדאַרפט אַרומגיין לערנען טייטש חומש און די „מיידלישע מודה" מיט מיידלעך. ער איז געווען דניאלס שונא אָט דער מאָטיע, דניאל האָט שטענדיק גערעדט קעגן אים און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט ליידן, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער קען. פּסוק קען יעדער קענען, דער תלמוד איז אַ ים...

אָנגעהויבן האָט מען ביי דניאלן אין דער פרי מיט דאַוונען. די ייִנגלעך

האָבן געדאַרפט דאַוונען אויף אַ קול. יעדן טאָג האָט אַן אַנדערער געדאַוונט און אַלע האָבן געהערט און שטיל נאָכגעזאָגט. ער האָט אַ סך מאָל אָפּגע־שטעלט און געפרעגט די טייטש פון אַ וואָרט, אָדער פון אַ גאַנצן פסוק. ער פלעג אויך מאַכן שפּאַסן און פאַרטייטשן קאַפּויר. ווען מען איז צוגעקומען צום שטעל „משליח קרחו״, האָט ער געזאָגט מיט אַ ניגון: משליך קרחו, שיקט ער דיך רופן, איז כפיתים, גיט מען צוויי טרינק בראָנפן, אָבער לפני קראתו, אויב ער שיקט נישט קיין בילעט, איז מי יעמוד — פּאַשאָל וואָן...

און ער האָט אַליין געלאַכט דערפון און הנאה געהאַט, כאָטש די יינגלעך האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. נאָכן דאַוונען, האָט ער אַרויסגעשיקט די יינגלעך עסן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז קיינער האָט נישט געגעסן פאַר דעם דאַוונען. און נאָך דעם עסן האָט מען זיך געזעצט לערנען חומש מיט רשי און ער האָט אַלע טאָג אָפּגעלערנט אַ פרשה מיט אַ שטיקל, בכדי אָפּצולערנען פאַר דער וואָך די גאַנצע סדרה. און מיט דעם חומש מיט רשי האָט ער שוין פאַרענדיקט דעם פרימאָרגן און מען איז געגאַנגען אהיים עסן. די יינגלעך זיינען געקומען באַלד נאָכן עסן, אָבער ער איז נאָך געשלאָפן, די רביצן האָט געהייסן איבערחזרן, און די יינגלעך האָבן איר נישט געהערט און זיי האָבן בעסער איבערגעקערט דעם הויף. ביי טאָג האָט ער געלערנט גמרא מיט רשי און מיט אייניקע שוין מיט תוספות אויך. דאָ איז מען שוין געווען איינגע־טיילט אין כתות און ווען ער האָט געלערנט מיט איין כתה, האָט די צווייטע געדאַרפט חזרן. ער האָט געלערנט צוויי מסכתות אויף אַמאָל. און צוויי מאָל אין דער וואָך האָט ער געלערנט פסוק אויך. דאָנערשטיק און פרייטיק האָט ער געלערנט מעביר זיין די סדרה און ער האָט געהאַט אַ שיין קול, כאָטש צו דאַוונען פאַרן עמוד האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשטופּט.

די יינגלעך אין הויף האָבן אויך גערעדט מיאוסע רייד, אָבער אַ סך מאָל האָבן זיי גערעדט פון דער גמרא און זיי האָבן בסדר גערעדט פון דעם וואָס אַזוינס עס איז די נשמה און וואו זי געפינט זיך. עס איז געווען זיכער, אַז די נשמה געפינט זיך אין דער נאָז, אָבער זען האָט מען זי נישט געקענט. יע־דער האָט זיך געטאַפּט ביי זיין אייגענער נאָז און אַריינגעקוקט צו יענעם אין דער נאָז. מען האָט געוואָלט וויסן, צי ביי אַ טויטן איז אַלציינס די נאָז ווי ביי אַ לעבעדיקן. וואָרום עס איז געווען זיכער, אַז ביי אַ טויטן פליט די נשמה אַוועק, מוז דאָך בלייבן אַ ליידיק פּלאַץ אין דער נאָז. איין יינגל האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַליין געזען, אַז ביי אַ טויטן איז איינגעפאַלן די נאָז. האָט זיך געטראָפן, אַז ביי יאַנקלען איז געשטאָרבן אַ פריינטל (אַזוי האָט מען אין קיליע געזאָגט אויף אַ קרוב) וואָס האָט געהייסן מאיר קראַסנאָוו און די מאַמע האָט אים מיטגענומען אַהין און ער האָט געזען ווי דער מת איז איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער דעק און עס ברענען צוויי ליכט. אין שטוב איז געווען שטיל און מען האָט געהערט ווי פליגן זשומען, אָבער איין יידענע

האָט געמאַכט אַזעלכע פּיסקעס, אַז יאַנקל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט זיך צעלאַכט. די מאַמע האָט אים דערלאַנגט צוויי פּעטש און האָט אים אַרויסגעוואָרפן, אָבער דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעגנבעט צוריק און ער איז שוין געווען שטיל. ער איז פּאַוואָליע צוגעגאַנגען און אויפגע־דעקט די דעק. ער האָט מורא געהאַט און דאָך געקוקט. מאיר קראַסנאָוו האָט אויסגעזען ווי לעבעדיק און די נאָז איז געווען ווי ביי אַלע. יאַנקל האָט דאָס דערציילט אין חדר, אָבער מען האָט אים נישט געגלויבט און מען האָט גע־זאָגט, אַז מען קען גאַרנישט זען, מען לאָזט נישט צו; און ערשט קען מען נישט וויסן פון קוקן, מען דאַרף אַ טאַפּ טאָן.

קיין צונאָמען האָט יאַנקל נאָך אַלץ נישט געקראָגן. איין מאָל האָט דער רבי געלערנט אין רש״י, אַז די מערסטע פון די קינדער זיינען ענלעך צו דער מאַמעס ברודער און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו אָנווייזן אויף יאַנקלען און זאָגן, אַז ער איז אַזאַ ניונקעלע, ווי ס׳איז געווען זיין פעטער פּראַים לעפּ־קעס גאָר קליינערהייט. יאַנקל האָט געפילט באַלד, אַז די יינגלעך וועלן אים אַ נאָמען געבן פּראַים לעפּקעס און ער האָט זיך דערפאַר געשראָקן, אָבער דער רבי האָט עס אויך דערפילט און ער האָט געזאָגט: „הערט זשע אויס חברה, איר וועט דאָך אים באַלד אַ נאָמען געבן פּראַים לעפּקעס, זאָג איך אייך אָן מיטן הארבן וואָרט, אַז איר זאָלט עס נישט טאָן, ווייל איך וועל פון אייך שניידן פּאַסן״. און דאָרט וואו דניאל האָט אָנגעזאָגט מיטן „הארבן וואָרט״, האָט מען מורא געהאַט און מען האָט געפאָלגט און ער איז ווייטער געבליבן אָן אַ נאָמען. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען דעם רבינס טאָכטער איז געוואָרן קראַנק און ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצן בייטאָג זען, וואָס זי טוט, און די יינגלעך האָבן דערהרבעט מעשים און אויסדערציילט אַלע געשיכטעס, וואָס זיי האָבן געקענט און זיי האָבן געזונגען אַלערליי ני־גונים און מען האָט יאַנקלען אויך געלאָזט זינגען דעם נייעם ניגון פון דעם אורח, וואָס יאַנקל האָט געפונען, האָט אַ יינגל געזאָגט, אַז יאַנקל זינגט נישט טראַלאַלאַ, אַזוי ווי אַלע זינגען, נאָר ער זינגט „דיטן, דיטן״... צי עס איז אמת געווען, ווייסט ער נישט, אָבער מען האָט אים שוין אַ נאָמען געגעבן „דיטן״ און מען האָט אים שוין אַזוי גערופן ביז ער איז אַרויס פון חדר און אויך שפּעטער. עס זיינען געקומען נייע יינגלעך און זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס „דיטן״ מיינט און זיי האָבן נישט געפרעגט און זיי האָבן אים אויך גערופן אַזוי. אויף קיין צונאָמען האָט מען קיין קשיה נישט געפרעגט. אַנדערע יינג־לעך האָבן געהאַט ערגערע צונעמען פון אים און מיאוסערע און דערמיט האָט ער זיך געטרייסט.

יאַנקל האָט געוואוינט ווייט פון דניאלן. ער האָט געהאַט צו גיין אין גאַנצן זעקס קוואַרטאַלן, אָבער זייער גרויסע און דער וועג האָט אים אויס־געוויזן זייער לאַנג, ס׳איז געווען שיעור נישט פון איין עק שטאָט אין צווייטן.

ס'איז געווען כמעט פון אַלטן מאַרק ביז אין נייעם און ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז אויף דעם אַלטן מאַרק האָט גערעגנט און אויף דעם נייעם — נישט. אין שטוב אַליין האָט מען אים באַדויערט, וואָס ער דאַרף נעבעך גיין אַזוי ווייט צוויי מאָל אין טאָג אַהין און צוריק. אָבער מיטן גיין האָט ער זיך באַקענט אַ סך מער מיט דער שטאָט.. ער האָט גוט באַקוקט דו שול, וואָס האָט געהאַט אין דרויסן ווי צוויי לוחות, ער האָט באַקוקט דאָס ליידיקע פּלאַץ אַנטקעגן בית מדרש, וואו ס'איז אַמאָל געווען אַ בית עולם און וואו ביינאַכט זיינען נאָך איצטער אַרומגעגאַנגען מתים. דאָס זיינען זיי געגאַנגען אין דער „גרויסער שול" אַריין, וואו זיי דאַוונען אַלע נאַכט, ווייל דאָרט זיינען קיין מזוזות נישטאָ און זיי קענען אַריינגיין. יאַנקל האָט זיך גוט צוגעקוקט, צי עס זיינען דאָרט נישטאָ קיין מתים, אָבער בייטאָג האָט מען גאָרנישט געזען. דאָס פּלאַץ האָט געהערט צו איינעם אברהם סטראַבילעוויטש און ער האָט עס געהאַלטן ליידיק, ער האָט מורא געהאַט דאָרט צו בויען און ווען שפּעטער מיט יאָרן איז ביי יענעם יידן אַ זון משוגע געוואָרן, האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז געקומען פון די מתים... יאַנקל האָט אויפן וועג אין חדר אַריין זיך באַקענט מיט די צוויי גויאישע שטאָט משוגעים, וואָס איינער האָט געהייסן לוקאַ און דער צווייטער קאַליאַ. לוקאַ איז געווען אַן אַלטער גוי, אַ שווערער, אַ באַוואַקסענער און ער האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּטע נאָז, אַ פּולע מיט „קורזיקעס" און ער איז געווען שמוציק. ער איז שטענדיק געשטאַנען לעבן אַ טעלעגראַפישן סלופּ און געמאַכט „זש..." ער האָט נאָכגעמאַכט דאָס ברומען פון סלופּ, האָט מען געזאָגט. ער האָט געהאַט זייער תמעוואַטע אויגן און ער האָט געקוקט נאַריש און רחמנותדיק. אַז מען האָט אים געגעבן אַ שטיקל ברויט, האָט ער גענומען. קאַליאַ איז געווען אַ יונגער שייגעץ, ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, וואָס זיינען געווען צעריסן, דאָך איז ער געווען ריין און נישט באַוואַקסן. ער איז געווען אַ דינער אַזוי ווי אַ טראָשטש און ער האָט געהאַט בלויע אויגן טאַקע ווי דער הימל, קיינער אין קיליע האָט נישט געהאַט אַזעלכע בלויע אויגן ווי ער. אויף איין פּלאַץ איז ער קיינמאָל נישט איינגעשטאַנען, ער איז שטענדיק געלאָפן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל פליען, ער פלעג זיך געבן אַ כאַפּ מיט די פּיס אויף אַ זייט און אויף אַרויף און ער איז נישט געווען. קיין ברויט האָט ער נישט גענומען, אָבער אַ קאָפּקע אַז מען האָט אים געגעבן, האָט ער גענומען. און וואָס מען האָט אים נישט געפרעגט, האָט ער געענטפערט „טאַם" (דאָרט) און ער איז אַנטלאָפן. נאָך קיינמאָל האָט יאַנקל נישט געזען צוויי מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי פאַרקערט ווי קאַליאַ מיט לוקאַן זיינען געווען. אַז ער האָט דערציילט אין שטוב די שוועסטער, אַז ער האָט זיי ביידן אַליין געזען און גערעדט מיט זיי, האָבן זיי אים מקנא געווען, זיי האָבן זיי שטענדיק געזוכט און נישט געפונען, ווייל זיי האָבן זיך געהאַלטן אָדער אויף דעם נייעם מאַרק,

אדער גאר ביי דעם וואסער. אין א צייט ארום האבן זיי זיך איינגעטיילט און לוקא איז שטענדיק ארומגעקראכן אויף דעם אלטן מארק און קאליא איז ארומגעלאפן ביים ברעג.

אויף דעם וועג צום חדר איז יאנקל דורכגעגאנגען לעבן משה קיציסעס שטוב. משה קיצים איז געווען חיים יאנקל קיציסעס א ברודער, אבער ער איז געווען אן אנדערער. ער האט נישט געטראגן קיין פאות און קיין קאפאטע און די בארד האט ער זיך אויך אונטערגעשוירן. ער האט געפירט א האלב גויאישע שטוב און די קינדער זיינע האבן אלע געלערנט אין גימנאזיע און איינער האט שוין געלערנט אויף דאקטער. זיינע קינדער זיינען ארומגעפארן אויף וועלאסיפעדן און די ייִנגלעך פון שטאט האבן זיי מקנא געווען. משה קיצים האט געדאוונט אין דער גרויסער שול, ווייל ער האט נישט געוואלט דאוונען אין איינעם מיט זיין ברודער און ווען מען האט געזאגט, אז ער איז חיים יאנקלס ברודער, האט ער זיך צעשריגן, אז ער איז נישט קיינעמס ברודער, ער איז משה קיצים. ער איז אויך געווען רייך, אבער נישט ווי זיין ברודער, דאך האט ער געהאט א שענערע שטוב פון אים און אפילו די פארהענגלעך אין די פענצטער זיינען געווען שענער. משה קיציסעס עלטסטע טאכטער האט געהייסן אנא. זי איז געווען א פולבלעכע מיט א ווייס פנים און פארחלומטע אויגן און זי האט געהאט א שם אלס איינע פון די שענסטע מיידלעך אין שטאט, אבער אייניקע מיידלעך האבן געזאגט, אז זי האט א נאריש אויסזען. יאנקל פלעג זייער שטארק ליב האבן צו קוקן אויף איר, כאטש זי האט געהייסן אנא נישט חנה און כאטש זי האט גערעדט רוסיש. ווען ער וואלט זיך נישט געשעמט, וואלט ער גערעדט צו איר. אבער זי וואלט אים סיי ווי נישט געענטפערט. זי איז געווען א שטאלצע. ווען ער האט איינמאל שטארק געקוקט אויף איר, האט זי געפרעגט פארוואס ער קוקט ווי א נארעלע. זי האט געזאגט „דוראטשאק" און די „ר" האט זי געזאגט ווי א „ג" און דאס איז אים זייער געפעלן. און ווען אנא איז פלוצים אוועקגעפארן און ער איז דורכגעגאנגען איר שטוב און זי נישט געזען, איז ער טרויעריק געווארן און זיך שיעור נישט צעוויינט. אזוי האט ער זיך אמאל געפילט, ווען ער איז אין אן אלול טאג אויפגעשטאנען און נישט געפונען אנטקעגן אויף דעם דאך די באטשאנעס. און אפשר האט ער זיך נאך טרויעריקער געפילט. ער פלעג דערנאך א סך מאל זאגן פאר זיך אליין דעם נאמען „אנא קיצים" און ער איז געווען טרויעריק און עס איז אים געווען גוט דערפון...

אלע יידן, וואס ער האט געזען אין גאס, האט ער געגריסט און זיי אנגערופן ביי די נעמען. אין דער פרי האט ער געזאגט „א גוט מארגן" און בייטאג „א גוט (גאט) העלף". די מערסטע יידן האבן נישט אומגעקוקט זיך אפילו, אנדערע האבן זיך אפגעשטעלט און אים אויסגעפרעגט וואוהין ער גייט און וואס ער לערנט. אייניקע האבן אים געוואלט געבן קאפיקעס, אבער

מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט נעמען, סיידן ביי אַן אייגענעם. און אייגענע האָט די מאַמע געהאַט אַ סך, זי האָט געהאַט שוועסטערקינדער און גליד שוועסטער קינדער און גליד גליד שוועסטער קינדער און אַזעלכע פריינטלעך, וואָס זי האָט שוין נישט געקענט אויסרעכענען זייער יחוס. האָט ער שטענדיק געהאַט געלט און געקויפט פאַר דעם כאַלוואַ און געגעבן די ייִנג־לעך, אַז זיי זאָלן זיך חברן מיט אים. לעבן חיים יאַנקל קיציסעס שטוב איז ער אויך דורכגעגאַנגען אַלע טאָג און ער האָט דעם גרעסטן גביר געגריסט, אָבער יענער איז שטענדיק געווען פאַרטראַכט און ער האָט אים אַפילו נישט געזען. חיים יאַנקל איז נישט אײַנגעשטאַנען אויף קיין פּלאַץ און אַפילו ווען ער איז געשטאַנען, האָט זיך געדאַכט, אַז ער לויפט. דאָס האַלב לאַנגע רעקל איז ביי אים געווען שטענדיק צעשפּיליעט און פון וועסטל האָט זיך אַרויס־געזען אַ לאַנגע גאָלדענע קייט. יאַנקל האָט אים שוין אויפגעהערט גריסן, אָבער איינמאָל, ווען ער איז דורכגעגאַנגען לעבן אים פאַרטראַכט, האָט אים חיים יאַנקל פּלוצים אָפּגעשטעלט און געפרעגט, צי ער איז יאַנקל אברהם שוחטס און וואָס ער טוט דאָ און ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ער גייט צו דניאל מלמד, האָט ער געפרעגט: „אַזוי קליין און שוין ביי דניאלן? מען האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דו האָסט אַ גוט קעפּל". און ער האָט ווייטער געקוקט ערגעץ ווייט און כאָטש ער איז געשטאַנען, האָט זיך געדאַכט, אַז ער לויפט. אין שטאָט האָט מען וועגן דעם דאָזיקן יידן תמיד גערעדט און מען האָט אים מקנא געווען מיט זיין גבירישאַפט און מיט זיין עולם הבא, וואָס ער וועט האָבן נאָך דערפאַר, וואָס דער רבי איז ביי אים איינגעשטאַנען. אָבער יאַנקלען איז ער נישט געפעלן געוואָרן.

אין חדר האָט מען געלערנט בבא בתרא און מען האָט געגעבן די גרע־סערע ייִנגלעך צו לייענען „סנהדרין". און דער רבי האָט באַלד אַריינגענומען יאַנקלען אין דער גרעסטער כתה. דער קאָפּ נעמט, האָט ער געזאָגט. אַזוי איז ער אַזאַ נעבעכל ווי זיין פעטער פראַים לעפקעס איז געווען קליינערהייט, אָבער יענער האָט געהאַט אַ קאָפּ כאָטש פאַלאָווע צו שטופּן און דער נעמט; אין קיליע וועט גיך אויספעלן תורה פאַר אים... יאַנקל האָט דערציילט דער מאַ־מען, וואָס דניאל זאָגט וועגן איר ברודער, האָט זי געזאָגט, אַז ס'איז נישט אמת. די ייִנגלעך האָבן געהערט, וואָס דער רבי זאָגט וועגן אים און זיי האָבן מקנא געווען און פיינט געהאַט און אין הויף האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי וואָל־טן געקענט בעסער לערנען פון אים, ווען זיי וואָלטן געוואָלט, אָבער זיי ווילן נישט, זיי וועלן סיי ווי זיין נישט קיין רבנים און נישט קיין שוחטים און נישט קיין מלמדים, זיי וועלן בעסער זיין סוחרים. וואו זיי האָבן געקענט, האָבן זיי יאַנקלען אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און האָבן חוזק געמאַכט פון אים. זיי האָבן אים נישט אויפגעהערט צו רופן „דיטן" און זיי האָבן געזאָגט, אַז צו דעם קינד, וואָס ער וויגט אין הויף, זאָגט ער אויך „דיטן, דיטן". אין הויף

האָט געוואוינט א יונגערמאַן, וואָס האָט געהייסן בערל ברענער און מען האָט געזאָגט, אַז ער שניידט זיך אויף א גביר. ער האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט און ער האָט געהאַט א קינד פון עטלעכע חדשים, וואָס דאָס ווייב האָט אַרומגעפירט איבערן הויף אין א וועגעלע. זיין ווייב האָט געהייסן ליובאַ און זי איז געגאַנגען מיט דעם הוילן קאָפּ, די רביצן מיט די קרומע הענט האָט געזאָגט, אַז זי איז א גויה. יאַנקלען איז אויך נישט געפעלן, וואָס זי גייט אין די הוילע האָר, אָבער זי אַליין איז אים געפעלן, זי האָט געהאַט א ווייס פּנים און באַקן מיט חן גריבלעך און אַז זי האָט געלאַכט, איז געווען אַזוי שיין צו קוקן אויף איר. און אויגן האָט זי אויך געהאַט אַזעלכע שוואַרצע און ברעגענדיקע, אַז ס'איז שיין געווען צו קוקן אויף זיי. זי איז געגאַנגען א קאַפּטל מיט קורצע אַרבל און דעם רבינס טאָכטער איידל האָט געזאָגט, אַז זי גייט ווי אַן אויסגעלאַסענע און פאַר אַזעלכע ווי זי שטראָפט גאָט יידן. יאַנקלען זיינען אירע ווייסע הענט געפעלן. זי פלעג אַלע מאָל בעטן אַז אַנדער ייִנגל, אַז ער זאָל איר אַביסל וויגן, אָדער פירן דאָס קינד, ווייל זי האָט געהאַט אַרבעט. אָדער זי האָט געוואָלט ערגעץ צוגיין און די ייִנגלעך האָבן נישט געוואָלט. יאַנקל איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט איר געפאָלגט, האָבן די ייִנגלעך געזאָגט, אַז ער מאַכט צו איר קינד „דיטן, דיטן". ליובאַ האָט געזאָגט, אַז אַלע ייִנגלעך זיינען שלעכטע און נאָר יאַנקל איז א גוטער און אַז ער וועט זיין א רב, וועט זי קומען צו אים פרעגן א שאלה, ווייל אַלי חיים געפעלט איר נישט. און יאַנקל האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן ליובאַן, פּונקט ווי ער האָט אַמאָל געטראַכט פון גאָלדע משה וועלוולס, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין איזמאַיל פאַר אַן אַלמן און ווי ער האָט שפּעטער געטראַכט וועגן אַנאַ קיצים, וואָס איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'איז אַן עבירה, וואָס ער טראַכט וועגן ליובאַן און אירע חן גריבלעך און ער האָט געקושט דאָס ספר, וואָס איז געליגן לעבן אים, וויפל מאָל ער האָט געטראַכט וועגן איר. פאַר שבועות האָט דער רבי געלערנט „רות" מיט די ייִנגלעך און די מעשה איז זיי אַלע געפעלן געוואָרן, עס האָט זיי זיך געדאַכט, אַז בית לחם איז ערגעץ לעבן קיליע און ווען מען האָט דערציילט וועגן די געבראָטענע זאַנגען, וואָס מען האָט דאָרט געגעסן, האָט זיך יאַנקלען געדאַכט, אַז ער פילט דעם ריח, כאָטש ער האָט קיינמאָל קיין געבראָטענע זאַנגען נישט געגעסן, ער האָט נאָר געגעסן געבראָטענע פּאַפּעשויעס (מאַים). אים האָט זיך די גאַנצע צייט געדאַכט, אַז רות איז נישט קיין אַנדערע ווי ליובאַ... רות איז דאָך אויך א גויה, וואָס ווערט א ייִדישקע און ליובאַ פירט זיך איצטער אויך ווי א גויה, אָבער שפּעטער וועט זי ווערן א כשרע ייִדישקע. ווען ער וועט גרויס ווערן, וועט ער לערנען מיט איר ייִדישקייט. אַזוי ווי מען האָט געלערנט מיטן רותן. זי וועט זיך אַפילו בייטן דעם נאָמען פון ליובאַ אויף ל י ב ע, כאָטש ליובאַ קלינגט אַזוי שיין...

די זומער טעג זיינען געווען גרויסע. דער טאַטע פלעג אהיימקומען פון „בוינע”, איז נאָך געווען גרויסער טאָג און נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך ארומגעוואַשן, איז ער געגאַנגען אין שול אריין דאַוונען מינחה ומעריב. יאַנקל פלעג מיט אים מיטגיין. א סך מאָל איז נאָך געווען פרי צו דאַוונען און דער טאַטע האָט דערווייל אריינגעקוקט אין א ספר אריין. ער האָט געזאָגט, אז הערשל שוחט איז בעסער, ער האָט אין בית מדרש מיט ווער צו ריידן א וואָרט. דאָ זיינען פראָסטע יידן, זייער וואוילע, יגיע כפּימניקעס, גאָט אליין האָט ליב אזעלכע יידן, אָבער קיין תורה קענען זיי נישט. דאָך איז ער געשטאַנען דער טאַטע און האָט גערעדט מיט זיי. יעדער האָט זיך געהאַט זיינע צרות צו דערציילן. עס האָט געפעלט פרנסה און אין קינדער איז אויך נישט געווען קיין נחת. און אלעמאָל האָט זיך אונטערגערוקט א „פּריזיוו” ביי אַן אנדער זון. די גבירישע קינדער באַהאַלטן זיך און די קבצנים גייען פאַר זיי. געווען פיר יידן, וואָס האָבן געמאַכט מער רעש פון אלע. צוויי צו צוויי ברידער זייענען זיי געווען. שכנא און וועלוול זיינען געווען צוויי ברידער און יאָקל און פייסיע זיינען געווען צוויי ברידער. אלע זיינען זיי געווען שוסטערס און אלע האָט מען גערופן לויט זייער מלאכה. יאָקל און פייסיע האָבן שוין לאַנג נישט געאַרבעט קיין שוסטער פאַך, זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרקויפן אלטע שיך און אלטע קאַלאָשן. אין קיליע איז אַכט חדשים אין יאָר געווען א בלאָטע און פיר חדשים איז געווען א פראָרעך און ווען עס איז געווען בלאָטיק, האָט מען געדאַרפט קאַלאָשן און ביי פייסיען און יאָקלען האָט מען געהאַנדלט מציאות. יאָקל איז געווען א רויטלעכער, מיט אַן אָפּן פּנים, ער איז געווען א גוטמוטיקער און פראָסטער חי וקים, אז ער האָט געדאַוונט, האָט ער געשריגן אויף א קול. ער האָט ליב געהאַט זיך צוצוכאַפּן צום עמוד אין א וואָכעדיקן טאָג אין דער פרי, אָדער פאַרנאַכט. פייסיע איז געווען טונקלער און ער האָט זיך געהאַלטן איידלער פון זיין ברודער. כאָטש ער האָט נישט געקענט מער פון אים. ער האָט געטראָגן נישט א לאַנג רעקל ווי זיין ברודער, נאָר א קאַפּאָטע און ער האָט אפילו אין דער וואָכן געדאַוונט מיט א גאַרטל, אנדערע יידן פון שולעכל האָבן נאָר שבת געדאַוונט אין א גאַרטל און ערשט נישט אלע. פייסיע האָט געהאַט א בעסער קול ווי זיין ברודער און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר א גאַנצן בעל תפילה. א שטיק צייט איז ער געווען „מתחיל” אין דער גרויסער שול און ער האָט אין די וואָכעדיקע טעג געדאַוונט פאַרן עמוד, האָט ער נישט געדאַוונט ביי די „נושאים”, אָבער ווייל ער איז ארומגעפאָרן אויף די יאַרידים און ער פלעג א סך מאָל אויספעלן, האָט מען אים פון דער גרויסער שול אָפּגעזאָגט און ער איז צוריקגעקומען דאַוונען צו זיינע בעל מלאכות און דאָ פלעג ער זיך צוכאַפּן צום עמוד אין די וואָכן טעג און אמאָל אויך אין א שבת. די מאַמע האָט געהאַט תרעומות צום טאַטן פאַרוואָס ער לאָזט. ימים נוראים איז געווען „מתחיל” ביי די „נושאים” דער פעטער

פראַים, ער האָט דערפאַר געקראָגן אַ פּאָר קערבלעך; האָט פּייסיע אָנגעהויבן קוואַקען אויף דעם דאָזיקן „פּאָסטן". ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט קיין געלט, ער וויל מאַכן עקאָנאָמיע דער שול, וואָס איז אָרעם און זי פּאַלט איין. דער פעטער פראַים איז געקומען צו יאַנקלס טאַטע אַהיים און ער האָט גע־ווײנט און אברהם האָט געזאָגט, אַז אויב מען וועט אָפּזאָגן פראַימען, וועט ער אויך אַוועקגיין. עס איז געוואָרן אַ רעש. פּייסיע האָט געהאַט אַ גרויסן צד, הער דין האָט זיך אַריינגעמישט און ער האָט געפּסקנט, אַז מען זאָל דעם פּע־טער באַצאָלן חזקה געלט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דער דיין וויל נישט אַרויסטראָגן קיין פּסק דין און ער מאַכט אַ פּשרה, ווייל ער האָט מורא... דער פעטער איז ברוגז געוואָרן און ער איז אַוועק אויף שטענדיק דאַוונען אין בית מדרש. אברהם האָט יעדן יום טוב געמוזט מאַכן אַ שמחה ביי זיך אין שטוב פאַר די באַלעבאַטים. שביעי של פּסח, שמיני עצרת און דעם צווייטן טאָג שבועות האָט מען געמוזט הוליען ביים שוחט. ווייַן האָבן די באַלעבאַטים געבראַכט און צובייסעכץ האָט צוגעגרייט די שוחטקע. אירע העלדזלעך, לאַטקעס און „מאַהינע" האָט געהאַט אַ שם. פּייסיע איז זייט דעמלט נישט געקומען אין שטוב אַריין, ווייל די מאַמע האָט אים נישט געוואָלט, ער איז איר ברודערס משיג גבול. דעם ערשטן ימים נוראים, וואָס דער פעטער פראַים האָט נישט געדאַוונט אין שולעכל, האָט פּאַסירט אַ מעשה. דער טאַטע איז אויך געווען בעל תוקע און דער פעטער פראַים איז געווען „מקרה" — ער האָט פאַרגעזאָגט „תקיעה, שברים" א. וו. און דער טאַטע האָט געבלאָזן. די אַלע ווערטער זיינען געווען געשריבן מיט ראשי תיבות און ווי דער פעטער פראַים איז נישט געווען קיין למדן, האָט ער זיי געקענט לייענען, פּייסיע האָט נישט געקענט און ער איז געבליבן שטיין... מען האָט שיעור נישט געדאַרפט גיין עמיצן זוכן אין בית מדרש... וועלוול שוסטער האָט געראַטעוועט. ער איז געווען דער איינציקער וואוילקענער צווישן די בעל מלאכות. ער האָט געלערנט ביים זיידן לייב און ער האָט זיך דערמיט באַרימט. ער איז צוגע־לאָפן און ער האָט מקרה געווען... וועלוול איז געווען דער ייִנגערער ברודער און שכנא איז געווען דער עלטערער. שכנא האָט געהאַט אַ קיילעכדיקע ווייסע באָרד אַ קאַלטענאַוועטע און פּאַרוואַקסענע ברעמען, קיין אויגן האָט מען אים נישט אַרויסגעזען. ער האָט געהאַט שווערע באַוועגונגען, אַזוי ווי אַ בער און ער איז שטענדיק געווען ברוגז, ער האָט קיינמאָל קיין שמייכל נישט גע־טאָן. ער איז געווען ברוגז, וואָס ייִדן זיינען נישט גענוג פרום און ער האָט געזאָגט, אַז אויב זיינען זין וועלן זיך שערן די בערד, וועט ער זיי לעכערן מיט דער אָל. ער פלעג אַריינגיין אין שול אַריין, אַז דער פּאָל האָט געציי־טערט און ער האָט זיך באַלד געשטעלט זאָגן און דאַוונען. ער האָט פיינט געהאַט די איידעלע לייט פון בית מדרש און ער האָט געזאָגט, אַז די אמתע ייִדן זיינען די שניידערס און די שוסטערס און די אַנדערע בעל מלאכות, וואָס

לעבן פון זייער שוויגער. און אום יום טוב, ווען ער האט געזונגען אמאל א ניגון, האט ער אויך אויסגעזען ווי א בער. פון דעסט וועגן זיינען זיינע זין אונטערגעוואקסן און אלע זיינען געגאנגען אונטערגעשוירן די בערד און ער האט זיי מיט קיין אל נישט געשטאכן. ער איז צופרידן געווען, וואס דריי זיינען געבליבן בעל מלאכות. דער עלטסטער איז געווארן א סטאליער און אנ־דערע צוויי זיינען געבליבן שוסטערס מיט אים אין איינעם. אבער די יינגסטע צוויי זיינען שוין געווארן „פריקאזטשיקעס" אין שניטקראמען און דערנאך אליין קרעמער און אויך זיי האט ער גארנישט געקענט טאן. ער האט זיך פארענטפערט, אז אויב גאט קען נישט מאכן, אז אלע זיינע יידן זאלן זיין וואויל און גוט, קען ער אוודאי נישט, ער איז דאך נישט מער ווי א בשר ודם... וועלוול שוסטער איז געווען דער היפוך פון זיין ברודער, ער האט גע־האט א טונקל גרוי בערדל, אבער ער איז נישט געווען שטארק באוואקסן און ער איז געווען דירעוודיק און גערעדט גרינג און ער האט געזאגט, אז ער איז נישט גאטס סטראפטשע, ער דאוונט און „אן אנדערער קען זיך טאן אזוי ווי ער וויל". מען האט אונטערגעמורמלט, אז ער איז א שטיקל אפיקורס. א שוסטער איז ער געווען א זייער גוטער און עס האבן ביי אים געמאכט שיך די בעסטע באלעבאטים, אבער ער האט זיין מלאכה נישט ליב געהאט און ער האט געבעטן גאט, אז ער זאל אים באפרייען פון איר, ווייל לערנען קען ער בעסער פון די „טשערקעסן" אין בית מדרש... ער האט אין שול מער גע־רעדט ווי געדאוונט און מען האט אויף אים דערפאר שטענדיק געשריגן. דער גבאי פלעג געבן א קלאפ אין טיש אריין, אז ווער עס וויל נישט דאוונען, זאל ארויס אין פאליש. און ווייל ער האט אזויפיל גערעדט בעת דעם דאוונען, האט מען אים קיינמאל נישט געמאכט פאר גבאי. די דאזיקע פיר שוסטערס זיינען געווען די „טשעטוויארקע", פאר וועלכע דער טאטע האט מורא גע־האט... גבאי ראשון איז כמעט שטענדיק געווען אורי גאלדנבערג, אבער ער פלעג א גאנץ יאר נישט קומען און דער אמתער גבאי איז געווען דער גבאי שני. ווען אורי גאלדנבערג האט אמאל נישט געוואלט זיין גבאי, איז ער גע־ווען „רואה חשבון" און גבאי ראשון איז געווען אהרן לערער. ער איז געווען א שיינער ייד מיט א ווייסער בארד, וואס איז געווען גלייך ארומגעשניטן. ער איז געגאנגען אנגעטאן מיט א „סערדעט" (א מין פרינץ אלבערט) און ער איז געווען דער איינציקער אין שטאט, וואס האט גערעדט דייטשמעריש. ער האט געלערנט יינגלעך און מיידלעך לייענען און שרייבן רוסיש און יידיש. ער האט אייגנטלעך געדארפט איסלערנען אנשרייבן א יידיש בריוול און א רוסישן אדרעס, אבער יידיש האט ער געלערנט דייטשמעריש און לאטיינישע בוכשטאבן האט ער אויך געלערנט, בכדי צו קענען אנשרייבן אן אדרעס קיין „זאגראניצע". ער איז געווען פון די הויפט־באלעבאטים אין שול און אלע האבן אים געקוקט אין מויל אריין. פון גרויסן יחוס, האט מען געזאגט, האט

ער נישט געשטאַמט. זיין טאַטן האָט מען גערופן שואָלקע גנב און ער איז טאַקע געזעסן אין טיורמע. אהרן לערער האָט נישט ליב געהאַט צו ריידן פון זיין טאַטן און ער האָט נישט ליב געהאַט מען זאָל אים רופן אהרן שואָלס, אָבער אַז ער פלעג ווערן שיכורלעך — און דאָס האָט אָפט פּאַסירט מיט אים — האָט ער געזאָגט, אַז ר׳ רפאל דראַגוליער, נחמן רפאלס טאַטע, ביי וועמען זיין טאַטע האָט געדינט, וואָס איז געווען אַ גרויסער פּאָסעסאָר און אַ שיינער ייד, איז געווען אַ גרעסערער גנב פון זיין טאַטן און ער איז געווען שולדיק, וואָס זיין טאַטע איז געזעסן אין טיורמע, אָבער גאָט האָט אים דערפאַר געשטראָפט און אַ זון האָט זיך ביי אים געשמדט... אהרן לערער האָט געפירט אין שול די „גרענדע״ אין איינעם מיט חיים מאָטיע סטאָליער, וואָס געווען אַ שוואָגער פון פעטער פראַים. חיים מאָטי אין געווען אַ סטאָליער און אַ זייער קלוגער ייד, איינער פון די קליגסטע יידן אין שטאָט, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן די בית המדרשניקעס „טשערקעסן״. ער פלעג נעמען אַ כוסה אין איינעם מיט אהרן לערער און זיי האָבן שוין אין איינעם באַזאָרגט די שול מיט גבאים, כאָטש מען האָט די בוררים אויסגעקליבן דורך אַ „כלפי״. די „בוררים״ האָבן שוין סיי ווי געקוקט די צוויי אין מויל אַריין. אַ שטיק צייט איז אהרן לערער געווען ברוגז מיט חיים מאָטיען, האָט ער אים גערופן „גאַמאָטיע״ און ער האָט אים נישט געלאָזט ווערן גבאי. איבערגעבעטן האָט מען זיי ביי אברהם שוחט אין שטוב, ווען די מאַמע האָט געפּרעגלט לעבער און זיי האָבן געטרונקען וויין. מען האָט געזאָגט, אַז אַזוי גוט ווי די מאַמע פּרעגלט די לעבער, פּרעגלט קיינער נישט...

אין דעם בעל מלאכהישן שולעכל זיינען פון דעסט וועגן אויך נישט געווען אַלע גלייך. אייניקע האָבן געהאַט „שטעט״ אין מיזרח, אַנדערע אין „שפּיגל״ (אַנטקעגן מיזרח), אַנדערע האָבן געהאַט „שטעט״ נאָך ווייטער און אייניקע זיינען אין גאַנצן געזעסן, אָדער געשטאַנען ביי דער טיר. נישט אַלע האָבן געהאַט די גלייכע דעה, ווער עס האָט זיך געשטופּט צום עמוד, ווער צו גבאות און ווער צוביידע נישט און אַז ער איז אַמאָל אויסגעקליבן געוואָרן אַלס בורר, איז ער געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. דער אונטערשייד צווישן די באַלעבאַטים איז געווען צוליב געלט, אייניקע זיינען געווען אָרעם, אַנדערע נאָך מער אָרעם. עס זיינען אָבער געווען גאָר גרויסע קבצנים, וואָס האָבן געהאַט אַ דעה, ווייל זיי זיינען געווען חוצפהניקעס, אָדער ווי מען האָט ער גערופן שקצים. געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט זייער גרויסקייט איינמאָל אין יאָר. איין ייד, וואָס האָט געהייסן קיווע ספּיוואַק, פלעג מען שטעלן שמחת תורה אויפרופן צו די הקפות, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטאַרק קול. ער פלעג געבן אַזאַ געשריי „אלוף התורני ר׳... תן כבוד לתורה״, אַז די שול האָט געציטערט. אַ רעש איז געווען אַ גרויסער און איבערשרייען דעם גאַנצן עולם האָט געקענט נאָר קיווע און מען האָט אים דערפאַר געגעבן צו

טרינקען וויפל ער האָט געוואָלט. געווען אַ סך יידן, וואָס זיינען געווען קצבים און ליוועראַנטן (הענדלער פון פערד) און אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן „קופּן" גרויסע, איינגעמויערטע, מעשענע פּעסלעך, פון וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט וואַסער פאַר טיי. געווען בעלאַגאָלעס און שמייסער־יונגען. די מאַמעס זייערע זיינען געווען אלמנות. זיי פלעגן קומען מיט שטיוול, וואָס האָבן געשמעקט מיט דיאָטי (דזשעגעכץ) און זיי האָבן זייער ביסל כבוד געזוכט איינמאָל אין יאָר — שמחת תורה. דעמלט האָבן זיי געוואָלט אַ הקפה און אַן אויפרוף צו דער תורה. און אַז מען האָט זיי דעמלט נוהג כבוד געווען, זיינען געפלויגן פּעטש ווי האָלץ. אַ גאַנץ יאָר זיינען זיי געווען שטילער פון וואַסער. זיי האָבן אַפילו נישט געשריגן קעגן די „טשערקעסן", פאַר זיי זיינען די פּריצים גע־ווען נישט אורי גאָלדבערג, נאָר די יאָקל, פּייסיע, שכנא און וועלוול שוס־טערס און אהרן לערער און חיים מאָטיע. געווען אַ הויכער, פעטער ייד מיט אַ רויטער באָרד, וואָס מען האָט אים גערופן אי איציק סטאָליער, אי איציק פּעסיעס, ווייל זיין ווייב האָט געהייסן פּעסיע. ער איז געווען אַ שווייגנדיקער און ער האָט שטענדיק עפּעס ווי געקוקט מיט זיין גרויסער באָרד אויף זיין גרויסן בויך. איז ער אַ סך מאָל געווען דער גבאי פון די גאָר אָרעמע. אים האָט מען געמאַכט פאַר גבאי שלישי. ביי יעדער „כלפּי" האָט מען געגעסן האַרטע אייער און געטרונקען וויין, האָט ער אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל קיי־נעם נישט פאַרטיילן, אַפילו אַלטער שמש און אַפילו אריה פאַרעך. מיט די גרויסע אָרעמקייט איז געגאַנגען נאָך אַ סטאָליער, וואָס האָט געהייסן אי־ציק. יענער איז געווען אַ קליין דאַר יידל און מען האָט אים גערופן איציק העניע רחלס; ער האָט געהאַט אַ גאַנצע כאַפּטע זין, איז איינער געווען אַ שניידער און ער האָט שוין געוואוינט אין איזמאַיל; דער עלטסטער זון איז געווען אַ גלעזער און עטלעכע זיינען געוואָרן סטאָליערס. אַלע זין זיינען גע־ווען גרעסער פון אים. ער האָט דווקא געהאַט אַ „שטאָט" אין „שפּיגל", אָבער געהאַלטן האָט ער שטילערהייט מיט די אָרעמעלייט און צו קהלעכץ האָט ער זיך וויניק געמישט. ער איז געקומען, האָט אָפּגעדאַוונט און איז אַוועק. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף מער נישט ווי אַרבעטן און עסן. אַז ער האָט אַ „פּיתה" אויף צו צעברעכן אויף דער קני, איז אים שוין גוט. געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז עך איז אַן אכלער און אַזוי ווי דאַר ער איז, עסט ער מער ווי אַ גראָבער. ער האָט אַ סך מאָל דערציילט ווי אַזוי ער איז געפאָרן פון אַ דאָרף קיין קיליע און ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און ער איז אַרומגעפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און ער האָט געמיינט, אַז ער וועט שטאַרבן פון הונגער און גאַנץ פרי האָט ער געפונען אויף דעם וועג אַ ווייס פריש ברויט. זיין שטענדיקע מעשה איז געווען וועגן וויים ברויט, אָבער ער האָט זיך נישט גע־וואָרפן אויך מיט שוואַרצס. צו יאַנקלען האָבן זיי אַלץ מער און מער גערעדט מיט דרך ארץ און די גאָר פּראָסטע האָבן אים שוין דעמלט, ווען ער איז אַלט גע־

ווען קאַרגע ניין יאָר, געזאָגט „איר". דער ערשטער האָט אים געזאָגט „איר" דער וואָסערפירער טימעלע און דער צווייטער — אַלטער שמש.

גדאַוונט האָט דעמלט אין חברה נושאים שולכל אַז עלטערער ביי־זער ייד אַן אָרעמאַן, וואָס פלעג זיך זוכן צו קריגן מיט אַלע און געזאָגט האָט מען, אַז ער איז אַ כאַצדראַגע (נחות דרגא), ער קומט אַרויס פון גאָר פּראָסטע און געמיינע מענטשן. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס האָט שוין געקענט זיין אַ לערערן פון רוסיש און יאַנקלס שוועסטער מרים האָט געלערנט ביי איר און איז געווען אַ חברטע מיט איר, כאָטש זי איז געווען אַ סך יינגער פון איר. צוליב דער טאָכטער האָט מען אָנגעהויבן ביי דעם יידן פירן אַ גוי־אישע שטוב און פּריוויטיק פּאַרנאַכט פלעג מען פון אים קומען קוילען אַן עוף. די מאַמע האָט זיך נישט געשעמט און זי האָט געפרעגט ווען מען וועט קאָכן. איינמאָל איז מען געקומען פון אַט דעם יידן קוילען אַ הון, ווען דער טאַטע איז שוין געווען אין שול, איז ער געקומען אין שול אַריין און באַפאַלן דעם טאַטן פאַרוואָס ער איז אַזוי פרי אַוועק פון שטוב. ער האָט געזאָגט אַז די נגידים קענען קוילען אין דער פרי אויף זייערע עופות, די קבצנים קענען נישט קויפן ביז פאַרנאַכט. ביי אים אין שטוב איז אַ קינד קראַנק און ער האָט גערעדט און גערעדט און געזידלט דעם טאַטן און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נאָר פאַר די גבירים... אַ פאָר יידן האָבן זיך פאַר דעם טאַטן אָנגענומען און ס'איז געוואָרן אַ מחלוקת. דער טאַטע איז אַהיימגעקומען און האָט עס דערציילט דער מאַמען און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל מרים חברט זיך מיט זיין טאָכטער, ווען נישט דאָס וואָלט אַזאַ קבצניוק נישט געוואַגט אַזוי צו ריידן צו דעם שוחט. די מאַמע האָט זיך געוואָרפן מיט די קולעקעס צו מרימען און דער פּריוויטיק צו נאַכטס איז שוין געווען אַ פאַר־שטערטער. יאַנקל האָט געוויינט, אָבער ביי זיך האָט ער געקלערט, אַז אויב עס איז עמיצער טאַקע קראַנק ביי אים, האָט ער געהערט פון דעם רבין דניאל, אַז צוליב פּיקוח נפש מעג מען מחלל שבת זיין... גלאַט האָט אים די זאַך נישט אויסגעזען. ער האָט געפילט, אַז צו אַ גביר וואָלט דער טאַטע געווען אַנדערש...

און דער זומער האָט זיך גערוקט. ווידער האָט מען זיך געבאָדן אין אָפּע־נעם טייך און אין די „קופּאַלניעס". דער טאַטע האָט יאַנקלען געלערנט שווימען און ער האָט געזען ווי אַנדערע יינגלעך שווימען אַריבער דעם טייך. אַ יינגל איז אין יענעם יאָר דערטרונקען געוואָרן און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַלע יאָר מוז דער טייך צונעמען אַ מענטשן און זי האָט געוויינט און געבעטן, אַז ווען יאַנקל גייט זיך באָדן מיט די יינגלעך, זאָל ער נישט אַוועקגיין צו ווייט. בעסער האָט מען אים שוין גענומען באָדן אין די „קופּאַלניעס", כאָטש ס'האָט געקאָסט געלט. זיין שוועסטער מאַמציע איז געגאַנגען און האָט מיטגענומען אים און מרימען און זי האָט זיך אויסגעדונגען צו צאָלן פאַרביידע ווי פאַר איינעם, ווייל זיי זיינען נאָך קליינע. און יאַנקל האָט זיך געבאָדן מיט די

יינגלעך און ער האָט געזען ווי זיי קוקן אַריין צו די מיידלעך. ער האָט גע־קענט די יינגלעך און ער האָט געוואוסט ווער זייערע טאַטעס זיינען און ער האָט נישט געוואוסט, צי זאָל ער זיי אויסזאָגן, אָדער נישט. ער האָט שוין אַ סך מאָל נישט אויסגעזאָגט און ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים שוין סיי ווי בראָטן אין גהינום. צוליב דעם אַליין האָט ער נישט געוואָלט גיין זיך באָדן אין די „קופּאַלניעס", כאָטש דאָרט איז געווען אַזוי גוט.

פרייטיק בייטאָג איז מען נישט געגאַנגען אין חדר אַריין, פלעגן זיך יינגלעך פון אַלע חדרים צונויפקומען אין אַ גרויסן ליידיקן הויף און זיי האָבן דאָרט געשפּילט אין „מיאַטש" (באַל) מען האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי לאַגערס און ווען איין טייל האָט געוואָרפן דעם באַל, האָט דער צווייטער טייל געדאַרפט לויפן און אויב מען האָט נישט געטראָפן, האָט מען זיך געביטן און אויב מען האָט יאָ איינעם געטראָפן, האָבן די זעלביקע געדאַרפט לויפן נאָך אַמאָל. דעם שפּיל האָט מען גערופן „אַדאַטא מאַטקא", כאָטש קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס סע מיינט. ווען מען האָט אַ געשריי געטאָן „אַדאַטא מאַטקא" האָט מען געדאַרפט לויפן. יאַנקלען האָט מען נישט גע־וואָלט אַריינגעמען אין שפּיל אַריין, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז ער קען נישט לויפן. ער האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי איינעם פון די גרעסטע בחו־רים, וואָס איז געווען פון די עלטסטע און זיין טאַטע האָט געדאַוונט ביי זיי אין שול. און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז יאַנקל איז גאָר גוט געלאָפן, אים האָט מען כמעט קיינמאָל נישט געטראָפן מיט דעם באַל. דער עלטסטער האָט געשריגן מיט באַגייסטערונג: „זע נאָר ווי עס לויפט, דאָס שוחטל". און אַפילו דאָ האָט ער אויך געקראָגן שונאים, ווייל ער האָט צו גוט געקענט. דערפאַר האָט ער אין אַנדערע שפּילן שוין נישט געטויגט און מ'האָט געלאַכט פון אים.

עס זיינען אונטערגעקומען די „דריי וואָכן" און די „ניין טעג". מען האָט נישט געגעסן קיין פליישיקס, אָבער איינמאָל האָט דער טאַטע געמאַכט אַ סיום אויף גמרא און מען האָט געגעסן פליישיקס און יאַנקל האָט אויך גע־האַלטן אין פאַרענדיקן אַ גמרא און ער האָט געמאַכט אַ סיום. די מאַמע איז געווען די גליקלעכסטע און זי האָט איינגעלאַדן ביידע פעטערס מיט ביידע מומעס, אַז זיי זאָלן קומען שעפּן נחת פון איר זון.

דער רבי האָט געלערנט די מעשה פון „קמצא בר קמצא" פון דער גמרא אַרויס און פון עין יעקב האָט ער געלערנט אַ סך אגדתאָס וועגן דעם חורבן. קיין גענויע געשיכטע ווי אַזוי מען האָט די יידן פאַרטריבן פון ארץ ישראל און חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש האָט דער רבי טאַקע נישט געלערנט, אָבער עפּעס וועגן דעם, וואָס ס'איז דאָרט פאָרגעקומען, איז יאַנקלען דאָך קלאָר געוואָרן. און מער פון אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די יידן האָבן נישט געפאָלגט גאָט און ער האָט זיי געבראַכט שונאים אין לאַנד אַריין און ער האָט זיי פאַרטריבן. דער רבי האָט אויך געלערנט מיט די תלמידים „איכה"

און ער האָט געזונגען מיט אַ נוסח און מיט אַ געוויין און יאַנקל האָט פון דער דאָזיקער טרויעריקער מגילה אַרויסגענומען, אַז ירושלים איז געווען גאָר אַ גרויסע שטאָט און די רוימער האָבן זי חרוב געמאַכט ערגער ווי קעשענעוו. אין שול אַריין איז יאַנקל געגאַנגען אין איינעם מיטן טאַטן און ער איז צו קינות געזעסן אין די ווייסע זאָקן ווי אַ גרויסער און ווען ער איז אַהיימגעקו־מען האָט ער געטראָפן די מאַמע זיצן אין איינעם מיט נאָך אַ סך ווייבער אויף דער ערד ביי אַ קליין לעמפּל. די מאַמע האָט געלייענט פון צאינה וראינה און ווען זי האָט געהאַלטן ביי דער מעשה פון חנה מיט אירע זיבן זין, וואָס האָבן געלאָזן רייסן שטיקער פון זיך און זיי האָבן נישט געוואָלט זיך בוקן צו אַ פרעמדן גאָט, האָט געדונען בלוט פון אירע אויגן. זי האָט אַזוי געוויינט, אַז ס'האָט געקענט רירן אַ שטיין. אַ טייך איז געוואָרן פון די טרערן אויפן פּאָל. און ווען די מאַמע האָט געענדיקט, אַז אַ בת קול איז אַרויס און האָט געזאָגט, אַז חנה מיט אירע זין זיינען אין גן עדן, איז די ווייבער גרינגער גע־וואָרן, זייערע פאַרוויינטע פּנימער האָבן אָנגעהויבן שיינען. איין יידענע האָט געזאָגט, אַז ס'איז פּונקט אַזוי אין קעשענעוו און אַז די קדושים פון קעשענעוו וועלן אויך זיין אין גן עדן... יאַנקל האָט דעם גאַנצן תשעה באב נישט פאַר־שטאַנען. גאָט האָט פריער אויסגעקליבן די יידן, ווייל זיי זיינען געווען די בעסטע, דערנאָך האָט ער זיי באַשטראָפט, ווייל זיי זיינען געווען שלעכט און ער האָט זיי פאַרטריבן. זיינען זיי געוואָרן ערגערע פון די אַנדערע פעלקער? האָט גאָט נישט געקענט מאַכן, אַז זיי זאָלן זיין גוט און ער זאָל זיי נישט דאַרפן שטראָפן און טרייבן? אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער איז גאָט, מאַכט ער עם פּשוטער. ער שאַפט אָפּ דאָס גאַנצע שלעכטס און אַלע זינד און אַלע יידן און אַפילו אַלע גויים לעבן גוט און שוין.

די ימים נוראים זיינען געווען זייער וויינענדיקע. מען האָט נישט גע־קענט פאַרגעסן אין קעשענעווער פּאָגראָם. ווען מען האָט געזאָגט „יזכור", האָט מען דערמאָנט די קדושים פון קעשענעוו און מען האָט געהייסן די קינ־דער אויך אַריינגיין. דער סוכות איז נישט געווען קיין שטאַרק פרייליכער, אָבער אינטערעסאַנט איז ער געווען. דער טאַטע איז געשלאָפן אין סוכה און יאַנקל האָט געפּועלט, אַז מ'זאָל אויך זיין בעטל אַריינשטעלן אין סוכה אַריין. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער אין סוכה, האָבן זיך דורך דעם סכך אָנגעזען די שטערן און ס'איז געווען אי שיין, אי שרעקלעך. דער טאַטע האָט יאַנקלען דערציילט אַ מעשה וועגן אַ יידן, וואָס איז געזעסן אייביק אין סוכה... ס'איז געווען יום טוב ביינאַכט, די סוכה איז געווען אויסגעפּוצט מיט ווייסע ליי־לעכער און באַהאָנגען מיט אַלערליי פּירות און די ליכט האָבן געברענט אין די לייכטער, איז דער ייד גאָר נתפּעל געוואָרן און ער האָט גע־זאָגט: ווי שיין דאָ איז, רבונו של עולם, איך שווער, אַז איך וועל אַ גאַנץ יאָר נישט אַרויסגיין פון סוכה. און ס'איז געקומען, ווי אויף צו להכעיס, אַ שווע־

רערווינטער, גלייך סיביר וואָלט זיך אריבערגעצויגן קיין בעסאראביע. דער ייד האָט געליטן פון די גרויסע זאווערוכעס, אָבער ער האָט געהאַלטן די שבועה. געקלערט האָט ער, אַז מער אַזאַ שבועה וועט ער נישט געבן, אָבער אַז ס'איז געקומען דער צווייטער סוכות און ס'איז ווידער געווען שיין, האָט ער ווידער געטאָן אַ נדר... און דער צווייטער ווינטער איז געווען נאָך אַן ערגערער; מן השמים האָט מען מורא געהאַט, אַז דער ייד וועט חלילה וחס אומקומען, איז געקומען אַ דרום ווינט און דעם יידן פאַרטראָגן אין איינעם מיט דער סוכה אין די וואַרעמע לענדער... יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט הורך די שפּאַלטן פון סכך פליען דעם יידן. און דערווייל איז די מאַמע געקומען אים בעסער איינדעקן און גוט אַראָפּרוקן די יאַרמעלקע. אָבער די פרייד פון פאַראַיאָרן סוכות האָט אין גאַנצן געפעלט; מען איז זיך צונויפגעקומען שמחת בית השואבה און מען האָט געטרונקען ווייַן, אָבער מען האָט נישט געגאָסן קיין וואַסער איבערן סכך אַזוי ווי אַלע יאָר און מען האָט געזונגען מיט אַ האַלב מויל. אפילו שמחת תורה איז נישט געווען דאָס, וואָס אַלע יאָר. דער דיין האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל עס מאַכן שטילער. און פּונקט איידער מען האָט געדאַרפט גיין צו די גרויסע הקפות, האָט מען זיך צעשלאָגן. אורי גאָלדענבערג האָט מען אויפגעהויבן און געוואָלט שלאָגן און אַלע יידן האָבן געשריגן: לאָזט מיך! אפילו די פּלימעניקעס זיינע מיט די גראָבע און קורצע ליפּן האָבן נישט געקענט העלפן. יאַנקל האָט געזען טרערן ביי אורין אין די אויגן. ער האָט געוויינט און געבעטן, אַז מען זאָל אים אָפּלאָזן, אַז נישט וועט ער שוין מער נישט גיין אַהער אין שול אַריין. און מען האָט אים שפּעטער טאַקע אָפּגעלאָזט. געווען אַ שטילער ייד אין שולעכל, האָט מען אים גערופן משה דראַגוליער, ער איז געווען אַ גאָר קראַנקער און ער האָט כמעט קיינמאָל נישט גערעדט, ער האָט שטענדיק געהוסט. ער איז געווען דאַר און ווייך און ער האָט געהאַט איבערגעשראָקענע אויגן. יאַנקל האָט אַ סך מאָל געהערט זיין טאַטן זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן און ער שעמט זיך נאָך צו קומען צווישן מענטשן, ווייל זיין זון האָט אים פאַרשעמט און אַ געמאַכט אַ „רויטן פּאַנאָר", וואָס דאָס מיינט, האָט יאַנקל נישט געוואוסט. משה דראַגוליער האָט זיך טאַקע געשעמט צו קוקן יעדן איינעם אין די אויגן אַריין, אפילו יאַנקלען. די מאַמע האָט אויף אים רחמנות געהאַט און ווען ער איז געקומען אין שטוב אַריין, האָט זי אים געגעבן אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכל, זי ווייסט, האָט זי געזאָגט, אַז ער איז אַן ערלעכער ייד, כאָטש גאָט האָט אים געשטראָפט. אין יענעם שמחת תורה פאַרנאַכט האָט משה דראַגוליער באַקומען לשון און ער האָט געזאָגט צו עטלעכע יידן און צו יאַנקלען אויך, אַז זיי רייסן זיך אויס די אויגן, ווייל זיי זיינען אַלע שלעכט. זיי זיינען מקנא אורין, וואָס ער איז רייך, איבער אַ יאָר וועלן זיי שלאָגן אַן אַנדערן, אויך ווייל ער איז רייכער פון זיי. „אָרעם און רייך, האָט ער גע־

זאָגט, מוז זיך שלאָגן, אָבער מיסתמא ווייסט גאָט בעסער, וואָס ער טוט, א גליק, וואָס א גאַנץ יאָר איז נישט שמחת תורה און מען טרינקט נישט אַלע טאָג אַזוי, א נישט וואָלט מען זיך אין גאַנצן אויפגעגעסן ווי די וועלף". אַזוי האָט ער געזאָגט און יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז גאָט האָט נישט געטאָן גוט נישט נאָר, וואָס ער האָט באַשאַפן גוטס און שלעכטס און ייד און גוי, נאָר ער האָט אויך געטאָן שלעכט, וואָס ער האָט באַשאַפן אָרעם און רייך. פאַרוואָס זשע האָט ער עס געטאָן? גאָט קען אויך נישט מאַכן נאָר גוט?

פון בית מדרש איז מען געקומען צולויפן קוקן ווי די חברה פלעגט האָבן זיך צעשלאָגן, עמיצער האָט שוין דערציילט דאָרט. מען האָט געזאָגט, אַז מען וועט ברענגען פּאָליציי. חיים מאָטיע איז אויסגעוואַקסן און געשיקט זאָגן, אַז די טשערקעסן זאָל נישט זייער קאָפּ דאַרן. און ער האָט צוגעגעבן, אַז די חברה נושאים וועט אין גיכן האָבן א נייע שול און א שענערע ווי זיי. אורי גאָלדענבערג אַליין האָט צוגעזאָגט פינף הונדערט קערבלעך. דעם שמחת תורה האָט מען שוין צוליב דעם פאַרענדיקט פריילעכער...

☆

קאפיטל ניין

די עלטערע שוועסטער האָט חתונה און יאַנקל ווערט אויס בן יחיד

דאָס חדר האָט נאָך יום טוב געקראָגן אַ נייעם רייץ צוליב דעם, וואָס מען איז געגאַנגען ביינאַכט. ביי דניאלן איז געווען דאָס איינציקע חדר, אין וועלכן מען איז געגאַנגען ביינאַכט און דאָס דאָזיקע האָט געמיינט צו זאָגן, אַז צו דעם נייעם מלמד גייען נאָר גרויסע. איינער פון דניאלס תלמידים האָט געקענט זאָגן צו אַ תלמיד פון אַן אַנדער חדר: „איר זיינט דאָך נאָך קליינע סמאַרקלעך!" די מאַמע האָט דווקא נישט געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל גיין ביינאַכט, ווייל ער איז געווען קלענער פון אַלע און ער האָט געדאַרפט גיין ווייטער פון אַלע, אָבער דער רבי האָט איר געזאָגט, אַז „זיינע" קינדער האָבן פאַר קיינעם נישט מורא און אַז שדים און רוחות האָבן מורא פאַר זיי... פון דעסטוועגן, אַז יאַנקל איז דורכגעגאַנגען ביינאַכט דאָס פּלאַץ, וואו ס'איז אַמאָל געווען דער בית עולם, האָט אים גוט געקלאַפּט דאָס האַרץ, כאָטש ער איז דאָרט נאָך געווען מיט נאָך יינגלעך; און ווען ער איז צוגעקומען צו דער גרויסער שול, איז ער שוין געווען אַליין און ער האָט גאָר מורא געהאַט און ער איז געלאָפן אַהיים אָן אָטעם און ער איז נישט אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין, נאָר אַריינגעפאַלן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ מת לויפט אים נאָך... דאָך האָט ער נישט אויסגעזאָגט דער מאַמען, אַז ער האָט מורא. דאָס גיין אין חדר אַריין מיטן נייעם לאַמטערן און מיטן סטעאַרינענעם ליכטל איז שוין ווערט געווען די גאַנצע שרעק. און טאַקע אין חדר אַליין! דער רבי פלעג גיין דאַווענען מינחה און מעריב אין בית מדרש און פאַר דער דאָזיקער צייט זיי־נען די קינדער געבליבן אַליין אין דער פינצטער. דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ פאַרשנייטער דרויסן און די קינדער האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און זיך דערציילט מעשהס. דעמלט איז נישט געווען קיין קריגעריי און קיין צונעמעניש, מען איז געווען חבר, אַזוי ווי ערב יום כיפור. יעדער, וואָס האָט געהערט אין דער היים אַ מעשה פון דעם זיידן, אָדער דער באָבען, האָט זי דאָ איבערדערציילט. געווען מעשהס פון גזלנים און פון „דאָ־מאָוואָיעס", וואָס מוטשען די פערד און פלעכטן זיי אויס ווי צעפּ ביי די

עקן און מעשהס פון שטיפמאמעס. די הערצער פלעגן אזוי שפרינגען, אז זיי זיינען שיעור נישט ארויסגעשפרונגען. געווען א ייִנגל, וואס האט געהייסן מאיר פאליקאוו און די ייִנגלעך האבן אים גערופן „דער קיטאיעץ" (כינעזער), איז ער געווען א יתום, די מאמע איז אים נישט לאנג געשטארבן, ער איז גע־ווען דער גרעסטער אין שטוב, עס זיינען געווען עטלעכע קלענערע ייִנגעלעך און מיידעלעך פון אים. האט ער דערציילט, אז די מאמע קומט אלע נאכט אין שטוב אריין און גיט אכטונג אויף אלע קינדער און דעקט זיי צו, אויב זיי זיינען אפגעדעקט און זי זאגט זיי, אז אויב זיי וועלן זיין גוטע, וועט זי זיך אין גאנצן אומקערן צו זיי. ער האט שוין אליין געזען צוויי מאל די מא־מע און ־גערעדט מיט איר, זי איז פונקט אזוי ווי געווען, נאר זי איז ווייסער און זי גייט אנגעטאן אין ווייסע קליידער. די ייִנגלעך האבן זיך צוגעהערט און האבן געוויינט און געלאכט און געגלויבט, אז אלץ, וואס מאיר זאגט, איז אמת...

דאס לערנען ביינאכט האט עפעס אויך געהאט אן אנדער טעם. דער ר'בי איז געווען אן אנדערער ווי בייטאג, ער איז נישט געווען בייז און ער האט ליב געהאט צו דערציילן מעשהס. ער האט געלערנט אזעלכע שווערע זאכן וועגן געלט און וועגן קריגערייען איבער געלט און אז עס איז געקומען אן אגדתא, האט ער זיך מחיה געווען און האט זי דערציילט פונקט ווי מען דער־ציילט א מעשה און די אויגן האבן ביי די קינדער געברענט. ער האט גע־וואלט, אז אין אלע מעשהס זאל מען גלויבן, אז זיי זיינען אמת. אפילו אין רבי בר חנאס גוזמות. מען האט געמוזט גלויבן, אז מען האט טאקע געכאפט א פיש, וואס פון איין אויג פון זיינעם זיינען ארויס נײנצן פעסלעך פיש־שמאלץ... און אז יאנקל האט זיך געשפארט און געזאגט, אז עס קען נישט זיין, האט דער רבי דערציילט אן אגדתא וועגן דעם, וואס ר' יוחנן האט גע־זאגט, אז גאט ברוך הוא וועט ברענגען טייערע שטיינער, וואס וועלן זיין דרייסיק איילן די לענג, האט א תלמיד געלאכט און געזאגט, אז עס קען אפי־לו נישט זיין די גרויס ווי אן איי, האט ר' יוחנן אנגעשריגן אויף אים און ער האט אים געזאגט: „ליידיקער מענטש דו, אז דו האסט נישט געזען, גלויבסטו נישט? דו לאכסט פון די רייד פון די חכמים?" און ער האט א קוק געטאן אויף אים און ער איז געווארן א בארג פון ביינער... יאנקל האט ביי זיך געטראכט, אז ר' יוחנן איז געווען צו שלעכט, אבער ער האט מורא צו זאגן. סיי ווי האט ער שוין ביי זיך געהאט איינגעטיילט די תנאים און אמוראים אויף גוטע און שלעכטע...

דער אורח, וואס יאנקל האט געפונען, איז שוין געווארן אונטער שמש אין דער גרויסער שול און ער האט שוין געהאט אראפגעבראכט זיין ווייב מיטן קינד און ביי זיי אין שטוב איז קיין שטענדיקער אורח נישט געווען; אלעמאל איז געקומען אן אנדערער, עס זיינען געקומען ליטוועקעס און פוי־

לישע, מילדע און בייזע און עס זיינען געקומען „אייניקלעך”, וואָס זיינען צום מערסטנס געווען בייזע און קראַנקע און וויפל מען האָט זיי נישט גע־געבן, האָט מען פאַר זיי נישט געקענט יוצא זיין און די מאַמע, וואָס האָט גע־זאָגט, אַז אַן אורח איז די שטוב אַ לײדיקע, האָט געזאָגט, אַז די זיידעס זיינען מיסתמא געווען די גרויסע, אָבער פאַר די אייניקלעך זאָל איר שוין גאָט ברוך הוא מוחל זיין.. פאַר יאַנקלען זיינען די בעסטע אורחים געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן דערציילט שיינע מעשהס. יאַנקל פלעג חלומען, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער, וועט ער אויך אַרומפאָרן איבער דער וועלט און ער וועט דערציילן שיינע מעשהס און גרויס און קליין וועלן אים ליב האָבן. אַ סך פון די מעשהס, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער זיך גוט אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, בכדי ער זאָל זיי קענען דערציילן, ווען ער וועט האָבן אַ ווייסע באָרד און ער וועט אַרומפאָרן. ער האָט שוין אַפילו געזאָגט זיין שוועסטער מרים, אַז ער קען אַ סך מעשהס אויף אויסנווייניק; און ווען זי האָט אים גע־פרעגט אויף וואָס ער דאַרף זיי, האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל זיי קענען דערציילן, ווען ער וועט זיין אַן אורח. האָט זי, ווי שטענדיק, געלאַכט פון אים און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר. זאָל ער בעסער וועלן זיין אַ גביר, נישט קיין אָרעמער אורח... האָט ער זי צוריקגעפרעגט ווער עס וועט דערציילן מעשהס, ווען עס וועלן קיין אורחים נישט זיין, האָט זי נאָך מער געלאַכט פון אים. די ווינטער־נאַכט איז נאָך געווען גע־נוג גרויס נאָך דעם אהיימקומען פון חדר און נאָכדעם, וואָס מען האָט געגעסן וועטשערע, האָט מען זיך אַנידערגעזעצט ביי דער הרובע און דער־ציילט מעשהס. דער טאַטע פלעג אַריינקוקן אין אַ ספר און מיט איין אויער הערן. אַלע האָבן געוואָלט זיצן ביי דער הרובע. דאָס ערשטע פלאַץ האָט מען געגעבן דעם אורח, דערנאָך איז געקומען דער טאַטע און איבער די איבעריקע פלעצער האָבן זיך שוין די קינדער אַרומגעהרגעט. געזעסן איז מען מיט די הענט אויף הינטן און די הרובע האָט געבריט און עס האָט זיך נישט גע־גלוסט אָפּרייסן. געווען אַ ייד אין יענעם ווינטער, וואָס איז געקומען פון אַ שטעטל, וואָס האָט אָפּגעברענט און ער האָט כסדר דערציילט מעשהס פון גזלנים. ער האָט דערציילט אַ געשיכטע ווי אין אַ שביתי נאַכטס זיינען גזלנים באַפאַלן אַ יידישע שטוב און אַלע מענטשן פאַרכישופט, אַז זיי זאָלן זיך נישט אויפכאַפּן און זיי האָבן אויסגעליידיקט די גאַנצע שטוב און אַרויפ־געלייגט אויף וועגענער און זיינען אַוועק. איין קליין קינד האָבן זיי נישט דערזען און נישט פאַרכישופט, האָט דאָס קינד אויפגעוועקט אַלע, ביי די נעז האָט עס זיי געריסן; און שטאַרקע זיינען זיי געווען און לויפן האָבן זיי גע־קענט גיך, זיינען זיי נאָכגעלאָפן און אָפּגענומען אַלע זאַכן. אַז די מעשה האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס דער יושר האָט געזיגט, איז נישט געווען קיין גלייכן צו אונז. אַמאָל פלעג זיך מאַכן, אַז פונקט אין מיטן דערציילן, אין

שרעקלעכסטן פּלאַץ, האָט געגעבן אַזאַ זעץ, אַז די גאַנצע שטאָט האָט אַ ציטער געטאָן, דעמלט פּלעגן אַלע אויפשפּרינגען פון די פּלעצער און וועלן לויפן; און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס האָט דער „סטאַראָזש" (וועכטער) אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן. ער פּלעג שווייגן, שווייגן און מיט אַמאָל געבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף איבערצושרעקן די גנבים. מען האָט אין יענעם ווינטער דערציילט, אַז גנבים האָבן געפּאַקט אַ „סטאַראָזש" און אים אויסגעשניטן די צונג, אַז ער זאָל נישט קענען זאָגן ווער זיי זיינען געווען. שרייבן האָט ער נישט געקענט. די קינדער האָט דער וועכטער מיט דער אויסגעשניטענער צונג אויסגעזען זייער קאָמיש.

יאַנקל האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן חברן מיט הערשל שוחטס יינגלעך. זיי זיינען געווען אַ סך. מיידלעך האָט הערשל געהאַט נאָר צוויי און יינגלעך אַכט, אָדער ניין. צוויי זיינען שוין געווען חתונה געהאַטע און איינער איז נאָך געווען אַ יינגל און ער האָט שוין געהאַט אַ באָרד. ער האָט געהייסן משה מענדל און מען האָט געלאַכט פון זיין נאָמען אַליין. ער איז שטענדיק געגאַנגען מיט דער „מאַנישקע" אין דרויסן און מען פּלעג אים זאָגן, אַז ער גייט ווי אַ משה מענדל. אין חדר האָט ער שוין נישט געלערנט און צו מיסחר האָט ער נישט געטויגט און מען האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט קיין שחיטה אויך נישט קענען אויסלערנען. די יידן פּלעגן זאָגן צו הערשלען, אַז אויב ער וויל זיינעם אַ זון לאָזן אויף זיין פּלאַץ, דאַרף ער זיין אַ מער געראָטענער ווי משה מענדל... און משה מענדל האָט געוויינט און געזאָגט, אַז מען האָט אים אומגליקלעך געמאַכט, וואָס מען האָט אים געגעבן אַזאַ נאָמען... די אַנדערע זין זיינען אַלע געווען געראָטענע און קלוגע, אָבער לערנען האָבן זיי נישט געוואָלט. ביי דניאלן האָבן געלערנט צוויי יינגלעך, וואָס זיינען ביידע געווען אַ סך עלטער פון יאַנקלען. דער יינגערער פון זיי איז שוין געווען אַריבער בר מיצווה. דער עלטערער וואָלט שוין געווען אַ חתן, ווען משה מענדל וואָלט נישט געווען אין דער מיט און ווען ער וואָלט נישט געווען פאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס דער טאַטע האָט נישט געוואָלט, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון קיין ליבעס און ווייל אירער אַ פעטער איז געווען געשמדט. הערשל שוחט האָט געזאָגט, אַז אַ בעל שמסקע אייניקל האָט נאָך נישט חתונה געהאַט פאַר אַ מישפּחה, וואָס האָט אַ פלעק... די קלענערע יינגלעך הערשלס, וואָס איינער פון זיי איז געווען אין איינע יאָרן מיט יאַנקלען, האָבן געלערנט אין אַ קלענערן חדר. הערשל פּלעג זאָגן אברהמען, אַז ער יאָגט צו שטאַרק זיין יאַנקלען און שטאָפּט אים מיט צופיל תורה און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז הערשל איז אים מקנא... אין שטוב ביי הערשלען האָט מען פון יאַנקלען שטאַרק געהאַלטן און די שוחטקע האָט געזאָגט, אַז די קינדער דאַרפן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון אים ווי אַזוי צו לערנען. חנוכה איז יאַנקל געגאַנגען שפּילן צו הערשל שוחט אין קוויטלעך. צוליב חנוכה האָט מען נישט געלערנט ביינאַכט,

ווייל מען האָט געדאַרפט זיין אין שטוב צו בענטשן חנוכה־ליכטלעך. די מאַמע האָט צוליב חנוכה געבאַקן אַזאַ מין זיס פּלעצל פון פּאַפּעשויע־מעל, וואָס מען האָט גערופן „מאַלאַי", האָט עס געהאַט אַלע טעמים. יאַנקלען האָט מען דערלויבט צו בלייבן אַ פּאָר מאָל נעכטיקן ביי הערשלען אין שטוב. אוי, ווי גליקלעך ער איז געווען! מען האָט דאָרט געשפּילט אין קוויטלעך, פריער מיט פּאַסאָלקעלעך, דערנאָך האָבן זיך די יינגלעך אַריינגערוקט אין באַזונדער חדר און געשפּילט אויף געלט. די גרויסע בחורים האָבן געזאָגט יאַנקלען אַז זיי וועלן אים אַריינמעמען אין „קאָן" אַריין, אויב ער וועט נישט וויינען, ווען ער וועט חלילה, ס'זאָל זיך נישט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך, עפּעס פאַרשפּילן.

ער האָט געהאַט ביי זיך אַ היפּשע אַפּותיקא פון חנוכה־געלט, וואָס ביידע פעטערס און שוועסטערקינדער און דער טאַטע האָבן אים געגעבן און די באָבע האָט אים געשיקט. פאַר אים איז געווען אַ גאַנצער כבוד, וואָס גרויסע נעמען אים אַריין אין שפּיל און ער האָט זיך געשוואוירן ביי די ציצית, אַז ער וועט נישט וויינען. ער האָט באַלד פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלט, ער האָט זיך אַפילו נישט גענוג אָנגעשפּילט דערמיט. אַ יינגל האָט אים דערנאָך געליגן פינף קאָפּיקעס, האָט ער זיי באַלד אויך פאַרשפּילט. ער האָט געהאַלטן וואָרט און ער האָט טאַקע נישט געוויינט אויף דעם פּלאַץ, פאַר די גרויסע יינגלעך אין די אויגן, אָבער שטילערהייט האָט ער זיך שפּעטער גוט אויסגעוויינט.

ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז ער וועט געווינען. אַ יינגל האָט אים געזאָגט, אַז עמיצער מוז דאָך פאַרשפּילן. פון דעם האָט ער נישט געקלערט און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט געמוזט זיין דער עמיצער...

וויינענדיק שטילערייד איז ער אַזוי איינגעשלאָפן געוואָרן און אין דער פרי איז ער געגאַנגען גלייך אין חדר. אין דער היים האָט ער נישט אויסגעזאָגט, אַז ער האָט פאַרשפּילט און ווען די מאַמע האָט געהערט ביינאַכט, אַז עס קלינגט נישט ביי אים אין קעשענע, האָט זי געמאַכט אַ רעש און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געלט פאַרלוירן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געזאָגט טאַטע־מאַמע אַ ליגן. ביז דעמלט האָט ער נאָר אַ סך מאָל דעם אמת נישט אויסגעזאָגט און ער האָט אויך מורא געהאַט, אַז גאָט וועט אים שטראָפן. איצטער האָט ער נאָך מער מורא געהאַט. די מאַמע האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט געקענט פאַרלירן דאָס גאַנצע געלט אויף אַמאָל און זי האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי ביי הערשלען איז דאָ אַ דינסט, איז זי מיסתמא אַ גנבטע און זי האָט אים אַרויסגעגנבעט ביינאַכט דאָס געלט און זי האָט נאָר געוואָלט גיין צו הערשלען. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ער האָט שוין נישט אַזוי רחמנות געהאַט אויף דער דינסט, ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיך דערוויסן, אַז ער האָט געשפּילט אויף געלט און נאָך אָפּגענאַרט טאַטע־מאַמע אויך. ער האָט אין יענעם טאָג געדאַוונט מיט דעם גאַנצן האַרצן און ער האָט געבעטן גאָט, אַז די מאַמע זאָל נישט גיין און ווען די מאַמע

איז טאַקע נישט געגאַנגען, איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט עס געפּועלט ביי גאָט...

מען האָט אָנגעהויבןריידן וועגן דער שוועסטערס חתונה. די שוועסטער איז שוין געווען דריי מיט אַ האַלבן יאָר אַ כלה. אַ סך מיידלעך, וואָס זיינען שפּעטער אַ כלה געוואָרן, האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז דער חתן וויל אָפּלאָזן דעם שידוך, ווייל מען האָט אים געקויפט אַ בלעכענעם זייגער... פון וואַנען האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דעם אין שטאָט? די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ פּנים, אמת, אַז וועגט האָבן אויערן. אָבער די חתונה איז נישט דערפאַר נישט פאָרגעקומען. דער חתן האָט געהאַט אַ „צווייטע לגאַטע", אָבער מיט זיין באַפרייאונג איז נישט געגאַנגען. איינער, וואָס האָט געדאַרפט זיין, לויט דעם נומער, פאַר אים, האָט זיך נישט געיאַוועט און דער חתן האָט געדאַרפט גיין דינען. האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין אָדעס ביים טאַטנס אַ קרוב, אויך אַ שוחט, און ער האָט טאַקע דאָרט פּראַקטיצירט שחיטה. אויסזאָגן האָט מען דאָס דאָזיקע נישט געטאָרט, האָט מען אין שטאָט געמאַכט אַלערליי השערות. די ישועה איז געקומען פון אַן אַנדער פּלאַץ. איינער, וואָס איז געווען „נאַ איספּיטאַניע" (אויף אונטערזוכונג) אין אַ שפּיטאָל, איז דערקלערט געוואָרן נאָך צוויי יאָר מוטשעניגע פאַר געזונט און דער חתן איז באַפרייט געוואָרן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט איר גאָט געטאָן אויף צו להכעיס די שונאים מיט די בייזע צונגען. מאָמציע האָט זיך עס אָנגעוויינט, די מאַמע האָט נאָר מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט קומען מיט רויטע אויגן צו דער חתונה, אַזוי ווי די מוטער לאה... און דער טאַטע איז פאַר פּסח אין די בלאָטעס אריינגעפאָרן קיין טאַטאַרבונע אָפּשטעלן זמן החתונה. ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז דער חתן שיינט און ער איז שוין אַ פאַלנע שוחט. אַ קלייניקייט, האָט די מאַמע זיך געפרייט, קוילען אַזאַ לאַנגע צייט אין אָדעס. אָפּגעשטעלט האָט מען די חתונה אויף שבת נאָך שבועות. טאַקע שוין דעם ערשטן שבת. און מען האָט זיך שוין גענומען גרייטן. די מאַמע האָט נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל גרייטן פריער, די חתונה, צי דעם פּסח... עס האָט זיך נאָר גערעדט אַזוי, ווייל צו דער חתונה איז מען שוין לאַנג געווען גרייט, בעטגעוואַנט האָט מען שוין צוגעגרייט גאָר לאַנג. נאָך פאַר דריי יאָרן זיינען אַלע געזעסן איבער דער מולטער און געפּליקט געגנזענע פּוך... אַ ראַטאַנדע איז שוין אויך לאַנג געווען גרייט און געליגן איבערגעשיט מיט נאַפטאַלין אין שאַפע. מאָמציע האָט נאָר מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט קאַליע ווערן און די מאַמע האָט איר געטרייסט, אַז איר ראַטאַנדע איז שוין אַלט צוואַנציק יאָר און זי איז נאָך נישט קאַליע. ראַטאַנדעס און פוטערנע טולופּעס, האָט זי געמאַכט מיטן פינגער, לעבן איבער דעם מענטשן... דער טאַטע האָט גענומען צעשיקן בריוו איבער דער גאַנצער מדינה. וואו ער האָט ערגעץ געהאַט אַ קרוב, האָט ער געשריבן, אַז ער מאַכט

חתונה די עלטסטע טאָכטער, האָט שוין די מאַמע געהייסן שרייבן בריוו אויף צו אירע קרובים. ער האָט אַפילו געשריבן אַ בריוו קיין ירושלים צו דעם פעטער יצחק, וואָס זיין ווייב, די מומע רייזע, איז אים געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזט זיינע צוויי מיידלעך דער באָבען און ער איז אַוועקגעגאַנגען קיין ארץ ישראל. דער טאַטע האָט אים געשיקט אַ רובל און ער האָט געוואָלט נישט אַנדערש, אַז ער זאָל גיין צו דער מערת המכפלה אויסבעטן אַ גוט מזל פאַר זיין ערשטער טאָכטער. די מאַמע האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט קרו־בים אין קרעמענטשוג, וואָס הייסן גור אריהם און זיי זיינען באַרימטע גבי־רים און בעלי צדקה. דער זיידע האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין ריידן וועגן זיי און ער האָט אויסגערעכנט ווי אַזוי זיי קערן זיך אָן, האָט די מאַמע פאַר־לאַנגט, אַז דער טאַטע זאָל זיי אויסרעכענען דעם יחוס אין אַ בריוו און זיי איינלאַדן צו דער חתונה. און קיינער איז נישט געווען גלייך צו דער מאַמען, ווען אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אָנגעקומען פון קרעמענטשוג אַ גאַנצער פינף און צוואַנציקער...

דער פסח איז איבערגעגאַנגען ווי נישט געווען, דער עיקר איז געווען די חתונה צו וועלכער מען האָט זיך געגרייט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז עס וועט קומען האַלב טאַטארבונע און האַלב איזמאַיל און פון רעני וועט מען קומען און אַפילו פון קעשענעוו און זי ווייסט נישט, צי נישט אַפילו פון קרעמענטשוג... און קיליע אַליין וועט זיין אין גאַנצן! ווען מען האָט זיך אַנידערגעזעצט מאַכן אַ חשבון וועמען איינצולאַדן, איז אויסגעקומען כאָטש לאַד איין די גאַנצע שטאָט. אפשר אַ האַלבע שטאָט איז געווען קרובים, אָדער מחותנים. און יענער איז אַ שיינער באַלעבאָס און דער אַנדערער איז אַ שיי־געץ און הער דריטער איז אַ בעל תקיף און וועט נאָך זיין פּיטראָפּ. און וואו זיינען די יידן, וואָס האָבן דעם טאַטן געבראַכט פון טשיטשמע און זיי האָבן אים אַרויסגעפירט ווי משה מיט אהרנען די יידן פון מצרים? נישט איינגע־לאַדענע זיינען געבליבן אַזוי ווייניק, אַז עס איז פּשוט געווען אַ רחמנות אויף זיי. מרים האָט געפּועלט אַפילו, אַז מען זאָל איינלאַדן דעם יידן דעם קבצניוק, וואָס האָט באַליידיקט דעם טאַטן, ווייל ער האָט אים נישט געוואָלט קוילען אַן עוף שפּעט פרייטיק פאַר נאַכט. זי האָט עס געוואָלט צוליב איר חברטע דער לערערן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וואו מען וועט נעמען אין קיליע אַזאַ גרויסן „מאַגאַזאָן" וואו אַלע איינגעלאַדענע וועלן אַריינגיין. פון דעם וואו מען וועט נעמען אַזויפיל פיש און פלייש און גע־בעקס, רעדט ער שוין נישט... ער האָט אויסגערעכנט, דער טאַטע, אַז ער וועט פון דער חתונה בלייבן שולדיק טויזנט קערבלעך. אַמאָל האָט מען עס גערופן אַ זעקל געלט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איר זיידע פון דער מאַמעס צד האָט געהאַט טויזנט קערבלעך, איז ער אַמאָל געווען דער גרעס־טער גביר פון שטאָט. איז די מאַמע געפאַלן אויף אַן עצה. אַ טאַטארבונער

ייד א גביר האָט אויסגעבויט אין קיליע א גרויס הויז פון צוויי שטאָק. מען האָט אים גערופן דער גרויסער מויער. פון פריער זיינען געווען אין שטאָט דריי צווייִשטאָקיקע הייזער, אָבער נישט אַזעלכע גרויסע. דער טאַ־טאַרבונער גביר, וואָס האָט געהייסן קלמן שלימאַוויטש, איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַלד פאַרדינגען דעם גאַנצן מויער מיט אַלע דירות און ער האָט א טעות געהאַט. אונטן האָט ער נאָך פאַרדונגען און אויך מער אויף קלייטן ווי אויף וואוינונגען, אָבער אויבן האָט קיינער נישט געוואָלט דינגען. וואו וועט מען זיך גיין, האָט מען געזאָגט, פאַרקלייבן אויבן, אַז די קינדער זאָלן דאָרט אַראָפּפאַלן! איז די מאַמע געפאַלן אויף אַן עצה: מען זאָל גיין צו דעם שלימאַוויטשן און פועלן ביי אים, אַז ער זאָל געבן דעם אויבערשטן שטאָק פאַר דער חתונה. דעם שוחט זאָל ער געבן אומזיסט, אָבער דערנאָך וועלן שוין די גבירים דינגען ביי אים. און די מאַמע האָט דעם יידן איבערגערעדט און עס איז טאַקע צום ערשטן מאָל אין קיליע פאָרגעקומען א חתונה אין אַזא גרויסאַרטיקן זאַל; מען האָט געזאָגט, אַז אורי גאָלדענבערג האָט זיינע טעכטער נישט חתונה געמאַכט אין אַזא שיינעם זאַל. קיינער איז צו דער מאַמען נישט געווען גלייך, זי האָט זיך באַרימט, אַז דאָס איז איר קעפּעלע געווען דערביי.

אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם זאַל, האָט זיך אָנגעהויבן א מעשה מיט סאַרווערנס. אין שטאָט זיינען געווען צוויי: חוה שרה, וואָס איז געווען אַליין און דאָבע און פייגע ראַצי, וואָס זיינען געווען שותפות.ביידע צדדים האָבן געהאַט חסידים אין שטאָט. די מאַמע האָט געהאַלטן פון שטענ־דיק אָן פון חוה שרהן אויך צוליב גוטהאַרציקייט. זי איז געווען אַן אָרעמע פרוי און איר מאַן איז געווען א פיר־שמש און ער האָט געהייסן נחמן דער רויטער און זי האָט געהאַט א קינד א קאַליקע א תם, וואָס מען האָט אים געמוזט האַלטן פאַרשפּאַרט און וואָס האָט אַמאָל מיט זיין שפּראַך פון א שטומער לעלע געזאָגט, אַז ער האָט געזען גאָט אין א גרויסן פעלץ און מיט אָנגעשמירטע שטיוול. געזאָגט האָט מען, אַז חוה שרה באַקט בעסער גע־בעקס און דאָבע און פייגע ראַצי קאָכן בעסער און אויף א חתונה איז דער עיקר די וועטשערע. האָט די מאַמע געטענהט, אַז ביי איר איז דער עיקר דאָס געבעקס, ווייל קאָכן קען זי אַליין בעסער פון אַלע סאַרווערנס... און זי האָט אויסגעפירט און חוה שרה איז דערנאָך געפאַלן פון די פיס. ס'איז פאַר איר אַליין געווען א צו שווערע חתונה און זי האָט געמוזט צונעמען צוויי צוהעל־פערנס און ערשט האָבן די צוויי שוועסטער דער מאַמעס, די מומע ליבע פון איזמאַיל און די מומע מלכה, וואָס איז געקומען אַזש פון אַקערמאַן, געשטאַ־נען טאָג ווי נאַכט און געהאָלפן שלאָגן אייער און צוקער און פילן פיש. וועגן די פיש האָט מען דערציילט ניסים. א גוי, ביי וועמען מען האָט פון דער שטוב שטענדיק געקויפט פיש, האָט געבראַכט א קאַרפּ, וואָס האָט געוואויגן

מער פון א פוד. געבעקס האָט מען אָנגעהויבן עסן פריער מיט א וואָך. די מחותנים מיט דעם חתן מיט דעם חתנס שוועסטער און ברודער זיינען געקומען פונקט מיט א וואָך פריער. ווי זשע האָט מען געקענט זיי נישט געבן אַלע טאָג קיין לעקעך און טאַרטלעך צו דער טיי אין דער פרי און ביי־טאָג און צום ביסל בראָנפן פאַרן עסן? און דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע געסט, האָט מען זיי אויך געמוזט געבן געבעקס. און מיטוואָך און דאָנערשטיק האָבן שוין די געסט געגעסן וועטשערע אין איינעם. מיטוואָך זיינען געווען ווייניק געסט, האָט מען נאָך געקענט עסן אין שטוב, אָבער דאָנערשטיק צום „חתן שפּיל" זיינען שוין געווען א סך און מען האָט שוין געמוזט פּראַווען א וועטשערע אין גרויסן זאַל. געזאָגט האָט מען, אז ס'איז א רעפּעטיציע. מען האָט טאַקע אין איין וועג אויסגעפּרואווט די הענג לאָמפּן, צי זיי וועלן האַלטן און וועלן נישט אַראָפּפאַלן און איינער איז טאַקע אַראָפּגעפאַלן און שיעור נישט אָנגעמאַכט א שריפה און די מאַמע האָט געזאָגט, אז מען האָט געדאַרפט בענטשן גומל. וואָס דאָס האָט נישט געטראָפן פרייטיק צו נאַכטס. און די ערשטע גרויסע וועטשערע איז טאַקע געווען פרייטיק צו נאַכטס נאָך דער חופה, עס האָבן געגעסן נאָר אייגענע און עס איז געווען מער ווי הונדערט מענטשן. די חופה אַליין איז געווען די גרעסטע, וואָס קיליע האָט געזען, אזוי האָט געזאָגט די מאַמע. הערשל שוחט האָט זיך געחכמהט, ווען דער טאַטע האָט זיך געדרייט ווי אַן אונטערפירער אין איינעם מיט דער כלה ארום דעם חתן. ער האָט געזאָגט: „דריי זיך, אברהם, עס קאָסט געלט!" און יידן האָבן געוואונקען אויף אים, אז ער איז א חכם עתיק. דער טאַטע האָט געענטפערט, אז עס קאָסט כמעט דריי הונדערט קערבלעך א דריי... די פרייטיק צו נאַכטיקע וועטשערע איז נישט געווען אזוי רוישיק ווי די שבת צו נאַכטיקע, עס איז נאָך געווען קלענער דער עולם, איז טאַקע געווען גרעסער די שמחה. מען האָט פריער געזונגען זמירות און דערנאָך האָט מען געזונגען וויפל ניגונים מען האָט געקענט. און מען האָט אזוי געטאַנצט, אז מען האָט מורא געהאַט, אז די לאָמפּן וועלן איינפאַלן. די מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט אונטן, האָבן אַלעמאָל געשיקט מעלדן, אז די סטעליעס פאַלן ביי זיי איין, אָבער קיינער האָט זיי נישט געהערט און מען האָט געטאַנצט. עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט און מען האָט נאָך אַלץ געטאַנצט. מען האָט אזוי־פיל געטאַנצט, אז מען איז ווידער געוואָרן הונגעריק און וואָס די מאַמע האָט געקענט, האָט זי געגעבן און זי האָט נאָר מורא געהאַט, אז מען זאָל איר נישט אויפעסן די מאָרגנדיקע וועטשערע... די מיזינקע האָט אויסגעגעבן א ייד פון א דאָרף, דעם טאַטנס א שוועסטערקינד, וואָס האָט געהייסן זיסיע. ער איז געווען דעם פעטער לייזערס אַן איידעם און ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט. אין שטאָט איז ער געקומען אַמאָל אין א יובל, האָט ער געוואָלט וויזן, אז ער קען פריילעך זיין צווישן יידן און ער האָט געזונגען בולגאַרישע

ניגונים פון דאָרף, אָבער אָן ווערטער. איבער דעם זאָגן שבע ברכות האָט מען זיך אַרומגעקריגט און ס'איז געבליבן, אַז ווער ס'וועט צוזאָגן אַ גרעסערע מתנה דער כלה, דער וועט זאָגן שבע ברכות און אַן אַנדער ייד האָט אויסגעדונגען. זיסיע איז אַרומגעגאַנגען און זיך געקלאָגט כמעט וויינענדיק, אַז מען האָט אים אויסגעכאַפּט די „שבע טענות", האָט מען אים געזאָגט: „דאָרפּס גוי, מען דאַרף זאָגן שבע ברכות", האָט ער זיך צעלאַכט און געענטפערט צום גראַם „קוש מיך אין..." און ער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד און קיינער איז נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי ער. צו דער מאַמען האָט ער נישט אויפגעהערט שרייען: „איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ העלזלעך אויף מאָרגן ביינאַכט, ווייל איך מען זאָל מיך לאָזן זיי אָננעמען נאָר ביי די פעדים"... און ער האָט זיך אַזוי לאַנג געפרייט ביז ער האָט אַזש אָנגעהויבן וויינען. אַ גאַנץ לעבן, האָט ער געקלאָגט, בין איך צווישן גויים און אַז איך בין שוין יאָ אויף אַ יידישער חתונה פון מיין שוועסטערקינד, פון מיין ווייבס פלייש און בלוט, טאָרן מיר גאָרנישט אָפּזאָגן. איך בין לייזער שאַפּיראָס איידעם... וויפל לייזער שאַפּיראָס זיינען דאָ אין גאַנץ בעסאַראַביע?" און צו דער מאַמען האָט ער גערעדט שיכור: „מחותנתטע, פונקט אַזוי ווי מען טאָר אייך איצטער נישט אָפּזאָגן, אַזוי טאָרט איר מיר נישט אָפּזאָגן." יאַנקל האָט נישט געוואוסט, וואָס ער מיינט, אָבער די יידן און יידענעס פון אַרום האָבן געלאַכט. „וואו איז ערגעץ דער יאַנקל?" האָט זיסיע אָנגעהויבן שרייען. און ער האָט זיך עטלעכע מאָל געדרייט אַרום אים ביז ער האָט אים דערזען און גענומעןריידן צו אים: „דו ביזט אַ וואויל יינגל, אַלע זאָגן עס, האָסט אַ גוט קעפּל און דו ווילסט. אַ וועלער איז בעסער פון אַ קענער, האָט געזאָגט אַ ייד פון שטאָט. איך בין פון דאָרף... אָבער איך זאָג דיר, אַז דו וועסט ווערן אוים בן יחיד... מען האָט דיר אַריינגעפּייפט אין בן יחידות און דו וועסט זיך שוין מער נישט פּעסטען... דאָס זאָגט דיר אַ ייד פון דאָרף." אַלע האָבן ווידער געלאַכט און אַ יידענע האָט געזאָגט אין אַ זייט אַריין: „אַ שוחטסקע קען, זי וועט שוין מירטשעם ליגן אין איינעם מיט דער טאָכטער אין קימפּעט." יאַנקל האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די מאַמע וועט האָבן אַ קינד און ער האָט נישט געוואוסט, צי ער זאָל זיך פרייען, צי זיך שעמען. ער האָט געזען, ווי דער טאַטע באַהאַלט זיך און גייט אַוועק... די מאַמע האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיסיען, וואָס האָט דווקא געוואָלט אַ העלזל. זיסיע האָט אויסגעזוכט די באַבע און ער האָט צו איר גערעדט ווי צו דער עלטסטער און גליקלעכסטער מחותנתטע אין דער וועלט און געבעטן, אַז זי זאָל פועלן מען זאָל אים לאָזן אָננעמען איין העלזל ביים פּאָדעם. און ער האָט אויסגעפירט זיינס! און ווען מען האָט אים געבראַכט דאָס העלזל, האָט ער עס אַוועקגעגעבן און ער האָט זיך געשוואוירן, אַז ווען מען גיט אים גאָלד, וואָלט ער איצטער אויך נישט געגעסן און ער האָט זיך געוואונטשן, אַז וויפל ער וועט לעבן, זאָל ער זיין

אזוי הונגעריק ווי ער איז איצטער און ער האָט די גאַנצע פאַנטאַמינע געמאַכט, בכדי פריילעך צו מאַכן, ער האָט געוואָלט ווייזן די קיליער פעלצן ווי אזוי מען מאַכט פריילעך אַן עולם...

יאַנקל האָט געדענקט ווי ער האָט פאַרשלאָפן ביילעס חתונה אין איזמאַיל און ער האָט זיך דאָס מאָל שוין געהיט. שבת אין דער פרי איז ער טאַקע געגאַנגען שלאָפן מיטן טאָג גלייך, ווען יידן זיינען שוין געגאַנגען אין מיקווה אריין; אויפגעוועקט האָט מען אים אויך גאַנץ פרי, אַז ער זאָל גיין דאַווענען, אָבער בייטאָג האָט ער זיך אריינגעכאַפּט צום פעטער נוח און ער האָט זיך דאָרט גאַנץ גוט אויסגעשלאָפן. און ביינאַכט איז ער אומעטום געווען פול. ער איז געווען פון די ערשטע אין זאַל, אזוי ווי די שטערן האָבן זיך נאָר באַוויזן און די קלעזמער האָבן אָנגעהויבן שפּילן. און ווען די קלעזמער זיינען געגאַנגען ברענגען דעם חתן, איז ער מיטגעגאַנגען און נאָך דער כלה איז ער אוודאי געגאַנגען. און וואו מען האָט געטאַנצט, איז ער געווען און איז געפאַלן אונטער די פיס. אייניקע האָבן אַזש געפרעגט ווער איז דאָס יינגעלע, וואָס פּלאָנטערט זיך אזוי אונטער די פיס און ער האָט אליין געזאָגט מיט שטאָלץ, אַז ער איז דער כלהס ברודער. אַ ווייבל האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער איז יאָ דער כלהס ברודער, דאַרף ער ערשט לאָזן טאַנצן און ער האָט זיך געפילט באַליידיקט און ער איז רויט געוואָרן און ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז עס נישט אין גאַנצן זיין חתונה, פרעמדע מענטשן זאָגן אים אַ דעה...

אַ יידענע איז געקומען צולויפן דערציילן, אַז ערגעץ דאָרט אין אַ צימער טאַנצן די מענער מיט זייערע ווייבער און יינגלעך מיט מיידלעך. זי איז געווען רויט ווי אַ צוויק די יידענע און זי האָט געוואָלט, אַז דער שוחט זאָל שוין לויפן אהין און די טריפניאַקעס, די אויסגעלאַסענע, די אויסוואורפן, וואָס עס פעלט זיי אַ קרענק, פאַרווערן צו טאַנצן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ווי קען ער זיך אריינשטופּן דאָרט צווישן ווייבער. דער פעטער לייזער האָט עס גראָד אויך געהערט און ער האָט געגעבן אַ קרעכץ און געזאָגט בעוונותינו הרבים, אָבער צו דער יידענע האָט ער געזאָגט, ריידנדיק האַלב אין איר זייט אריין, אַז ווענן אַזעלכע זאַכן איז בעסער אַמאָל מאַכן אַ שוויג, ווייל אַ קלוגער ווייסט, וואָס ער רעדט און אַ נאַר רעדט, וואָס ער ווייסט... די יידענע האָט געקוקט אויף דעם פרעמדן שיינעם יידן און זי האָט אַ בורטשע געטאָן עפּעס אונטער דער נאָז און זי איז אַוועק. און יאַנקל איז געלאָפן קוקן און ער האָט געזען, אַז ס'איז טאַקע אמת, מענער טאַנצן טאַקע מיט ווייבער און יינגלעך טאַנצן מיט מיידלעך. אפילו זיין מרים, וואָס איז דעמלט אַלט געווען אריבער צוועלף יאָר און האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ „באַרישניע" און האָט שוין אראָפּגעלאָזט די צעפּ און האָט זיך שוין געבלאָזן, האָט אויך דאָרט געטאַנצט מיט אַ יינגל. און יאַנקל האָט געפילט, אַז אויב ער וועט גיין דערציילן דער

מאמען, וועט ער פארשטערן די חתונה, האט ער געשוויגן. אויף זיין אייגענער שוועסטערס חתונה האט ער אויך געדארפט נעמען אן עבירה אויף זיך און שווייגן...

דער גרויסער קנאק איז געווען צו דער וועטשערע, וואס האט זיך אנגע־הויבן ערשט צוועלף אזייגער. מען האט אויסגעזעצט אפשר דריי הונדערט מענטשן׳ און ביז מען האט זיי אויסגעזעצט! אלעמאל איז אן אנדערער ברוגז געווארן. אייניקע האבן געוואלט אוועקגיין. די מאמע האט זיך געשווארירן, אז זי זאל שטארבן, אויב עמיצער וועט אוועקגיין... סיידן איבער איר טויטן קערפער... און זי האט געוויינט און נישט אויפגעהערט צו שרייען צום טאטן פארוואס ער שווייגט. און ווען אלע גרויסע זיינען שוין געזעסן, האט זיך אנ־געהויבן א געשיכטע מיט קינדער. די מאמע האט גערופןביידע שוועסטער צו הילף צו „פארשטאפן דעם קליינוואָרג די מיילער״. און יאנקל האט זיך צוגעקוקט ווי די דריי שוועסטער טאנצן ארום און זיי וויינען און לאכן און דאס הארץ האט אים געוואקסן.

דאס עסן האט געשמעקט א מחיה. מענטשן האבן געגעסן, אז זיי האבן זיך באלעקט פון די געפילטע פיש און פון די געבראטענע עופות מיט דער מאהינע און פון דער גאלדענער יויך. היינט די געפילטע העלזלעך מיט די פופיקעס. די מאמע האט נים אויפגעהערט צו פרעגן די געסט ווי עס געפעלט זיי און זי האט נאר געוואלט מ׳זאל איר זאגן, אז ס׳איז די שענסטע און גרעסטע חתונה, וואס קיליע האט געקענט. און מען האט טאקע געגעסן גע־שמאק. ציין האבן געקלאפט, באקן האבן געקלונגען און ליפן האבן געשמור־צערט. דער גאנצער אויבערשטער עטאזש האט זיך געשאקלט פון עסן. רייכע יידענעס האבן זיך געבלאזן, ארעמע האבן געזאגט צו דער מאמען: „ביי אלע אונזערע ליבע״...

און די קלעזמער האבן גענומען צושפילן צו דער וועטשערע. לייבעלע קלעזמער אליין איז געקומען. ס׳האט שיעור נישט געהאלטן דערביי, אז ער זאל נישט קומען. די מאמע האט שיעור נישט געחלשט. און ער האט עס געשפילט! דעם מארך פון די ביינער האט ער ארויסגעצויגן. ער איז געווען במעט א הויכער, פעסטער ייד מיט א טונקלער, נישט גאר שווארצער בארד, שוין אביסל גרויילעך. די אויגן האט ער געהאלטן אראפ צו דער בארד. ער איז געשטאנען און די איבעריקע קלעזמער זיינען געזעסן. נאך דעם געבראטנס האט ער געשפילט די „דאינע״, וואס איז געווען ז יי ן שטיקל. ער האט גע־שפילט אליין מיטן פידל און די אנדערע קלעזמער האבן צוגעהאלטן א טאן. ער האט געשפילט אויף די סטרונעס אי מיטן סמיטשיק, אי מיט די פינגער. עס האט זיך געדאכט, אז מען הערט זינגען פייגל. אלי חיים דער דיין האט געזאגט, אז מלאכים שפילן אין זיין פידל... אנדערע יידן האבן געזאגט, אז ער מעג שפילן אין בית המקדש. אייניקע יידן האבן געזאגט דעם טאטן: „די

ועטשערע איז דאָך געווען גוט, אָבער דאָס שפּילן"... און ווען לייבעלע האָט געענדיקט, האָט ער אָראָפּגעלאָזט נאָך מער דעם קאָפּ און די באָרד האָט אַביסל פאַרדעקט דעם פידל. יאַנקל איז געשטאַנען לעבן אים און געזען ווי ער האָט טרערן אין די אויגן. אַלע האָבן געקלאַפּט, געשריגן בראַוואָ און זיך געווישט די טרערן. און באַלד האָט די גאַנצע קאַפּעליע אַ שפּיל געטאָן אַ פריילעכס, אַז די ווענט האָבן געהודיעט.

און נאָך דער וועטשערע האָבן זיך אָנגעהויבן טענץ. מען האָט געטאַנצט „קיילעכיקס", „באַלגאַריש", אַ „שער". וויפל שקצים און שיקסעס ס'זיינען געווען אין קיליע, זיינען זיי געשטאַנען ביי די טירן און געקוקט. און אַלע האָבן געטאַנצט. די שוחטים, דער דיין, אַלטע יידן מיט ווייסע בערד. דער טאַטע האָט געמוזט טאַנצן מיט דער באָבען ביי אַ טיכל. די באָבע איז געווען גרויס און שווער און אויגן האָבן איר געלאַכט און זי זיינען איר פול געווען מיט טרערן. זי איז שיעור נישט אַנידערגעפאַלן, אַזוי לאַנג האָט זי געטאַנצט. און ערשט דערנאָך האָט זי געמוזט טאַנצן מיט דעם ברודער אירן, מיטן פעטער לייזער. הויך און שיין זיינען די צוויי אַלטע לייט געווען. די באָבע האָט זיך צעוואָרעמט, איז ארויס פון די כלים. דער פעטער לייזער איז געגאַנגען פּאַוואָליע. פאַרטראַכט און אַ שמייכל האָט געשיינט איבער זיין שיין פּנים. און דערנאָך האָבן געטאַנצט די דריי ברידער — דער פעטער אלי, דער טאַטע און דער פעטער נח. דער פעטער אלי האָט זיך אויך געהאַלטן מיט ישוב הדעת, אַזוי ווי דער פעטער לייזער, אָבער די פרייד האָט געשטראָמט פון אים. ער האָט צוגעזונגען. דער פעטער נח האָט געשפּרונגען. די ווייבער האָבן צוגעפּליעסקעט און אַלעמאָל האָט אַן אַנדער מומע געשריגן: „גענוג שוין!" און ערשט האָט נאָך די באָבע געמוזט טאַנצן אין איינעם מיט די דריי זין. זי אין דער מיט און די דריי זין ארום. דער גאַנצער עולם האָט אַרומגערינגלט די טאַנצנדיקע. און מ'האָט אַרויסגעשלעפּט די דריי שוועסטער צום טאַנץ, דער כלהס מאַמע מיט ביידע מומעס. און די מאַמע האָט זיך עס אַביסל אָנגעווײנט און די מומעס האָבן צוגעהאָלפן... און יאַנקל האָט מיטגעטאַנצט מיט אַלע. ער איז באַלד אריין אין דער מיט און ער געדענקט ווי מען האָט עס אים אָפּגעטראָטן די פיס! אָבער ס'איז ווערט געווען.

די חתונה האָט זיך געצויגן ביז אין טאָג אריין און ווען עס איז שוין געווען ליכטיק, האָט מען אָפּגעפירט חתן כלה שוין אהיים צו אברהם שוחט. סיי ווי האָט זיידל דאָרט געדאַרפט בלייבן דריי יאָר עסן קעסט און מען האָט אים שוין צוגעגרייט אַ באַזונדער „ספּאַלניע" מיט שיינע נייע צוויי בעטן און אַ נייער שאַפע, וואָס מען האָט געמאַכט ביי איציק פּעסיעס און וואָס די פאַרב פון זיי האָט זיך נאָך געקלעפּט און יאַנקל האָט נישט איין אויסרייד און איין פּאַטש געכאַפּט פאַר פּרוּוון די פאַרב מיט די פינגער. און דערנאָך האָט מען אָפּגעפירט די מחותנים פון חתנס צד און דערנאָך האָט מען אָפּ-

געפירט דעם פעטער פראָים און דעם פעטער נוח און אַלץ מיט די קלעזמער. ס'איז געווען זונטיק, די גויים האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן שפּעט אין די גאַסן, אָבער ווען זיי האָבן זיך באַוויזן, האָט מען נאָך אַלץ געפירט מחותנים מיט די קלעזמער אין די גאַסן. מען האָט זיסיען אויך געמוזט אָפּפירן אין זיין קוואַרטיר. און ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען מען האָט אויסגערופן, אַז לייב אברהם לאַדט איין אַלע מחותנים און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו אים. לייב אברהם איז געווען דער מאַמעס אַ שוועסטערקינד. אַ הויכער ייד געווען מיט אַ העלער באָרד, וואָס איז געווען אַ גרויסע, אָבער נישט קיין פאַרפּלאָנטערטע און זי איז געווען גלייך פאַרקעמט; און ער האָט געהאַט בלויע אויגן, אַזוי ווי אַ קינד. ער האָט געטראָגן אַ קורץ רעקל און ער האָט געהייסן אַ „האַלבער דייטש", דאָך האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז ער איז נאָך אַ ייד. ער איז אַמאָל געווען רייך, אויף זיין זיידן האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַ „זעקל געלט" און דאָס האָט געמיינט טויזנט רענדלעך, אָבער אים איז שוין דעמאָלט געגאַנגען שלעכט און ער פלעג אפילו צום טאַטן קומען בעטן אַ גמילות חסד. אַמאָל איז ער געווען גאָר אַ פריילעכער, אָבער זייט עס איז אים אַוועק שלעכט, איז ער געוואָרן טרויעריק. זיין זון, דער בן יחיד, איז ביי אים אויך קראַנק געווען, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט טשאַכאָטקע און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ווען עס גייט אַוועק אַ יידן שלעכט, איז עס אַזוי ווי איובן... אַ שטוב האָט ער נאָך געהאַט אַ רייכע און ווען מען איז פון דער חתונה אריינגעקומען אהין אין איינעם מיטן גאַנצן עולם און מיט די קלעזמער, איז באַלד פריילעך געוואָרן. עס האָבן געזאָטן עטלעכע סאַמאָוואַרן און נישט מיט וואַסער, נאָר מיט ווייַן און מיט צוקער און אין די קליינע טשיינעקלעך איז געווען נישט קיין „סענץ", נאָר בראָנפן, מען האָט געמאַכט אַזאַ משקה, וואָס מען האָט גערופן „פּאָנטש". ביי אברהם שוחט אין שטוב האָט מען עס אויך געמאַכט מוצאי שמחת תורה, ס'איז געווען זיס און שטאַרק. אַלע האָבן גענומען טרינקען און זיי זיינען געוואָרן נאָך מער פריילעך. לייב אברהם איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ טיש און אַזוי ווי ער איז געווען גרויס און ער האָט געהאַט אַ גרויסע באָרד, האָט ער אויסגעזען נאָך גרעסער. באַלד איז אַרויף צו אים אויפן טיש אַ ייד, וואָס האָט געהייסן שלמה קאָמאַראָווסקי און האָט געהאַט אַ רויט אַרומגעשוירן בערדל און איז געווען איינער פון די פריילעכסטע יידן ביים טאַטן אין שול; שמחת תורה פלעג ער זיך באַווייזן גאָר שפּעט, ווען אַלע זיינען שוין געווען שיכור און הייזעריק און דעמאָלט האָט ער ערשט אָנגעהויבן טרינקען און זינגען. ער האָט געזונגען אַ ניגון און דער קליינער איציק זיידמאַן איז דאָ אויסגעוואַקסן, מען האָט אים גאָר פריער נישט געזען. ער האָט געזאָגט, אַז צוליב אברהמען גייט ער נישט שלאָפן היינט. ער האָט זיך, ווי שטענדיק, געקאָרטשעט אין דרייען און געזשמורעט מיט די שטעכנדיקע אייגלעך און ער האָט געזונגען אַ ניגון נאָר אַזוי ווי ער

האָט געקענט. מיט אַ הייזעריק קול האָט ער געזונגען און מען האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן. מעכל זעלצער איז אויך געווען לעבן אים און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט קיין קול צום זינגען, דער עיקר דאַרף מען זיין אַ מנגן. דאָס האָט ער אַליין געהערט פון רבין. אַז דער עיקר איז די נגינה... און ער האָט דערציילט אַ גאַנצע מעשה פון רבין. זיסיע איז געשטאַנען מיט אַן אויער און ער האָט דערנאָך געזאָגט, אַז ער נעמט איצטער מיט יידישקייט אין דאָרף אַריין אויף אַ גאַנץ יאָר. ער וועט אַלע בולגאַרן אויסלערנען איציקס ניגון און ער וועט זיי אַלע דערציילן די מעשה פון רבין און זאָלן זיי נישט זיין קיין לעמער (די בולגאַרן האָט מען גערופן לעמער, אי ווייל זיי האָבן געטראָגן שאָפענע פעלצן, אי ווייל זיי זיינען נישט געווען קיין גרויסע חכמים). איציק האָט זיסיען צוליב געזונגען דעם רבינס ניגון. אַ ייד פאָרט אין דאָרף אַריין, האָט ער זיך געקנייטשט, דאַרף מען מיטגעבן צידה לדרך, אַ סך יידישקייט דאַרף מען אים מיטגעבן... לייב אברהם איז זיצנדיק אויף אַ בענקל אויף אַ טיש אַנטדרימלט געוואָרן און ער איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן. מען האָט אים אויפגעהויבן ביז אין דער סטעליע. מעכל זעלצער איז דער ערשטער אַוועקגעגאַנגען, ער האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט און מיט די פאַרגלאַנצטע אויגן האָט ער געשמייכלט: „אַך, קשה עלי פרידתך”, עס גלוסט זיך נישט אַוועקגיין, עס גלוסט זיך זיין צווישן יידן און הערן אַ וואָרט און הערן יידישע נגינה... דאָס הייסט דאָך זיין אַ ייד! פאַרשרייבן מעסטלעך און זעקלעך ווייץ הייסט דען צו זיין אַ ייד? אַ ייד הייסט...” און ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ נייעם ניגון און אַלע האָבן מיטגעזונגען און גענומען גיין אַ פרישן ריקוד. דער טאַטע האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט צו טאַנצן, האָט ער געפּלעסקעט, אָבער מען האָט אים אַריינגעשלעפּט אין ראָד; לייב אברהם האָט געטאַנצט אויפן טיש ביז אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען און יאַנקל האָט אויך געטאַנצט און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט אַ טעם אין טאַנצן... „אַ ריקוד גיי, האָט זיך צו אים איציק זיידמאַן געקנייטשט, וועסטו זיין אַ חסיד”... די חתונה האָט זיך פאַרצויגן נאָך עטלעכע טעג, די מחותנים זיינען נישט אַוועקגעפאָרן ביז וואַנען מען האָט נישט געענדיקט די זיבן סעודות, ביי וועלכע מען האָט געזאָגט די שבע ברכות און יאַנקלען האָט זיך געגלוסט, אַז ס'זאָל זיך נישט ענדיקן און די סעודות זאָלן זיך ציען און ציען...

דער טאַטע האָט מיטגענומען לעקעך און בראָנפן אין שול אַריין און ער האָט געגעבן די עטלעכע אָרעמע יידן, וואָס ער האָט זיי נישט געשיקט קיין בילעטן. זיי האָבן פריילעך געטרונקען לחיים ביי דער האַנט צום טאַטן און ער האָט זיך זיי געשעמט קוקן אין די אויגן אַריין. איין ייד האָט אַ שטאָך געטאָן מיט אַ וואָרט. ער האָט געזאָגט: „מען דערציילט ניסים ונפלאות פון אייער חתונה ר' אברהם, אָבער אַ קבצן איז נישט באַשערט”... דער טאַטע

האָט געענטפערט א טרויעריקער: „איין גאָט איז מיין עדות, אז מער האָב איך נישט געקענט...״

און ווען אַלע געסט זיינען זיך צעפאָרן, איז געוואָרן טרויעריק נישט נאָר אין שטוב, נאָר אין גאַנץ קיליע איז געוואָרן טרויעריק. אויף א פּאָר טעג לענגער זיינען געבליבן די צוויי שוועסטער דער מאַמעס, די מומע ליבע פון איזמאַיל און די מומע מלכה פון אַקערמאַן. זיי זיינען געבליבן זיך אויסריידן די שווערע הערצער און זיי האָבן געמאַכט מרה שחורהדיק אין שטוב. ווען יאַנקל איז צוריקגעקומען פון חדר, האָט ער זיי ביידע געטראָפן מיט רויטע אויגן. די מומע ליבע האָט דערציילט, אַז זי האָט ברוך השם פרנסה און די קינדער העלפן איר און די שווערגערן מיטן הויקער איז א גוטע נשמה און העלפט איר, אָבער פון מאַן האָט זי צרות, שטענדיק געהאַט נאָר צרות. זי האָט גערעדט אויף דעם זיידן, פאַרוואָס ער האָט זי אַזוי יונג חתונה געמאַכט פאַר אַן אַלטן קראַנקן יידן און זי באַגראָבן לעבעדיקערייט אין קבר. די מאַמע האָט נישט געוואָלט ליידן, וואָס זי רעדט אויף דעם טויטן טאַטן און די מו־מע ליבע האָט געשריגן, אַז דעם אמת מעג מען זאָגן אפילו דעם טאַטן אין קבר... און דערצו, האָט זי געוויינט, באַרעדט מען זי נאָך אין שטאָט, באשר עס קומט אַמאָל אריין עפּעס דאָרט א ייד אין שטוב אריין, וואָס האָט אויך א קראַנק ווייב און די מומע האָט געשאָלטן די באַרעדער מיט טויטע קללות. צוליב מיסחר קומט ער אריין דער ייד, זיי קויפן בשותפות. די מומע ליבע האָט אַזוי לאַנג גערעדט און גערעדט, ביז וואַנען זי איז אוועקגעפאָרן. די מומע מלכה איז געבליבן, זי האָט זיך נישט וואָס צו איילן, האָט זי גע־ קרעכצט, די קינדער וואַרטן נישט אויף איר. זי איז געווען א בעזדיטניצע. און וועגן דעם האָט זי גערעדט און געוויינט טאָג און נאַכט. דער טאַטע, האָט זי געוואָלט, זאָל איר אָנשרייבן א קוויטל, דאָס ריכטיקע קוויטל צום רבין, אין אַקערמאַן פאַרשטייט מען זי נישט. און זי האָט דערציילט, אַז זי האָט א זייער גוטן מאַן, אָבער א פּראָסטער איז ער, צו א פּראָסטער. זי איז געווען די יינגסטע און זי איז דערצויגן געוואָרן ביים טאַטן אין שטוב און זי געדענקט אברהם שוחטס קידוש און זיינע זמירות. איר מאַן איז א פּראָסטע זאַך. זי האָט זיך אפילו איין מאָל געוואָרפן צו דער מאַמען מיט די פויסטן פאַרוואָס זי האָט איר חתונה געמאַכט פאַר אַזא פּראָסטער זאַך. די מומע מלכה האָט אַזוי לאַנג געוויינט און געקלאָגט, ביז וואַנען זי האָט זיך גערונגען א פור קיין טאַטארבונע און פון דאָרט, האָט זי געקרעכצט, וועט זי שוין פאָרן קיין אַקערמאַן. ביידע מומעס האָבן געלאָזט א מרה שחורה נאָך זיך, ביידע האָבן מקנא געווען דער מאַמען, וואָס זי האָט חתונה געהאַט בעסער פון זיי...

וועגן דער חתונה האָט מען נאָך אַלץ גערעדט. די מאַמע האָט נאָר גע־ וואָלט מען זאָל זאָגן, אַז אַזא חתונה איז נאָך אין קיליע נישט געווען. עס איז דעמאָלט געווען דער רוסיש יאַפּאַנישער קריג און יידן האָבן שטילערהייט

הנאה געהאט, וואס פאניע כאפט קלעפ. פאר דעם קעשענעווער פאגראם איז עס אים געקומען. מען האט געזאגט, אז וויפל מאל פאני מאכט א פאגראם אויף יידן, אזויפיל מאל פארלירט ער א מלחמה. מען האט אויסגערעכנט, אז דער יאפאנישער אדמיראל נאגי האט אונטערגעטרונקען א גרויסע רוסישע שיף פונקט צום יארצייט פון קעשענעווער פאגראם. מען האט געזאגט, אז די יאפאנטשיקעס קומען ארויס פון די עשרת השבטים און זיי זיינען יידן און זיי נעמען זיך אן פאר יידיש בלוט... אבער די מאמע האט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער חתונה און זי האט אויסגערעכנט וויפל פערטלען עוף עס זיינען אוועקגעגאנגען און וויפל לעבער און גריוון עס זיינען אוועק אויף „מאהינעס" און וויפל פעסער וויין מען האט אויסגעטרונקען. דריי פעסער וויין זיינען געשטאנען האט מען זיי באלד אויסגעליידיקט און דערנאך האט מען שוין געבראכט וויין מיט עמערס.

און וואס ווייטער ס'איז אוועק פון דער חתונה, איז אלץ געווארן וואכעדיקער. דער שוואגער מיט דער שוועסטער זיינען טאקע געווען באזארגט מיט דריי יאר קעסט, אבער זיי האבן געזארגט וועגן תכלית. די שוועסטער, וואס האט ביז אין דער חתונה אויסגעזען ווי א קליין מיידל, איז באלד נאך דער חתונה געווארן ווי א יידענע. דאס פנים איז נאך ביי איר אלץ געווען ווי ביי א קינד, אבער דער שווערער פארוק האט איר געמאכט א גרויסן, אלטן קאפ. די שיינע צעפ האט מען איר אפגעשוירן און זי האט גענוג געוויינט אויף זיי. און דער שטערן האט זיך שוין ביי איר געקנייטשט אזוי ווי ביי דער מאמען. מען האט גענומען זוכן א חזקה אפצוקויפן. די מאמע האט געזאגט, אז אפילו טויזנט קערבלעך זאל מען באצאלן, אבי אין א שטאט, זיך נישט אזוי ארומשלעפן אין דערפער, ווי זי האט זיך ארומגעשלעפט. און זי האט אויסגערעכנט, אז דער טאטע איז געווען שוחט אפשר אין זעקס דערפער, איידער ער איז געקומען קיין טשיטשמע, וואס איז שוין געווען א גרויס דארף. ער איז געווען שוחט אין באלגארישן דארף טשיליקעטיי, וואס האט אפילו קיין מנין נישט געהאט און מען האט געדארפט מצרף זיין די רייניקייט צו מנין. פון יענע אלע דערפער האט מען ארויסגעטריבן די יידן... מען וועט אוועקגעבן דעם גאנצן נדן, האט די מאמע געמאכט א חשבון, און פארזעצן אי זיין, אי איר צירונג און מען וועט נאך ערגעץ לייען. פאר א נויט וועט דער טאטע באצאלן פאר די קעסט...

און דעם שוואגער איז נמאס געווארן דאס זיצן ליידיק. ער פלעג גיין קוילען פאר דעם טאטן און די שיקסעס און אפילו די ווייבלעך, וואס זיינען געקומען מיט די עופות, האבן געשריגן: „אוי, וואסארא שיינער שוחט!" אבער אז ער האט איינמאל עפעס טריפה געמאכט אן עוף, איז מען געקומען צולויפן מיט א געשריי, אז דעם שוחטס איידעם זאל זיך נישט לערנען שערן אויף די ארעמעלייטס בערד. ס'האט נישט געהאלפן דאס פארענטפערן פון

טאַטן, אַז די „סימנים" זיינען שטאַרק געווען אוועקגערוקט און אַז אַן אַלטער שוחט וואָלט אויך געמאַכט טריפה. די מאַמע האָט געמוזט באַצאָלן פאַרן עוף און עם פאַרקויפן פאַר האַלב געלט דעם קריסטלעכן שכן סטיאַפקע פעלדשער. אויף ימים נוראים האָט דער שוואָגער געדאַוונט שחרית אויף דעם טאַטנס פּלאַץ. די יידן האָבן געזאָגט, אַז דער טאַטע לערנט זיין איידעם און ער שטופּט אים. אייניקע יידן האָבן געזאָגט, אַז דער שוואָגער דאַוונט בעסער פון טאַטן און דאָס האָט שוין דער טאַטע נישט געוואָלט ליידן און ער האָט געזאָגט, אַז אַ נייער בעזים קערט גוט... דער שוואָגער איז דאָך געוואָרן גע־הויכט און געקרוינט און די מאַמע האָט געשעפּט נחת מיט פולע שעפל. פון דער שוועסטער איז געווען אָפּגערעדט. יאַנקל האָט נישט מקנא געווען דעם שוואָגער מיטן קוילען, אָבער מיטן דאַוונען פאַרן עמוד האָט ער אים שטאַרק מקנא געווען. אוי, ווי ער וואָלט זיך עם אַנידערגעשטעלט און שוין געדאַוונט! ער פלעג אין דער היים אָנטאָן אַ האַנטוך ווי אַ טלית און כאַפּן עפּעס אַן אַלטע יאַרמעלקע און זיך נישט אויפהערן צו גאַרגלען. די שוועסטער מרים, וואָס האָט געלערנט רוסיש, האָט געשריגן גוואַלד, אַז ער לאָזט איר נישט לערנען. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז ער קען שוין בעסער דאַוונען פון אַלע, אָבער דאָס קול קומט נאָך נישט אַרויס גוט ביי אים, ווייל ער האָט נאָך נישט קיין... באָרד. ווען ער האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט, האָט מען נישט אויפגעהערט לאַכן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען לאַכט. ער איז געווען זי־כער, אַז אַ באָרד העלפט צו האָבן אַ גוט קול.

נאָך ימים נוראים האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז דער שוואָ־גער מיט דער שוועסטער זאָלן פאָרן קיין טשיטשמע. עס האָט נאָך דאָרט אַלץ געלעבט אַריבער אַ מנין יידן און זיי זיינען געקומען בעטן, אַז דער שוואָ־גער זאָל פאָרן צו זיי, ווייל זיי מוטשען זיך שטאַרק מיט פלייש און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל דאַוונען שבת פאַרן עמוד און די קינדער גייען אַרום פוסט און פּאַס און זיי לערנען אפילו קיין צורת אלף נישט אויס. דער טאַטע האָט געהייסן פאָרן, ער האָט געזאָגט, אַז די קעסט וועט ווער אים תמיד אָפּ־געגעבן, אָדער ער וועט באַצאָלן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט בענ־קען נאָך מאַמציען. זיידל אַליין האָט געוואָלט פאָרן, אים איז געווען נמאס צו אַרומגיין פוסט און פּאַס. די שוועסטער האָט געוויינט און זי האָט גע־זאָגט, אַז אין קיליע האָט זי חברטעס און וועמען וועט זי האָבן אין טשיטשמע? די שיקסעס? קיין יונגע יידישע ווייבלעך זיינען נישטאָ, סאַמע אַלטע ווייב־בער, די יונגע זיינען אַוועק... אָבער נאָך ימים נוראים האָט מען איינגעפּאַקט צוויי וועגענער מיט זאַכן און מען איז געפאָרן קיין טשיטשמע. די מאַמע איז מיטגעפאָרן העלפן „אָשאָזען" (איינאָרדנען) די שטוב, כאָטש זי האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ „שווער מענטש". מאַמציע האָט געזאָגט, אַז זי וועט אַליין קענען, אָבער די מאַמע האָט נישט געלאָזט. און יאַנקל איז אויך מיטגעפאָרן

אין דאָרף אַריין. ס'איז אים נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען דאָס פאָרן, מען האָט אים נישט געוואָלט מיטנעמען. ער האָט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, אַז ער מוז פאָרן, ער איז נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן אַזאַ ווייטן וועג פון דרייסיק ווערסט מיט אַ פור. ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט זיין אויף קבר אבות ביי זיין ברודערל בערל און ביי זיין שוועסטערל ביילע, וואָס זיי זיינען דאָרט געשטאָרבן. מען האָט אים בשום אופן נישט געוואָלט מיטנעמען און מען האָט אים געלאָזט נאָר פאָרן ביז אין נייעם מאַרק, אָבער ווען ער איז צוגעקומען אַהין, האָט ער זיך אָנגעהאָנגען אויפן וואָגן. דער גוי דער בעל עגלה האָט אים געגעבן אַ שמיץ מיט דער בייטש און ער האָט גע־מיינט, אַז ער איז שוין אַוועק, אָבער ער האָט זיך ווייטער אָנגעהאָנגען. דער גוי האָט אים אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּעליוש און ער איז נאָכגעלאָפן אַ שטיק וועג אָן אַ היטל. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז ער געגאַנגען אָן אַ היטל. ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט און ער איז געלאָפן און געוויינט... די מאַמע האָט דערהערט ווי ער וויינט און זי האָט אָפּגעשטעלט די פור און אים אַרויפגענומען, ווייל עס איז שוין געווען ווייט אהיים צו גיין אַליין, זי האָט אים געזאָגט, אַז מען וועט זיך שוין אין דער היים אָפּרעכענען מיט אים. דער שוואָגער האָט געמוזט אויסטאָן די יאַרמעלקע פון אונטער דעם היטל און אים געבן צו אָנטאָן און ער האָט געקרעכצט, וואָס ער וועט דאַרפן קו־מען קיין טשיטשמע און די באַלעבאַטים וועלן אים אַנטקעגן קומען און ער וועט זיין אָן אַ יאַרמעלקע. און אין טשיטשמע איז געווען טרויעריק. נישט געווען צוליב וואָס צו לויפן און פאַרלירן דאָס היטל און כאַפּן שמיץ און ערשט מורא האָבן פאַר דעם טאַטן און פאַר דעם רבין, אַז זיי וועלן זיך אָפּ־רעכענען. עס האָט אין דאָרף געדעגנט די גאַנצע צייט און אין שטוב איז נישט געווען וואו אַהינטאָן זיך, ווייל מען האָט אויסגעשטעלט די זאַכן און געראַוימט און וואו ער איז געשטאַנען, איז ער געווען אַן איבעריקער. און קיין היטל האָט ער אויך נישט געהאַט. ווען דער שוואָגער איז געגאַנגען קוילען, האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל, האָט יאַנקל אָנגעטאָן די קוטשמע און מען האָט דער־קענט, אַז ער האָט נישט קיין היטל און מען האָט געלאַכט פון אים, ווייל ביידע, סיי די קוטשמע און סיי דאָס היטל זיינען אים אַריבערגעפאַלן איבער די אויערן. ער האָט סיי ווי געהאַט פאַרבויגענע אויערן און די שקצים האָבן אים שטענדיק געשריגן „קאַפּלאַ־אוך", האָט ער מורא געהאַט, אַז איצטער וועלן זיך אים נאָך מער אַריבערבייגן די אויערן. אויף קבר אבות צום שוועס־טערל און ברודערל איז ער געגאַנגען אין איינעם מיט דער מאַמען און דעם שוואָגער און ווען דער שוואָגער האָט געמאַכט מלאס, האָט די מאַמע שיעור נישט געחלשט און ער האָט אויך נישט אויפגעהערט צו וויינען. זען האָט ער גאָרנישט געזען, צוויי שטיינער... אַוועקגעפאָרן פון טשיטשמע איז ער אַ טרויעריקער און ס'האָט אים באַנק געטאָן, וואָס ער איז נאָכגעלאָפן. אין דער

היים האָט ער נישט געקענט פאַרגעסן אין די געשטאָרבענע שוועסטערל און ברודערל און ער האָט שטענדיק געוויינט וועגן זיי. די שוועסטער מרים האָט נישט אויפגעהערט חוזק צו מאַכן פון אים, וואָס ער האָט זיי נישט געקענט און ער הערט נישט אויף וויינען. און דער טאַטע מיט דעם רבין האָבן אים אַזוי אויסגעמוסרט, אַז אים האָט זיך געגלוסט שטאַרבן. ווען מען האָט אים געשלאָגן, האָט אים נישט אַזוי וויי־געטאָן, ווי ווען מען האָט אים געזאָגט מוסר. ער האָט געפילט, אַז דאָס חיות גייט אים אויס, ווען מען שטראָפט אים. און ער האָט טאַקע מורא געהאַט פאַרן גהינום אויך...

און דער ווינטער האָט זיך געגומען אַלץ רוקן און רוקן. פריער מיט ווייסע פרעסטלעך, דערנאָך מיט בלאָטעס און דערנאָך מיט שנייען און פרעסט. דיביימער זיינען פריער געשטאַנען נאַקעטע און האָבן אויסגעזען ווי טויטע און דערנאָך, אַז זיי האָבן זיך איינגעהילט אין שניי און קרענצלעך אייז האָבן פון זיי אָראָפּגעהאָנגען, האָט זיך יאַנקלען געדאַכט, אַז זיי זיינען איינגעהילט אין תכריכים. אַן אורח איז געקומען צו זיי אין שטוב אַריין, איז ער געווען שטאַרק אַלט. ער האָט געהאַט אַ באָרד, איז זי געווען ווייסער ווי שניי און ער האָט געטראָגן שוואַרצע ברילן. עס איז געווען גוט צו קוקן אויף אים, ער איז געווען אַ שיינער, אָבער עס איז אויך געווען שרעקלעך צו קוקן אויף אים. ער האָט שטענדיק געקרעכצט. געזאָגט האָט ער, אַז ער איז אַלט זיבעציק יאָר, אָבער די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין מיסתמא אַלט נייַנציק. ער האָט געקענט אַ סך שיינע מעשהס און ער האָט זיי אין די אויפדערנאַכטן דערציילט אַזוי, אַז עס האָט געקלעמט ביים האַרצן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן מיט אַ ניגון און מיט אַ קרעכץ געשיכטעס וועגן גזלנים, וואָס האָבן געוואָלט טאָן שלעכטס און מען האָט זיי נישט געלאָזט און אַ סך פון זיי האָבן געמוזט ווערן צוריק גוט, אַנדערע האָט מען אויך דערהרגעט. ער האָט אויך דערציילט מעשהס וועגן בעל שם און אַנדערע גוטע יידן, אָבער אין מיטן דערציילן פלעג ער זיך פּלוצים צעקרעכצן. ער פלעג קוקן אויף דעם טאַטן מיט דער מאַמען און ער האָט געזאָגט: „אַז איך זע יונגע מענטשן, וואָס הויבן ערשט אָן צו לעבן, בין איך זיי אַזוי מקנא". די מאַמע האָט געלאַכט און זי האָט געזאָגט: „ וואָס וואָלט איר שוין געזאָגט: ווען איר זעט מיין איידעם מיט מיין טאָכטער, וואָס האָבן נישט לאַנג חתונה געהאַט?" האָט ער נאָך מער געקרעכצט. ער האָט געקוקט אויף די קינדער און ער האָט געזאָגט, אַז די קינדער איז ער נאָך מער מקנא... און ער איז געזעסן וואָכן און וואָכן, מען האָט נישט געקענט פּטור ווערן פון אים. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין איזמאַיל, איז די שיף נישט געגאַנגען, ווייל דער טייך איז שוין געווען פאַרפרוירן און מיט אַ וואָגן איבער דעם אייז האָט ער מורא געהאַט צו פאָרן, ווייל דאָס אייז קען זיך נאָך איינברעכן. ס'האָט זיך טאַקע געטראָפן, אַז ס'האָט זיך איינגעבראָכן און אַ פור איז אַריינגעפאַלן.

מען האָט פאַר אים קוים געפונען אַ פורל, וואָס איז געגאַנגען אַרום און אַרום און ער איז אַוועק אָן חשק.

און ווען דער אַלטער איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער טאַטע גענומען דער־ציילן מעשהס. ער האָט אויך געקענט מעשהס און שיינע און אַ סך. אַלע זיי־נען זיי געווען מיט אַ מוסר השכל ווענן דעם, אַז דער מענטש זאָל זיין גוט. איבער הויפּט האָט דער טאַטע ליב געהאַט צו דערציילן מעשהס שביתי נאַכטס, נאָך דער הבדלה. עס פלעג דעמלט זיין וואַרעם און ליכטיק און עס האָט געשמעקט. די מאַמע האָט דערלאַנגט אַזאַ שמעקנדיקן בּאַרשט און פון בשמים האָט אויך געשמעקט. „ויתן לך" האָט יאַנקל געזאָגט אין איינעם מיטן טאַטן און ער האָט געפילט דעם ריח פון טוי און פעלד. דערנאָך האָט דער טאַטע אַליין געזונגען „אליהו הנביא". דער ניגון האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע איברים. אַלע קינדער האָבן שטיל נאָכגעזונגען און ס'האָט זיך זיי געוואָלט אי וויינען, אי טאַנצן. ס'האָט זיך אַלעמען געוואָלט, אַז דאָס געזאַנג זאָל קיינמאָל נישט אויפהערן. און ערשט דערנאָך האָט דער טאַטע דערציילט מעשהס...

די מאַמע איז אַלץ געוואָרן מער און מער אַ שווער מענטש און יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, וואָס זיסיע האָט געמיינט. זי האָט געקרעכצט: „דאַכט זיך נישט קיין עין הרע דאָס ערשטע מאָל און פון דעסטוועגן האָט זי זיך קיינ־מאָל אַזוי שווער נישט געפילט". דער טאַטע האָט טרויעריק געשמייכלט און געזאָגט, אַז זי האָט שוין פאַרגעסן. און מען האָט נאָך געלאַכט אויך פון איר. וואָס לאַכט מען? די מוטער שרה האָט געהאַט צו ניינציק יאָר אַ קינד און איר פעלט נאָך צו ניינציק אַ גאַנצער שמיץ. און זי האָט גענומען אויסרעכענען, אַז זי איז נאָך קיין פערציק יאָר נישט אַלט. אויף דעם טאַטנס חשבון האָט מען זיך אויך געחכמהט. די קצבים אין „בוינע" האָבן געזאָגט: „אַזוי, אַזוי, ר' אברהם, אויף דער עלטער גאָר! אויף אייך האָבן מיר זיך נישט געריכט!" און דער טאַטע האָט געלאַכט און עפּעס איז ער געווען טרויעריק. עפּעס האָט ער גע־שמייכלט מיט בושה. ער איז שוין געווען אָפּגעוואוינט צו האָבן אַ קליין קינד. אפילו שפרה איז דאָך שוין געווען אַ גרויסע מויד. און ער האָט געבעטן גאָט, אַז עס זאָל באַטש נישט זיין קיין מיידל; זאָל עס בדאַי אָנפּייפן יאַנקלען אין בן יחידות, אַבי ס'זאָל נישט זיין קיין מיידל. און ווען ס'איז געקומען דער ווינטער, איז שוין די מאַמע געוואָרן גאָר שווער. זי האָט שוין נישט געקענט גיין אין מאַרק אַריין און וועמען צו שיקן האָט זי נישט געהאַט. עס איז גע־ווען אַ דינסט, אָבער וואָס פאַרשטייט אַ דינסט? און זי קען גנבענען אויך! און דער טאַטע איז דאָך אַ שוחט און וועט דאָך נישט גיין האַנדלען מיט גויהס. דאָס שווערסטע איז געווען מיט פיש אויף שבת, אין דער וואָך, ווען דער פאַרקויף איז געווען אויף דעם נייעם מאַרק און אויף דעם אַלטן האָט מען גאָרנישט געקראָגן. עס זיינען געשטאַנען גרויסע פרעסט און אַ

מיידל האָט מען נישט געקענט שיקן אַזוי ווייט. איז די מאַמע געפאַלן אויף אַן עצה און זי האָט אָנגעפּעלצט יאַנקלען און אים אָנגעטאָן מיט קאַלאָשן און מיט אַ באַשליק און אים געשיקט מיט אַ קויש אין מאַרק אַריין און ער האָט איינגעקויפט און ביליק אויך. די מאַמע האָט געקוועלט פאַר תענוג: ס'איז גוט צו האָבן אַ יינגל! אַ מיידל וואָלט פאַרפרוירן געוואָרן אין אַזעלכע פרעסט! און זי האָט געבעטן גאָט, אַז זי זאָל איצטער אויך האָבן אַ יינגל, אויב זי איז ווערט ביי אים. און זי האָט געפועלט! אין אַ טאָג פון אַ שטאַרקן פראָסט האָט מען געהאַלטן אין איין טראָגן טשייניקעס מיט הייס וואַסער פון קיך אין „ספּאַלניע" אַריין. עס האָט געטראָגן דער טאַטע, און מרים האָט אויך געטראָגן די טשייניקעס. און ס'איז געקומען די יידענע, וואָס יאַנקל האָט גע־זען אין די אַלע שטיבער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען בריתן און לעקעך און בראָנפנס. און מ'האָט טאַקע נאָך אין יענעם טאָג אָנגעזאָגט יאַנקלען די בשורה, אַז ער איז שוין אויס בן יחיד, ער האָט שוין אַ ברודערל. דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען עס צו זען, אָבער מען האָט אים געלאָזט קוקן ערשט שפּע־טער און ווען ער האָט עס שוין געזען, איז עפּעס געווען צו זען אַ רויט שטיק פלייש, וואָס האָט נאָר געוויינט. וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז גע־שטאַנען, האָט מען זיך געריצט מיט אים, וואָס ער איז שוין מער נישט קיין בן יחיד און אַלע האָבן געלאַכט פון אים, וואָס מען האָט אים אָנגעפּייפט; און ער איז גאָר געווען פריילעך און גליקלעך. ער האָט מקנא געווען אַלע יינגלעך, וואָס האָבן געהאַט ברידערלעך און איצטער האָט ער זיך אַליין מקנא געווען! כאָטש געפילט האָט ער, אַז ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן ביז וואַנען ער וועט זיך קענען שפּילן מיט דעם נייעם ברודערל, וואָס איז דערוויילע נאָך גאָר, גאָר נישט קיין מענטש און נישט קיין מענטשעלע אַפילו. ער האָט געוואָלט ווי־סן, ווי אַזוי ער וועט הייסן און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז נאָך דעם זיידן לייב. מ'האָט זיך אַביסל געדונגען און די מאַמע האָט אויסגעפירט. זי האָט געוואָלט, אַז דער נאָמען זאָל זיין נאָך איר טאַטן און זי האָט דערמאָנט, אַז דאָס ערשטע יינגל האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם טאַטנס טאַטן, איז עס געשטאָרבן און אַז כמעט אַלע קינדער, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן בערל, זיינען גע־שטאָרבן. דער טאַטע האָט געזאָגט ברוגז, אַז אַפילו אין קימפּעט וויל זי זיך אויך קריגן און ער האָט אויסגערעכנט אַ סך בערלס, וואָס לעבן און זיינען געזונטע יונגען. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז זיין ברודערל וועט הייסן לייב און ער האָט אים שוין געוואָלט אַזוי רופן, אָבער מען האָט אים געזאָגט, אַז מען טאָר נישט רופן ביים נאָמען פאַר דעם ברית. האָט ער אים דערוויילע גערופן נאָר „ברודערל" און ער האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט אים שוין קענען רופן ביים נאָמען. צום ברית איז אַריינגעקומען דער שוואָ־גער אין איינעם מיט דער שוועסטער. כאָטש די שוועסטער איז שוין אַליין געווען אַ שווערער מענטש און זי האָט זיך געדאַרפט וואָס ווייניקער טרייס־

לען אויף אַ וואָגן. יאַנקל האָט נאָר געוואָלט שטיין און קוקן ווי אַזוי דער טאַטע איז מלה דאָס נייע ברודערל, אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט און אַזוי ווי מען האָט גאָר געמאַכט דעם מי שברך און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יהודה לייב, האָט יאַנקל אויסגעשריגן צו אים מיט אַ געוואַלדיקער גדולה: „ברודער לייב!" און ער האָט זיך עפּעס דערפילט פרייער. איצטער וועט ער שוין נישט זיין קיין בן יחיד און מען וועט אים וויניקער פּעסטען און אפשר אויך וויניקער מוטשען מיט לערנען. די מאַמע וועט שוין האָבן אויף נאָך גן עדן פון אַ ייִנגל און ער וועט זיך קענען מער שפּילן, ווייל עס האָט אים אָנגעהויבן צו ציען מער צום שפּילן ווי צום לערנען. ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן מקנא זיין די ייִנגלעך, וואָס שפּילן זיך מער פון אים...

☆

קאפיטל צען

ער פאַרט קיין אָדעס און זעט די רעוואָלוציע

אַ שטיק צייט האָט יאַנקל געלערנט שלעכט. דאָס ברודערל איז אים קיינמאָל נישט אַרויס פון קאָפּ. וואָס ער האָט נישט געלערנט, האָט ער געקלערט וועגן דעם, וואָס דאָס ברודערל טוט. אין שטוב האָט מען אים צופיל געזאָגט, אַז ער איז אויס מיוחס, האָט דאָס אים אָנגעהויבן פאַרדריסן. איז ער געווען אויפגערעגט און ער האָט זיך אין חדר געקריגט מיט די קינדער. איין יינגל, וואָס ער האָט פיינט געהאַט, האָט ער נאָר געוואָלט דערהרגענען און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן הבל און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיין קין... עס זיינען אים בכלל איינגעפאַלן מאָדנע געדאַנקען. ער האָט געטראַכט, אַז משה רבנו ברודער וואָלט נישט געווען אהרן הכהן, נאָר קין וואָלט געווען בעסער, קין וואָלט משהן דערהרגעט און עס וואָלט נישט געווען קיין „מען טאָר נישט". וואָס ער האָט געוואָלט טאָן, האָט מען אים געזאָגט „מען טאָר נישט", כאָטש אַלע אַנדערע יינגלעך האָבן עס געטאָן. דער תירוץ איז געווען, אַז ער איז אַ טאַטנס אַ קינד, גלייך די אַנדערע וואָלטן נישט געווען קיין טאַטנס קיין קינדער. אַנישט האָט מען אים פשוט געזאָגט, אַז ער איז אַ שוחטס אַ זון און דערמיט האָט מען אים שוין אין גאַנצן אָפּגעפּסקנט. ער האָט אָנגעהויבן לערנען אַזוי שלעכט, אַז דניאל האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים אַראָפּרוקן מיט אַ כתה נידעריקער. און ער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אים צושטעלן אַ בענקעלע צום טאַטן מיט דער מאַמען. און דאָס דאָזיקע האָט אים געאַרט מער פון אַלץ. דער רבי האָט אים אָנגעהויבן אָפּט שלאָגן מיט דער שאַרפער זייט פון דער ווירע און ער האָט עס אַריבערגעטאָגן. ער האָט ביי יעדן קלאַפּ געגעבן אַ געשריי „איי, איי", די יינגלעך האָבן געזאָגט, אַז ער שרייט ווי אַ הינטעלע. אייניקע האָבן גאָר געזאָגט, אַז ער שרייט „דיטן". דער רבי האָט נאָך יעדן קלאַפּ אים געפרעגט, צי ער וועט שוין זיין אַ וואויל יינגל און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און טרערן האָבן זיך אים

אראפגעטרייסלט. און אז דאס האט אויך נישט געהאלפן, האט דער רבי געשיקט רופן דעם טאטן מיט דער מאמען און פאר די יינגלעך אין די אויגן האט ער גענומען און פאוואליע און קלאר דערציילט אלץ, וואס מיט אים איז געווארן. די מאמע האט זיך א צערודערטע און אויפגערעגטע געווארפן צו אים און זי האט מוראדיק געיאמערט און געוויינט און דער טאטע האט געשוויגן און דאס האט אים נאך מער אויסגעריסן דאס הארץ. ער האט געוואלט מאכן אנדערש און ער האט נישט געקענט. ער האט געוואלט טראכטן צום לערנען, אבער ס'איז נישט געקראכן אין קאפ אריין.

און דא איז אנגעקומען זיין שוועסטער, זי האט געדארפט געלעגן ווערן, איז זי געקומען צו דער מאמען האבן דאס ערשטלינג. מען האט אים געמוסרט און געזאגט, אז ער דארף שוין ווערן א פעטער און ער מאכט זיך אזוי נאריש. ער האט געענטפערט, אז זיין ברודער לייב, וואס איז אלט א פאר חדשים וועט שוין אויך ווערן א פעטער. האט די מאמע געוויינט, אז שכל האט ער, נאר א מענטש וויל ער נישט זיין. און מען האט אים פאר מאמציען אין די אויגן אים געמוסרט און דאס דאזיקע האט אים נאך מער וויי־געטאן. ער האט זיך געשעמט. ער וואלט בעסער געוואלט כאפן א ים מיט קלעפ, איידער הערן די רייד... דאס חיות האט מען אים ארויסגענומען. מען האט אים געסטראשעט, אז מען וועט אים מאכן פאר א שוסטער און פאר א וואסערפירער. איינמאל האט מען אים שוין ארויפגעזעצט צו טימעלען אויף דער „וואדאוואזניע", אז א גאס מיט יינגלעך האט געזען. ווען ער האט נישט מורא פאר גאט, וואלט ער זיך געווארפן אין וואסער אריין. טימעלע האט געוויינט און געזאגט, אז ער וועט דווקא זיין א רב. און ס'האט נאך דעמלט געדארפט אנטראגן אין שטאט אריין זיסיען, דעם זעלביקן זיסיען, וואס האט אין יענעם פרייטיק צו נאכטס פון דער חתונה געוואלט האבן א געפילט העלזל. און ער האט געדארפט הערן ווי מען זאגט אים מוסר און ער האט זיך אויך אריינגעמישט. ער האט געהאפט צו האבן אזא יינגל ווי יאנקל, האט ער געזאגט, ער האט שטענדיק געבעטן גאט צו האבן אזא יינגל ווי ער און צום סוף האט ער גענומען און זיך אזוי באנארישט. ער וועט דאס דערציילן אלע באלגארן אין דארף. און זיין שוואגער האט א שיין מיידעלע, וועט מען זי אים שוין נישט געבן פאר א כלה.

און דערווייל איז מאמציע געלעגן געווארן און האט געהאט א יינגל. עס זיינען אריינגעקומען דער מחותן און די מחותנתטע פון טאטארבונע, כאטש ביי זיי איז עס שוין נישט געווען דאס ערשטע אייניקל. עס איז געווארן א דינגעניץ איבער דעם נאמען. די מאמע האט געוואלט, אז דאס ערשטע אייניקל אירם זאל הייסן נאך איר טאטן, אזוי פירט זיך, האט זי געזאגט. האט די מחותנתטע געענטפערט, אז אזוי פירט זיך ביי ליטוועקעס, נישט ביי בעסא־

ראַבער, ביי בעסאַראַבער איז דער מאַן וויכטיקער, דער מאַן האָט אויך גע־האַט אַ זיידן, רוען זאָל ער אין גן עדן. און ס'איז געבליבן, אַז ער זאָל הייסן נאָך ביידע זיידעס — הערש לייב. באַלד נאָך דעם ברית האָט די מחותנתטע גערופן דאָס קינד הערשעלע און די מאַמע האָט אויף צו להכעיס גערופן ליי־בעלע. און ס'איז ווידער אַרויס אַ קריג און ס'איז געבליבן, אַז מען זאָל אים טאַקע רופן ביי ביידע נעמען. הערש לייב איז אַ זייער שיינער נאָמען...

אָבער כאָטש די מחותנתטעס האָבן זיך געקריגט, איז געווען זייער פריי־לעך. ס'איז געווען דער אמתער ברית מיט עסן. די מאַמע האָט געפּראַוועט אַ מיטיק נאָר אַזוי ווי זי קען און וויפל מאָל מען האָט זי גערופן „באָבע", איז זי געווען גרייט זיך צו שטעלן טאַנצן. די ווייבער האָבן זיך גוטמוטיק גערייצט מיט איר און זיי האָבן געזאָגט: „קוק נאָר נאָך דאָס באָבעלע מיט דעם קליי־נעם קינד ביי דער ברוסט!" די מאַמע האָט זיך געשעמט און זיך געפרייט. דער טאַטע איז גאָר געווען אויפן זיבעטן הימל. באַלד ווי ער האָט נאָר גע־דאַרפט אָנהייבן ווערן זיידע, איז ער שוין געווען גליקלעך און ער האָט ניט אויפגעהערט צו זוכן גרויע האָר אין דער רויטער באָרד און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „אַ זיידע דאַרף דאָך האָבן אַ גרויע באָרד, נישט קיין רויטע"... און ווען מאַמיציע איז געגאַנגען שווער צו קינד און זי האָט געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז מען האָט זיי געהערט אין צווייטן עק שטאָט, האָט דער טאַטע געוויינט און געזאָגט תהילים און אַ ברום געטאָן: „שווער ווערט מען אַ זיי־דע"... און ביים ברית האָט ער געשיינט. ער האָט אַליין מלה געווען דאָס קינד און ער איז עפּעס געווען ווי אַ קעניג. שטענדיק ביים מיטיק פלעג דער טאַטע באַלד נאָכן וואַשן נישט געפונען קיין מעסער, אָדער קיין זאַלץ און ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן „אי נו אָ", ער האָט אפילו די ווערטער „סכין" און „מלח" נישט געוואָלט אַרויסזאָגן. און די מאַמע פלעג באַלד ווערן נערוועז און שרייען: „אַ מענטש זאָל גאָרנישט קענען געפינען. עס ליגט דאָך דיר אַלץ פאַר די אויגן". ביים ברית איז דער טאַטע געווען אַזוי אויפגע־לייגט, אַז ער האָט באַלד אַלץ געפונען און ער האָט דאָס „שטום לשון" נישט גערעדט. די גוטע אויגן האָבן אים געשיינט און זיי האָבן זיך דאַכט זיך געבעטן: „רופט מיך זיידע..." און זיי האָבן אַלעמאָל געזוכט גרויע האָר אין דער באָרד...

יאַנקל איז געווען צופרידן, וואָס מען האָט אין אים פאַרגעסן. ער אַליין האָט אויך געפּרואווט פאַרגעסן אין זיינע שלעכטע געדאַנקען. עס איז אָנגעג־קומען זיין שוועסטערקינד ניסל. אין איינמאַל איז אַלץ געוואָרן ערגער און ערגער און ס'איז נישט געווען וואָס צו טאָן, האָט אים דער פעטער געשיקט, אַז ער זאָל זוכן אַרבעט אין קיליע, ווייל דאָרט האָט זיך געשטעלט אַ גוט יאָר. און ניסל איז אַלץ געווען אַ „שוטניק" און יאַנקל האָט פון זיין יעדער וואָרט געלאַכט. מען האָט אים געפונען אַרבעט ערגעץ אין אַ „מאַגאַזין",

האָט ער געפרעגט יאַנקלען וואו דאָס שפּייכלער געפינט זיך, האָט ער אים גע־ענטפערט, אַז ביי חיים יאַנקלען, האָט ניסל געזאָגט, אַז ער ווייסט אפילו נישט וואו חיים געצל איז... יאַנקלען איז דאָס אויסגעקומען מוראדיק קאָמיש און ער האָט אפשר אַ שעה געלאַכט. און ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ס׳איז לעבן בית מדרש, האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט אַפלו נישט וואו די באָד איז, האָט ער ווידער געלאַכט... עס איז געקומען צו זיי צוגאַסט אין יענעם זומער מאַניע דער מומע ליבעס. מאַמציע איז שוין אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין און ס׳איז געווען פּלאַץ אין שטוב. די מומע ליבע האָט זי גלאַט געשיקט זיך דורכפאָרן און אין איין וועג זאָל זי זען אַ קיליער שדכן... נים־לען איז נישט געפעלן די אַרבעט און ער איז צוריקגעפאָרן. מאַניע האָט גע־לויבט יאַנקלען און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ שטיל קינד. איר ברודער לייב קערט איבער איזמאַיל! יאַנקלען זיינען געקומען טרערן אין די אויגן אַריין, ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט אַ גוט וואָרט וועגן זיך... און באַלד נאָכ־דעם, וואָס מאַניע איז אַוועקגעפאָרן, איז געקומען אַן אַנדער שוועסטערקינד — לאה. די יינגערע, וואָס די באָבע האָט געכאָוועט, איר מאַמע איז געשטאָר־בן און איר טאַטע איז געווען אין ארץ ישראל. זי איז געקומען וועגן אַ שי־דוך. מען האָט איר גערעדט אַ קיליער יינגל. טאַקע דער מומע חווה דעם פעטער פראָימס אַ ברודערס אַ זון. דער טאַטע זיינער איז געווען אַ סטאָליער און דער זון איז געווען אַ פראָסטעק און ער האָט געהאַנדלט אויף דעם מאַרק. ער האָט געקענט אַביסל סטאָלעריי, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין בעל מלאכה. דער שידוך איז פאַר דעם נייעם מחותן, וואָס האָט געהייסן חיים סטאָליער און איז געווען אַן איידעלער ייד מיט אַ ווייסער באָרד און האָט געדאַוונט אין בית מדרש, געווען אַ גאַנצער יחוס. אָבער נדן האָט ער דאָך געוואָלט אַ סך. מען האָט זיך געדונגען מיט אים און די מאַמע האָט איינגע־לייגט וועלטן און געשריגן צום סטאָליער, אַז ער זאָל נישט פאַרשעמען קיין יתומה. דער מאַמען איז געגאַנגען אין לעבן אַריין, אַז זי זאָל אויספירן דעם שידוך, ס׳איז אַ גרויסע מיצווה, האָט זי געזאָגט. איר קינד איז נישט ביי איר, זי איז אין דער פרעמד, וועט זי לאָזן האַלטן ווי אַן אייגן קינד און זי האָט געוויינט. און עס איז געוואָרן אַ שידוך. מען האָט באַלד געפראַוועט תנאים און די חתונה האָט מען אָפּגעשטעלט אויף שבת נחמו. די חתונה איז טאַקע געווען אין קיליע, די באָבע האָט זי געמאַכט און אַלע קינדער האָבן אונטערגעהאָלפן. עס איז געווען אַ שיינע חתונה, אָבער, האָט די מאַמע גע־זאָגט, צו מאַמציעס חתונה איז עס נישט געקומען, יענע איז געווען אַ וועלט־חתונה...

און אין יענעם זומער האָט מען אויך גענומען בויען די שול פון די „נושאים”. מען האָט שבת נחמו געמאַכט אַ „זאַקלאַטשינע” (גרונטשטיין לייגן), איז געקומען די גאַנצע שטאָט און קלעזמער האָט מען אויך געבראַכט.

אורי גאָלדענבערג האָט געלייגט דעם ערשטן שטיין און ער האָט באַצאָלט פינף הונדערט קערבלעך. ער האָט אַליין אַריינגעלייגט דעם ציגל און ער האָט אַריינגעגאָסן צעמענט, ער האָט זיך שיעור נישט אויסגעשמירט. און דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע, עס זיינען געפלויגן הונדערטערס און פופציקערס און פינף און צוואָנציקערס. דערנאָך איז געקומען צו חי קערבלעך און נאָך ווייניקער. בעל מלאכות האָבן געשענקט טישן און בענק און שטענדערס און דעם ארון קודש און דעם באַלעמער און דעם עמוד. פאַרבערס האָבן געשענקט דאָס אָפּפאַרבן. אַפילו טימעלע האָט עפּעס געשענקט, אַ גאַנץ יאָר וואַסער האָט ער געשענקט. עס איז געווען אַ גרויסער יום טוב ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. מען האָט געטרונקען בראָנפן און ווין און געגעסן האַרטע אייער, אַזוי ווי ביי אַ „כלפי". די אַלטע שול האָט מען נישט צעוואָרפן, ווייל מען האָט נאָך געדאַרפט דאַוונען אין איר און חוץ דעם האָט מען געזאָגט, אַז מען טאָר נישט צעוואַרפן קיין שול ביז וואַנען מען בויעט נישט אויס קיין נייע. האָט מען די אַלטע שול געלאָזט אינעווייניק און אַרום איר האָט מען געבויעט די נייע, וואָס מען האָט געמאַכט פון ליים און ציגל און וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סך גרעסער. האָט זיך יאַנקל אַריינגעטאָן אין דער נייער שול אַריין און ער האָט פאַרגעסן אין זיינע שלעכטע געדאַנקען און ער איז געוואָרן אַ נייער מענטש. דניאל האָט געזאָגט, אַז ער דערקענט אים נישט, ער האָט אים שוין צוריק אַריינגעפירט אין דער גרעסערער כתה. די מאַמע האָט געשיינט און זי האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ „געטוענע זאַך" און גאָט זיי דאַנק, וואָס מען איז עס שוין איבערגעקומען. יאַנקל האָט זיך ווידער אַריינגעטאָן אין לערנען אַריין און ער האָט אין אַ קורצער צייט אַליין אָפּגעלערנט די מסכתא „ברכות", וואָס איז די ערשטע גמרא פון ש"ס. ער האָט געוואָלט קענען די ערשטע גמרא און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל אָנהויבן לויט דער ריי און אַזוי אָפּלערנען גאַנץ ש"ס. מען האָט אויסגערעכנט, אַז ווען מען לערנט אַלע טאָג אַכצן בלאַט גמרא, אויסער תשעה באב, ווען מען טאָר נישט לערנען, ענדיקט מען גאַנץ ש"ס אין איין יאָר; און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ענדיקן. ער איז שוין דעמלט געווען אַלט אַריבער צען יאָר.

אָבער ווידער האָט עפּעס געטראָפן, וואָס האָט שווער געמאַכט דאָס לעבן. נאָך יום כיפור האָט דניאל געמעלדעט דעם טאַטן, אַז ער קען נישט צונויפֿשטעלן קיין חדר. קיליער יידן האָבן זיך פאַרקוקט אויף די איזמאַילער און זיי ווילן נישט לערנען קיין גמרא זייערע קינדער. אַפילו הערשל שוחט זאָגט, אַז וועדליק פאַר סוחרים, איז גענוג פאַר זיינע קינדער. אברהם איז געבליבן דער איינציקער, וואָס האָט געוואָלט לערנען זיין זון, אָבער צוליב אים און אפשר נאָך צוויי יינגלעך קען ער נישט האַלטן דאָס חדר און ער וועט זיך מוזן נעמען צוריק צו פאַרבעריי. וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקי האָט יאָ געוואָלט לערנען זיינעם אַ זון, וואָס האָט געהייסן ברוך און ער האָט געוואָלט שטאַרק

באַצאָלן דערפאַר. ער האָט אפילו געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל זיין אַ כתה מיט אים, כאָטש ער איז געווען עלטער פון אים מיט אַ פינף יאָר, אָבער ברוך אַליין האָט נישט געוואָלט לערנען און ער האָט שוין איין מאָל צוגענומען הונדערט קערבלעך ביים פאָטער און ער איז אַנטלאָפן מיט דער שיף קיין אָדעס און מען האָט אים קוים צוריקגעבראַכט פון דאָרט. אין חדר איז ברוך געווען אי אַ גוטער, אי אַ שלעכטער. ווען עס איז אים אָנגעקומען, האָט ער אוועקגעגעבן אַליץ, וואָס ער האָט געהאַט און אַן אַנדער מאָל האָט ער זיך געוואָרפן שלאָגן צו קלענערע קינדער פון אים. ער האָט געטאָן אַ סך מיאוסע זאכן ביים לערנען און די יינגלעך האָבן מורא געהאַט צו דערציילן דעם רבין, ווייל ער איז געווען דער שטאַרקסטער און ער האָט יעדן געשלאָגן. ער האָט געטאָן אַזעלכע מיאוסע זאכן, אַז מען האָט גערדאַרפט זיין אַ פאַסקודניאַק, אַז מען זאָל נישט דערציילן דעם רבין, אָבער מען האָט נישט דערציילט. ער פלעג אַרויסנעמען די מילה אין דרויסן אַרויס און זיך שפּילן מיט איר. אַ סך יינגלעך האָבן געלאַכט און דער רבי האָט זיי שטאַרק געשלאָגן, אָבער אויסגעזאָגט האָבן זיי נישט. אפילו זיין אייגענער קלענערער ברודער, וואָס האָט געהייסן אברהם און מען האָט אים גערופן דער „טשייניק”, ווייל ער האָט אַ סך גערעדט, האָט אויך מורא געהאַט אויסצוזאָגן. דניאל האָט נישט געוואָלט עפנען אַ חדר נאָר מיט עטלעכע יינגלעך און דער טאַטע האָט זיך געשראָקן, אַז יאַנקל וועט דאַרפן אומגיין בטל. און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים פירן אין דער ישיבה אַריין. מען האָט אים אָפּגערעדט, ווייל ער איז צו קליין. אַזעלכע קליינע יינגלעך זיינען גאָר אין דער ישיבה נישט געווען. אין ערשטן חדר האָבן דאָרט, האָט מען געזאָגט, געלערנט צוועלף יעריקע יינגלעך, אָבער נאָר קעשענעווער, פון די גרעסערע שטעט קומען גרעסערע יינגלעך אין די על־טערע חדרים. אָבער מען האָט דערציילט, אַז פון אַקערמאַן איז אין קעשע־נעוו געווען אַ קליין יינגל פון צען יאָר און ער האָט שוין דאָרט געלערנט, ווייל ער איז אַן אויסגעשפּילט קעפּל. דער טאַטע זיינער איז געווען אַ סוחר, אָבער דער זיידע זיינער איז געווען אַ סופר מיט אַ גרויסן נאָמען, דער גרעס־טער אין בעסאַראַביע, נחמן סופר האָט מען אים גערופן און פאַר זיינע אַ פּאָר תפילין האָט מען געצאָלט אַ פאַרמעגן. און דאָס אַקערמאַנער יינגל האָט אויך געהייסן יאַנקל. איידער אומגיין פּוסט און פּאַס, האָט דער טאַטע גע־זאָגט, און טרייבן חזרים, איז בעסער אין דער ישיבה. קיין „טעג” האָט מען אין דער קעשענעווער ישיבה נישט געגעסן, דער גביר שלום פערלמוטער האָט זי אויסגעהאַלטן און מען האָט דאָרט געגעבן עסן אין ישיבה אויסער שבת. אין קעשענעוו האָט דער טאַטע געהאַט אַ סך קרובים און קיליער זיינען דאָרט אויך געווען און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. די מאַמע האָט געוויינט, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז זי זאָל אים נישט פעסטען, ווייל ער איז שוין נישט קיין בן יחיד. קיינמאָל האָט ער נאָך נישט געזען

דעם טאַטן אַזוי זיך פאַרעקשנען. דער פעטער נוח האָט אָפּגערעדט דערפון, פון איזמאַיל איז אָנגעקומען אַ בריוו פון פעטער אלי, אַז יאַנקל איז נאָך צו קליין און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַן עלטערער ברודער איז ווי אַ טאַטע, מען דאַרף אים פאָלגן און אָפּגעבן כּיבוד אָב און דער טאַטע האָט זיך גע־האַלטן ביי זיינעם, ער וועט נישט אַ תּל מאַכן דאָס קינד, וואָס וויל זיין אַ מענטש. און די מאַמע האָט מיט דעם קליינעם קינד אויף די הענט זיך גע־זעגנט אים נייען וועש און וואַרעמע לייבלעך און באַלד נאָך שבת בראשית האָט דער טאַטע זיך אויפגעזעצט מיט יאַנקלען אויף דער שיף און ער איז מיט אים געפאָרן קיין אָדעס. מען האָט געקענט פאָרן קיין קעשענעוו מיט דער אָקס. עס איז געווען אַ הונדערט אַכציק ווערסט, אָבער מען האָט זיך גע־דאַרפט צופיל פּלאָגן און ס'האָט נישט געקאָסט קיין סך ביליקער. אין יענער צייט זיינען שוין אַלע געפאָרן קיין קעשענעוו דורך אָדעס. פריער מיט דער שיף און דערנאָך מיט דער באַן. דאָס פאָרן אַליין איז יאַנקלען שטאַרק געפעלן. מיט דער שיף און מיטן „פּאַיעזד". ער איז שוין געפאָרן מיט דער שיף, אָבער נאָר קיין איזמאַיל, דריי שעה. קיין אָדעס פאָרט מען אַ גאַנצע נאַכט און אי־בער דעם ים. היינט וואָס איז ווערט דאָס פאָרן מיט דעם „פּאַיעזד!" אַ סך יינגלעך, זיינען דאָ אין קיליע, וואָס האָבן אפילו געזען אַ באַן? און דאָס אָנ־קוקן אָדעס, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זי איז איינע פון די גרעסטע שטעט אין דער וועלט. און קעשענעוו איז אויך נישט צום אַרויסוואַרפן! דאָך איז יאַנקל געווען טרויעריק, ער האָט שוין געבענקט אַהיים. ער האָט געבענקט נאָך דער מאַמען און נאָך דעם טאַטן און אפילו נאָך די שוועסטער מרים און שפרה מיט וועלכע ער האָט זיך שטענדיק געקריגט. און מער ווי נאָך אַלע האָט ער געבענקט נאָך דעם קליינעם ברודערל, וועלכן ער האָט נישט אויפ־געהערט קושן און ער האָט פאַרגאָסן מיט טרערן... עס איז שוין געווען אַ היפּשע בלאָטע אין קיליע, ווען זיי זיינען דעמלט אַרויסגעפאָרן און די קיב־לעך מיטן צוקער, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן, זיינען אַריינגעפאַלן אין בלאָטע אַריין לעבן דער שיף. די מאַמע איז בייז געוואָרן און אַ יידענע האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ שלעכטער סימן. אָבער דאָס רענצל איז שוין געווען אויף דער שיף. איציק זיידמאַן איז געקומען, אָוועקגערופן דעם טאַטן און אים דערציילט, אַז אין אָדעס קומען פאָר „זאַבאַסטאָווקעס" (שטרייקן) אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אין אָדעס זיינען דאָך דאָ נאָך יידן און אין קעשע־נעוו אויך!

ס'איז געווען אַ שפּעטער זומער פאַרנאַכט, זוען די שיף איז אַוועק. ס'איז נאָך געווען אַ צוויי שעה צו נאַכט און דאָס ערשטע, וואָס דער טאַטע האָט געטאָן אויף דער שיף, איז געווען, וואָס ער האָט אויסגעזוכט אַ ווינקל און זיך געשטעלט דאַוונען מינחה. אויך יאַנקל האָט זיך געשטעלט דאַוונען. און מען איז געפאָרן נישט מער ווי אַריבער אַ שעה, איז מען אָנגעקומען קיין

ווילקאָוו. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַראָפּ וואַסער, גייט די שיף ניבער. ווילקאָוו האָט אויסגעזען אַזוי ווי קיליע, ווען עס איז דאָרט געווען דאָס געוויסער, אומעטום זיינען געווען קלאַטקעס און בריקלעך און די גאַנצע שטאָט איז פול געווען מיט וואַסער. דער שוחט פון ווילקאָוו האָט געהייסן זיידל און ער איז געווען דעם טאַטנס אַ ווייטער קרוב. האָט ער געוואַרט ביים שיף. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קלוגער ייד און אַ למדן, אָבער ער האָט נישט קיין מזל און ער מוז נעבעך זיין שוחט אין אַזאַ עק, ווי ווילקאָוו. און קיין קינדער האָט ער אויך נישט נעבעך. געוואַרט האָט אין ווילקאָוו, לעבן דער שיף, דער גוטער, האַרציקער פרעמדער זיידע, דער ליבער און טייערער ר' משה טשיטשילניצקי, וואָס האָט דאָרט געוואוינט; פאַר יאַנקלען איז דאָס געווען די גרעסטע פרייד. ער איז פאַר אים געווען אַן אייגענער און ער איז ווי אויפגעשטאַנען פון יענער וועלט. ער האָט שוין אויסגעזען אַ סך עלטער און ער איז שוין נישט געווען אַזוי פריילעך ווי אַמאָל. יאַנקל האָט געוואָלט פרעגן דעם טאַטן פאַרוואָס מענטשן ווערן אַזוי אַלט, אָבער ער האָט זיך געשעמט. די שיף איז געשטאַנען אַ שעה אין ווילקאָוו און די שטיבער זיינען געווען לעבן דער שיף, האָט משה געוואָלט נעמען די געסט צו אים אויף וועטשערע און דער שוחט האָט זיי געוואָלט נעמען צו זיך; מען האָט זיך שיעור נישט צעקריגט. געבליבן איז, אַז מען זאָל זיין אויף גיך ביי ביידע און נעמען איינגעמאַכטס מיט לעקעך און מיט בראָנפן. עסן וועט מען שוין סיי ווי אויף דער שיף, ווייל די מאַמע האָט מיטגעגעבן אַ סך עסן. דער שוחט האָט דערווייל דערציילט זיינעם אַן אויפטו. ביי אַ גוי דאָרט אין אַ קלייט האָט מען צוגעגנבעט צוואַנציק קערבלעך, קיין „מיראָוואָי סודיאַ" איז דאָרט נישט געווען און דער גוי איז געקומען צום „כאַכאַם", אַז ער זאָל געפינען דעם גנב. איז ער געגאַנגען און האָט צונויפגערופן אַלע דינער פון קרעמער און האָט יעדן געגעבן צו גלייכע שטיקלעך פּאַפּיר און געזאָגט, אַז זיי זאָלן עס באַהאַלטן ביז מאָרגן און ווער עס האָט געגנבעט, וועט ביי אים דאָס פּאַפּיר ווערן גרעסער. און מאָרגן האָבן אַלע אָפּגעגעבן די פּאַפּירלעך און ביי דער דינסט איז געווען אַ שטיקל אָפּגעריסן, האָט מען געוואוסט, אַז זי האָט געגנבעט... יאַנקלען האָט דאָס אויסגעוויזן ווי די גרעסטע חכמה אין דער וועלט און דער טאַטע האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט לערנען גוט, וועט ער אויך זיין אַזאַ חכם. און ער האָט געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אויף דעם שטעטל, וואָס איז געליגן במעט אין וואַסער און איז געווען איינגעטונקען אין ביימער און ס'האָט געשמעקט מיט פיש און מיט הערינג. עס זיינען דאָרט אַרומגעגאַנגען גרויסע קאַצאַפּעס מיט גרויסע בערד און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן אויגן ווי פיש. און ווען די שיף האָט אויסגעפייפט דאָס דריטע מאָל אין ווילקאָוו און איז אַוועק, האָט יאַנקל ערשט איצטער דער-

פילט, אַז ער פאָרט טאַקע שוין אַוועק פון דער היים און ער האָט שטיל געוויינט.

דער טייך איז דאָ שוין געווען מוראַדיק ברייט, פריער האָט מען אָנגע־זען איין ברעג און אַפילו ביידע און איצטער האָט מען שוין קיין איינעם נישט געזען, מען האָט געזען נאָר הימל און וואַסער און עס איז געפאַלן אַ שרעק. אַ האַלבע שעה נאָך ווילקאָוו איז דער דוניי אַריינגעפאַלן אין שוואַרצן ים אַריין. יאַנקל האָט געוואָלט קוקן און דער טאַטע האָט אים געלאָזט און ער איז אויך געשטאַנען און האָט געקוקט, ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָטס וואונדער. אַלע טייכן פאַלן אַריין אין ים אַריין און דער ים ווערט נישט פול און ער בלייבט אָפּגעטיילט. דאָ איז דאָס וואַסער זיס און דאָרט געזאַלצן און עס מישט זיך נישט אויס. נאָר גאָט האָט געקענט אַזאַ זאַך באַווייזן, דער גרעסטער פילאָזאָף וואָלט עס נישט געקענט מאַכן און אַפילו נישט דער גרעסטער כישוף מאַכער. די נאַכט איז געווען אַ טונקלע, אָבער אַ לויטערע. אַ סך קליינע שטערן האָבן געפינקלט אין הימל און יאַנקל האָט געזען קלאָר, ווי דער דוניי טיילט זיך אָפּ פון ים. דאָ איז דאָס וואַסער קאַלאַמוטנע און דאָרט איז עס גרין, אַזוי ווי אַ גרינע פאַרב און דאָך לויטער. אין דער מיט איז געווען ווי אַ פּאַס. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט קיין פּאַס, אָבער ס'איז אַזוי ווי אַ פּאַס, ווייל די וואַסערן זיינען פאַרשיידן.

און אַזוי ווי די שיף איז נאָר אַריינגעקומען אין ים אַריין, האָט עס אָנ־געהויבן צו וואַרפן מיט איר. עס האָט אַלעמאָל געגעבן אַזאַ הויב, אַז די קישקעס האָבן זיך איבערגעדרייט אַ דריי געטאָן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט קוקן אין ים אַריין, ווייל דער קאָפּ קען זיך נאָך פאַרדרייען. דאָס וואַסער האָט טאַקע אויסגעזען שרעקלעך, עס האָט געזאָטן און געמאַכט אַ שוים. פרויען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם דעק, האָבן אָנגעהויבן קרעכצן און שרייען, אַז די קעפּ דרייען זיי זיך און זיי ווייסן נישט וואו זיי זיינען אין דער וועלט און זיי האָבן טאַקע אָנגעהויבן ברעכן. דער טאַטע האָט אים געהייסן אַוועקגיין פון דאַנען, ווייל פון קוקן אַליין קען נישט גוט ווערן. ער אַליין ליידט נישט פון ים־קראַנקייט, אָבער פון קוקן ווערט נישט גוט. און זיי זיינען געגאַנגען און געגאַנגען און אין ערגעץ נישט געפונען קיין פּלאַץ וואו מענטשן זאָלן נישט קרעכצן און ברעכן. עס זיינען געפאָרן באַקאַנטע, וואָס האָבן נישט געבראָכן און זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז בעסער צו זיין אויבן אויף דער פּאַלוב, ווייל די פרישע לופט פאַרהיט פון נישט גוט ווערן; האָט דער טאַטע איינגעהילט שטאַרק יאַנקלען און איז מיט אים אַרויפגע־גאַנגען און דאָרטן האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען מעריב. ער האָט נישט גע־וואוסט וואו ס'איז מיזרח, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז אונטערוועגס מעג מען שטיין ווי אַזוי מען וויל. אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום דעם ים, וואָס האָט געבושעוועט און געמאָרדעוועט מיט דער שיף און געמאַכט אַ ווייסן

שוים ווי פון מילך, איז דער טאַטע מיטן זון געשטאַנען און זיי האָבן גע־דאַוונט מערב. שפּעטער זיינען זיי אַראָפּגעגאַנגען אונטן אין דריטן קלאַס וואו עס איז געווען אַ טיש פון פּראָסטע ברייטער און עס איז געשטאַנען אַ קוואָרט מיט וואַסער און זיי האָבן זיך געוואַשן און געמאַכט אַ המוציא אויף ברויט מיט זאַלץ און געגעסן, וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן. עס זיינען גע־ווען שקצים, וואָס האָבן זיך נאָכגעקרומט ווי אַזוי די יידענעס ברעכן. יידן האָבן נאָכגעמאַכט ווי גויים בעטן זיך ביים קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל נישט קאַטשען. איין גוי האָט געשריגן, האָט אַ ייד דערציילט „קאַפּיטאַן, נע קאַ־טשאַי, טעבי דאַם נאַ טשאַי" (קאַפּיטאַן, קאַטשע נישט, איך וועל דיר געבן אויף טיי!). איין טייל מענטשן איז געווען שלעכט, יידישע און ניט־יידישע פרויען האָבן געשריגן, אַז זיי שטאַרבן, און דער אַנדערער טייל מענטשן האָט געלאַכט און חוזק געמאַכט.

ווען יאַנקל האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפילט ווי אַלע ביינער ברעכן אים פון דעם ליגן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער האַרטער באַנק, האָט ער געזען ווי דער טאַטע שטייט שוין מיט דעם טלית איבער די תפילין און ער האַלט שוין ווייט, ער האָט שוין געהערט ווי ער זאָגט תחנון און ער ברומט „לך ה' הצדקה ולנו בושת הפּנים"... גויים זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם טאַטן און זיי האָבן דווקא געוואָלט אים אַריינקוקן אין פּנים אַריין הינטער דעם טלית און ער האָט זיי באַהאַלטענערהייד געוויזן אַ פייג... יאַנקל האָט זיך אויף גיך אָפּ־געגאָסן נעגל־וואַסער און גענומען דאַוונען פון פּאַרנט, דער טאַטע האָט אים געהייסן מאַכן גיכער, ווייל אין אָדעס וועט נאָך זיין אַ סך זאַכן צו טאָן. דעם העלד, וואָס פאָרט אין דער ישיבה אַריין האָט זיך זייער שטאַרק גע־וואָלט אַ קוק טאָן, צי מען זעט שוין אָדעס, אָבער אַז מען פאָרט אין ישיבה אַריין, דאַרף מען דאַוונען און מען דאַרף שוין אוודאי פאָלגן אַ טאַטן. און ביז ער האָט דערלעבט צו אויסשפּייען ביי עלינו, איז אַוועק אפשר אַן אייביקייט אַ גאַנצע.

עס איז שוין געווען ליכטיק אין דרויסן און מען האָט שוין גוט געזען די שטאָט. די גרויסע מויערן האָבן זיך געשניטן אין דער לופטן אַריין, איי־ניקע האָבן אויסגעזען צו זיין גאַנץ ווייט, אַנדערע זיינען געווען שוין גאָר נאָענט. אויף איינעם אַ גראָבן סלופּ אין מיטן ים האָט מען אָנגעוויזן יאַנק־לען און מען האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז דער „פּאַמיאַטניק" (דענקמאָל) דיוקן. שפּעטער איז די שיף אַזוי דורכגעפאָרן, אַז מען האָט געקענט זען, אַז ס'איז ניט אַ גראָבער סלופּ, נאָר ס'איז אַ שטיינערנער מענטש. דער צעניע־ריקער רייזנדיקער האָט געמיינט, אַז „דיוק" איז אַ נאָמען פון אַ מענטשן און ווערדליק מען האָט אים דערקלערט, איז טאַקע אויסגעקומען, אַז ס'איז דער נאָמען פון דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט געמאַכט אָדעס. איינער האָט אפילו דערציילט, אַז אונטער דעם דענקמאָל איז אָנגעשריבן:

איידער מיטן לעבן זיך שלאָגן,
בעסער אין ים זיך באָדן...

און אַז דאָס דאָזיקע האָט טאַקע געזאָגט דער זעלביקער דיוק, וואָס האָט געבויט אָדעס. און ערשט שפּעטער האָט זיך דער וועלט דערוואוסט, אַ „דיוק" איז דאָס זעלביקע, וואָס „דוכּוס" אין העברעאיש און עס מיינט אַ גרויסער מענטש און אַז דער „דיוק" האָט געהייסן רישיליע און אַז אַ גרויסע אָדעסער גאַס הייסט הערפאַר „רישיליעווסקאַיאַ".

פון שטענדיק אָן האָט יאַנקל געהערט דעם נאָמען אָדעס, גרויסע מענטשן האָבן זיך געוואונטשן צו דערלעבן זען די דאָזיקע שטאָט, אַ סך מענטשן האָבן דערציילט ניסים וועגן איר און יאַנקל האָט ניט איינמאָל געחלומט צו זען די דאָזיקע שטאָט און אין זיינע טראַכטעניש האָט ער זי פאַרגלייכט מיט ירושלים. און איצטער האָט ער געזען אָדעס. ער איז געווען נאָך צו קליין צו קענען ארומכאַפּן די גרויסקייט פון דער שטאָט. דאָס גרעסטע, וואָס ער האָט געזען ביי זיך אין שטעטל, איז געווען „פּאָקראָווע", דער גרויסער מאַרק, וואָס האָט זיך אָלע יאָר, באַלד נאָך סוכות געשטעלט ביי זיי, איינמאָל אויף דעם נייעם און אַן אַנדער מאָל אויף דעם אַלטן מאַרק. האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָדעס איז וויפל טויזנט „פּאָקראָוועס" מיט נאָך אַ טויזנט חתונות אַ צוּלאָג. ס'האָט געקלונגען און געפייפט און געהודזשעט. די טראַמווייען מיט די פערד, די „קאָנקעס" זיינען אַלעמאָל אָנגעלאָפן און זיי האָבן געקלונגען מיט די גלעקלעך און די פערד האָבן געהירזשעט און ס'איז געפאַלן פון זיי „באַלינגע" (מיסט). היינט וויפל דראָשקעס עס זיינען דאָ געווען. אין גאַנץ קיליע זיינען געווען דריי דראָשקעס, צוויי צו צוויי פערד און איינע מיט איין פערד און דאָ זיינען געווען אַזויפיל דראָשקעס! וואו מען האָט אַ קוק געטאָן, זיינען געווען דראָשקעס. דעם יינגל איז אויסגעקומען, אַז ס'איז אוודאי דאָ טויזנט פאַעטאָנען, ווייל אויף גרעסערע ציפערן האָט אים די פאַנטאַזיע ניט געטראָגן. און פון דעסט וועגן האָבן זייער אַ סך מענטשן געשלעפּט וועגעלעך, זיי זיינען געגאַנגען איינגעבויגן אין דרייען און זיי האָבן שווער געשלעפּט. און די אָנטרייבער פון די טראַמווייען האָבן געשריגן אויף זיי, אַז זיי זאָלן נישט פאַרנעמען זייער פּלאַץ און די דראָשקאַרעס האָבן די גרעסערע און קלענערע, שענערע און מיאוסערע מידע פערד שטאַרק און ווילד געטריבן מיט די בייטשן, אַז זיי זאָלן גיין גיכער און מען האָט זיך געקריגט און געשאָלטן. אין קיליע האָט יאַנקל קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל פאָרן און אַזויפיל שלעפּן. אים איז אויסגעקומען, אַז גאַנץ אָדעס פאָרט און גאַנץ אָדעס שלעפּט... פערד זיינען דאָ געווען אַזוי שטאַרק אויסגעמישט מיט מענטשן, אַז ס'איז געווען אַ וואונדער, וואָס די בהמות גייען נישט אַרויף אויך די מענטשן...

און קיין עק שטאָט האָט מען אין ערגעץ נישט געזען. אין קיליע האָט מען אין דער ברייט אומעטום געזען עק שטאָט און אין דער לענג האָט מען

געדאַרפֿט אַביסל גיין אויף צו זען אַן עק און דאָ זעט מען אין ערגעץ נישט קיין סוף. דאָס ייִנגל האָט אַזש געפֿרעגט ביים פֿאָטער, צי אָדעס האָט קיין עק נישט און ער האָט געקראָגן אַזאַ ענטפֿער, וואָס ער האָט זייער אָפֿט געהערט פֿון זיין טאַטן: ע ר האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר...

צוגעפֿאָרן זיינען זיי צו אַן אכסניה, וואו אַלע קיליער און איזמאַילער זיינען איינגעשטאַנען. דער באַלעבאָס אירער האָט געהאַט קרובים אין די דאָזיקע שטעט און זיי האָבן געזאָגט, אַז קיין בעסערע אכסניה ווי זיינע איז אין גאַנץ אָדעס נישטאָ. ער האָט געהייסן ראובן בער, דער באַלעבאָס, און ער האָט געהאַט אַ ווייסע באָרד און ער האָט געטראָגן אַ יאַרמעלקע און אַ לוסטרינענע קאַפּאָטע אויף אַ שווערן בויך. ער האָט גערעדט יידיש אפשר מיט דרייפֿערטל רוסיש, יאַנקל האָט אים קוים פֿאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער געהערט, אַז אַלע אָדעסער יידן ריידן אַזוי. ראובן בער האָט געהאַט אַ משרת, וואָס האָט געהייסן פֿייסיע, האָט ער שוין געטראָגן אַביסל אַן אַרומגעשווירענע, זייער רויטע באָרד און אַ קורץ רעקל און ער איז אויך געגאַנגען מיט אַ יאַרמעלקע און ער האָט נאָך גערעדט מיט מער רוסישע ווערטער ווי ראובן בער. די אכסניה איז געווען אויבן, מען האָט געדאַרפֿט אַרויפֿגיין מיט ברייטע טרעפּ; דאָרט האָט עס געהייסן, אַז די אכסניה איז אויף דעם צווייטן עטאַזש. און די אכסניה אַליין האָט אויסגעזען ווי דער „פּאָקראָווער" מאַרק. עס זיינען געווען אַכט „ספּאַלניעס" (שלאָפֿצימערן) מיט אייזערנע בעטלעך פֿאַר מענער און אין דער מיט איז געווען אַ גרויסע „סטאָלאָווע" (עסצימער) און דערנאָך איז געווען אַ גרויסע קיך מיט נאָך אַ צימער, וואו מען האָט געהאַלטן די זאַכן פֿון קיך און ערשט דערנאָך זיינען געווען צוויי „ספּאַלניעס" מיט אייזערנע בעטן פֿאַר פֿרויען... און איבער אַלע צימערן זיינען געלאָפֿן מענטשן, איבער דער קיך אויך; און אומעטום זיינען געליגן פּעקלעך און פּעק מיט סחורה, וואָס די געסט האָבן אָנגעקויפֿט. און די דאָזיקע, וואָס זיינען געלאָפֿן, און זיינען געפֿאַלן, האָבן געשריגן און האָבן זיך געשאָלטן און מער פֿון אַלע האָט געשריגן דער משרת פֿייסיע.

דער טאַטע איז געגאַנגען זיך באַדינגען מיט ראובן בערן און ער האָט אָנגעזאָגט יאַנקלען, אַז ער זאָל חלילה נישט אַראָפּגיין אונטן און, פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי דער טאַטע האָט זיך אַנידערגעזעצט שמועסן מיט דעם בעל אכסניה, איז דאָס זונדל באַלד אויסגעווען די צייט און ער איז אַראָפּגעשפּרונגען צו צוויי און צו דריי טרעפּ אויף אַמאָל און די אמתע פֿרייע וועלט האָט ער ערשט אונטן דערזען. דאָרט זיינען געווען אַן אַ שיעור פֿערד און וועגענער. אַזעלכע גרויסע פֿערד האָט ער אין קיליע קיינמאָל נישט געזען, די קיליער פֿערד האָבן געהאַט אַזעלכע שמאַלע קאָפּיטעס און די דאָזיקע האָבן אַזעלכע ברייטע. היינט די וועגענער... אַזוי ווי מויערן זעען זיי אויס! יאַנקל איז געווען זיכער, אַז אַזעלכע פֿערד און וועגענער קען נאָר האָבן

אָדעס. און ס'האָט אים שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס ער פאָרט נישט צוריק קיין קיליע, אַז ער זאָל עס קענען דערציילן די יינגלעך אין חדר... וואָרום אין חדר זיינען די חשובסטע געווען נאָר די יינגלעך, וואָס האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן.

און שטופּוועגעלעך זיינען אויך געווען. און אַלע האָבן זיך אויסגעמישט אין איינעם און די וועגענער זיינען אַריין אין די פערד פון די אַנדערע וועגענער און די מענטשן, וואָס האָבן געשלעפּט די וועגעלעך, איז מען אַלעמאָל שיעור נישט איבערגעפאָרן. אַ סך פון זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אין גרויסע טויערן פון שטיבער. אין קיליע האָבן גרויסע טויערן נאָר די הויפן און דאָ האָבן שטיבער אויך גרויסע טויערן. און מען האָט אַריינגעפירט און אַרויסגעפירט סחורה און פערד מיט וועגענער מיט די בעלי עגלות זיינען אַרויף אויף די וואָגן און מען האָט זיי געוואויגן. און עס האָט געשמעקט מיט הערינג און מיט פיש און מיט מאַסלינעס און מיט קעז און מיט פערדמיסט און מיט מילך און מיט פלייש און מיט גערויכערטע זאַכן. יאַנקל וואָלט דאָ געהאַט צו קוקן אַ פּאָר יאָר, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט אַראָפּגיין און אַז ער קער אים שוין דאָרט זוכן און ער איז צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויף די שטיגן איבער צוויי און דריי טרעפּ מיט אַמאָל און דער טאַטע איז שוין טאַקע געווען איבערגעשראָקן און ער האָט זיך שוין געקריגט מיט פייסיען און פייסיע האָט געזאָגט: „איך זאַיאַווע (מעלד) אייך וויראַזשנע (בפירוש), אַז קיין קינדער היטן מיר נישט, דאָס דאַרפט איר אַליין אָבראַשטשאַען וונימאַניע (ווענדן די אויפמערקזאַמקייט), איך האָב עס אייך געזאָגט איינמאָל און איך זאַיאַווע עס אייך נאָך אַמאָל וויראַזשנע ברחל בתך הנאַקעטע"... ווען אברהם האָט דערזען יאַנקלען, האָט ער געזאָגט צו פייסיען, אַז ער איז אים שוין מוחל זיין מענה לשון און ער האָט זיך גאָר דערפרייט. דער טאַטע האָט געזאָגט דעם זון, אַז ער דאַרף צוגיין אויף עטלעכע פּלעצער און ער וואָלט זיך נישט געוואָלט מיטשלעפּן מיט אים, אָבער אויב ער לויפט אַרום, האָט ער שוין מורא; און יאַנקל האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין ערגעץ נישט גיין און אַז ער וועט נאָר אַמאָל אַ קוק טאָן נאָענט פון אונטן.

פאַרנאַכט איז דער טאַטע צוריקגעקומען איבערגעשראָקן אַביסל, מען האָט אים געזאָגט, אַז אין אָדעס ווערן גרויסע „זאַבאַסטאָווקעס" און די באַן קיין קעשענעוו גייט מער נישט. מען האָט שוין געמוזט בלייבן נעכטיקן און ביי דעם ראובן בערן האָט זיך עס אביסל געטאָן. די דאָזיקע, וואָס האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן, זיינען געבליבן און מען האָט געמוזט פשוט אויסבעטן אויף דער ערד. אייניקע האָבן געשריגן, אַז זיי האָבן זיך ניט מיט וואָס צוצודעקן און פייסיע, וואָס איז שוין געווען שטאַרק אונטערן גלעזל, האָט געשריגן: „ר' ייד, לייגט אייך אויף דער פּלייצע און דעקט אייך צו מיטן ת"...

יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי ריידן און ס'איז אים אויסגעקומען מוראדיק קאָמיש און ער האָט ביינאַכט געלאַכט פון שלאָף.

מען האָט געמוזט בלייבן אויף שבת אין אָדעס און דער טאַטע איז געווען אין איינע יסורים. אין באָד אַריין איז ער געגאַנגען אַליין, כאָטש יאַנקל האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן ווי אַזוי עס זעט אויס אַן אָדעסער באָד. אין דער היים פלעג יאַנקל שטענדיק פּוצן פּרייטיק פאַרנאַכט דעם טאַטנס שטיוול און זיינע אייגענע שטיוועלעטן, דאָ איז דער טאַטע אַראָפּגעגאַנגען אין איינעם מיטן זון זיך פּוצן די שיך. פריער האָט ער געהייסן אָפּפּוצן זיינע שטיוול און דערנאָך האָט ער געהייסן דעם שטיוולפּוצער, אַז ער זאָל יאַנקלען אויך אָפּפּוצן און ער איז דערוויל אַרויפגעגאַנגען אין אכסניה זאָגן שיר השירים. ער האָט יאַנקלען געלאָזט צוויי קאָפּיקעס ער זאָל באַצאָלן. אָבער אַזוי ווי דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער שטיוולפּוצער איבערגעקערט דעם גרויסן העלד און ביי אים צוגענומען די צוויי קאָפּיקעס און אים געלאָזט מיט אַ האַלבן אָפּגעפּוצטן שוך... דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, וואָס מען האָט אים באַגנבעט און ס'איז אים געווען אַ מוראַדיקער פּאַרדרוס, ס'האָט זיך אים געגלוסט וויינען. און אַרום זיינען נאָך געשטאַנען יינגלעך, וואָס האָבן געלאַכט און האָבן אים גענומען אויף אַ הודאַ. ער האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געוויין און ער איז אַרויפגעלאָפן און ווען דער טאַטע האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז אַזוי גיך אַרויפגעקומען און פאַרוואָס ביי אים איז נאָר אָפּגעפּוצט אַ האַלבער שוך, האָט ער אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין... מער פון אַלץ האָט אים פאַרדראָסן אויף די קליינע יינגלעך, וואָס האָבן פריער אים מקנא געווען, וואָס מען פּוצט אים די שיך, אַזאַ קליינעם און דערנאָך האָבן זיי געזאָגט „אַ מיצווה אויף אים“... דאָס, וואָס דער פּוצער האָט אים באַגנבעט, האָט קיינעם נישט געהאַרט.

ביי ראובן בערן איז מען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אין גאַנץ „ראַסייע“ טוט זיך חושך און אַז ס'איז אַ רעוואָלוציע. פּייסיע האָט עס גערופן „סלאָבאָדע“ (סוואָבאָדאַ — פרייהייט) און ער האָט געזאָגט, אַז דער „מאָלאָדיאָזש“ (יוגנט) וויל סלאָבאָדע... אַ פּאָר טעג איז מען אַזוי געווען אין אָדעס ניט אַהין, ניט אַהער. עס איז נישט געגאַנגען קיין באַן קיין קעשענעוו און ס'איז נישט געגאַנגען קיין שיף קיין קיליע. דער טאַטע האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם זון אויף דער גאַס, אָבער אַליין פלעג ער דאָך נעמען דעם טלית און תפילין און גיין דאַווענען אין אַ דערבייאיק שולעכל. און וויפל מאָל ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, איז ער געווען אַביסל איבערגעשראָקן און ער האָט געזאָגט, אַז אין גאַס טוט זיך חושך און ער האָט דערביי צוגעגעבן מיט צופרידנקייט, אַז אין אָדעס זיינען נאָך ברוך השם דאָ יידן.

איינמאָל, ווען דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען דאַווענען, איז יאַנקל אַראָפּ

אין גאַס אַריין און אין זיכרון איז אים פאַרבליבן אַן אַ שיעור מענטשן אין רייען און אַנקענגן זיי סאָלדאַטן אויף פערד. ער האָט געהערט זינגען און שרייען. אַלעמאָל האָט מען עפּעס אַנדערש אויסגערופן. און שעלטן האָט ער געהערט. און ער האָט געזען ווי מען שטופּט זיך און מען שלאָגט זיך... די מענטשן האָבן זיך געשטופּט און געוואָלט ווייטער גיין און די סאָלדאַטן האָבן געשריגן „ניע פּראָכאָדי!" (ניט דורכגיין!) שווערדן האָבן געגלאַנצט אין דער לופטן נאָך מער ווי דעם טאַטנס חלפים... און קינזשאַלן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מענטשלעכע לייבער און מענטשן האָבן געקרעכצט. מען האָט געהערט אַ שאָס און נאָך איינעם און מען האָט געזען אַ פּאַך מיט אַ שווערד... און מען האָט געזען ווי בלוט רינט פון אַ מיידל... יאַנקל האָט נאָך ביז דעמלט קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל מענטשן־בלוט. די מאַמע האָט זיך אַמאָל צעשניטן אין קיך, איז געגאַנגען אַביסל בלוט, אָבער אַז פון אַ מענטשן זאָל גיין אַזויפיל בלוט וויפל פון אַ בהמה, האָט ער נאָך נישט געזען... עס איז געוואָרן אַ נייַ געשריי און אַ געלויף און אַ שטופּעריי און די מענטשן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די סאָלדאַטן. יאַנקל האָט די גאַנצע צייט נישט מורא געהאַט, אָבער אַז ער האָט דערזען ווי די פערד האָבן אָנגעהויבן לויפן אין אַלע זייטן אַריין, האָט ער זיך דערשראָקן און ער איז אַוועק. דער טאַטע איז שוין געווען צוריק פון דער שול און ער איז אַרומגעגאַנגען אַן איבערגעשראָקענער און האָט אומעטום אַרומגעזוכט דעם זון און ער האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר פרייד, ווען ער האָט אים דערזען...

איינמאָל האָט מען געזאָגט, אַז עס גייט אַ באַן קיין קעשענעוו. דער טאַטע האָט זיך געלאָזט מיט יאַנקלען צופוס צום וואָקזאַל און זיך געטראָגן מיט דעם שווערן קעסטל. אויפן וועג האָט ער געקראָגן אַ דראָשקע. אויפן וואָקזאַל איז שוין געווען אַ גרויס שטופּעניש, מען איז געטרעטן אויף מענטשן. קיינער האָט נישט געוואוסט וואָסאַרא באַן ער דאַרף. זיי האָבן זיך שוין ביידע געהאַט אַרויפגעשטופּט אויף די טרעפּלעך פון אַ וואַגאָן, אָבער דער טאַטע האָט מורא געהאַט און אַראָפּגעוואָרפן דאָס קעסטל און זיי זיינען ביידע קוים אַראָפּ. ער האָט געזאָגט, אַז אויב גאָט וויל נישט, דאַרף מען נישט... ביי ראובן בערן האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז עס גייט אין יענעם אויפדערנאַכט אַ שיף קיין קיליע. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז באַשערט אַהיימצופאָרן. אין פּאָרט איז אויך געווען ענג און אומרואיק און אומעטום זיינען געשטאַנען סאָלדאַטן. ביים אַרויפגיין אויף דער שיף האָט מען געפרעגט אויף פּעסער. אויף דעם דאַמפּער אַליין איז נישט געווען ניט נאָר וואו צו ליגן ביינאַכט, נאָר ס'איז אויך נישט געווען וואו צו זיצן און וואו צו שטיין, מען איז געווען צונויפגעשטופּט ווי הערינג.

אין דער היים האָט זיך דער טאַטע דערוואוסט מיט צוויי טעג שפּעטער, אַז פון דעם באַן, וואָס איז געגאַנגען פון אָדעס קיין קעשענעוו, האָט

מען אין דער סטאנציע ראזדיעלניע ארויסגענומען אלע יידישע פאסאזשירן און זיי אויסגעקוילעט. דער טאטע איז געווען זיכער, אז דאס איז געווען דער צוג אויף וועלכן ער איז שוין געשטאנען אויף די טרעפלעך און ער האט גע־בענטשט גומל און ער האט יאנקלען אויך ארונטערגענומען אונטער דעם טלית און אים געהייסן בענטשן גומל, ווייל ער האט זיך צו ערשטן מאל אין זיין לעבן געראטעוועט פון א זיכערן טויט... וואס אין אדעס איז אזוינס פאר־געקומען און פארוואס עס איז פארגעקומען, האט דער העלד נישט פארשטא־נען און קיינער האט עס אים נישט געקענט דערקלערן.

☆

קאפיטל עלף

יאַנקל האָט מורא, אַז ער האָט אַ חלק אין אַ יידנס טויט

פאַרן טאַטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע זאָרג: וואָס טוט מען מיט יאַנקלען? אַ סך גרעסערע בחורים פון אים זיינען געגאַנגען אין די אַנדערע חדרים, טאַטעס האָבן געהאַלטן קינדער ביז פערצן יאָר און דערנאָך האָבן זיי זיי גענומען צו זיך אין די קראָמען און שפּייכלער אַריין, אָדער זיי האָבן זיי געשיקט זיין „פּריקאַזטשיקעס", ביי קרעמער, אָדער לערניינגלעך ביי בעל מלאכות. יאַנקלען איז ערשט געגאַנגען דאָס עלפטע יאָר, אַרבעטן האָט אין קיליע דער אָרעמסטער טאַטע דעמלט נישט געשיקט זיין קינד פאַר בר מיצווה. אים לאָזן אַזוי אַרומגיין פּוסט און פּאַס, וועט ער קריגן שלעכטע חברים און קיין גוטס וועט נישט אַרויסקומען. ווער ס'איז נאָר געקומען אין שטוב אַריין, האָבן טאַטע־מאַמע זיך באַראָטן מיט אים און געקרעכצט אויף גלות השכינה און אויף דעם, וואָס אַזאַ עיר ואם בישראל ווי קיליע זאָל נישט האָבן קיין חדר פאַר עלטערע קינדער. פון דיין אלי חיים האָט דער טאַטע גע־האַלטן מער ווי די אַנדערע שוחטים. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ למדן און אַ חכם. ער איז פריער געווען אַ שוחט אין אַקערמאַן און ווען זיין טאַטע איז שלאָף געוואָרן פאַר אַלטקייט, האָט ער אַוועקגעגעבן זיין חזקה אין אַקערמאַן צו זיינעם אַן איידעם און ער איז געקומען קיין קיליע ווערן דיין; ער האָט נאָך דווקא געוואָלט זיך רופן רב און ער איז געגאַנגען שבת בייטאָג האַלטן דרשות אין דער גרויסער שול, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די בית מדרשער „טשער־קעסן" וועלן אים נישט הערן. הערשל און פּינחס שוחט האָבן אים מקנא גע־ווען, וואָס ער איז געוואָרן פון אַ שוחט אַ דיין; פּינחס האָט געהאַלטן, אַז ער קען בעסער לערנען פון אים און הערשלען איז גלאַט נישט אָנגעשטאַנען צו האָבן אין בית מדרש אַן עלטערן פון זיך. פּינחס האָט גערעדט שטילערהייט קעגן דעם דיין, ער האָט אַמאָל אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, הערשל האָט גערעדט אויף אַ קול, ער האָט געשריגן: „ער איז קיין דיין נישט! מען טאָר נישט זאָגן „מי באַטקאָ בואוו פּיפּ, טאָ אי יאַ בודו פּיפּ" (מיין טאַטע איז געווען אַ גלח, וועל איך אויך זיין אַ גלח), מען דאַרף פון אָנהייב אָן לערנען אויף דיין..." אלי

חיים איז געווען אַ רויטער, אַ סך מער רויטער פון יאַנקלס טאַטן און ער איז געווען אַ בייזער און ווען ער איז בייז געוואָרן האָט ער געזאָגט, אַז כּעס איז עבודה זרה און ער האָט דאָך אַליין אַזוי געשריגן, אַז מען האָט זיך גע־קענט צונויפלויפן. ער האָט געטענהט, אַז הערשל אַליין באַרימט זיך דאָס גאַנצע לעבן, וואָס ער איז אַן אייניקל און קעגן אים רעדט ער, וואָס ער וויל פאַרנעמען דעם פאָטערס חזקה; מיט לערנען, האָט ער געשריגן, וועט ער זיך פאַרהערן מיט יעדן און סמיכות אויף רבנות האָט ער שוין געוויזן וועמען ער האָט באַדאַרפט. עס איז אַ שטיק צייט אָנגעגאַנגען אַ מחלוקות אין דער „פּיטראָפּיע", צי מען זאָל אַלי חיימען צונעמען אָדער אָפּזאָגן. די שטאָט האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים. אַלי חיים האָט געהאַט זיינעם אַ צד. די פּראָסטע יידן פון די קליינע שולעכלעך האָבן געהאַלטן מיט אים שוין פּשוט דערפאַר, ווייל די „טשערקעסן" האָבן נישט געוואָלט, אָבער זיי האָט מען נישט געפרעגט, געפרעגט האָט מען דעם בוהושער רבין און די דיינים פון קעשענעוו. דער בוהושער רבי האָט זיך אויסגעדרייט און ער האָט גע־ענטפערט, אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף די דיינים פון קעשענעוו און אויף דעם יושר פון די קיליער מנהיגים. אַלי חיימס קעגנער האָבן געטענהט, אַז דער אַלטער דיין האָט נישט געטאָרט ברענגען זיין זון און אים זעצן אויף זיין פּלאַץ, איידער ער האָט געפרעגט ביי קהל. און עס זיינען געגאַנגען בריוו אַהין און בריוו אַהער. דער אַלטער דיין איז שוין דערווייל געהאַט אַוועקגעגאַנגען קיין ארץ ישראל. אָפּשטעלן אַלי חיימען פון פּסקנען האָט מען נישט געקענט, די שטאָט האָט געדאַרפט האָבן אַ דיין. האָט ער געפּסקנט און מען האָט אים געצאָלט שכירות און דיין האָט מען אים נישט גערופן. די פּראָסטע יידן האָבן אים גערופן געבן חופּה וקידושין, די בית מדרשניקעס — נישט. און אויס־געפירט האָט דערנאָך אַלי חיים. די דיינים פון קעשענעוו האָבן געפּסקנט, אַז מ'קען נישט אָפּזאָגן און מען טאָר אַ מענטשן נישט פאַרשעמען, ווייל המלבין פּני חברים ברבים אין לו חלק לעולם הבא... און סמיכות האָט אַלי חיים און אַ טאָפּ מיט אַ לעפל און די אַנדערע שאלות, וואָס קיליע דאַרף, וועט ער שטענדיק קענען פּסקנען. דערצו האָט ער זיין חזקה שוין פאַרקויפט זיין איידעם און ער וואָלט איצטער איבערגעקומען על כּכּר לחם. איי וואָס זיין טאַטע האָט נישט געפרעגט די שטאָט? איז עס טאַקע אַן עוולה, אָבער ער איז שוין אַוועק קיין ארץ ישראל און ער איז שוין אַלט און זאַט מיט יאָרן און נישט געזונט. מ'קען אים אַפילו שוין נישט רופן צו אַ דין תורה. איז אַלי חיים געבליבן און די קעגנער זיינע, אויסער פּנחס און הערשל שוחט, האָבן מיט אים שלום געמאַכט און זיי האָבן אים גערופן אַמאָל רב אויך, נישט נאָר דיין. דער טאַטע האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן מיט אַלי חיימען טאַקע דערפאַר, ווייל מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין יידן. ביי זיך אין האַרצן איז ער געווען ברוגז אויף הערשלען און פּנחסן, וואָס זיינען ביידע געווען כּמעט אין איינע

יאָרן מיט אים און זיי זיינען אין איין צייט געוואָרן „קיליער איידעמס" און זיי האָבן דאָך געהייסן די עלטערע שוחטים און ער דער קלענערער, כאָטש געקוילעט האָט ער מער פון זיי. ער האָט גענומען קלענער וואַכנגעלט פון זיי און זיי האָבן גענומען די „שטיקלעך" און ער האָט זיי אַ סך מאָל נאָך געדאַרפט אָפּפירן דאָס פלייש. ער האָט שטילערהייט געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט און די מאַמע האָט עס געזאָגט אויף אַ קול. איז ווייל זיי זיינען אַזוי געשפרונגען קעגן אלי חיימען, האָט ער שטילערהייט געהאַלטן מיט אים. ער האָט אויך געהאַלטן מיט אים, ווייל זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז אַ דיין טאָר נישט זיין קיין רויטער... ער האָט דווקא געוואָלט, אַז דער דיין זאָל אויך זיין אַ רויטער. ס'איז אים געפעלן נישט צו זיין אַליין... איז דער טאַטע אַוועקגעגאַנגען צו אלי חיימען פרעגן אַן עצה, וואָס צו טאָן מיט יאַנקלען און ער האָט אים באַלד געזאָגט, אַז די תורה שטייט נישט איין ביי קיינעם, די תורה איז ביי גאָט ברוך הוא און אין די ספרים. אויב יאַנקל וויל, קען ער לערנען אין בית מדרש און אויב ער וויל נישט, וועט נישט העלפן קיין רבי מיט קיין קאַנטשיק. נישט דער קאַנטשיק לערנט, האָט ער געזאָגט, נאָר דער מוח און דער הינטן... אַזוי האָט ער געזאָגט! נישט נאָר אַ גוטער קאָפּ קען לערנען, אַ שווערער קען אויך לערנען. נישט אומזיסט, זאָגט מען, אַז אַ וועלער איז בעסער פון אַ קענער און אַז דער חילוק צווישן אַ גוטן קאָפּ און אַ שלעכטן איז אין אַ חלבנעם ליכטל. נאָך אַ נאַכט לערנען און דער שלעכטער קאָפּ לערנט אויס די זעלביקע סוגיה, וואָס אַ גוטער קאָפּ. אַ „לייענען", האָט אלי חיים געפרעגט, קען שוין יאַנקל מאַכן? יאָ? איז אויב אַזוי קען ער זיצן אין בית מדרש און מאַכן אַ לייענען און נאָך אַ לייענען. און אַז ער וועט נישט פאַרשטיין עפּעס, איז נאָך דאָ אין קיליע וועמען צו פרעגן. ער אַליין וואוינט נישט ווייט און ער דרייט זיך אַ סך מאָל אַרום און אַריין, וועט ער חלילה זשאַלעווען תורה? ס'איז עפּעס זיין תורה? ער וועט זי מיטנעמען אויף יענער וועלט? ער וועט זי לאָזן ירושה די קינדער? און עס זיינען דאָ נאָך יידן, וואָס קענען לערנען! אַזוי לערנט מען שוין זייער ווייניק אין קיליע חוץ שבת און יום טוב, אָבער אַז עס וועט זיצן אַ בחור און וועט לערנען, וועלן די עלטערע יידן פאַר בושה נעמען אַ ספר... אין די פעלדער טוען אויך די גרויסע ביקעס, ווייל די קלענערע רופן זיי אַרויס... יאַנקל האָט די לעצטע ווערטער נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז עפּעס תורה. און אלי חיים האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז אין בית מדרש זיצט שוין גאָר איצטער אַ בחור און לערנט און ער וועט יאַנקלען קענען אַ סך העלפן, ווייל ער איז עלטער פון אים און ער קען שוין טאַקע, ער איז שוין מער ווי בר מיצווה און ער איז אַ למדן. ער איז יוסי רייפמאַנס אַן אייניקל. יוסי רייפמאַן איז געווען אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד און מיט שוואַרצע ברילן און מיט אַ קורץ רעקל אין דער וואָכן. ער איז

געווען אַ „פּראַשעניע (פּעטיציע) שרייבער אין שטאָט און מען האָט געזאָגט, אַז ביי אים איז תורה און חכמה און געפּוצטע שטיוול. ער האָט געהאַט אַן אײדעם מיטן זעלטענעם נאָמען קהת, וואָס איז געווען רב אין אונגאַרן. מען זאָגט, אַז ער איז רחמנא ליצלן אַראָפּ פון זינען און ר׳ יוסי האָט צו זיך געבראַכט דאָס עלטסטע אייניקל. דער טאַטע איז שוין איינגעגאַנגען, אַז יאַנקל זאָל גיין אין בית מדרש אַריין, אָבער בתנאי אלי חיים זאָל אויף אים אַ קוק טאָן און איינמאָל אין טאָג זאָל ער מיט אים לערנען אַ בלאַט גמרא. ער וויל נישט אומזיסט, ער וועט אים אַזויפיל באַצאָלן וויפל דניאלן. פאַרן לערנען האָט אלי חיים נישט געוואָלט נעמען קיין געלט, קיין תורה פאַרקויפט מען נישט, אָבער שכר בטילה וועט ער נעמען. און יאַנקל איז מיט מזל געוואָרן צו אַריבער צען יאָר אַ בית מדרשניק און ער איז יעדן אינדערפרי געגאַנגען לערנען און איז אין אָוונט געזעסן ביז שפּעט, שפּעט.

יוסי רייפמאַנס אייניקל האָט געהייסן אברהם. ער איז שוין געווען אַ גרויסער בחור, ער איז געגאַנגען אַ קירצערע קאַפּאָטע ווי יאַנקל, אָבער ער האָט געטראָגן גרעסערע פאות, וועלכע זיינען געווען פאַרדרייט אַזוי ווי פּלעשלעך. יאַנקל האָט אים באַלד מקנא געווען מיט די פּלעשעלעך און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיינע אויך פאַרלאָזן און אַזוי פאַרדרייען. אברהם האָט געהאַט אַ גראָבע ליפּ, וואָס איז אים אַרויס פון אונטן אַ סך ווייטער פון מויל, אויך די אויבערשטע ליפּ איז ביי אים געווען שטאַרק גראָב; עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער לאַכט שטענדיק. גערעדט האָט ער זייער „פאַרצויגן״, אַ סך אַנדערש ווי מען האָט גערעדט אין קיליע און דאָס האָט אַרויסגערופן געלעכטער ביי יאַנקלען. און אברהם האָט געקוקט אַביסל ברוגז, ווי זיין נייער חבר לאַכט פון אים און ער האָט געזאָגט: „אַזוי רעדט מען באַר אונז״. האָט יאַנקל האָט נאָך מער געלאַכט, ווייל מען דאַרף זאָגן נישט „באַר אונז״, נאָר „בא אונז״... אברהם האָט אים דערציילט, אַז אין שטוב ביי זיי לאַכט מען אויך פון אים. ביי יעדן וואָרט לאַכט מען. די באָבע, די פעטערס און אפילו דער זיידע. ער זאָגט, אַז מען רעדט אין אונגאַרן נאָך ערגער ווי די ליטוועקעס און דערפאַר אַליין וויל ער נישט בלייבן דאָ און ער וועט צוריקפאָרן. אָבער דערווייל האָט ער אויסגענומען מיט יאַנקלען, אַז ער זאָל אים לערנען „ריידן״ און ער וועט אים דערפאַר ווייזן אין דער גמרא, וואָס ער וועט נישט קענען.

און מיט דער הילף פון טאַטן, אלי חיימען און אברהמען האָט יאַנקל זיך איינגעשטעלט דעם טאָג. ער האָט אַליין געמאַכט „לייענען״ פון צוויי מסכתאָס — „שבת״ און „נדרים״ און אלי חיים האָט אַלע אויפדערנאַכט נאָך מערב געלערנט מיט אים „חולין״, די מסכתא, וואָס לערנט אי ווי אַזוי צו קוילען, אי וועגן כשר און טריפה. די דאָזיקע מסכתא מוז מען קענען, האָט דער דיין געזאָגט, סיי ווען מען וויל ווערן אַ שוחט, סיי אַ רב. „און אַ דיין?״ האָט יאַנקל געפרעגט און ער האָט געמיינט, אַז איצטער וועט ער זיך

דערוויסן דעם חילוק צווישן אַ דיין און אַ רב. אלי חיים האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז אַ דיין דאַרף אויך לערנען די מסכתא „חולין"... ער האָט אויך געלערנט בייטאָג אביסל פסוק. ער האָט געלערנט די ספרים פון תנך, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט געלערנט ביי די מלמדים און זיין טאַטע האָט שטאַרק געוואָלט, אַז ער זאָל לערנען תהילים פון דוד המלך, ווייל דאָס העלפט אַ סך צו יידישקייט. און יאַנקל האָט געפאָלגט און ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום תהילים און ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, וואויל איז צו דעם מענטשן, וואָס איז נישט געגאַנגען אין דער עצה פון די רשעים, האָט ער זיך געפילט גוט, וואָס ער לערנט אין בית מדרש... און ווען ער האָט געלערנט אין צווייטן קאַפּיטל, ווי די „גוים" ריידן זיך אַלע צוזאַמען קעגן גאָט און זיין משיחן און זיי ווילן אים אַראָפּרוקן, אָבער „יושב בשמים ישחק, אדני ילעג למו", דער וואָס זיצט אין הימל לאַכט און גאָט שפּעט פון זיי, איז אים געוואָרן גאָר גוט אויף דעם האַרצן...

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן דערציילן, אַז אין דער גאַנצער וועלט קומען פאַר שרעקלעכע זאַכן און אפשר אין הונדערטער שטעט האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן און אַז ערגער פון אומעטום זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין אָדעס און אין בעסאַראַבישן שטעטל קאַלאַראַש, וואו מען האָט אויסגעהרגעט אפשר אַ האַלב פון אַלע יידן. אין קעשענעוו איז אויך געווען אַ פּאָגראָם, אָבער נישט אַזאַ שטאַרקער ווי דער ערשטער, ווייל מען האָט געוואוסט פון פריער און מען האָט צוגעגרייט אַ „סאַמאָ אָבאָראָנע", וואָס האָט געשאָסן אויף די כוליגאַנעס און געשניטן פון זיי שטיקער... אַלע טאָג האָט מען געבראַכט פרישע נייעס וועגן אומגליקן. מען איז געלאָפן צו אהרקע מאָטיע מלמדס, וואָס האָט באַקומען דעם „חד הזמן" און מען האָט געוואָלט הערן, וואָס מען שרייבט ביי אים אין בלאַט. מען האָט פאַרגעסן, אַז דער דאָזיקער אהרקע איז אַן אפיקורס, ער גייט געשוירן די באָרד און ער וויל מאַכן אַ קלאַס צו לערנען דיקדוק און ריידן לשון קודש די קינדער. מען האָט געקויפט רוסישע בלעטער פון אָדעס און מען האָט געהייסן די „אוטשעניקעס" (שילער) פון די רוסישע „שקאָלעס" צו לייענען אין זיי און מען האָט זיך געשפּאַרט איבער דעם זין פון יעדן וואָרט. די שרעק איז געווען גרויס... עס איז אָנגעקומען אַ נייעס, אַז אין איזמאַיל האָט זיך געטאָן חושך, אויך דאָרט האָט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם... דער טאַטע האָט זיך באַלד דערשראָקן פאַר דער באָבען און פאַר דעם פעטער אלי מיט די קינדער און די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט וויינען וועגן דער מומע ליבע מיט די קינדער. און דערווייל האָט די מאַמע שוין נישט געלאָזט יאַנקלען גיין ביינאַכט אין בית מדרש אריין, ווייל אויב עס האָט שוין געקענט טרעפן אין איזמאַיל, קען עס דאָך חלילה טרעפן אין קיליע אויך. און ווען יאַנקל איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען אביסל שפּעטער, האָט שוין די מאַמע געהאַט יסורים און זי

האָט געזאָגט, אַז דאָס האַרץ פאַלט איר אַרויס. און ביז מען האָט זיך דער־ וואוסט, וואָס אין איזמאַיל האָט זיך אָפּגעטאָן, איז מען שיעור משוגע גע־ וואָרן. עס איז געקומען אַ ייד פון איזמאַיל און ער האָט דערציילט, אַז גע־ הרגעט האָט מען דאָרט נישט קיינעם, מען האָט נאָר געברענט הייזער, גע־ זעצט שויבן און געראַבעוועט קלייטן. איין יידן האָט מען צעשפּאָלטן דעם קאָפּ און נישט מער. צו שטאַרק היימישע גויים האָבן עס דאָרט געמאַכט, אַז זיי זאָלן פאַרגיסן בלוט. אין קיליע, האָט מען מורא געהאַט, וועט עס זיין ערגער, ווייל לעבן קיליע איז דאָ אַ דאָרף קראַמאַמעט, זאָל עס ברענען, עס זיינען דאָרט דאָ סאַמע רויבער און מערדער. מען האָט ווידער גערעדט וועגן ברענגען קיין קיליע דעם טשיטשמעער פּריסטאַוו. וואָס האָט שוין לאַנג גע־ דאַרפט זיין „איספּראַווניק”, אָבער ער איז עס נישט געוואָרן, ווייל ער האָט ליב יידן...

פון פעטער אלי איז אָנגעקומען אַ לאַנגער בריוו, אין וועלכן עס איז געווען באַשריבן דאָס אַלץ, וואָס מען האָט דאָרט איבערגעלעבט אין די דריי טעג. אַ סך יידן האָבן זיך באַהאַלטן ביי שכנים ביי גויים. מען האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז אין איזמאַיל זיינען פאַראַן אַזוי פיל גוטע גויים, אויף אַ שלעכט פּלאַץ זאָלן זיי נישט טרעטן, כאָטש איבער זיי קומט נישט משיח. אַ סך יידן האָבן אָפּגעדונגען אַ באַרזשע, אָדער אַ „שלעפּ” און זיי האָבן זיך דאָרט באַ־ האַלטן צווישן ווייַן, האָט מען אויסגעזאָגט די בוליגאַנעס און מען האָט זיך קוים געראַטעוועט מיט דעם לעבן. מען האָט דריי טעג נישט געגעסן, מען האָט געלעבט מיט וואַסער. קראַנקע מענטשן האָט מען געשלעפּט מיט זיך. מען איז געווען שטאַרקער פון אייזן, וואָס מען איז פאַר שרעק נישט גע־ שטאָרבן. ביי דעם פעטער אַליין אין שטוב האָט מען נאָר אויסגעזעצט די שויבן און צוגענומען אַ סאַמאָוואַר, אַן אַלטן סאַמאָוואַר, וואָס איז געווען בירושה פון דעם עלטער זיידן ר' נח בערשאַדער. די מאַמע האָט געהערט דעם בריוו, געוויינט, זיך געריסן ביים קאָפּ און אַלעמאָל האָט זי אויסגעשריגן: „זע נאָר ווי ער שרייבט נישט גאָרנישט וועגן מיין שוועסטער ליבע! אַ טאַטערי־ שער האַרץ דאַרף מען האָבן”. דער טאַטע האָט געוויינט לייענענדיק און ער האָט אַלעמאָל געזאָגט: „לאה, הער אויף, איצטער קענסטו אויך נישט שוויי־ גן?...” און ביים סוף פון בריוו איז טאַקע געווען געשריבן וועגן „כלתך ליבע שתחיה עם בעלה ובניה שיחיו”... יאַנקל האָט געפרעגט, צי „כלתך” הייסט אַ שוועגערן און די מאַמע איז געווען אויסער זיך און האָט געשריגן „לייען שוין גיכער”... און דער טאַטע האָט געלייענט, אַז זיי זיינען אַלע בקו הבריאה און זיי האָט ברוך השם גאָרנישט געשאַדט, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ שכן אַ גוטן ערל... דער טאַטע האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און ער האָט אים געלייענט אַזוי ווי אַ תפילה; דעם שטעל וועגן דער מומע ליבע

האָט ער געמוזט איבערלייענען אַן אַ שיעור מאָל און די מאַמע האָט גע־טייטשט יעדער וואָרט.

די קינדער האָבן נישט געהאַט עפּעס אַנדערש צו ריידן ווי נאָר וועגן די פּאָגראָמען און וועגן דער „סאַמאָאָבאָראָנע". ניסים האָבן זיי דערציילט וועגן דער זעלבסטשוץ און וועגן אירע אויפטוען. אַלעמאָל האָבן די קינדער דער־ציילט אַ נייע מעשה. אין איין שטאָט האָט די זעלבסטשוץ זיך צוגעגרייט טשייניקעס מיט זידיקע וואַסער און אַזוי ווי די רויבער זיינען נאָר געקומען, האָבן זיי זיך געגעבן אַ לאָז אויף זיי און זיי אָפּגעפּאַרעט, אַז זיי זיינען קוים אַנטלאָפן. אין אַנדערע שטעט האָט די זעלבסטשוץ געשיט פעפער אויף די כוליגאַנעס, אָדער זאַלץ און זיי בלינד געמאַכט... אין איינער אַ שטאָט האָבן די יידישע חברה זיך באַהאַלטן אויף די דעכער מיט מעסערס און אַזוי ווי די פּאָגראָמטשיקעס זיינען צוגעקומען צו זיי, האָבן זיי זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף זיי און זיי געשטאָכן... קינדער האָבן גענומען ריידן וועגן די חשמונאים און וועגן יהודה המכבי און זיי האָבן געזאָגט, אַז די „סאַמאָאָבאָראָנטשיקעס" קומען אַרויס פון דעם מתתיהו כהן גדול און זיינע זין... די דערוואַקסענע זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פּנימער שוואַרץ ווי די ערד און „שפּיגעלאַנטן" האָבן נישט געהאַנדלט, בעלי מלאכות האָבן נישט געאַרבעט און זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט, אָבער די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען און האָבן זיך געפריידט מיט די גבורות פון דער זעלבסטשוץ און ס'איז אויסגעקומען, אַז נישט די גויים האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן, נאָר די יידן האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די רויבער און זיי געוויזן ווי טייער פעפער איז, אַז זיי זאָלן זיך נישט אָנהויבן מיט די יידן, וואָס זיינען גאָטס פאָלק...

טאָג ווי נאַכט זיינען געקומען יידן און יידענעס און האָבן געבעטן דעם טאַטן, אַז ער זאָל זיי שרייבן בריוו צו זייערע קינדער און קרובים, וואָס זיי־נען געווען צעזייעט און צעשפּרייט איבער גאַנץ „ראַסייע"; אייניקע זיינען געווען אין אָדעס, אַנדערע אין קעשענעוו און אין קערטש און אין פעאָדאָסיע. אַלע האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס אומגליק זאָל זיי נישט געווען האָבן גע־טראָפן... יידן האָבן דערווייל גערעדט, אַז דער יידישער „מאָלאָדיאָזש" (יוגנט) איז אַליין שולדיק אין דעם אומגליק. זיי האָבן זיך צופיל געמישט וואו מען דאַרף נישט... זיי האָבן דווקא געוואָלט אַראָפּזעצן דעם קייסער. דאָס גאַנצע אומגליק האָט זיך גענומען, האָבן זיי געזאָגט, דערפון, וואָס אין אָדעס האָבן זיך צוזאַמענגענומען חברה און זיי האָבן געשריגן „דאָלאָי ני־קאָלאַי" און זיי ווילן נישט דעם קייסער... און יידן זיינען אויך געווען אין דער מיט! האָט דער צאַר געזאָגט, אַז אויב די יידן ווילן אים נישט, וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט זיי. אין איזמאַיל, האָט מען דערציילט, איז אויך פאָרגעקומען אַ „זאַבאַסטאָווקע" מיט אַ מאַניפעסטאַציע און יידן האָבן אויך געשריגן „דאָלאָי" און דער איספּראַווניק האָט געהאַט אַ באַפעל, אַז וואו יידן

וועלן זיך מישן, זאָל מען מאַכן אַ פּאָגראָם. קיליע האָט זיך אויסגעדרייט, ווייל עס איז דאָרט קיין „זאַבאַסטאָווקעס" מיט קיין מאַניפעסטאַציעס נישט געווען... עס איז עפּעס יאָ געווען. עס זיינען אַרוים אויף דער נייעם מאַרק אַ פּאָר שקצים און אַ פּאָר יינגלעך, אַז זיי ווילן נישט דעם צאַר, אָבער די גויי־שע טאַטעס האָבן אין איינעם מיט די יידישע זיך צונויפגעלייגט און געגעבן דעם „פּריסטאַוו" די אמתע מתנת יד. אפשר אַ גאַנצן טויזנטער טאַקע מיט אַ שמיץ אַריבער, אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער האָט נישט געהערט און נישט געזען. די גויישע טאַטעס זיינען גאָר געווען רייכע, וואָס זייערע קינדער די גימנאַזיסטן, האָט מען געזאָגט, פעלט אַ קרענק... די יידישע זיינען אויך געווען רייכע. דער הויפּט קנאַקער איז געווען טאַקע וואָלאָדיע ליטווין, וואָס האָט געלערנט אין איינעם מיט יאַנקלען ביי חיים ערליך און וואָס האָט שוין דעמלט געהאַט געלערנט אויף אַפּטייקער. איין קבצניש יינגל איז געווען צווישן זיי, מאָטעלע קראַסניאַנסקי, זיין טאַטע איז געווען אַ מעקלער און אַן אָרעמאַן אין דריי פּאָלעס און מאָטעלע איז געווען אַ שטאַרקער און ער האָט געטראָגן זעק אין פּאַרט. ער האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ זאַק פון פינף פּוד און איז מיט אים געגאַנגען ווי צום טאַנץ. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ רייף אַרום די פּלייצעס און ער קען מיט איין זעץ אַנידערלייגן דעם גרעסטן גוי... די מאַמע האָט נישט געקענט ליידן, וואָס אַ קבצניוק דאַרף זיך אויך אַריינמישן. אַז די רייכע זינדלעך מישן זיך, פעלט זיי אַ קרענק און זייערע טאַטעס האָבן צו באַצאָלן, אָבער וואָס קריכט אַ קבצן? ער וועט דאָך פאַרפוילט ווערן אין אָסטראָג און קיינער וועט אפילו קיין גאָרניט נישט טאָן...

און פּונקט ווי נאָך דעם ערשטן קעשענעווער פּאָגראָם איז איצטער גע־ווען טרויעריק. מען האָט געמאַכט „מלאָס" די קדושים און מען האָט געוויינט און געהלשט און דער דיין האָט געהייסן תשובה טאָן און נישט ריידן קיין רוסיש און נישט צופיל שפּאַצירן און נישט פּראַווען קיין שמחות, סיידן מען מוז... און ס'איז אַ לאַנגע צייט געווען פינצטער אין יעדן ווינקעלע, אָבער דאָס מאָל האָט דער טרויער עפּעס געהאַלטן וויניקער ווי נאָך דעם קעשע־נעווער פּאָגראָם, די מאַמע האָט געזאָגט, אַז צו צרות געוויינט מען זיך אויך צו... פון דעסט וועגן, אַז אַ ייד האָט זיך אַמאָל געקריגט מיט אַ גוי, האָט דער גוי געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַ זינד, וואָס מען האָט אין קיליע נישט גע־מאַכט דאָס אייגענע, וואָס אין אָדעס און אין קאַלאַראַש... און יידן האָבן זיך זייער שטאַרק געהיט צו האָבן צו טאָן מיט קריסטן און זיי זיינען זיי אָפּ־געטראָטן דעם וועג. עס פלעג צו אברהם שוחט קומען אַ כאַכאָל האַקן האָליץ, קירקע האָט ער געהייסן. ער איז געווען דער איינציקער קריסט, וואָס יאַנקל האָט געקענט פון דער נאָענט. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע געלע באָרד אַזוי ווי אַ ייד און אַן אַנגענעם פּנים. ער האָט גערעדט גוט צו אַלע אין שטוב. ווען ער האָט געהאַקט האָליץ, פלעג ער ביי יעדן האַק מאַכן „הוק" אַזוי ווי אַ

מאַשין און ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער מאַכט אַזוי, האָט ער געענטפערט, אַז עס איז אים אַזוי גרינגער צו האַקן. אַז מען אַרבעט, דאַרף מען, אָדער זינגען, אָדער מאַכן אַזוי. ביים זייגן האָלץ קען מען נאָך זינגען, אָבער ביים האַקן — נישט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער שיכור, ער אַרבעט אָפּ אַ האַלבן טאָג און ער פאַרשיכורט עס אין צען מינוט. פון אברהם שוחט האָט ער נישט געדאַרפט ווייט גיין, ער האָט געוואוינט די צווייטע שטוב פון „מאָנאָפּאָל", וואו מען האָט פאַרקויפט בראָנפן. זיי האָבן זיך שוין דעמלט ווידער געהאַט איבערגעצויגן. ווען דער טאַטע מיט יאַנקלען זיינען געווען אין אָדעס, האָט די מאַמע זיך געהאַט אָןבערגעצויגן אין אַ שטוב, וואָס דער טאַטע האָט פריער געדונגען. עס איז געווען אַ גרויסע שיינע שטוב, וואָס איז אַרוים מיט די פענצטער גלייך אויף דער גרויסער גאַס און איז געווען אַ שפּאַן פון אַלטן מאַרק. באַלעבאָס פון דער שטוב איז געווען איינער יאָסל וויינבערג; אַנטקעגן האָט געהאַט אַ שענק זיינער אַ פעטער אַן אַלטער ייד רפאל וויינבערג און אביסל ווייטער אויך איבער דעם וועג האָט רפאלס זון, ארי לייב וויינבערג, געהאַט אַ גרויסע באַקאַלייענע קלייט, וואָס איז געווען, האָט מען געזאָגט, די גרעסטע אין שטאָט. אין הויף איז געווען אַ קליין צימערל מיט אַ קיך, האָט די מאַמע אַוועקגעגעבן דאָס צימערל אומ־זיסט דער משה וועלוולקע, ווייל איר מאַן איז שוין געווען גאָר אַלט און האָט שוין כמעט נישט געקענט אַרבעטן. קירקע פלעג טאַקע באַלד נאָך דעם, וואָס ער האָט אָפּגעהאַקט דאָס האָלץ און ער האָט געקראָגן באַצאָלט, אַריינגיין אין „מאָנאָפּאָל" אַריין און קויפן אַ פלעשל און אַרויסגיין און אַרויסזעצן דעם קאָרעק און עס אויסטרינקען אויף איינמאָל און מאַכן „הוק" פונקט ווי ביים האָלץ האַקן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט גוטע ריידעלעך, אָבער ער איז אַ צורר היהודים און ווען אין קיליע וואָלט חם ושלום פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, וואָלט ער דער ערשטער געגאַנגען מיט זיין שאַרפער האַק האַקן יידישע קעפּ... ווען מען האָט גערעדט וועגן אַ גוי, האָט מען גערעדט וועגן פּאָגראָם. די צווייטע טיר האָט אַן אַלטער מאָלדאָוואַן געהאַלטן אַ באַקאַלייענע קראָם, מאָראַן האָט ער געהייסן, ער האָט גערעדט זייער שיין און ער האָט געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל ביי אים עסן די געפּרעגלטע אַרבעס, וואָס ער האָט פאַרקויפט און ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַזוי „קאָשערנע", אַז אפילו דער ראַבין פון בוהוש מעג זיי עסן. דער דאָזיקער מאָראַן האָט געהאַט אַ זון סאַשאַ, האָט ער געהאַט אַ הויקער און די יינגלעך פלעגן זיך נישט וועלן שפּילן מיט אים, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ פאַרשאָלטענער, האָט ער זיך געוואָלט שפּילן מיט יאַנקלען, אָבער יאַנקל האָט שטענדיק געלערנט און דער אַלטער מאָלדאָוואַן האָט געזאָגט, אַז ער לערנט צופיל און אַז ער וועט נאָך אַמאָל ווערן גרעסער ווי דער ראַבין פון בוהוש; און ער האָט דערציילט, אַז ווען דער דאָזיקער ראַבין איז געווען אין קיליע, איז ער צו אים געגאַנגען

און געבעטן, אַז די געשעפֿטן זאָלן אים גיין בעסער און עס האָט טאַקע געהאָלפֿן, זייט דעמלט גייט אים בפירוש בעסער; אָבער די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער איז אויך אַ צורר ישראל און ער זאָל עס זען אין זיך, וואָס ער וויל זען אין די יידן, כאָטש ער רעדט אַזוי שיין...

די משה וועלוולקע האָט געהאַט עטלעכע זין, אָבער קיין איינער איז נישט געווען מיט איר, זיי זיינען אַלע געווען שניידערס און זיי זיינען זיך צעפֿאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, דער יינגסטער זון אירער, דודל, איז צוריק מיט עטלעכע יאָר אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס און ער איז דאָרטן געוואָרן אַ שניידער און ער האָט פֿון צייט צו צייט געשריבן בריוו צו דער מאַמען. יאַנקל האָט אים געקענט. אויף דער לינקער האַנט האָט ער געהאַט זעקס פֿינגער, קיינער האָט זיי נישט געזען, אָבער יאַנקלען האָט ער זיי געוויזן, ווייל זיין מאַמע איז גוט מיט זיין מאַמען און יאַנקל האָט געהאַט דערנאָך צו דערציילן די יינגלעך ווי אַזוי דער פֿינגער זעט אויס און אַז ער איז גרעסער פֿון אַלע און אַז ער האָט עטלעכע קליינע פֿינגערלעך. מען האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער דודל איז נישט קיין קלוגער, די אַנדערע שניידער יינגלעך האָבן פֿון אים געלאַכט. פֿון דעסטוועגן האָט ער זיי אַלע געוויזן, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס און זיי זיינען געבליבן אין קיליע. די משה וועלוולקע איז נאָך דעם פּאָגראָם אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ און זי האָט געהאַלטן אין איין וויינען און קלאָגן אויף איר זון. דער טאַטע האָט געהאַט אַ בלאַט, וואו עס זיינען געווען אויסגערעכנט אַלע קדושים פֿון אָדעס, דודל איז דאָרט נישט געווען. איינמאָל איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון אים. קיינער איז נישט געווען גלייך צו דער אַלטער שניידערקע. דער טאַטע האָט גענומען לייענען דעם בריוו און אין מיטן איז ער בייז געוואָרן. דער גאַנצער בריוו איז געווען קעגן צאַר. דודל האָט געשריבן צו דער מאַמען, אַז מען וועט זיך נאָך אָפּרעכענען מיט זיי, מיט דעם צאַר הייסט עס... און אַז מען וועט זיי ווייזן! און ער האָט געפֿרעגט דער מאַמען „ביז וואַנען וועלן מיר נאָך אַלע זיין ווי די לעמער? ביז וואַנען וועלן מיר נאָך זיך לאָזן קוילען פֿון זיי, אַזוי ווי די לעמער לאָזן זיך קוילען פֿון שוחט?‟ דער טאַטע האָט אַוועקגעוואָרפֿן דעם בריוו און ער האָט געזאָגט צו משה וועלוולקע, אַז זי זאָל שרייבן צו איר זון, אַז מער זאָל ער איר נישט שרייבן אַזעלכע בריוו. די יידענע איז נעבעך געווען אין גאַנצן צעמישט, זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם טאַטן אַזוי בייז און אויפֿגערעגט און זי האָט טאַקע צוגעגעבן, אַז ס'איז אַן עוולה פֿון איר זון, וואָס איז אויך געוואָרן פֿון די, וואָס ווילן נישט דעם קייסער. און דערווייל האָט זי גענומען קרעכצן וועגן דעם, וואָס מען וועט אים דאָרט אַריינזעצן אין אָסטראָג, אַז ער וועט פֿאַרפֿוילט ווערן און ווער ווייסט אפֿילו אַ קריע טאָן וועגן אים, ווייַ איז דער מאַמען! זי האָט געבעטן דעם טאַטן, אַז ער זאָל אים טאַקע אָנשרייבן אַזאַ בריוול אַז אים זאָל דאָרט פֿינצטער ווערן אין די אויגן און

זאָל ער רחמנות האָבן אויף דער מאַמען און זאָל ער היטן די ביינער און זיך נישט מישן וואו מען דאַרף נישט. אין שטאָט האָט מען געלאַכט, מען האָט געזאָגט, אַז דודל איז טאַקע אַ נאַר, די מאַמע זיינע, אַן אַלטע יידענע פון אַכציק יאָר גייט ער אַנריידן אַז זי זאָל ווערן אַ ציציליסטקע.

אין בית מדרש האָט מען וואָס אַמאָל וויניקער געקרעכצט און גערעדט וועגן פּאָגראָם און דאָס לעבן איז צוריק געוואָרן אַ לעבן מיט צרות פון קינדער, מיט דאגות פון פרנסה און מיט אַ יאָרצייט און אַ שמחה און אביסל בראָנפן. אין אַלע שולן איז געוואָרן נאָר איין מנין אין דער וואָכן — פאַרטאָג. מען האָט געדאַוונט פּונקט ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן און מען האָט שוין געקענט, ווי עס איז געשטאַנען אין דער גמרא, דערקענען צווישן אַ וואָלף און אַ הונט; אין בית מדרש איז אַרום האַלב עלף אַזייגער געווען אַ צווייטער מנין פאַר די שיינע יידן, וואָס האָבן זיך געפירט ווי גרויסע חסידים און זיינען אויפגעשטאַנען שפּעט און געלערנט פאַר דעם דאַוונען. עס פלעג שוין קוים זיך צונויפשטעלן אַ מנין און צווישן די צען איז געווען אי דער דיין, אי הערשל שוחט; פּינחס האָט געדאַוונט ביחידות ביי זיך אין דער היים. אַ סך מאָל האָט אויסגעפעלט אַ צענטער און מען האָט געפרעגט יאַנקלס אונגארישן חבר, צי ער איז שוין בר מיצווה און מען האָט אים מצרף געווען. בכדי מען זאָל מעגן דאַוונען בציבור, האָט מען נישט געדאַרפט האָבן קיין גאַנצן מנין, נאָר עס איז געווען גענוג אַ רוב מנין, פלעג אלי חיים זאָגן, אַז זעקס איז נישט גענוג, מ'דאַרף דווקא זיבן, האָט מען זיך געקריגט, ווייל תמיד האָט געפעלט אַ זיבעטער. די שיינע יידן האָבן געהאַט טענות צום שמש פאַרוואָס ער דאַוונט מיט דעם ערשטן מנין, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט חולשות הלב און ער מוז עפּעס עסן אין דער פרי... דער גרויסער גביר, חיים יאַנקל, פלעג געבן אַ לויף אַריין אַזוי ווי אַ רוח און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער שוין געהאַט אַנגעטאָן דעם טלית מיט די תפילין און דער של ראש האָט זיך אים געשאָקלט און ער איז אַרומגעלאָפן. און אפילו ווען ער איז געשטאַנען, האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער לויפט אַרום און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט האָט ער שוין אויסגעטאָן טלית און תפילין. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער דאַוונט און אַז דער קאָפּ ליגט אים ביים ווייץ און ביים גערשטן און ווען ער וואָלט אפילו געבליבן, וואָלט מען אים אויך נישט געטאָרט מצרף זיין צום מנין. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די געשעפטן גייען אים נישט גוט און אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען זיך דערוויסן, אַז ער איז אין גאַנצן אַ קבצן... אין דער צייט פון צווייטן מנין האָט יאַנקל זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די גאָר פרומע יידן דאַוונען און דאָס האָט אים געשטערט אביסל פון לערנען. נישט אַלע יידן האָבן געדאַוונט אַלציינס, אייניקע האָבן זיך צוגעקלעפּט צום פּלאַץ, גלייך זיי וואָלטן געווען צוגעקאָוועט און זיי האָבן זיך נאָר געהויבן אַרויף, אַרויף און זיך געשטעלט

אויף די שפּיץ פינגער; אַנדערע זיינען אַרומגעלאָפן איבער דער שול אַרום און אַרום און אַזוי גיך, גלייך מען וואָלט זיי נאָכגעלאָפן. אַלי חיים האָט געזאָגט, אַז בכדי מען זאָל ריכטיק מכוון זיין דאַרף מען שטיין אויף אַ פּלאַץ און ער האָט דערציילט אַ מעשׂה פון אַ רבין, וואָס האָט געזען ווי אַ חסיד איז אַרומגעלאָפן בשעת דעם דאַווענען, האָט ער געהייסן אַריינברענגען אַ בעזים און צונויפקערן אויף איין פּלאַץ אַלע תפילות, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער שול; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז גאָט ברוך הוא איז אומעטום. ווי אַזוי דער בוהושער רבי האָט געדאַוונט, האָט קיינער נישט געוואוסט, ווייל ער האָט געדאַוונט באַזונדער און מען האָט צו אים נישט אַריינגעלאָזט. אייניקע יידן האָבן געדאַוונט שטיל, שטיל, אַנדערע האָבן געמאַכט גרויסע קולות. אַ סך האָבן געמאַכט מיט די קולעקעס אויף אַרויף, אָבער עס האָט נישט אויסגעוויזן ווי זיי ווילן זיך שלאָגן, נאָר ווי זיי בעטן שטאַרק מיט דעם גאַנצן כּוח און מיט אַלע איברים... יאַנקל האָט געקלערט ווי אַזוי ער וועט דאַווענען ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער און טאַקע ווי אַזוי ער זאָל איצטער דאַווענען. ער האָט געוואָלט אויספּרואוון ווי אַזוי מען קען בעסער מכוון זיין, גייענדיק, צי שטייענדיק און ער האָט נישט געוואוסט, ווייל ער האָט בשעתן דאַווענען געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי ס'איז בעסער. איין טאָג האָט ער געדאַוונט שטיל, אַן אַנדער טאָג האָט ער געשריגן און די ריכטיקע כּוונות זיינען סיי ווי נישט אַרויסגעקומען. ער האָט זיך נאָר געחידושט פאַרוואָס עס איז דאָ אַזאַ גרויסע שאַפע מיט ספרים און אין קיין איינעם שטייט נישט ווי אַזוי עס איז בעסער צו דאַווענען... זיין חבר אברהם, וואָס האָט אַ סך זאַכן געוואוסט, האָט אים געענטפערט, אַז זיין טאַטע האָט אים געזאָגט, אַז אַלע יידן זיינען אַלציינס און יעדער איז אַנדערש. אַזוי וויל גאָט. מקום הניח להתגדר בו, גאָט האָט געלאָזט פּלאַץ, אַז יעדער זאָל זיין אַנדערש...

אברהם האָט שוין געהאַט געלערנט אין אונגאַרן אין בית מדרש און ער האָט געזאָגט, אַז דאָרט האָבן געלערנט אַ סך בחורים און אַלטע יידן. זיין טאַטע האָט געלערנט מער ווי אַלע און ער איז דער גרעסטער ייד אין אונגאַרן, כאָטש מען האָט אים אוועקגעפירט געבונדערנערהייט. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער וויל ברענגען משיחן, אָבער אברהם ווייסט, אַז זיין טאַטע אַליין איז משיח. ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך אומגעקוקט, צי קיינער הערט דאָס נישט, אַפילו פאַר דעם שמש האָט ער זיך געהיט. אברהם האָט געלערנט נישט נאָר גמרא און פּסוק, נאָר אויך אַ סך אַנדערע ספרים און ער האָט געזאָגט, אַז די אַנדערע ספרים זיינען שענער ווי די גמרא מיטן פּסוק און אַז מען וויל וויסן מער וועגן דעם גיהינום, דעם גן עדן און וועגן משיחן און אַפילו וועגן גאָט דאַרף מען לערנען די אַנדערע ספרים. ער האָט זיי געזוכט אין די גרויסע ספרים־שאַפעס פון בית מדרש און אַ סך פון זיי האָט ער געפונען. ער האָט אַרויסגענומען אַ ספר, וואָס האָט גע־

הייסן „ראשית דעת", איז דאָרט געווען באַשריבן דער גאַנצער גהינום מיט די שלענג און מיט די עקדישן און מיט די פייערדיקע קעמלען, וואָס רייסן דאָס לייב. יאַנקל האָט געפילט ווי זיין לייב ברענט. ער האָט געפרעגט פון וואַנען ווייסט דאָס ספר דאָס אַלץ, האָט זיין חבר אים געענטפערט, אַז הייד־ליקע ספרים ווערן געשריבן דורך גאָט אַליין. גאָט קומט צו גרויסע רבנים און סופרים און ער הייסט זיי שרייבן און אַמאָל פירט ער מיט זייערע הענט... און יאַנקל האָט געקלערט וועגן דעם, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען גאָט קומט צו אים און באַווייזט זיך. ער וואָלט אים געהאַט אַזויפיל זאַכן צו פרעגן. „וואָס טוט מען, האָט יאַנקל געפרעגט, אַז גאָט זאָל זיך באַווייזן צו אַ יידן?" „מען דאַרף זיין אַ גרויסער צדיק, האָט אברהם געענטפערט, אַ גרויסער צדיק... מיין טאַטע האָט גערעדט מיט גאָט!" דעם בחורס אויגן, וואָס זיינען שטענ־דיק געווען פאַרגלעזערט, האָבן איצטער געברענט. יאַנקל האָט אים געפרעגט, צי זיין טאַטע האָט אים דערציילט, אַז ער האָט גערעדט מיט גאָט און ער האָט געענטפערט, אַז דער טאַטע האָט אים גאָרנישט געזאָגט, אָבער ער ווייסט עס אַליין... אין יענעם פאַרנאַכט האָט יאַנקל נאָך פרימער געדאַוונט ווי תמיד און ביינאַכט האָט זיך אים געחלומט, אי אַז ער זעט גאָט, אי אַז ער איז אין גהינום און מען רייסט מיט אייזערנע אָנגעגליטע קעמלען זיין לייב; ער האָט אַזש געוויינט פון שלאָף און די מאַמע האָט אים קוים אויפגעוועקט.

יאַנקל איז אַ סך בייטאָגן געזעסן מיט זיין חבר און ער האָט גערעדט מיט אים, די גמראס זיינען ביי ביידע געלעגן אָפן און זיי האָבן גערעדט. אַז זיי זיינען געלעגן צו לאַנג אָפן, האָט אברהם אַרויפגעלייגט אַ טיכל אויף דער גמרא און ער האָט יאַנקלען אויך געהייסן אַזוי טאָן. יאַנקל האָט גע־פרעגט זיין חבר פון וואָס קומט אַ מענטש און אברהם האָט געענטפערט, אַז פון גאָט. אין חומש שטייט בפירוש, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט. האָט יאַנקל נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מ'האָט געשאָלטן דאָס מומעלע, וואָס גייט אַרום אין די הייזער, ווייל זי האָט געהאַט אַ קינד און האָט נישט חתונה געהאַט, מען האָט געזאָגט, אַז איר קינד איז אַ ממזר. איז איר קינד נישט געווען פון גאָט? די יינגלעך אין חדר האָבן געזאָגט, אַז פון „שאַרלאַטאַנסקע זאַכן" ווערן געבוירן קינדער, ווי אַזוי זשע האָט אברהמס טאַטע געהאַט קינדער, ער איז דאָך אַזאַ פרומער ייד? אברהם האָט געזאָגט, אַז אין אונגאַרן האָט מען אויך גערעדט דערפון, די גרויסע בחורים האָבן אויך געזאָגט, אַז פון „שאַרלאַטאַנסקע זאַכן" קומען קינדער און זיי האָבן געזאָגט, אַז דער גוישער גאָט איז אַזוי געבוירן געוואָרן ווי דאָס „מומעלע" האָט געהאַט איר קינד און דערפאַר איז ער געווען אַ ממזר, אָבער אין חומש שטייט פאַרט, אַז גאָט האָט געמאַכט דעם מענטשן און ער גלייבט אין חומש...

און יאַנקל האָט שוין זייט דעמלט אַ סך מאָל גענומען אַנדערע ספרים און געקוקט אין זיי און אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער געפרעגט ביי זיין חבר. אין איין ספרל, וואָס די בלעטלעך זיינען געווען אויסגעריסן האָט

ער געלערנט, אַז די וועלט איז אַ רווישנדיקער ים און אַ ווילדער און אַ שטור־מישער און די צייט איז אַ צעבראָכן בריקל, אָן וועגטלעך און דערפאַר דאַרף מען ליב האָבן גאָט און גלויבן אין אים, מען טאָר זיך נישט פרייען און מען טאָר נישט זיין שטאָלץ, ווייל וואָסערא ווערט האָט מען, אַז מען שטייט לעבן ים אויף אַ צעבראָכן שמאָל בריקל? און יאַנקל האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם ים, אויף וועלכן ער איז געפאָרן קיין אָדעס און ער איז נישט אויף דער שיף, נאָר אויף אַזאַ קלאַטקעלע, וואָס מען האָט געמאַכט ביי זיי, ווען עס איז גע־ווען דאָס געוויסער... און ער האָט בייטאָג מורא געהאַט צו גיין, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט פאַלט ער אריין אין ים. זיצנדיק ביי דער גמרא האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַלט אריין... ביינאַכט איז אָפגערעדט, ביינאַכט איז שטענדיק דאָס בעט געווען דאָס בריקל און די גאַנצע שטוב דער ים... די מאַ־מע האָט אים אָפגעשפּראָכן און האָט געבראַכט אַ גויה, וואָס זאָל אים גיסן וואַקס...

אלי חיים פלעג יעדן אויף דער נאַכט נאָך מערב לערנען מיט יאַנקלען אַ בלאַט גמרא פון „חולין״. די דאָזיקע גמרא איז דעם בחור געפעלן, ווייל ביים אָנהייב האָט זי אַלץ גערעדט וועגן שחיטה, וואָס ער האָט געקענט פון קינדוועיז אָן. אים איז דער אָנהייב געפעלן — „הכל שוחטין ושחיטתן כשירה״, אַלע מעגן קוילען און זייער שחיטה איז כשר, חוץ מחרש, שוטה וקטן, חוץ פון אַ טויבן, אַ נאַר און אַ קליינעם. אלי חיים זאָגט, אַז אַ טויבער מיינט אַ שטומער. ווען איינער איז געבוירן טויב פון קינדוועיז אָן, קען ער נישט ריי־דן. און אַ נאַר מיינט אַ משוגענער, ווייל נישט יעדער ייד קען דאָך זיין אַ חכם... יעדער ייד פון בית מדרש קען נעמען און קוילען און עס וועט זיין כשר, אָבער ער, יאַנקל נישט, ווייל ער איז אַ קליינער... פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט דערנאָך, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז נישט יעדער קען קוי־לען, מען דאַרף קענען מאַכן דאָס מעסער אָן פגימות און מען דאַרף איבער־קוילען די סמנים פונקט אַ רוב, נישט קיין סך מער ווי אַ העלפט, אָבער נישט ווייניקער און נישט פונקט אַ העלפט... און אַז מען שניידט זיי איבער אין גאַנצן, איז אויך טריפה. מען דאַרף איבערשניידן אי דעם קנה (גאָרגל) אי דעם וושט און מען דאַרף פריער גוט קוקן, צי דער קנה מיטן וושט ליגן אויף דעם פּלאַץ. עס האָט זיך יאַנקלען אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע תורה פון שוחט לערנט מען אוים אין די ערשטע בלעטלעך פון דער גמרא און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען דאַרף לערנען אַזוי לאַנג אויף שוחט. אָבער וויפל מער ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו קוילען, אַלץ מער האָט ער נישט געקענט קוקן ווי מען קוילעט. ער האָט נישט איינמאָל געזען, אַז דער טאַטע האָט יסורים פון דעם, וואָס ער דאַרף קוילען לעבעדיקע באַשעפענישן און ער האָט זיך געטרייסט, אַז ער טוט אַן עבודת הקודש און היט אָפּ יידן פון עסן טריפה חס ושלום. די צוויי ווינטער חדשים, טבת און שבט, האָט מען געקוילעט זייער

אַ סך גענז, האָט דער טאַטע גענומען פון יעדער גאַנז אַ פיסל און ער האָט אַליין דערציילט, אַז אין די דאָזיקע חדשים קומען אַרויף די גענז אין הימל אַריין און זיי רופן די שוחטים צו אַ דין תורה פאַר דעם כסא הכבוד. זיי טענהן, די גענז: פאַרוואָס קוילען אונז די שוחטים, אַז אַליין האָבן זיי נישט קיין הנאה פון אונז? איז אָט דערפאַר האָט מען איינגעפירט, אַז די שוחטים זאָלן אין די צוויי חדשים נעמען אַ פיסל פון יעדער גאַנז. מען פלעג אין שטוב פאַרען די פיסלעך און זיי קרעלן (אָפּשיילן די הויט). די קינדער האָבן זיך געשלאָגן, יעדער האָט געוואָלט קרעלן, אָבער עסן האָבן זיי נישט ליב געהאַט די פיסלעך און מען האָט זיי געשענקט די שיינע באַלעבאָסטעס. דער טאַטע פלעג נישט איינמאָל צוקרעכצן, אַז מיט די גענז וועט זיין אַ שווערער און הארבער דין תורה...

אלי חיים האָט געלערנט ווייטער אויך מיט אים און ער איז צוגעקומען צו זאַכן, וואָס אַ רב דאַרף וויסן; וועגן אַ לאָך אין אַ פופעק און וועגן אַ קאַליע לעבער, אַלץ וועגן זאַכן, וואָס די מאַמע גייט פרעגן אַ שאלה. ער האָט אויך געלערנט וועגן אַ לונג, וואָס האָט אין דער גמרא געהייסן ריאה און ער האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען בלאָזט זי אָן, ווען דער טאַטע איז זי בודק. מען דאַרף זען, צי זי האָט נישט קיין לעכל, ווייל אויב זי האָט אַ לעכל איז זי טריפה. אלי חיים זאָגט, אַז זי איז טובערקולאָז.. און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט סירחאָ. אלי חיים האָט אים דערקלערט, אַז אַ סירחאָ איז אַ לעכל, וואָס איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ הייטעלע. אַמאָל פאַרציט זיך אונטן און עס ווערט אויס לעכל און אַמאָל בלייבט אונטן אַ לעכל. דאַרף מען קענען אַראָפּנעמען די סירחאָ אַזוי, אַז מען זאָל נישט צערייסן. דערפאַר האָבן שוחטים גרויסע נעגל. פאַראַן שוחטים גרויסע בריות, וואָס נעמען אַראָפּ גוט די סירחאָ און פאַראַן שוחטים, וואָס קענען נישט אַראָפּנעמען. אויף יאַנקלם טאַטן זאָגט מען, אַז ער איז אַ גרויסער בריה. די מאַמע זאָגט, אַז ער האָט מזל און גאָט העלפט אים, בכדי די קצבים זאָלן אים ליב האָבן. יאַנקל האָט געזען ווי אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט איז דער טאַטע געשטאַנען און ער האָט אַראָפּגענומען אַ סירחאָ מיט ווארעם וואַסער און אַלע קצבים זיינען געשטאַנען אַרום און זיי האָבן געציטערט. מאָרגן האָט געדאַרפט זיין ערב שבת און קיין אַנדער שטיקל בהמה האָט מען נישט געפונען. הערשל שוחט איז אויך געווען אין „בוינע" און ער האָט געוואָלט אַראָפּנעמען, אָבער קצבים האָבן געזאָגט, אַז דער טאַטע האָט אַ גרינגערע האַנט. די יונגע קצבים האָבן אַלע גערעדט מיאוסע ווערטער, נאָר איין אַלטער העקער איז געווען, לייב קצב האָט ער געהייסן, ער האָט גערעדט פונקט אַזוי ווי אַ שוחט און ער איז געשטאַנען און ער האָט געזאָגט תהילים אויף אויסנווייניק. די יונגע קצבים האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין און האָבן געשוויגן. און ווען דער טאַטע האָט אָפּגעריסן דאָס אונטערשטע שטיקל און דער הונט איז צו-

געלאָפן עס כאַפּן און דער נאָמן איז געלאָפן שטעלן דאָס שטעמפּל „כשר", איז געוואָרן אַ גאַנצע גדולה. די קצבים האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן שיקן דעם טאַטן ווײַן אויף שבת און אַ קישקע. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אויב אַ קישקע, איז פון אַן אַנדער שטיקל, ווײַל פון קיין סירחא עסט ער נישט. יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען. אָהער עס איז כשר פאַר אַלע ייִדן, אָדער פאַר קיין שום ייִדן נישט? האָט אים דער טאַטע געזאָגט, אַז עס זײַנען דאָ מער אָפּגעהיטע ייִדן און ווייניקער אָפּגעהיטע. ווען אַלי חיים האָט געלערנט מיט אים וועגן דער לונג, האָט ער געזען פאַר זיך די גאַנצע „בוינע" מיטן בדקע־נען, אָבער דער דיין האָט אים געזאָגט, אַז עס זײַנען דאָ מענטשן, וואָס האָבן אויך לעבער אויף דער לונג און בײַ אייניקע ווערט פאַרוואַקסן מיט אַ סירחא, ווײַל זיי עסן אַ סך פּוטער און טרינקען אַ סך מילך... און ער האָט אים דער־ציילט, אַז איינער אַ ייִד, אברהם ראָזנפעלד, האָט אַזאַ פאַרוואַקסענע לונג... אַז אַלי חיים האָט נישט געהאַט קיין צײַט צו בלײַבן אין בית מדרש, האָט ער גערופן יאַנקלען צו זיך אַהיים נאָך מעריב און ער האָט דאָרט געלערנט מיט אים און די דינסטע האָט אים געגעבן אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכל. מען פלעג קור־מען פרעגן שאלות, ווען זיי האָבן געלערנט. איינמאָל איז געקומען זייערע אַ שכנה פרעגן אַ שאלה אויף דער לעבער פון אַ הון. אַ שטיק לעבער איז געווען קאַליע און אָפּגעבראָכן. מיט אַ טאָג פריער האָט יאַנקל געלערנט אין דער גמרא, אַז ווען די לעבער ווערט אָפּגענומען, אויב עס בלײַבט אַ שטיקל, וואָס איז גרויס ווי אַ כזית, איז כשר און אויב ווייניקער איז טריפה. דער דיין האָט געזאָגט דעם ייִנגל, אַז ער זאָל פּסקענען צי ס'איז כשר, צי טריפה. ער האָט געענטפערט, אַז מען דאַרף אויסמעסטן, צי ס'איז געבליבן אַ כזית, האָט אים דער דיין געהייסן אויסמעסטן. ער האָט געוואוסט, אַז אַ כזית איז אַן איילבירט, אָדער ווי מען זאָגט בײַ זיי, אַ מאַסלינע. דאָס שטיקל לעבער, וואָס איז געבליבן, איז געווען אַ סך גרעסער. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז כשר. די ייִדענע האָט זיך גאָר דערפרייט. און ווען יאַנקל איז אַהיימגעקומען, איז די מאַמע שוין געשטאַנען בײַם טויער און געוואַרט אויף אים און געוויינט און אים גערופן „רב מײַנער, די בײַנער זאָלסטו מיר איבערלעבן". די שכנה האָט איר שוין דערציילט, אַז ער האָט איר געפּסקנט די שאלה.

דער ווינטער האָט זיך גערוקט. דעם טאַטנס שולעכל האָט מען געבויעט פאַוואָליע, מען האָט געזאָגט, אַז זומער וועט מען עס בויען גיכער. דערווײַל האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז עס איז דאָ צו פאַרקויפן אַ חזקה אין אַ שטעטל, וואָס הייסט פּעטראָוועקע און עס געפינט זיך לעבן קאָושאַן, לעבן דעם זעלביקן קאָושאַן פון וואַנען מען ברענגט דעם „ווימאַראָזאָק" (אַ ווײַן, וואָס מען פאַרפרירט אים, ווען ער איז נאָך זיס). קיין גרויסע שטאָט איז עס נישט, אָבער נישט אַזאַ דאָרף ווי טשיטשמע. עס איז דאָרט דאָ אַ גרויסע שול און אַ קליין שולעכל און אַ באָד און אַ רב. די ייִדן האָבן דאָרט

ווייגנגערטנער. מען האָט זיך געדונגען און געדונגען ביז מען האָט זיך פאַר־גלייכט. מאַמציע איז שוין דערווייל געבליבן אין שטוב, ווייל זי האָט געהאַט אַ שווערע האָדוואַניע. אין שטוב זיינען געווען צוויי קינדער, דער ברודער לייב איז אַלט געווען אַריבער אַ יאָר און איז אַרומגעקראָכן און דער פּלימע־ניק הירש לייב איז אַלט געווען אַ צען חדשים און האָט שוין געוואָלט נאָכ־קריכן. יאַנקל האָט זיך מיט ביידע געשפּילט און ביידע האָט ער געהאָדעוועט. מען פלעג אים געבן אַ קיכל, אַז ער זאָל צעקייען און געבן ביידע צו עסן. מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נאָר קייען, אָבער נישט שלינגען און די קיכלעך זיינען געווען זיסע און געשמאַקע און ער האָט נישט איינמאָל אַראָפּגעשלונגען גאַנצע שטיקער און דערנאָך האָט ער מורא געהאַט, אַז ער טוט אַן עבירה. די מאַמע פלעג שרייען אויף אים און דער טאַטע האָט אים פאַרענטפערט, ער איז דאָך אויך אַ קינד, האָט ער געשמייכלט. און ער האָט דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ רבי רב העשל, וואָס איז צו אכט יאָר געוואָרן רבי, האָט מען אים איינמאָל געפּאַקט אַרומפּאָרן אין הויף אויף אַ ציג און מען האָט אים געפרעגט: „רבי, וואָס איז דאָס?" האָט ער געענטפערט, אַז מען דאַרף אָפּגעבן דעם ייִנגל זיינס. יאַנקל האָט געוואָלט דעם טאַטן קושן פאַר דער דאָזיקער מעשה און די מאַמע האָט אויך אָנגעקוואָלן פון דעם.

זייער גוטן און האַרציקן קרוב לייב אַברהמס ייִנגל איז וואָס אַמאָל געוואָרן מער קראַנק און מען האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ נאָר איין מיטל דערצו: מילך פון אַ פרוי. האָט לייב אַברהם געבעטן, אַז מאַמ־ציע זאָל אַראָפּנעמען פון איר מילך, זי האָט סיי ווי געהאַט צופיל. האָט מען געקויפט אַ כלי פון גלאָז, וואָס מען האָט זי גערופן „אָפּציער" און מאַמציע האָט מיט דעם אָפּציער אָפּגעצויגן מילך און ווען יאַנקל איז געגאַנגען אין בית מדרש אַריין, האָט ער עס מיטגענומען. יאַנקל האָט שטאַרק געוואָלט וויסן וואָסערא טעם אַזאַ מילך האָט און איינמאָל איז ער אַריין אין אַ הויף און פאַרזוכט אביסל, אפילו אָן אַ ברכה. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַרזוכט עפּעס אָן אַ ברכה. איז אים נישט גוט געוואָרן, אַז ער האָט שיעור נישט געבראָכן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דער קראַנ־קער טרינקט עס, אָבער ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס איז אַלציינס ווי אַ רעצעפּט. ווען ער האָט ווינטער שטאַרק געהוסט, פלעג ער אויך טרינקען אַ שטאַרק ביטערן רעצעפּט, וואָס נעמיראָווסקי האָט אים פאַרשריבן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מאַכט גאָט מענטשן זאָלן זיין קראַנק. אויב גאָט קען אַלצדינג, צו וואָס דאַרף ער מאַכן קראַנקע? פרעגן דעם טאַטן האָט ער מורא געהאַט. און ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע ווייסט אויך נישט אַלצדינג. די נביאים זיינען געווען גרעסערע מענטשן ווי דער טאַטע, און זיי האָבן אויך נישט אַלצדינג געוואוסט. ירמיהו האָט נאָר געפרעגט פאַר־וואָס דער רשע שלינגט איין דעם, וואָס איז גערעכטער פון אים.

יאנקל איז שוין יענעם ווינטער געגאַנגען אין ווינט־מיל אַריין מאַלן די „שמירה". די שוחטים, דער דיין און נאָך עטלעכע יידן האָבן געגעסן נאָר מצה שמירה. שמואל שוחט איז געפאָרן אין פעלד אַריין אַראָפּנעמען דעם ווייץ און אכמונג געבן, אַז עס זאָל זיין טרוקן און עס זאָל נישט פאַרנעצט ווערן פון רעגן. אין שטוב האָט מען דערנאָך געקליבן דעם ווייץ. יעדער האָט געהאַט אַ זעקל און מען האָט אויסגעשיט ביסלעכווייז אויף דעם טיש און אויסגע־קליבן די שוואַרצע פינטלען, ווייל זיי זיינען חמצדיק. און דערנאָך האָט מען דעם ווייץ געמאָלן נישט אין דער „פּאַראָוואָי" מיל, נאָר אין אַ ווינט־מיל. מען האָט ביי אַ גוי אָפּגעדונגען אַ ווינט־מיל און אַלע שוחטים אין איינעם מיטן דיין האָבן זי געכשרט און מ'האָט אַריינגעשיט דעם ווייץ און דערנאָך האָט מען זיך צעטיילט. פלעג אַ סך מאָל אויף צו להכעיס נישט זיין קיין ווינט און מען האָט געקענט וואַרטן עטלעכע טאָג. מען פלעג אַרויסגיין ביי־נאַכט און קוקן, צי ס'איז דאָ אַ ווינט און ווען ס'איז געווען, איז מען געלאָפן אין מיל אַריין און אויפגעוועקט די פליגל. די מיל איז געווען ווייט און הינט זיינען באַפאַלן. ס'איז געווען שרעקלעך, אָבער ווען די רעדער האָבן זיך אָנגע־הויבן דרייען און ס'האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט סמאַלע און מיט מעל, איז געוואָרן פרייְלעך. פון די מילשטיינער זיינען געפלויגן פונקען, אַזוי זיינען זיי געלאָפן. און דאָס מעל האָט זיך געשאָטן... עס זיינען געווען הערשלס פיר זין און יאַנקל. זיי זיינען דאָרט געווען ביז טאָג. זיי זיינען הונגעריק געוואָרן און זיי האָבן געפינען צוויי גרויסע אייער. יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע גרויסע אייער. און זיי האָבן זיי אויפגעגעסן. דער גוי האָט זיך אויפ־געכאַפּט און האָט אַלע געוואָלט דערהרגענען. זיי זיינען געווען, האָט ער גע־זאָגט, הינדעטשקע אייער און האָט זיי געהאַלטן אויף „פּאַסיוו" (זריעה). מען האָט אים געמוזט באַצאָלן ווי פאַר הינדעטשקעס...

און דאָס באַקן די שמירה איז געווען פרייְלעך. טאָקע אין שטוב האָט מען געבאַקן. אַלע שכנות זיינען געקומען העלפן. אויך מרימס חברטעס זיי־נען געקומען העלפן. די מאַמע האָט זיי אַלע געגעבן ווייסע פאַרטוכער און פסחדיקע קאַטשעלקעס. דאָס שווערסטע איז געווען דאָס פאַרקנייטן די „מיי־רעס". צוויי געזונטע יידן האָבן עס געטאָן אין טיפע מעשענע טאַצן, וואָס מען האָט אַלעמאָל גערייניקט. די מענער האָבן „גערעדלט" און געמאַכט לעכלעך אין די מצות. יאַנקל האָט אויך געפּרוּווט עטלעכע מאָל, אָבער ער האָט צע־שניטן. אַ שווערע אַרבעט האָבן געהאַט אויך די שיבערס, וואָס האָבן אַריינ־געלעגט די מצות אין אויוון אַריין און זיי אַרויסגענומען. אַ שווערער טאָג איז עס געווען, אָבער אַ פרייְלעכער. ווען מען האָט געענדיקט, האָט מען גע־טרונקען בראָנפן און געגעסן פלאָדן און געוואונטשן מען זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר.

נאָך פסח האָט מאַמציע זיך איבערגעצויגן קיין פעטראָווקע. די מאַמע

און דער טאַטע האָבן זיך געפּרייט און געוויינט. זי פאָרט אַוועק ווייט. עס איז דאָ הונדערט צוואַנציק ווערסט. מען דאַרף פאָרן צוויי טעג. מען האָט זיי געטרייסט און געזאָגט: און וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען זי פאָרט אַרויס גאָר אין אַנדער גובערניע? יאַנקל איז אויך געווען טרויעריק און ער האָט געוויינט. ערשט איצטער האָט ער געפילט, אַז ער האָט מאַמציען מער ליב ווי אַלע שוועסטער. זי איז אַזאַ שטילע און אַ גוטע. מיט די אויגן אַליין מאַכט זי, אַז עס זאָל זיין שטיל אין שטוב און דער טאַטע זאָל זיך נישט קריגן מיט דער מאַמען. אָבער זי מוז אַוועקפאָרן. זי דאַרף דאָך פּרנסה... יאַנקל האָט געטראַכט, אַז ער וועט אַמאָל אויך דאַרפן אַוועקפאָרן פון טאַטע און מאַמע און ער האָט נאָך מער געוויינט. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר זיין שוועסטער מרים, אַז ער וויינט אויך דערפאַר, ווייל ער וועט אַמאָל דאַרפן אַוועקפאָרן און זי האָט געלאַכט פון אים און אים נאָכגעקרומט ווי ער וויינט און דערציילט אַלע און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר... ער וואָלט נאָכגעלאָפן דעם וואָגן, אַזוי ווי דעמלט, ווען מאַמציע איז אַוועקגעפאָרן קיין טשיטשמע, אָבער איצטער איז ער שוין געווען אַ גרויסער. מען האָט אים געוואָרנט און געזאָגט, אַז ער זאָל נישט נאָכלויפן, ווייל פּעטראָווקע איז ווייט...

אָנהייב זומער האָט יאַנקל אין אַ בייננאַכט געדאַרפט גיין צום סטאָליער איציק העניע רחלס אָפּנעמען אַ בענקל, וואָס מ׳האָט אים געגעבן צו פאַרריכטן. דער דאָזיקער סטאָליער איז געווען אַ קליין דאַר יידל, וואָס האָט געהאַט אַריבער אַ האַלב טוץ זין איינס און איינס, די זין זיינען אַלע געווען העכער און דיקער פון טאַטן. דער אַלטער איז געווען הויט און ביינער און ער האָט כסדר גערעדט פון עסן און ווען ער האָט גערעדט וועגן פריש ברויט, האָבן אים די אויגן זיך צעברענט. ס׳איז נאָך געווען פריער אָוונט, ווען יאַנקל איז געקומען צום סטאָליער אין שטוב אַריין, דאָך האָט ער אים שוין געטראָפן שלאָפן און אַ זון האָט אים געגעבן דאָס בענקל. געשלאָפן איז דער סטאָליער אויף דער ערד אין איינעם מיטן ווייב. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט יאַנקל געזען, ווי אַ ייד שלאָפט אין איינעם מיט זיין ווייב און ער האָט עס דערציילט זיין חבר אין בית מדרש און יענער האָט געזאָגט, אַז אפשר טוט עס איין ייד, אַלע יידן טוען עס נישט. יאַנקלען איז די זאַך פאָרגעקומען קאָמיש און ער האָט דערפון געלאַכט עטלעכע טעג און עס דערנאָך דערציילט אויך זיין שוועסטער מרים. יענע האָט זיך צעשריגן, אַז יאַנקל רעדט שאַרלאַטאַנסקע ווערטער און ער האָט אַריינגעכאַפּט די אמתע פאָרציע קלעפּ, אָבער ס׳האָט אים נישט געאַרט, ער האָט ווייטער געלאַכט און די גאַנצע זאַך איז אים פאָרגעקומען מאָדנע.

אין יענעם זומער האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק ביי זיי. דער פעטער נח איז קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען אַנטצינדונג, פּונקט אַזאַ קראַנקייט, ווי

די מאמע האָט אַמאָל געהאַט. אָבער דער פעטער נח איז נישט געזונט גע־וואָרן, די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ביי אים איז אַן אָנהייב פון טשאַ־כאָטקע און מען דאַרף אים ראַטעווען. אין קיליע, אין פּאַרעך, טאָר ער נישט בלייבן. ער האָט געדאַרפט פאָרן קיין שווייצאַריע אין אַ שטעטל, וואָס הייסט מעראַן און מען האָט געדאַרפט אַ סך געלט און ער האָט נישט געהאַט און קיינער פון די ברידער האָט נישט געהאַט. דער פעטער אלי איז אַריינגעקומען קיין קיליע אין איינעם מיט דער באָבען צו זען זיך געבן אַן עצה און עס איז געבליבן, אַז דער טאַטע זאָל פאָרן קיין בענדער און קעשענעוו, ווייל דאָרט זיינען דאָ אַ סך רייכע קרובים, ווייטע, אָבער דאָך קרובים, וועלן זיי העלפן. מען האָט געזאָגט, אַז אין האַנטשעשט לעבן קעשענעוו איז דאָ אַ קרובה, וואָס הייסט מלכה, איז זי אָנגעשטאָפּט און זי האָט נאָך קיין קינדער אויך נישט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דער פעטער אלי זאָל פאָרן, אָבער דער פעטער אלי איז אַליין עפּעס געווען נישט געזונט און ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין אַמעריקע. די מאַמע האָט געוויינט, אַז דער טאַטע פאַלט שטענדיק דער קרבן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, ער האָט געמוזט פאָרן און גיך, מען האָט אים קוים געגעבן צייט צו מאַכן אַ לייטישע קאַפּאָטע און אַן איבערציער אין וועג אַריין. און ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי פאָרן, איז אַריינגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דער פעטער אלי איז גע־פּערלעך, דער טאַטע זאָל באַלד אַריינקומען. ער האָט געהאַט מערידן דער פעטער און ער איז שיעור אָפּגעגאַנגען מיטן בלוט. דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז זיין טאַטע איז אויך געשטאָרבן פון מערידן און ער איז דעמלט אַלט געווען פּונקט ווי איצטער דער פעטער. אין שטוב האָט מען אים שוין באַוויינט. דער טאַטע איז געפאָרן קיין איזמאַיל און געוואַרט ביז וואַנען דעם פעטער איז געוואָרן בעסער און ער איז אַוועק אין וועג אַריין און ער האָט זיך געזוימט עטלעכע וואָכן און איז צוריקגעקומען שיינענדיק און געזאָגט, אַז יידן זיינען רחמנים בני רחמנים. דער פעטער נח איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין מעראַן און דער טאַטע איז ביי אים געווען געהויכט און געקרוינט. פון דעם, וואָס דער טאַטע האָט צונויפגענומען, איז געווען אויך פאַר דער מומען מיט די צוויי קינדער צו לעבן. די מומע האָט שוין געהאַט אַ מיידעלע אויך פון דריי יאָר, אַ רויט מיידעלע, וואָס מען האָט גערופן מייקע און אויך מאַניע און קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס רויטע מיידעלע איז אין גאַנצן געראָטן אין טאַטן. די מאַמע האָט נישט שטאַרק גוט געלעבט מיט דער מומע חווה דעם פעטער נחס, אָבער זייט דער פעטער איז קראַנק גע־וואָרן, איז זי געוואָרן גוט מיט זיי און זיי אַלעמאָל געשיקט פרישע קיכלעך און געבעטן, אַז זיי זאָלן קומען צו גאַסט און זי איז געגאַנגען צו זיי און האָט זיי נישט געלאָזט זיין אַליין. די מומע חווה האָט געזאָגט, אַז ווען מען איז קראַנק, האָט מען זיך ליב.

יאנקל האט ווייטער געלערנט אין בית מדרש און אברהם האט אים אלץ געגעבן נייע און נייע ספרימלעך, וואס האבן דערציילט וועגן גהינום און גן עדן און משיחן און וועגן גאט. די מעשהס וועגן משיחן האבן אים פארכאפט. אזויפיל גרויסע יידן האבן געפרואווט ברענגען משיחן און דער שטן האט זיך אריינגעמישט און נישט געלאזט. צום מערסטן האט אים פארכאפט די מעשה פון יוסף די לא רינה, וואס איז איבערגעשטאנען אלע נסיונות און האט זיך נישט געשראקן פאר קיין הינט און פאר קיין חיות און האט געפאסט און נישט געטרונקען פון די בעסטע ווייגען און נישט געגעסן פון די בעסטע מאכלים און דערנאך האט ער געשמעקט ווייררויך און פארשפילט די גאנצע וועלט. יאנקל האט געפונען ביי זיי אין שטוב אויך דאס זעלביקע ספרל און ער האט עס געגעבן צו לייענען דעם טאטן און דער טאטע איז געווען שרעקלעך אנגעצויגן און ווען ער איז געקומען צום סוף, איז ער געווארן אומגעהויער בייז אויף דעם יוסף די לא רינה און ער האט אים געשאלטן, פארוואס ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן. ווען נאך איין ביסל, וואלט שוין משיח געקומען...

און צוליב יאנקלען און אברהמען האבן טאקע אנגעהויבן נאך יידן צו לערנען אין בית מדרש. ס'פלעגן אריינקומען יידן, וואס מען האט זיי פריער נישט געזען און זיי פלעגן זיך אנידערזעצן און אריינקוקן אין א ספר אריין. און וואלף קאנסטאנטינאווסקי האט אנגעהויבן צו שיקן זיין זון ברוך, אז ער זאל אויך לערנען אין בית מדרש. דער שמש, וואס איז אליין געווען א ייד א למדן און א קלוגער ייד, האט געקוקט ווי ברוך קומט און ער האט א זאג געטאן: „וואלפס תכשיט וועט שוין פוןביידע מאכן א לייט...״ און ער האט געטראפן. ברוך איז שוין דעמלט געווען א גאר גרויסער בחור, ער האט שוין געהאט א היפש בערדל, וואס ער האט נישט געשוירן, כאטש ער האט געטראגן א קורץ רעקל. ער האט געהאט א גאלדענעם זייגער און א סך מעסערלעך און ער האט שוין גערייכערט. ער האט באלד אויסגעלערנט אברהמען צו רויכערן א ציגאר, יאנקל האט נאך מורא געהאט. און ער האט גענומען רופן ביידע זיך גיין באדן און ער האט אזוי גערעדט איבער זיי, ביז וואנען ער האט זיי איבערגערעדט. ער האט געזאגט, אז ער האט א פלאץ וואו קיינער זעט נישט און ס'איז נישט טיף און דארט קען מען זיך באדן און באדן. ער קען שוין שווימען און אז ער וויל, וועט ער זיי אויסלערנען. און דארטן ערשט האט ער גערעדט וועגן ערגערע זאכן. ער האט געזאגט, אברהמען, אז ער זאל גיין מיט אים בייגאכט צום „רויטן פאנאר״, ער ווייסט שוין וואו ס'איז. ער האט גרויסע פאות, קען ער זיי אזוי ארונטערשארן, אז מען זאל זיי נישט אנזען. יאנקל האט שוין לאנג געהערט אט דעם נאמען און ער האט געוואוסט, אז ס'איז א זייער שלעכטע זאך, כאטש ער האט נישט געוואוסט, וואס עס מיינט. ער האט נאר געוואוסט, אז משה דראגוליער איז א וואוילער ייד און אלע

זאָגן עס, אָבער ווייל זיין זון לייזער האָט געמאַכט אַ „רויטן פּאַנאַר" וויל מען מיט אים נישט ריידן. און דעם זון זיינעם רופט מען „לייזער זעקס". יאַנקלען האָט ער נישט גערופן אהין, ווייל ער איז אַ צו קליינער. געלערנט האָט מען שוין ווייניקער ווי פריער און אַ סך מאָל האָט מען גאָרנישט געלערנט. און אברהם האָט שוין איצטער גערעדט אַ סך ווייניקער מיט יאַנקלען וועגן גע־הויבענע זאַכן ווי ער האָט גערעדט פריער, ער האָט בעסער גערעדט מיט ברוכן וועגן מיידלעך און יאַנקל האָט געפילט, אַז מען פאַרשוועכט דאָס בית מדרש און ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף עס דערציילן און ער האָט נישט דער־ציילט און ער איז זיך נאָך געגאַנגען באָדן אויך און האָט נישט דערציילט דעם טאַטן אויך ביז וואַנען מען האָט אים געפּאַקט. אַ קצב האָט אים געזען זיך באָדן און ער האָט דערציילט דעם טאַטן גלאַט אַזוי און עס איז געוואָרן יענע שריפה. דער טאַטע האָט שוין דערציילט אברהמס זיידן און מען האָט ביידע חברה אַריינגעפּיצקעט און אַריינגעזאָגט, אַז ס'איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן. און ערשט דערנאָך האָט מען אָנגעזאָגט דעם שמש, זהיר וזהיר, אַז ער זאָל וואָלפס ימה שמוניק נישט אַריינלאָזן אין בית מדרש אַריין און דרך אגב האָט מען אים געהייסן אַכטונג געבן, וואָס די חברה טוען. און אַ לאַנגע צייט האָט מען יאַנקלען דערנאָך געהאַלטן אין איין יאָדען אין דער היים פאַרוואָס ער איז זיך געגאַנגען אַליין באָדן און די מאַמע האָט עס געטאָן אויך מיט טרערן. „האָסט דאָך געקענט, האָט זי געקלאָגט, דערטרינקען ווערן. ווי אַזוי גייען קינדער אַליין זיך באָדן אין אַזאַ גרויסן טייך? דער טייך קוקט דאָך אַרויס, אַז קינדער זאָלן קומען אַליין..." צום גליק איז דעמלט אָנגעקו־מען דער פעטער מאיר פון אַקערמאַן און עס איז שטילער געוואָרן.

דער פעטער מאיר איז געווען דעם טאַטנס יינגערער ברודער, ער איז באַלד געקומען נאָך אים און ער איז יינגער געווען אין גאַנצן מיט צוויי יאָר. ער איז געווען אַ סוחר און עס איז אים געגאַנגען נישט גוט. ער האָט געהאַנדלט אין מאַרק און דאָס ווייב זיינס האָט געהאַט אַזאַ קלייטל פון זייף און פון פיש און פון הערינג. אין אַקערמאַן, פלעג מען זאָגן אין קיליע, פאַר־קויפן אַלע הערינג מיט פיש... איז ער געוואָרן אַ ליוועראַנט און ער איז אַרומ־געפאָרן מיט שותפים פערדהענדלער. נישט אַזאַ שיינע פּרנסה, פאַר בעל־שוחטס זון און נח בערשאַדערס איניקל, האָט דער טאַטע געקרעכצט, אָבער אַז ס'איז נישטאָ קיין ברויט, מוז מען; פּשוט נבילה בשוק, שינד אָפּ אַ נבילה, אַבי קום נישט אָן צו מענטשן... קיין קיליע איז דער פעטער מאיר געקומען אין איינעם מיט די שותפים, ווייל ער האָט געדאַרפט האַנדלען אַרום דער שטאָט. ער איז געווען אַ זייער אַנגענעמענער מענטש דער נייער פעטער, ער האָט שטענדיק געשמייכלט און דאָס גוטסקייט איז אים געליגן אויף דעם פנים. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע באָרד, אַזוי ווי דער פעטער אלי און איז געווען אַביסל נידעריקער ווי דער טאַטע און ער איז געווען שטאַרק ענלעך

צו אים. אַלע האָבן געזאָגט: „נישט קיין רוויטער און דאָך דערקענט מען באַלד, אַז ער איז אַ ברודער". מען האָט אים אויפגענומען ווי אַ גרויסן גאַסט און מען האָט צוליב אים געשיקט מיט די געסט קוגלען און ווײַן און אײַנגעמאַכטס און ניסלעך און מען איז געקומען שבת בײַטאָג אַפּעס) אויך, אָבער פרײַלעך איז נישט געווען, ווײַל ער אַליין איז נישט געווען פרײַלעך. ער האָט גע־קרעכצט, אַז ער האָט שוין אַ מיידל חתונה צו מאַכן און נאָך דער ערשטער קומט אַ צווייטע און אַ דריטע און אַ פערטע און צו מיידלעך דאַרף מען נדן. צו ייִנגלעך דאַרף מען נישט קיין נדן, האָט ער נאָר צוויי ייִנגלעך און מייד־לעך האָט ער אַ סך... און קיין נײַעם ניגון האָט ער אויך נישט געבראַכט. וואָסאַראַ גאַסט עס איז נישט געקומען, פלעג ברענגען אַ נײַעם ניגון און ער האָט נישט געבראַכט. ער האָט געזאָגט, אַז נישט די ליוועראַנטן, נישט אפילו די פערד קענען נײַע ניגונים. אַז ער וועט פאַרקויפן די פערד, וואָס ער האָט, וועט עס זײַן דער שענסטער ניגון. דער טאַטע האָט זיך אַביסל געשעמט, וואָס ער רעדט אַזויפיל פון פערד, די מאַמע נאָך מער, דאָך האָט די מאַמע זייער שטאַרק געהאַלטן פון אים און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ זייער „פּריאַטנע" מענטש. און ער איז טאַקע געווען אַ זייער ליבער מענטש. ער איז געווען אַ שטיק צייט אין קיליע און ער איז אומעטום געגאַנגען מיטן טאַטן. איבער־הויפּט איז ער געגאַנגען מיט אים אומעטום שבת. אַז דער טאַטע האָט גע־האַט אַ ברית, אָדער אַ לעקעך און בראָנפן, איז מאיר מיטגעגאַנגען. יאַנקלען האָט מען אַ סך מאָל נישט געוואָלט נעמען אויף די בריתן, כאָטש ער האָט געוואָלט גיין, ער איז געווען אַ גרויסער נאַשער און ער האָט געוואָלט עסן זיס. אַז דער פעטער מאיר האָט זיך דאָס דערוואוסט, האָט ער אָנגעהויבן צו ברענגען יאַנקלען לעקעך, כאָטש אין קיליע איז נישט געווען קיין עירוב און מען האָט נישט געטאָרט טראָגן אום שבת. די מאַמע האָט אפילו געזאָגט, אַז דער פעטער נח טראָגט אויך, אָבער נח אַליין האָט עס געלייקנט און יאַנקל האָט עס נישט געגלויבט. דער פעטער מאיר האָט געמאַכט צו יאַנקלען אַ לאַכנדיק פּנים און ער האָט אים אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו די ליפּן, אַז ער זאָל שווייגן. און ער האָט געוואוסט, אַז ער נעמט אַ גרויסע עבירה אויף זיך און פון דעסטוועגן האָט ער געשוויגן און ער האָט געגעסן דעם לעקעך... ער האָט זיך נאָך געהיט, אַז די מאַמע זאָל נישט דערזען. און ער איז נישט ברוגז געווען אויך דערפאַר אויף דעם פעטער, ער האָט געזען, אַז ער ווײַל פּשוט זײַן גוט צו אים, ווײַל ער איז אַ גוטער און ער האָט נישט מיט וואָס. ער האָט געוואָלט עפּעס שיקען דער מומע העניע (אַזוי האָט געהייסן זײַן ווײַב) און די קינדער און ער האָט נישט געהאַט וואָס. ער האָט כסדר גע־קרעכצט, אַז עס גייט אים נישט גוט און אָנשטאָט צו פאַרדינען, דערלייגט ער נאָך. דער טאַטע האָט ליב געהאַט צו דערציילן, ווי אַזוי מאיר איז קליינערהייט אַרײַנגעפאַלן אין ברונעם. זיי האָבן זיך ביידע געשפּילט לעבן

ברונעם, וואָס איז געווען זייער טיף, דער טאַטע איז דעמלט אַלט געווען אַ פערטהאַלבן יאָר און מאיר — אַנדערטהאַלבן. מאיר האָט זיך אָנגעבויגן און איז אַריינגעפאַלן און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן שרייען. ווען מען איז צו־געקומען, איז דער טאַטע שוין געווען דערשראָקן און ער האָט געשוויגן און ווען מען האָט אים געפרעגט וואו איז מאיר, האָט ער געענטפערט: „אָט אַ דאָ"... ביז מען האָט געקראָגן אַ לייטער און ביז מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט מען געמיינט, אַז דאָס קינד איז שוין פאַרלוירן, אָבער ער האָט זיך פאַרטשעפּעט ביים שטריק פון עמער און דאָס האָט אים געראַטעוועט. עס האָט אים נאָר איינגעשניטן טיף דעם פּוס און מען האָט אים אפשר דריי חדשים געדאַרפט קורירן. ווען די צוויי ברידער מיט די בערד האָבן גערעדט וועגן דעם, האָבן זייערע פּנימער געשיינט און זיי האָבן ביידע אויסגעזען ווי קליינע קינדער. זיי האָבן זיך אַליין געפרייט מיט דער געשיכטע און די גאַנ־צע שטוב האָט זיך געפרייט מיט זיי. דער פעטער מאיר איז געבליבן שפּעט אין ווינטער אריין און אַלע קינדער האָבן אים געקראָגן ליב און די גאַנצע שטאָט האָט אים אויך ליב געהאַט. ער איז איינמאָל געוואָרן קראַנק, האָבן אַלע געציטערט אַרום אים. ער האָט זיך פאַרקילט. ער איז אַרומגעפאָרן מיט די פערד און האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל, אפילו נישט קיין גלאָז טיי. האָט ער עפּעס אין וועג געטראָפן „קערלעך" (סאַניטשניקעס) און ער האָט זיי געקנאַקט. קאַלט איז געווען, די האַנט האָט ער געהאַלטן אין דרויסן, האָט ער זיך פאַרקילט. ביז מען האָט אים געזען געזונט, איז דאָס חיות אַרויס ביי אַלע און ער אַליין האָט נישט קיין קרעכץ געטאָן. ער האָט נאָר געוואָלט מען זאָל אים צוזאָגן, אַז מען וועט נישט שרייבן אהיים... ער פלעג זאָגן, אַז גאָט האָט נישט איינגעטיילט גוט די וועלט, אָבער ער איז אַ שוחטס אַ זון און ער האָט צוויי ברידער שוחטים, וויל ער נישט ריידן. ווען זיינע ברידער וואָלטן נישט געווען קיין שוחטים, וואָלט ער זיך שוין אָפּגערעכנט מיט גאָט און ער וואָלט אים גאָר נישט געדאַוונט, זאָלן דאַוונען די דאַזיקע, וואָס גאָט גיט זיי פּרנסה... די מאַמע האָט אויסגעהערט זיינע רייד און זי האָט געשוויגן און זי האָט אפילו געלאַכט אויך, ווען אַן אַנדערער רעדט אַזוי, וואָלט זי וועלטן איינגעלייגט און אים האָט זי מוחל געווען. זי האָט אפילו געזאָגט, אַז גאָט מוטשעט דעם פעטער מאיר, ווייל ער האָט אים ליב, אַנדערש קען נישט זיין, ער איז אַ מענטשל, וואָס מען מוז אים ליב האָבן... און ווען דער פעטער מאיר איז אַוועקגעפאָרן, האָבן אַלע געוויינט. ס'איז טרויעריק געוואָרן אין שטוב און אפילו דאָס קליינע ברודערל יאַנקלס, וואָס איז נאָך קיין צוויי יאָר נישט אַלט געווען, האָט אים געזוכט אין אַלע ווינקעלעך...

דער ימים נוראים איז אָנגעקומען אַ געגנוג טרויעריקער, מען האָט נאָך נישט פאַרגעסן אין די פּאָגראָמען און מען האָט נישט אויפגעהערט וויינען.

יאַנקל איז געגאַנגען נישט נאָר צו די גרויסע סליחות, נאָר אויך צו אַלע קליינע סליחות, וואָס מען האָט געזאָגט אַ גאַנצע וואָך. און דעמלט האָט מיט אים געטראָפן אַ געשיכטע, וואָס האָט אים לאַנג לאַנג טרויעריק געמאַכט און געמוטשעט. דער אַלטער שניידער משה וועלוול, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין הויף, האָט דווקא געוואָלט, אַז מען זאָל אים מיטנעמען צו אַלע סליחות און עס איז געווען יאַנקלס אַרבעט אים אויפוועקן. די נייע שול איז שוין געווען אין גאַנצן אַרומגעבויט אַרום דער אַלטער און אַז מען איז אַריינגעגאַנגען האָט מען זיך געדאַרפט אַראָפּלאָזן אויף טרעפּ. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער שול, איז נאָך געווען שטאַרק פינצטער, און דער שמש איז נאָך געשלאָפן, איז דער טאַטע אַריינגעגאַנגען אין שול אַריין אָנצינדן אַ לעמפּל און איידער יאַנקל האָט זיך נאָך אומגעקוקט, איז משה וועלוול געלאָפן נאָך אים און ער האָט נישט געוואוסט, אַז מען דאַרף גיין אַראָפּ מיט טרעפּ און ער איז געפאַלן און גענומען שרייען אויף אַ קול. ער האָט גערעדט אין דער נאָז און אָן ציין און מען האָט אים קוים פאַרשטאַנען. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געמיינט מען דאַרף גיין גלייך. מען האָט אים געמוזט באַלד אַהיים טראָגן. די סליחות זיינען שוין געווען פאַרשטערטע. אין דער היים האָט מען אים געדאַרפט לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן און ער איז שוין פון בעט מער נישט אַראָפּ. ער איז שוין אַזוי לאַנג געלעגן ביז וואַנען ער איז געשטאָרבן. יאַנקלען האָט זיך דערנאָך כסדר געדאַכט, אַז ער איז געווען שולדיק אין זיין טויט. מען האָט טאַקע געזאָגט, אַז קיין יינגערס זאָל נישט שטאַרבן, אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועקט אים נישט אויף און ער גיט בעסער אַכטונג אויף אים, פאַלט ער נישט. ער האָט אים אויפגעוועקט, ווייל ער האָט געטאָן מצוות און אַרויסגעקומען איז אַזאַ אומגליק... ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן זיין אויסגעשריי אויף דעם פּלאַץ און זיין אויסזען שפּעטער. ביי אים האָט יאַנקל שוין יאָ געקענט זען, צי ביי אַ טויטן פאַלט איין די נאָז, אָבער ער האָט שוין פון פריער געהאַט אַן איינגעפאַלענע נאָז... יאַנקל האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין מורא, אָבער ביינאַכט האָט ער אים שטענדיק געזען אין חלום און ער האָט זיך געקלערט, אַז ווען דער בוהושער רבי קומט איצטער קיין קיליע, וואָלט ער אים געפרעגט, צי ער איז שולדיק. ער איז געלעגן גאַנצע נעכט מיט אָפענע אויגן און ער האָט געבעטן, אַז גאָט זאָל זיך צו אים באַווייזן און ער זאָל זאָגן, צי איז ער שולדיק, אָדער נישט...

צום גליק איז דער פעטער נח באַלד צוריקגעקומען פון מעראַן און ער האָט פון דאָרט דערציילט אַזויפיל שיינע זאַכן און מען האָט זיך מיט אים אַזויפיל געקריגט, אַז יאַנקל האָט אַביסל אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין משה וועלוולען און ער האָט אים אויפגעהערט צו זען אין חלום, דאָך האָט ער לאַנג, לאַנג אים נישט געקענט פאַרלירן אין גאַנצן פון געדאַנק.

דער פעטער נח איז געקומען אַן אַנדער מענטש פון אויסלאַנד. ער האָט אויסגעזען אַנדערש און ער האָט גערעדט אַנדערש. ער האָט אויסגעזען ווי

עפעס א פרעמדער און ער איז געווארן שענער. ער איז געווארן פולער אביסל און דאס האט אים געפאסט צו זיין הויכקייט, ער האט אויך געקראגן רויטלעכע באקן, ער איז דאך געפארן זיך פאפראווען. ער איז אויך געגאנגען אנגעטאן שענער, דער זעלביקער אנצוג איז אויף אים געלעגן בעסער און ער איז געווען בעסער פארפרעסט. ער האט געטראגן א שענערן שניפס, ווי פריער און מען האט געזאגט מיט א קלאפ מיט די פינגער — „זאגראניצע". אבער עפעס איז אין אים אליין פארגעקומען אן ענדערונג. ער האט קיין לאנגע בארד קיינמאל נישט געהאט, ביי די באקן האט אים גארנישט געוואקסן און אויף דער גאמבע איז געווען א קורץ בערדל, דער טאטע פלעג אמאל זאגן, אז ס'איז א גליק, וואס נח האט אזא קורץ בערדל, אנישט וואלט ער זיך געדארפט שערן צוליב זיין פרנסה. און איצטער האט זיין בערדל אויסגעזען אנדערש. די מאמע האט די ערשטע געזאגט, אז זי וואלט געקענט שווערן, אז ער שערט זיך. דער טאטע האט נישט געגלויבט און ער האט פריער זיך אפגעקריגט א גאנצן טאג מיט דער מאמען און ערשט דערנאך האט ער געגעבן א טאפ און ער האט געמוזט מודה זיין, אז די מאמע איז גערעכט. דער טאטע האט געהאט א רעכט צו פרעגן פארוואס. ער איז געווען דער עלטערער ברודער און ער האט געמאכט דאס געלט, אז עס זאל זיין מיט וואס צו פארן. דער טאטע האט געטענהט, אז ס'וועט אים אליין שאדטן צו פרנסה, מען וועט זאגן דעם שוחטס ברודער שערט זיך די בארד. פון יידישקייט רעדט ער שוין נישט. בערל שוחטס זון, נח בערשאדערס איניקל, נישטא וואס צו ריידן — הפקר א וועלט... דער פעטער נח האט זיך פארענטפערט, אז ס'האט אים דארט אנגעהויבן צו וואקסן א מיאוסע בארד און ס'איז אים געווען א בושה פאר מענטשן. דער טאטע האט נישט געגלויבט, פלוצים האט עס אנגעהויבן וואקסן א מיאוסע בארד... „עס זיינען גאר נישטא קיין מיאוסע בערד, דער צלם אלוקים איז שטענדיק שיין"... און ווער ווייסט ווי לאנג מען וואלט זיך געווען אזוי געקריגט, ווען די מומע חווה וואלט נישט געווען געזאגט, אז מען טאר אים נישט ערגערן, ווייל עס קען זיך אים חלילה ווידער לאזן דאס בלוט. ער האט פארזיכערט, אז קיינער וועט נישט זען און נישט וויסן, ער האט דאך די זעלביקע בארד, ווי פריער. אבער איידער מען האט זיך נאך אויסגעדרייט, האט מען שוין אין שטאט גערעדט, אז דעם שוחטס ברודער איז געקומען פון אויסלאנד מיט אן אפגעשווירענער בארד, אנדערע האבן שוין גאר געזאגט — מיט א געגאלטער... דעם צווייטן ברוך הבא האט דער פעטער נח געהאט פון דר. נעמיראווסקי. מען האט באלד געדארפט צו אים א דאקטער, ווייל געזונט איז ער נאך נישט געווען. און דער פעטער האט שוין געקענט זיין קראנקייט און ער האט שוין געוואוסט אלע רעצעפטן און סודות און ער האט זיך מסתמא אביסל אויך געשטעלט אין פאסאן אריין און געוואלט ווייזן, אז ער איז געווען אין אויסלאנד, האט

אים דער דאָקטער באַלד אָפּגעשייגעצט און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען האָבן צו טאָן מיט אַ קראַנקען, אָבער נישט מיט קיין דאָקטער... האָט שוין דער פעטער געשוויגן... דערנאָך איז געוואָרן פרייליכער אויך מיט דעם פעטער. עס איז געווען אַ שמחה ביי אים אין שטוב און מען איז געקומען מאַכן אַ ברכה איבער אים „ברוך רופא חולים", אַנדערע האָבן גאָר געזאָגט „ברוך מחיה מתים". און דער פעטער האָט דערציילט וועגן דער שווייץ. ער האָט דערציילט ווי אַזוי די בערג זענען דאָרט אויס און די ביימער און די וועלדער און ווי אַזוי די שטיבלעך זיינען נישט אַלע אין איינעם. די קי זענען דאָרט אויס אַנדערש, זיי האָבן אַנדערע הערנער און אַנדער מילך. די מילך איז דאָרט פּשוט פעט ווי פּוטער. די קראַנקע, וואָס קומען אַהין ווערן געזונט פון דער לופט און פון דער מילך. מען זעט ווי זיי ווערן געזונט אַלע טאָג, אַלע שעה... פאַרשטייט זיך, אַז ווען מ'קען נאָך ווערן געזונט, האָט דער פעטער באַמערקט און דער טאַטע האָט צוגעגעבן, אַז ווען גאָט וויל. פון קיליע איז דאָרט געווען נאָך אַ ייד, אברהם ראָזנפעלד, אָבער מען האָט געוואוסט, אַז ער איז שוין געקומען שטאַרבן. פאַר יאַנקלען איז געווען קלאָר, אַז ביים פעטער איז גע־וואָרן אַ סירחאַ אויף דער לונג און אונטן איז דאָס לעבל פאַרוואַקסן געוואָרן און ביים אַנדערן יידן איז דאָס לעבל נישט פאַרוואַקסן געוואָרן... און דער פעטער האָט דערציילט און דערציילט. מען רעדט דאָרט דייטש, אָבער זיי ריידן פּאַוואָליע און אַז מען הערט זיך צו, פאַרשטייט מען. עס איז אַביסל מער פאַרדרייט און פאַרצויגן ווי ליטוויש, אָבער מען קען פאַרשטיין. און אַביסל ריידן זיי שוין יידיש אויך, זיי לערנען זיך אויס, אַז מען דערזעט דעם גראָשן, לערנט מען זיך אויס... און דער פעטער האָט דערציילט, אַז פאַרנאַכט ווערט קאַלט, אין מיטן ווינטער קאַלט. מען מוז זיך אַרומבינדן דעם האַלדז און אָנטאָן אַן איבערציער. און די יידן זיינען געזעסן און זיך צוגעהערט און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי הערן עפּעס ניסים פון אַ רבין און זיי האָבן טאַקע אַלץ פאַררעכנט פאַר גאָטס ניסים, אויך דאָס דאָזיקע, וואָס ווערט קאַלט אין מיטן זומער, איז אויך גאָטס אַ נס... דער פעטער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט.

אָבער די צייט איז זיך געגאַנגען, דער פעטער איז ווידער געגאַנגען אַר־בעטן אין דער האַלץ זעגעריי, וואָס מען האָט גערופן „ליעסאָפּילניא" און ער פלעגט אַ סך מאָל אַהיימקומען פון דאָרט פאַרפּראָשעט און ער איז געווען דער זעלביקער פון אַמאָל. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז פריער גאָט און דערנאָך דער טאַטע האָט געראַטעוועט דעם פעטער און ווען ער האָט נישט קיין ברודער אַ שוחט, וואָלט ער שוין געליגן מיט די ציין אַרויף, אַזוי ווי אַ סך אָרעמעלייט. האָט יאַנקל מקנא געווען דעם טאַטן, וואָס ער האָט געראַטעוועט אַ יידן און אַליין האָט ער זיך נישט אויפגעהערט שרעקן, אַז ער האָט אַ חלק אין משה וועלוולס טויט. ווידער אַמאָל האָט ער דעם אַלטן שניידער געזען

אין חלום און אים געהערט שרייען און ער האָט אליין אזוי געשריגן, אז ער האָט אויפגעוועקט די מאַמען און ער האָט זי געפרעגט, צי ווען מען הרגעט בשוגג אַ מענטשן, האָט מען אויך גהינום. די מאַמע האָט זיך איבערגעשראָקן און זי האָט געמיינט, אַז ער האָט היץ און זי האָט אויפגעוועקט דעם טאַטן. ביידע האָבן זיך געחידושט: ער רעדט גלייך ווי ער וואָלט געהאַט היץ און דער קאָפּ איז אים קאַלט... עס זיינען אַוועק טעג און וואָכן ביז וואַנען ער האָט געקענט דערקלערן, וואָס ער מיינט. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אים פאַרזיכערט, אַז ער איז גאָרנישט שולדיק און אַז ער האָט נאָר געטאָן אַ מצווה, אָבער אים האָט עס נישט באַרואיקט. ער האָט שוין אין איין וועג געגומען טראַכטן, וואָס אַזוינס איז טויט און פאַרוואָס שטאַרבט אַ מענטש... און ער איז געלעגן גאַנצע נעכט און געזען משה ווערלוועלען פאַר די אויגן און זיך געשראָקן...

☆

קאפיטל צוועלף

ער פאָרט אין דער ישיבה אַריין

אויף ווינטער האָט יאַנקל געקראָגן אַ נייעם רבין און ער האָט שוין מער נישט געדאַרפט לערנען אַליין אין בית מדרש. פינחס שוחט האָט דעמלט נאָך וואָס חתונה געמאַכט זיין עלטערע טאָכטער פאַר אַ רבס אַ זון פון האַנטשעשט. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז דאָס האָט ער געטאָן אברהם שוחט אויף צו להכעיס, ער האָט אים געוואָלט ווייזן, אַז ער איז גרעסער. דו האָסט אַן איידעם אַ שוחט, וועל איך האָבן אַ רב. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז נאָך נישט רב. ווען דער טאַטע זיינער איז געשטאָרבן, איז ער נאָך געווען אַ בחור, האָט ער נישט געטאָרט ווערן קיין ממלא מקומו, איז דערווייל געוואָרן רב זיין שוואָגער און איצטער וויל ער נישט אַוועק; ער זאָגט, אַז אַ טאָכטער איז אויך אַ קינד און ער האָט זיך געקריגן אַ צד. פאַר אַ מחלוקת געפינען זיך שטענדיק בעלנים. מען האָט אָנגעוויזן, אַז ס'איז כמעט נישטאָ קיין שטעטל, וואו עס זאָל נישט זיין עפּעס אַ מחלוקת און מען האָט אויסגערעכנט אפשר צען שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן „צו להכעיס שולן". דערווייל האָט ער סיי ווי געהאַט צו עסן דריי יאָר קעסט ביים שווער און ביז דעמלט וועט מען זיך שוין אויסגלייכן, ס'איז נאָך דאָ אַ בוהושער רבי אויף דער וועלט און אַז מ'וועט דאַרפן, וועט פינחס אַליין פאָרן קיין בוהוש, כאָטש דער אַנדער צד וועט אויך נישט שווייגן. אַזוי איז פינחסעס איידעם געווען אַ וואָוילער יונ־גערמאַן, נישט קיין מיאוסער, מיט אַ געדיכטער קיילעכדיקער באָרד און ער איז געווען אַ געפּוצטער. די מאַמע האָט באַלד געזאָגט, אַז איר איידעם איז שענער און קליגער. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט פיינט צו ריידן אויף יענעם און שמואל (אַזוי האָט געהייסן דער איידעם) איז אַ למדן און יעדן געפעלט זיך זיינס. שמואל האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין קיליע. קיין יונגעלייט למדנים זיינען נישט געווען און די עלטערע האָבן נישט געהאַט קיין צייט, האָט ער געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער גייט סיי ווי בטל, וועט ער לער־נען מיט יאַנקלען אומזיסט. דער טאַטע האָט זיך גאָר דערפרייט, די מאַמע ווייניקער. די מאַמע האָט נישט ליב געהאַט פינחסן און נישט זיין ווייב חווה נאָך פון די צייטן פון מחלוקת און זי האָט געזאָגט, אַז חוהלע וועט איר

יאנקלען ארומשיקן און זי וועט האָבן אַן אומזיסטן משרת. און זי איז געווען גערעכט. ווען יאנקל איז נישט געקומען, ווי שפּעט עס זאָל נישט געווען זיין, איז נאָך שמואל אַלץ געשלאָפן און חווה האָט געבעטן יאנקלען מיט גוטן, אַז ער זאָל איר צוגיין אַ גאַנג. זי האָט עס געבעטן אַזוי שטאַרק מיט גוטן, אַז עס האָט אים פאַרדראָסן, עס וואָלט אים שוין געווען געפעלן בעסער, ווען זי שיקט אים אָן איר שמייכעלע און אָן איר חניפה...

דאָס לערנען איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט. שמואל האָט געקענט מסביר זיין אַן ענין און גרינג מאַכן די שווערסטע סוגיא. ער האָט נישט לאַנג אַליין געלערנט אַלץ און ער האָט נאָך געדענקט. ער האָט דער ערשטער געלערנט מיט יאנקלען מהרש"אַ און מהרמשיף און די פּילפּולדיקע דריידלעך האָבן אים פאַרכאַפּט. אַ בלאַט גמרא האָט ער געלערנט עטלעכע טעג ביז ער האָט אויסגעשעפּט אַלע מפרשים. מען האָט דערמאָנט זאַכן, וואָס יאנקל האָט שוין געהאַט געלערנט און זאַכן, וואָס ער האָט נישט געהאַט געלערנט און פון איין בלאַט גמרא האָט ער זיך דערמאָנט פריערדיקע צען און זיך דערוואוסט וועגן נייע צען. דאָס לערנען איז געוואָרן פאַר אים אַ קייט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז לערנען קען מען אָדער אין גאַנצן, אָדער גאָרנישט, כאָטש מען זאָגט, אַז די תורה האָט נישט קיין גרונט.

די גאַנצע שטוב איז ביי פּינחסן געווען אַ זייער רואיקע. חוץ דער חתונה געמאַכטער טאָכטער האָט פּינחס געהאַט נאָך אַ קליין מיידל, וואָס האָט געהייסן דבורה. זי איז געווען אין איינע יאָרן מיט יאנקלען. חווה אַליין איז שטענדיק געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און פּינחס איז שטענדיק געגאַנגען אין ווייכע שיך. ער איז געווען אַ הויכער ייד און אַ פולער. עס האָט אים גערונען שמאַלץ פון פּנים. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע און לאַנגע באָרד, וואָס האָט אים אָנגעהויבן וואַקסן כמעט פון די אויגן, קיין באַקן האָט מען ביי אים נישט ארויסגעזען. דאָס ביסל פּנים, וואָס מען האָט יאָ ארויסגעזען, איז געווען איידל, אָבער זייער פעט. די אויגן האָט ער געהאַלטן שטענדיק פאַרגלאָצט ארויף און ס'איז איבער זיי געווען עפּעס אַ הויך. די שוואַרצע באָרד האָט געהאַט אַ סך גאָר ווייסע פעדים. באַוועגט האָט ער זיך קוים, קוים. ער איז שטענדיק ארומגעגאַנגען ארום טיש און האָט געגלאָצט מיט די אויגן, אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז ער כאַפּט מלאכים. מען האָט חוזק געמאַכט פון זיין צו שטאַרקער פרומקייט און מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אים אָפּגעטאָן שפּיצלעך. ער איז געזעסן, האָט מען דערציילט, אין סוכה און געגלאָצט מיט די אויגן און געוואַרט, אַז גאָט זאָל זיך אים באַווייזן, איז ארויף אַ שאַלטיק אויף דעם סכך און האָט אויסגערופן מיט אַ ניגון: „פּינחס, פּינחס...״ האָט ער געענטפערט „הנני״, האָט אים יענער געענטפערט: „צענעם די ליפּן און ישקני״... ער איז געווען אַ גרויסער למדן. דער שווער זיינער איז געפאָרן קיין קעשענעוו צו זוכן אַן איידעם אַ ממלא מקומו און ער האָט אים גענומען

ווי דעם גרעסטן למדן, כאָטש פון קיין גרויסן יחוס איז ער נישט געווען, מען האָט געזאָגט, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ שניידער. אויסגעזען האָט ער דווקא ווי פון דור דורות כלי קודש. ער האָט געהאַט אין קיליע חסידים, וואָס האָבן אין אים געגלויבט ווי אין אַ רבין, אָבער אַליין איז ער געווען אַ הייסער בוהושער חסיד און ער איז עטלעכע מאָל געפאָרן צום רבין. אין שטוב זיינען אַלע דאָרט געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. אויך דער איידעם און די חתונה געמאַכטע טאָכטער. אַפילו דאָס עלף יעריקע מיידעלע, דבורה, איז אויך גע־גאַנגען קוים,קוים. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס מען האָט געהערט אין יענער שטוב איז געווען — „שאַ!" מען האָט געהייסן נישט קלאַפּן און ריידן שטיל. אויף דער גאַס האָבן פינזטעס טעכטער דווקא נישט גערעדט אַזוי שטיל. זיי זיינען געגאַנגען שטאַרק געפּוצט און רוישיק און דווקא אויף דער קומענדיקער רביצן האָט מען געזאָגט, אַז זי האָט זיך געוואָלט שמדן צוליב אַ שייגעץ, מען האָט זי קוים אַרויסגעראַטעוועט און דאָס איז געווען, ווייל מען איז גע־ווען צו פרום. געשמעקט האָט דעמלט אין שטוב מיט אַ יונג פּאָר פּאָלק; יאַנקל, וואָס איז געגאַנגען אין צוועלפטן יאָר, האָט עס דערפילט. עס האָט אים גערייצט אַ סוד און ער האָט דערפילט, אַז וואָס די ייִנגלעך ריידן, איז אמת. ער האָט דעמלט געלערנט, אַז אַ חתן, אויב ער האַלט „לפני המעשה" איז ער פּטור פון תפילין און אויב ער האַלט לאחר המעשה, דאַרף ער שוין לייגן תפילין. געוויינלעך איז מען אַזעלכע שטעלן אָפּגעקומען מיט אַ פּאַנפּע, אָדער מיט אַ זאָג, אַז נאָך דער חתונה וועסטו שוין וויסן. און יאַנקל האָט דעמלט קלאָר זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס מיינט און זייט דעמלט האָבן אויפגעהערט זיין פאַר אים סודות... אַ צעהיצטער און אַ צעפּיבערטער האָט ער טאָג ווי נאַכט געקלערט וועגן די אַלע „שאַרלאַטאַנסקע" שטיקלעך רשי און גמרא, ווי די ייִנגלעך האָבן עס גערופן, און ער האָט דערבײַ נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דבורהן, וואָס איז געווען אַ זייער שיין מיידל מיט אַזאַ ווייס פעט פּנים ווי דער טאַטע אירער און מיט פאַרחלומטע אייגלעך, וואָס איר האָבן זיי שענער געפּאַסט ווי איר פאָטער. אין הויף האָט געוואוינט אַ קצב, פלעג דער בחור זיינער, וואָס איז שוין געווען אַ גרויסער, ריידן אַזעלכע פּראָסטע רייד צו דבורהן און זי האָט זיי אויסגעהערט, האָט אים געשאָלטן און האָט פון דעסט וועגן געלאַכט. יאַנקלען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. און ווען מען האָט געזאָגט, אַז ער וועט ווערן דבורהס חתן, פלעג ער אויף אַן אמת רויט ווערן און ביי זיך האָט ער געבעטן גאָט, אַז ס'זאָל אַזוי זיין...

די מאַמע האָט זיך דערוואוסט, אַז די גוטע חוהטשקע טרייבט אַרום איר זון און זי האָט אים געוואָלט אָפּנעמען, דער טאַטע האָט נישט געלאָזט, ער האָט געזאָגט, אַז איבער דער תורה, שטייט געשריבן, דאַרף מען זיך אַפילו לאָזן הרגענען, גיין אַ גאַנג איז גאָרנישט. און געלערנט האָט מיט אים שמואל זייער גוט. יאַנקל האָט נישט געוואָלט אויפהערן גיין, ווייל אים האָט געצויגן

אין יענער שטוב אַריין, אים האָט געצויגן די שטילקייט פון דער שטוב, אים האָט געצויגן דער סוד פון דעם יונגן פּאָר פאָלק און אים האָט געצויגן מער פון אַלץ — דבורה. זי פלעג ריידן מיט אים גלייך עס וואָלט גאָרנישט געווען און אים פלעג אַזוי קלאַפּן דאָס האַרץ...

אין דער היים ביי זיך האָט יאַנקל וואָס אַמאָל זיך מער געקריגט מיט זיין עלטערער שוועסטער מרים, מיט וועלכער ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שטאַרק גוט לעבן. זי איז שוין געווען אַ מיידל אין פערצנטן יאָר און זי האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע „באַרישניע". זי האָט געלערנט רוסיש און איז געגאַנגען אין אַ טאַנץ קלאַס אַריין זיך לערנען טאַנצן און אין שטאָט האָט מען גערעדט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט אַלעמען ברענגען אויף דעם פייער. דער טאַטע האָט אויך געקרעכצט וועגן איר „גוישקייט", אָבער שטילערהייט. יאַנקל האָט געהאַלטן מיט דער מאַמען און ער האָט זיין שוועסטער געשאָלטן מיט טויטע קללות און ער האָט זי נישט אויפגעהערט צו רופן „מאַריא מאַגדאַלענאַ"... זי פלעג נישט וועלן ליידן און עס זיינען פאָרגעקומען קריגעריען און געשלעגן. זי איז געווען אַ שיין מיידל, איינע פון די שענסטע מיידלעך אין שטאָט, אַ טונקלע מיט טונקל־בלויע אויגן און מיט גרויסע צעפּ. מען האָט געזאָגט, אַז זי וועט האָבן די גרעסטע צעפּ אין קיליע און זי האָט געזאָגט אָפן, אַז זי וועט פאַר קיין שוחט קיין כלה נישט ווערן; זי וועט זיך נישט אָפּשערן די צעפּ, זי וועט זיך נישט פאַרדעקן דעם קאָפּ און וועט נישט אָפּפינצטערן איר וועלט. די מאַמע האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען עס קומען צו איר אַזעלכע געדאַנקען, נישט אַנדערש, אַז מען שטעלט זי ערגעץ אָן! און אפשר איז עס גאָר אַ געטוענע זאַך. יאַנקל האָט איר דערפאַר געזאָגט „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ" און עס איז געוואָרן אַ געשלעג. זי פלעג אָפט אַריבערגיין אַנטקעגן צום שענקער רפאל וויינבערג, וואָס האָט געהאַט אַ מיידל אין אירע יאָרן, וואָס האָט געהייסן פראַדע און איז געגאַנגען אין שקאָלע, אָבער געזאָגט, האָט מען, אַז זי גייט אַהין צוליב פראָדלס עלטערן ברודער יאַנקל, וואָס האָט געענדיקט די „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע" און האָט געקענט שפּילן פידל און איז געווען איינער פון די אינטעליגענטן אין שטאָט און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט און מען וועט אין אַ שיינעם טאָג אים פאַרשיקן ערגעץ, אַז מען וועט אפילו נישט וויסן וואוהין זיין געביין איז אַהינגעקומען. און אָט ביי יענעם יאַנקל וויינבערג נעמט זי די געדאַנקען... די קריגעריען אין שטוב זיינען געווען געפערלעכע און יאַנקל האָט נאָך שטענדיק געגאָסן בוימל אויף דעם פייער. די צוויי קינדער האָבן זיך געשלאָגן פשוט ווי שונאים אויף דעם לעבן און דער ברודער האָט איינמאָל געוואָרפן דער שוועסטער אַ גאָפּל, וואָס האָט זיך איר אַריינגעשטעקט מיט אַלע דריי ציין אין דער האַנט אַריין און עס זיינען געוואָרן קולות ביז אין הימל אַריין... יאַנקל האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט שיעור נישט געחלשט און ער

האָט בײַ זיך כמעט געשוואוירן, אַז ער וועט שוין מער זיך נישט קריגן מיט
דער שוועסטער און אין אַ טאָג אַרום זײַנען פאָרגעקומען די זעלביקע קרי־
גערייען, געשרייען און געשלעגן. הער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך גע־
בעטן בײַ יאַנקלען, אַז ער זאָל זיך נישט מישן, זיי זײַנען עלטערן ביז הונ־
דערט און צוואַנציק יאָר און זיי וועלן שוין זאָרגן, אַז זייער קינד זאָל זײַן אַ
יידישע טאָכטער, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט אײַנריידן און ער האָט
געשריגן, אַז ער וויל נישט זײַן שוועסטער זאָל זײַן אַ גויה און אַ... „מאַריאַ
מאַגדאַלענאַ”. אין שטוב פלעגן פאָרקומען שטענדיקע טענות צווישן טאַטע
און מאַמע און מרימען און סײַ די מאַמע, סײַ די שוועסטער, האָבן תמיד גע־
האַט פאַרוויינטע אויגן. יאַנקל האָט זיך אונטערגעהערט. מען האָט גערעדט
וועגן דעם, אַז זאָל זײַן דער חתן נישט קיין שוחט, אָבער אַ ייד מיט אַ באָרד
און זי זאָל גיין אַ פּאַרוק און זי האָט געזאָגט אײנמאָל ניין! נישט קיין באָרד
און נישט קיין פּאַרוק, זי וויל נאָך איבערהויפּט נישט ווערן אַ כלה, זי איז
נאָך אַ קינד, זי וויל נאָך לערנען. אויף פּראָוויזאָרישע וויל זי לערנען. די מאַ־
מע האָט געוויינט אַז מער פעלט איר נישט, איר טאָכטער זאָל שטיין אין אַפּ־
טייק און פאַרקויפן ריצנייל אום שבת, מען וועט דעם טאַטן אָפּזאָגן פון
שחיטות. די שוועסטער האָט געענטפערט, אַז מען זאָגט נישט אָפּ. אין אַנ־
דערע שטעט זײַנען שוין אויך פאַראַן קינדער פון שוחטים און אפילו רבנים,
וואָס לערנען, היינט איז דער „דוואַצאַטי וועק” (דער צוואַנציקסטער יאָר־
הונדערט). יאַנקל האָט צום ערשטן מאָל געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט, די
מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געמעגט פאַרברענט ווערן איידער ער איז
געקומען דער „דוואַדצאַטע וועק”. אַזאַ מציאה איז ער, זייט ער איז געקו־
מען, זײַנען פּאָגראָמען און מלחמות... בײַ די אַלמנות פון די
הינטערגעסלעך דאָרט זײַנען צוריקגעקומען עטלעכע קאַליקעס פון דער יאַ־
פּאַנישער מלחמה, זיי האָבן הילצערנע פיס און זיי קענען אפילו קיין בעל
עגלות נישט זײַן. מרים האָט זיך געהאַלטן בײַ אירס, אַז ס'איז דער צוואַנ־
ציקסטער יאָרהונדערט און אַלע דאַרפן זײַן פרײַ. איר געפעלט נישט, וואָס
יאַנקל איז אַ קליין ייִנגל און ער גייט שוין לאַנגע פאות און אַ קאַפּאָטע, אין
שטאָט מאַכט מען חוזק פון אים, אַ קליינער „טשערקעס”, זאָגט מען וועגן
אים. ער איז אַ גרעסערער פאַנאַטיקער ווי די גרויסע, אָבער זי מישט זיך
נישט צו אים, ווײַל אין „דוואַצאַטע וועק” דאַרפן אַלע זײַן „סוואָבאָדנע”...
אַז די מאַמע האָט דערהערט דאָס וואָרט „סוואָבאָדנע”, האָט זי זיך גאָר אָנ־
געצונדן, וויניק האָט מען עס נאָך אויסגעהרגעט יידן אין די פּאָגראָמען פאַר
דער „סלאָבאָדע”, ברענען זאָל זי? אַז יאַנקל האָט געענטפערט, אַז אויף צו
להכעים „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ” און אַלע אירע „פּאָדרוגעס”, די גויהס, וועט
ער דווקא גיין מיט לאַנגע פאות און ער וועט נאָך פאַרלאָזן לענגערע, האָט

די מאַמע געהייסן שוין ריידן וועגן עפּעס אַנדערש. און זי האָט מרימען אַריינ־געשיקט אין אַ צווייטן צימער.

עס האָט שוין געהאַלטן נאָענט צו פּורים, די פרעסט האָבן זיך נאָך גע־האַלטן שטאַרק און דער שניי האָט זיך נאָך נישט גערירט. מען פלעג זיך נאָך גליטשען אויף דעם טייך. יאַנקל האָט שטאַרק מקנא געווען די ייִנגלעך, וואָס האָבן געהאַט „קאָנקעס" (גליטשו); דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז עס קאָסט אַ סך געלט און עס איז סיי ווי נישט פאַר אים. ער דאַרף לערנען, נישט אַרומגיין בטל. פון דעסטוועגן איז ער איינמאָל אַוועקגעגאַנגען צום פאַרפרוי־רענעם טייך און ער האָט זיך געגליטשט אַזוי, מיט די קאַלאָשן. ס'איז געווען פאַרנאַכט און עס זיינען געווען אַ סך ייִנגלעך און אַלע זיינען זיי געגאַנגען מיט שינעלן מיט „גאָלדענע קנעפּ" און מיט היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשי־קעס און מיט הערבן. ער האָט נישט געוואוסט, אַז אַזויפיל קיליער ייִנגלעך לערנען אין „שקאָלע". וואָלאָדיע ליטווינס אַ ברודער איז דאָ געווען, ניוניע, אַ קלענערער פון וואָלאָדיען, אָבער אַ סך אַ גרעסערער פון יאַנקלען. און ער איז געווען אַזאַ גוטער ווי דער עלטערער ברודער. ער האָט אויסגעטאָן די „קאָנקעס" און ער האָט זיי געליגן יאַנקלען און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַמאָל אַריינקומען צו זיי, וועט ער אים געבן אַ פּאָר אַלטע, ביי זיי זיינען דאָ אַ סך, זיי האַנדלען דאָך מיט אייזערנע זאַכן. קיין גליקלעכער פון יאַנקלען איז דעמלט נישט געווען, אָבער אַרום האָט מען געלאַכט פון אים. מען האָט געזאָגט: „זעט נאָר דאָס שוחטל מיט די לאַנגע פּאות ווי עס גלי־טשעט זיך!" אים האָט עס פאַרדראָסן, עס האָט אים אפילו אַביסל באַנק גע־טאָן, וואָס ער איז אַזוי אַנדערש ווי זיי אַלע, אָבער ער האָט זיך געטרייסט, אַז דערפאַר וועט ער אַמאָל גיין אין גן עדן און זיי וועלן זיין אין גהינום און זיי וועלן אים נאָך מקנא זיין, נאָך אַ מין מקנא זיין... אָבער ער האָט נישט געקענט זיך גליטשען, ער איז אַלעמאָל געפאַלן, ניוניע האָט אים צוגעהאַלטן און די קינדער האָבן געלאַכט. עס זיינען געווען גוישע ייִנגלעך, האָבן זיי נאָך מער געלאַכט און די ייִדישע האָבן צו זיי גערעדט און חוזק געמאַכט. און ער האָט זיך געטראַכט, אַז ייִדן העלפן גויים חוזק מאַכן פון אַ ייִדן, גאָט וועט זיי שטראָפן... זיי אויף צו להכעיס איז ער וואָס אַמאָל געפאָרן בעסער, און ער האָט שוין געמיינט, אַז ער קען שוין גאָר גוט, ער האָט זיך שוין געגעבן אַ דריי איבער דעם גאַנצן „קאַטאָק" (גליטש־פּלאַץ) אָבער פּלוצים האָט ער זיך געגעבן אַ שלעכטן דריי און ער איז געפאַלן. ער האָט באַלד דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין לינקן פוס און ער האָט געמאַכט קולות ביז אין הימל אַריין. מען האָט געלאַכט פון אים און ער האָט אינעווייניק דערדריקט די פּויסטן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָרפן שלאָגן צו זיי. מען האָט אים גע־מוזט אַהיימפירן. מיט אַ שליטן האָט מען אים אַהיימגעפירט. עס איז גע־ווען שוין צו פאָרן מיטן שליטן אויף דעם שניי! די גלעקלעך האָבן אַזוי שיין

געקלונגען. אָבער דער ווייטיק איז געווען שרעקלעך. די מאַמע האָט באַלד געזאָגט, אַז ס'איז אַ וועכנע און האָט גלייך געהייסן אַריינרופן סטיאָפּקע דעם פעלדשער, וואָס איז אויך אַ פאַבריקמאַכער און סטיאָפּקע איז געקומען מיט די צוויי פאַרדרייטע שוואַרצע וואָנציעס און מיט די אויגן, וואָס האָבן געשניטן ווי מעסערס און ער האָט געלאַכט. ערשט צוריק מיט אַ צייט האָט זיך די מאַמע מיט אים געקריגט און זי האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַרויסגע־גנבעט די פיש פון ברונעם, וואָס מען האָט אַריינגעלאָזט פרייטיק פאַרנאַכט, אַז זיי זאָלן זיין קאַלט אויף שבת אין דער פרי און איצטער איז ער געקומען גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען. ער האָט געגעבן אַ פּרואוו מיט דער געזונ־טער האַנט און יאַנקל האָט דערזען דעם זיידן, אָבער סטיאָפּקע האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט, ער וועט באַלד אַריינשטעלן, מען מעג שוין אָנגרייטן די פינף קאָפּיקעס. און ער האָט זיך געהייסן געבן וואַרעם וואַסער און בוימל און אַ האַנטוך און ער האָט זיך גענומען פאַרען ביים פוס. דער ווייטיק איז געוואָרן גרעסער, יאַנקלס קולות זיינען געגאַנגען ביז אין הימל אַריין, די מאַ־מע האָט אים צוגעהאַלטן ביים קאָפּ און נישט אויפגעהערט זאָגן „וויין נישט קינד מיינס, עס וועט באַלד איבערגיין!” און דער טאַטע האָט געוויינט אין איינעם מיטן זון, גלייך עס וואָלט אים אויך ווי געטאָן. און אפילו מרים האָט געוויינט. פון שפּרהן איז אָפּגערעדט, זי האָט געקוויטשעט, אַז מען האָט זיך געקענט צונויפלויפן. סטיאָפּקע האָט זיך געפּאָרעט, געפּאָרעט ביז וואַנען יאַנקל האָט געהערט אַ קנאַק און ער האָט געזאָגט — שוין! ער איז שוין אַריין! עס האָט נאָך אַלציינס ווייַ געטאָן ווי פריער, אָבער די מאַמע האָט שוין געלאַכט און זי האָט געזאָגט, אַז איצטער האַרט איר שוין נישט... און אויף דעם צווייטן טאָג, ווען עס איז שוין טאַקע געוואָרן גרינגער דער וויי־טיק, האָט מען ערשט גענומען שטראָפן יאַנקלען און מען האָט אים געזאָגט, אַז דאָס האָט אים געטראָפן דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געפרעגט טאַטע און מאַמע און איז זיך געגאַנגען גליטשען. מרים האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט שעמען צו גיין מיט אָט די פּאות זיך גליטשען און דאָס גאַנ־צע האַרץ זיינס האָט ער אויסגעלאָזט צו איר און ווען עס וואָלט אים נישט אַזוי ווי געטאָן, וואָלט ער שוין אַראָפּגעלאָפן פון בעט זיך שלאָגן מיט איר. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי האָט אים שוין מורא צו שיקן קיין קעשענעוו. ער קאָן דאָך דאָרט אויך איבערלאָזן די ישיבה און זיך לויפן גליטשען און ער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט עס שוין מער קיינמאָל נישט טאָן!

ס'איז אָנגעקומען פורים. די צוריקגעקומענע סאָלדאַטן פון דער מלחמה האָבן געמאַכט אַ פורים־שפּיל פון יוסף מיט די צען ברידער. זיי זיינען אַרומ־געגאַנגען אין אַלע שטיבער. אויך ביי זיי אין שטוב זיינען זיי געווען. ס'איז געווען אַ גרויסער פראָסט און אַ שניי און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען איז פול געווען די שטוב מיט קעלט. זיי האָבן געטראָגן מאַסקעס און גלעקלעך.

איינער פון זיי איז געווען א קלײנער, נישט גרעסער פון יאנקלען און ער האט געזונגען „איך בין בנימינדל דער קלײנער". יאנקל האט אים שטארק מקנא געווען. ס'איז געווען צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, וואס ער האט געזען טעאטער. אין שטאט האבן שוין „ליוביטעליעם" געשפילט יידיש טעאטער, אבער ער האט עס נישט געזען, מען האט זיך גענוג געקריגט ביי זיי אין שטוב, וואס זיין שוועסטער מרים איז עס געגאנגען זען. יאנקל האט געדארפט זיין אביסל צו דער סעודה ביי פינחס שוחט, ווייל דער איידעם האט מיט אים געלערנט. די מאמע האט נישט געוואלט ליידן. זי האט געוואוסט, אז „חוזהטשקע" וועט אים ארומשיקן מיט שלח־מנות. ער האט דארט אויך געזען די פורים־שפילער. שמואל האט געזונגען א שיין יידיש ליד, וואס האט זיך אלעמאל געענדיקט מיט א פסוק פון שושנת יעקב. יאנקל האט דאס ליד אויסגעלערנט און דערנאך עס אליין געזונגען. זיין קולכל האט געקלונגען:

פון לאנגע צייטן איז געווען יגון ואנחה
און יעצט איז צום דאנקען דעם בורא עולם לישועה ולברכה,
דאנקען מיר דעם בורא עולם לערך המערכה
און מיר זינגען שושנת יעקב צהלה ושמחה...

ער האט נאך צו דער זעלביקער סעודה געזונגען דאס דאזיקע ליד אין דער היים און טאטע־מאמע האבן אנגעקוואלן. אבער אז די מאמע האט זיך דערוואוסט, אז ער האט ארומגעטראגן שלח־מנות, איז ער באלד געגאנגען צוריק אין בית מדרש אריין.

און אין בית מדרש איז ער שוין ווייטער געווען אליין. דער אלטער יוסי רייפמאן, דער זיידע פון זיין חבר אברהם, איז געשטארבן און מען האט אברהמען אפגענומען פון בית מדרש און אים ערגעץ אריינגעגעבן ארבעטן. עס איז אים געווען זייער טרויעריק צו זיצן גאנצע טעג אליין. אמאל פלעג נאך צו אים זיך צוזעצן אן אלטער ייד און אים פארהערן, אדער גאר וועלן עפעס דערוויסן זיך פון אים. צום גליק איז אנגעקומען פסח און עס איז געווארן אביסל פריילעכער. זיי האבן געהאט אן אורח. ער איז געווען א ליטוועק און א מתנגד, דער טאטע וואלט בעסער געוואלט אן אורח א חסיד, אבער עס איז נישט געווען, אן אורח קלויבט מען זיך נישט אויס. אין שטאט האט מען געזאגט, אז ס'איז דער מאמעס אורח — א ליטוועק. דער ייד האט זיך געחידושט, וואס עס זיינען נישטא קיין ווייַנטרויבן, מען האט אים געזאגט, אז אין בעסאראביע זיינען דא ווייַנטרויבן. וואס מען האט אים נישט געזאגט, אז ווייַנטרויבן קלויבט מען צונויף ערשט סוכות צייט, איז עס אים נישט אריין אין קאפ אריין. ערשט ווען מען האט אים געזאגט „חג האסיף" און אז עס איז אזוי ווי אין ארץ ישראל, האט ער פארשטאנען. אלע אין

שטוב האָבן דעם אורח נישט שטאַרק ליב געהאַט, ער האָט זיך צופיל גע־מישט אומעטום. אַפילו צו דער שוועסטער מרים האָט ער זיך אויך געמישט און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען גוט רוסיש און ער האָט זי פאַרהערט און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אים געפעלט נישט, וואָס אַ פרומער ייד קען רוסיש. ער פאַרשטייט נאָך אַ ייד זאָל קענען אָנשרייבן אַן אַדרעס, אָבער ווי קומט אַ ייד צו רוסישע ביכלעך? ער האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אין לאָנדאָן און ער איז דאָרט געווען אַ גאַנצער שמעלקע מיט הרב אדלער און ער וואָלט דאָרט געבליבן, אָבער אים איז נישט געפעלן, וואָס די יידן זיינען שוין דאָרט נישט קיין יידן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא ער קער אים אָן אַ ליגנער און ער גלויבט אים נישט. די מאַמע האָט אים פאַר־טיידיקט און די קינדער האָבן געלאַכט, אַז די מאַמע נעמט זיך אָן פאַר אַ ליטוועק... אָבער אַז עס איז געקומען פסח צום סדר, האָט ער געזונגען אַזאַ שיינעם „אדיר במלוכה", אַז די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כאַדראַם און יאַנקל האָט אים באַלד אויסגעלערנט. איציק זיידמאַן איז אויך געקומען זיך אויסלערנען דעם ניגון, אָבער דאָ איז אים נישט געגאַנגען ווי אַמאָל ביי „יאַנקלס אורח". דער ליטוועק האָט געזאָגט, אַז איציק זיידמאַן זאָל קומען איבער אַ יאָר צום סדר, וועט ער זינגען „אדיר במלוכה", וועט ער זיך אויס־לערנען. ער איז נישט געקומען קיין קיליע אויסלערנען ניגונים. איציק האָט אים נישט געשוויגן און עס איז אַוועק אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און טאַקע מיט אַ פסוק אויך. די מאַמע האָט געשטעלט לאַטקעס מיט ווייַן און האָט זיי קוים איבערגעבעטן.

דער פסח איז שוין דערנאָך געווען אַ פריילעכער. די שול איז געווען כמעט פאַרטיק. זי איז נאָך נישט געווען אויסגעקאַלעכט פון אינעווייניק און ס'איז נאָך נישט געשטאַנען דער נייער אָרון קודש, אָבער די אַלטע שול איז שוין געווען צעוואָרפן. די יידן האָבן אָנגעקוואָלן פון דער נייער שול און זיי האָבן געגלעט די ווענט. חול המועד, ווען מען האָט געמאַכט די „כלפי" און מען האָט געקליבן גבאים, האָט מען געגעבן צו צוויי אייער און מען האָט געטרונקען אַ סך פסחדיקן בראָנפן. און אַ גרויסע שמחה איז געווען שביעי של פסח. כמעט אַלע באַלעבאַטים פון שול זיינען געווען ביי אברהם שוחט אין שטוב. מען האָט צענומען די בעטן און מען האָט אויסגעשטעלט טיש; און בענק פון ברייטער. די מאַמע האָט געגעבן לאַטקעס און קעזלעך און זיסע כרעמזלעך. וויפל מאָל זי האָט אויפגעגעבן צום טיש, איז געוואָרן אַ כאַפּער־ריי, אַז מען האָט זיך שיעור געשלאָגן. און מען האָט געטרונקען ווייַן, אַלע־מאָל האָט אַן אַנדערער געשטעלט אַן עמער ווייַן. יאַנקל פלעג אַלעמאָל גיין אין איינעם מיט אַלטער שמש און מיט טימעלע צו מענדל עלקעס אין שענק אַריין. אַלטער און טימעלע האָבן געטראָגן דעם ווייַן און יאַנקל האָט געזאָגט וואָסאַרא מען זאָל געבן. די יידן האָבן אַלע געוואוסט וואו די פעסער שטייען

און זיי האָבן געהייסן אויסמאָלן, אַז ער זאָל געבן פון יענעם פאַס, וואָס שטייט ווייט דאָרט אין ווינקל, ער זאָל זיך נישט פוילן צו גיין. מענדל האָט אויסגעהערט און ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער און אָנגעצאַפּט פון דעם ערשטן פאַס, וואָס איז געשטאַנען פאָרנט און געזאָגט יאַנקלען, אַז ס'איז גוט און אַז זיי דאַרפן אים נישט לערנען וואָסאַרא ווייַן צו געבן צו אברהם שוחט, ווייל ביי אברהם שוחט זיצן גאָט זיי דאַנק נישט קיין גויים, וואָס דאַרפן שיכור ווערן, נאָר יידן, וואָס דאַרפן זיך פרייען אום פּסח... די יידן האָבן סיי ווי געלעקט די פינגער און זיי האָבן געזאָגט, אַז מענדל עלקעס איז אַ ברודערל און ער האָט געשיקט דעם אמתן ייַן גפן און זיי האָבן אַריינגענומען דעם ליטוועק דעם אורח, אַז ער זאָל זיי זינגען ניגונים. דער ליטוועק האָט זיך נישט געלאָזט, אָבער זיי האָבן אים אי אָנגעטרונקען, אי זיי האָבן אים צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן קויפן לאָטריייע צעטלען ביי אים. ער האָט פאַרקויפט לאָטרייע צעטלען אַזעלכע, ער האָט זיי גערופן „ברוינשווייגער" און „לייפּציקער", זיי האָבן געשפּילט אפשר פינף און צוואַנציק יאָר דורכאַנאַנד. ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַן אַלטער „קאָלעקטאָר" און ביי אים געווינט מען, סיידן זיי גייען חלילה אַרוים אין טיראַזש. אהרן לערער האָט צו אים גערעדט דייטש און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט גיין מיט אים פאַרקויפן צעטלען און ער האָט דערפאַר נישט אויפגעהערט זינגען. און אין שול אַריין איז מען געגאַנגען מיט דעם ליטוועקס ניגון. די גאַס האָט געקלונגען. מען האָט געגאַסן ווייַן אין גאַס און מען איז געגאַנגען איבער דעם אָנגעגאָסענעם. ס'איז געווען, האָט דער טאַטע געזאָגט יאַנקלען, אַ זכר צום ים... שביעי של פּסח זיינען דאָך יידן אַריבערגעגאַנגען דעם ים סוף, דאַרף מען אומעטום גיין איבער דעם ים. און ערשט ווען מען איז געקומען אין שול אַריין, האָט מען ווידער געטרונקען און געזונגען ניגונים און מען איז געגאַנגען אַ ריקוד אַרום דעם אַלטן באַלעמער. וואָס איז געשטאַנען נעבעכדיק אין דער מיט פון דער נייער גרויסער שול און מען האָט געזונגען „המעביר בניו" און יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זינגט מען וועגן דעם, וואָס גאָט האָט אַריבערגעפירט זיינע קינדער צווישן די שטיקער פון ים סוף און זייערע שונאים און זייערע נאָכיאָגער האָט ער דערטרונקען אין די אָפּגרונטן. אָבער ווען עס איז געקומען נאָך פּסח, האָט זיך דער ליטוועק געקלאָגט, אַז קיינער וויל מיט אים נישט גיין פאַרקויפן קיין צעטלען און אַז נישט אומזיסט זאָגט מען „המעביר בניו ביז אין טאָג אַריין, אָבער געלט — פּאַוואָליע"... באַלד נאָך פּסח האָט דער קאָלעקטאָר געזען, אַז מען האָט ביי אים אויסגענאַרט די ניגונים און מען האָט אים אָפּגענאַרט און ווי שטענדיק איז דער טאַטע געווען דער קרבן. דער טאַטע האָט געמוזט גיין מיט אים פאַרקויפן די צעטלען צו די גבירים. אהרן לערער איז מיט אים געגאַנגען צו איין יידן, בכדי ער זאָל נישט

בלייבן קיין ליגנער, „איך האָב געזאָגט, האָט ער געשמייכלט, איך וועל גיין און איך גיי, אהרן לערערס אַ וואָרט, איז הייליק”...

אהרן לערער איז בכלל געווען אַ מאָדנע ייד און ער האָט געהאַלטן פון זיך אַ וועלט. יאַנקל האָט פון נאָך פסח אָנגעהויבן גיין צו אים זיך לערנען שרייבן. אַזוי ווי אויף ווינטער האָט מען אים שוין זיכער געוואָלט שיקן אין דער ישיבה אַריין, האָט דער טאַטע געוואָלט, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו יענעם מיט אָנשרייבן אַן אַדרעס און טאַקע מיט אַ בריוול. און אהרן לערער האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם, ער האָט געהאַט העפטן מיט געשריבענע אותיות, האָט ער זיי פאַרקויפט און געהייסן איבערגיין מיט טינט אויף „קריץ”. און געלערנט האָט ער אי יידיש, אי רוסיש, אי דייטש. צו וואָס דייטש? אַזוי! ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף קענען דייטש. ווען ער איז געוואָרן לערער, איז קיליע נאָך געווען רומעניע. ערשט אין יאָר 1877, האָט ער דערציילט, ווען ס'איז געווען די מלחמה אין פלעוונע און פאַניע האָט אונטערגעקויפט אַ טערקישן גענעראַל און געוואונען די מלחמה ביי פלעוונע, איז ער אַריין קיין קיליע און איזמאַיל און באָלגראַד און קאַהול און ליעווע און רעני און די אַלע דערפער אַרום און ער האָט נישט געוואָלט אַרויס. פאַניע איז געווען אַ ריז און דער רומענער אַ קאַרליק, האָט ער געמוזט שווייגן, און פאַניע האָט דערפאַר צוגענומען אַ שטיק דאָברודזשאַ ביים בולגאַר און אַוועקגעגעבן רומעניע. אַלע זיינען גנבים, האָט געזאָגט אהרן לערער... אָבער ווען ער איז געוואָרן לערער, האָט מען נאָך קיין רוסיש נישט געלערנט, נאָר דייטש. און ער האָט אויסגעלערנט רוסיש אויך. ער האָט געהייסן יאַנקלען קויפן אַ ביכל פאַר דייטש, וואָס ער האָט גערופן אַ „פיבל” און ער האָט אים געלערנט שרייבן פון דעם אויך יידיש. ער האָט אים שוין געוויזן, ווי אַזוי צו מאַכן פון די דייטשע אותיות יידישע און ער האָט געזאָגט, אַז „אידיש אונד דייטש זינד יאַ גלייך”. רוסיש האָט ער געלערנט פון אַן אַנדער ביכל. וואָס דער טאַטע האָט זיך נישט געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל נישט לערנען קיין דייטש און ער זאָל בעסער לערנען מער יידיש און רוסיש זאָל ער נאָר אויסלערנען צו שרייבן אַ בריוול און אַן אַדרעס, האָט ער געענטפערט: „רב אברהם, איך לערן אייך קוילען? לערנט איר מיך נישט לערנען שרייבן אונד לעזען”. און ער האָט געלערנט פּאַוואָליע און אויף אַמאָל מיט צוועלף קינדער. די טיר האָט נישט גערוט ביי אים, אַלע מאָל איז אַריין און אַרויס אַ קינד. און עס האָט נישט געדויערט לאַנג, האָט יאַנקל געקענט עטלעכע רוסישע „סטיכאָטוואָרעניעס” אויף אויסנווייניק, כאָטש ער האָט די ווערטער נישט גוט פאַרשטאַנען. ער איז געוואוינט געווען נישט צו פאַרשטיין, ווען ער האָט געלערנט ביי משה הערשן דאַוונען, האָט ער אויך נישט פאַרשטאַנען און איצטער פאַרשטייט ער... ווען ער האָט געזאָגט אויף אויסנווייניק „וועטשער ביל סווערקאַלי זוויאָזדי” (ס'איז געווען אָוונט, די שטערן האָבן

שעמערירט) האָט ער נאָך עפּעס פאַרשטאַנען די מעשה וועגן דעם יתום, וואָס איז געווען בלוי און ער האָט געציטערט און געפרעגט ווער עס וועט אָנקאָר־מען אַן אָרעמען יתום און אים לייגן שלאָפן, אָבער ווען ער האָט געקנאַקט אויף אויסנווייניק „בורא מגלאיו ניעבאָ קראַיעט" (דער שטורעם דעקט דעם הימל מיט פינצטערקייט) האָט ער נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָרט קומט פאָר. אויך דייטשע לידער האָט ער געלערנט און ער האָט זיי געמוזט זאָגן מיט אַ ווייכער „כ" און ער האָט טאַקע געזאָגט, אָבער פאַרשטאַנען האָט ער אַלץ נישט, כאָטש דער לערער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַלציינס ווי יידיש. די פּראַקטיק האָט שוין צוגעגעבן דער טאַטע. אַז ער האָט געזען, אַז יאַנקל קען שוין דעם רוסישן אַזבוק, האָט ער אים גענומען לערנען אָנשרייבן דעם אדרעס אהיים און ער האָט אים אויך געוויזן ווי אַזוי צו אָנהייבן אַ בריוו אין יידיש, ס'הייסט אין האַלב יידיש, האַלב לשון קודש. און אהרן לערער אין איינעם מיטן טאַטן האָבן אים שוין אויסגעלערנט צו אָנשרייבן אַ בריוו מיט אַן אדרעס.

דער זומער איז געקומען נעענטער און נעענטער. די ביימער האָבן זיך צעבליט מיט אַקאַציע און האָבן געשמעקט. עס איז געוואָרן אַ ליכטיקע וועלט, יינגלעך האָבן איבערגעקערט די וועלט און זיי זיינען געלאָפן מיט „שלאַנגען" איבער די דעכער און איבער די גאַסן און יאַנקל איז געזעסן אין בית מדרש איבער גמרות און איבער ספרים און ער האָט זיי מקנא געווען. אין שטוב האָט פּאַסירט אַ נייע געשיכטע. מען האָט נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז אין דעם הויף וואו אברהם שוחט וואוינט, איז דאָ אַן אוצר. דאָרט וואו עס איז דאָ אַן אוצר, האָט מען געזאָגט, באַווייזן זיך אַ סך מאָל ביינאַכט קיילעכדיקע קוילן פון פייער און זיי שפּרינגען דאָרט. אַ יידענע האָט זיך געשוואוירן, אַז זי האָט אַליין אַמאָל געזען, ווי עס זיינען אין יענעם הויף געשפּרונגען צוויי פייערדיקע קוילן. די קינדער האָבן אַלע גערעדט וועגן אוצר און נאָך מער געטראַכט וועגן אים. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי גלויבט נישט אין דעם, איר טאַטע האָט אויך נישט געגלויבט אין קיין אוצרות. און איינמאָל אין אַ ביינאַכט, ווען מרים איז אהיימגעקומען אביסל שפּעטער און זי האָט געדאַרפט דורכגיין אַליין דעם גאַנצן הויף, איז זי געפאַלן און גענומען שרייען. עס האָט זיך אויפגעכאַפּט דער טאַטע און די מאַמע און אַלע קינדער און עס איז געוואָרן אַ געלויף. מרים איז געפאַלן אויף אַ שטיין און זי האָט זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ. מען האָט זי קוים אַריינגענומען אין שטוב אריין און מען האָט איר צוגעלייגט וואַטן צום קאָפּ. זי האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקענט קומען צו זיך און זי איז געווען אין איין שרעק. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט געזען צוויי גרויסע קוילן פייער, זיי זיינען איר געשפּרונגען אין פּנים אריין און וואָס ווייטער איז געווען, געדענקט זי נישט... מען האָט יענעם טאָג נישט אויפגעהערט גראָבן אין הויף און מער ווי ערד און שטיינער האָט מען

נישט געפונען. מרים האָט עטלעכע טעג מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין הויף אַריין און זי איז שוין דערנאָך מער קיינמאָל נישט געגאַנגען אַליין ביינאַכט. מען האָט איר געשפּראָכן און געגאָסן וואַקס און די גויה, וואָס האָט געגאָסן, האָט געזאָגט, אַז זי זעט גרויסע קײַלעכער אויף דעם וואַקס.

ס׳זיינען געקומען די גרויסע היצן. אַלע קינדער זיינען זיך געגאַנגען אַליין באָדן. יאַנקלען האָט מען אָנגעזאָגט זהיר וזהיר, אַז אַליין זאָל ער זיך קיינמאָל נישט גיין באָדן. איין מאָל אין עטלעכע טעג האָט אים דער טאַטע מיטגענומען און נישט געלאָזט גיין וויַיט און ס׳זיינען שוין געווען יינגלעך אין זיינע יאָרן, וואָס האָבן געקענט אַוועקשווימען ווייט, ווייט. און אויף צו להכעיס איז אונטערגעקומען אַ יצר הרע: ברוך וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקים. ער האָט ווידער אָנגעהויבן קומען אין בית מדרש אַריין און ער איז געווען גוט צו יאַנקלען, ער האָט אים געגעבן זיסע זאַכן און געשענקט אַ מעסערל. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גוטע נשמה, נאָר אַ פאַרלוירענער. ברוך האָט גערעדט ווי אַ גרויסער און ער האָט אָפּגערעדט יאַנקלען פון זיצן איבער דער גמרא, ער האָט אים גערופן גיין אַרויס פון דער שטאָט, אָנקוקן די פעלדער און די סעדער און די גערטנער, וואָס זיינען איצטער פול מיט פרוכטן. עס קומען שוין אויף די דיניעס (מעלאָנען) און אַרבוזעס (וואַסערמעלאָנען) אין די „באַשטאַנעס״ און מען זינגט דאָרט און ס׳איז פריילעך און די שיקסעס גייען מיט רויטע ליענטעס (סטענגעס) אין די האָר און זיי זינגען און טאַנצן מיט שקצים. און דאָס באָדן זיך איז דאָך צוקער זיס... און ער האָט איבערגערעדט. יאַנקל האָט נישט איינמאָל פאַרמאַכט די גמרא און זי אַפילו נישט אַ קוש געטאָן און ער איז געגאַנגען און ער האָט געזען די סעדער און די פעלדער און די גערטנער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. מען האָט גע־אַרבעט שווער אין זיי און מען האָט געזונגען. מען האָט געזונגען, אי מאָל־דאַוואַניש, אי רוסיש, אי אוקראַיניש. דאָס מאָלדאַוואַנישע איז געווען זייער ענלעך צום דאַווענען אין ישול, שיקסעס האָבן געזונגען מעלאָדיעס, וואָס זיינען געווען אַלציינס ווי „יעלה׳ס״, „גשם״ און „טל״. מען פלעג אַלעמאָל מאַכן אַ ראָד און זינגען און טאַנצן. די מאָלדאַוואַנעס האָבן עס גערופן אַ „זשאָק״, וואָס האָט געמיינט אי טאַנץ, אי שפּיל. ברוך האָט אין די סעדער געהאַט שיקסעס, צו וועלכע ער האָט זיך געטשעפּעט. די שיקסעס האָבן געקוקט אויף יאַנקלען, זיי האָבן געלאַכט פון זיינע פאות, וואָס זיי האָבן גערופן „פּייסי״ און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער ווייסט גאָרנישט... איינמאָל איז ברוך ערגעץ אַוועק מיט אַ שיקסע אין פעלד אַריין און יאַנקלען האָט ער געלאָזט מיט איר קליין שוועסטערל, אַ שיקסל פון אַ יאָר עלף. יאַנקל איז געווען אַליין מיט איר און ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געפילט, ווי עס גלוסט זיך אים צורוקן צו אַ מיידל און אים איז געוואָרן היים; זי האָט אים געהאַלטן אין איין זאָגן „יאַ שטשע ניטשעוואָ ניע זנאַיו״ (איך ווייס נאָך גאָרנישט).

און ווען ברוך איז אַנגעקומען צוריק, האָט די גרויסע שיקסע געקוקט אויף דעם קליינעם פּאָרל און זי האָט געזאָגט, אַז ביידע ווייסן נאָך גאָרנישט..

און באָדן זיך איז יאַנקל געגאַנגען מיט ברוכן אַליין אָפּטער און אָפּטער ביז וואַנען אין אַ טאָג האָט מען דערציילט אין דער היים. און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מוסר זאָגן, וואָס האָט אים אויסגעזויגן דאָס חיות. ער האָט בעסער געוואָלט שטאַרבן, איידער הערן דאָס שרייענדיקע מוסר פון דער מאַמען און די שטילע שטראָפרייד פון דעם טאַטן. און ווידער האָט ער זיך געדאַרפט שווערן ביי די ציצית, אַז ער וועט מער נישט גיין און ברוך פלעג דווקא קומען און ריידן אַזוי, אַז מען האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן נישט צו גיין. אַ שטיין האָט ער געקענט איבעררייידן. יאַנקל האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז דאָס איז נישט וואָלפס זון, נאָר דער יצר הרע, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אים... וואָרום צוליב וואָס דאַרף ער דווקא קומען צו אים, וואָס ער לערנט? עס זיינען דאָך דאָ אַזויפיל יינגלעך אין שטאָט, וואָס גייען אום פוסט און פּאַס און זיי זיינען גרעסער פון יאַנקלען, פאַרוואָס גייט נישט ברוך צו זיי?

נאָך חול המועד סוכות האָט דער טאַטע גענומען יאַנקלען און ער איז געפאָרן מיט אים קיין קעשענעוו. דאָס מאָל איז ער נישט געפאָרן דורך אָדעס, נאָר דורך פּעטראָווקע, וואו די שוועסטער וואוינט. דער וועג מיט דער אַקס איז סיי ווי געווען דאָרט אַרומער. דער טאַטע האָט געוואָלט זיין שמחת תורה ביי דער שוועסטער. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט האָבן אַ פאַרשטער־טן יום טוב, אָבער מאַמציע פאַרדינט, אַז דער טאַטע זאָל זיין ביי איר. יאַנקל איז אפשר אַ וואָך אַרומגעגאַנגען זיך געזעגנען און אומעטום האָט מען אים געוואונטשן, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ למדן און אַ גרויסער ייד.

טרויעריק איז ער געוואָרן, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין חבר אברהם. ער איז געשטאַנען אין מאַרק און פאַרקויפט סחורה. ער האָט שוין געקענט אָפּמעסטן מיטן אַרשין און אָפּשניידן, ער האָט זיך נאָר נישט גע־קענט דינגען. ווען אברהם האָט אים דערזען, האָט ער זיך מיט אים דער־פרייט, אָבער ער האָט גערעדט צו אים מיאוסע רייד און ער האָט נאָך גע־וואָלט, אַז ער זאָל זיי אים נאָכריידן. ער איז געגאַנגען אָן פּאות און מיט אַ קורץ רעקל און איין מיאוס וואָרט האָט ער נישט אויפגעהערט צו זאָגן. יאַנקל האָט אים געסטראַשעט, אַז ער וועט זיין אין גהינום, אַזוי ווי אין „ראשית דעת" שטייט... אברהם האָט געענטפערט, אַז ער לאַכט פון גהינום און פון „ראשית דעת"... יאַנקל איז אַנטלאָפן.

די מאַמע האָט געוויינט, וואָס זי וועט נישט זוכה זיין צו זען זיין בר מצווה, זי וועט נישט זען, ווי ער וועט אָנהייבן לייגן תפילין, אָבער זי האָפט, אַז זי וועט דערפאַר זיך צוויי מאָל אַזוי פרייען אויף זיין חתונה... אַ ייד דאַרף לייגן און לערנען תורה! און די מאַמע האָט יאַנקלען געלערנט ווי

אַזוי זיך אויפצופירן דאָרט און זי האָט אים אָן א שיעור מאָל איבערגעציילט די העמדער מיט די גאַטיעס מיט די לייבלעך, מיט די וואַרעמע אונטערהויזן. און זי האָט אים געוויזן, אַז די גאַטיעס זיינען מיט קנעפּלעך און אַז אַ קנעפּל וועט זיך אָפּרייסן, גיט זי אים מיט אַ נאָדל־פאָדעם אויף צוצונייען. זי האָט אים געלערנט, אַז יעדע וואָך זאָל ער וואַשן וועש און דאָרט וועט שוין קומען אַ גויה נעמען. ער זאָל גוט איבערציילן ביים אָוועקגעבן און נאָך מער ביים אָפּנעמען. און טיכלעך וועט ער זיך אַליין קענען אויסוואַשן. אַנישט האָט דער טאַטע דאָרט קרובים און קרובים, צו וועלכע ער וועט אַמאָל אַריינקומען, וועט ער דאָרטן בעטן, אַז מען זאָל אים אויסוואַשן. דער עיקר איז, אַז ער זאָל לערנען און זיין אַ גוטער ייד. דער זכות פון איר טאַטן וועט אים שוין ביישטיין... און זי האָט געוויינט, נישט אויפגעהערט צו וויינען. פון דער מאַמעס וויינען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס גאַנצע אָוועקפאָרן, איז נישט אַ גרינגע זאַך. די שוועסטער זיינע האָבן אויך געוויינט. אפילו מרים האָט נישט אויפגעהערט וויינען און אירע שיינע אויגן זיינען איר רויט געוואָרן, אָבער זי האָט דערביי אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז אין „דוואַדצאַטע וועק" שיקן אַ קינד אין ישיבה אַריין, דאַרף מען שוין זיין גרויסע פאַנאַטיקער און ער האָט איר געזאָגט צום לעצטן מאָל ,אַז זי איז אַ... מאַריאַ מאַגדאַלענאַ. שבת חול המועד האָט די מאַמע געמאַכט אַ שמחה אין סוכה, ס'איז געקומען אפשר אַ האַלבע שטאָט און אַלטע יידן האָבן אים געגלעט און געקושט. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז דער איינציקער פון קיליע, וואָס פאָרט אין דער פרעמד זיך מוטשען און לערנען תורה. און ער האָט זיך געפילט עפּעס ווי אַ חתן, אָבער עס איז אים געווען טרויעריק און וויפל מאָל מען האָט געטרונקען לחיים און די מאַמע האָט געוויינט אויף אַ קול און דער טאַטע האָט געוויינט שטילערהייט, האָט ער אויך געוויינט. צו פינחס שוחט איז ער געגאַנגען זיך געזעגנען און דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער האָט נישט געטראָפן דבורהן. חווה די שוחטקע האָט אים געזאָגט: „וועסט ווערן אַ רב, וועל איך דיר געבן מיין דבורהן, זי איז אַ שיין מיידל"... ביים אַרויסגיין פון שטוב האָט ער זי געזען, זי איז געשטאַנען און האָט גערעדט מיט דעם שכנס יינגל, וואָס איז שוין געווען אַ גרויסער און אַ קצב ווי זיין טאַטע. יאַנקל האָט זיך געזעגנט מיט איר אָן דער האַנט, אָבער זי האָט אים אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געגעבן אַ פרעמד מיידל די האַנט. ער האָט אַ ציטער געטאָן האַלטנדיק זי און ער האָט זי באַלד צוריקגעכאַפּט, מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל נישט דערזען. נאָך מער האָט ער מורא געהאַט, אַז גאָט זאָל אים נישט שטראָפן. אָבער צום אָוועקפאָרן איז עס אים געווען גוט. ער האָט דערנאָך לאַנג געפילט איר דיר מיט דער האַנט און דעם קוק פון אירע פאַרחלומטע אייגלעך.

ווען דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן פון קיליע און מען האָט שוין מער

קיין שטיבער נישט געזען און מען איז שוין אפילו געהאט איבערגעפאָרן די ווינט־מיל, וואו זיי האָבן געמאָלן די שמירה, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן ביים האַרצן. ווער ווייסט, האָט ער זיך געקלערט, אויף ווי לאַנג ער פאָרט עס אַוועק. אַ טרייסט איז געווען, וואָס דער טאַטע איז נאָך געווען מיט אים. דער טאַטע האָט ביים אָנהייב פון אַרויספאָרן גערעדט איבער אים. ער האָט געזאָגט, אַז עס קומט אים נישט גרינג אָן דאָס אַוועקשיקן אים אין דער פרעמד. ער איז שוין טאַקע נישט קיין בן יחיד, אָבער ליב האָט ער אים אַלציינס ווי אַמאָל. און דאָך שיקט ער אים אַוועק, ווייל ער קען אַנדערש נישט. אין קיליע איז פאָרט נישטאָ וואו צו לערנען און אים שיקן ווערן אַ „פריקאַזטשיק", צי אפילו אַ בוכהאַלטער, וויל ער נישט... דער מאַמען איז נאָך שווערער געווען אַוועקצולאָזן אים. זי האָט זיך געמאַכט האַרץ, זי זאָל אים נישט איבערשרעקן, אָבער אַזוי האָט זי געוויינט גאַנצע נעכט. און עס וועט קאָסטן אַ סך געלט, כאָטש מען גיט עסן אומזיסט און מען נעמט נישט פאַר קיין שכר לימוד. אַ קינד דאַרף האָבן, מען דאַרף גיין אין מרחץ אַריין, קאָסט פינף קאָפּקעס אַ וואָך און זאָקן דאַרף מען קויפן. און אַ בריוו דאַרף מען שיקן. איינמאָל אין דער וואָך זאָל ער שרייבן און מען וועט אים שרייבן, וועט ער קענען אָנשרייבן אויף אַ פּאָסט־קאַרטל, וועט קאָסטן דריי קאָפּקעס, אַ בריוו וועט קאָסטן זיבן. די ערשטע צייט וועט ער מוזן שרייבן בריוו, ווייל ער וועט נאָך נישט קענען שרייבן מיט קליינע אותיות אָן ליניעס אויף אַ קאַרטל, אויף אַ בריוו וועט אים זיין גרינגער. שפּעטער וועט ער שרייבן בעסער. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס קענען אָנשרייבן אויף אַ פּאָסט־קאַרטל מער וויפל אַנדערע אויף דריי בויגעלעך פּאַפּיר. און מען וועט אים אַזוי אויך געבן אויף צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ אַמאָל און אויף אַ נאַש. ער איז דאָך פאָרט אַ קינד. ער וועט דאָרט לאָזן ביי עמיצן עטלעכע קערבלעך פאַר אים און דערנאָך וועט ער שוין שיקן. ער זאָל נאָר זיין אַ מענטש. דער וואָגן האָט געטרייסלט און דעם טאַטנס ווערטער האָבן זיך אויך געטרייסלט. און די באָרד האָט זיך ביי אים געטרייסלט און דער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט אין די אויגן. און פון די אויגן האָבן זיך געטרייסלט טרערן און זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף די באַקן און אויף דער באָרד. דערנאָך האָט ער שוין געשוויגן און די טרערן האָבן זיך נאָך אַלץ געטרייסלט. ער האָט אַזוי נישט געקענט צוקוקן ווי זיין טאַטע וויינט, ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן אַוועקגעגעבן, אַבי נישט צו זען דעם טאַטן וויינען... דער טאַטע האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און ער האָט אויפגעהערט וויינען. ער האָט זיך אונטערגעזונגען עפּעס פון ימים נוראימדיקן דאַווענען און די ווערטער מיטן ניגון האָבן זיך אויך געטרייסלט און זיי האָבן זיך ווי איבערגעבראָכן. דער טאַטע האָט אים געוויזן אויף אַ סך פאַרשיידענע דערפער אין פאַרשיידענע זייטן. אין אַלע האָבן געוואוינט יידן און פאָניע האָט זיי אַרויסגעטריבן. אַט דאָרט ערגעץ

איז דראַגוליע, וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט אַ גרויסער יידישער פּאָסעסאָר, רפאל דראַגוליער, טאַקע נחמן רפאלס טאַטע. מען האָט געזאָגט, אַז ביי אים איז געווען אַזויפיל קי, אַז מען האָט זיי געמוזט מעלקן אין די גריבער אַריין און לאַשיקלעך זיינען אין זיי דערטרונקען געוואָרן. ביי אים טאַקע האָט געדינט אהרן לערערס טאַטע שואַלקע, וואָס איז געוואָרן אַ גנב און ער האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. מסתמא צוגעגנבעט עפּעס, וואָס מען וואָלט סיי ווי אַרויסגעוואָרפן. מען טאָר נישט אַריינגעבן אַ יידן אין גויישע הענט. גאָט האָט אים טאַקע געשטראָפט רפאלן, אַלע זיינע קינדער זיינען טייערע, אָבער איין זון האָט זיך געשמדט. פאַרליבט נישט דאָ געדאַכט אין אַ שיקסע און זיך געשמדט און ער איז היינט אַ גוי אין איזמאַיל און ער הייסט פּעטראָ. ער גייט אָנגעטאָן ווי אַ גוי מיט אַ גרויסער קוטשמע אַפילו אום זומער און מיט אַ היטשקע האָר, ער דערקענט אַפילו קיין יידן נישט... ערגעץ אַהין איז דאָ אַ דאָרף, הייסט עס ניקאָלאַיעווקע. ער איז אַמאָל דאָרט שיעור נישט געוואָרן שוחט. עס וואוינען נאָך איצטער אויך עטלעכע יידן דאָרט. און דער טאַטע האָט זיך פּלוצים צעלאַכט. יאַנקל האָט שוין געוואוסט, אַז דער טאַטע האָט אַ טבע זיך פּלוצים דערמאָנען אין עפּעס און לאַכן. און ער האָט דערציילט אַ מעשה פון דאָרטן. געווען דאָרט אַ ייד מיט אַ יידענע, ער האָט זיי ביידע געקענט. איז זי געווען אַ גרויסע נאַשערן. איינמאָל האָט זיך געקאָכט אַ גאָרגל אויף שבת און פּריטיק פאַרנאַכט האָט זי אים אַליין אויפגענאַשט; זי האָט געוואוסט, אַז דער מאַן האָט זייער ליב דעם גאָרגל און זי האָט געזוכט אַ תירוץ. און ס'איז געווען ביי זיי אַן אורח אויף שבת. האָט זי פּרייטיק געהייסן דעם מאַן אָנשאַרפן דאָס מעסער און ער האָט עס גענומען שאַרפן. דעם אורח האָט זי געזאָגט, אַז דער מאַן וויל אים קוילען. דעם מאַן האָט זי געזאָגט, אַז דער אורח האָט צוגעגנבעט דעם גאָרגל, איז דער אורח אַנטלאָפן און דער מאַן האָט געשריגן: „ר' ייד, גיט אַהער דעם גאָרגל", האָט ער נאָך מער מורא געהאַט און ער איז קוים אַנטלאָפן צום שוחט... דער טאַטע האָט אַזוי געלאַכט, אַז עס זיינען אים אַזש געקומען טרערן אין די אויגן אַריין. און דערנאָך האָט ער ווייטער געשוויגן און זיך אונטערגעזונגען פון דאַוונען. די פעלדער זיינען שוין אַלע געווען אָפּגעקאָסטע, דאָך האָבן זיי אויסגעזען ווי פון גאָלד און זיי זיינען געווען זייער שיין.

קיין פּעטראָווקע זיינען געווען צוויי וועגן, איינער איז געגאַנגען דורך אַרציז און דער צווייטער דורך אַנטשיקראַק. ביידע זיינען געווען גרויסע דייטשע קאָלאָניעס. די רוסישע, אוקראַאינישע, מאָלדאַוואַנישע און טאָטערישע האָט מען גערופן דערפער און די דייטשע — קאָלאָניעס. יעדע וואָך איז אין דער אַנדערער קאָלאָניע געווען אַ מאַרק. קיין אַרציז איז פון קיליע געווען זעכציק ווערסט און קיין אַנטשיקראַק — אַכציק. געפאָרן קיין פּעטראָווקע איז מען דורך דער קאָלאָניע, וואו ס'איז יענע וואָך געווען דער מאַרק,

ווייל ס'איז גרינגער געווען צו קריגן אַ פּורל. אין אַנטשיקראַק האָט די מאַמע געהאַט אַ קרובה אַן אַלמנה, וואָס האָט געהאַט אַן אַריינפאָר הויז און די מאַמע האָט אָנגעזאָגט דעם טאַטן, אַז ער זאָל נאָר צופאָרן צו איר, דער טאַטע האָט געוואָלט צופאָרן צום שוחט, וואָס האָט געהאַט אַביסל אַן עלטער ייִנגל ווי יאַנקל און האָט געהאַט אַ שם פון אַן עילוי, אָבער ער האָט געפאָלגט דער מאַמען. אויפן וועג האָט מען זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און דער טאַטע האָט געטרונקען טיי מיט אים אין איינעם און געקויפט בייגל. קיין אַנטשיקראַק זיינען זיי אָנגעקומען פאַרנאַכט. זיי זיינען געווען מיד און פאַרפראָשעט, דער וועג איז פול געווען מיט שטויב. דער מאַמעס קרובה האָט זיך גאָר דערפרייט מיט זיי און זיי באַלד געגעבן וואו אָפּצוּוואַשן זיך און טיי און זיי געוואָלט געבן עסן, אָבער דער טאַטע האָט פריער שוין געוואָלט גיין דאַווענען און זען דעם שוחט. ביי דער קרובה איז געווען אַ רעש און יידן זיינען אַרויס און אַריין. אַלערליי יידן, אייניקע מיט קאַפּאָטעס און אָן פּאות, אַנדערע מיט לאַנגע פּאות און מיט קורצע רעקלעך. אַנטשיקראַק האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי די גוישע דערפער, ס'איז געווען גרויס און ריין. די הייף זיינען געווען אַרומגעצוימט מיט הויכע שטיינערנע פּליִיט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז די דייטשן היטן זיך שטאַרק פאַר גנבים און אַז זיי פּאַקן אַ גנב, דערהרגענען זיי אים. אַנטשיקראַק האָט מער אויסגעזען ווי אַ שטאָט, איידער ווי אַ דאָרף. דעם שוחטס ייִנגל איז געווען גרעסער אַ סך ווי יאַנקל, ער האָט שוין זייט לאַנג געלייגט תפילין. ער איז געגאַנגען נאָך אַ לענגערע קאַפּאָטע ווי ער און אויך לענגערע פּאות האָט ער געהאַט. און די אויגן זיינען ביי אים געווען גרויסע און אויסגעסטאַרטשעטע און אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען און האָט זיך אונטערגעטענצלט. זיין טאַטע האָט געלערנט מיט אים און ער האָט אַליין אויך געלערנט. דער שוחט האָט געזאָגט, אַז ער וויל אים נישט שיקן קיין קעשענעוו, ווייל אין אַ ישיבה ווערט מען אַן אַפּיקורס און דער זון האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז ער לערנט רוסישע ביכלעך, אַז דער טאַטע זאָל נישט זען און אַז ער וועט זיין אַ דאָקטער. אויב יאַנקל וויל, זאָל ער זיין מיט אים, וועט ער אים שפּעטער אויך העלפן צו ווערן דאָקטער. ער האָט שוין אַ סך חברים. ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל געדענקען זיין נאָמען: יאָסיף פרידמאַן. ער האָט געזאָגט אויף רוסיש „יאָסיף". יאַנקלען איז עס אַביסל אַריין אין דער נאָז אַריין און דערנאָך האָט ער געדאַוונט מערב מיט גרויס כוונה און ער האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער דערציילט נישט דער אַנטשיקראַקער שוחט, אַז זיין זון יאָסל לערנט רוסיש און ער וויל ווערן דאָקטער...

ביי דער קרובה האָט מען זיי געגעבן אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע און מען האָט געזאָגט אַז דאָ איז שוין געווען אַ פּורל קיין פּעטראָווקע פרעגן אויף זיי; מאַמציע האָט געשיקט, אַז מען זאָל קומען נעמען. קיינמאָל אין

זיין לעבן האָט נאָך יאַנקל נישט געפילט אַזאַ טעם אין עסן, ווי ער האָט געפילט אין דעם ראָסלפלייש, וואָס די קרובה האָט אים דעמלט געגעבן און קיינמאָל אין זיין לעבן איז ער נישט אַזוי געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט ווי אַ געהרגעטער ווי דעמלט. און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער ווערט דאָק־טער און יאָסל פרידמאַן רב און פאַרקערט. פאַרטאָג איז מען זיי געקומען נעמען פאָרן. ס'איז נאָך געווען גרין אין דרויסן, דער בעל עגלה האָט נישט געגעבן דעם טאַטן קיין צייט צו אָפּדאַוונען אין גאַנצן, ער האָט געזאָגט, אַז די צווייטע פאָר תפילין וועט ער שוין לייגן אין וועג. יאַנקל האָט אויך גע־היפּערט דאָס דאַוונען, דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז הינטערוועגס מעג מען. ס'איז אַפילו דאָ אַ תפילה קצרה פאַרן וועג. אויף דער פור איז מיט זיי גע־פאָרן אַ ייד, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז בעדער אין פּעטראָווקע, אָבער ער האַנדלט אונטער אויך, ווייל פון דער באָד אַליין האָט ער נישט גענוג צו לעבן. ער איז געווען נישט קיין שיינער ייד און דורך דעם גרויסן היטל, וואָס איז אים אַריבערגעפאַלן איבער דעם קאָפּ, האָט מען אָנגעזען, אַז ער האָט אַ פּאַרעך. ער האָט גערעדט שלעכטס אויף די פּעטראָווקער יידן און ער האָט געזאָגט, אַז פּעטראָווקע רופט מען יעהופּעץ און מען דאַרף עס אַנדערש נישט רופן. ער האָט גערעדט שלעכטס אויף דעם רב און ער האָט געזאָגט, אַז דער רב קריגט זיך מיט זיידלען און ער, דער בעדער, האַלט מיט דעם שוחט, ווייל דער רב און אַ גוי איז ביי אים אַלצאיינס און המבדיל (להבדיל) וועט ער זאָ־גן שבת צו נאַכטס... און ער האָט דערציילט, אַז די יעהופּעצער יידן קריגן זיך. ער האָט געמאָלט ווי אַ מיל און דערציילט, אַז גאַנץ יעהופּעץ איז צע־טיילט אויף „דרייסיקער" און „זיבעצענער". גאַנץ יעהופּעץ האָט געהערט צו אַ פּריץ, האָט דער פּריץ אַוועקגעשענקט אַ סך ערד פון ווייגערטנער די יידן, וואָס האָבן אייגענע שטיבער. זיינען ביים אָנהייב געווען דרייסיק, אָבער ווען עס איז געקומען צום איינטיילן, זיינען געווען נאָך זיבעצן... און דער אַלטער פּריץ האָט שוין נישט געלעבט און מען האָט נישט געקענט וויסן וועמען ער האָט געמיינט און מען האָט זיך אָנגעהויבן לאָדן פרייער ביי רבנים און דערנאָך ביי די גויים. ער האָט שוין אָפּגעפּאַסט טויזנטער און די „דיעלאָ" גייט נאָך אַלץ. ווען די „דרייסיקער" ווילן אַראָפּנעמען די ווייַנטרויבן, באַ־פאַלן זיי די „זיבעצענער" און עס רינט בלוט... און עס זיינען דאָ אַזעלכע יידן, וואָס געהערן אי צו די „זיבעצענער", אי צו די „דרייסיקער". דער טאַ־טע האָט געזאָגט, אַז ער האָט די גאַנצע מעשה געוואוסט. יאַנקל האָט זי געהערט צום ערשטן מאָל און ער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן. אין וועג האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און דער טאַטע האָט פאַרענדיקט דאָס דאַוו־נען און געטרונקען אין איינעם מיט יאַנקלען אַ גלאָז טיי. דער בעדער האָט געטרונקען ווייַן. יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז אַ ייד מיט אַ לאַנג רעקל און מיט פּאות זאָל טרינקען נסך. און וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס

צו טרינקען וויין גאַנץ פּרי? ווען מען איז געפאָרן, האָט דער טאַטע געזאָגט דעם בעדער, אַז עס איז נישט שיין. האָט דער בעדער געענטפערט, אַז ביי דייטשן איז נישט נסך, דייטשן זיינען נישט קיין גויים, זיי ריידן כמעט יידיש און זיי קענען אַפילו לשון קודשדיקע ווערטער. דער דייטש פון שענק האָט טאַקע גערעדט יידיש. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז וויסעך וואָס זיי ריידן דאָרט, זיי גלויבן אין צלם אַלציינס ווי די אַנדערע גויים. די היינטיקע גויים וויסן גלאַט אפשר נישט פון קיין נסך און בהיסח הדעת מען מען אפשר טרינקען זייער וויין, אָבער נישט בכוונה גיין קויפן... דער בעדער האָט אויסגעהערט און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געלאַכט און ער האָט געזאָגט, אַז ווען עס איז דאָ אַ ייִד, וואָלט ער אפשר געקויפט ביי אים, כאָטש די יעהופּעצער יידן זיינען ערגער ווי גויים... אָן אַביסל וויין קען ער פאָרט נישט זיין, ווען ער עפנט די אויגן, מוז ער נעמען אַביסל משקה.

אָנגעקומען איז דאָס פורל קיין פּעטראָווקע ווען עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי. מאַמציע מיט זיידלען זיינען געשטאַנען אין דרויסן און הירש לייבעלע איז שוין געווען אַ גרויסער יונגאַטש פון קאַרגע צוויי יאָר און ער האָט נאָר געוואָלט אויף דעם וואָגן אַרויף. מאַמציע איז אַרויפגעפאַלן אויף דעם טאַטן און געגומען וויינען, וויינט זי נאָך. און יאַנקלען האָט זי אויך באַנעצט מיט טרערן. און נאָך איידער מען האָט אָפּגעטרונקען אַ קאַווע מיט מילך און עפּעס איבערגעביסן, איז פול געווען די שטוב מיט יידן. אַלע האָבן געגעבן שלום אי דעם טאַטן, אי יאַנקלען און עס איז געווען אַ רויש און אַ געפילדער און עס איז שוין אַזוי געווען די גאַנצע צייט ביז מען איז אַוועקגעפאָרן. דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם. אַ קלייניקייט, צו דער שוחטסקע איז געקומען הער טאַטע מיט דעם ברודער... מען האָט געשיקט מיט די געסט אי אויף שמיני עצרת, אי אויף שמחת תורה און מען איז אַליין געקומען אָפּעסן און אָפּטרינקען... יאַנקל האָט געקראָגן אָן אַ שיעור חברים. לערנען האָבן זיי געקענט ווייניקער ווי ער, אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען אַ סך שטאַרקער פון אים און זיי האָבן גערעדט מיט אַ סך אַ שאַרפערער „ריש" ווי ער. זיי האָבן אויך גערעדט שאַרלאַטאַנסקע ווערטער ווי אַ סך קיליער ייִנגלעך, אָבער זיי זיינען ביי זיי אַרויסגעקומען פּשוטער. און מען האָט עם אַביסל אַ הוליע געטאָן שמיני עצרת און שמחת תורה. יאַנקלען האָט מען אויפגערופן צו אַלע דריי הקפות. און די ייִנגלעך האָבן אים אויך פאַרשלעפּט, אַז ער זאָל אָנקוקן די דייטשע קאָלאָניע „ליכטענטאַל", וואָס איז אַ האַלב ווערסט פון שטעטל און פון דאָרט זיינען זיי שוין געגאַנגען אָנקוקן די יידישע ווייגערטנער און ער האָט צום ערשטן מאָל געזען ווי עס וואַקסן ווייגערטנער און ווי זייערע בלעטער דרייען זיך אַרום די פּלייט. עס האָבן שוין אַראָפּגעהאָנגען אויף די קליינע ביימלעך גרויסע שווערע קרענץ, וואָס האָבן אויסגעזען עפּעס ווי פאַרפראָשעטע פלעשער. מען האָט אים אַפילו געגעבן

צו פאַרזוכן פון די וויינטרויבן, וואָס מען האָט אָפּגעריסן אום יום טוב... ווען ער וואָלט געדאַרפט אויסזאָגן דעם טאַטן וועגן די אַלע עבירות, וואָס ער איז באַגאַנגען אין יענע טעג, וואָלט ער באַדאַרפט דערציילן און דער־ציילן. שמחת תורה ביינאַכט זיינען געווען מער יידן וויפל ס'האָט געקענט אריין אין דער גרויסער שול. עס זיינען צוליב דעם גאַסט געקומען אַלע אויך פון קליינעם שולעכל. מען האָט פשוט געגומען און ארויסגעטאַנצט אין מיטן גאַס און מען איז דערנאָך געגאַנגען מיט א ראָד איבער דעם מאַרק. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז קיליע איז אויך א יידישע שטאָט, אָבער פעטראָווקע איז ארץ ישראל. פון דעסט וועגן האָט מען זיך אין מיטן די הקפות צעשלאָגן. די „דרייסיקער" מיט די „זיבעצענער" האָבן זיך צעשלאָגן. עס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן איבער א הקפה און איבער א וואָרט און אבי מען האָט א געשריי געטאָן, אַז מען שלאָגט די „זיבעצענער", איז שוין געוואָרן פריילעך... יידן מיט הענט ווי לאָפּעטעס האָבן זיך געוואָרפן איינס אויף די אַנדערע און בלוט האָט אָנגעהויבן שפּריצן. און יידענעס האָבן זיך אריינגעמישט און עס זיינען אראָפּגעפאַלן פאַרוקן און זיידענע טיכלעך און די קולות זיינען געגאַנגען ביז אין זיבעטן הימל אריין. א ליכט איז אראָפּגעפאַלן לעבן עמוד, האָט מען גענומען שרייען, אַז עס ברענט און די קולות זיינען נאָך געוואָרן שטאַרקער. יונגעלייט און מיידלעך האָבן צוגעהאַלטן די טאַטעס און האָבן געשריגן „טאַטעניו, איך בעט דיך!" אייניקע האָבן געשריגן „פּאַפּאַטשקאַ" און אַנ־דערע האָבן שוין אין גאַנצן גערעדט אויף רוסיש. און מען האָט נישט אויפ־געהערט. מען האָט געשריגן, אַז מען זאָל גיין ברענגען דעם „סאָטסקי". האָט זיך דער בעדער אָפּגערופן, אַז ער איז דער „סאָטסקי" און אויב מען וויל, וועט ער גיין באַלד אום יום טוב אָנטאָן דאָס בלעכל. האָט מען געבראַכט דעם „אוריאַדניק", וואָס איז שוין געווען א גוי און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען איינער אַליין גאָרנישט טאָן, ער קען נאָר שיקן א טעלעגראַמע, אַז מען זאָל שיקן פון קאַושאַן זשאַנדאַרמען אויף פערד. האָט מען אים שוין איינגערעדט, אַז מען דאַרף נישט. דער רב האָט אָנגעהויבן שרייען און עס איז געוואָרן א טומל: „שאַ, דער רב רעדט!", אָבער מען האָט דעם רב אויך נישט געהערט און דאָס געשלעג איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען און אַן עולם יידן איז געווען צונויפגעקוטשובורעט. ביז וואַנען דער בעדער איז געלאָפן אין דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע", וואָס איז טאַקע געווען אין באָד און ער האָט געהייסן ברענגען דאָס פעסל מיט דער קישקע. טאַקע זיין זון, וואָס האָט געהאַט אַזא פּאַרעך ווי ער און האָט געהייסן שכר און איז געווען א האַלבער משוגענער, און האָט גערעדט האַלבע ווערטער, האָט געבראַכט דאָס פאָס מיט דער קישקע און דאָס דאָזיקע האָט מער געהאָלפן ווי דעם רבס דרשה... די שול האָט דערנאָך אויף מאָרגן אויסגעזען ווי נאָך א שריפה, אָבער ביי די פרימאָרגנדיקע הקפות האָט מען ווידער געטאַנצט אין גאַס..

איינמאָל אין אַ בייטאָג איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צו יאַנקלען און ער האָט אויף אים געקוקט אי טרויעריק, אי מיט ניצחון און ער האָט אים געפרעגט:

— נו, וועסט זיך נאָך גיין באָדן אַליין?

יאַנקלען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן אַריין. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז עמיצער איז אין קיליע דערטרונקען געוואָרן און ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס, אָבער ס'איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז ברוך וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקים איז דערטרונקען געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צאַפּלען. דער טאַטע האָט אים געזאָגט:

— ווייסט באַטש ווער ס'איז דערטרונקען געוואָרן?

— ברוך וואָלפס...

— דו האָסט שוין געהערט? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— ניין!

דער טאַטע האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט געקענט טרעפן. יאַנקל האָט געענטפערט, אַז דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. ער האָט זיך אין געדאַנק געשוואוירן מער נישט צו גיין אַליין זיך באָדן און דאָס האַרץ האָט אים נישט אויפגעהערט קלאַפּן. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן און ברוך מיט די גרויסע אויגן איז געשטאַנען לעבן זיין בעט און נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ער האָט אים געזען טוען שלעכטע זאַכן אין חדר, ער האָט אים געהערט ריידן מיאוסע זאַכן מיט אברהמען פון אונגאַרן און גיין מיט שיקסעס און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט אים איצטער אוועקגיין מיטן מלאך המות און וויינען. אויף מאָרגן האָט ער געפרעגט דעם טאַטן, צי אַ געשטאָרבענער וויינט...

דער טאַטע איז געבליבן אויף שבת בראשית, ווייל מאַמציע האָט געזאָגט, אַז זי האָט אים נאָך גאָרנישט געפרעגט און זי האָט זיך נאָך נישט אָנגעזעטיקט מיט אים און פאַר יאַנקלען איז עס געוועזן אַ וועלט. ער האָט זיך אין די עטלעכע טעג באַקענט מיט דעם גאַנצן שטעטל און ער האָט געוואוסט ווער ס'איז רייך און ווער ס'איז אָרעם און ווער מיטלמעסיק און ווער ס'איז קלוג און ווער נאַריש. די יינגלעך האָבן אים אַלצדינג דערציילט, זיי האָבן אים דערציילט ווער ס'איז פרום און ווער נישט און אַפילו וואָס פאַר אַ יינגל ס'איז פאַרליבט אין וואָס פאַר אַ מיידל און וואָס פאַר אַ „דרייסיקער" יינגל וויל אַ „זיבעצענער" מיידל פאַר אַ כלה...

ערשט ווען דער טאַטע האָט זיך אַריינגעזעצט מיט יאַנקלען אין אַ ברישקע, וואָס האָט געקלאַפּט אַריבער אַ שעה אויף דעם שטויביקן טראַקט און זיי געבראַכט צו אַ נידריק שטיבל מיט אַ גלאָק, וואָס האָט געהייסן „סטאַנציע זאַים"; און ערשט ווען אַ שעה נאָך זייער אָנקומען מיט דער ברישקע, איז אָנגעקומען אַ באַן מיט אַ סאָפּען און מיט אַ שניידנדיקן פייף;

און ערשט ווען די באַן האָט ווידער גענומען סאָפּען און האָט דערלאַנגט אַ שניידנדיקן פּייף און איז אַוועקגעגאַנגען נאָך דעם, וואָס זיי זיינען אַריין אין ענגען דריטן קלאַס, און זיי האָבן איינגעאָרדנט די זאַכן און זיך געמאַכט פּלעצער צום ליגן, האָט יאַנקל דערפילט, אַז איצטער פאָרט ער אַוועק אין דער פרעמד און ער דאַרף ווערן אַליין אַ מענטש און ער האָט צוגעשפּאַרט צום טאַטן דאָס קעפּל און ער האָט זיך צעוויינט און ער האָט געזען, אַז דער טאַטע וויינט אויך...

☆

קאַפּיטל דרייצן

ער האָפט, אַז אין דער תּורה וועט ער פאַרגעסן די בענקשאַפט

אָדעס איז אַ גרעסערע שטאָט ווי קעשענעוו, אָבער אין קעשענעוו קען מען אויך גוט פאַרפאַלן ווערן. קיין אָדעס איז יאַנקל אָנגעקומען מיט דער שיף, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און פון דער שיף איז מען אַראָפּגעגאַנגען נישט מיט אַמאָל ווי דאָ. איינציקווייז איז מען אַראָפּגעגאַנגען און דאָ זיינען דאָ אפשר צוואַנציק וואַגאָנעס און פון יעדן וואַגאָן שיטן זיך אַרויס אפשר הונדערט מענטשן מיט אַמאָל. עס זיינען אַרויס אַזויפיל מענטשן, אַז יאַנקל האָט אַזש מורא צו פאַרלירן דעם טאַטן און ער קלאַמערט זיך אין אים, כאָטש ער האָט צו טראָגן אַ שווער רענצל מיט אַ פּאַק, איין פּאַק טראָגט יאַנקל אַליין. און מענטשן רייסן די זאַכן פון די הענט, דער טאַטע זאָגט, אַז מען דאַרף גוט היטן, ווייל עס קענען נאָך זיין גנבים אויך. הערשל שוחט האָט מען אַמאָל גוט באַגנבעט אין קעשענעוו. מען האָט אים אַריינגעשטעקט אַ „מיאַטש" (באַל) אין מויל אַריין, אַז ער זאָל נישט שרייען און מען האָט אים באַנומען פון קאָפּ ביז פיס. קעשענעווער קאַרמאַנטשיקעס האָבן אַ שם אויף דער וועלט נישט ווייניקער ווי די אָדעסער. שטופּט מען זיך און מען האָט זיך מורא צו פאַרלירן און מען האָט מורא צו באַגנבעט ווערן. וואַרטן וואַרט קיינער נישט, צופאָרן וועט מען דערווייל אין אַן איינפאָרהויז און צוגיין צו איינעם פון די קרובים, וועט מען זען ווער עס וואוינט גרוימער. און מען האָט זיך קוים צוגעשטופּט צו אַ דראָשקע און קוים באַדונגען. און אין דער אכסניה איז אויך אַ גריסער רויש. אַ פּנים, אַז אומעטום איז אין קעשענעוו אַ רויש. פריער איז מען געפאָרן איבער שמאָלע און צעדרייטע געסלעך, דערנאָך איז מען געפאָרן איבער גרויסע, ברייטע און גלייכע גאַסן מיט ביימער פון ביידע זייטן און דערנאָך איז מען ווידער געפאָרן איבער שמאָלע און קרומע געסלעך. עס האָט שוין געשמעקט מיט מיסט פון פערד און קי און מיט קאַלעך און מיט ביימער און מיט בלומען אַפילו און מיט מאַסלינעס און מיט קעז און מיט פלייש און מיט ברויט און מיט וויין און אומעטום איז געווען אַ רויש און מענטשן האָבן זיך געשטופּט. און די

אַלע מענטשן קען יאַנקל נישט און זיי קענען אים נישט. אין קילע האָט ער אַלע געקענט און אַלע האָבן אים געקענט און אַפּילו אין פּעטראָוווקע אויך און דאָ — פּרעמד. אין דער אכסניה האָבן מענטשן נישט אויפגעהערט אַריינצוגיין און אַרויסצולויפן, דער טאַטע האָט אַזש מורא געהאַט צו לאָזן די זאַכן דאָרט. די באַלעבאָסטע איז ברוגז געוואָרן, קומט אַ גאַסט, וואָס ווייסט נאָך נישט, צי ער וועט בלייבן אויף נאַכטלעגער און ער מיינט, אַז ס'זיינען דאָ בלויז גנבים.

דאָס ערשטע איז דער טאַטע געגאַנגען קריגן וואו צו בלייבן די פּאָר טעג. יאַנקל איז מיטגעגאַנגען. זיין שוועסטערקינד, וועלוול שוחט פון ליעווע, האָט דאָ געהאַט צוויי אויסגעגעבענע טעכטער, איינע האָט חתונה געהאַט פּאַר אַ שוחט און איז געווען אַ לעבעדיקע, אַ געזונטע, אַ שיינענדיקע און אַ גאַנץ אויפגעקלערטע און, ווי דער טאַטע האָט געזאָגט, אַ שלעכטע. די צווייטע האָט חתונה געהאַט פּאַר אַ סוחר און איז געווען אַ גרינע, אַ קרענקלעכע, אַ זייער פרומע און, ווי דער טאַטע האָט געזאָגט, אַ זייער גוטע. די ערשטע האָט געהייסן ציפּע און די צווייטע — ריווע. איז זיינען זיי געבליבן ביי ריווען, וואָס האָט געהאַט צוויי קליינע מיידעלעך, פּונקט אַזעלכע גרינע ווי זי און אַ גרויסע וואוינונג. שווער איז נאָר געווען מיט די געלעגערס, ווייל אין די גרויסע שטעט האָט מען נישט קיין איבעריקע געלעגערס, אין די גרויסע שטעט שטייט מען איין אין די האָטעלן. דאָס איז געווען אַזאַ אָנצוהערעניש, דער טאַטע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. מער ווי איין געלייגער איז נישט געווען און דאָס בעט איז נישט געווען קיין שטאַרק גרויס, אָבער אַזוי ווי ס'איז געווען פּאַר איין נאַכט, ווייל די צווייטע נאַכט האָט שוין יאַנקל געדאַרפט שלאָפן אין דער ישיבה, האָט מען עס אַריבערגעטראָגן.

דאָס לויפעניש האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מאָרגן. מען האָט פריער געדאַרפט צונעמען, דערנאָך פּאַרהערן און דערנאָך ערשט אַריינגיין. צוגענומען האָט אַ ייד, וואָס האָט געהייסן שלום טשאַרטקאָווער. ער איז געווען די רעכטע האַנט פון דעם גביר שלום פּערלמוטער, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די ישיבה; אָן אים האָט ער זיך נישט אַ ריר געטאָן. שלום טשאַרטקאָווער איז געווען דער גאַנצער באַלעבאָס פון דער ישיבה וועמען ער האָט געוואָלט, האָט ער אויפגעהויבן און וועמען ער האָט געדאַרפט, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן. קיין געלט, האָט מען באַלד געזאָגט דעם טאַטן, זוכט ער נישט. ער איז אַן אַלטער ייד, וואָס האָט קיין קינדער נישט און ער דאַרף גאָרנישט, ער האָט ליב כבוד און אַז מען איז נושא חן ביי אים, איז גוט. ער דאַוונט ביי שלום פּערלמוטער אין שולעכל. אָבער ער האָט ליב, אַז מען קומט צו אים אַהיים. דאָס ווייב נעמט אַפּילו אַמאָל אויף מיט איינגעמאַכטס. מען איז געגאַנגען צו אים גאַנץ פרי. אַ נידעריקער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד ווי שניי און מיט נאָך יונגע ברענענדיקע אויגן. ער פרעגט זיך באַלד נאָך ווער און פון וואַנען און

ביז וואָס ווען זאָגט ער, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ. ביים טאַטן פּאַלט
שיעור אַרוים דאָס האַרץ, ער איז געקומען פון אַזוי ווייט, זיך אויסגעבראַכט
און שוין צום צווייטן מאָל. ר' שלום איז קאַלט ווי אייז, עס זיינען געקר־
מען מענטשן פון ווייטער אויך, דאָך פרעגט ער זיך נאָך אויף אַ בריוו פון
רב. דער טאַטע דערציילט אים, אַז ער איז אַליין אַ שוחט, ר' שלום זאָגט,
אַז דאָס האָט ער דערקענט אין גרויסן נאָגל. קיין רב איז ניטאָ אין קיליע,
אַ דיין. איז גוט אַ דיין, האָט טאַקע דער טאַטע אין זינען געהאַט און ער
האָט פאַרזאָרגט אַ בריוו. ר' שלום קוקט מיט איין אויג אין בריוו אַריין און
מיט דעם צווייטן אויף דעם בחור. יאַנקלען ווערט אַזש קאַלט אין יעדן איבר.
ער וויל וויסן, צי דער בחור איז אַ ייד, צי ער איז חלילה נישט קיין הפקר־
יונג, ווייל איין קרעציקע שאָף מאַכט אַ תל אַ גאַנצע סטאַדע. דער טאַטע
ווערט אַזש שיעור נישט ברוגז, דאָס קינד איז פון אַזאַ יידישער שטוב... ר'
שלום וויל וויסן, צי דער טאַטע פאָרט ערגעץ. דער טאַטע האָט געענטפערט,
אַז ער איז געפאָרן קיין בוהוש און איצטער קומט דער רבי קיין קיליע. דאָס
געפעלט אים שוין אַביסל, ער איז אַ טשאָרטקאָווער, אָבער זיי זיינען פון
דער זעלביקער ריזשינער גזע. פון דעסט וועגן זאָגט ער נאָך אַלץ, אַז עס איז
נישטאָ קיין פּלאַץ, געדאַרפט פריער אָנפרעגן. דער טאַטע ענטפערט, אַז ער
ווייסט, אַז אויף אַ שאלה איז אַ תשובה און אַז מען פרעגט, ענטפערט מען,
אַז מען זאָל נישט קומען. ר' שלום זאָגט, אַז מען האָט כאָטש געדאַרפט קו־
מען פריער און דער טאַטע ענטפערט, אַז ער איז חוץ שוחט אויך בעל תפילה
און ער האָט נישט געקענט איבערלאָזן די שול. דער טאַטע בעט שטאַרק און
ר' שלומען געפעלט עס... די יידענע פרעגט, צי מען האַלט שוין נאָכן דאַוונען
און אַז זי הערט אַז יאָ, ברענגט זי אַריין אַביסל איינגעמאַכטס; זי זעט שוין
נישט אויס אַזוי שיין ווי דער מאַן אירער, אָבער אויסגעפּוצט איז זי שטאַרק.
זי בעט, אַז מען זאָל נישט שטאַרק מוטשען איר מאַן, ווייל ער איז נעבעך
קראַנק און מער ווי פיל ער איז בכוח, קען ער דאָך נישט טאָן. דער טאַטע
דערציילט איר, אַז ער איז געקומען הונדערט אַכציק ווערסט די ווייט. זי
הערט זיך אויך צו מיט רחמנות און זאָגט, אַז ווען ר' שלום וואָלט געקענט,
וואָלט ער אוודאי געטון, ער טוט פאַר אַלע... זי רופט אים שוין ר' שלום...
דער טאַטע נעמט דערציילן, אַז אין גאַנץ קיליע איז שוין נישטאָ קיין גמרא
מלמד און עס קומט אויס כאָטש צו אַרויסוואַרפן דאָס קינד אויף דער גאַס.
ר' שלום הערט זיך צו. טאַקע נישטאָ קיין גמרא מלמד? דער טאַטע זאָגט:
„בהן שלי"... ר' שלום ווערט ווייכער. ער זאָגט: מען דאַרף פריער פאַרהערן
דעם בעל דבר אַליין און זען, וואָס ער קען. אָבער זאָל זיך דער טאַטע נישט
איינריידן, אַז מיט אַ בעטל. אין דער ישיבה אַליין זיינען דאָ נישט מער ווי
אַ פערציק בעטלעך און זיי גיט מען אַוועק צו די גרויסע קבצנים און צו די
גרויסע מתמידים און אויסגעשפּילטע קעפּ. מען קען דינגען אַ בעטל ביי אַ

יידן, עס קאסט נישט טייער, ער האט באקאנטע יידן, וואס פארדינגען. דער טאטע גייט שוין איין דערויף, א ברירה האט ער? און דינגען וועט ער דארט וואו ער וועט הייסן. דער טאטע דערקענט שוין, אז ר' שלום האט ליב א טובה צו טאן א יידן און ער האט שוין זיינע יידן, וועלכע ער וויל טאן טובות... און ר' שלום גיט שוין דאס גוטע קוויטל, אז מען זאל יאנקלען פארהערן. צו גמליאלן גיט ער. דער טאטע פרואווט פרעגן, צי ער איז דער ראש ישיבה און ר' שלום ענטפערט, אז דא זיינען נישטא קיין ראשים, ער איז נאר דער גרעסטער מלמד. ר' שלום, איז אויך נישט קיין ראש, ער איז נאר משגיח. מען גייט אוועק מיטן גוטן קוויטל. איצטער דארף מען שוין זען, אז מען זאל פאר־הערן גוט. מען זאל יאנקלען נישט ארייננעמען אין ערשטן חדר אריין. עס זיינען טאקע דארט דא גרעסערע בחורים פון אים. דאך וואלט דער טאטע נישט געוואלט, אז מען זאל אים ארייננעמען אין ערשטן חדר אריין, ער וויל מען זאל זאגן, אז זיין זון האט אן אויסגעשפילט קעפל. און מען גייט אין דער ישיבה אריין. ס'איז נישט ווייט פון ר' שלומען, ער מאלט פונקט אויס וואו ס'איז. מען דארף נישט מער ווי צוויי מאל זיך פארדרייען, קומט מען אריין אין פאפאווסקי פערעאולאק נומער אכט. מען דארף שוין נישט קוקן, מען דערקענט שוין לויט דעם רעש און לויט דעם קול תורה. דארט איז אויך דער מושב זקנים. און מען קומט צו צו א שמאל געסל און מען דערזעט א צווייסטאקיק הויז, אביסל אפגעשונדן פון דרויסן, דעם רעש הערט מען שוין פריער מיט א גאס. אין הויף גייען ארום יידן מיט גרויסע בערד און זיי קערן. באלד ביים ארייגגיין איז דא א „סטאלאווע" מיט דריי גרויסע טישן אזוי ווי א „ד" באדעקט מיט מארמאר. איינער פון די יידן, וואס קערט, זאגט, אז מען עסט צוויי מאל. פריער עסט אפ איין טייל און דערנאך דער צווייטער. פוןביידע זייטן זיינען אונטן דא שלאפצימערן. צוויי גרויסע שלאפצימערן, וואס פארנעמען כמעט די גאנצע לענג פון דער געביידע. אייזערנע בעטן שטייען איינס לעבן אנדערן, זיי זיינען גאנץ ריין, דער טאטע באקוקט די לייליעכער, יאנקל טוט נאך. עס גיט א קום אריין א לייכט יידל, וואס טענצלט זיך אונטער, א רויטער, דאכט זיך און נישט קיין רויטער. דאס היטל איז ביי אים פאררוקט אין א זייט און די אויגן קוקן קלוג און שארף. ער רעדט גיך און ער זאגט באלד דעם טאטן, אז ס'איז נישטא קיין פלאץ. דער טאטע פארלירט זיך ווידער און ער זאגט דאך, אז ער האט אים אפילו קיין שלום נישט געגעבן און נישט געפרעגט פון וואנען ער איז. פארענטפערט זיך דער ייד און ער זאגט, אז ער איז פארנומען און דער קאפ איז צעטראגן. דאך גיט ער שלום, יאנקלען אויך און ער פרעגט פון וואנען מען איז. דערהערט קיליע, זאגט ער, אז דא איז פאראן אלי קיליער, איז אויב ער איז טאקע פון זעלביקן קיליע, קען ער א טובה טאן, ער איז א גרויסער חסיד און א מכנים אורח. דער טאטע זאגט, אז ער איז פון דער זעלביקער שטאט און ער דארף

באַלד זיין ביי אים. דער ייד ווערט ווייכער אַביסל און ער גייט אַוועק. ווען ער גייט שוין אַוועק אין גאַנצן, זאָגט אַ ייד, וואָס קערט און וואָס האָט אַ באָרד ווי אַ בעזעם, אַז דאָס איז שמחה, דער אינעווייניקסטער משגיח. מען רופט אים שמחהלע און ער איז דער אמתער תוך. ער זוכט אַ קערבל. דער טאַטע הערט זיך צו און ער גייט אַרויף, וואו מען לערנט. די טרעפּ זיינען ברייטע, יאַנקל שפּרינגט איבער זיי און דער טאַטע מאַכט אַ באַמערקונג. לויפט אַ גרויסער בחור און שפּרינגט אויך... זאָגט דער טאַטע, אַז ישיבה בחורים זיינען אויך קינדער און ער ווערט ווייכער. מען לערנט שוין. דער זמן האָט שוין אָנגעהויבן. אַריינגיין אין די חדרים קען מען נישט, די מלמדים לערנען. אַלע מאָל לויפט דורך אַן אַנדער יינגל. אַלע גייען זיי אין לאַנגע רעקלעך און אין היטלען. יאַנקל איז דער איינציקער, וואָס גייט אין אַ קאַפּעליוש, מען קוקט מאָדנע אויף זיין קאַפּעליוש. איין בחור האַלט זיך נישט איין און ער זאָגט: „געקומען אַ קאַפּעליוש אין דער ישיבה אַריין". אַריינגיין קען מען נאָר אין „ליידיקן" חדר. „וואָס איז דאָס?" מען ענטפערט, אַז דאָרט לערנען שוין די גאָר גרויסע בחורים, וואָס האָבן שוין אָפּגעלערנט ביי גמליאלן און זיי גרייטן זיך צו באַקומען סמיכות. דער טאַטע גייט אַריין אַהין אין איינעם מיט יאַנקלען און זיי טרעפן דאָרט אַ צוואַנציק בחורים, אַלע שוין מיט בערדלעך. איייניקע זיצן איבער גמרות, אָדער יורה דעות, אַנדערע שטייען אין ווינקלען און דאַווענען, אַ פּאָר שטייען לעבן פענצטער און שמועסן. איייניקע לערנען, אָדער דאַווענען שטיל, אַנדערע וואַרפן זיך און שרייען, אַז זיי ליגן איין די ישיבה. אַ קליינער דיקער בחור, אַ שוואַרצער ווי סמאָלע, מיט לאַנגע געפלעשלטע פּאות, וואַרפט זיך און לייגט איין וועלטן. ער האָט אַ קול פון אַ לייב. די פּאָר יונגעלייט, וואָס שמועסן, קומען צו און זיי געבן אָפּ שלום דעם טאַטן, אויף יאַנקלען קוקן זיי זיך אַפילו נישט אום. זיי פרעגן זיך נאָך פון וואַנען און אַז זיי דערהערן פון קיליע, פרעגן זיי, צי פון אַלי קיליערס שטאַט. דער טאַטע ענטפערט אַז יאָ, פון אַלים שטעטל. איינער זאָגט גאָר ער האָט געמיינט „קיליער" איז אַ פאַמאַליען־נאָמען. פרעגט איינער אין וואָס פאַר אַ גובערניע דאָס קיליע געפינט זיך. נישט אַלע ריידן אַלציינס. איינער רעדט אַזוי ווי דער אַלטער אַגרעס, ווייסט ער, אַז דאָס איז ליטוויש, דער אַנדערער רעדט זינגענדיק, יאַנקל האָט קיינמאָל נישט געהערט אַזוי ריידן. איין בחור זאָגט, אַז אויב ס'איז די זעלביקע שטאָט פון אַלי קיליער, איז דאָך לייב, דער רבי פון דריטן חדר, אויך פון דאָרטן. דער טאַטע קען זיך נישט דערמאַנען קיין קיליער, וואָס זאָל קענען זיין מלמד אַזש אין דעם דריטן חדר פון דער ישיבה, אָבער ער דערמאָנט זיך ענדלעך דאָך אין אַ יידן, וואָס איז געווען מלמד אין קיליע און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז נאָך דעם זיידן איז ער געווען דער גרעסטער למדן. עס איז געקומען די הפסקה און דער טאַטע איז אַריינגעגאַנגען צו דעם מלמד פון דריטן חדר. ביי אים זיינען געזעסן בחור־

רים, וואָס האָבן אויסגעזען צוויי מאָל גרויס ווי יאַנקל און די דאָזיקע, וואָס זיינען געווען קלײנטשיקע, האָבן אויך אויסגעזען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן. ער אַליין איז געווען כמעט אַ הויכער ייִד, אַ געפּאַקטער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ קלײן ביסל גרוי, מיט טרויעריקע אויגן און בייזע. די וואָנציעס זיינען געווען ביי אים אונטערגעשוירן און דאָס האָט אים אויך געמאַכט בייז אויף דעם אויסזען. יאַנקל האָט נאָך נישט געזען אין קיליע קײן פרומען ייִדן, וואָס זאָל שערן די וואָנציעס, אָבער ער האָט אַמאָל געלערנט, אַז מען מעג. די באָרד נישט, אָבער אויב די וואָנציעס שטערן צום עסן, מעג מען זיי אָפּשערן. גערעדט האָט ער גאָר מיט אַ שאַרפער „ריש" און דער טאַטע האָט זיך באַלד אויסגערעכנט מיט אים מיטן יחוס. ער האָט געקוקט אויף יאַנקלען און ער האָט געזאָגט, אַז לייב ליטוועקס אייניקל דאַרף האָבן אַ גוט קעפּל, כאָטש ער האָט אַביסל מורא, ווייל דער זיידע האָט געהאַט צוויי זין, וואָס האָבן נישט געהאַט קײן שטאַרק גוטע קעפּ, איינער האָט געהאַט נישט קשה, האָט ער גאָרנישט געוואָלט. פאַר יאַנקלען איז דאָס געווען אַ נייעס, ער האָט געוואוסט פון איין פעטער. און אַ גמרא זאָגט, אַז הרוב בנים הולכים אחרי אחי אמיהם, די מערסטע קינדער זיינען געראָטן אין די ברידער פון זייערע מאַמעס. דער טאַטע פאַרזיכערט אים, אַז ס'איז נישט אַזוי. יאַנקל האָט אַ בעסערן קאָפּ פון פראָימען און ער וויל מער פון אביגדורן. דעם דאָזיקן נאָמען האָט יאַנקל דאַכט זיך געהערט, אָבער ער האָט נישט געדענקט וואו. ער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ נאָמען פון זיינעם אַ פעטער... דער רבי לייב רעדט ווייטער און ער האַלט אין איין מישן גמראָס און פּסוקים, עס איז אים אַזש שווער נאָכצוהאַלטן. ער רעדט דערנאָך צו יאַנקלען און ער זאָגט אים: די תורה האָט ליב, אַז מען זאָל זיך מוטשען צוליב איר, אַז מען זאָל זיך דערהרגענען צוליב איר... דעם „דערהרגענען" זאָגט ער מיט אַזאַ שאַרפער „ריש", אַז יאַנקל דערשרעקט זיך אַזש. די אָפּגעשוירענע וואָנציעס מיט די אויגן קוקן בייז אויף אים, ער האָט אַזש מורא... און דער רבי רעדט און רעדט. נישט נאָר וואָס מען דאַרף עסן ברויט מיט זאַלץ און טרינקען וואַסער מיט אַ מאָס, און שלאָפן אויף דער ערד, נאָר מען דאַרף האָרעווען! דעם „האָרעווען" זאָגט ער ווידער מיט אַ זייער שאַרפער ריש. ער רעדט וועגן זיך אַליין, ער האָט שטאַרק געהאָרעוועט ביז ער האָט געקענט. זיין טאַטע איז נישט געווען קײן למדן, זיין זיידע אויך נישט און זיינע ברידער, זיינען אויך נישט קײן גרויסע למדנים און ער האָט געוואָלט און ער האָט זיך ממית געווען איבער דער תורה און ער קען איצטער ברוך השם... ווי אַזוי מען דאַרף זיך ממית זיין איבער דער תורה האָט ער נישט געזאָגט, פון דעסט וועגן האָט ער גענוג געזאָגט, אַז יאַנקל זאָל מורא האָבן צו בלייבן אין ישיבה. אָבער די ייִנגלעך האָבן געקוקט צו אים פריינטלעך און מיט זייערע שמייכלען האָבן זיי צוגענומען ביי אים די שרעק און ער האָט זיך געקלערט, אַז אויב אַזויפיל ייִנג־

לעך קענען, וועט ער אויך קענען. ר׳ לייב האָט אָנגעהויבןריידן וועגן דעם אין וואַסאַראַ חדר דער בן דאַרף אַריין. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז אין אָב געוואָרן צוועלף יאָר. לייב האָט געביסן די אָפּגעשוירענע וואָנציעס: נאָך נישט קיין בר מצווה. וועט ער מסתמא גייען אין ערשטן חדר אַריין צו שמואלן. דער טאַטע גיט אַ קרעכץ און אַ שמייכל: ער וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל גיין צו אים. פּאָרט אַ היימישער מענטש. לייב צעלאַכט זיך, צו אים זיכער נישט... מען דאַרף אַליין קענען גוט „אָפּלייענען" אַ בלאַט גמרא מיט תוספות מיט מהרשא מיט מהרמשיף. ער ווייסט גאָרנישט, צי אין קיליע זיינען דאָ אַ סך גרויסע, וואָס וואָלטן געקענט אַריינגיין צו אים אין חדר אַריין... דער טאַטע דערמאָנט אים דניאלן און ער זאָגט, אַז דניאל אפשר יאָ, אָבער ער איז דאָך מער אייַנבינדער ווי למדן... דער טאַטע דערציילט אים, אַז ער האָט געלערנט ביי שמואלן פון האַנטשעשט און ביי אלי חיימען. ער זאָגט, אַז מען וועט זען. ביי אים געוויס נישט, אפשר ביים צווייטן טיש, ביי מעכלען, כאָטש ער איז נאָך אַ זייער קליינינקער. ביי מעכלען זיינען דאָ סאַמע גרויסע גויים. וויניקער ווי בר מצווה איז גאָר נישטאָ, דער יינגסטער איז דאָרט אַלט פערצן יאָר. אָבער סיי ווי סיי דאַרף מען פריער זען דעם גלאַוונע משגיח, ר׳ שלום טשאַרטקאָווער. און ר׳ לייב קוקט זיך אום און בויגט זיך אָן צום טאַטן און ער זאָגט, אַז ער איז אַ שיינער ייד, אָבער ס׳איז נישט תוכו כברו (זיין אינעווייניק איז נישט ווי זיין אויסזען) ער איז אַ ביטערער ייד און אַ רודף אחרי הכבוד און ר׳ שלום פערלמוטער גלויבט אין אים ווי אין אַ גאָט... דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז שוין געווען ביי אים און ער האָט שוין אַ קוויטל. ר׳ לייב ווערט אויפגעלייגט און ער זאָגט צום טאַטן: „ווען זיינט איר געקומען? ערשט נעכטן און שוין געפּועלט! זיינט איר דאָך עפּעס גאָר אַ בריה"... דעם „בריה" זאָגט ער ווידער מיט אַזאַ „ריש", אַז עס גיט אַ סקריפּע און ער ווינקט צו, אַז ער וועט זיך שוין זען מיט גמליאלן, עס וועט שוין זיין גוט... און ער האָט געהייסן דעם טאַטן אַריינגיין צו גמליאלן. דער טאַטע גייט און יאַנקל האַלט זיך ביי זיין פּאָלע. אַזעלכע קליינע ייִנגלעך ווי ער, זעט ער גאָרנישט. סאַמע גרויסע יינגאַטשעס. אייניקע זיינען נישט קיין ריינע. עס קריכט אַזש פון זיי... ער מיאוסט זיך! איין בחור האָט רויטע אויגן, אַן אַנדערער האָט אַ הויקער. איינער גאָר אַ הויכער, האָט אַ פּאַרעך, ער גייט אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן און אַ שטיק פּאַרעך זעט זיך דאָך אַרויס ביי דער פּאה. ער זעט אויס אַזוי ווי דער בעדער פון פּעטראָווקע. אייניקע זיינען שיינע אויך און זייער ריינע און געפּוצטע, מיט שיינע שניפּסן און גלאַנציקע שיך, אָדער שטיוול. אָבער אַלע לויפן זיי אַזוי מאָדנע, זיי גייען נישט, נאָר זיי שפּרינגען. ביי די גמרות שאָקלען זיי זיך אַזוי שטאַרק, אַז די ווענט שאָקלען זיך מיט זיי. אויך ווען די מלמדים גייען אַרויס, אָדער זיי זיצן מיט פאַרמאַכטע גמרות און דרייען אַ ציגאַר, לערנען זיי. איי־

ניקע בויגן זיך אַריבער מיט די ברוסטן איבער די גמרות, זיי קוקן גאַרנישט אַריין, זיי לערנען אויסנווייניק.

גמליאל איז נישט געווען אין חדר ביי זיך. די טיר איז געשטאַנען אָפן און בחורים זיינען געלאָפן אַרויס און אַריין, אייניקע זיינען געזעסן איבער די גמרות, אַנדערע האָבן פאַררויכערט ציגאַרן און זיי האָבן געבעטן איינס ביים אַנדערן שטיקלעך „פּאַפּיראָס־פּאַפּיר" און טיטון און פייער. אַלע האָבן זיי שוין בערד, עטלעכע האָבן שוין גאָר גרויסע בערד, זיי זיינען באַוואַקסן אַזוי ווי טאַטעס. עטלעכע געבן אָפּ שלום עליכם דעם טאַטן און זיי פרעגן וועמען ער זוכט, ער זאָגט זיי און זיי ענטפערן אים, אַז דניאל וועט באַלד אַריינקומען. און עס געדויערט נישט לאַנג און עס גיט אַ פלי אַריין אַ יידל. אַ האַלב נידעריקער און גאָר אַ דאַרער, אַ קליין בערדל האָט ער, אַ טונקלס, נישט קיין שטאַרק שוואַרצס, עס איז זייער שיטער און ווען ער גייט, פלאַטערן די האָר פון דער באָרד. אויך די פאות זיינען שיטערע און זיי הענגען אין דער לופטן און זיי טרייסלען זיך. ער האָט אַ ביסטרע קוק, אָבער נישט קיין בייזן. ער שמייכלט און עס קומט דאָך נישט אַרויס קיין שמייכל. אַז ער גיט זיך אַ זעץ אַנידער, גיט אַ שפרונג אונטער דאָס בענקל אונטער אים און די בחורים געבן זיך אַלע אַ זעץ אוים און זיי עפענען די יורה דעות. דער טאַטע שטייט ביי דער טיר. אַ בחור זאָגט גמליאלן, אַז אַ ייד וואַרט אויף אים, ער גיט זיך אַ דריי אוים קרום קיילעכדיק מיטן בענקל און זאָגט: „וואָס זשע האָט איר באַלד נישט געזאָגט?" און ער גיט אָפּ שלום עליכם דעם טאַטן און יאַנקלען. דער טאַטע ווייזט אים דאָס קוויטל און ער קוקט דאָס אָן און זיינע אויגן זעען עס, דאַכט זיך, נישט און ער זאָגט, אַז דאָס קוויטל איז אַ קוויטל, אָבער וואָס וויל מען פון אים? דער טשאַרטקאָווער האַלט אים אין איין שיקן און ער איז מבטל פון תורה. די בחורים ווילן לערנען. כל צמא לכו למים... אַלע דאָרשטיקע ווילן וואַסער און וואַסער איז תורה. דער טאַטע שמייכלט און געפינט עפּעס קיין ווערטער נישט. ער זאָגט אים, אַז ער קומט פון ווייט. דערהערט פון ווייט, פרעגט ער פון וואַנען, דערהערט פון קיליע, זאָגט ער, אַז ער קען אַלע אַלי קיליער און ער פרעגט, צי אַלע יידן אין קיליע זיינען אַזעלכע וואוילע יידן ווי ער און אַזעלכע מכניס אורחים... און ער קוקט אויף יאַנקלען אַלץ אַזוי מיט דעם ביסטרע קוק און מיט דעם שמייכל, וואָס גייט נישט אַרויס ביי אים. יאַנקל איז עפּעס אַנטוישט. ער האָט געמיינט, אַז דער ראש ישיבה וועט זיין אַ שענערער ייד. ער וועט האָבן אַזאַ שיינע באָרד ווי שלום טשאָרטקאָווער און ער וועט זיין אַ הויכער... אָבער עפּעס אַ קראַפט האָט ער פאַרמאָגט. אַפילו זיין צעטראָגנקייט און זיין פליען מיט דער באָרד און מיט די פאות און מיט די ביסטרע אויגן, איז געווען מאָדנע. ער האָט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ סאָרט יידן. גמליאל פרעגט זיך נאָך וואָס עס טוט זיך אין קיליע און ווען דער טאַטע זאָגט אים, אַז יידישקייט גייט אַראָפּ,

טוט ער אַ טיפֿן קרעכץ, דאָס גאַנצע חדר טוט אַ ציטער. ער פֿרעגט צו וואָסאַרא רבין מען פֿאָרט אין קיליע און דעם בוהושערס נאָמען נעמט ער אויף מיט אַ קנייטש. דער טאַטע קריגט מוט און ער פֿרעגט אים צו וואָסאַרא רבין ער פֿאָרט און גיט זיך אַ קנייטש און טוט שוין אַ גרויסן שמייכל, אַלע בחורים קוקן אויף דעם טאַטן עפּעס ווי ברוגז... ער גיט זיך אַ זאָג, אַז ווען אַ תּלמיד חכם וואָלט געמעגט האָבן מער ווי אַ שמינית שבשמינית (אַן אַכטל פֿון אַן אַכטל) גאווה, וואָלט ער געזאָגט, אַז ער איז ברוך השם אַליין אַ רבי, ער האָט קיין עין הרע נישט אַזויפֿיל תּלמידים און אַלע זיינען לעילאַ ולעילאַ... און ער גיט נאָך אַ שמייכל און אַ אַ גרעסערן: ער וויל נישט האַלטן פֿון איין רבין, בכדי נישט דאַרפֿן צו ריידן אויף די אַנדערע. אַלע חסידים ריידן דאָ אויף די אַנדערע גוטע יידן און ער וויל נישט ריידן קיין שלעכטס אויף קיין יידן... דער עיקר איז סיי ווי נישט דער רבי, נאָר דאָס חסידות! און צו יאַנקלען האָט ער געזאָגט: דער עיקר איז זאָלסט זיין אַ ייד... די תּורה מיט די מצוות זיינען געגעבן געוואָרן אויף צו לעבן מיט זיי, וחי בהם שטייט... יאַנקל האָט נאָר וואָס געהערט, אַז איבער דער תּורה דאַרף מען זיך דערהרגענען און ער האָט עפּעס פּלוצים געקראָגן לשון און דאָס געזאָגט גמליאלן. די גרויסע בחורים האָבן געקוקט מיט אָפֿענע אויגן, דער טאַטע איז געווען איבערגעשראָקן...

רב גמליאל האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון פּלאַץ און ער האָט געזאָגט אַז ער האָט ליב אַ בחורל מיט לשון, ער האָט נאָר נישט ליב, אַז מען רעדט צופֿיל. אלו ואלו דברי אלהים חיים... ביידע זיינען אמתע ווערטער, אַמאָל דאַרף מען זיך ממית זיין איבער דער תּורה... אַז עס קומען די רשעים פֿון די אומות העולם און ווילן נישט לאָזן לערנען און ווילן נישט לאָזן זיין קיין יידן, דאַרף מען זיך לאָזן הרגענען, די נשמה זאָל אויסגיין מיט „אחד‟, וואָס איז דאָס העכסטע וואָרט פֿון דער תּורה... א־חד... אָבער כשהשנים כתיקונן, ווען די וועלט איז אַ וועלט, איז די תּורה געגעבן געוואָרן אויף צו לעבן און אַלע מצוות זיינען געמאַכט געוואָרן אויף צו לעבן, וחי בהם... דער עיקר איז די אמונה! דער רמבם האָט אַלץ געשטעלט אויף אמונה אין ביאת המשיח... מיט משיחן זיינען יידן — יידן און אָן אים זיינען זיי גאָרנישט... נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ הונט גלויבט נישט אין משיחן... און ער האָט זיך צעלאַכט, אַז די שטוב האָט זיך געשאָקלט און די בחורים, וואָס האָבן אים די גאַנצע צייט געקוקט אין די אויגן אַריין, האָבן אויך אָנגעהויבן לאַכן. דער טאַטע מיט יאַנקלען האָבן מיטגעלאַכט. און גמליאל האָט פּלוצים אויפֿגעהערט צו לאַכן און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם תּכשיט פֿאַרהערן, אָבער נישט איצטער, ער וועט מוזן קומען בייטאָג. איצטער מעג ער שטעלן בראָנפֿן. אַן אורח דאַרף שטעלן תּיקון, ווייל עס שטייט „אם פּגע בך מנוול זה‟, אויב דער דאָזיקער מנוול, דער יצר הרע האָט דיך באַגעגנט, „משכהו לבית

המדרש", שלעפּ אים אין בית מדרש אריין... זאָגט די וועלט, אַז פון אייגע־נעם מנוול מוז מען אויסשטיין, אָבער ווען עס קומט אַ פרעמדער ייד מיט אַ פרעמדן מנוול, מוז מען דאָך פון אים נישט ליידן. דערפאַר דאַרף אַן אורח, שטעלן בראַנפן... דער טאַטע האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעלע און אַלע בחורים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. אַז ער זאָל זיי געבן צו קויפן, דער רבי האָט גענומען דאָס געלט און ער האָט דאָס געגעבן צו איינעם מיט אַ גרויסער שוואַרצער און געדיכטער באָרד, וואָס האָט געהאַט רחמנותדיקע אויגן און אַ ווייס פּנים אַזוי ווי אַ מיידל. יענער האָט זיך גאָר דערפרייט און ער איז אַוועק. דער רבי האָט אים נאָכגעשריגן, אַז ער זאָל קויפן אייעריקע קיכלעך און ער זאָל אַכטונג געבן, אַז שמחהלע זאָל נישט זען. און דעם טאַטן האָט ער שוין באַמערקט, אַז שמחהלע איז דער משגיח און ער האָט נישט ליב ווען מען נעמט אַביסל משקה אין דער ישיבה. שמחהלע פאַרשטייט אַזוי אין אַביסל משקה און אין שמחה וויפל אַ הונט אין משיחן. און ער האָט ווידער געלאַכט אַזוי ווי פריער און די בחורים האָבן מיטגעלאַכט. און דער בחור מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס מען האָט אים גערופן לעמל, האָט באַלד געבראַכט אַ שקאַליק בראַנפן און אַנגעבלאָזענע קיכלעך, פּונקט אַזעלכע ווי די מאַמע האָט געמאַכט. יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער האָט געקענט אַזוי גיך קומען נאָך אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ. גמליאל האָט אַליין גע־עפנט דאָס שקאַליקל מיט אַ קנאַק און ער האָט זיך אָנגעגאָסן און דעם טאַטן און געטרונקען לחיים און געוואונטשן זה הקטן גדול יהיה און אַז ער זאָל אים מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אַזוי ווי עס דאַרף זיין ביי יידן... יאַנקל האָט געזען, ווי גמליאל כאַפּט ביים טרינקען און עס רינט אים אַרויס פון מויל און ווי די ברעקלעך פון קיכל שיטן זיך אויך אַרויס פון מויל און די באָרד ווערט פול מיט ברעקלעך... גמליאל האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און דעם טאַטן האָט ער נישט געפרעגט, צי ער וויל אויך נאָך איינס. יאַנקלען האָט ער געגעבן אַ לעק מיט אַ קליין שטיקל קיכל. דאָס איבעריקע האָט ער אַוועקגעגעבן לעמלען, אַז ער זאָל איינטיילן אַלע גלייך אויף גלייך. די בחורים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם בראַנפן מיט די קיכלעך מיט אַ ווילדן ברען און ס'איז געוואָרן אַ פריילעכער רעש. זיי האָבן אַלע געטרונ־קען לחיים צו גמליאלן און צום טאַטן. ביי גמליאלן זיינען די אויגן געוועזן פאַרגלאָצט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נישט אויף ד ע ר וועלט... ווען די בחורים האָבן אָפּגעטרונקען און אָפּגעגעסן, האָט גמליאל אָפּגעפּראַ־שעט מיט זיין רויטן טיכל די יורה דעה און ער האָט געזאָגט צום טאַטן, אַז בייטאָג דריי אַזייגער וועט מען שוין אים ירצה השם זען וואָס דער בחור קען. און ער האָט שוין מער דעם טאַטן נישט געזען. אויפן וועג האָט יאַנקל זיך דערוואוסט, אַז זיין פעטער אביגדור וואוינט אין טערקיי. ער איז יינגער

פון דער מאַמען און ער איז געווען אַ שלעכטער יונג, אַ בן סורר ומורר קען מען זאָגן... מער האָט ער פון אים נישט געוואָלט ריידן.

דער טאַטע איז צוריקגעגאַנגען צו דער גרינער קרובה. איר מאַן, יאָסל דאָליצקי האָט ער געהייסן, איז געווען אַ פריילעכער יונגערמאַן מיט אַביסל אַ קאָסאָקעו קוק. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע געלע באָרד, אַ קיילעכדיקע, אָבער יאַנקל האָט באַלד געזען, אַז זי איז אונטן פאַרטשעפּעט מיט שפּילקעס. יאָסל דאָליצקי האָט אַליין דערציילט דעם טאַטן, אַז ער האָט אַ לאַנגע באָרד, אָבער ער מוז זי בעוונותינו הרבים פאַרבייגן, ווייל ער האָט אַזאַ פּרנסה. ער האַנדלט מיט הייזער און ער דאַרף זיך טרעפן מיט פּריצים. ער האַנדלט טאַקע בשותפות מיט אלי קיליער. דער טאַטע האָט געפרעגט, צי אלי קיליער פאַרשפּיליעט אויך די באָרד און יאָסל האָט געענטפערט, אַז קיין סך אלי קיליערס זיינען נישטאָ און וואָס מען איז אים מוחל, איז מען קיין אַנדערן נישט מוחל. אויף אים קוקן די פּריצים ווי אויף עפּעס אברהם אבינו, אָדער גאָר ווי אויף אַ רבין, זיי מיינען, אַז ער בענטשט זיי. דערווייל האָט דער טאַטע דערציילט ווי ס'האַלט מיט דער ישיבה און יאָסל האָט געזאָגט, אַז ער איז גאָר אַ בריה. פון קעשענעוו גופא נעמט מען שוין לאַנג נישט אַריין אין ישיבה, קעשענעוו וועט אַמאָל דאַרפן מאַכן אַ „זאַבאַסטאָווקע". פון די נאָענטע שטעטלעך נעמט מען שוין אויך נישט אַריין. דער עיקר איז שלום טשאָרטקאָווער, וואָס איז אַ ביטערער ייד. אָבער אויב ער האָט שוין געגעבן דאָס גוטע קוויטל, איז שוין גוט... און וועגן דעם אין וואָסאַרע חדר מען וועט יאַנקלען אַריינגענעמען, קען ער אויך זאָגן. און ער נעמט שוין אַרויס אַ גמרא און גיט אים צו מאַכן אַ לייענען פון שווערער סוגיא. אַ „לייענען" אין איינעם מיט רשי און תוספות. און יאַנקל זעצט זיך אַנידער און ער פּרוּווט זיך אַזוי שאָקלען אַזוי ווי די בחורים פון ישיבה. די מיידלעך לאַכן פון אים, אָבער איב אַרט עס נישט. אין אַ צייט אַרום זאָגט ער: „שוין!" יאָסל חידושט זיך, נעמט אים פאַרהערן און ער פרעגט אים, צי ער האָט שוין אַמאָל געלערנט די דאָזיקע סוגיא. דער טאַטע מישט זיך אַריין און זאָגט, אַז ניין. יאָסל האַלט, אַז ער האָט גאָר אַ וואַזשנע תפיסה און ער לייגט באַלד אַוועק די גמרא און זאָגט, אַז אין צווייטן חדר, צו מעכלען, וועט ער געווים אַריין און ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ קליינער, וואָלט מען אים אפשר נאָך אַריינגענומען צו לייבן אין דריטן חדר. לייב איז מאַנשי שלומנו, אַ חסיד, אַ בעסאַראַבער, מעכל איז אַ ליטוועק... נישט קיין מתנגד, אָבער עפּעס דאָרט פון די ליטווישע חסידים... און מען גייט עסן. יאַנקלען טראָגט דער קאָפּ. ער זעט די ישיבה פאַר די אויגן, ער ווייסט אַליין נישט, צי עס געפעלט אים, צי נישט, אָבער ער וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זיין... ער געדענקט שוין גוט ווי אַזוי די ישיבה זעט אויס. אונטן עסט מען און מען שלאָפט און ס'איז די „קלאַדאָוועקע" פאַר די זאַכן און אויבן לערנט מען. אין דער לינקער

זייט, אזוי ווי מען גייט אַרויף די טרעפּ איז דאָס „לייזיקע“ חדר מיט די נאָר גרויסע יינגלעך. דערנאָך גייט לייבס חדר און דאָס לעצטע גייט שמואלס. אין דער רעכטער זייט זיינען די טרעפּ, זיינען דאָ נאָר צוויי חדרים. גמליאלס און מעבלס. צום לעצט איז דאָ נאָך אַ קליין חדרל, ליגן דאָרט די קעסטלעך פון די יינגלעך. ער האָט שוין געזען, אַז זיי ליגן אָנגעוואָרפן, מען קען קוים אַריינגיין אויף אַרויסצונעמען עפּעס...

דער טאַטע לייגט זיך אַביסל צו נאָכן עסן, ער איז זייער מיד. יאַנקלען הייסט ער דערווייל אַריינקוקן אין אַ ספר, אָבער ער גייט אַרויס קוקן. דאָס גרינע שוועסטערקינד זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל נישט גיין צו ווייט. ער טראַכט פון זיין פעטער אביגדור און פון טערקיי און ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס מען רעדט אַזוי ווייניק פון אים. די גאַס איז אַ לאַנגע. מען זעט נישט אָן דעם עק נישט פון איין זייט און נישט פון דער צווייטער זייט. באַלד לעבן הויף איז דאָ אַ באַקאַליינע קלייט, האָט ער נאָך אַזאַ גרויסע קלייט נישט געזען, מען וואָלט געקענט אַריין מיט אַ וואָגן אַהין. מען זעט גאָר נישט דעם סוף. און עס שמעקט מיט זייף און מיט בוימל און מיט פיש. און פליגן זיינען דאָ — מיליאָנען. אייניקע זיינען גאָלדענע, אין קיליע זעט מען זעלטן אַזעלכע. יינגלעך פלעגן זיך באַרימען אין קיליע, אַז ביי זיי זיינען דאָ גאָלדענע פליגן... און אַ טראַמוויי גייט אויף דער גאַס. אַ „קאַנקע“ מיט פערד. די גלעקלעך קלינגען. ווי ער איז עס מקנא די מענטשן, וואָס זיצן אויף דער „קאַנקע“! און אַלעמאָל פאָרן דורך גרויסע וועגענער, אַזעלכע גרויסע וועגענער זיינען אין קיליע נישטאָ. די יינגלעך פון דער גאַס רופן זיי „בינדיוגעס“. אַ יינגל זאָגט צום צווייטן: „אָט קומט נאָך אַ בינדיוגע“... און אַז זיי צעקריגן זיך, רופן זיי איינער דעם אַנדערן „בינדיוזשניק“. דאָס הייסט אַ פּנים בעל עגלה, פאַרשטייט יאַנקל וואָס פאַר אַ קללה דאָס איז. די קינדער שפּילן זיך אויף דער גאַס און די „קאַנקעס“ מיט די „בינדיוגעס“ פאָרן שיעור נישט אַרויף אויף זיי. די קאָנדוקטאָרס שעלטן זיי, די בינדיוזשניקעס שמייסן זיי מיט די בייטשן. יאַנקל פּרוּווט זיך אויך שפּילן מיט די יינגלעך און יאָסל דאָליצקי קומט אַרויס און ער דערזעט אים. יאַנקל פאַרשעמט זיך און יאָסל זאָגט, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר ישיבה בחור. גייט ער אַריין אין שטוב און ער פּרוּווט זיך שפּילן מיט די צוויי קליינע, גרינע מיידלעך, וואָס איינע איז אַלט אַ יאָר אַכט און די צווייטע אַ יאָר זעקס. זיי ווילן זיך נישט שפּילן מיט קיין יינגל... און די צייט האָט זיך געצויגן, געצויגן; ער וואָלט שוין געוואָלט, אַז ער זאָל שוין וויסן אין וואָס פאַר אַ חדר מען האָט אים אַריינגענומען און לעבן וועמען ער וועט זיצן. ריווע וועקט אויף דעם טאַטן און זיי פאָרן מיט דער „קאַנקע“ אין דער ישיבה. ריווע מאָלט אויס פּונקט וואו מען דאַרף אַראָפּגיין. אַ האַלבן קוואַרטאַל דאַרף מען צוגיין.

לעבן דער ישיבה איז דאָ אַזאַ קליין שטיבל, וואָס געפינט זיך אונטן.

מען דארף אין דעם אראָפּגיין מיט טרעפּ. מען רופט דאָס „באשקע". איז דאָרט דאָ א קלייטל. פאָרנט שטייען א פּאָר קיישלעך מיט וויינטרויבן און ארבוזעס. עס זיינען אויך דאָ קיכלעך און פלעצלעך. עטלעכע יינגלעך שטייען און קויפן. קליינע יינגלעך דרייען ציגארן און רויכערן. מען האָט שוין גע־לערנט און מען האָט אויפגעהערט, ווייל מען דארף פארהערן עטלעכע יינג־לעך. אזוי זאָגן די בחורים, וואָס שטייען אין דרויסן. און זיי דערציילן יאנק־לען, אז די יידענע, וואָס האָט דאָס קלייטל, איז מעכל מלמדס טאָכטער. יאנקל קוקט זי אָן — א לאנגע דארע יידענע. אויך א גרינע און זי הייסט אויך ריווע. אָבער זי איז א שווארצע און נישט קיין שטארק ריינע. זיין טאטנס גליד געשוועסטערקינד ריווע איז א ווייסע און א ריינע. די יינגלעך דערציילן יאנקלען אויף גיך, אז די דאָזיקע, וואָס לערנען ביים רבין מעכל, מוזן ביי איר קויפן, כאָטש זי נעמט טייערער, אנישט שטעלט זי צו א בענ־קעלע צו איר טאטן...

און אויבן זיצט שוין ביי גמליאלן אין חדר שלום טשארטקאָווער אליין. ער זיצט און גמליאל און לייב שטייען ארום אים. און די ווייסע באָרד איז ביי ר' שלומען צעקעמט און ער גייט א גרויסע שווארצע קוטשמע פון „קאָ־טיק". ס'איז נאָך נישט קאלט און ער גייט אזא הויכע קוטשמע. יאנקלען ווערט קאלט, אז ער דערזעט אים. גמליאל וויל צו אים שמייכלען און ער קען נישט און לייב קוקט צו אים מיט די אָפּגעשניטענע וואָנציעס, אזוי ווי א גזלן. דער טאטע דערוויסט זיך, אז פון אקערמאן איז געקומען אלי חיימס אייניקל משה. זיין טאטע הייסט נחום שוחט. ער איז א שווארצער ווי קויל דער דאָזיקער נחום שוחט און ער האָט א שווארצע לענגלעכע באָרד אזוי ווי פון סמאָלע און שטארק שווארצע פאות, פארדרייטע. ער איז א דיקער און דער קארק איז ביי אים פול און רויט און ביי די זייטן סטארטשעט דער האלדז ארויס ווייטער פון די באקן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען א מענטשן, אז דער האלדז זאָל ביי אים ארויסגיין ווייטער פון די באקן. און ער גייט פעסט, דער אקערמאנער שוחט, א סך פעסטער און שטאָלצער ווי זיין טאטע. און דאָס יינגל משה איז העכער פון אים, א סך העכער. אלי חיים האָט אים אמאָל געערדט וועגן אים, ער איז עלטער מיט צוויי יאָר ווי יאנקל. ער איז אויך א שטארק שווארצער און א פולער. דאָס בלוט שפריצט אים פון די באקן. ער גייט מער אויסגעפּוצט ווי יאנקל און ער טראָגט ברילן. שיינע פענסנע מיט א שנירל טראָגט ער, אזוי ווי ד"ר נעמיראָווסקי. דער טאטע מיט נחום שוחט דערפרייען זיך גאָר און געבן זיך אָפּ גרוסן. און מען פארגיט די יינגלעך „לייענען" און מען שיקט זיי אוועק אין צוויי באזונדערע חדרים. יאנקלען שיקט מען אריין אין ליידיקן חדר. דאָרט איז א רויש און א געלויף. ער באהאלט זיך אין א ווינקל און נעמט מאכן דאָס „לייענען" מיט גרויס כוונה. א בחור גיט א פּאטש מיט די הענט און זאָגט א רבנן קדיש. די

אנדערע בחורים בייזערן זיך, זיי רופן דעם קדיש זאָגער יאַקל. ער האָט קיין באָרד נישט, קוים עטלעכע האָר אויף דער גאָמבע און ביי די וואָנציעס, אָבער אַ פּנים פול מיט קנייטשן. ער זעט אויס ווי אַ זיידע. ער טראָגט ברילן אויף דעם עק נאָז און דאָס מאַכט אים נאָך אַן עלטער אויסזען; די בחורים שרייען, אַז ער זאָגט צופיל קדיש. ער לערנט אַלעמאָל אָפּ אַ פּרק משניות און ער זאָגט אַ רבנן קדיש נאָך זיין טאַטן, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן. די בחורים לאַכן, אַז מיט אַזויפיל קדישים וועט ער זיין טאַטן פאַרטרייבן אין שאול תחתיה אריין, ווייל ער לאָזט נישט לערנען... יאַנקל הערט זיך צו און ער מאַכט דאָס „לייענען". ער וואָלט געוואָלט גאָר גוט קענען, אָבער אויף צו להכעיס גייט נישט שטאַרק גוט אין קאָפּ אריין. ער בעט גאָט, אַז ער זאָל אים העלפן...

און דאָס פאַרהערן איז געווען אַ מוטשעניע. מען האָט אים שוין פאַר־הערט אין איינעם מיט משה אַקערמאַנער. ר' שלום טשאַרטקאָווער איז גע־זעסן ווי אַ קאַלטער גזלן מיט אַ כלומרשט גוט שמייכעלע און ער האָט זיך צוגעהערט. און אַז ער האָט עפּעס געפרעגט, האָט ער גערעדט מיט געציילטע ווערטער ווי פּערל און ער האָט גערעדט שטאַרק שטיל, אַז ביידע ייִנגלעך האָבן זיך געדאַרפט גוט אָנבייגן צו אים, אַז זיי זאָלן הערן. און ער האָט אַלעמאָל געלאַכט דריבנינקע. אַז אַ ייִנגל האָט נישט געענטפערט ווי אַזוי ער האָט געוואָלט, האָט ער נאָך מער געלאַכט... און ערשט, ווען ער האָט געענדיקט, האָבן גמליאל און ליב גענומען שטעלן קשיות. פון פרעגן האָט מען נישט געוואָלט וויסן, צי די ייִנגלעך ק ע נ ע ן, נאָר צי זיי פ אַ ר ש ט י י ע ן. די ייִנגלעך האָבן איינער ביים אַנדערן געכאַפּט, יע־דער האָט געמיינט, אַז ער קען בעסער. גמליאל האָט געשטעלט יאַנקלען אַ קשיא און ווען ער האָט געענטפערט, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס ער האָט געוואָלט און נישט געקענט געבן: „נאַרסט מיך אָפּ, האָסט געקוקט אין מה"רשא". יאַנקל האָט זיך געשוואוירן, אַז נישט... דער טאַטע האָט זיך אריינגעמישט און געזאָגט, אַז קיין שקרן איז ער חלילה נישט. גמליאל האָט געזאָגט: „פלאי פלאים, אַזאַ קליינס, אַ גאָרנישט קען מען זאָגן און געטראָפן דעם מה"רשא"...

און דערנאָך האָט מען געהייסן וואַרטן. שמחהלע האָט שוין אויך אָנ־געצויגן און ער איז נאָכגעגאַנגען שלום טשאַרטקאָווער אַזוי ווי אַ קו אַ קעלבל. און ער האָט טאַקע באַלד געזאָגט דעם טאַטן, אַז זיין זון האָט מען אריינגענומען צו מעבלען אין צווייטן חדר. און צו יאַנקלען האָט ער גע־זאָגט, אַז ער זאָל גוט לערנען, ווייל ער וועט דאַרפן זיין איין קליין ייִנגל צווישן גרויסע בחורים. משהן האָט מען אויך אריינגענומען צו מעבלען, זיין טאַטן האָט עס פאַרדראָסן, ער האָט געהאָפט, אַז מען וועט אים אריינעמען צו לייבן און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָך גיין טענהן. דער טאַטע איז

געווען צופרידן. נאָך איין יינגל איז געווען ביי מעבלען, וואָס איז נאָך נישט געווען בר מצוה. ער האָט אויך געהייסן יאַנקל און ער איז געווען נחמן סופרס אייניקל פון אַקערמאַן. דער טאַטע האָט געפרעגט ביי שלום טשאַרטקאָווער וואו ער האָט אַ קוואַרטיר פאַר זיין זון, ער האָט געפילט, אַז מען דאַרף דעם יידן פאָלגן. ר' שלום האָט געזאָגט, אַז ביי גרשון מלמד, לעבן דער אַלטער ישיבה. טאַקע אַנטקעגן אים. און ר' שלום האָט זיך געגלעט ביי דער באָרד און געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער האָט געטאָן דאָס בעסטע. לייב מלמד האָט שטיל אָוועקגערופן דעם טאַטן און אים געזאָגט, אַז ווען נישט ער, גייט יאַנקל צו שמואלן און אַז אויב ער קען, מעג ער אים לאָזן אַ קערבל אויף טי־טון. די צייטן זיינען שלעכטע...

און פאַרנאַכט איז מען אַוועקגעגאַנגען זען אַלי קיליער. אין „הויכן בית מדרש" טרעפט מען אים. מען איז געגאַנגען און געגאַנגען. מען איז געגאַנגען איבער אַ גרויסן מאַרק, וואָס אַרום און אַרום זיינען דאָ קלייטן מיט אַלטע זאַכן און די יידן, וואָס זיצן לעבן די קלייטן זעען אויס ווי איבערגעניצעוועטע, אַזוי ווי די קליידער, וואָס זיי פאַרקויפן. יידענעס זיינען אויך געווען און דווקא מיט פּאַרוקן און מיט טיכלעך, אָבער זיי האָבן אַרומגעשמייעט, געקלימפּערט מיט די שליסלען, געקויפט ביי קונים און פאַרקויפט און גערעדט ערגערע רייד ווי די מענער. און אַ טייך האָט דאָרט אויך גערונען אין אַ גאַס, וואָס איז געווען זייער נידעריק און געהייסן מינקאָווסקאַ. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דער טייך הייסט בוג און ער איז אַ גרויסער, ער ציט זיך און ציט זיך און ער פאַלט אַריין אין דניעסטער אַריין און דער דניעסטער פאַלט אַריין אין פּרוט אַריין און דער פּרוט ציט זיך און ציט זיך און ער פאַלט אַריין אין דונאַי און דער דונאַי פאַלט ערשט אַריין אין שוואַרצן ים. דאָ האָט דער טייך אויסגעזען ווי אַ ריטשקע און פול מיט מיט מיסט און אַלטע קוישן און פּושקעס און שמאַטעס. קינדער זיינען געזעסן ביים ברעג און זיינען אַרויסגעגאַנגען און אַמאָל זיינען געזעסן גרויסע אויך. אויף דער מינקאָווסקאַ גאַס זיינען אויך געווען קלייטן פון אַלטע זאַכן און מען האָט דעם טאַטן געהאַלטן אין איין רופן, אַז ער זאָל קומען קויפן. יינגעלעך האָבן געלאַכט פון יאַנקלען און אים גערופן „קאַפּעליוש". אַלע זיינען זיי דאָרט געגאַנגען אין היטלען. אייניקע האָבן געשריגן: „מיט פאות און מיט אַ קאַפּעליוש, דאָס האָב איך נאָך נישט געזען". דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף טאַקע קויפן אַ היטל, אָבער נישט דאָ. קיין אַלטע זאַך וויל ער נישט קויפן, מ'קען זיך חלילה אָננעמען. שפּעטער האָט דער טאַטע געזען אַ געשעפט פון נייע היטלען און פון קוטשמעס און ער האָט געקויפט יאַנקלען אַ היטל. ער האָט זיך געדונגען אַן אַ שיעור. דער ייד האָט געבעטן צוויי קערבלעך און דערנאָך האָט ער גענומען זיבעציק קאָפּיקעס. דער טאַטע האָט

געזאָגט, אַז פאַר קעשענעווער גנבים דאַרף מען זיך היטן און דער ייד איז געגאַנגען מיט אַ באָרד און מיט פאות...

דאָס „הויכע בית מדרש" איז געווען אין אַ קליינער גאַס, וואָס איז געגאַנגען אין דער ברייט און האָט געהאַלטן נישט מער ווי אַ פּאָר קוואַר־טאַלן. עס זיינען געווען ווייניק קלייטן אויף יענער גאַס, דאַך זיינען אַלעמאָל דורכגעפאָרן וועגענער און דראָשקעס און בינדיוגעס. מען האָט געדאַרפט גוט אַכטונג געבן ביים אַריבערגיין די גאַס. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אין קעשענעוו דאַרף מען אומעטום אַכטונג געבן און אַזוי ווי ער האָט דאָס גע־זאָגט, איז אויף אים אַליין שיעור נישט אַרויף אַ וואָגן און ער האָט גע־נומען לויפן מיט שרעק, שלעפנדיק מיט זיך יאַנקלען און ער האָט געזאָגט: „זעסט?"

ס'איז נאָך געווען פאַר מנחה. דאָס בית מדרש איז שוין פון דעסטוועגן געווען כמעט פול. מען האָט געדאַרפט אַרויפגיין אויף טרעפּ. אונטן איז גע־ווען עפּעס אַ סקלאַד פון סחורה און ס'האָט געשמעקט מיט זייף. ווען מ'איז שוין אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ, איז מען אַריינגעקומען אין אַ לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר מיט בענק פון ביידע זייטן. אויף די בענק זיינען געזעסן יידן און האָבן גערעדט. אַלערליי יידן, מיט גרעסערע און מיט קלענערע בערד, מיט געקרייזלטע און מיט באַהאַלטענע פאות, רויטע, שוואַרצע, געלע און גרויע. אַ סך האָבן אָפּגעשטעלט דעם טאַטן, אים אָפּגעגעבן שלום און זיינען שטומערהייט זיך אַוועקגעגאַנגען. אַנדערע זיינען געבליבן שטיין, געפרעגט „פון וואַנען" און ווען זיי האָבן געהערט, אַז מען האָט געבראַכט אַ ייִנגל אין ישיבה אַריין, האָבן זיי אָנגעקוואָלן און געזאָגט „לא אלמן ישראל". אַז זיי האָבן געהערט „פון קיליע", האָבן זיי אַלע דערמאָנט אַלי קיליער. דאָס בית מדרש אַליין איז געווען זייער ברייט און נישט לאַנג. נישט קיין רייכס. פּשוטע שטענדערס, פּשוטע בענק, ביים ארון קודש ווייניקער צאַצקעס ווי אין דער קיליער גרויסער שול. יידן זיינען געשטאַנען אין די ווינקלען איבער גרויסע ספרים און געברומט. עטלעכע האָבן געשריגן אויף אַ קול. אייניקע יידן האָבן געהאַלטן תהילימלעך און שטיל געקרעכצט. דעם טאַטן איז גע־פעלן דאָס קרעכצן. „קיין עין הרע אַ יידישע שטאָט", האָט ער געזאָגט. אייניקע יידן האָבן איבערגעלאָזט די ספרים און געגאַנגען געבן שלום דעם אורח, אַנדערע האָבן זיך נישט אומגעקוקט. דער שמש איז צוגעגאַנגען און זיך נאָכגעפרעגט עפּעס אַזוי ווי אַ „גאָראָדאָוואָי", אָבער אַז ער האָט גע־הערט מען איז פון קיליע און מען זוכט אַלי קיליער, איז ער געוואָרן מילדער און געפרעגט צי מען דאַרף עפּעס און ער האָט געזאָגט, אַז אויב מען דאַרף אַביסל בראָנפן מיט אַ קיכל, האָט ער אַ שאַפּקעלע. אַלי קיליער וועט מסתמא באַלד קומען. ער דאַוונט צום מערסטן אין שטיבל, ווייל ער קומט שפּעטער. דאָס שטיבל איז געווען אין דער לינקער זייט. אַ קליינער חדר מיט עטלעכע

שטענדערס און בענק, אבער מיט אן עמוד, אן ארון קודש און א באלעמער. דער טאטע האט געזאגט, אז דא איז ווי אין קדשי קדשים, האט דער שמש, וואס איז נאכגעגאנגען דערציילט, אז אין שטיבל דאוונען די גאר הייסע חסידים, וואס קומען שפעט פון דער מיקווה שבת אין דער פרי, אדער זיי ווילן זיך מער מיחד זיין.

דאס בית מדרש איז געווארן אלץ פולער. יינגלעך זיינען אויך געקו־מען. אייניקע האבן גענומען ריידן מיט יאנקלען. ס'איז אריינגעקומען א הויכער ייד, א געשטרעקטער, מיט א שווארצער זיידענער זשיפּעצע און מיט א לאנגער ווייס־זיידענער בארד. א יינגל האט דערציילט יאנקלען, אז דאס איז יהושוע העשל כהן, איינער פון די גרעסטע גבירים אין קעשענעוו. ער האט א סך זין. אלע זיינען זיי פרומע יידן. דער עלטסטער האט שוין אייניקלעך און דער יינגסטער איז נאך נישט בר מצווה. יהושוע העשל האט שוין דאס פערטע ווייב און אלע, האבן דערציילט די יינגלעך, האבן געמוזט זיין בתו־לות, נישט קיין גרושות, ווייל ער איז א כהן. אפילו קיין אלמנות האט ער אויך נישט געוואלט נעמען, כאטש ער מעג... אלעמאל איז אריינגעקומען אן אנדער מענטש, אויף וועלכן די יינגלעך האבן אנגעוויזן, אז ער איז יהושוע העשלס זון. אייניקע האבן געהאט רויטלעך־גרויליכע בערד, אנדערע גאר רויטע. אייניקע האבן געהאט גאר שפיצלעך, אדער סימנים פון בערד און עס זיינען געווען יינגלעך אין גאנצן אן בערד. ער האט געהאט מער זין ווי יעקב אבינו... דער אלטער אליין האט זיך אביסל ארומגעדרייט און די זשיפּעצע האט זיך אים צענומען און מ'האט געזען, אז ער גייט אן הויזן. מען האט אנגעזען די גאטיעס און לאנגע, ווייסע זאקן. ער האט געטראגן האלבע שיך.

באלד נאך יהושוע העשלס אריינקומען, האט דער חזן געגעבן א געשריי „אשרי". א הויכער ייד, א שווארצלעכער און א שיינער איז ער געווען דער חזן און ער האט געטראגן לאקירטע שטיוול. דער טאטע האט דערציילט יאנקלען, אז ער איז הערשל שוחטס ברודער און ער הייסט זוסיע. ער איז א וועלט־שדכן און ער איז נאך א גרעסער דרייקאפּ ווי זיין ברודער. יאנקל האט געזען, אז ער איז טאקע שטארק ענלעך צו הערשלען, כאטש ער איז א שוואר־צער און הערשל איז א געלער. אלי קיליער איז אויך הערשלס אן אייגענער, א פעטער. ער איז זיין שוויגערס, דער אלטער רחל דער שוחטקעס א ברודער. יאנקל האט מקנא געווען הערשלס קינדער, וואס האבן דא אזויפיל אייגענע. ווען ער איז אויף זייער פּלאץ, וואלט ער געלאפן אין דער ישיבה אריין ווי צום טאנץ.

ווען אלי קיליער איז אנגעקומען, האט מען שוין געהאלטן ביים סוף פון מנחה. ער איז אריין גיך. ער איז געווען א הויכער ייד מיט א גרויער בארד, וואס האט אויסגעזען ווי א פּראסטע, נישט קיין זיידענע. דאס זיידענע היטל, וואס ער האט געטראגן, איז אים געווען פארדוקט און ס'האט זיך אנגעזען א

הויכער שטערן מיט אַ סך קנייטשן. ער האָט געהאַט גרויסע, קיילעכדיקע אויגן; זייער גוטע אויגן. און ער האָט אויף אַלע געקוקט מיט זיי אָפן. און ער האָט געהאַט אַ מוראדיק גרויסע נאָז און נאָך מער אַ גראָבע. ביים סוף איז זי געווען אַזוי גראָב ווי אַ קאַרטאָפליע און אָן אָנגעוואַקסענע מיט לעכערדיקע ביבקעס. ער האָט אָנגעהויבן דאַוונען מנחה אין שטיבל און ער האָט זיך געאיילט און איז געלאָפן. ער האָט געדאַוונט מיט אַ גראָב קול, וואָס איז דורך דער גראָבער נאָז געוואָרן פאַרדומפּן. ווען ער האָט געענדיקט מנחה, איז דער טאַטע צו אים צוגעגאַנגען און ער האָט אים געגעבן שלום און געזאָגט ווער ער איז און צוליב וואָס ער איז געקומען. אלי האָט זיך גאָר דערפרייט און ער האָט געזאָגט, אַז זיי מוזן שוין גיין צו אים היינט ביינאַכט עסן וועטשערע. דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז ער איז ביי אַ קרוב און מען וועט וואַרטן אויף אים, האָט אלי געפרעגט ווער דער קרוב איז און ווען ער האָט געהערט, אַז יאָסל דאַליצקי, האָט ער זיך נאָך מער דערפרייט און אויסגענומען, אַז מאָרגן למען השם זאָל ער קומען מיטן זון עסן אָנבייסן און מ׳וועט שוין זען באַזאָרגן וואו דער זון זאָל עסן שבת. אין דער ישיבה האָט מען געגעסן אַ גאַנצע וואָך אויסער שבת, אויף שבת זיינען די בחורים געווען צעשטעלט ביי באַלעבאַטים. אלי האָט געזאָגט, אַז יאַנקל וועט שבת קומען דאַוונען אין הויכן בית מדרש, ווייל דאָ וועט ער זיין צווישן אייגענע, צווישן בוהושער חסידים. דאָ דאַוונען נאָר ריזשינער חסידים, בוהושער, סאַדעגערער, באַיאַנער, הוסיאַטינער, טשאָרטקאָווער, שריפּאַנעשטער... אלי האָט גערעדט גיך, גיך און דאָס קול האָט געקלאַפּט פאַרדומפּן. ער וואָלט אוודאי געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל עסן ביי אים שבת, אָבער ס׳איז שוין קיין עין הרע נישטאָ קיין פּלאַץ ביים טיש. דער טאַטע איז געווען זייער טרויעריק, ער איז געווען זיכער, אַז זיין זון וועט עסן ביי אים... יאַנקל האָט זיך דערפילט שלעכט. דער טאַטע בעט פאַר אים וואו צו עסן שבת... ער איז ווי אַן אורח, פאַר וועלכן מען דאַרף בעטן... אלי האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט עסן אויף אַ פּלאַץ, וואו עס וועט זיין נאָך בעסער ווי ביי אים און אויך אַ בהושער חסיד...

און זיסע חזן האָט נישט אָפּגעלאָזט און מען האָט דווקא געמוזט גיין עסן צו אים; ביי זיסיען איז געווען אַ פולע שטוב מיט ייִנגלעך און אַלע אָן פאות און מיט קורצע רעקלעך. אייניקע האָבן שוין אויסגעזען ווי מיט געגאָלטע בערד און זיי זיינען אפילו געגאַנגען אָן היטלען. ווען מען איז אַריינגעקומען, האָבן זיי אויף גיך אָנגעטאָן די היטלען. אַזוי זיינען זיי דווקא געווען אנגענעמענע קינדער און האָבן גערעדט שיין און געפרעגט אויף די שוועסטערקינדער און פאַרוואָס זיי קומען נישט, אָבער זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז זיי טוען גוט, וואָס זיי קומען נישט אין דער ישיבה אַריין... ווען מ׳איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער טאַטע געקרעכצט וועגן דעם

וואָס פאַר אַ תכלית עס ווערט פון בעל שמסקי אייניקלעך, עס איז שוין עק וועלט, רחמנא ליצלן...

גרשון מלמד האָט געוואוינט אין אַ הויף מיט אַ סך שכנים לעבן דער „אַלטער ישיבה", וואָס איז איצטער געווען אַ בית מדרש פון וועלכן ס'האָט געשמעקט מיט שימל. ס'זיינען דאָרט געווען אַ פיר הייף, פון וועלכע ס'איז געוואָרן איינער, ווייל מ'האָט די פּלויטן צעבראָכן און צעטראָגן. און ערשט האָט מען געקענט אַריינגיין אין אַנדערע הייף אויך דורך אויסגעריסענע ברייטער; מען האָט זיי אויסגעריסן, בכדי מען זאָל נישט דאַרפן גיין אַרום און אַרום. קיין קינדער האָט גרשון מלמד נישט געהאַט אין דער היים, ער האָט זיי אַלע אויסגעגעבן. געוואוינט האָט ער אין צוויי צימערן מיט אַ קיך. אַזוי ווי מען איז אַריינגעקומען, איז געווען די קיך, דערנאָך איז איין צי־מער געגאַנגען אין דער לענג און איינס אין דער ברייט. אין ערשטן צימער האָט ער געהאַלטן אַ חדר און אין צווייטן פיר קוואַרטיראַנטן. אין חדר איז ער געשלאָפן מיט דער רביצן. איין בעט איז דאָרט שטענדיק געשטאַנען פאַרבעט און איינס האָט מען אַריינגעשטעלט, ווען די קינדער זיינען אַוועק־געגאַנגען. גרשון מלמד איז געווען אַ הויכער ייד, אַ דאַרער, מיט אַ רויטער באָרד, וואָס האָט געהאַט עטלעכע גרויע האָר און ער האָט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין ציין, ס'איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין. דער טאַטע האָט געקרעכצט אויף אים קוקנדיק. „אַן אַלטער ייד און נאָך נישט גרוי. די רויטע בערד ווילן נישט ווערן גרוי"... די מלמדקע איז געווען אַ קליינע יידענע, אויך אַ דאַרע. זי האָט גרשונען געגרייכט קוים ביזן בויך. זי האָט געהאַט אַ גרויסע ביבקע אויף דער גאָמבע און אַ צעקנייטשטע און דאָך שיין פּנים מיט מאַנדל אויגן. זיי האָבן ביידע נישט גערעדט בעסאַראַביש און זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף זייער דאַליע. ער איז פריער געווען מלמד אין דער אַלטער ישיבה, אָבער זייט שלום פּערלמוטער האָט געמאַכט די ישיבה, האָט מען צוגענומען גרעסערע תקיפים... לאַנג לעבן זאָל ר' שלום טשאַר:קאָווער, וואָס ער שיקט אים אַמאָל אַ קוואַרטיראַנט. אַ למדן, האָט ער געזאָגט, איז ער אַ גרעסערער פון די ישיבה מלמדים, אָבער — „וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין פּויליש ריידן, אַז מען לאָזט מיך אין הויף נישט אַריין?" יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט דאָס דאָזיקע ווערטל און ער האָט עס פאַרשטאַ־נען אויף אַ העלפט, אַזוי ווי אַמאָל אַ פּסוק... ווען ר' גרשון האָט געזאָגט דאָס ווערטל, האָט זיך די מלמדקע צעוויינט. איר איז גרינג אָנגעקומען דאָס וויינען. דער טאַטע האָט געפרעגט מה יקר, האָט זי געמאָנט צען קערבלעך פאַרן זמן און ווען ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַביסל טייער, האָט זי גע־וויינט און זי האָט געזאָגט, אַז ווי צו אירע יאָרן אויף וואָס זי איז איבער־געקומען אויף דער עלטער. אַרום אַ קינד דאַרף מען אַרומגיין. און אין דער פרי גיט זי הייסע וואַסער אויך. טיי און צוקער דאַרף מען אַליין האָבן, אָבער

זי היט אָפּ און זי גנבעט נישט חלילה, ווי אַנדערע באַלעבאַסטעס... און זי האָט ווידער געוויינט. אין קיך שלאָפט אויך אַ קינד, דאָרט נעמט זי ווייני־קער, אָבער דאָרט איז נישט קיין פּלאַץ פאַר אַ באַלעבאַטיש קינד... אַמאָל איז איר געווען בעסער, אָבער... איצטער האָט זי שוין געזאָגט: „וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין פּויליש ריידן, אַז מען לאָזט מיך אין הויף נישט אַריין?" און זי האָט נאָך אַמאָל געוויינט. דער טאַטע האָט געגעבן צוויי קערבלעך אַז אַדערויף און זי האָט אים אָנגעוואונטשן דאָס אייביקע לעבן. ביז ער וועט ענ־דיקן די ישיבה, האָט זי געזאָגט, וועט ער נישט אַרויס פון דאַנען, מען זאָל אים אפילו טרייבן. אפילו, אַז מען וועט אים וועלן געבן אַ בעטל אין ישיבה, וועט ער נישט וועלן אַוועקגיין פון דאַנען. זי איז ווי אַ מאַמע צו די קינ־דער. און זי האָט זיך געווישט מיטן פאַרטוך דאָס דינע נעזל.

מיטיק (אָנבייסן האָט מען עס גערופן אין קעשענעוו) האָבן זיי געגעסן ביי אלי קיליער. ס'איז געווען אַ גרויסע שטוב מיט אַ סך צימערן, מיט גרויסע טישן און מיט שאַפעס „אַ שטוב אויף אַלע ליבע געזאָגט ווערן", האָט דער טאַטע געברומט. און מען איז געגאַנגען אַרויס און אַריין. מען האָט דער־קענט, אַז ס'איז אַ שטוב פון אַ גרויסן מכניס אורח. קיינער האָט נישט גע־פרעגט ביים אַריינגיין. אלי איז נאָך נישט געווען. אַ קליין געפּאַקט יידל מיט אַ ווייסער באָרד, אַ רויט פּנים און אונטערגעשווירענע וואָנציעס איז אַריינגעקומען. פון די אונטערגעשווירענע וואָנציעס האָט אים דאָס פּנים ווי געלאַכט. ביי ליב מלמד איז עס דערפון געווען בייז און ביי אים האָט עס דערפון געלאַכט. ער האָט געגעבן שלום און געפרעגט, צי דאָס זיינען די געסט פון קיליע. און ווען ער האָט געהערט, אַז פון דאָרט, האָט ער געזאָגט: „אויב אַזוי, זיינט איר דאָך „דאַי נאַשטרי". (פון אונזערע — אויף מאָל־דאַוואַניש) און ער האָט זיך גאָר געפרייט, ער האָט געמאָלדן, אַז פּוילישע האָט ער נישט ליב, ער האָט ליב נאָר „דאַי נאַשטרי". ער איז אלי קיליערס שוואָגער און ער הייסט לייבעלע. יאַנקל מעג אים רופן „ר' לייבעלע". ער מעג קומען אין דער וואָכן אויך עסן. מען „באַגראָבט" דאָ שטענדיק. אַז עס גייט אַ רויך... ס'איז אַריינגעקומען די באַלעבאַסטע פון שטוב, רחל האָט זי געהייסן. טאַקע ר' לייבעלעס שוועסטער. אַ יידענע פון אַ יאָר זעכציק, אַ געלע, מיט אַ ברוגז־לאַכנדיקן פּנים. זי האָט נישט אויפגעהערט שרייען מיט אַ פאַנפעוואַטע געזאַנג „אשרל, אשרל"... זי האָט געזאָגט שלום עליכם און געפרעגט אויף דער שוועגערן אין קיליע און אויף דעם פּלימעניק מיט דער פּלימעניצע מיט די קינדער און זי האָט ווייטער געשריגן זינגענדיק „אשרל, אשרל"... עס איז אַריינגעקומען אַ בחור'ל פון אַ יאָר ניין, אַ גע־פּעסטעטער, וואָס האָט גענומען לויפן איבער אַלע צימערן און זי האָט געסאַ־פּעט נאָך אים.

דער טאַטע האָט זיך געחידושט, וואָס אַזאַ אַלט פּאָר פאָלק האָט נאָך

אַזאַ יונג קינד און ר׳ לייבעלע האָט דערציילט, אַז אלי האָט קיין קינדער נישט און אשרל איז אַ וויכאָוואַניק ביי אים. אשרל איז טאַקע לייבעלעס איי־ניקל, אַ זון פון זיינער אַ טאָכטער, וואָס איז געשטאָרבן פון אַ קימפּעט. דער איידעם האָט חתונה געהאַט פאַר זיין צווייטער טאָכטער און ער לעבט גוט מיט איר און האָט אַנדערע קינדער, אָבער ער האָט נישט קיין פּרנסה און ער איז געפאָרן זוכן גליקן אין אַמעריקע און ער האָט שוין דאָרט אויך גאָר־נישט געפונען און ער קומט שוין צוריק מיט מזל. דער איידעם הייסט אויך אלי און אשרל האָט צוויי טאַטעס, וואָס הייסן ביידע אלי און ס׳איז אַ סך מאָל שווער צו דערגיין אַ טאָלק ווען מען ער מיינט. מען פּעסטעט אים צופיל דעם אשרלען, האָט זיך ר׳ לייבעלע געקלאָגט. מען האַלט פאַר אים אליין אַ רבין און ער דערגייט אַלעמען די יאָרן און ער לערנט גאָרנישט און וואַקסט אַ ווילדער מענטש. ער זאָגט דאָס דעם גרויסן אלי קיליער אין די אויגן, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא, ער לעבט נישט אין קיינעמס זכות, ער פאַר־דינט זיך זיין לעבן פון קלויבן ארץ ישראל געלט. ער גייט צונויפנעמען דאָס ארץ ישראל געלט פון די פּושקעס אין איינעם מיט זיין שותּף זיידל. ער קלויבט פאַר דעם בוהושערם ארץ ישראל געלט און ס׳איז דאָ אַ צד, וואָס קלויבט פאַר דעם סאַדעגערערם און מען קריגט זיך און מען האָט זיך שוין אפילו געשלאָגן אויך.

אלי איז אָנגעקומען פאַרטאַראַראַמעט און זינגענדיק אַ ניגון מיט דער גרויסער פאַרלייגטער נאָז און מען איז געגאַנגען עסן. דער טיש איז געווען פול מיט מענטשן און אַ הויכע יידענע האָט אַלע מאָל געבראַכט פולע פּאַלו־מעסיקעס און שיסלען פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ פּאַרע. ביים טיש האָט אלי ווידעראַמאָל גערעדט וועגן דעם, וואָס ער קען יאַנקלען נישט נעמען צו זיך אויף שבת, עס טוט אים הארציק באַנק. ער וואָלט גאָר אפשר מיט דער צייט געקענט ווערן אַ חבר פאַר אשרלען, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ. ער וועט אים געבן אויף שבת צו מאָטל מנקר און ער וועט זיין צופרידן. ער איז אויך אַ בוהושער חסיד און אַ טייערער ייד און ער קען דערציילן אַ סך שיי־נע חסידישע מעשהס און עסן עסט מען ביי אים מער ווי ביי יעדן, ער איז אַ קצב און ער נעמט זיך דאָס בעסטע. זיידל פון ארץ ישראל געלט, ר׳ לייבעלעס שותּף, עסט אויך ביי אים. אַז אשרל האָט דערהערט, אַז יאַנקל וועט נישט עסן ביי זיי, האָט ער געגומען שרייען, אַז ער וויל יאַנקלען און ער האָט גע־קלאַפּט אין טיש אריין, אַז מען האָט אים קוים איינגענומען. דער טאַטע האָט געפרעגט, צי ער דאַרף נאָך גיין זען מאָטל מנקר, האָט ר׳ אלי געזאָגט, אַז אויב ער וועט נאָך אַמאָל זיין אין הויכן בית מדרש און ר׳ מאָטל וועט דאָרט זיין, איז גוט, אַנישט זאָל יאַנקל גלייך קומען פרייטיק צו נאַכט אין שול אריין. ר׳ מאָטל איז אַ ייד אַ למדן און ער קען זינגען אַ ניגון און ער האָט ליב אַ ניגון. ר׳ לייבעלע האָט אויך צוגעגעבן, אַז ר׳ מאָטל איז „דאַי נאַשטרי״

און מען זאָל זיך נישט זאָרגן. אז יאַנקל וועט זיין גוט מיט אים, מיט ר׳ לייבעלען, וועט אים סיי ווי זיין גוט ווי די וועלט.

עס איז נאָך געבליבן צו זען מעבלען, דעם מלמד, ביי וועלכן יאַנקל וועט דאַרפן לערנען... יאָסל דאַליצקי האָט געזאָגט, אז מען דאַרף גיין צו אים אַהיים און טאַקע געבן אַ קערבל אויך, וועט ער וויינִיקער טשעפּען. לייב מלמד האָט מען אויף כפרות גדאַרפט געבן דאָס קערבל, דאָס האָט מען געקענט לאָזן אויף שפּעטער, ווען יאַנקל וועט אַריין צו אים, אָבער איצטער דאַרף מען בעסער זען מעבלען. און דער טאַטע איז געגאַנגען פאַרנאַכט צום מלמד אַהיים. דער טאָג איז נאָך געווען אַ היפּשער און מען האָט נאָך נישט געלערנט ביינאַכט. מעבל איז געשטאַנען אין הויף ביי זיך לעבן זיין צימער און ער האָט געפּאַרעט דאָס בעט מיט די הייסע טשייניקעס וואַסער, וואָס דאָס קליינע ווייבעלע האָט אים אַלעמאָל דערלאַנגט. ער איז געווען אַן אַלטער ייד מיט אַ גרויער באָרד און מיט אַ געקנייטשט פּנים. ער האָט געגאָסן דאָס זידיקע וואַסער אין בעט אַריין און ער האָט געשריגן: „ווילסט וואָרעם, אָט האָסטו וואָרעם"... דאָס האָט ער אָפּנים אַזוי גערעדט צו די וואַנצן. ער האָט גערעדט ליטוויש, מיט ליטוויש און נישט אַלע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט יאַנקל פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געזידלט אין בעט אַריין און געשריגן: „האָב דיר אַכציק טייזנט שוואַרצע יאָר!" ווען דאָס קליינע ווייבל זיינס, וואָס האָט געהאַט אַ קורץ נעזל און איז געווען זייער רירעוודיק און יאָדערדיק, האָט אים געזאָגט, אז עס איז דאָ אַ גאַסט, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם טשייניק, אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע די האַנט און אָפּגעגעבן שלום און האַלב אויף שטום לשון געפרעגט ווער ס'איז. און ווען ער האָט געהערט, אז דאָס איז דאָס יינגל, וואָס מען האָט היינט אַריינגעגעבן צו אים, האָט ער געזאָגט, אז ער האָט זיך טאַקע געחידושט, וואָס מען האָט אים נישט געזען. מען האָט נאָך איינעם אַריינגעגעבן צו אים און יענער איז אויך נישט געקומען, אָבער יענער וויל, אז מען זאָל אים אַריינגעבן צו לייבן, זאָגט מען. ביי אים איז שוין סיי ווי פּול, ער ווייסט שוין אַליין נישט ווי אַזוי ער וועט אויסזעצן די קינדער. און ער האָט זיי אַריינגערופן אין שטוב אַריין. ער האָט געוואוינט אין איין צימער, די קינדער, האָט ער געזאָגט, האָט ער ברוך השם אַלע אויסגעגעבן. אין צימער האָט געשמעקט, מען האָט דערקענט, אז ביידע זיינען בריהס. די קליינע יידענע מיטן קאַרנאָסע נעזל האָט באַלד דערפילט, אז דאָ שמעקט מיט אַ קערבל און זי האָט געשטעלט כיבוד. דער טאַטע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געגעבן דאָס קערבל פאַר יאַנקלען אין די אויגן, ער האָט געוואָלט, אז דער רבי זאָל ווּיסן, אז יאַנקל ווייסט, אז ער האָט גענומען אַ קערבל. ער האָט זיך קלוימערשט געלאָזט בעטן, ער האָט נישט געוואָלט, ער לערנט מיט אַלע קינדער גלייך, אָבער ער האָט גענומען און ער האָט געזאָגט צו יאַנקלען, אז ער זאָל נישט מיינען, אז

דערפֿאַר דאַרף ער שוין נישט לערנען חלילה. ביי אים איז נישטאָ קיין טענות, מען מוז לערנען, ווייל דער עיקר איז דאָס לערנען און אַ ייד, וואָס קען נישט קיין תורה, איז געגליכן געוואָרן צו אַ בהמה, אָן תורה איז אָדם כבהמות נדמו... אָט קען ער נישט שלאָפֿן ביינאַכט, לערנט ער, וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען ער קען חלילה נישט לערנען? ער וואָלט גענראַדפט זיצן און קייען תהילים, אַזוי ווי אַ בהמה...

אין יענעם פֿאַרנאַכט האָט דער טאַטע נאָך איבערגעפּירט יאַנקלס זאַכן צו גרשון מלמד, אָבער געשלאָפֿן איז ער נאָך מיט אים ביי יאָסל דאַליצקי, ער האָט אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן און ריידנדיק ווען דעם האָט ער זיך צעוויינט. אויף מאָרגן האָט דער טאַטע געדאַרפֿט שוין אַוועקפֿאָרן. אַלע האָבן גערעדט איבער אים, אַז ער זאָל נאָך בלייבן אויף שבת. אלי קיליער אַליין האָט געטענהט: „ווי גייט מען נישט זען אַ שבת ביי אלי קיליער?" און זי־סיע חזן און יאָסל דאַליצקי האָבן גערעדט איבער אים און ער — ניין און ניין! ער מוז נאָך זיין אויף שבת אין פּעטראָוווקע, ער האָט צוגעזאָגט און ער דאַרף שוין זיין אין דער היים, די מאַמע איז אַליין מיט די קינדער און די שוחטים מיט די קצבים ווען האָבן טענות... דער טאַטע איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפֿן איבער דער שטאָט און יאַנקל איז שוין געגאַנגען אין דער ישיבה אַריין, נאָך נישט אויף צו לערנען, נאָר צו קוקן. דער טאַטע האָט געפֿונען אַ נייע קרובה זיינע, אַן אייגן געשוועסטערקינד, וואָס איז געווען שטאַרק ברוגז, וואָס יאַנקל איז אויך נישט געקומען און דער טאַטע האָט איר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט שוין אַליין קומען. פּרייטיק זאָל ער קומען עסן צימעס. פֿאַרנאַכט איז דער טאַטע אַוועקגעפֿאָרן מיט דער באַן. ער האָט געדאַרפֿט בלייבן איבער נאַכט אין בענדער, וואָס איז אויף דעם וועג קיין פּעטראָוווקע. ער האָט אין בענדער געהאַט אַ רייכן קרוב און חוץ דעם איז דאָרט געווען אַ גוטער ייד, וואָס דער טאַטע האָט געהאַלטן פֿון אים, ער האָט געהייסן ר' איציקל און ער איז געווען אַ האַלבער רבי. ער האָט אַליין אויך געהאַלטן פֿון בוהושער רבין. ער פֿלעג צייט צו צייט אַריינקומען קיין קיליע און ער פֿלעג פּראַווען אַ האַלבן טיש. דער טאַטע פֿלעג זאָגן, אַז ער צעברעכט די יידן, וואָס קומען צו אים, ער צעברעכט זיי מיט זיין דביקות... און ער האָט געהאַט אַ זון, ר' שליאַמקע, האָט מען געזאָגט, אַז ער וואַקסט גאָר אַ צאַצקע. יאָסל דאַליצקי מיט ריווען זיינע זיינען אויך געווען ביי דער באַן מיט יאַנקלען. געקומען איז מען אויף דעם וואָקזאַל מיט אַ האַלבער שעה איידער דער צוג איז אַוועקגעגאַנגען. דער טאַטע האָט אַלעמאָל אַוועקגערופֿן יאַנקלען אין אַ זייט אַריין און ער האָט גערעדט און גערעדט צו אים. ער האָט אים געזאָגט דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט אים געזאָגט, ווען זיי זיינען נאָר אַרויסגעפֿאָרן פֿון קיליע. ער איז אים שווער צו לאָזן אַליין און דער מאַמען איז נאָך שווע־רער, אָבער עס איז קיין ברירה נישטאָ און ער זאָל כאָטש זיין אַ לייט. די

טרערן האָבן אים אַלעמאָל געשטיקט און ער האָט נישט געקענט ריידן און ער איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך געמאַכט שמייכלענדיק, אָבער די טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן. און ווען דער צוג האָט געפייפט צו דריטן מאָל און ער איז אַוועק, האָט יאַנקל געהערט ווי דער טאַטע האָט זיך צעבליפעט אויף אַ קול און ער האָט זיך אויך צעוויינט. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט געוויינט. זיי זיינען צוריקגעפאָרן אין אַ דראָשקע און ער האָט די גאַנצע צייט געוויינט פאָרנדיק, מען האָט אים נישט געקענט איינהאַלטן. ריווע האָט אים נישט געלאָזט גיין שלאָפן צו גרשון מלמד און זי האָט געזאָגט, אַז ער זאָל נאָך די נאַכט שלאָפן ביי איר און אויב ער וויל, קען ער עטלעכע נעכט בלייבן ביי איר, ביז ער וועט זיך צוגעוואוינען. יאַנקל האָט נאָך אין יענעם ביינאַכט אָנגעשריבן אַ פּאָסט קאַרטל, צו דער מאַמען, דאָס ערשטע פּאָסט קאַרטל אין זיין לעבן, די האַנט האָט אים געציטערט. ער האָט גשריבן, אַז ער איז אַריין אין צווייטן חדר און ער איז ברוך השם געזונט און אלי חיימס אייניקל איז אויך אַריין אין צווייטן חדר, כאָטש ער איז עלטער מיט צוויי יאָר און דער טאַטע איז געפאָרן קיין בענדער און צו מאַמציען און ער בענקט, אָבער ער האָפט, אַז אין דער תורה וועט ער פאַרגעסן די בענקשאַפט.

☆

קאפיטל פערצן

ער ווערט בר מצווה, קומט אַהיים אַ גרויסער און כאַפּט שמיץ

די ערשטע טעג איז יאַנקל אַרומגעגאַנגען ווי פאַרטשאַדעט. אַלע האָבן אים שוין געקענט, ער האָט שוין אַלע געקענט, אָבער אויף וואָסאַרא וועלט ער גייט, האָט ער נישט געוואוסט. מען האָט זיך אין ישיבה גערופן ביי די נעמען פון די שטעט, אויב פון איין שטאָט זיינען געווען צוויי, אָדער דריי יינגלעך, האָט מען גערופן ביי די נעמען אויך. ער האָט געהייסן נאָר „דער קיליער" און ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט שוין שטענדיק אַזוי הייסן. אָט זאָגט מען, אַז אַקערמאַן איז אויך אַ גויישע שטאָט, פון דעסט וועגן זיינען דאָ צוויי אַקערמאַנער און ביידע זיינען מיט אים אין איין חדר, יאַנקל און משה. דאָס לערנען איז אים נישט אָנגעקומען שווער, אָבער דער קאָפּ איז אים גע־ווען פאַרקלאָפּט. צו דעם לשון פון רבין האָט ער זיך שווער צוגעוואוינט און ער האָט טאַקע אַ סך מאָל נישט פאַרשטאַנען. דער רבי פלעג שלאָגן די יינג־לעך, ער פלעג זיך אויפהייבן פון פּלאַץ און לויפן אויסרייסן שטיקער פליי, אים האָט ער נאָך נישט געשלאָגן ביז איצטער, אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָס איז, ווייל דער טאַטע האָט אים געגעבן אַ קערבל. אויך אַנדערע יינגלעך, וואָס זייערע טאַטעס האָבן אים געגעבן געלט, האָט ער נישט געשלאָגן. די אָרעמערע יינגלעך האָבן עס געוואוסט און זיי האָבן גערעדט דערפון און אַ סך מאָל אויף אַ קול, אַז ער זאָל הערן, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און דערנאָך האָט ער זיי נאָך מער געשלאָגן. די יינגלעך אַליין האָבן זיך געקריגט צווישן זיך און זיך אפילו געשלאָגן. זיי האָבן געגנבעט שטיקלעך ברויט איינער ביים אַנדערן און שטיקלעך צוקער און ביסלעך טי־טון. אויך די יינגלעך פון מעבלס חדר האָבן שוין געדרויבערט און אפילו פון שמואלס. אָפיציעל האָט מען געמעגט רויכערן ערשט ווען מען איז געגאַנגען צו לייבן, אָבער קיינער האָט זיך נישט צוגעקוקט, אַז שמחהלע האָט דערזען, האָט ער צוגענומען דעם ציגאַר און ער האָט נאָך געסטראַשעט צושטעלן אַ בענקעלע דעם רבין און אפילו ר' שלום טשאַרטקאָווער. אַז ס'איז געקומען פרייטיק און מען האָט געדאַרפט גיין אין מרחץ אַריין, האָט מען זיך געקריגט

און אפילו געשלאָגן איבער אַ שטיקל פּאָדעם. עס זיינען געווען בערשטלעך פון דער ישיבה אויף צו פּוצן די שיך, זיינען זיי פאַרפאַלן געוואָרן און מען האָט זיך געמוזט קויפן אייגענע בערשטלעך און מען האָט זיי געגנבעט, מען האָט אויסגעקריצט די נעמען און עס האָט אויך נישט געהאָלפן. מען האָט גע־וואָרפן מיט די קעסטלעך איינער דעם אַנדערן, אַז מ'האָט זיי שיעור צעבראָכן.

עסן האָט מען געגעבן צוויי מאָל אין טאָג. די דאַזיקע, וואָס זיינען נישט געשלאָפן אין דער ישיבה, האָבן געדאַוונט אויף זייערע קוואַרטירעס און זיי האָבן דאָרט געגעסן טיי מיט צוקער מיט ברויט. די רייכערע האָבן געטרונ־קען זיסע טיי און די אָרעמערע — פּריקוסקע מיט אַ האַלב שטיקל צוקער. די דאָזיקע וואָס זיינען געשלאָפן אין דער ישיבה, האָבן דאָרט געדאַוונט במנין. קיין ספר תורה איז אין ישיבה קיינמאָל נישט געווען, זיינען אַ סך געגאַנגען מאַנטיק און דאָנערשטיק צו קריאת התורה אין די נאָענטע שולעכלעך און שולן אריין. געדאַוונט פאַרן עמוד האָט דער דאָזיקער, וואָס האָט געהאַט אַ שע־נער קול, אָדער ער האָט געדאַרפט זאָגן קדיש. מנחה און מעריב האָט מען געדאַוונט אין איינעם מיט די רבים און אַ סך מאָל האָבן די מלמדים אליין געדאַוונט פאַרן עמוד. בייטאָג פלעג מען איבערבייסן פאַר אייגן געלט, ריי־כערע האָבן זיך געקויפט אַ קיכל, אָדער אַ פּרוכט, אָדער גאָר ברויט מיט כאַלוואַ. די אָרעמערע האָבן זיך געלאָזט שטיקער ברויט פון מיטיק. אייניקע פלעגן צונגנבענען די געבליבענע שטיקער ברויט פון מיטיק ביי די אַנדערע און מען פלעג זיך פאַרקלאָגן באַ דעם רבין, אָדער פאַר שמחהן און ער האָט געשריגן: זיי וועלן ווערן רבנים און זיינען גנבים... די אָרעמערע זיינען געווען פון ווייט, די רייכערע זיינען געווען פון בעסאַראַביע. מען איז קיין קעשע־נעוו געקומען אויך פון אַנדערע ישיבות, מען איז געקומען פון זוויל, פון לאָמזשע, פון בריסק. די קעשענעווער ישיבה האָט געהאַט אַ שם דערמיט, וואָס מען דאַרף נישט גיין עסן קיין „טעג". לעבן יאַנקלען איז געזעסן אַ דאַר, לאַנג יינגל, אַ זייער גרינער, האָט ער געהייסן „דער טריסקער" און ער איז שוין אויסגעווען אין עטלעכע ישיבות, ער האָט געזאָגט, אַז אין זוויל לערנט מען בעסער ווי אין קעשענעוו. אָבער דאָס עסן „טעג" איז אים דער־גאַנגען די יאָרן. ער האָט פון דער היים גאָרנישט באַקומען און ער האָט נישט געהאַט קיין שטיקל העמד אויף דעם לייב און בייטאָג האָט ער נישט געהאַט פאַרוואָס זיך צו קויפן עפּעס עסן. פון מיטיק איז אים פון דעסט וועגן קיין ברויט אויך נישט געבליבן, ווייל אַזוי דאַר ווי ער איז געווען, איז ער געווען אַ פרעסער. יאַנקל פלעג אים אַוועקגעבן דאָס ברויט, וואָס איז אים געבליבן פון מיטיק און ער איז מיט אים געווען דערפאַר אַ גוטער ברודער. דאָך האָט ער געזאָגט, אַז יאַנקל זאָל בעסער אַליין עסן דאָס ברויט, וואָס בלייבט אים און ער זאָל אים געבן דאָס פעצל, וואָס ער קויפט. און ער האָט עס אַמאָל געטאָן אויך. יעדער האָט געוואָלט זיין אַ גוטער ברודער מיט אים. ער איז

געוועזן דער עלטסטער אין חדר און ער איז געוועזן דער באַלעבאָס, אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער געקענט דערגיין די יאָרן. ער האָט אָפּגעאַרבעט שפּיצלעך און געמאַכט אַזוי, אַז דער רבי זאָל מיינען, אַז דער אַנדערער האָט עס געטאָן. ער פלעג שטענדיק זיצן ווי נישט אים מיינט מען און נישט קיין שמייכל טאָן און נישט קיין ריר טאָן מיט קיין ברעם נאָך דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע שפּיצל. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ זידל־וואָרט פאַר די גאָר פּראַקטישע ישיבה לייט, די געריבערטע ליולקעס — „פּאַטראָן" (מען האָט עס גענוצט אַ שטייגער ווי אַקטיאָרן זאָגן „קאַיאַף", עס האָט געמיינט אַ פאַלשער און אַ נישט פאַרגינער) האָט מען געזאָגט אויף דעם טריסקער, אַז ער איז דער ערגסטער „פּאַטראָן" פון חדר. אין די צייטן פון דער הפסקה פלעגן די יינגלעך נאָכקרימען דעם רבין איבערהויפּט ווי אַזוי ער רעדט ליטוויש. מען האָט נאָכגעמאַכט ווי ער שעלט „האָב דיר אַבציק טייזנט שוואַרצע יאָר". אַז אַ נייער האָט עס נאָכגעמאַכט, האָט דער טריסקער געזאָגט, אַז ער וועט דערציילן. מען האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט זיין קיין מסור, אָבער מען האָט דאָך מורא געהאַט פאַר אים און מען האָט אים עפּעס געגעבן לא יחרץ.

אויף דער קוואַרטיר ביי גרשון מלמד האָבן געוואוינט אין איינעם מיט יאַנקלען סאַמע יינגלעך פון ערשטן חדר. זיי זיינען געוועזן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן קיין סך נישט לערנען, די טאַטעס ווילן, אַז זיי זאָלן אויסלערנען „לייענען" אַ בלאַט גמרא מיט רשי און דערנאָך וועלן זיי זיי נעמען צו דער אַרבעט. זיי זיינען אַלע געוועזן גרעסער און עלטער און געזינטער פון יאַנקלען און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט זיי מאַכן דאָס „לייענען", זיי האָבן אים דערפאַר געגעבן קיכלעך, וואָס די מאַמעס האָבן זיי געשיקט. די מלמדקע פלעג זיך שטענדיק אַריינמישן צווישן די יינגלעך און זאָגן, אַז זי איז די בעסטע באַלעבאָסטע און אַז זי נעמט ביי קיינעם נישט צו קיין קיכלעך און אַנדערע באַלעבאָסטעס צאַפּן אויס די פעדערן פון די קישנס. די יינגלעך האָבן זיך פון דעסטוועגן געקלאָגט, אַז פון די זעקלעך טריקענען אויס די קיכלעך. זיי זיינען אַלע געוועזן צו היימיש, אַז זיי זאָלן איינס דאָס אַנדערע חושד זיין און זיי האָבן געוואוסט, אַז די באַלעבאָסטע נעמט זיי צו און זי שיקט זיי אוועק צו די אייניקלעך צו איר, וואָס זיי וואוינען אין צווייטן עק שטאָט. און אַז אַ יינגל האָט געזאָגט, אַז עס פעלן אים שוין ווידער קיכלעך און ער האָט אַפילו נישט געקוקט צו איר, האָט זי זיך געשוואוירן, אַז זי זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס און זי האָט געוויינט. פאַרנאַכט פלעג מען אַ סך מאָל געבן עסן אין דער ישיבה ברויט מיט מילך, האָבן די גרעסערע בחורים געזאָגט, אַז די מילך האָט מער וואַסער און זיי האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן גיין פאַרקלאָגן שמחהלען פאַר שלום פערלמוטער. מיט שמחהלען פלעגן

זיך א סך קריגן, די קלענערע האָבן פאַר אים מורא געהאַט, אָבער פאַר די עלטע־רע האָט ער אַליין אויך מורא געהאַט און מ׳פלעג זיך פון ביידע צדדים שרייען מסור. שמחהלע איז געווען פון לעבן סטאַלן און די יינגלעך פון זיין קאַנט פלעג ער געבן מער מיט א גלאָז מילך. אַמאָל פלעג ער מאַכן אַן אָנשטעל און פרעגן דעם רבין ווער עס לערנט בעסער און דעם פלעג ער געבן מער מיט א גלאָז מילך, אָדער מיט א שטיקל צוקער.

איין מאָל אין עטלעכע וואָכן פלעג קומען איינער פון די באַלעבאַטים אָנקוקן ווי אַזוי עס פירט זיך. דער באַלעבאָס איז געווען שלום פערלמוטער, אַן אַלטער ייד, וואָס האָט געהאַט איינע פון די צוויי גרעסטע שניטקראָמען אין קעשענעוו. ער האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, וואָס האָט געהייסן שרהלע, האָט מען געזאָגט, אַז זי איז אַן אַנדרוגינוס, אָבער זי האָט חתונה געהאַט פאַר א שיינעם, געזונטן יונגענמאַן, וואָס געהייסן משהלע קלוגמאַן. מען האָט געטייטלט אויף אים, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט פאַר געלט. אָנ־קוקן די ישיבה פלעג קומען אי שלום פערלמוטער, אי משה קלוגמאַן, אי פערלמוטערס ווייב גיטעלע, אי די טאָכטער שרהלע. יעדער פון זיי פלעג קו־מען באַזונדער און שמחה האָט שוין דערשמעקט פון פריער און ער האָט שוין אכטונג געבן, אַז אין יענעם טאָג זאָל זיין ריינער ווי שטענדיק און דאָס עסן זאָל זיין געשמאַקער, ווייל די ווייבער פלעגן אריינגיין אין קיך אריין פאַרזוכן דאָס געקעכץ. יעדער פון זיי פלעג צופאָרן מיט א גרויסאַרטיקן איי־גענעם פאַעטאָן און מיט א פּאָר שוואַרצע פערד, אַז עס האָט געבראַכן מוחות. שלום פערלמוטער פלעג פאַרהערן די קינדער און שמייכלען. אַז שלום טשאַרט־קאָווער האָט דערשמעקט, אַז עמיצער פון זיי קומט, איז ער אויך אויסגע־וואַקסן. משהלע קלוגמאַן האָט זיך גלאַט אַזוי ארומגעדרייט, מען האָט גע־זען, אַז די גאַנצע זאַך אינטערעסירט אים ווייניק. ער פלעג אריינקומען און הינטן איז נאָכגעגאַנגען שמחהלע, און ער פלעג א קוק טאָן און אַוועקגיין. די ווייבער האָבן זיך אָפּט נאָכגעפרעגט ביי די יינגלעך, צי זיי האָבן אַלע וואַרעם וועש און די דאָזיקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט, האָבן זיי געהייסן שמחהן פאַרשרייבן און ער האָט זיך שוין דערנאָך געטיילט מיט זיי העלפט אויף העלפט... שרהלע פלעג קומען פאַרדעקט מיט א גרויסן וואַאַל און דורך דעם וואַאַל האָט מען אָנגעזען, אַז זי האָט א באָרד און זי גאָלט זיך. עס האָט געשמעקט פון איר מיט שטאַרקע פערפומען, אַז יינגלעך האָבן אַזש גענאָסן. א סך מאָל פלעג קומען די מאַמע מיט דער טאָכטער אין איינעם. זיי האָבן געפרעגט ביי די בחורים, צי מען גיט זיי גוט עסן און כאָטש זיי פלעגן סטראַשען שמחהלען, אַז זיי וועלן זאָגן, אַז מען גיט נישט גוט עסן, האָט קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז מען זאָל זיך טאַקע באַקלאָגן. אַלע האָבן

געענטפערט אויף אַ קול, אַז ס'איז זייער גוט און אינעווייניק אין זיך אַריין האָט מען געזאָגט, אַז שמחהלע זאָל אַזוי לעבן...

מאָטל מנקר, ביי וועמען יאַנקל האָט געגעסן שבת, איז געווען גאָר אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד, אָבער אַ זייער רירעוודיקער און ער האָט ליב געהאַט צו זינגען אַ ניגון און ער האָט געצוואונגען יאַנקלען צו זינגען מיט אים. געגעסן האָט מען זייער גוט, אַ סך פיש און פלייש און פעטע קוגלען און אַ סך צימעס. אַז יאַנקל האָט דערציילט דעם טריסקער, וואָס מען גיט אים דאָרט עסן, האָט ער זיך אַזש באַלעקט און ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט זיך שמדן אויף אַ בוהושער חסיד, ווייל ביי די טריסקער, וואו ער עסט שבת, גיט מען זייער ווייניק עסן. זיידל פון ארץ ישראל געלט, וואָס האָט געגעסן שבת אין איינעם מיט יאַנקלען, איז געווען אַ ייד מיט אַ לאַנגער געלער באָרד און מיט אַ ווייס פּנים פון אַ פרוי. דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן אים געוואוינט אין בערדיטשעוו און זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַריבערציען קיין קעשענעוו, דאָס ווייב האָט דאָרט געהאַט אַ קלייטל. ר' לייבעלע האָט געזאָגט, אַז זיידלס ווייב איז אַ פּוילישע און ער אַליין איז שוין אויך נישט קיין „דאַי נאַשטרי” זייט די בני בית האָבן זיך אים אַרויסגעצויגן קיין „פּוילן”. זיידל איז געווען אַ הייסער בוהושער חסיד און ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן יאַנקלען, אַז ווען ער וועט זיין אַ גרויסער, זאָל ער פאָרן קיין בוהוש, ווייל דער בוהושער רבי איז דער איינציקער צדיק הדור...

אלי קיליערס שוואָגער ר' לייבעלע איז געווען דער גרעסטער גוטער ברודער מיט יאַנקלען און ווען ער פלעג אַהין קומען צו שלוש סעודות, האָט ער אים געגעבן מער מיט אַביסל וויין און ער האָט אים דערפאַר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט נישט זיין קיין פּוילישער. ר' לייבעלע פלעג זיך יעדן שבת נאָך דעם קוגל לייגן אויף דעם אויוון און אָפּשלאָפן ביז שלוש סעודות. איין מאָל איז ער אַזוי פאַרטשאַדעט געוואָרן אויף דעם אויוון, אַז מען האָט געמיינט ער שטאַרבט שוין, מען האָט אים געריבן מיט שניי און מען האָט אויף אים געגאָסן מיט זידיק וואַסער. מער פון אַלע האָט יאַנקל איינגעלייגט די וועלט אים צו ראַטעווען און מען האָט דאָס אים דערציילט, איז ער דערפאַר געוואָרן אַזאַ שטאַרקער גוטער ברודער מיט אים. ווען דער שוואָגער האָט אים געמוסרט פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַרקראָכן אויף דעם אויוון, האָט ער אים געענטפערט: „גיי, ביזט אַ פּוילישער!” אַ סך מאָל פלעג יאַנקל בלייבן ביי אלי קיליער אויך צו מלווה מלכה און דאָרט עסן אַ הייסן פרישן באָרשט און שוין בלייבן נעכטיקן, ר' לייבעלע האָט אים שוין געמאַכט אַ פּלאַץ. זונטיק אין דער פרי פלעג דעמלט ר' לייבעלע שיקן יאַנקלען קויפן אין אַפּטייק אַזאַ אָפּפיר מיטל, וואָס ער האָט גערופן אַ „ווינער געעטרענקל”. דער אַפּטייקער האָט פאַרשטאַנען יידיש און ער האָט עס דאָך אָנגערופן „וויענסקי נאַ־

פיטאק". ר׳ לייבעלע פלעג ארומגיין און גרעבצן און קרעכצן און שרייען, אז ער שטארבט און די שוועסטער האט אים געזאגט, אז ס׳איז א מצווה אויף אים, זאל ער זיך נישט איבערפרעסן לכבוד שבת. זיי זיינען ביידע געווען אזוי אלט און זיי האבן זיך פונקט אזוי געקריגט ווי יאנקל מיט זיין שוועסטער מרים... ביי אלי קיליער אין שטוב האט זיך יאנקל געפילט בעסער ווי אויף זיין קווארטיר און בעסער ווי אין דער ישיבה און בעסער ווי ביי אלע קרובים, ס׳איז דארט שטענדיק געווען א סך מענטשן און שטענדיק היימיש און שטענדיק פריילעך. עס האט אים שטארק באנק געטאן פארוואס ער עסט דארט נישט קיין שבת, אבער אזוי ווי ער האט נאר אפגעגעסן שבת בייטאג ביי מאטל מנקר, פלעג ער באלד לויפן צו אלי קיליער. ער פלעג אהין אויך לויפן פרייטיק צו נאכטס, בכדי נישט דארפן גיין אליין אהיים, ביי אלין האבן געגעסן עטלעכע ישיבה בחורים, וואס זיינען געגאנגען איין וועג מיט יאנקלען. א סך מאל איז ער געגאנגען פרייטיק צו נאכטס שלאפן אין ישיבה, ווייל א סך יינגלעך פון די בעטן זיינען געבליבן שלאפן ביי די באלעבאטים. און אז אמאל איז דער בחור פון בעטל אנגעקומען שפעט ביינאכט און אים אויפגעוועקט, זיינען זיי שוין געשלאפן אין איינעם.

אזוי ווי ער האט נאך נישט געקענט פארשטאנען, יאנקל, האט ער געזען, אז אין דער ישיבה, אין די צוויי שלאפצימערן, קומען פאר נישט קיין שיינע זאכן סיי ביי די דאזיקע, וואס זיינען געשלאפן אליין, סיי ביי די דאזיקע, וואס זיינען געשלאפן אין צווייען. און זייער א סך זיינען געשלאפן אין צווייען פאר רחמנות וועגן, כאטש מען האט נישט געטארט. עס זיינען געווען ארעמע יינגלעך, וואס האבן נישט געהאט אויף קיין קווארטיר און נישט קיין בעטלעך אין דער ישיבה און זיי פלעגן זיך אויסבאהאלטן פאר שמחהן און בלייבן אין דער ישיבה, אמאל זיינען זיי געשלאפן אויף די הארטע בענק און אמאל אין איינעם מיט אן אנדער בחור. שמחהלע פלעג אמאל קומען נאך האלבער נאכט און די יינגלעך, וואס פלעגן זיין וואך א גאנצע נאכט, האבן צו וויסן געטאן און יענע האבן זיך באהאלטן און זיינען געשפרונגען איבער פענצטער.

אז ס׳איז געקומען ענדע זמן האט זיך אנגעהויבן טאן מיט עקזאמענעס, וואס מען האט גערופן „פארהערן". מען האט פארהערט אי בכדי צו וויסן, צי מען האט געלערנט, אי בכדי צו וויסן, צי מ׳קען אריבער. פארהערן פלעג קומען שלום טשארטקאווער און אמאל האט ער מיטגענומען מיט זיך נאך א פאר יידן. יאנקל האט זיך נישט געריכט שוין אריבער נאך דעם ערשטן זמן, כאטש לייב מלמד האט געוואלט, אז ער זאל אריבער, ער האט געוואוסט, אז זיין טאטע וואלט אים געשיקט א פאר קערבלעך. מעכל האט יאנקלען קלאר געזאגט, אז ער וועט בלייבן נאך איין זמן ביי אים און ער מעג זאגן דעם טאטן, אז ער זאל אים שיקן נאך א קערבל. ר׳ שלום האט טאקע פארהערט, אבער ער האט דאך זיך צוגעהערט צום מלמד אויך. מען האט אריבער־

געפירט פון איין חדר אין צווייטן אריין נישט נאָר פאַר קענען, נאָר אויך פאַר ווילן. לייב האָט זיך אָוועקגעלייגט פאַר משה אַקערמאַנער, אַז ער זאָל אַריבער און כאָטש ער איז געווען אַ סך גרעסער פון יאַנקלען, וואָלט יאַנקלען דאָך פאַרדראָסן, ווען ער וואָלט אַריבער, אָבער שלום טשאַרטקאָווער האָט געזאָגט, אַז ס'איז זיך נישטאָ וואָס צו איילן און אַז ער זאָל נאָך לערנען איין זמן און דערנאָך וועלן אַריבערביידע אַקערמאַנער מיט דעם קיליער. יאַנקל איז געווען זייער צופרידן און ער האָט געשריבן דעם מאַמען, אַז זיין גאָט האָט עס געטאָן. פון דער היים איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז דער פעטער אלי מיט דער גאַנצער משפחה פאָרט אַרוים קיין אַמעריקע, די קינדער זיינען נאָך איבערגעשראָקן פון פּאָגראָם און זיי ווילן נישט בלייבן. מען זאָגט, אַז אין אַמעריקע ווערט מען גויים, אָבער דער פעטער זאָגט, אַז ער האָט נישט מורא, ער וועט אומעטום זיין אַ ייד...

אויף פסח זיינען אַ סך ייִנגלעך אַהיימגעפאָרן. די אַלע, וואָס האָבן געוואוינט נאָענט, זיינען אוודאי געפאָרן, אָבער אויך די ווייטערע זיינען געפאָרן. ביידע אַקערמאַנער ייִנגלעך זיינען אויך אַהיימגעפאָרן. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער בלייבט. אַזוי האָט דער טאַטע אָפּגערעדט מיט אים. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אַזוי ווי קיליע איז זייער ווייט, זאָל ער אַהיימפאָרן ערשט אויף ימים נוראים. די ייִנגלעך האָבן געלאַכט פון אים, ער איז אַ בעסאַראַבער און פאָרט נישט אַהיים... ער האָט געמוזט ענטפערן, אַז ער איז פון ניי בעסאַראַביע, וואָס איז נאָך ווייטער פון כערסאָן און פּאָדאָליע. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ רייכן, אַ סימן: ער קויפט זיך אַלע טאָג פּלעצלעך. אויך די גרשונקע, וואו ער האָט געוואוינט, האָט אים צוגערעדט, אַז ער זאָל פאָרן. איר האָט מען געצאָלט פאַר דעם זמן און זי האָט געוואָלט פסח זיין פריי פון די קינדער. יאַנקל האָט געשריבן אַהיים, אַז מען לאַכט פון אים, וואָס ער בלייבט אויף פסח אין דער פרעמד און מען האָט אים געשיקט אויף הוצאות, אַז ער זאָל פאָרן צו דער שוועסטער אויף יום טוב. ער איז געפאָרן מיט אַ גרויסער פרייד, אָבער דאָרט איז אים די פרייד פאַרשטערט געוואָרן. זיין פּלימעניקל הערש לייבעלע איז פריער מיט אַ פּאָר וואָכן געשטאָרבן פון דיפטעריט. די שוועסטער האָט נישט אויפגעהערט וויינען און קלאָגן און אים האָט אויך שטאַרק געקלעמט ביים האַרצן, ער איז געווען אַזאַ טייער קינד, ער פלעג זיך דיר אַזוי צודריקן צום האַרצן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט זיין נשמה גייט אַריין אין דיינער. די שוועסטער האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ צו שיין און צו געראָטן קינד, אַז ער זאָל לעבן, אַזעלכע קינדער האָט גאָט אַליין אויך ליב... איצטער האָט זיך יאַנקלען אויך געדאַכט, אַז ער האָט קיינמאָל נאָך נישט געזען אַזאַ געראָטן קינד און ער האָט זיך דערמאָנט וועגן אים טויזנטער זאַכן וואָס ער האָט פריער נישט געדענקט. אָבער צווישן קינדער האָט זיך דער בחור דאָך פאַרגעסן און ער האָט פאַרבראַכט פריילעך און אַפילו

געשפּילט אין ניס. מען האָט אים אין דער ישיבה דווקא אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט שפּילן קיין ניס, ווייל פאַר אַ ישיבה בחור פּאַסט נישט און ער וועט מאַכן אַ שלעכטן שם דער ישיבה, דער שוואָגער האָט אים אויך געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט, נאָר די שוועסטער האָט געזאָגט, אַז אַ קינד איז אַ קינד. אַז ער האָט פאַרשפּילט, האָבן די קינדער געשוויגן, אָבער אַז ער האָט געוואָר־נען, זיינען געקומען יינגלעך דערציילן, אַז דאָס יינגל פון דער ישיבה מיט דער קאַפּאָטע שפּילט אין ניס... ער איז געווען דאָס איינציקע יינגל אין גאַנ־צן שטעטל, וואָס האָט געטראָגן אַ קאַפּאָטע און פּאות. צוויי יינגלעך האָבן יאָ געטראָגן פּאות, אָבער פאַרשאַרט הינטער די אויערן. מען האָט פון אים אַ סך געלאַכט, ער האָט געהערט ווי מען האָט אים גערופן „יאָלד", אָבער ער האָט אויך געהערט ווי די יידענעס בענטשן זיך מיט אים און זיי זיינען מקנא זיין מאַמען, וואָס וועט נישט זיין קיין פּוסבענקלע, נאָר וועט האָבן אַ גאַנצע שטול אין גן עדן. ער האָט פון דעסט וועגן מקנא געווען די אַנדערע יינגלעך, וואָס זיי זיינען געגאַנגען קורצע רעקלעך און אָן פּאות, כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אַז אויף יענער וועלט וועט מען זיי שטראָפן. ער האָט געפילט, אַז פאַר אַ ישיבה בחור איז בעסער צו זיין אין דער ישיבה, וואו קיינער לאַכט נישט פון אים און עס איז בעסער צו זיין אין קעשענעוו, וואו עס זיינען דאָ אַ סך יינגלעך מיט לאַנגע רעקלעך און מיט פּאות. אין קעשענעוו זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס לאַכן פון קאַפּאָטעס און פּאות, זיי שרייען „טאָווישע" (אַזוי האָט מען דאָרט געזאָגט אויף יאָלד), אָבער דאָרט זיינען שטענדיק דאָ יידן, וואָס נעמען זיך פאַר זיי אָן און לאָזן זיי נישט טשעפּען. און ער האָט זיך געפילט גאַנץ גוט, ווען דער פּסח האָט זיך געענדיקט און ער איז צוריקגע־פאָרן קיין קעשענעוו.

ווען יאַנקל איז צוריקגעקומען, האָט ער באַמערקט ווי די בחורים, וואָס זיינען נישט אוועקגעפאָרן אויף פּסח, שעמען זיך און זיי פאַרענטפערן זיך. זיי האָבן דערציילט, אַז יום טוב איז געווען זייער פריילעך, אַלע יינגלעך זיי־נען געשלאָפן אין דער ישיבה, ווייל עס זיינען געבליבן פרייע בעטלעך און חול המועד האָט מען געגעבן מער עסן, ווייל עס זיינען געווען ווייניק יינג־לעך. מען האָט זיך זייער געפרייט מיט די צוריקגעקומענע און מען האָט פאַרגעסן אין די אַלטע קריגערייען און געשלעגן, אָבער אַזוי ווי מען האָט ווידער אָנגעהויבן לערנען און ס'איז אוועק אַ שטיקל צייט, איז ווידער גע־וואָרן ווי פריער און מען האָט זיך געשלאָגן איבער אַ פּיצל שוואַוואַקס מער ווי איבער אַ שווערער סוגיא. געגעסן האָט מען אין צוויי רייען. אין ערשטן און צווייטן חדר זיינען געווען מער קינדער ווי אין דריטן, פערטן און „לייַ־דיקן", ווייל אויך די קעשענעווער יינגלעך פון די דאָזיקע חדרים האָבן גע־געסן אין דער ישיבה; זיי האָבן, האָט שמחה געזאָגט, נישט געהאַט וואָס צו עסן אין דער היים. האָבן פריער געגעסן די יינגלעך פון ערשטן און צווייטן

חדר און דערנאָך האָבן געגעסן די בחורים פון די אַנדערע דריי. פלעגן די גרעסערע בחורים זיין הונגעריק און שרייען צו די „קליינע סמאַרקלעך" (און אַמאָל נאָך מיאוסער), אַז זיי זאָלן גיכער ענדיקן. די יינגלעך פון דריטן חדר, וואָס זיינען ערשט נאָר וואָס איבערגעגאַנגען פון צווייטן האָבן געשריגן מער פון אַלע וועגן די קליינע סמאַרקלעך... קיין דרך ארץ פאַר די מלמדים האָט מען נישט געהאַט. איז אַ יינגל אַרויס פון שמואל מלמד, האָט ער אים באַלד אויפגעהערט גריסן און דאָס זעלביקע איז געווען מיט מעכלען. אַז אַ יינגל איז אַרויס פון שמואלן, אָדער מעכלען, פלעג ער אַ סך מאָל צוגיין צו זיין חדר און געבן אַ קנאַק מיט דער טיר און אַנטלויפן. דער מלמד האָט נישט געזען ווער ס'איז און די קינדער האָבן מורא געהאַט אויסצוזאָגן, ווייל פאַר מסרן פלעג מען זיך שטאַרק אָפּרעכענען. שמואל מלמד איז געווען גאָר אַ פלאַכינ־קער און מען איז אים געקראָכן אויף דעם קאָפּ. ער איז געווען אַ גאָר קלייניג־קער און ער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, וואָס איז שוין געווען מער גרוי ווי רויטלעך; ווען דער מאַטע זעט אים, וואָלט ער געוואוסט, אַז רויטע ווערן אויך גרוי. ער האָט שטענדיק גערויכערט אַ ציגאַר מיט אַ גרויסן ציגאַרשפּיץ און די וואָנציעס זיינען אים געווען שטאַרק פאַררויכערט. ער האָט געקוקט אומעטיק און דערשלאָגן, ער האָט זיך אָפּנים געפילט שלעכט, וואָס ער איז דער קלענסטער מלמד און ער פלעג אַריבערטראָגן שטילערהייט דאָס קלאַפּן מיט דער טיר פון די גרעסערע בחורים. אָבער עס פלעג זיך אַמאָל מאַכן, אַז ער איז אַרויס פון די כלים, איז ער געלאָפן איבער דער גאַנצער ישיבה און ער האָט געשריגן, אַז ער וועט נישט לאָזן רשעים זאָלן אים מבטל זיין פון תורה. מעכל מלמד פלעג אַריבערטראָגן דאָס קלאַפּן מיט דער טיר פון די גרויסע מיט אַ קלוגן און בייזן שמייכל און ער פלעג צוגעבן זיין שטענדיקע קללה מיט אַכציק טויזנט שוואַרצע יאָר. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט מען זאָל אים זאָגן ווער עס איז געווען און די יינגלעך האָבן זיך געשוואוירן מיט טויטע קללות, אַז זיי האָבן נישט געזען, כאָטש אַ סך מאָל, ווען עס איז געווען אַ בחור, וואָס האָט ערשט דעם פריערדיקן זמן געלערנט דאָ, האָט זיך זייער שטאַרק געגלוסט דערציילן, די צונג האָט אַזש געביסן... דער בחור פלעג נישט חוזק מאַכן פון רבין אַליין, נאָר פון דעם גאַנצן חדר, ער פלעג ווי זאָגן צו אַלע: „איר זיינט נאָך געבליבן קליינע דרעקלעך און איך בין שוין אַ גרויסער", אָבער אויסגעזאָגט האָט מען דאָך נישט... מען האָט זיך געקריגט און געשלאָגן און פיינט געהאַט, אָבער געמסרט האָט מען זיך נישט. האָט געטראָפן, אַז אַ בחור איז קראַנק געוואָרן, זיינען אַלע פאַרציטערט גע־וואָרן און זיי האָבן געטאַנצט אַרום אים און געוואַכט לעבן אים און זיי זיי־נען גרייט געווען אים צו אַוועקגעבן די נשמה און אויב ער האָט נישט גע־האַט, פלעג מען זיך צונויפלייגן פון לעצטן און אים קויפן אַ מאַראַנץ, אָבער ווען ער איז צוריק געזונט געוואָרן, האָט מען זיך באַלד אָנגעהויבן מיט אים

קריגן און מען האָט אים נישט געזשאַלעוועט קיין בייזע ווערטער און קיין קללות. אַז דער רבי האָט אַ ייִנגל געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, פלעגן אַלע ווערן אויף אים להשמיד ולהרוג ולאבד, איבערהויפּט איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה וועגן דעם ווער ס'איז דער בעסטער אין חדר, אָבער ווען דער רבי האָט איינעם באַשטראָפט, האָבן אַלע ייִנגלעך געהאַלטן מיט אים און זיי זיינען אים גרייט געווען צו העלפן מיט אַלצדינג און דורס זיין דעם רבין. אָט ווי קליין יאַנקל איז געווען, האָט ער געזען, אַז מען האָט פיינט דעם, וואָס עס גייט אים גוט און מען האָט רחמנות אויף דעם, וואָס עס גייט אים שלעכט.

ווען מען האָט אויפגעגעבן אַ גרעסער „לייענען" פון אַ שווערער סוגיא, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוועט. מען האָט זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען און מען האָט געלערנט, אַז עס איז געגאַנגען אַ רויך. אייניקע זיינען אפילו געבליבן וואַך אַ גאַנצע נאַכט אין דער ישיבה אויף צו לערנען, אָבער איינער דעם אַנדערן האָט נישט אויסגעזאָגט. די שוואַכערע קענערס האָבן געלערנט צו דריי און צו פיר אין איינעם, די שטאַרקערע האָבן געלערנט באַזונדער און איינער האָט געזוכט דעם אַנדערן צו איבערשטייגן. די שוואַכערע קענערס האָבן געקוקט אויף די שטאַרקערע אַזוי ווי קבצנים קוקן אויף גבירים און די שטאַרקערע קענער זיינען גרייט געווען צו דערטרינקען איינס דאָס אַנדערע אין אַ לעפל וואַסער...

איין מאָל האָט מעבל מלמד, ווי זיין שטייגער איז געווען, פאַררוקט די ברילן אויף דעם שטערן און ער האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין דער גמרא אַריין. מען האָט אין אַזאַ פאַל געמעגט שיסן מיט אַ קאַנאָן, האָט ער נישט געהערט. עס איז געווען נאָך אַ פּילפּול אַרום אַ שווערער סוגיא. מעבל האָט זיך אין אַזאַ פאַל נוהג געווען, אַז ער האָט אויסגעפרעגט די בעסטע ייִנגלעך פון חדר. דער שאַרפסטער קאָפּ איז געווען יאַנקל אַקערמאַנער, וואָס איז געווען כמעט אין איינע יאָרן מיטן „קיליער". אָבער אַ סך קלענער פון אים אין וואוקס. ער האָט אויסגעזען ווי אַ קליין שרעטעלע און ער האָט געהאַט איין אויג אַביסל קאָסאָקע. דאָס היטל פלעג אים שטענדיק זיין פאַררוקט. איינער פון די שאַרפסטע קעפּלעך איז געווען אַ קעשענעווער ייִנגל, וואָס האָט געהייסן שמואליק. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דינער אַזוי ווי אַ שטעקעלע, האָט געהאַט אַ ווייס פנימל ווי פון קאַלך און שאַרפע אייגלעך, דאָס מויל איז געווען ביי אים אַביסל אויסגעדרייט און ווען ער האָט גערעדט, איז עס געוואָרן נאָך מער אויסגעדרייט. אַ גוטן קאָפּ האָט אויך געהאַט איינער מרדכי, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ ווינקל־דיין און האָט געפּסקנט שאלות אַן דערלויבעניש פון קהל, זיין זיידע איז געווען אַ מין גוטער ייִד, וואָס האָט געטראָגן זיבן יאַרמעלקעס און מען האָט אים טאַקע גערופן „דער רבי מיט די זיבן יאַרמעלקעס". מרדכי האָט געהאַט אַ גאָר גוטן קאָפּ, אָבער ער האָט געהאַט אַ פּאַרעך און ער האָט זיך געדאַרפט גוט באַדעקן מיטן היטל, אַז

מען זאָל אים נישט אַרויסזען און ער האָט זיך געשעמט צו קריכן פאַרויס
און ער איז נאָך געווען אַ הייזעריקער אויך און ער האָט קיינעם נישט געקענט
אַריבערשרייען. משה אַקערמאַנער איז אויך געווען פון די גוטע קעפּ; ער
האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ רייכן בחור, ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ
שיינע שטאָפענע קאַפּאָטע, אַ ווייסן פּאַפּירענעם קאָלנער און אַ פּאַפּירענע
מאַנישקע, די ברילן האָבן אים אויך צוגעגעבן אַ רייכן אויסזען און ער האָט
דעם קאָפּ פאַרריסן. געווען אַ יינגל, וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ גוטן קאָפּ,
ווי אַ גוטן אָחור, ווי דער רבי האָט געזאָגט. ער איז געווען איינער פון די
גרעסטע מתמידים אין דער ישיבה און ער האָט אַפילו אום שמחת תורה גע־
לערנט. ער איז געווען אַ הויכער, האָט געהאַט אַ לאַנג פּנים מיט אויסגע־
שטשירעטע ציין און אַזאַ גרויסן פאַרעך, אַז מען האָט אים נישט געקענט באַ־
האַלטן און ער האָט אַפילו נישט געפּרואווט באַהאַלטן. ער האָט געזאָגט, אַז
ער איז שוין אויסגעהיילט און עס זיינען נאָר געבליבן די סימנים, אָבער מען
האָט אים דאָך גערופן אברהם פאַרעך, אין די אויגן האָט מען אים אַזוי גע־
רופן און עס האָט אים נישט געהאַרט. יאַנקל האָט אויך געהייסן פון די בעס־
טע יינגלעך אין חדר, אָבער ער איז געווען אַ שעמעוודיקער און ער האָט זיך
נישט שטענדיק אַרויסגעשטעלט. ביי יענעם מחלוקת, איז ער דאָך אויפגע־
שפּרונגען און געקוויטשעט. די זעקס ערשטע יינגלעך זיינען געשטאַנען ווי־
הענער און זיי זיינען געווען גרייט אַריינצופאַרן איינער דעם אַנדערן, אברהם
האָט אַלעמען פאַרשטעלט און אַלע אַריבערגעשריגן. מעכל האָט זיי שטיל גע־
מאַכט און געקוקט לאַנג מיט די ברילן אויף דעם שטערן און ער האָט דערנאָך
געזאָגט, אַז ער וועט שוין מאָרגן זאָגן ווער ס'איז גערעכט. די יינגלעך זיינען
געווען אַנטוישט, זיי האָבן געוואָלט עס זאָל שוין גיין בלוט און מען זאָל וויסן
וואו דער אמת פון דער תורה שטעקט... דער רבי האָט אָנגעהויבן אַן אגדתאָ,
ער האָט געברומט מיט זיין טיפן באַס און מיט זיין ליטווישן לשון: „הן
בקדושיו לא יאמין, גאָט ברוך גלויבט נישט אַפילו אין זיינע הייליקע, אַ
ראיה איז: ר' יוחנן כהן גדול, וואָס האָט אַכציק יאָר משמש געווען אין דער
כהונה גדולה, איז דערנאָך אַרויס לתרבות רעה"... דער רבי האָט אָנגעטאָן די
ברילן און געקוקט מיט ניצחון אויף די יינגלעך — מען דאַרף שטענדיק
אַכטונג געבן אויף זיך און אָפּהיטן יידישקייט. הויבט זיך אויף יאַנקל און
ער זאָגט, אַז ער האָט צו פרעגן אַ קשיה. און דער רבי קוקט מיט אַ שמייכל
און ער הייסט פרעגן, ער איז זיכער, אַז ער וועט אים באַלד צערייבן מיטן
ענטפער. און יאַנקל פרעגט: „היתכן? כביכול גלויבט נישט אין זיינע היי־
ליקע? עס שטייט דאָך געשריבן, אַז כביכול איז אַ יודע מחשבות און אַ יודע
עתידות? ער קען דעם מענטשנס געדאַנקען און ער ווייסט וואָס מאָרגן וועט
זיין"... דער רבי איז געבליבן אָפּהענטיק, ער האָט אַרויפגעקוקט און אַראָפּ־
גערוקט די ברילן, געקוקט אין די גרעסערע און אין די קלענערע אותיות און

— נישט געפֿונען קיין תירוץ. און ער האָט אַרייַנגערופֿן גמליאלן און יענער איז אַרייַן ווי אַ ווינט, די באָרד מיט די פּאות זייַנען אים געפֿלויגן, דאָס מויל איז אים געווען אָפֿן, די אויגן האָבן געוואָלט אויפֿעסן און זיי האָבן געוואָלט שמייכלען און ער האָט אויסגעהערט די שאלה און ער איז אַרויס פּונקט ווי ער איז אַרייַן. אין חדר איז געוואָרן אַ שטילער רויש, מען האָט גערעדט מער מיט די אויגן ווי מיט די מיילער. איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

— שטיל ווי אַ תּם און שטויסט ווי אַ מועד.

אַן אַנדערער האָט געזאָגט:

— געשטעלט גמליאלן אַליין אַ קשיה און ער האָט נישט געקענט ענט־פֿערן...

מעכל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַרייַן און געשריגן: „שטילער, האָט אייַך אַבציק טויזנט שוואַרץ יאָר...” און ער האָט זיך געזעצט לערנען גלייַך עס וואָלט גאָרנישט געווען. אינעווייניק האָט עס געקאָכט, דאָס לערנען איז נישט געווען קיין לערנען. אין דרויסן איז געוואָרן אַ טומל. גמליאל האָט אַ פּנים דערציילט די קשיה זייַנע תּלמידים און די תּלמידים פֿון „ליידיקן” חדר און מ'האָט זיך געאַמפּערט און געזוכט תּירוצים... אין האַלבע שעה אַרום איז גמליאל ווידער אַרייַן אין חדר ווי אַ ווינט און ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעבן מעכלען און גענומען שרייַען צו יאַנקלען: „הער נאָר, דו, דייַן קשיה פֿרעגט דער רמבם... אָבער דו וועסט מיר קומען אַזעלכע קשיות דאָ? דו טיפּה סרוחה... דו מיינסט, אַז ס'איז דאָ אַ פּלאַץ פֿאַר אַפּיקורסות ווי פֿריער באַם סאַראָקער רבֿ?” און נישט ענטפֿערנדיק, וואָס דער רמבם ענטפֿערט, איז ער אַרויס. די יינגלעך האָבן אַליין גענומען זוכן אין רמבם. יאַנקל האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס איז עס באַם רמבם נישט קיין אַפּיקורסות און בייַ אים יאָ און מיט וואָס איז ער נאָר אַ טיפּה סרוחה? און וועמ איז עס דער סאַראָקער רבֿ? ער איז געבליבן צעחושט און ער האָט אַ לאַנגע צייַט נישט געהערט וואָס דער רבי האָט געלערנט. ערשט אויף מאָרגן האָט ער זיך דער־וואוסט, אַז פֿאַר גמליאלן איז אין דער ישיבה געווען דער גרעסטער מלמד דער סאַראָקער רבֿ און די בחורים זייַנען בייַ אים געוואָרן אַפּיקורסים, מען האָט זיי געטראָפֿן נישט אָפּגיסן קיין נעגל־וואַסער און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי אויסגעלערנט און מען האָט אים אָפּגעזאָגט. יאַנקל איז אַ שטיק צייַט דערנאָך אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿרעמדער אין דער ישיבה, אַלע האָבן גע־טייטלט מיט די פֿינגער אויף אים, מען האָט אים שוין אַפֿילו גערופֿן „דער אַפּי־קורס”. שמחהלע האָט געאַרבעט מעשים און געשריגן, אַז ער וויל נישט קיין משכּילים אין ישיבה און ער האָט געשיקט פֿרעגן בייַ דער גרשונקע, צי ער פֿירט זיך אויף אידיש, צי ער גיסט זיך אָפּ נעגל־וואַסער און צי ער דאַוונט אין דער פֿרי. די גרשונקע האָט זיך געשוואוירן, אַזאַ אַזאַ יאָר זאָל זי שוין האָבן וואָס פֿאַר אַ כּשר קינד ער איז און זי האָט געוויינט. עס איז אָנגע־

קומען ביז אין הויכן בית מדרש, אז יאנקל האט געשטעלט אן אפיקורסישע פראגע דעם ראש, מאטל מנקר האט אים געזאגט מוסר פארן קידוש און נאך דעם קידוש, זיידל פון ארץ ישראל געלט האט זיך פאר אים אנגענומען און ער האט געזאגט, אז ער איז ערב פאר אים, אז ער וועט שוין מער נישט. און ביי אלי קיליער איז אויך געווארן א גערודער. אלי האט געקוקט אויף אים ווי מיט אויגן פון א געקווילעטער קו. איין שטיקל בוהושער חסיד איז דא אין דער גאנצער ישיבה, גייט ער און מאכט אזא מעשה... דער קליינער אשר האט געזאגט, אז ער וועט זיך מיט אים מער נישט שפילן, ווייל ער איז אן אפי־קורס און לייבעלע האט געזאגט, אז ער האט געמיינט ער איז „דאי נאשטרי". צום סוף איז ער גאר א פוילישער. מען האט געטרונקען צו אים לחיים און געוואונטשן, אז ער זאל תשובה טאן... און ער האט פארט נישט געוואוסט, וואס אזוינס ער האט געטאן. אויך פון דער היים האט ער באקומען א בריוו פון טאטן און פון דער מאמען, וואס איז געווען דורכגענעצט מיט טרערן, זיי האבן אים געבעטן, אז ער זאל זיי נישט פארשעמען און נישט פארשטערן דעם נחת. זיי האבן נישט געשריבן ווער ס'האט זיי מודיע געווען דערפון, אבער ער האט שוין געוואוסט, אז דאס איז שמחהלעס ארבעט. און ער איז געווארן דער שטילסטער אין חדר און ער האט א שטיק צייט געשוויגן, ער האט קיינמאל מער קיין קשיות נישט געפרעגט און ער האט זיך מיט קיינעם נישט געפילפולט, אז מען האט אים געפרעגט, האט ער געענטפערט.

דערווייל האט יאנקל געדארפט גיך ווערן בר מצווה. פון דער היים האט מען אים דערמאנט, אז ער ווערט דרייצן יאר פונקט ניין טעג נאך תשעה באב; דער טאטע האט געשריבן ח' אב. מיט א חודש פריער האט ער געדארפט אנהייבן לייגן תפילין. דער טאטע האט אים געשיקט א פאר תפילין מיט א שיין תפילין־זעקל. ער האט געשריבן, אז די תפילין זיינען נאך פון זיידן און ר' נחמן סופר אליין האט זיי געשריבן. מעכל האט מיט יאנקלען גע־לערנט באזונדער הילכות תפילין און ער האט אים געוויזן ווי צו לייגן זיי. דער טאטע האט אים געשיקט דריי קערבלעך דערפאר און חוץ דעם אויף בראנפן מיט קיכלעך סיי אין שול, וואו מ'וועט אים מאנטיק אויפרופן און סיי אין דער ישיבה פאר אלע בחורים. פון שול האט מעכל אהיימגענומען א האלבע פלאש בראנפן און א טיכל מיט קיכלעך, אבער אין דער ישיבה האט נישט געסטייעט און יאנקל האט נאך צוגעגעבן עטלעכע קאפקעס מען זאל קויפן נאך א פלעשל און עטלעכע קיכלעך. אלע בחורים האבן אים געטרונקען לחיים מיט די הענט, אייניקע האבן געווינט, וואס זיינע עלטערן זיינען נישטא... דער רבי לייב האט אים געוואונטשן אז ער זאל זיין א בר אורין און א בן תורה און די „רישן" האבן נעגרילצט און געשניטן. גמליאל האט אים געדרייט ביים אויער, אז ער זאל מער קיין אפיקורסישע קשיות נישט שטעלן און אים געוואונטשן, אז ער זאל גלייבן באמונה שלימה בביאת המשיח... מעכל האט אים געזאגט:

„זאָלסט זיין אַ בן תורה, האָב דיר אַכציק טויזנט..." און ער האָט זיך פאַר־כאַפּט. דער אַלטער שמואל האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם ציגאַר שפּיץ פון מויל און ער האָט אים געוואונטשן עפּעס. וואָס ער האָט נישט געקענט הערן און ער האָט געקלאַפּט מיט די שטיוול, וואָס זיינען געווען גרעסער פון אים. און ביי יאָסל דאַליצקי האָט ער געמוזט קומען ·עסן אַ באָרשט מיט וואַרעני־קעס און אַפילו די קליינע גרינע מיידלעך האָבן אים געצויגן ביי די אויערן. און ריוועס שוועסטער, די שיינע שוחטקע ציפּע, וואָס האָט אויסגעמישט אירע אייגענע האָר מיטן פּאַרוק און מען האָט דערפאַר געמיינט, אַז זי גייט מיט די אייגענע האָר, איז דאָרט אויך געווען און זי האָט אים געצויגן ביי די אויערן און ער האָט ערשט דעמלט געזען, אַז זי איז שיין און פוכקע און ווען זי האָט אים צוגעקוועטשט צו זיך און אים געקניפּט די באַקן, האָט ער דערפילט, אַז ער איז אַ מאַן און זי אַ פרוי (ער האָט דעמלט עס גערופן, אַז ער איז אַ יינגל און זי איז אַ מיידל). און ביי אלי שוחט האָט מען אויך גע־מאַכט אַ באָרשט מיט וואַרעניקעס פאַר אים און אפשר דריי מנינים זיינען געווען אין שטוב און זיי האָבן געטרונקען לחיים צו אים. און אויף שבת האָט אלי קיליער אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל אים אויפרופן צו מפטיר אין הויכן בית מדרש. עס איז אים נישט אָנגעקומען גרינג און ווען ער איז נישט אלי קי־ליער, וואָלט ער עס נישט אויסגעפירט. און יאַנקל האָט געזאָגט די הפטרה מיט אַ קנאַק, אַז פון דער ווייבערישער שול האָט זיך געהערט אַ שלוכצן. אלי האָט אים געליגן דעם טלית מיט דער שווערער זילבערנער עטרה און מאָטל מנקר איז צוגעלאָפן לעבן אים ביים ספר און אָפּגעמאַכט די ברכה „ברוך שפטרני מעונש הלזה" און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל צו וויסן טאָן דעם טאַטן, אַז ער האָט געמאַכט די ברכה פאַר אים. און נאָך דעם דאַווענען האָט מאָטל מנקר געהייסן דעם שמש מודיע זיין, אַז ער לאַדט איין דעם גאַנצן עולם אויף קידוש צוליב דעם, וואָס זיין אורח החתן יעקב בן אברהם שוב מקיליע איז געוואָרן בר מצווה... און אַ גרויסער עולם איז געגאַנגען, צענדליקער הענט האָבן צו אים געשטעקט לחיים; די מנקרשע האָט געהאַלטן אין איין געבן פעטע קוגלען. וואָס האָבן געראָנען, די יידן האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייִנען. און די מנקרשע אַליין האָט אויך געוויינט, וואָס יאַנקלס מאַמע איז נישטאָ און זי זעט נישט דעם נחת. און ביי גרשון מלמד האָט יאַנקל געמוזט באַזונדער פּראַווען די בר מצווה, ער האָט געמוזט קויפן האָניק־לעקעך און בראָנפן און געבן צו טרינקען לחיים און צוביסן דעם באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע מיט די גרויסע, דיקע יינגלעך פון די דערפער, וואָס האָבן געלערנט ביי שמואלן און האָבן געהאַט, ווי די גרשונקע האָט געזאָגט, פּיסקעס פון מאַמע־ליגע... יאַנקל אַליין האָט באַשריבן אין אַ בריוו אַהיים זיין בר מצווה אויף גאַנצע צוויי ביינגעלעך פּאַפּיר, ער האָט אויסגענוצט אַלע לשון קודשדיקע ווער־טער, וואָס ער האָט געקענט און אַלע יידישע און ס'האָבן אים נאָך אויס־

געפעלט ווערטער. יאָסל דאַליצקי האָט באַזונדער געשריבן. פון דער היים האָט מען געענטפערט, אַז קיינער איז אין יענע טעג נישט געווען אַזוי גליק־לעך ווי די מאַמע און קיינער האָט נישט געוויינט אַזויפיל וויפל זי. צו אַלע קרובים איז זי געגאַנגען מיט די בריוו און צו אַלע באַקאַנטע און זי האָט זיי געלייענט און געזאָגט, אַז מיסתמא האָט זי נישט זוכה געווען ביי גאָט דאָס צו זען און זי האָפט צו דערלעבן דערפאַר די חופה. אין איין שטוב האָט די מאַמע שיעור נישט געחלשט פאַר פרייד; אַזוי האָט דער טאַטע געשריבן...

און עס איז אָנגעקומען אלול און יאַנקל האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין צו פאָרן אַהיים אויף ראש השנה און יום כיפור. אין מיטן אלול האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרהערעכצן און ר' שלום טשאַרטקאָווער האָט באַ־זונדער געמוטשעט יאַנקלען מיט שאלות נישט אַזוי וועגן דעם, צי ער קען ווי וועגן דעם, צי ער איז פרום. מען האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז ער איז אַן אפיקורס. און שלום האָט אים ערשט דערנאָך גערופן צו זיך אַהיים און אים דאָרט געמוסרט; ער האָט אים פשוט גענומען די לעבער. ער האָט אים גע־זאָגט, אַז ער וואָלט אים באַשטראָפט און געלאָזט נאָך אויף אַ זמן ביי מעב־לען, אָבער ער וויל זיין טאַטן נישט פאַרשעמען, ער האָט אַ טאַטן אַן ערלעכן יידן. און אַנדערע ערלעכע יידן האָבן אים אויך געבעטן פאַר אים. איז דער־פאַר זאָגט ער אים, אַז ער וועט אים איבערפירן צו לייבן... יאַנקלען איז גע־וואָרן גרינגער אויף דעם הארצן, ער האָט דערפילט אַ פרייד אויף צו וויינען... ער האָט שוין דערנאָך אויף העלפט געהערט, וואָס דער שלעכטער ייד מיט דער שיינער באָרד האָט אים געזאָגט. און ר' שלום האָט זיך נישט אויפגע־הערט צו גלעטן די שיינע באָרד און ריידן און ריידן. ער האָט אים געזאָגט זהיר וזהיר, אַז ער זאָל נישט גיין אין שלעכטע וועגן, ער זאָל נישט גיין אין לייזערל אַבאַדיוווקערס וועגן... יאַנקל האָט דעם דאָזיקן נאָמען געהערט קוים, קוים; ער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז. דעם ערשטן וואָס יאַנקל האָט געטראָפן אין דער ישיבה איז געווען שמואליק מיטן קרומען פיסקל און ער האָט אים געפרעגט ווער איז דער לייזערל אַבאַדיוווקער. שמואליק האָט זיך אַזש דערשראָקן און ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף בענטשן גומל, וואָס ער האָט אים געפרעגט, ווייל אַנישט וואָלט ער שוין געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. לייזערל האָט געענדיקט די ישיבה און ער איז געווען פון די בעסטע יינגלעך. ער האָט אַ זיידן אַ רב און ער האָט שוין אַליין אויך געדאַרפט קריגן סמיכות, אָבער ער איז אַרויס לתרבות רעה און איז געוואָרן דער אמתער אפיקורס, ער האָט אפילו אום יום כיפור נישט געפאַסט און זיין נאָמען טאָר מען נישט דערמאָנען, ימח שמו... שמואליק האָט אויסגעשפיגן דריי מאָל...

יאַנקל איז געפאָרן איבער אָדעס. מען האָט אים געשריבן דעם אַד־רעס פון דער אַכסניה פון ראובן בערן, וואו ער איז שוין אַמאָל איינגע־שטאַנען מיטן טאַטן און דאָרט וועט ער שוין טרעפן אַ סך קיליער מיט וועל־

כע ער וועט פאָרן צו דער שיף. ער וועט נישט דאַרפן נעכטיקן אין אָדעס, ער וועט אָנקומען אין דער פרי און פאַרנאַכט גייט אָפּ די שיף.

און יאַנקל האָט איצטער בעסער געזען אָדעס ווי אַמאָל. אין דער ישיבה איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געהייסן אלי אָדעסער, ער איז געווען אַ לאַנגער, שוין מיט אַ שטיקל בערדל און ער האָט נאָך געלערנט ביי לייבן, ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע ביז אין דער ערד און לאַנגע פאות פאַרדרייט אויף פלעשעלעך. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ שווערן קאָפּ, אָבער ער איז אַ גרויסער מתמיד און ער וועט דערגרייכן פונקט ווי די מיט די גוטע קעפּ. זיינע עלטערן זיינען געווען ערגעץ פון וואָלין, אָבער זיי האָבן געוואוינט אין אָדעס און אלי האָט מיטגעגעבן יאַנקלען אַ בריוו צו זיי און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער דאַרף נישט זיין ביי ראובן בערן צוליב דעם פאָרן אין איינעם מיט קיליער צו דער שיף, וואָלט ער געקענט זיין דעם גאַנצן טאָג ביי זיין טאַטע־מאַמע. יאַנקל איז צוגעפאָרן צו זיי פריער און צו ראובן בערן איז ער געפאָרן שפּעטער. זיי האָבן געוואוינט אויף דער פּראָבאָראָווסקי גאַס, וואו עס איז געווען דער טאָלטשאָק, זיי אַליין האָבן אויך פאַרקויפט אַלטע זאַכן, זיי האָבן אויסגעזען צו זיין פּראָסטע און גוטע יידן. זיין טאַטע איז געגאַנגען אַ קורץ רעקל, אָבער ער האָט געהאַט לאַנגע פאות, וואָס ער האָט פאַרשאַרט הינטער די אויערן. אַ ברודער האָט אלי געהאַט, איז ער אין גאַנצן געווען ענלעך צו אים און ער האָט אויך געהאַט פאַרשאַרטע פאות און ער איז געגאַנגען אַ קורץ רעקל. דער ברודער האָט שוין נישט געלערנט, נאָר ער האָט געאַרבעט אין איינעם מיט די עלטערן. דער ברודער איז געגאַנגען מיט יאַנקלען ווייזן אָדעס. ער האָט אים געוויזן די בולוואַרן, איז געפאָרן מיט אין אין דער „קאָנקע” און האָט אים געוויזן די שענסטע גאַסן און ספּעציעל די דעריבאַסאָווסקע, וואָס איז געווען שטאַרק ברייט און האָט געהאַט ריזיקע שויפענצטער. אפשר אַ העלפט פון די געביידעס זיינען געווען פענצטער. יאַנקל האָט פשוט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מ'קען מאַכן אַזעלכע גרויסע שויבן און וואו מען קריגט זיי... אויף דער דעריבאַסאָווסקע האָט ער געזען דעם „פּאַסאַזש”, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער וועלט. מען האָט אין אים געקענט אַריינגיין אין איין גאַס און אַרויסגיין דורך אַן אַנדערער; און אינעווייניק אַליין זיינען ווידער געווען גרויסע געשעפטן מיט גרויסע פענצטער. מען האָט געקענט פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין דעם פּאַסאַזש. אלי אָדעסערס ברודער האָט געזאָגט, אַז מען געפינט אַלצדינג אין אים און אַז מען האָט געמעלדעט, אַז מען גיט פינף און צוואַנציק קערבלעך דעם דאָזיקן, וואָס וועט אָנרופן אַ זאַך, וואָס וועט נישט זיין דאָרט און אַ ייד האָט געזאָגט ציצית, טליתים, תפילין, אתרוגים און ער האָט געוואונען וויפל געלט ער האָט אַליין געוואָלט און זייט דעמלט זיינען דאָרט דאָ אַלע יידישע זאַכן. יאַנקל האָט דאָרט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען אַזעלכע גרויסע שפּיגלען, אין וועלכע מען קען זען

דעם מענטשן פון קאָפּ ביז אין די פיס און ער האָט זיך דאָרט אָנגעקוקט. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אַ גרויסער און צום סוף האָט ער געזען, אַז ער איז נאָך קליין; שוין געוואָרן בר מצווה, האָט ער זיך געזאָגט מיט פאַר־דרוס, און ער איז גרויס ווי אַ הונט זיצנדיק. און דאָס לאַנגע רעקל, וואָס ער האָט געטראָגן מיט דעם לאַנגן איבערציִער פון אויבן, האָבן אים געמאַכט נאָך קלענער. דאָס פּנים איז אים געווען דאַר און גרין, די מאַמע וועט שוין געוויס זאָגן, אַז ווייל ער האָט נישט אירע קעסט, איז ער אַ תּל געוואָרן. ער איז טאַקע אין דער היים געווען פאַפּראַווענטער. ער האָט אין קעשענעוו נישט געגעסן קיין ברויט מיט זאַלץ און נישט געטרונקען קיין וואַסער מיט אַ מאָס און ער איז נישט געשלאָפן אויף דער ערד, אַזוי ווי עס שטייט אין פּרק, אַז מען דאַרף, ווען מען וויל לערנען תּורה, אָבער צופיל צו זאַט האָט ער אַ גאַנ־צע וואָך נישט געגעסן און ער איז געווען שוואַך; ווען ער פלעג פרייטיק ביי־טאָג גיין אין דער גרויסער קעשענעווער באָד און ער פלעג צופיל שפּרינגען פון אויבן אין מקוה אַריין אין איינעם מיט אַלע ייִנגלעך, פלעג זיך אים שפּעטער פאַרדרייען דער קאָפּ, ווייל ער האָט ווייניק כּוח. נישט אומזיסט שטייט געשריבן, התּורה מתשת כּוחו של אָדם (די תּורה מאַכט שוואַך דעם כּוח פון מענטשן). דאָס פּנים האָט אים אויסגעזען זייער דאַר אין שפּיגל און די נאָז איז געווען אַ גרויסע, זי איז געווען פּונקט ווי ביי זיין טאַטן, אָבער נאָך גרעסער. די פּאות האָבן אים אויך נישט אויסגעזען שיין אין גרויסן שפּיגל, אַרום און אַרום האָט ער דאָרט קיינעם נישט געזען מיט קיין פּאות און ער האָט זיי געפּרואווט אַרונטערשאַרן הינטער די אויערן און האָט זיך פאַרשעמט פאַר אַלי אָדעסערם ברודער, כאָטש יענער איז אויך געגאַנגען פאַרשאַרט די פּאות... יאַנקל האָט אויסגעטאָן דאָס היטל און געקוקט אין שפּיגל אַריין, דער קאָפּ איז אים געווען אָפּגעשוירן צו דער הויט און ער האָט אויסגעזען ווי צוויי בערגלעך פון ביידע זייטן מיט אַ טאָלעכל אין מיטן. ער האָט אויף גיך אָנגעטאָן צוריק דאָס היטל און ער האָט זיך שוין געשראָקן, אַז גאָט וועט אים שטראָפן, דערפאַר, ווייל ער איז צו לאַנג געגאַנגען מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ...

ביי ראובן בערן האָט ער געטראָפן אַ סך קיליער יידן, זיי האָבן אים אַלע אָפּגעגעבן גרוסן פון דער היים און גערעדט מיט אים עפּעס ווי מיט אַ גרויסן, ער האָט געפילט, אַז מען האָט פאַר אים מער דרך ארץ ווי פאַר אַן אַנדער קינד און ער האָט זיך דערפון געפילט פרעמד. אַ פרייד האָט אים דאָך דאָרט דערוואַרטעט — דער פעטער מאיר פון אַקערמאַן איז דאָרט געווען, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים געהאַלטן אין איין אַרומזוכן און דאָ האָט מען שוין באַלד געדאַרפט פאָרן צו דער שיף. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אים שוין נישט זען. ער איז אָבער באַלד געקומען. ער איז געווען דער זעל־ביקער פעטער מאיר, וואָס אַמאָל מיט דעם זעלביקן גוטן געלעכטער, אָבער

אביסל גרויער און דאכט זיך ערגער אנגעטאן. ער האט געזאגט, אז ווען עס וואלט נישט געווען אזוי נאענט צו ימים נוראים און ער וואלט נישט געפעלט פון קיליע שוין א יאר, וואלט ער אים מיטגענומען קיין אקערמאן, וואוהין מען פארט מיט דער שיף אין גאנצן א צוויי שעה. מען וואלט זיך מיט אים געפרייט! די מומע העניע און די מומע מלכה מיטן פעטער... אבער ער וועט אים אפפירן צו דער שיף, עס איז נישטא קיין ברירה! און ער האט גערעדט צו אים ווי צו א גרויסן און ווי צו אן אייגענעם! ער האט זיך פאר אים אראפגערעדט פון הארצן, אז עס גייט נישט גוט מיט דער פרנסה און עס טוט אים שוין באנק, וואס ער איז נישט געווארן קיין שוחט... א שוחט קען טאקע נישט ווערן קיין גביר, אבער מיט ברויט פאר זיך און פאר די קינדער איז ער פארזארגט. און ער האט אים דערציילט, אז ער קויפט זייף ביי א גליד געשוועסטערקינד, משה זשעלעזניאק, ער איז אן איידעם פון איינעם סירקים, וואס האט די גרעסטע זייף־פאבריק אין אדעס. ער קויפט אויף חוב און באצאלט, איצטער האט ער אים אויך באצאלט, אבער מער קיין קרעדיט וויל ער אים נישט געבן. און ער איז דאך אייגן פלייש און בלוט! א גליד געשוועסטערקינד. זאגט ער „פראטע קו פראטע, ברינזי קו באני" (א ברודער מיט א ברודער און קעז מיט געלט — א מאלדאוואניש ווערטל). ער האט געדארפט איינליייגן וועלטן, אז ער זאל אים געבן פאר זעכציק קערבלעך זייף. משה זשעלעזניאק פון האנטשעשט, אזא אייגענער... דער פעטער האט זיך געהאלטן אין איין קושן מיט יאנקלען. ער האט שוין לאנג נישט געפילט אזא נאענטן אייגענעם מענטשן לעבן זיך. אויף דער שיף זיינען געפארן א סך קיליער יידן און גויים און אלע האבן אים געפרעגט וואס ער טוט און וואו ער לערנט. אבער די גויים האבן זיך געוויזן היימישער ווי די יידן און זיי האבן געשפאסט פון אים און געזאגט, אז ער זעט אויס ווי א קליינער ראבין, די יידן האבן געהאט צופיל דרך ארץ פאר אים. עס איז געפארן אויך יאקל שוסטער, ער איז אלץ געווען א פריילעכער ייד מיט אן אפענעם פנים און מיט א גרויסער בארד, ער האט אים געקענט פון קינדווייז אן, ער איז געווען ביי אים אויפן ברית און ער האט אים דאך געזאגט „איר"... די שיף איז געגאנגען גיך, יאנקל האט געזען ווי די רעדער שניידן דאס גרינע וואסער און מאכן א שוים און דאס וואסער, וואס איז שטילער ווי עס איז געווען אמאל, אנטלויפט און ער האט געוואלט, אז עס זאל לויפן נאך גיכער. ווען עס איז געווארן שפעט, האט ער זיך געלייגט שלאפן אויף דער ברייטער באנק גלייך מיט נאך א סך — מען האט אים נאך פון דער היים געשריבן, אז אזוי ווי ער וועט ארויפקומען אויף דער שיף, זאל ער פארכאפן א פלאץ — אבער שלאפן האט ער נישט געקענט, ער האט זיך געדרייט אהין און אהער און ער האט געמוזט אראפגיין. ער איז אנטשלאפן געווארן גאר שפעט, דערפאר איז ער פארשלאפן דאס שטעטל ווילקאוו און ער האט נישט געהערט ווען

די שיף איז אהין צוגעקומען און ווען זי איז אוועק. ווען ער האט זיך אויפ־געכאפט, האט ער באלד געפרעגט אויף ווילקאווו, האט מען אים געענטפערט, אז עס וועט שוין זיין צוריקוועגס. און ער האט אזוי געוואלט זען משה טשי־טשלניצקי, אין קעשענעוו איז אים קיינער פון די יידן נישט געווען אזוי היימיש ווי ער...

אין קיליע האבן אויף אים געווארט אויף דער שיף דער טאטע, די מא־מע, מרים, שפרה און דער ברודער לייב, ער איז שוין געווען א גרויסער, ארי־בער דריי יאר. א בחור מיט לאנגע הויזן און מיט ברענענדיקע אייגלעך און מיט פאות. דער פעטער נח האט אויך געווארט, ער האט געארבעט אין דער זעלביקער האלץ־מיל נישט ווייט, איז ער צוגעקומען. די פרייד האט קיין גרעניץ נישט געהאט. די מאמע האט נאך קיינמאל אזויפיל נישט געוויינט און זי האט געזאגט: „זע נאר ווי דו זעסט אויס, בר מצוה־בחור מיינער, די ביינער זאלסטו מיר איבערלעבן... נישטא דער מאמעס קעסט, ווי איז דער מאמען, זע נאר ווי גרין ער איז." דער טאטע האט זי געזוכט צו בארואיקן און ער האט געזאגט, אז ער זעט אויס שיין ווי גאלד און אז אנדערש זעט נישט אויס א בחור, וואס לערנט תורה... מרים האט זיך געהאלטן פרעמדלעך און שפרה האט גערעדט און גערעדט און באלד געפרעגט פארוואס ער וויל ווערן אן אפיקורס און דער טאטע האט איר פארשטאפט דאס מויל... מרים איז געווען א גאנצע „בארישניע", שיין אנגעטאן און א שיינע, מיט ליכטיקע אויגן, וואס האבן געשיינט און געברענט, ער האט אין קעשענעוו און אין אדעס אויך נישט געזען קיין סך שענערע. דאס קליינע ברודערל האט זיך גע־האלטן שעמעוודיק און ווען יאנקל האט אים געוואלט אויפהייבן, האט ער זיך צעוויינט און מען האט אים קוים איינגערעדט, אז דאס איז א ברודער און ער דארף זיך האלטן גוט מיט אים. ערשט שפעטער האט ער געפרעגט, וואס יאנקל האט אים געבראכט און יאנקל האט זיך פארשעמט; דער טאטע האט געראטעוועט די סיטואציע און ער האט געזאגט, אז ער האט אים גע־בראכט א פערדעלע, אבער ס'איז דא אין קעסטל און אין שטוב וועט מען עס ארויסנעמען און אויף דעם וועג האט ער געגעבן מרימען געלט, אז זי זאל קויפן א קליין הילצערן פערדל.

די ערשטע טעג איז ער געווען אין שטוב א גאסט און מען האט אים אפגעבלאזן דאס ארט און די מאמע האט אים געהאלטן אין איין שטאפן, אבער פאוואליע איז ער געווארן אויס גאסט. די מאמע האט גענומען בא־קוקן זיין וועש און זי האט אויסגעפונען, אז דא פעלט עפעס א קנעפל און דארט א בענדל און דא איז צעריסן און זי האט געקרעכצט און געבעטן גאט, אז דאס קישן, וואס ער האט געלאזט, זאל כאטש זיין גאנץ און די מלמדקע זאל נישט אויסצאפן די פעדערן דערפון. אז ער איז געווארן וואכ־בעדיקער ביי דער מאמען, איז ער שוין געווארן וואכעדיקער אויך ביי די

קינדער. די ערשטע האט זיך מיט אים גענומען קריגן שפרה, וואס האט געהאלפן צורוימען אין שטוב און זי האט געשריגן, אז ער מאכט צופיל און, האט ער איר נישט געשוויגן און גערופן „שפרה נעבע" און עם זיינען געגאנגען קולות ביז אין הימל ארייין. מרים האט זיך געהאלטן גוט מיט אים און זי האט זיך שטילערהייט נאכגעפרעגט, צי מען לערנט נישט קיין רוסיש אין דער ישיבה. אים האט עס פארדראסן, אבער ער האט געשוויגן. האט מען אים דערציילט, אז זי איז א גאנצע גויה און די מאמע קריגט זיך מיט איר, זי גייט שפאצירן אין איינעם מיט יינגלעך. ס'האט זיך געיאוועט קיין קיליע עפעס א פאריקמאכער איצקאוויטש, א קיליער יינגל, וואס איז אוועקגעפארן קיין אדעס און ער איז פון דארט צוריקגעקומען א גאנצער קנאקער, שפילט ער גיטארע און מען קומט זיך צונויף ביי אים, און מען זינגט און מען שפילט און מען טאנצט... מען האט שוין פארגעסן אין קעשענעווער פאגראם, האט די מאמע געקרעכצט... און איצטער מאכט מען גאר א ספעקטאקל און דווקא אויף יידיש... זיי „סטאוועו" (שטעלן) א פיעסע, וואס הייסט „די סדר נאכט", קומט דארט פאר א מיידל, וואס שמדט זיך, דארף זי דווקא שפילן מרים און אין שטאט זאל מען זאגן, אז דעם שוחטס טאכטער דארף זיין די משומדתטע... יאנקל האט נישט קלאר פארשטאנען, וואס אזוינס א ספעקטאקל מיינט. ער האט קיינמאל נישט געזען קיין פארשטעלונג, חוץ ווען עס זיינען געקומען די פורים־שפילער, וואס זיינען געווען אין דער רוסיש־יאפאנישער מילחמה. ביי אים האט זיך עפעס צונויפגעמישט אין קאפ און ער איז צוגעגאנגען פארשעמטערהייט און ער האט געפרעגט זיין שוועסטער, צי זי וועט זיך שמדן טאקע אויף אן אמת... האט זי אים געענטפערט, אז זי האט געמיינט, אז ער וועט קומען קליגער פון קעשענעוו, צום סוף איז ער געקומען דער זעלביקער „דוראק", וואס ער איז אוועקגעפארן... איז ער געווארן בייז און זי שוין גערופן „מאריא מאגדאלענא" און ער האט איצטער געקראגן פאר איר א נייעם נאמען — „משומדתטע"... איידער יאנקל איז אוועקגעפארן פון קעשענעוו, האט ער איבערגעשריבן ביי א בחור א ספרל, וואס האט געהייסן „מעשה בתלוי" (א מעשה מיט א געהאנגענעם). צוואנציק קאפקעס האט ער אים באצאלט נאר פאר דעם רעכט איבערשרייבן. דאס ספרל האט דערציילט א פארדרייטע געשיכטע וועגן ישו הנוצרי און ס'איז געווען פארבאטן פון דער צענזור, ס'איז געגאנגען אין כתב יד פון האנט צו האנט. ס'האט דערציילט, אז מרים פון בית לחם האט געהאט א חתן יוחנן און זי האט געהאט א שכן א שלעכטן מענטשן יוסף פנדרא, איז דער דאזיקער יוסף זי איבערגעפאלן און זי האט געהאט פון אים א קינד. דער חתן איז פאר בושה אוועק. און דער זון, וואס איז געבוירן געווארן ביי מרימען האט געהייסן ישו, ער איז געווען א גרויסער למדן, אבער א גרויסער חוצפהניק און ער האט גערעדט שלעכטע רייד און ער האט צונויפגענומען פוסטע יונ־

גען און זיי געזאָגט, אַז ער איז משיח און ער האָט געפּאַקט אַ שם מפורש און געהיילט קרומע און בלינדע. האָט מען דערלויבט איינעם אַ יהודה אויך נוצן דעם שם המפורש און.ביידע זיינען געקומען פאַר דער קעניגן העלענע און זיי זיינען געפלויגן. איז יהודה געפלויגן העכער פון ישון און אים מטמא געווען און ער איז אַראָפּגעפאַלן... האָט די קעניגן אַרעסטירט ישון און אים איבער־געגעבן צו די סנהדרין, אָבער ער איז אַנטלאָפן קיין מצרים. יהודה איז אים נאָכגעפאָרן און אויסגענאַרט ביי אים דעם „שם". און ווען ישו איז צוריק־געקומען אין בית המקדש אַריין, האָט יהודה אָנגעוויזן אויף אים און די סנהדרין האָבן אים געכאַפּט און אויפגעהאָנגען אויף אַ דאָרן, ווייל ער האָט באַשוואוירן די אַנדערע ביימער, אַז זיי זאָלן נישט אַרויפנעמען זיין גוף... יהודה האָט געוואוסט, אַז ישום תלמידים וועלן אַרויסגנבֿנען זיין גוף און וועלן זאָגן, אַז ער איז אַרויף אין הימל אַריין, האָט ער אַרויסגענומען זיין גוף און אים באַהאַלטן ערגעץ אַנדערש. האָבן די תלמידים סיי ווי געזאָגט, אַז ער איז אַרויף אין הימל, האָט די קעניגן העלענע געוואָלט אויסהרגענען אַלע אידישע חכמים, האָט ער איר געוויזן זיין טויטן גוף...

יאַנקל פלעג זיך אָוועקזעצן און לייענען זיין שוועסטער די מעשה. די שוועסטער האָט געשריגן און די מאַמע האָט גלאַט מורא געהאַט צו האָבן דאָס געשריבענע ספרל אין שטוב. האָט זי געזאָגט, אַז איציק קראַסניאַנסקי, דער הויכער ייד, וואָס האָט אַ באַקאַליינע קלייטל, וויל עס לייענען, האָט עס אים יאַנקל געליגן און מער האָט ער עס שוין נישט געזען; דער הויכער ייד האָט געזאָגט, אַז ס'איז פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע ספרימלעך האָבן פון שטענדיק אָן אַ טבע פאַרפאַלן צו ווערן. יאַנקל האָט אויך אויסנווייניק דערציילט מרימען די געשיכטע און איר געשריגן „מרים פון בית לחם". זי האָט נישט געוואָלט ליידן און זי האָט געשריגן און געוואָרפן אים עפּעס אין קאָפּ אַריין און ס'איז געוואָרן פריילעך. די מאַמע האָט געוויינט, זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט צוריקקומען אָן אַנדערער און צום סוף... און מרימען האָט זי באַזונדער געגעבן איר אויסקומעניש, וואָס עס ליגן איר ספּעקטאַקלען אין קאָפּ, מאַמציע אין אירע יאָרן איז שוין געווען אַ כלה...

אין שטאָט קיין חברים האָט זיך יאַנקל נישט געקראָגן. ער איז געווען אַ צו גרויסער למדן פאַר די ייִנגלעך און זיי האָבן פאַר אים צופיל דרך ארץ געהאַט. עס האָט געוואָלט קומען צו אים וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקים קלענס־טע ייִנגל, וואָס איז געווען אין איינע יאָרן מיט אים און האָט געהייסן אברהם און מען האָט אים גערופן „דער טשייניק", נאָך פון דניאלס חדר, ווייל ער האָט גערעדט אַ סך. די מאַמע האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל זיך חברן מיט אים, ווייל זיין עלטערער ברודער ברוך איז דערטרונקען געוואָרן, ווען ער האָט זיך געבאָדן ווי אַ שאַלטיק און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַליין דערטרונקען, ווייל ער איז געווען אַ פּוסט און פּאַסניק און דאָס

לעבן איז אים געווען נמאס. יאַנקלען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, ווען ער האָט ווידער געהערט זיין נאָמען; ער איז געווען דאָס ערשטע יינגל, וואָס ער האָט געקענט פון דער נאָענט, וואָס איז געשטאָרבן. און ער איז דאָך געווען אַזאַ גוטער, כאָטש ער האָט אים שטענדיק צוגערעדט צו טאָן עבירות...

יאַנקל איז געגאַנגען צו גאַסט צו די פעטערס, צו יעדן איינמאָל אין צוויי טעג און צו די אַנדערע קרובים איז ער פאַר דער גאַנצער צייט געגאַנגען נאָר צו איין און איינציק מאָל. ער איז געגאַנגען צו גאַסט צו דניאל מלמד, האָט ער אים געטראָפן אַלץ זיצן מיט די צוויי הויקערס און איינבינדן. די צוויי מיידלעך זיינען נאָך אַלץ ביידע געזעסן, איינע מיט די גראָבע ליפּן און איינע מיט דעם אויסגעדרייטן מויל און די ערשטע האָט וויטער אַזוי גענאָסן, אַז די שטוב האָט זיך געשאָקלט. אַלע האָבן זיך גאָר דערפרייט איבער אים און די מלמדקע מיט די אויסגעדרייטע הענט האָט אים געגעבן שטאַרק פאַרצוקערטן איינגעמאַכטס. דניאל האָט אים געפרעגט, צי ער קען שוין בעסער לערנען פון אים און ער האָט אַליין געזאָגט, אַז ווען ער וועט ענדיקן ביי לייבן, וועט ער שוין טאַקע קענען בעסער פון אים... יאַנקל וואָלט געגאַנגען אויך צו חיים ערליך, האָט ער שוין נישט געוואוינט אין קיליע, ער איז צוריקגעפאָרן צו זיך אַהיים און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז דאָרט געשטאָרבן. נאָך זיין טעכטערל גיטעלע האָט יאַנקלען באַנק געטאָן, ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף אירע אייגלעך און אויף אירע צעפּלעך און ער פלעג אָפּשפּאָרן פון דעם, וואָס מען האָט אים געגעבן אויף באַלוואַ און איר קויפן „טומאַנע קאַרטינעס". ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז שוין געווען גאָר לאַנג... צו פינחסן איז ער אויך געגאַנגען; שמואל האָט נאָך אַלץ געגעסן קעסט און אין שטוב האָט דאָרט נאָך אַלץ געשמעקט מיט יונג פאָר פאָלק, וואָס האָט יאַנקלען נאָך מער גערייצט. מען האָט גערעדט, אַז דבורה ווערט אַ כלה, כאָטש זי איז ערשט אַלט געווען דרייצן יאָר און ער האָט עס נישט געגלויבט, ער האָט געהאָפט, אַז זי וועט ווערן זיין כלה, קיין שענער מיידל פון איר האָט ער אין ערגעץ נישט געזען. דבורה האָט אים אויך איצטער געגעבן די האַנט, ווען קיינער האָט נישט געזען און זיי זיינען ביידע רויט געוואָרן. נאָר פינחסעס ווייב חוה האָט נישט געוואָלט ווייסן, אַז ער איז שוין אַ גרויסער און ווי זי האָט אים נאָר דערזען, האָט זי אים באַלד געשיקט אַ גאַנג און דערפאַר האָט ער שוין מער נישט געוואָלט גיין צו זיי אין שטוב אַריין. און ס'איז געווען סקוטשנע און טרויעריק. אַז ער איז געגאַנגען אין בית מדרש אַריין און דאָרט אַריינגעקוקט אין אַ ספר אַריין, פלעג שטענדיק קומען און זיך אַנידערזעצן לעבן אים אַן אַלטער ייד און ביי אים אויספרעגן ווי אַזוי מען לערנט אין קעשענעוו און ווי אַזוי די שטאָט זעט אויס און עס איז אים נמאס געוואָרן צו ענטפערן און ער פלעג שוין מער נישט קומען.

שבת פאַר ראש השנה האָט מען געמאַכט אַ גרויסן יום טוב ביי זיי אין שטוב. מען האָט אים ביי זיי אין שולעכל אויפגערופן צו מפטיר און ווען ער האָט געזאָגט די הפטורה, האָט ער געהערט די מאַמע וויינען אין דער ווייבערישער שול. דאָס האָט זי זיך אָפּגענומען פאַר דער בר מצווה, ביי וועלכער זי איז נישט געווען. און מען האָט געשיקט מיט די געסט און מען איז געקומען אָפּעסן און ווינטשעווען און עס זיינען געווען סאַמע גרויסע, קיין קינדער זיינען כמעט נישט געווען חוץ די שוועסטערקינדער און אויך זיי האָבן זיך געהאַלטן פרעמד פון אים. דער טאַטע האָט געקרעכצט וועגן דעם, וואָס דער פעטער אלי איז אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און די מאַמע האָט געקרעכצט וועגן דעם, וואָס דער פעטער פּראַים קלויבט זיך אוועקצופאָרן קיין אַרגענ־טינע, ווייל עס איז אים געגאַנגען נישט גוט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אוועקפאָרן מיט די עלטערע צוויי יינגלעך, וועלן זיי דאָרט פאַרדינען און אַרויסנעמען די גאַנצע פאַמיליע און דער טאַטע האָט געדאַרפט העלפן אַנט־לייען געלט אויף צו פאָרן.

די ימים נוראים זיינען נאָך דורכגעגאַנגען מיט חסד, אַלע זיינען געווען טרויעריק און האָבן געדאַוונט און געוויינט און ער האָט אויך אַזוי געטאָן, אָבער אַז עס איז געקומען סוכות און די יינגלעך האָבן געשפּילט אין ניס און זיך געפרייט און געהוליעט און אים האָט מען נישט געלאָזט, ווייל עס פּאַסט נישט, איז אים געווען זייער ביטער אויף דעם הארצן. יינגלעך, וואָס זיינען געווען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי ער, האָבן געמעגט שפּילן און ער נישט. און עס האָט טאַקע נישט געפּאַסט אויך, ער איז געגאַנגען מיט אַ לאַנגער קאַ־פּאָטע, גיי שטעל זיך אַנידער שפּילן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע. איין מאָל אין אַ חול המועד סוכות פאַרנאַכט, האָט ער אוועקגענומען די האַנט פון הארצן און ער איז געגאַנגען מיט אַ סך ניס הינטער דעם קליינעם שולעכל און ער האָט דאָרט געשפּילט. אין שול האָט מען שוין געדאַוונט מינחה און ער האָט געשפּילט. דער טאַטע האָט אים אַרומגעזוכט אומעטום און ער איז געווען ברוגז. האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט ביי אַ יינגל געוואונען אַ סך ניס און יענער איז ברוגז געוואָרן, און ער איז געלאָפן דערציילן זיין טאַטן, אַז ער שפּילט, ווען מען דאַוונט, כאָטש ער איז שוין בר מצווה און אַז ער שפּילט נאָך מיט „מאַשענסטווע" (שווינדל) איז דער טאַטע שוין גאָר געווען אויפ־געדעגט. ער האָט צום לעצט פאַרשפּילט אַלע ניס, אי די געוואונענע, אי זיינע אייגענע צו אַ גרעסער יינגל און ער איז אַנגעקומען אין שול אריין אַ רגע פאַר מעריב, צעשפּיליעט, צעשויבערט און פאַרשמירט. דעם טאַטן זיינעם, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שטילער און ער פלעג נאָר אַמאָל זיך אָפּרייסן און אַרויס פון די כלים, איז איצטער אָנגעקומען דער מעת לעת... ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם גאַרטל און אַריבערגעלייגט איבער דער קני און געגומען קאַטעווען. עס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, אָבער נאָך מער האָט ער זיך

געשעמט. אים, דעם ישיבה בחור, וואָס איז געקומען פון קעשענעוו און ער איז שוין בר מצווה, זאָל מען אַזוי טאָן... ער האָט דערנאָך די גאַנצע צייט געוויינט בעת דעם דאַווענען און ער איז אַהיימגעלאָפן נישט אומקוקנדיק זיך און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ געלעכטער לויפט אים נאָך. ער האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל געטראַכט פון באַגיין זעלבסטמאָרד, ער וועט זיך אַזוי אַריינוואַרפן אין טייך אַריין, אַזוי ווי ברוך וואָלפס, כאָטש המאבּיד את עצמו לדעת איז אַ גרויסע עבירה און מען האָט נישט קיין עולם הבא... ער האָט געטראַכט פון אַנטלויפן ערגעץ אין דער וועלט אַריין, דער בעס האָט אין אים געזאָטן און ער האָט זיך געוואָלט מיט עפּעס נוקם זיין. אין שטוב האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין מיט די קליידער און ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט ריידן און ער האָט נישט געוואָלט עסן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער גליט ווי אַ פייער און זי האָט אים געפּרואווט איינגעמען און זי האָט דעם טאַטן געזאָגט, אַז דער משוגענער שוחט איז אים אָנגעקומען... שפּעט ביינאַכט האָט אים די מאַמע קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל עפּעס עסן און זי האָט אים געגעבן צימעס־פלוימען און דווקא אין סוכה, ווייל ער איז שוין בר מצווה און ער טאָר שוין נישט עסן אויסער דער סוכה. אויף דעם טיש איז גראָד געלעגן אַ שפּילקע, איז יאַנקל געגאַנגען און האָט צונויפגעשפּיליעט צוויי פלוימען מיט דער שפּילקע און זיי אַוועקגעלייגט, עס איז אים אָנגעקומען אַזאַ משוגעת. דערנאָך האָט ער אַ פּנים אויפגעגעסן די פלוימען אין איינעם מיט דער שפּילקע און ער האָט דערפילט, אַז עס שטעכט אים. די שטוב איז געגאַנגען כאַדראַם, די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער האָט איינגעשלונגען אַ קערל, האָט זי אָבער געדענקט וויפל פלוימען זי האָט אים געגעבן און עס זיינען געווען אַלע קערלעך. ביים אָנהייב האָט ער אַליין פאַרגעסן אין דער שפּילקע, דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, האָט ער מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אָבער אַז ער האָט געזען, אַז דאָס שטעכן ווערט ערגער, האָט ער אויסגעזאָגט. מען האָט געבראַכט אַ דאָקטער און ער האָט אים געהייסן געבן בוימל צו ברעכן און ער האָט טאַקע געבראָכן, אָבער עס האָט ווייטער געשטאָכן. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז ביינאַכט, דעם לאָמפּ קען ער אים נישט אַריינשטעלן אין האַלדז אַריין, אין דער פרי וועט מען זען. און ער האָט געשריגן און געשריגן. די מאַמע האָט געהאַט טענות צום טאַטן, אַז איבער אים איז דאָס אַלץ געקומען און דער טאַטע האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין, אַז ער איז טאַקע שולדיק און אַלע דריי קינדער האָבן געוויינט... און יאַנקל איז אַזוי וויינענדיק אַנטשלאָפן געוואָרן און מען האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און אַלע האָבן זיך געלייגט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָט ער שוין גאָרנישט געפילט קיין ווייטיק אין האַלז, ער האָט געפילט ווי אַ קליינעם קראַץ און ס'איז אים איבערגעגאַנגען. און דער יום טוב איז שוין דערנאָך איבערגעגאַנגען פריילעך. שבת חול המועד און

שמיני עצרת און שמחת תורה זיינען געקומען יידן און ער האָט זיי אויסגעלערנט אַ נייעם ניגון, וועלכן מען האָט באַלד גערופן „יאַנקלס ניגון" און מען האָט אים געזונגען אַפילו אין בית המדרש צו די הקפות. יאַנקל אַליין איז אויך געגאַנגען אין בית מדרש אַריין צו די גרויסע הקפות און מען האָט אים געגעבן איינע פון די שענסטע הקפות און יינגלעך האָבן אים מקנא געווען. די מיידלעך האָבן געקושט זיין תורה און האָבן אים פון דעסט וועגן געזאָגט „דערלעב איבער אַ יאָר, יאַלד!" אין טאַטנס שולעכל האָט מען אים געגעבן שמחת תורה אין דער פרי איינע פון די ערשטע הקפות, קיווע האָט געשריגן ווי אַמאָל און ער האָט אויסגערופן מיט זיין קול, וואָס האָט געמאַכט ציטערן די ווענט: „אלוף התורני החתן, הלמדן ר' יעקב בר' אברהם שוחט, וואָס וועט נאָך אַמאָל זיין רב אין קיליע, תן כבוד לתורה"... קיין גליקלעכער פון טאַטן איז נישט געווען און די מאַמע האָט אים גאָר באַנעצט מיט טרערן, ווען זי האָט געקושט זיין תורה. אָבער יאַנקל האָט זיך געפילט עלנד און איינזאַם, ער האָט נישט געהאַט קיין איין יינגל אַ חבר און די גרויסע זיינען יאָ און נישט חברים און ער האָט שוין געוואָלט דערלעבן נאָך שבת בראשית, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן צוריק אין דער ישיבה אַריין, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז נאָר דאָרט איז זיין פּלאַץ...

אַ האַלבע שטאָט איז געווען ביים שיף, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיך געזעגנט האַרציק אויך מיט מרימען, וואָס האָט די גאַנצע צייט אויסגעמיטן זיך מיט אים צו קריגן און האָט אים גערעדט שטילערהייט, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ וועלט און אַז ער זאָל זי זוכן צו דערקענען. אים איז נישט געפעלן, וואָס זי רעדט, אָבער זי האָט עס גערעדט אַזוי מיט גוטן, אַז ער האָט זי נישט געקענט זידלען. שפרה האָט נאָר געבעטן, אַז אויב זי האָט געזינדיקט קעגן אים, זאָל ער איר מוחל זיין און לייבעלע האָט זיך געהייסן שיקן אַ וועלאָסיפּעד... ווען די שיף האָט געגעבן דעם דריטן סיגנאַל און מען האָט אַוועקגענומען די הילצערנע טרעפּ, האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. ער איז דערנאָך געשטאַנען לאַנג, לאַנג, אויף דער דעק און געמאַכט מיטן טיכל און ער האָט געזען, ווי עס פאָכען אַ סך טיכלעך און די מערסטע צו אים. ער האָט נאָך געהערט דעם טאַטנס נאָכגעשריי, אַז ער זאָל גוט לערנען און דער מאַמעס געשריי, אַז ווען עס וועט ווערן קאַלט, זאָל ער אָנטאָן אַ לייבל און טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער פאָרט אַהין, וואו ס'איז זיין פּלאַץ.

קאַפּיטל פופצן

גמליאל דער ראש ישיבה האָט געוואָלט ווערן משיח

דער גוטער טאַטע האָט נישט פאַרגעסן צו מיטגעבן יאַנקלען אַ קערבל פאַר לייב מלמד, זיינע צוויי אַקערמאַנער חברים האָבן אויך מיטגעבראַכט; אָבער לייב האָט נישט געהאַט מעכלס פּראַקטיק, ער האָט געשניטן פאַסן פון אַלע גלייך, ער האָט קיין חילוק נישט געמאַכט; אַ קערבל איז אים געקומען, אָבער דעם שיעור דאַרף מען אויך קענען. אַ מלמד איז ער געווען אַ זעלטענער, ער האָט זייער פיין געקענט געבן צו פאַרשטיין אַ זאַך און זי מאַכן קלאָר און צוגענגלעך פאַר אַלע און ער האָט אויסגעבויעט אַ שיעור, אַז ס'איז געשטאַנען אַ בנין פאַר די אויגן. ער האָט גענומען די משנה און די ווייטערדיקע גמרא און זי דערקלערט לויט רשי און זייער קלאָר געמאַכט און ווען אַלץ איז געווען קלאָר, האָט ער געוויזן, אַז ס'איז נישט קלאָר און ער האָט מיט די קשיות פון תוספות צעשטערט דעם גאַנצן בנין און מיט די תירוצים אים צוריק אויפגעשטעלט און ווידער גענומען די קשיות פון מהרשא און מהרשל און מהרמשיף און צעוואָרפן און ווידער גענומען בויען. אַלץ איז געווען אַזוי שכלדיק, ממש צום אָנטאַפּן. ער האָט נישט געזונגען, ער האָט גערעדט ווי אַ מענטש, אָבער ער האָט דערביי געקוקט ווי אַ גזלן און די אונטערגעהאַקטע וואָנציעס האָבן גאָר געשראָקן. די אויגן האָבן אים, דאַכט זיך, געשיינט, מען האָט געפילט, אַז ער האָט אַליין הנאה פון דעם, וואָס ער זאָגט און דערוויזט. אָבער אין שיין פון די אויגן איז פאָרט געווען אַ רישעות און די בחורים האָבן אים באַלד אָנגעהויבן נאָכמאַכן. דער ערשטער האָט אים גענומען נאָכמאַכן דער דאַרער שמואליק מיט קאַלעכנעם פּנימל און מיט דעם קרומען מיילעכל, ער האָט נאָכגעמאַכט זיין שאַרפע „ריש”. לייב האָט געלערנט וועגן דעם, וואָס אַ מענטש ווייסט נישט וואָס ס'איז גוט און וואָס שלעכט און ער פאַרבייט אַ סך מאָל די ביידע. אַ מענטש איז דורשטיק און ער כאַפּט זיך צו צו אַ קאַלטן טרונק און דער דאָזיקער טרונק דערהרגעט אים גאָר. דער דאַרער שמואליק האָט נאָכגעמאַכט ווי ער זאָגט „דערהרגעט” מיט אַ „גזלנישער ריש”. לייב איז געווען זייער אַ נערוועזער און ער האָט נישט געקענט ליידן קיין שאָרך, ווען ער האָט געזאָגט דעם שיעור און אַז איין יינגל האָט עפּעס

א רייד געטאָן צום צווייטן, איז געווען חיות נישט זיכער. ער האָט געהאַט אזא ווירע, מיט וועלכער ער האָט געשניטן פּאַסן און אז חברה האָט באַהאַלטן די ווירע, האָט ער געהאַט אָנגעגרייט אין ווינקל אַ שטעקן מיט „ביבקעס" און די ביבקעס האָבן געביסן דאָס לייב. האָט מען געזאָגט: טאַקע אַ שלעכ־טער ייד, אָבער אַ גוטער מלמד. מען האָט באמת געלערנט פון אים. דאָס דאָזיקע, וואָס מעכל האָט געלערנט, האָט מען געקענט אַליין אויך לערנען, אָבער דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט געלערנט, האָט מען אַליין בשום אופן נישט געקענט לערנען. ער האָט אויך געגעבן אַ סך צום „לייענען" און ער האָט צו־גענומען די גאַנצע פרייע צייט. מען האָט געלערנט אין דער פרי, בייטאָג און אין אָוונט ביז ניין אַזייגער מיט אים און דאָס „לייענען" האָט מען גענדאַרפט מאַכן פון איינס ביז דריי. ווען ער האָט זיך צוגעלייגט, אָדער בייגאַכט, פאַר דעם לייגן זיך. אייניקע זיינען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג חזרן דעם שיעור און מאַכן דאָס „לייענען", ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז גאַנץ פרי גייט בעסער אריין אין קאָפּ אריין, כאָטש אויפצושטיין איז געווען שווער, ס'איז געווען ווינטער און ס'איז געווען זייער קאַלט.

יאַנקל האָט געהאַט אַ זייער מיאוסע האַנטשריפט. אהרן לערער פלעג זאָגן אויף די דאָזיקע, וואָס שרייבן מיאוס, אַז זיי האָבן אַ פערדיש כתב און ווענן אים האָט ער דאָס אויך געזאָגט. עטלעכע בחורים פון דער ישיבה האָבן געזאָגט, אַז ס'איז דאָ איינער אַ סליעפּאַק, נעמט ער צו די מיאוסע האַנט־שריפט ווי מיט דער האַנט אין עטלעכע וואָכן פאַר אַ פּאָר רובל. עטלעכע יינגלעך זיינען שוין געגאַנגען צו אים און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי בעסערן זיך. יאַנקל האָט געבעטן ביי דעם טאַטן, אַז ער זאָל אים דערלויבן צו גיין צו סליעפּאַקן און ער זאָל אים שיקן געלט דערויף. די יינגלעך האָבן געזאָגט, אַז אַ רב דאַרף אויך האָבן אַ שיינע האַנטשריפט און דער טאַטע האָט מסכים געווען. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז אָן אַ דערלויבעניש פון רבין און אויב מען דאַרף, אויך פון ר' שלום טשאַרטקאָווער, זאָל ער נישט גיין. און דאָ האָט שוין יאָ געהאָלפן די פּראָטעקציע פון דעם קערבל, וואָס ער האָט געבראַכט לייבן. ער האָט זיך פריער אַביסל געקנייטשט און דערנאָך האָט ער אויסגע־רעכנט, אַז צווישן מנחה און מעריב קען מען אריינכאַפּן אַ האַלבע שעה. אין יענער צייט זיינען געגאַנגען נאָך עטלעכע יינגלעך, צום מערסטן פון דניאלס חדר. ביי סליעפּאַקן איז געווען אַ גרויסע שולע פון עטלעכע צימערן מיט בענק אין איינעם מיט די טישן און מיט גרויסע טאַוולען. דער לערער איז אַליין געגאַנגען ראַזירט, אָבער ער האָט גערעדט אַ היימישן יידיש. די עטלעכע ישיבה בחורים, וואָס זיינען געגאַנגען צו אים, זיינען געזעסן מיט די היט־לען און די אַנדערע שילער און שילערנס האָבן געקוקט מיט געלעכטער אויף זיי. אייניקע שילער האָבן געפּרוווט פאַרבונדן אַ שמועס מיט זיי, האָבן זיי זיך נישט געלאָזט. געווען אַ בחור שכנא, איז ער שוין אַלט געווען אַ יאָר

ניינצן; איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרער, האָט געהאַט אַ סך קלייען אויף דעם פּנים און אַ נאָז האָט ביי אים אַרויסגעשטעקט אַ שפּיצעכיקע. ער איז געווען דער עלטסטער פון די דאַזיקע, וואָס זיינען געגאַנגען צו „פּראָפעסאָר" טליעפּאַק און ער האָט גערדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די בחורים זאָלן זיך האַלטן אין דער מעלה. דער דאַזיקער שכנאַ האָט נאָך געהאַט צו לערנען אַ יאָר ביי גמליאלן און ער איז שוין געווען זיכער מיט סמיכות, ער האָט זיי שוין גע־האַט אין קעשענע און האָט שוין געהאַט אַ פּלאַץ פון זיין זיידן, וואָס איז שוין געווען זייער אַלט; ער האָט שוין געהאַט אַ כלה אויך און ער איז שוין געווען אַ קליין בייז רבל, וועלכן ס'האָט נאָר געפעלט אַ בעסער כתב. און ער האָט שוין גוט אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל נאָר לערנען קאַליגראַפיע, אָבער חלילה נישט ריידן מיט וועמען מען טאָר נישט. די „דייטשן", וואָס האָבן דאָרט געלערנט, האָבן זיך אַלע געשאַרט צו אַ מיידעלע, וואָס מען האָט גע־רופן מאַרוסיאַ. זי איז מיסתמא געווען פון אַ יאָר זעכצן און איז געווען אין גאַנצן פון קוועקזילבער, ס'האָט אין איר אַלץ געטאַנצט און געפלאַטערט און זי האָט געהאַט אַ העל פּנימל מיט בלויע, רוחישע און פאַרחלומטע אייגלעך און דאָס קולכל אירס האָט געקלונגען ווי אַ גלעקל. אַלע האָבן זי געשלונגען מיט די אויגן, די ישיבה בחורים אויך, שכנאַ האָט אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל נישט קוקן אויף איר און אַליין האָט אים דער רוח גענומען, אַזוי האָט ער געקוקט; די קלייען אויף דער לאַנגער נאָז זיינען געוואָרן גרעסער און די נאָז האָט אים אום ווינטער געשוויצט. יאַנקל האָט קוקנדיק אויף מאַרוסיאַן דערפילט דעם אָנהייב פון זיין מענערישקייט און ער האָט אַ סך מאָל ביינאַכט נישט געקענט שלאָפן, טראַכטנדיק שולדיק־אומשולדיק וועגן איר. איינמאָל איז יאַנקל געקומען אין איינעם מיט די אַנדערע בחורים צו טליעפּאַקן און דאָס מיידל איז נישט געווען און ער האָט זיך פאַרטראַכט און אַ פרעג גע־טאָן: „מאַרוסיאַ איז נישטאָ?" דער גאַנצער קלאַס האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער און מיט אַ „הוראַ!" די „דייטשן" האָבן ביז דעמלט געהאַלטן אין איין „מאַרוסיאַן!" און די ישיבה בחורים האָבן איר נאָמען אויף די ליפּן נישט געבראַכט און דאָ איז געקומען אַ ישיבה בחור און דער קלענסטער דווקא און אַזוי דרייסט אָנגערופן איר נאָמען. שכנאַ האָט באַלד געזאָגט יאַנקלען, אַז ער וועט זיך מיט אים שפּעטער אָפּרעכנען און אויף דעם וועג האָט ער אים טאַקע געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נאָך אַמאָל דערמאָנען דעם נאָמען פון „דער דאַזיקער פּאַסקודסטוואָ", וועט ער דערציילן וועמען מען דאַרף. קיין פאַרענטפערן האָט דאָ נישט געהאָלפן. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ טבע צו פרעגן, אָבער ער האָט גאָרנישט געמיינט און שכנאַ האָט גע־זאָגט, אַז ער ווייסט פון זיין טבע צו שטעלן אַפּיקורסישע שאלות...

אין דער ישיבה אַליין האָבן חברה פון דעסט וועגן גערעדט וועגן מייד־לעך און אייניקע האָבן אַפילו דערציילט וועגן ליבעס מיט טעכטער פון די

באלעבאטים ביי וועמען זיי עסן שבת, אָבער זיי האָבן שוין געוואוסט פאַר וועמען זיי מעגן יאָ דערציילן און פאַר וועמען — נישט. פאַר אַזאַ אַ ווי שכנאָ האָט מען זיך געהיט ווי פייער. געווען אַ בחור יהושוע העשל, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האַלט אים אַזוי ווייל ער וויל, אָבער ער קען אים אויסגלייכן און דערפאַר האָט מען געלאַכט, ווען מען האָט אים געזען. פלעג אָט דער יהושוע העשל אומעטום אַריינרוקן דאָס קרומע קעפּל און ווען מען האָט אים נאָר געזען, איז געוואָרן שאַ און אים אַליין האָט מען געזאָגט, אַז ווייל ער וויל הערן אַ וואָרט וועגן אַ מסירהלע, וועט ער אַ מכה הערן. עס זיינען געווען בחורים, וואָס ס'איז זיי געווען אַלצייגס, צי יאָ הערן, צי נישט און עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס דאָס חיות איז זיי אויסגעגאַנגען צו הערן אַ מעשה וועגן ליבע, אָדער אַ ניבול פּה און די סליונקעס האָבן זיי גערונען פון מויל. און עס זיינען געווען אַ סך בחורים, וואָס האָבן שוין נישט געדאַרפט קיין מעשהס... די בעטן האָבן דערציילט וועגן דעם און מען האָט זיי אין באַזונדערע חדרים געזאָגט מוסר און מען האָט צו מאָל געשריגן אויף אַ קול, אַז עס שטייט וועגן דעם געשריבן „מות ימות”, עס קומט טויט...

אויף אַ חנוכה אָוונט איז יאַנקל אַמאָל געווען איינגעלאַדן צו אלי קי־ליער. מען האָט געגעסן לאַטקעס און וואַרעניקעס און אמתן בעסאַראַבישן „מאַליי” און מען האָט געטרונקען וויין און געשפּילט אין קוויטלעך און דער־ציילט מעשהס פון גוטע יידן. עס איז געווען אַ שווערע ווינטער־נאַכט און עס האָט זיך פאַרקליבן אַ זאַווערוכע. עס איז געווען זייער שווער אַהיימצו־גיין. די מערסטע יידן, וואָס זיינען דאָרט געווען, האָבן געוואוינט נאָענט, די ישיבה בחורים האָבן געוואוינט ווייט, האָט מען געמאַכט, אַז אייניקע יידן וועלן מיטנעמען אַ פּאָר בחורים מיט זיך און די איבעריקע וועלן בלייבן ביי אלין. יאַנקלען איז אויסגעקומען צו גיין צו אַ יידן אין איינעם מיט אַ בחור, וואָס האָט געהייסן בערצע בענדערער. פון דער שכנישער שטאָט בענדער זיי־נען געווען אַ סך בחורים, אייניקע דאָרפישע, אַנדערע איידלע. בערצע איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר נייגצן - צוואַנציק, אַ שוואַרצער, אַביסל אַ גע־שטופּלטער. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ שווערן, מען האָט געוואוסט, אַז קיין רב וועט ער נישט ווערן, ער האָט נישט געוואָלט זיין מער ווי שוחט. ער האָט שוין נישט געלערנט אין קיין שום חדר, ער האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט און געלערנט שחיטה און געבעטן ביי אַלע, אַז זיי זאָלן אים צוהעלפן. געווען עטלעכע אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געלערנט אין קיין שום חדר און מען האָט נישט געקענט פון זיי פּטור ווערן. אייניקע האָבן אויף קיין שחיטה אויך נישט געלערנט. דער קאָפּ האָט זיי דערויף אויך נישט געטראָגן און זיי האָבן גלאַט קוים אויסגעמוטשעט אַ פּרק מישניות. אָט אַ דער בערצע האָט עס אין יענער נאַכט זיך צוגערוקט צו יאַנקלען מיט אַ הייסן אָטעם און דאָס קליינע

יינגל האָט אַפילו ביים אָנהייב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיין עלטערער חבר מיינט. און ער האָט זיינס געטאָן און יאַנקלען איז געוואָרן מיאוס און ער איז דערנאָך עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען אַזוי, אַז דאָס לעבן איז אים געוואָרן נמאס. און בערצע איז אים דערנאָך שטענדיק נאָכגעלאָפן און זיך געטוליעט צו אים אַפילו צווישן מענטשן. יאַנקל האָט געפילט, אַז ער דאַרף עמיצן דערציילן און ער האָט נישט געהאַט קיין מוט. איינמאָל איז יאַנקל געגאַנגען פרייטיק ביייטאָג אין מרחץ אריין צו פרי און ער האָט זיך דאָרט לאַנג געפּאַרעט אויף דער אויבערשטער באַנק און איז דערנאָך געשפּרונגען אין דער קאַלטער מקווה אריין און ביינאַכט איז אים געוואָרן נישט גוט, ווען ער איז געזעסן ביים עסן ביי מאָטל מנקר. עס איז אים געווען אַזוי שלעכט, אַז מען האָט געמוזט ברענגען אַ פעלדשער. אלי קיליער איז אויך געקומען אים זען און ווען ער האָט אים געפרעגט, וואָס עס איז אים, האָט ער געזאָגט, אַז עס טוט אים וויי דער קאָפּ. אלי קיליער האָט אים געזאָגט: „דו האָסט דען אַ קאָפּ? האָסט דאָך נאָר אַ ביין!" יאַנקל האָט געפילט אַ סך ליבע אין אָט דעם זאָג, זיין טאַטע וואָלט אים אויך אַזוי געזאָגט. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז דאָס חשובע בחורל ביי די בוהושער חסידים און אַז זיי לייגן אויף אים גרויסע האָפנונגען, האָט ער געענטפערט, אַז אויב ער האָט נאָר אַ ביין, טוט אים וויי דער ביין... ביי זיך האָט יאַנקל געקלערט, אַז דאָס קומט אים דערפאַר, ווייל ער האָט געלאָזט טאָן בערצע בענדערער, וואָס ער האָט געטאָן מיט אים און ער האָט קיינעם נישט דערציילט. יאַנקל האָט דעמלט געהאַט איין חבר, וואָס ער האָט אים געגלויבט. לייבוש האָט ער געהייסן און ער האָט געלערנט מיט אים אין איינעם. ער איז געווען עלטער פון אים מיט אַ דריי יאָר און ער איז געווען אַ שיינער געשטרעקטער בחור. עס האָט אים שוין געוואַקסן אַ בערדל און ער האָט עס געצופּט. ער האָט גערעדט מיט יאַנקלען ווי מיט אַ גרויסן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ווען מען ווערט אַ גרויסער, איז נישט גוט, אויב מען האָט נישט קיין ווייב. ער וואָלט געווען שטאַרק ווי אַ ריז, ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַזעלכע חלומות, נאָך וועלכע מען דאַרף גיין אין מקווה אריין. פון די דאָזיקע חלומות, וואָס ער האָט גערופן „קרי" (פּאָלוציע) ווערט מען אָפּגעשוואַכט. ער האָט געהאַט אַ סך פרישטשעס אויפן פּנים דער דאָזיקער לייבוש, וואָס איז געווען פון קאַברין, אָבער זיי האָבן אים נישט געמאַכט מיאוס, זיי האָבן אים געמאַכט חנוודיק. ער איז געווען אַ זייער אָרעמער, אָבער אַ זייער איידלער, נישט אַזאַ „פּאַטראָן" ווי לייב טריסקער. אַז מען האָט אים עפּעס געגעבן, האָט ער גענומען, געמאָנט האָט ער קיינמאָל נישט, געסטראַשעט מיט מסרן האָט ער אוודאי נישט. יאַנקל האָט אים געוואָלט איינריידן, אַז ער זאָל ווערן אַ בוהושער חסיד און ער האָט אים צוגעזאָגט צו ריידן מיט אלי קיליער. אַז ער זאָל אים דערפאַר העלפן; האָט לייבוש געזאָגט, אַז ער וועט זען דעם בוהושער רבין און אויב ער וועט אים געפעלן,

וועט ער ווערן. אַט אַ דעם לייבושן האָט יאַנקל דערציילט די גאַנצע געשיכ־טע מיט בערצען און דער קאַברינער בחור האָט איינמאָל אַריינגענומען יאַנק־לען מיט בערצען אין אַ באַזונדער חדר און ער האָט צוגערוקט די באַנק צו דער טיר און ער האָט געזאָגט צום בענדערער בחור: „הער נאָר אויס, דו בערצע, לערנען קענסטו טאַקע נישט, אָבער אַ פּסוק אין דער תורה קענסטו דאָך, עס שטייט דאָך געשריבן: „משכב זכר מות יומתו!" ווען יידן וואָל־טן נישט געווען אין גלות און עס וואָלט אין דער איצטיקער צייט גע־ווען אַ סנהדרין, וואָלט מען דיך דאָך געדאַרפט טויטן! דו וועסט מיר צו־זאָגן, אַז דו וועסט עס מער נישט טאָן, אַז נישט וועל איך דיך דערהרגענען! איך וועל קיינעם נישט דערציילן, נאָר איך אַליין וועל דיך דערהרגענען!" און בערצע האָט זיך דערשראָקן און ער איז געוואָרן בלייך און ער האָט געוויינט און ער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט שוין מער נישט און זייט דעמלט, אַז יאַנקל איז געגאַנגען אין איין זייט, איז בערצע געגאַנגען אין דער צווייטער זייט. יאַנקל האָט זיך ווידער דערפילט ריין און גוט און ער האָט געלערנט געשמאַק און ער פלעגט זיך לייגן שפּעט, אָדער אויפשטיין פרי און לערנען דעם שיעור און מאַכן דאָס „לייענען" און נאָך האָבן צייט אַריינצו־קוקן אין אַן אַנדער מין ספר און דאָס לעבן איז אים געווען געפעלן. ער פלעגט זיך שאָקלען ביים לערנען, אָבער נישט וואַרפן און ער האָט זיך שטיל צוגע־זונגען, אָבער ער האָט נישט געשריגן, ער האָט זיך געפונען אַ מיט און ער איז געוואָרן פון די בחורים וועגן וועלכע מען רעדט נישט קיין סך און מען זאָגט אַמאָל אַ גוט וואָרט וועגן זיי. לייב האָט איין מאָל געשריבן זיין טאַטן, אַז ער לערנט זייער גוט און אַז חוץ דעם, וואָס ער האָט דעם ייִדנס קאָפּ, וויל ער אויך, ער הרגעט זיך נישט איבער דער תורה, אָבער ער וויל לערנען. און דאָס דאָזיקע האָט ער געשריבן נאָך דעם, וואָס ער האָט יאַנקלען דווקא גע־פּאַקט ביי אַ ליגן. ער האָט דעמלט געגעבן צו מאַכן „לייענען" פון דער מסכתא „נדרים". געוויינלעך האָט מען די דאָזיקע מסכתא נישט געלערנט מיט רשי, נאָר מיט דעם פירוש פון ר"ן. ביידע פירושים זיינען געווען געדרוקט אַרום דער גמרא, רשי איז געווען קורץ און דער ר"ן איז געווען לאַנג. איינמאָל האָט לייב אויפגעגעבן אַ „לייענען" און יאַנקל האָט זיך פאַרשלאָפן און ער האָט דאָס נישט געמאַכט. און לייב מלמד האָט געהאַט אַזאַ חוש צו פּאַקן די דאָזיקע, וואָס האָבן נישט געמאַכט דאָס „לייענען" און ער האָט געגעבן יאַנקלען צו זאָגן. דאָס ייִנגל האָט זיך נישט פאַרלוירן און גענומען זאָגן און אויף גיך געקוקט אין רשי און געפּאַקט דעם פירוש און געזאָגט, אין ר"ן אַריינ־צוקוקן אויף גיך, איז געווען אוממעגלעך, עס איז געווען צו לאַנג. לייב האָט זיך אָנגערופן: איך האָב דאָך געהייסן לייענען נישט מיט רשי, נאָר מיט דעם ר"ן! ביידע „רישן" האָט ער אַרויסגעזאָגט מוראַדיק שאַרף. און ער האָט יאַנקלען מקיים פּסק געווען אויף דעם פּלאַץ מיט דער ווירע און ער האָט עס

אריבערגעטראגן און געשוויגן, ער האט געוואוסט, אז עס קומט אים. און ערשט שפעטער האט דער רבי אים אריינגערופן באזונדער און אים געזאגט, אז זיין טאטע האט אים געבעטן, אז ער זאל אים שרייבן דעם אמת, אבער ער וויל אים נישט פארשאפן קיין עגמת נפש און אויב יאנקל וועט אים שווערן, אז ער וועט שוין מער אזוי נישט טאן, וועט ער דאס נישט שרייבן. ער האט געשוואוירן. לייב האט געזאגט, אז אזעלכע זאכן דערציילט מען דעם טשארטקאווער, אבער אזוי ווי ער איז א בן עירם א זון, וועט ער עס נישט טאן. מען קען אמאל נישט קענען מאכן א „לייענען", אבער אפנארן טאר מען נישט, מען דארף אויסזאגן דעם אמת, ווייל עס איז נישטא קיין תורה אן אמת...

אין יענעם ווינטער האט זיך אין קעשענעוו שטארק גערוישט מיט א רב, וואס די שטאט האט צוגענומען. ביז דעמלט האט די הויפטשטאט פון בעסאראביע נאר געהאט דיינים, קיין רב האט זי שוין זייט לאנג נישט גע־האט. דער נייער רב, וואס מען האט צוגענומען, האט געהייסן יהודה לייב צירלסאן און מען האט געגומען דערציילן ניסים וועגן אים. מען האט אויך דערציילט, אז ער איז א למדן און ער האט חיבורים און ער איז א גרויסער בעל לשון, אבער די גרויסע ניסים האט מען דערציילט וועגן זיין קענען אין וועלט־זאכן. מען האט געזאגט, אז ער איז א געענדיקטער אין וועלט־לימודים און ער וואלט געקענט זיין אויך א קאזיאנע ראבינער. רוסיש רעדט ער, אזוי ווי איינער, וואס האט געענדיקט א גימנאזיע און מען האט געזאגט, אז ער רעדט אויך פראנצויזיש און דייטש. ער קען פארקומען, האט מען געזאגט, נישט נאר פארן גובערנאטאר, נאר פאר מיניסטארן און אפילו פאר דעם צאר אליין. און ער איז א ייד מיטן פולן מויל, ער טראגט א גאנצע באָרד און גרויסע פאות און א קאפאטע, טאקע אן אלטמאדישע קאפאטע, אפילו אן א שפאלט. די אביסל „מאדערנערע" יידן פלעגן אין קעשענעוו טראגן א קאַ־פאטע מיט א שפאלט אונטן און די גאר פרומע האבן דאס דאזיקע באטראכט פאר „דייטשישקייט". צירלסאן האט געטראגן א קאפאטע אן א שפאלט. די שטאט האט זיך געוויגט מיט די רעדעס, וואס ער האט געהאלטן. עס זיינען אין קעשענעוו, האט מען געזאגט, געווען בעסערע מגידים פון אים. ער איז, האט מען געזאגט, נישט געקומען צו מאסליאנסקין, וואס איז אמאל געווען אין קעשענעוו, אבער ער האט גערעדט אנדערש, מיט מער ישוב הדעת און ער האט געקענט אומקערן צו יידישקייט די דאזיקע, וואס זיינען זייער ווייט שוין אוועק. מען דארף האבן אזא רב, וואס זאל קענען ריידן צו די אמתע גוים און אויך צו די יידישע גויים. דער „ודע מה שתשיב" האבן חסידים געקוועטשט מיטן גרויסן פינגער, איז א גרויסע זאך. עס זיינען בעוונותינו הרבים געקומען אזעלכע צייטן, אז מען דארף האבן מעוררים, וואס זאלן קענען „זייער" לשון. מען האט צירלסאנען ארומגעפירט אין אלע שולן, אז ער זאל

האַלטן דרשות. ער האָט גערעדט אין שבת בייטאָגן און אין וואָכעדיקע אָוונטן. ישיבה בחורים זיינען אים אויך געגאַנגען הערן, אָבער זיי האָבן געזאָגט, אַז ער רעדט נישט פאַר קיין לומדים, ער זאָגט נישט קיין חריפותן און קיין פּילפּול, ער רעדט צו די דאָזיקע, וואָס ווילן זיך ר״ל מתרחק זיין פון יידישקייט, אָדער צו די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך שוין מתרחק געווען און ער איז זיי מתקרב לאָביהם שבשמים... און מען האָט דערציילט לעגענדן ווי אַזוי ער האָט אין די שטעט, וואו ער איז פריער געווען רב, אומגעקערט אַן אַ שיעור אַפּיקורסים און סתם „דייטשן" צו יידישקייט. מען האָט דערציילט, ווי אַזוי אַ מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן מיט אַ שגץ און האָט זיך שוין געהאַלטן ביים שמדן, האָט אים אויסגעהערט און האָט זיך צעוויינט און זי האָט זיך אומגעקערט מיטן גאַנצן האַרצן צו איר גאָט, צו אירע עלטערן און צו איר פאָלק. און ער רעדט שטענדיק נאָר מיט ישוב הדעת און מיט שכל הישר. ער רעדט אַזוי, אַז אַ קינד קען אים פאַרשטיין. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט שוין געהאַלטן רעדעס נישט נאָר אויף יידיש, נאָר אויך אויף רוסיש און אַפילו אויף פראַנצויזיש. פאַר וועמען ער האָט דאָס געקענט ריידן פראַנצויזיש אין קעשענעוו, איז געווען אַ סוד. מען האָט דערציילט, אַז די גרעסטע גבירים פון שטאָט האָבן אים איינגעלאַדן און עס איז פאַר זיי געווען דער גרעסטער כבוד, ווען ער איז געקומען. גבירים, וואָס זיינען שוין געווען ווייט פון יידישקייט, האָבן זיך דערנעענטערט צו אים און דורך אים צו יידישקייט. מען האָט דערציילט, אַז אין אייניקע „דייטשע" שטיבער פון גבירים האָט מען זיך צוליב אים אָנגעהויבן פירן יידישער און פרומער. די יונגעלייט האָבן זיך פאַרלאָזט בערדלעך און די יונגע ווייבלעך האָבן זיך צוגעדעקט די קעפּ. אַ סך גבירים האָבן איבערגעלאָזט זייערע געשעפטן און זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען וואוהין ער האָט זיך געקערט און געווענדעט. ער האָט זיך נישט געקריגט נישט מיט די חסידים און נישט מיט די מתנגדים און נישט אַפילו מיט די ציוניסטן, אָבער קיין נושא פנים איז ער פאַר קיינעם נישט געווען און ער האָט אַלע געזאָגט דעם אמת און די ציוניסטן האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט גאָר נישט קעגן ארץ ישראל, אָבער עס זאָל זיין מיט תורה און מיט דרך ארץ און מיט יידישקייט און מיט דרך ארץ פאַר מלכותא דרקיע (דער הימלישער מלוכה) און מלכותא דארעאָ (די מלוכה פון דער ערד). עס איז געווען אַ זכות אים צו זען און אויף די דאָזיקע, וואָס האָבן אים זוכה געווען צו זען, האָט מען געקוקט ווי אויף גליקלעכע. אייניקע יידן און יידענעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט קוויטלעך און איבערהויפּט האָט מען זיך צו אים געלאָזט מיט קראַנקע און מיט קאַליקעס. עס איז שווער געווען אָפּצושלאָגן די אַלע, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים נאָך הילף און מען האָט נישט איין מאָל געמוזט זיך ווענדן צו פּאָליציי, אַז זי זאָל פאַרטרייבן דעם המון. אַ פּאָר מאָל איז ער אַליין אַרויסגעגאַנגען צום המון און

ער האט גערעדט בנעימות און ער האט געגעבן צו פארשטיין, אז ער איז נישט קיין רבי און אז ער באווייזט נישט קיין מופתים, ער איז נאר קוים א רב, אבער וואס עניוותדיקער ער האט גערעדט, אלץ מער האט מען זיך גע־שלאגן צוצוקומען צו אים.

עס זיינען אוועק וואכן און וואכן ביז וואנען ער איז געקומען אין דער ישיבה אריין. מען איז אים א סך מאל געגאנגען נעמען און ער האט קיינמאל קיין צייט נישט געהאט צו קומען, אבער שמחהלע האט דאך דערשמעקט פריער מיט א טאג, אז ער וועט קומען און ער האט צו ווסן געטאן וואו מען דארף און אזוי ווי ער איז אריינגעקומען אין איינעם מיט א פאר באלעבאטים, זיינען באלד צוגעפארן צו די טויערן פון דער ישיבה א פאר קארעטעס. עס איז געקומען דער אלטער שלום פערלמוטער אליין, וואס איז שוין געווען זייער אלט און ער האט געטראגן טונקלע ברילן און מען האט געקענט זען דורך די ברילן, ווי די אויגן טרערן אים. עס איז אנגעקומען זיין איידעם משה קלוג־מאן מיט דער שיינער, שווארצער בארד, וואס איז עפעס געווען עקסטרא צעקעמט און באלד נאך זיי איז צופוס אנגעקומען שלום טשארטקאווער מיט דער ברייטער און לאנגער ווייסער בארד און מיט די ברענענדיקע יונגע אויגן און ס'האט נישט לאנג געדויערט און ס'איז אנגעקומען א קארעטע מיט גי־טעלע פערלמוטער און איר טאכטער שרהלע קלוגמאן. עס איז געווארן א גע־לויף אין דער גאנצער ישיבה. ווען דער צאר אליין וואלט געקומען, וואלט נישט געדארפט ווערן קיין גרעסער געלויף. מען האט אויך אנגעהויבן לויפן פון דער גאס און שמחהלע האט עס באלד דערשמעקט און ער האט געהייסן גוט פארשליסן דעם טויער. מען האט צירלסאנען אריינגעפירט צו גמליאלן אין חדר אריין און די מלמדים פון אלע אנדערע חדרים זיינען אריינגעלאפן אהין און זיי האבן זיך געשטופט צום רב אים צו געבן שלום עליכם. און אז די מלמדים זיינען געלאפן, זיינען שוין די יינגלעך אויך געלאפן און ס'איז געווארן ערד טרעטעניש אין חדר. מען האט אפגעטראטן די מאזאליעס שלום טשארטקאווער אליין און שלום פערלמוטער האט מען קוים אנידערגעזעצט. שמחהלע איז געווען צערוישט און דאס היטל איז אים פשוט ארומגעפלויגן איבער דעם קאפ, אבער ער האט באלד באהערשט און ער האט געמאכט שטיל און ער האט געבעטן די מלמדים, אז זיי זאלן נעמען די קינדער און צוריק־גיין אין זייערע חדרים און זיך נישט מבטל מאכן פון תורה. א יינגל האט באלד באמערקט, אז ער טוט אריין די יראה אין די שמד־שטיק און דערווייל וויל ער ווייזן, אז ער איז בעלעבאס. און ווען די מלמדים האבן זיך גע־קנייטשט, האט ער געזאגט, אז דער רב וועט קיינעם נישט מבייש זיין חלילה, ער ווייסט, אז המלבין פני חברו ברבים... ער וועט שוין אריינקומען צו יעדן אין חדר אריין באזונדער. דערמיט האט ער בארואיקט די מלמדים, וואס האבן אנגעהויבן פארלאזן דאס חדר און מיטנעמען די תלמידים מיט זיך.

שמחהלע האָט פאַרזיכערט די בחורים פון „לײדיקן חדר", אַז דער רב וועט צו זײ אויך אַרײַנקומען, זײַנען זײ אויך אַוועקגעגאַנגען און אין חדר איז שוין געוואָרן גאָר געררוים און ער האָט ערשט דערנאָך אויסגעזעצט אַלע געסט און ער האָט שוין געמאַכט, אַז שלום פּערלמוטער זאָל זיצן לעבן צירלסאָגען. פון גמליאלן איז דער רב אין אײנעם מיט אַלע געסט געגאַנגען אין „לײדיקן חדר" און ער האָט דאָרט געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט די בחורים, וואָס האָבן שוין אין גיכן געדאַרפט ווערן רבנים און ער האָט זײ געלערנט ווי אַזוי צו זײַן די אמתע „רועי ישראל", ווײַל ווי איז צו דער טשערעדע, האָט ער געזאָגט, וואָס האָט נישט דעם ריכטיקן פּאַסטוך. די בחורים האָבן געלעקט די פינגער פון זײַנע רײד און זײ האָבן געזאָגט, אַז כאָטש ער האָט נישט געזאָגט קײן דברי תורה, זײַנען זײַנע רײד געווען נאָך העכער פון דברי תורה. משה צבי סטאָלינער האָט געשריגן, אַז ס'איז נישטאָ און עס קען נישט זײַן קײן העכערס פון קײן תורה און ער האָט זיך שיעור נישט געוואָרפן זיך שלאָגן...

פון „לײדיקן חדר" איז דער רב אַרײַנגעקומען מיט דער גאַנצער סוויטע צו לײבן אין חדר אַרײַן. אַלע ייִנגלעך אין אײנעם מיטן רבין האָבן זיך אויפגעהויבן ווי אײן מענטש. דער רבי האָט געשמײכלט מיט דעם בײזן פּנים און מען האָט געזען, אַז ער וויל ווײַזן נאָר אַ גוט פּנים, אָבער ער קען נישט. ער האָט חניפהדיק געזאָגט, אַז ער וואָלט געדאַרפט מאַכן „ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם", אַזוי ווי מען מאַכט, ווען מען זעט אַ קעניג און צירלסאָן האָט געענטפערט, אַז חס וחלילה, ער זאָל דאָס נישט טאָן, ווײַל ער וועט מאַכן אַ ברכה לבטלה... דער רבי לײב האָט דווקא געוואָלט, אַז צירלסאָן זאָל פאַרהערן אַ פּאָר תלמידים, אָבער דער גאַסט האָט געזאָגט, אַז ער האָט איצטער קײן צײַט נישט און ער וועט זיך שוין אי"ה מאַכן צײַט צו קומען און פאַרהערן זיך מיט די בחורים אין תורה, ווײַל ער האַלט שטאַרק פון דעם להגדיל תורה ויאדיר. יאַנקל האָט געהאַט די מעגלעכקײט אָנצוקוקן דעם גרויסן גאַסט פון דער נאָענט. ער האָט שוין געהאַט אַ ווײַסע באָרד און ווײַסע פּאות און ער איז אַלײן אויך געווען אין גאַנצן אַ ווײַסער. ער האָט אויסגעזען, גלײַך ער וואָלט זיך געבאָדן אין מילך. ער האָט געטראָגן אַ ברײטן קאַפּעליוש אַ פּליושענעם, אָבער ס'איז אים געווען שטאַרק הײס, כאָטש עס איז געווען ווינטער און ער האָט דעם קאַפּעליוש אויסגעטאָן און זיך געפאָכעט מיט אים און מען האָט אָנגעזען אַ גרויסן געקנײטשטן שטערן, איבער וועלכן עס האָט זיך געררוקט אַראָפּ און אַרויף אַ זײַדענע יאַרמעלקע. די אויגן האָבן געהאַט פײַער, ווי בײַ אַ יונגן און זײ האָבן געשמײכלט. די גאַנצע צײַט געשמײכלט. עס איז עפּעס געווען אי פון אַ זײדן, אי פון אַ קינד אין זײַן שמײכל, אָבער עפּעס, וואָס זעט נישט אויס אמתדיק איז אויך געווען אין דעם. קײן הויכער איז ער נישט געווען. אַביסל העכער פון שלום טשאַרטקאָווער. ער האָט גע־

טראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע, אַ ברייטע, וואָס האָט אַביסל אויסגעזען ווי אַ גלחישע טענדע ווערענדע. ער האָט געקוקט אי מילד, אי שטרענג אויף די בחורים און ער האָט געזאָגט: „עס שטייט געשריבן „לעולם אל יפטור אדם מחברו אלא מתוך דבר הלכה" (קיינמאָל זאָל אַ מענטש זיך נישט געזעגענען פון זיין חבר נאָר דורך אַ וואָרט וועגן געזעץ). וויל ער דערמאָנען, אַז „טוב תורה עם דרך ארץ" (ס'איז גוט תורה מיט דרך ארץ). מען דאַרף קענען דעם שטייגער פון דער וועלט און פון דעם לאַנד, וואו מען וואוינט. אַז מ'קען נישט אַנדערש, לערנט מען וועלט־זאַכן „בשעה שלא יום ולא לילה" (אין אַ שעה, ווען עס איז נישט טאָג און נישט נאַכט) אָבער עפּעס וויסן פון וועלט־זאַכן דאַרף מען, בכדי מען זאָל פאַרשפּאָרן זיך צוכאַפּן מיט אַ מאָל און דערנאָך חלילה געשטרויכלט ווערן און פאַלן... מען איז יידן און מען דאַרף זיין יידן. קודם כל יידן און שטענדיק יידן, אָבער מען דאַרף זיך קענען אָפּהיטן פאַר בייזע ווינטן און מען דאַרף קענען דעם כלל אָפּהיטן. די פּאַסטוכער דאַרפן קענען נישט נאָר זייערע שאָף, נאָר אויך די וועלף. און רבנים זיינען פּאַס־טוכער און ישיבה בחורים קלויבן זיך צו ווערן רבנים און אַפילו שוחטים זיי־נען אויך פּאַסטוכער. און מען דאַרף געדענקען, אַז יידן זיינען איין שעפּעלע צווישן אַ סך וועלף..." דער רבי לייב האָט באַלד געזאָגט, אַז ס'איז פּלאי פּלאָות און שמחהלע האָט געזאָגט, אַז ס'איז לעילאָ ולעילאָ... אָבער אַ בחור האָט שטילערהייט באַמערקט, אַז שמחהלע האָט נישט לאַנג געפּאַקט אַ בחור לערנען רוסיש, האָט ער אים אַרויסגעוואָרפן.

אַ פּאָר טעג האָט מען אין דער ישיבה נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם נייעם רב און מען האָט דערציילט וועגן אים ניסים. מען האָט נאָכגע־זאָגט יעדעס וואָרט און מען האָט עס צעלייגט אויף טעלערלעך. און מען האָט אָנגעהויבן זיך מתוכח זיין וועגן דעם, צי מען מעג רק לערנען מילתא דעלמי (וועלט־זאַכן). אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מען מוז לערנען, אַנדערע האָבן גע־זאָגט, אַז מען טאָר נישט לערנען, ווייל מ'קען רחמנא ליצלן ווערן גויים גמורים. איי, פאַרוואָס איז צירלסאָן אַזאַ פרומער ייד? האָט איינער געזאָגט, אַז עס האָט אים געטראָפן אַ נס און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זיי וויסן טאָקע נישט, צי ער איז טאַקע אַזאַ יראת שמים, ווי ס'איז אַן... אמתער רב! אין שטאָט האָבן קינדער פון חסידים אָנגעהויבן לערנען רוסיש און מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ מגפה... אין דער ישיבה האָבן אי שמחהלע, אי גמליאל, אי אַלע מלמדים מודיע געווען, אַז מען טאָר נישט לערנען קיין רוסיש און קיין שום ספרי חוץ און אַז מען וועט כאַפּן, וועט מען אַרויסוואַרפן. און ווען מען האָט געפרעגט: פאַרוואָס האָט צירלסאָן געלערנט? האָט מען דערמאָנט, אַז אין פּרדס אַריין זיינען פיר אַריינגעגאַנגען און נאָר איינער איז אַרויס, אַזוי ווי ער איז אַריין. אַלע מלמדים האָבן בפירוש געזאָגט, אַז צירלסאָן איז

איינער און זאָל נישט יעדער מיינען, אַז ער קען ווערן צירלסאָן... אַ סימן: קעשענעוו האָט ביז איצטער אַזאַ רב נישט געהאַט.

אויף פּסח איז יאַנקל ווידער געפאָרן קיין פּעטראָווקע צו דער שוועסטער. ער האָט זיך דאָרט געפּילט אַביסל בעסער ווי אין קיליע, ווייל דער שוואָגער האָט נישט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף אים ווי דער טאַטע און די שוועסטער האָט גאָר געזאָגט, אַז ער איז אַ קינד און ער מעג זיך נאָך שפּילן אַפילו אין ניס; און ער האָט זיך געשפּילט. די יינגלעך מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט זיינען שוין געווען גרויסע, ער האָט ערשט געדאַרפט ווערן פערצן יאָר און זיי זיינען שוין געווען פון פופצן און פון זעכצן, זיי האָבן געאַרבעט אין די מאַרקן, אָדער אין די קלייטן. אַ צוויי האָבן געלערנט עקסטערן דעם קורס פון גימנאַזיע און זיי האָבן זיך געגרייט צו עקזאַמענעס. זיי האָבן גערעדט וועגן מיידלעך גאָר פריי, אַ סך פרייער ווי אין דער ישיבה און זיי האָבן דערציילט ערגערע זאַכן ווי מען האָט דערציילט אין דער ישיבה. אייניקע האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען שוין געווען מיט מיידלעך. איינער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט פון אַזאַ זאַך, וואָס מען דאַרף די מיידלעך אויף כּפּרות און ער האָט דאָס אויסגעלערנט עטלעכע יינגלעך און יאַנקלען אויך... די יינגלעך האָבן זיך דערנאָך באַרימט, אַז זיי טוען עס, יאַנקל האָט זיך געשעמט, אָבער ער האָט דאָס אויך געטאָן.

מיט לייב מלמד האָט דעמלט געטראָפן אַ גרויס אומגליק, וואָס די גאַנצע וועלט האָט דערפון אויפגעציטערט. זיינער אַ זון האָט געוואוינט אויף אַ „קישלע" (אַ קיבוץ פון אַ פּאָר שטיבער) לעבן בענדער און ער האָט געהאַלטן אַ שענק. דער דאָזיקער זון האָט געהאַט אַ ווייב מיט זעקס קינדער. זיינען אין דער צייט פון „פּאַסכע" באַפאַלן גזלנים לייבס זון און אים דערהרגעט אין איינעם מיט דעם גאַנצן הויזגעזינט. די רוסישע בלעטער האָבן געשריבן וועגן דעם. מען האָט געזאָגט אַז ס'איז נקמה אין יידן, אַזוי ווי אַ פּאָגראָם. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ס'איז געווען פּשוט צוליב גזילה. לייב האָט אויסגעזען די ערשטע טעג ווי משוגע. ווען ער איז געזעסן שבעה, זיינען אַלע יינגלעך אים געגאַנגען מנחם אבל זיין. אין חדר איז געווען שטיל, כּאָטש קיין רבי איז נישט געווען. אַלע טאָג האָט אַן אַנדער בחור געזאָגט אַ שיעור, ער האָט געמאַכט אַ „לייענען" און געזאָגט אַ שיעור. ווען עס האָט זיך געענדיקט די שבעה, איז לייב צוריקגעקומען און האָט זיך געזעצט לערנען גלייך ווי גאָרנישט. די אויגן האָבן אים אויסגעזען מער טרויעריק ווי אַמאָל און מער שלעכט. ער האָט אויסגעזוכט אַגדתאס וועגן יסורים, ער האָט געלערנט מיט די יינגלעך שטיקער פון איוב און ער האָט איובס טענות געזאָגט בייז און מיט אַ געשריי. ער האָט געשריגן: „אדם ילוד אשה קצר ימים ושבע רוגז, דער מענטש וואָס איז געבוירן פון אַן אישה, האָט קורצע טעג און ער איז זאַט פון שלעכטס. כּציץ יצא וימל, ויברח כצל ולא יעמוד, ווי אַ קווייט גייט ער

אַרויס און ווערט פאַרשניטן, ער אַנטלויפט ווי אַ שאָטן און שטייט נישט. אַף על זה פּקחת עיניך? אויך אויף דעם עפנסטו די אויגן? ואותי תבוא במשפט עמך? און מיך ווילסטו ברענגען צו משפט מיט דיר?... מי יעשה טהור מטמא? ווער קען מאַכן ריין פון אומריין? לא אחד... קיינער ניט"... אָבער וואָס מער טרויעריק ער איז געוואָרן, אַלץ מער שלעכט איז ער געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז אומשולדיקע מענטשן ווערן פאַרשניטן, ווייל מען איז זינדיק... און ער האָט געשניטן פּאַסעס מיט דער ווירע און געריסן שטיקער מיטן שטעקן מיט די ביבקעס... יאַנקל האָט אויך געכאַפּט אַ סך קלעפּ און ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס מען האָט אים געלערנט אין פּעטראָוועקע... ער האָט זיך געפילט גוט דערפון, ער האָט זיך נאָר נישט געפילט ריין דערפון און ער איז אַלעמאָל געגאַנגען אין מקווה אַריין, מען האָט אין דער וואָכן אַריינגעלאָזט אין דער קעשענעווער מקווה פאַר איין קאָפּיקע. ער איז געגאַנגען אַ סך מאָל אין איינעם מיט לייבוש קאָברינער אין מקווה אַריין און יענער האָט געמיינט, אַז ער זעט שוין אויך חלומות אַזוי ווי ער... לייבוש האָט אים געזאָגט, אַז ער זעט שוין טאַקע אויס ווי אַ מענטש; ער איז מיט אַמאָל געוואָרן גרויס און ער האָט שענערע קאָלירן. יאַנקל האָט אַ סך צייט געשוויגן און גאָרנישט דערציילט זיין חבר דערפון, אָבער ווען עס איז געקומען אלול צייט און מען האָט געדאַרפט אָנהייבן תשובה טאָן, האָט ער זיך צעוויינט פאַר לייבושן און אים דערציילט אַלצדינג און לייבוש האָט גענומען שרייען אויף אים און אים געזאָגט, אַז ער פּטרט זיך אַוועק פון ביידע וועלטן און ער האָט אים געוויזן אין חומש, אַז יהודהס זון אונן האָט אַזוי געטאָן און גאָט האָט אים דערפאַר דערהרגעט און ער דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט אים אויך נישט געהרגעט ביז איצטער. און לייבוש האָט אים געסטראַשעט, אַז ער וועט אַלע טאָג קומען אין זיין קוואַרטיר קוקן, צי ער איז נאָך אַזאַ פּאַסקודניאַק ווי די ייִנגלעך פון פּעטראָוועקע און אַז ער וועט אים נישט פאָלגן, וועט ער אין גאַנצן אויפהערן צו ריידן. און צו זיין אַן לייבושן האָט זיך יאַנקל דעמלט נישט פאַרגעשטעלט. ער פלעג טאַקע געבן לייבושן דאָס ברויט, וואָס אים פלעג איבערבלייבן און די בערשטלעך צו פּוצן די שיך און שואוואַקס און אַמאָל אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס און טאַקע אַ פּאָר קאָפּיקעס אויך און לייבוש איז האָט גאָרנישט געהאַט צו געבן, דאָך האָט ער געפילט, אַז אָן לייבושן וועט ער פאַרפאַלן ווערן און ווערן אויס מענטש.

און ער האָט דעמלט דווקא געדאַרפט זיין אַ מענטש און ער האָט געהאַט צו באַזאָרגן אַ סך שווערע זאַכן. אין אַלע חדרים האָט מען געקענט לערנען עטלעכע זמנים און אויך נאָר איין זמן, נאָר נישט ביי גמליאלן, דאָרט האָט מען געמוזט לערנען פיר זמנים. דעם ערשטן זמן האָט מען געלערנט „מליחה", דעם צווייטן „בשר בחלב", דעם דריטן „תערובות" און דעם פערטן „טריפות". דאָס איז געווען כמעט דער ערשטער חלק „יורה דעה" און מען

האָט אים געדאַרפט קענען אין איינעם מיט אַלע פּשטלעך, דריידלעך און „היכי תמצאָס" און אויסנווייניק האָט מען געדאַרפט קענען. מען האָט דעם גרויסן ספר מיט די סך קליינע אותיותלעך געדאַרפט קענען ווי אַ וואַסער. און אַז מען האָט געקענט, האָט מען באַקומען הורמנאַ אויף איסור והיתר (דאָס רעכט צו פּסקנען שאלות וועגן כשר און טריפה) דאָס איבעריקע האָט מען שוין צו־געלערנט מיט דער צייט אַליין. איז מען געוואָרן רב אין אַ שטאָט, וואו עס איז געווען אַ טייך, האָט מען געלערנט הלכות גיטן, אַנישט האָט מען נישט געלערנט. הלכות נשים האָט מען אויך געלערנט שפּעטער און דעם שולחן ערוך מיט די דינים וועגן שבת, יום טוב, תפילה האָט מען געלערנט בשעה שלאַ יום ולאַ לילה. דאָס שווערסטע איז געווען דער „חשן משפט", די יידי־שע יוריספּרודענץ, אָבער זייער ווייניק רבנים האָבן דאָס געלערנט, ווייל אין אונזערע צייטן האָט מען זיך נוהג געווען, אַז מען מאַכט נישט קיין פּסק דין, נאָר אַ פּשרה און אַז איינער האָט דווקאַ געוואָלט אַ פּסק דין, האָט מען אַריינגעקוקט. צו גמליאלן פלעג אַריינגיין אַ גאַנץ חדר מיט אַמאָל און איז געווען צוויי יאָר דורכאַנאַנד. לייב מלמד האָט אלול־צייט אַריינגערופן יאַנק־לען און ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט איצטער נישט אַריבערגיין צו גמליאלן, וועט ער דאַרפן בלייבן נאָך צוויי יאָר לערנען גמרא ביי אים. עס וואָלט געווען בעסער, ווען זיין טאַטע קומט אַהער, קען ער דאָך אָבער נישט. ווייל ער איז אַן אָרעמאַן און עס וועט קאָסטן צו טייער, וועט ער איב העלפן, אָבער ער קען עס נישט טאָן אומזיסט, ווייל פון דעם, וואָס שלום פּערלמוטער צאָלט, איז נישטאָ קיין פּרנסה, זיין טאַטע דאַרף אים שיקן אַ דרייערל. ער וועט דאָס אַליין שרייבן דעם טאַטן, אָבער יאַנקל מעג אויך אַריינוואָרפן אַ וואָרט, אַז ער וויל נישט בלייבן אויף צוויי יאָר און דער טאַ־טע זאָל בעטן אַלי קיליער אויך און הערשל שוחט זאָל אויך שרייבן אַלי קי־ליער. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז ביי אַלין קען ער אַליין אַ סך פּועלן, ווייל ער איז נאָך אַלץ דער איינציקער בוהושער חסיד אין דער ישיבה, סאַדעגנערער און באַיאַנער און אַנדערע, נישט ריזשינער איז דאָ אַ גאַנצער פּאַק און בו־הושער איז דאָ ער איינער און איינער, וואָס האָט געזאָגט, אַז די בוהושער חסי־דים געפעלן אים און אויב עס וועט אים געפעלן דער רבי אויך, וועט ער ווערן אַ בוהושער, דאָס איז געווען יאַנקלס חבר לייבוש קאָברינער. און אַז יאַנקל האָט נאָך געהערט אַז משה אַקערמאַנערס טאַטע איז געקומען וועגן דעם קיין קעשענעוו און ער דערצייל מעשים, איז ער שוין באַלד אַוועק צו אַלין און געריידט צו אים און געוויינט. דערווייל האָט משה אַקערמאַנער גע־פרעגט ביי יאַנקלען, צי דבורה פּינחס שוחטס איז אַ שיין מיידל, ווייל מען רעדט זי אים פאַר אַ כלה. יאַנקלען האָט עס גאָר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַר־צן, זייט לייבוש האָט ביי אים געגומען די שבועה, אַז ער וועט מער נישט טאָן אַזוי ווי אין פּעטראָווקע, האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון

דבורהן; איר מאַמע אַליין, חווה, האָט אים געזאָגט פאַר דעם אַוועקפאָרן, אַז אויב ער וועט ווערן אַ רב, וועט זי אים געבן איר מיזינקע פאַר אַ כלה... יאַנקלען האָט עס גוט געברענט ביים הארצן, אָבער וועגן דעם האָט ער נישט דערציילט לייבושן, ער האָט נאָר געזאָגט משהן, אַז זיין טאַטע האָט אים געשריבן, אַז אים רעדט מען זי אויך. האָט משה דווקא געוואָלט זען דעם בריוו און ווען יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער וויל אים נישט ווייזן, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז אַ ליגן. אויף ימים נוראים איז אונזער העלד נישט געפאָרן אַהיים, ווייל יאַנקל און משה אַקערמאַנער זיינען אויך ביידע נישט געפאָרן. די גרשונקע האָט טאַקע איינגעלייגט די וועלט, אַז ער זאָל פאָרן, אָבער לייבוש האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זי הערן ווי די קאַץ, ווייל מען צאָלט איר פאַר דעם גאַנצן זמן און סוכות איז זייער פריילעך אין קעשענעוו און שמחת תורה אוודאי, פריילעכער ווי דאָרט אין יעהופעץ און אפילו ווי אין קיליע.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרהערן, וואָס האָט געדויערט אַריבער אַ וואָך. שלום טשאַרטקאָווער איז געקומען אַלע טאָג און צוויי מאָל איז אויך געקומען שלום פערלמוטער אַליין. שמחהלע איז אַלעמען נאָכגעלאָפן און מיט יעדן זיך געסודעט און לייב האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז עס וועט נישט שאַדטן, ער זאָל צוזאָגן שמחהלען, אַז אויב ער וועט אַריבער, וועט ער אים געבן אַ קערבל; ער קען נישט פאַריכטן, אָבער קאַליע מאַכן קען אַ קאַץ אויך. און יאַנקל האָט געפאָלגט און שמחה איז געוואָרן מיט אים אַ גאַנצער גוטער ברודער. מען האָט פאַרהערט אַלע ייִנגלעך פון לייבס חדר מיט אַמאָל, אַלע האָבן זיי נישט געקענט אַריין צו גמליאלן, עס איז קיין פּלאַץ נישט געווען. עס איז געווען זיכער, אַז פריער וועט מען אויסקלויבן די עלטערע, וואָס מוזן שוין, ווייל זיי ווילן שוין באַלד שטיין צום „פריזיוו" און פון די קלענערע וועט מען אויסקלויבן די בעסטע. פון די קלענערע זיינען יאַנקל אַקערמאַנער, שמואליק און ער געשטאַנען אויף דעם ערשטן פּלאַץ, אָבער יאַנקל האָט געהאַט דעם פלעק פון דער אפיקורסישער קשיה, וואָס ער האָט געפרעגט, מען האָט זי נאָך נישט פאַרגעסן. דאָס פאַרהערן האָט אַלע נערוועז געמאַכט און ווען מען האָט אַמאָל נישט אָנגעוויזן וועמען מען פרעגט, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן און געענטפערט און איינער האָט געוואָלט אַריבערשרייען דעם אַנדערן און אברהם פאַרעך האָט אַלע פאַרשטעלט און געשריגן העכער פון אַלע. ר' שלום טשאַרטקאָווער האָט אַזש באַמערקט, אַז מען דאַרף נישט נאָר קענען בעסער שרייען, נאָר מען דאַרף אויך קענען בעסער לערנען... עס איז פשוט געווען אַ מלחמה.

אלי קיליער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט דאָס אַליין דערציילט יאַנקלען, ער האָט געזאָגט דעם טשאַרטקאָווער, אַז איין מאָל וויל ער עפּעס פועלן ביי אים און עד וועט נישט אַוועקגיין ביז וואַנען ער וועט אים נישט צוזאָגן, ווייל ער וועט נאָך אויך דאַרפן

אמאָל עפּעס בעטן ביי אים... און ווען ר׳ שלום האָט אים געפרעגט: „און ווי וועט זיין, אז ער וועט נישט קענען?" האָט אלי געענטפערט, אז העמלט מעג ער אים לאָזן אויף נאָך צוויי יאָר. אלי האָט געזאָגט יאַנקלען, אז ער זאָל זיך האַלטן. און ער האָט זיך געהאַלטן! אז מען האָט אויפגעגעבן א „לייענען", האָט ער זיך נישט געלייגט ביז וואַנען ער האָט עס נישט געקענט. ער איז פאַר דער צייט געוואָרן גרין און געל. די גרשונקע האָט אזש געוויינט, ווען זי האָט אים געזען. און יאַנקל האָט געהערט פון שמחהלען די גוטע בשורה. אז ער איז אריבער, האָט ער געלינגן ביי יאָסל דאַליצקי א רובל אים צו געבן און אהיים האָט ער געשיקט א טעלעגראַמע און כאָטש דער טאַטע האָט אויף אזעלכע זאַכן געזשאַלעוועט געלט, האָט ער געענטפערט א טעלעגראַמע מיט א מזל טוב. און יאַנקל האָט געהאַט א גאָר פריילעכן סוכות. ער האָט געשענקט לייבוש קאָברינער אויף א פּאַפּירענער מאַנישקע מיט א קאָלנער...

אָבער נאָך סוכות האָט זיך אָנגעהויבן א נייע געשיכטע אין דער ישיבה, מען האָט געזאָגט, אז מען ברענגט א נייעם רבין אויף גמליאלס פּלאַץ. גמליאלן וועט מען נישט אָפּזאָגן, אָבער מען וועט אים לאָזן צו לערנען גמרא און יורה דעה וועט לערנען א נייער רבי, וואָס קומט פון טיטיעוו; ער הייסט מרדכי. א טיטיעווער יינגל, וואָס האָט געלערנט מיט יאַנקלען אין איינעם, האָט געזאָגט, אז דער דאָזיקער מרדכי איז א למדן, אָבער נישט אזוי איי, איי... ווענן דעם פאַרוואָס מען רוקט אראָפּ גמליאלן זיינען געווען פאַרשיי־דענע סברות. די ערשטע סבראָ איז געווען, אז ער האָט נישט נוהג כבוד גע־ווען ר׳ שלום טשאַרטקאָווער און יענער האָט אים צוגעשטעלט א בענקעלע צו שלום פּערלמוטער, אז ער איז א צעטראָגענער און א נישט אָפּגעהיטער. די בחורים האָבן טאַקע דערציילט, אז ער איז א זייער צעטראָגענער און אז א סך מאָל געדענקט ער נישט א וואָרט און ער זאָגט אויף אלצדינג „דאָס". אויף א חכם, זאָגט ער „דאָס" און אויף א נאַר אויך אזוי. ער האָט געשיקט א יינגל קויפן פאַר א קאָפּיקע עפּל און ער האָט געוואָלט, אז ער זאָל אים ברענגען פיר און יענער האָט נישט געבראַכט מער ווי צוויי, האָט ער געזאָגט: „אָט א דאָס איז, ווען מען שיקט א „דאָס" אויף די געמאַרקן" און געמיינט האָט ער א נאַר...

אָבער פּאַוואָליע האָט מען זיך גענומען דערוויסן, אז דאָ שטעקט עפּעס אן ערגערע זאַך. גמליאל האָט מיט דעם לעצטן חדר מיט זיינעם געפּראַוועט גוט יידישע שטיק, ער איז געווען נישט נאָר דער מלמד, נאָר אויך דער רבי און זיי זיינען געווען נישט נאָר די תלמידים, נאָר אויך די חסידים. און נישט גלאַט א רבי איז ער געווען, נאָר עפּעס גאָר א מאָדנע מין רבי, ער האָט גע־וואָלט ברענגען משיחן און אויב נישט דורך כולו זכאי, אין דורך כולו חייב... דער רבי מיט די תלמידים האָבן זיך א גאַנץ יאָר צונויפגענומען אין די פרייטיק צו נאַכטן ביי גמליאלן אין שטוב און זיי האָבן דאָרט מחלל שבת

געוועזן און געהוליעט. אין דער ישיבה אַליין פלעגן זיי אויך מאַכן ווילדע הוליאַנקעס און זיי האָבן פאַרמאַכט די טיר און פאַרשפּאַרט מיט אַ באַנק, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַריין. מען האָט אויך דערציילט, אַז זיי האָבן אַלע נישט געפאַסט יום כיפּור און זיי האָבן צו כל נדרי געטאַנצט אַרום גמליאלן און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז דוד מלך ישראל און ער איז משיח אַליין... איינער פון די בחורים, וואָס האָט געהאַט אַ מיידליש פּנים מיט אַ געדיכטער קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד און ער האָט געהייסן לעמל, איז געוואָרן אַ חתן פאַר גמליאלס טאָכטער. גמליאלס זון אַליין, אַלטער איז אויך געוואָרן אַ חתן און זיי האָבן עס געמוזט ווערן, ווייל משיח מוז גיין צווישן צוויי חתנים... און מען האָט דערציילט, אַז לעמלס און אַלטערס כלהס האָבן געמוזט קומען צווישן גמליאלן און אַלע זיינע תּלמידים אַזוי ווי אחשוורוש האָט געוואָלט, אַז וושתי זאָל צו אים קומען. און מען האָט דערציילט נאָך און נאָך זאַכן. גמליאל האָט געוואוינט ערגעץ אין אַ פאַררוקט געסל, וואו עס האָבן געלעבט סאַמע יידן, פלעגן די אַלע יידן קומען אין איינעם מיט די יידענעס צו גמליאלן פּריוויטיק צו נאַכטס און זיי האָבן געטרונקען וויין און זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט נאַקעטערהייט און האָבן זיך מתדבק געווען און זיינען געוואָרן לעור אחד און מען האָט שוין אפילו געבראַכט אַן אייזל און אויפגעזעצט גמליאלן רייטנדיק, ווייל עס שטייט געשריבן, אַז משיח וועט זיין „עני ורוכב על החמור" (אַן אָרעמאַן און ער וועט רייטן אויף אַן אייזל). מען האָט צוגעגעבן, אַז אַלע זיינען זיי געווען פּשוטע חמור-אייזלען.

פון וואַנען האָט מען זיך דאָס אַלץ דערוואוסט? וועגן דעם זיינען געווען פאַרשיידענע תּירוצים. אוודאי האָבן די בחורים געשוואוירן, אַז קיינער זאָל נישט אויסזאָגן און טאַקע מיט אַ חרם, אָבער איינער האָט זיך מתיר נדר געווען און ער האָט דערציילט... אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז אין ביי־נאַכט האָבן זיי צו שטאַרק געהוליעט און די בחורים פון „לייזיקן חדר" האָבן זיך אַריינגעריסן דורך מעבלס חדר און זיי האָבן דאָרט דערזען אַ שרעקלעכע זאַך און זיי האָבן עס דערציילט שלום טשאַרטקאָווער. די ישיבה איז געווען ווי אַ קעסל און איינער האָט געערעדט דעם אַנדערן אויף דעם אויער. מען האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען איין זאַך: צווישן די תּלמידים פון יענע צוויי יאָר איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געהייסן איציק אָרהיעוועער, ער איז געווען אַ שיינער, געפּוצטער בחור, ער האָט געגעסן ביי אלי קיליער, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ חסיד פון דער גאַנצער ריזשינער גזע, ער האַלט נישט נאָר פון איין רבין, ער האַלט פון אַ סך. ער האָט געקענט זינגען שענער פון אַלע ישיבה בחורים. כאָטש ער איז געווען אביסל הייזעריקלעך. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן און ער האָט אפילו געמאַכט עטלעכע אייגענע ניגונים. און אַז עס איז געקומען דער סקווערער רבי, איז ער צו אים אויך געגאַנגען זינגען אַ ניגון. ער האָט שוין געהאַט אַ בערדל און ער איז געשטאַנען אין

שידוכים, ער האָט נאָר געוואָלט פריער איבערקומען דעם „פּריזיוו". ער האָט געהאַט אַ שם, אַז ער איז דער קליגסטער ישיבה בחור און ער האָט זיך גע־פעסטעט פאַר דער גאַנצער וועלט. ווען מען האָט געענדיקט ביי גמליאלן, איז אַ טייל געבליבן אין „לייריקן חדר" און אַ טייל האָט מען אַריינגעזעצט צו שלום פּערלמוטער אין שולעכל, וואָס איז געווען אין איינעם מיט דער קלייט און מיט דעם הויף, וואו זיי האָבן געוואוינט. אין שולעכל אַריין האָט מען אויסגעקליבן די שענסטע און גראָטנסטע בחורים און אַהין פלעגן קומען גבי־רים זוכן איידעמס פאַר זייערע טעכטער. איז איציק אָרהיעווער געווען דער ערשטער, וואָס מען האָט פון דעמלט אויסגעקליבן אין שלום פּערלמוטערס שולעכל און מען האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ער זאָל קענען פאַרשווייגן אַזאַ זאַך, מען איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט דער ערשטער דערציילט. האָט מען אָבער געזאָגט, אַז דווקא ער איז געווען דער פאַרברענטסטער חסיד גמליאלס און ער האַלט אים פאַר משיחן מער ווי אַלע... גמליאל איז אַרומגעגאַנגען זייער צעטראָגן און שוואַרץ ווי די ערד און די תלמידים זיינען אויך געווען טרויעריק. אויסער ביי שמואלן און ביי מעכלען האָט מען נישט אָנגעהויבן לערנען, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך שבת בראשית. שמחהלע האָט אַרומ־געשמייעט מער ווי אַלע און ער האָט צו אַלעמען געזאָגט — „פּתח שין שאַ!" ער האָט אַלעמאָל אַריינגערופן אַן אַנדער גרופּע יינגלעך אין דער „קלאַדאָוו־קע", וואו עס זיינען געליגן די קעסטלעך און ער האָט זיי געהאַלטן אַ שטילע דרשה און ער האָט געזאָגט, אַז אויב חלילה מען וועט זיך דערוויסן אין גאַס וועגן דעם, זיינען אַלע אומגליקלעך און מען וועט פאַרמאַכן די ישיבה. מען דאַרף פשוט שווערן, אַז מען וועט נישט אויסזאָגן און זיי האָבן געשוואוירן. אלי קיליער האָט געפרעגט יאַנקלען, וואָס עס קומט פאָר אין דער ישיבה, האָט ער אים פריער געענטפערט פאַרוואָס ער פרעגט נישט איציק אָרהיע־ווער, האָט ער געענטפערט, אַז איציק איז צופיל פאַרמישט און ער האָט גע־געבן אַ שבועה, האָט יאַנקל זיך צעוויינט און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אויך געגעבן אַ שבועה. אלי האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס און מער נישט געפרעגט. און דערווייל איז אָנגעקומען דער נייער ראש מרדכי.

☆

קאפיטל זעכצן

יאנקל איז געווארן א הייסער חסיד

די בלעטער פון די אנטקעגנדיקע אקאציע־ביימער זיינען שוין געפאלן, ווען דער נייער ראש האט גענומען לערנען „מליחה". א הויכער יונגערמאן איז געווען דער רבי מרדכי, ער האט אויסגעזען גאר יונג, יינגער ווי עטלעכע בחורים פון „לייטיקן חדר". א שטארק רויטער יונגערמאן מיט א שיטער בערדל און מיט א לענגלעכיק לאכנדיק פנים. בחורים האבן געזאגט, אז ער מאכט זיך לאכנדיק, אבער אינעווייניק גרימט אים. עס קומט ווי אוים גלייך די בחורים וואלטן אים פארהערט. שלום טשארטקאווער איז אויך געקומען צום ערשטן שיעור און מרדכי איז נאך געווארן מער רויט ווי ער איז... אין ישיבה האט מען אים באלד פון אנהייב נישט ליב באקומען, מ'האט געזאגט, אז ער האט משיג גבול געווען גמליאלן. דעם שיעור האט ער אנגעהויבן אביסל אנדערש ווי גמליאל, ער האט דערציילט וואס די „יורה דעה" איז, זי איז א טייל פון די פיר „טורים", וואס שטעלן צונויף אלע דינים, וואס זיינען דער עיקר פון יהדות. ער האט דערציילט ווען מען האט צונויפגעשטעלט די פיר טורים און פארוואס. די הלכה, די יידישע געזעצן, זיינען דא אין תלמוד, אבער דער תלמוד איז א גרויסער ים און דערפאר האבן גרויסע לומדים גע־ארבעט זייער גאנץ לעבן און זיי האבן צונויפגעקליבן די הלכה, זיי הייסן דערפאר פוסקים. ער האט גערעדט מיט הויכע ווערטער וועגן אלפס, וואס איז געבוירן צוריק מיט אריבער ניין הונדערט יאר אין אפריקע, פעז, וואס מען האט גערופן אויף לשון קודש פס און דערפאר האט מען אים גערופן אלפסי, ער איז געווען פון די ערשטע פוסקים און דער גרעסטער. ער האט געלעבט אין שפאניע, וואו ער איז געווען ראש ישיבה. רבי יהודה הלוי האט וועגן אים געשריבן, „ויכתבו תורה בלבות לבך", זיי האבן אנגעשריבן די תורה אויף די לוחות פון דיין הארצן. ער האט אנגעשריבן הונדערטער שאלות און תשו־בות און ווען נישט ער חלילה, וואלט מען נישט געקענט אפהיטן יידישקייט. ער האט אויך גערעדט מיט געהויבענע ווערטער וועגן „ראש", רבונו אשר בן יחיאל, וואס איז אויך געווען פון די גרעסטע פוסקים, ער איז געבוירן גע־ווארן אין דייטשלאנד צוריק מיט זעקס הונדערט פופציק יאר און ער האט געלעבט אין שפאניע. פון דייטשלאנד האט ער געמוזט אנטלויפן, ווייל דער

משומד קעמפּע ימח ישמו האָט אָנגערעדט אַ פּירשט, אַז ער זאָל מאַנען אַ סך אויסליין געלט ביי יידן און ער האָט פאַרהאַלטן דעם מהרם. וואָס איז געשטאָרבן ווי אַ קדוש אין תפיסה און דער ראָש, וואָס איז אים געפאָרן אויס־ לייזן, איז שיעור נישט אַריינגעפאַלן אויף זיין פּלאַץ. ער איז פריער געווען אין איטאַליע און אין פראַנקרייך און ער האָט געבראַכט קיין שפּאַניע אויך די חכמה פון די דאָזיקע לענדער. מרדכי האָט געלאַכט און ער האָט געזאָגט, אַז דער ראָש האָט אויסגעלייזט די מענער פון ווייבערישע הענט, ווייל אין קאַשטיליע, קרטובה (קאָרדאָבע) און אשביליא (סעווילִיאַ) איז געווען אַ מנהג, אַז ווען אַ פּרוי האָט געזאָגט, אַז זי וויל נישט דעם מאַן, האָט מען אים גע־ צוואונגען צו גטן דאָס ווייב און מען האָט אים נאָך אַריינגעזעצט אין תפיסה אַריין און דער ראָש האָט דעם דאָזיקן מנהג בטל געמאַכט. און מרדכי האָט זיך גאָר שטאַרק צעהיצט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם „בית יוסף”, וואָס רינגלט אַרום דעם אלפס אין אַלע פיר טורים, אַזוי ווי „פּערל רינגלען אַרום אַ האַלדז”. דער וואָס האָט געמאַכט דעם „בית יוסף” האָט געהייסן ר׳ יוסף קאַרו און ער איז געבוירן אין שפּאַניע, געלעבט און געלערנט אין פּאָרטוגאַל און דערנאָך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין אַדריאַנאָפּאָל און אין ארץ ישראל, וואו ער איז געשטאָרבן. ר׳ יוסף קאַרו האָט געמאַכט דעם שולחן ערוך, אַז װעלבן מ׳קען קיין ייד נישט זיין, ער האָט נאָך משהן ווידער געגעבן די גע־ זעצן די יידן, אַז אים האָט מען נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז כשר און וואָס ס׳איז טריפה און וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, פאַר אים זיינען שוין געווען צוויי, אָדער דריי יידישקייטן און ער האָט בעזרת השם געמאַכט איין יידישקייט, ער האָט צונויפגענומען, דעם אלפס, דעם רמבם און דעם ראָש און געמאַכט פון זיי איינס... און דערנאָך האָט דער נייער רבי גערעדט וועגן פּרי מגדים, וואָס איז שוין פון די אחרונים און איז אַזוי גרויס ווי די ראשונים, ער האָט געשריבן אַ סך, אַ סך און דערפאַר איז ער געדרוקט מיט קליינע אותיותלעך. ער איז געווען אַן אָרעמאַן און האָט נישט געהאַט אויף קיין פּאַפּיר און ער האָט פון דעסט וועגן געשריבן אַ סך און מען דאַרף אים פאַרשטיין און מען דאַרף אים לערנען בכדי להגדיל תורה ויאדיר... וואָרום דער עיקר איז דאָך די תורה זאָל זיין גרויס. די דינים אַליין קען מען דאָך מאַכן גאָר קורץ, מ׳קען נעמען און אָנשרייבן אויף עטלעכע בלעטלעך די אַלע תריג מצוות און זיי אויסלערנען, אַ שיקסע ביי אַ רב קען אויך פּסקנען אַ שאלה, אָבער לערנען קען זי נישט, מען דאַרף קענען לערנען, מען דאַרף ווי־ סן פון וואַנען און פאַר וואָס; תורה איז דעת... און ווען ער האָט געענדיקט די דרשה, האָט ער גענומען לערנען „מליחה” און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קול אָן אַן אָפּקלאַנג און אָן אַ ניגון: „צריך להדיח את הבשר לפני המליחה”, מען דאַרף אָפּשווענקען דאָס פלייש פאַר דעם זאַלצן, און ס׳איז געוואָרן וואַ־ כעדיק. דאָס דאָזיקע ווייסט דאָך די מאַמע אויך און אפילו אַ דינסט מיידל,

וואָס דינט ביי דער מאַמען, ווייסט עס אויך. מער נישט, ביי דער מאַמען ווייקט מען דאָס פליייש אין אַ ווייקשעפל, נישט מען שווייַנקט עס אָפּ. שפּעטער האָט יאַנקל געזען, אַז אַ סך זאַכן טוט מען אין שטוב נאָך מער ווי עס שטייט אין די ספרים און אַז וואָס שפּעטער אַ פּוסק איז געקומען, אַלץ האַרבער האָט ער געמאַכט און געהייסן מער אָפּהיטן און ער האָט געגעבן מער און שווערער צו לערנען. ער האָט זיך געקלערט, אַז דאָס יידישקייט איז ווי אַ קויל פון שניי, וואָס ער האָט אַמאָל געזען מאַכן, מען האָט אָנגעהויבן פון אַ קליין קיילעכל און דערנאָך האָט מען עס אַזוי לאַנג געקאַטשעט ביז וואַנען עס האָט שיעור נישט געגרייכט צום הימל... ר׳ מרדכי איז געווען זיכער. אַז ער האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי די תלמידים. ר׳ שלום טשאָרטקאָווער האָט אים ביים סוף פון שיעור געגעבן די האַנט און געזאָגט אַ שטאַרקן יישר כוח און שמחהלע האָט נאָכגעטאָן. אין חדר זיינען בעת דעם שיעור געווען אַ סך בחורים פון „ליידיקן חדר" און פון שלום פּערלמוטערס שולעכל, עס זיינען געווען די דאָזיקע, וואָס זיינען שוין לאַנג אַרויס פון גמליאלן און די דאָזיקע, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון אים און זיי האָבן שפּעטער געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז צו גמליאלן קומט עס נישט. זיי האָבן געזאָגט אַז די דרשה, וואָס ער האָט געזאָגט, איז גאָרנישט, ער האָט זי אויסגעלערנט. איין בחור האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי אַרויסגענומען פון „ערוך השלום", וואו ס׳איז באַשריבן דאָס לעבן פון אַלע גדולים, אָבער די דרשה יאָק די דרשה, דאָס לערנען אַליין טויג נישט. גמליאל האָט ברען און ער צינדט אָן. אין דער גמרא זאָגט זיך וועגן אַ תנא, אַז ער האָט געלערנט מיט אַזאַ ברען, אַז ווען אַן עוף איז געפלויגן אין בית מדרש איז עס באַלד פאַרברענט געוואָרן, ביי גמליאלן איז אויך אַזוי. און ביי מרדכין איז קאַלט ווי אייז.

דער נייער רבי האָט געפילט, אַז עס האָט זיך געשטעלט אַ וואַנט פון אייז צווישן אים און די תלמידים און ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו ווערן גוט מיט זיי, ער האָט גערעדט היימיש, האָט געבראַכט משלים. ער האָט געהאַט אַ פּאָר תלמידים, וואָס זיינען געווען פון זיין געגנט און זיי האָבן באַזונדער געהאַלטן מיט אים. ער איז געווען אַ סקווערער חסיד און אין חדר זיינען געווען עטלעכע סקווערער חסידים. געווען אין שטאָט אַ ר׳ וועלוול סקווערער, וואָס איז געווען באַרימט ביי אַלע טשערנאָבילער חסידים אַזוי ווי אלי קיליער ביי די ריזשינער. אַ הויכער ייד, אַ געזונטער איז ער געווען און אַ צעטראָגענער. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע באָרד, איז ביי די זייטן געווען שטאַרק ברייט און פון פאָרנט איז זי געווען אויסגעריסן, ווייל ער האָט זי געהאַלטן אין איין בייסן. ער איז שטענדיק געגאַנגען מיטן העמד אַרויסגעשלעפּט און אַ גרויסער טלית קטן האָט זיך אים געבאַמבלט פאָרנט. ער איז געווען אַ גרויסער וויין־סוחר און אַ רייכער ייד און ער האָט געהאַט פּונקט אַזאַ פרייע שטוב ווי אלי קיליער און ער האָט באַזונדערס געהאָלפן

ארעמע ישיבה בחורים, וואס זיינען געווען סקווערער חסידים. אז ער האט געזען א יידן מיט א געגאלטער באָרד, האט ער געגעבן אזא קרעכץ, אז די גאס, אָדער די שטוב האט א ציטער געטאָן. דער דאַזיקער וועלוול האט א סך געהאָלפן מרדכין, אָבער די ריזשינער חסידים האָבן אויף צו להכעיס נישט געהאַלטן פון אים און זיי זיינען געווען דער רוב אין דער ישיבה. די ריזשינער חסידים האָבן זיך געקריגט מיט וועלוולען, זיי האָבן געזאָגט, אַז ער גייט אַן אַנדער דרך; זיי האָבן מודה געווען, אַז ער איז אַ פרומער ייד און אַ בעל צדקה, דאָך האָבן זיי נישט געוואָלט צוליב טאָן אַ סקווערער, ווייל אַמאָל זיינען אין בעסאַראַביע געווען כמעט נאָר ריזשינער חסידים און זייט עס האָבן זיך אַריבערגעצויגן אַהין אַ סך יידן פון וואָלין און פּאָלעסיע, זיינען צוגעקומען אַ סך טשערנאָבאָליער חסידים און מער פון אַלץ סקווע־רער. ווייל דעם סקווערער רבין איז געשען אַ נס אין קעשענעוו. ער איז גע־גאַנגען שבת אין דער פרי אין מקווה אַריין אין דער גרויסער „לעמנעריע" באָד און ער איז אַריינגעפאַלן און עס איז געווען שטאַרק טיף און עס האט אים גאָרנישט געשאַדט. ער איז שוין דעמלט געווען אַן אַלטער ייד, אַן אַנ־דערער וואָלט געוויס געהרגעט געוואָרן. דער דאָזיקער נס האט אים געמאַכט שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט.

מען האט געזאָגט, אַז נאָך דעם נס זיינען דעם סקווערער רבין באַלד צוגעקומען אפשר צען טויזנט חסידים און ער האט דעמלט אַרויסגעפירט פון קעשענעוו אַריבער פופציק טויזנט קערבלעך. אין איין וועג האט מען שוין דעמלט דערציילט וועגן אַנדערע ניסים, וואָס ער האט געטאָן. מען האט גע־זאָגט, אַז ער האט געמאַכט טויבע — הערנדיק און קרומע — גייענדיק. די ריזשינער חסידים האָבן געזאָגט, אַז באַווייזן מופתים איז די קלענסטע מדרגה פון גוט־יידישקייט. יאַנקל האט געוואָלט וויסן דעם חילוק צווישן די ריזשינער און טשערנאָבאָליער און ער האט עס בשום אופן נישט געקענט באַווייזן. די ריזשינער האָבן דערציילט, אַז דער ריזשינער רבי האט געהאַט זעקס זין, זיינען זיי געגליכן צו די ששה סדרי משנה און קיינער האט זיי נישט געקענט קריגן און די טשערנאָבילער האָבן דערציילט, אַז ר׳ מרדכי טשערנאָבילער האט געזען אין הימל אַ בינטל נשמות פון אכט און קיינער אויסער אים האט זיי נישט געקענט נעמען. פון דעסט וועגן האט אַ חסיד נישט געהאַלטן פון זיין גזע, נאָר פון זיין רבין און זיינע ברידער האט ער אָוועקגעמאַכט. אין קעשענעוו איז געקומען דער פּאַשקאַנער רבי, וואָס איז געווען דעם בוהושער רבינס אַ ברודער, זיינען די בוהושער חסידים געלאָפן צו אים און געכאַפּט שיריים, אָבער אלי קיליער האט זיך ביי אים דאָך נישט געפּראַוועט מיט קיין קוויטל און ער האט געזאָגט, אַז ער איז אַ וואָוילער יונגערמאַן.... יאַנקל האט נאָר געוואוסט, אַז די ריזשינער גוטע יידן גייען שטאַרק געפּוצט און עס גלאַנצט פון זיי מיט בריליאַנטן און עס שמעקט פון

זיי מיט גוטע זייפלעך און טשערנאָבילער גוטע יידן גייען אָנגעטאָן פּראָסט און אָרעם. די ריזשינער חסידים האָבן געזאָגט, אַז זייערע רבים קומען אַרויס פון דוד המלך און זיי דאַרפן גיין געפּוצט אַזוי ווי בני מלכים...

„מליחה״, וואָס מרדכי האָט געלערנט, איז נישט געווען שווער, כאָטש דער „פּרי מגדים״ מיט די קליינע אותיותלעך, אין וועלכע מען האָט געקענט פאַרגריזנעט ווערן, האָט עס געזוכט צו מאַכן שווער. די בחורים האָבן זיך נישט שטאַרק צוגעהערט צו מרדכיס שיעור. אַ סך מאָל האָבן בחורים גע־פעלט אין חדר, ווען מרדכי האָט געזאָגט דעם שיעור און ער האָט זיך גע־מאַכט נישט וויסנדיק, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף זיך נישט אָנ־הייבן מיט קיינעם. ער האָט געפילט צו זיך אַ גרויסע שנאה ביי די בחורים פון „ליידיקן חדר״, וואָס זיינען אַלע געווען גמליאלס חסידים. מיט גמליאלן פלעג מרדכי זוכן זיך צו טרעפן און ער האָט אפילו געשמייכלט צו אים, אָבער יענער פלעג אַוועקפליען פון אים ווי אַן אָפּגעבריטער.

לייבוש קאָברינער איז אויך נישט געווען מרדכיס קיין חסיד. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אים קאַלט ביי אים און ער האָט אַ סך מאָל אַוועקגענר־מען יאַנקלען פון שיעור אין קאָברינער שולעכל אַריין וואו עס זיינען געווען אַ סך אַנדערע ספרים און ער האָט אים געזאָגט, אַז בעסער זאָלן זיי לערנען דעם רמב״ם, ווייל ווי צו זאָלצן פלייש דאַרף מען נישט לערנען אַ גאַנצן זמן, מ׳קען עס אויסלערנען אין וויניקער צייט. יאַנקל האָט געפרעגט, צי ער וויל לערנען דעם רמב״ם פון דער גמרא, האָט לייבוש געענטפערט, אַז דער רמב״ם פון דער גמרא איז אַלציינס ווי גמרא, נאָר מער בקיצור און אויף לשון קודש אַנשטאָט ארמית און אָן די שיינע מעשהס פון דער גמרא. לערנען וויל ער דעם „מורה נבוכים״, וואָס דערווייזט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. יאַנקל האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, דאַרף מען דאָס נאָך דערווייזן? אין חומש ווערט עס דאָך אַזוי קלאָר דערציילט און מען זעט דאָך דעם הימל און די זון און די לבנה און די שטערן, וואָס גאָט האָט באַשאַפן. לייבוש האָט אָבער געהאַלטן, אַז מען דאַרף יאָ וויסן און ס׳איז דאָ וואָס צו וויסן. די תרי״ג מצוות קען מען אויך אויסלערנען אין אַ פּאָר טעג, אָבער מען לערנט. און מען דאַרף דערווייזן, אַ סימן: עס זיינען דאָ אפיקורסים. אין פּרק שטייט געשריבן „ודע מה שתשיב לאפיקורס״ — דו זאָלסט וויסן וואָס צו ענטפערן צו אַן אַפּי־קורס און דער „מורה נבוכים״ לערנט טאַקע וואָס צו ענטפערן, דערפאַר הייסט ער אַזוי, ער לערנט די פאַרבלאָנדזשעטע... יאַנקל האָט געזאָגט: „אָבער מיר זיינען דאָך נישט קיין פאַרבלאָדזשעטע,״ האָט לייבוש געענטפערט: „ווען מענטשן גייען אַרויס אין אַ וועג, פרעגן זיי דען וואו צו גיין ערשט, ווען זיי פאַרבלאָנדזשען? זיי פרעגן באַלד ביים אָנהייב און אַזוי דאַרף אויך זיין מיט אונז, מיר הייבן אָן גיין, דאַרפן מיר וויסן וואוהין...״ און חוץ דעם האָט לייבוש געזאָגט, אַז דער „מורה נבוכים״ איז שווער און אַז מען לערנט אים.

דאַרף מען זיך אויסדרייען דעם קאָפּ און מען פאַרשפּאַרט צו טראַכטן אַזוי־פיל פון ווייבער און מען פאַרשפּאַרט צו זען אַזויפיל חלומות... יאַנקל האָט גוט געדענקט, ווי דער טאַטע זיינער האָט געזאָגט, אַז חסידים האַלטן שטאַרק פון רמבם, אָבער זיי לערנען אים נישט, ווייל זיי האָבן מורא פאַר צופיל חקירה. דאָך האָט ער נישט געהאַט קיין מוט אַנטקעגן זיך צו שטעלן זיין איינציקן חבר אין דער ישיבה און ער איז געגאַנגען; און לייבוש האָט געגנר־מען דאָס נישט הויכע, אָבער דיקע ספר, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי גע־שראָקן און ס'האָט אים אַזוי גערייצט. לייבוש האָט זיך מיט אים געפירט ווי אַ מלמד, ער האָט געלייענט און דערקלערט, ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט שוין איינמאָל געלייענט דאָס דאָזיקע ספר מיט אַן אַנדער בחור, אָבער ער האָט עס נאָך נישט אין גאַנצן באַנומען, ווייל מען דאַרף עס אַ סך מאָל לערנען. אין ערשטן חלק האָט זיך אַלץ גערעדט וועגן דעם, אַז גאָט האָט נישט קיין גוף און ער האָט נישט קיין אויסזען פון קיין גוף און ער איז איינער, נישטאָ עפּעס, וואָס זאָל זיין גלייך צו אים. און אויב מען פאַרגלייכט עפּעס יאָ צו אים און מען רעדט, אַז ער האָט אַ פּאָרנט און אַ הינטן, איז עס, ווייל מען מוז ריידן מיט משלים, ווייל דברה תורה כבני אדם, די תורה מוז ריידן ווי מענטשן, אַנדערש קען מען די זאַכן נישט פאַרשטיין. עס האָט זיך גערעדט אַ סך, אַ סך וועגן דעם און עס האָט זיך אָן אַ שיעור מאָל איבער־געחזרט, אַז ס'איז דאָ איין גאָט און אַז מען טאָר גאָרנישט קלערן ווי אַזוי ער זעט אויס און מען טאָר זיך נישט מאַכן קיין פאָרשטעלונגען וועגן אים. יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קעגן די געצנדינער, וואָס גלויבן אין אַ סך געטער און ער האָט געפרעגט לייבושן צוליב וואָס דאַרפן זיי דאָס דאָ־זיקע לערנען, ער האָט דאָך פון קינדוויייז אָן געלערנט אין „שמע ישראל", אַז ס'איז דאָ איין גאָט! לייבוש האָט אים אָבער דערקלערט, אַז מען דאַרף דאָס וויסן; אָט זאָגט מען, אַז גאָט באַווייזט זיך צו געוויסע בשר ודמם און מיר אַליין חלומען אויך, אַז גאָט וועט זיך אונז באַווייזן און דאָס איז פאַלש... גאָט איז דאָ און ער איז איינער און ער דאַרף זיך נישט באַווייזן... און די נביאים? האָט יאַנקל געפרעגט. און לייבוש האָט געפונען, אַז ווייטער זאָגט דער רמבם, אַז די נבואה איז אַ שפע, וואָס שטראָמט פון גאָט דורך דעם שכל און דאָס איז די העכסטע מדרגה פון מענטשן. וועדליק ער האָט פאַר־שטאַנען, איז אויסגעקומען, אַז די אמתע נבואה האָט אַ שייכות מיטן שכל און איז חכמה... און לייבוש האָט געלערנט און געקנייטשט און געגעבן צו פאַרשטיין און אויף דעם טיש איז פון דעסט וועגן געליגן אַ „יורה דעה", בכדי אַז ווען עמיצער וועט אַריינקומען, זאָלן זיי זאָגן, אַז זיי לערנען דאָ דעם שיעור, ווייל עס איז שטיל. ווייטער איז געוואָרן נאָך שווערער. דער רמבם האָט גערעדט וועגן דעם, צי די וועלט איז אַ קדמון, זי עקזיסטירט, פאַרטייטשט עס לייבוש, פון אייביק אָן, אָדער גאָט האָט זי באַשאַפן. און

ער האַלט אין איין ריידן וועגן איינעם אַרישטו, לייבוש זאָגט, אַז ער איז געווען אַ גריכישער חכם און מען רופט אים אויך אַריסטאָטעל. דער רמב"ם האַלט שטאַרק פון אים און ער זאָגט, אַז אַלע זיינע דעות וועגן אונטער דעם גלגל (דער ראָד) זיינען גוט, אָבער נישט וועגן איבער דעם גלגל און לייבוש פאַרטייטשט עס, אַז אַ גוי ווייסט פאָרט נישט, וואָס עס טוט זיך אין הימל, ווייל ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער דאָך געגלויבט אין גאָט און ער וואָלט נישט געווען קיין גוי... און אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען וואָכן און וואָכן און אָנשטאָט צו לערנען וועגן דעם ווי אַזוי צו זאַלצן פלייש, האָבן לייבוש מיט יאַנקלען גאָר געלערנט וועגן דעם, צי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, אָדער זי איז אַליין באַשאַפן געוואָרן און וועגן דעם, ווי אַזוי די מלאכים זיינען און וואָסערע נפשות זיי האָבן און ווי אַזוי עס זעט אויס די גאַנצע מעשה מרכבה, דאָס פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך דער גאָט, וואָס מען קען אים נישט זען און מ'קען זיך אים נישט פאָרשטעלן און מען דאַרף אין אים דאָך גלויבן. לויט דעם רמב"ם איז אויסגעקומען, אַז אין דער וועלט איז דאָ חומר און צורה, דער חומר איז ווי פון אַ בהמה און די צורה איז פון מענטשן. ליידן ליידט דער חומר, אָבער נישט די צורה, די צורה בלייבט אייביק. און דער־פאַר איז איוב נישט גערעכט אין זיינע טענות צו גאָט, ווייל די צורה איז געבליבן, עס איז אומגעבראַכט געוואָרן נאָר דער חומר... יאַנקל האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, לייבוש אַליין האָט זיך אויך מודה געווען, אַז ער פאַר־שטייט נישט אַלץ, כאָטש ער לערנט עס שוין צום צווייטן מאָל און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט לערנען צום דריטן מאָל, אָבער שפּעטער, איצטער, אַז ער וועט ענדיקן, וועט ער לערנען דערווייל אַן אַנדער ספר. יאַנקל האָט דאָך נישט געוואוסט צוליב וואָס מען דאַרף דאָס לערנען און ער האָט לערנענדיק מורא געהאַט, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט אויף יענעם קליינעם בריקל לעבן גרויסן ים וועגן וועלכן ער האָט אַמאָל געלערנט אין אַ ספרל מיט אויסגעריסענע בלעטלעך. דאָס איינציקע, וואָס איז אים געפעלן אין דעם גאַנצן לערנען, איז געווען, וואָס ער האָט אַ סוד, ווייל אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז אַלע בחורים און אַלע מענטשן האָבן סודות, נאָר ער האָט נישט...

דער ווינטער איז אַוועק און יאַנקל איז געפאָרן אויף פּסח אַהיים שוין אַ גרויסער בחור, מ'קען זאָגן אַ האַלבער רב... נאָך דריי זמן פעלן אים ביז ער וועט שוין זיין אין פּסקען שטיבל. דער טאַטע האָט זיך באַרימט, אַז ער וועט זיין פון די ייִנגסטע רבנים אין דער וועלט. דער טאַטע אַליין האָט פאַר אים געהאַט דרך ארץ און די מאַמע האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. איציק זיידמאַן האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער קען שוין בעסער לער־נען פון לייבן, אָדער לייב קען נאָך בעסער פון אים... עס איז צו אים געקו־מען פייוול מלמד. אַ דיקער ייִד מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש און מיט אַ קליין בערדל, מען האָט געזאָגט, אַז ער שערט עס. ער האָט געהאַט אַ שם פון אַן

אַפּיקורס, דער דאָזיקער פּייוול, און טאַטעס האָבן מורא געהאַט אים צו געבן די קינדער, סיידן מיידלעך, און ער איז געווען אויף גרויסע צרות און אַ גרויסער קבצן, כאָטש געזאָגט האָט מען, אַז ער קען בעסער לערנען פון אַלע מלמדים, אַפילו פון דניאלן. דעם טאַטן איז נישט געפעלן, וואָס ער קומט צו אים, אָבער אַרויסטרייבן האָט ער נישט געוואָלט קיין יידן. פּייוול האָט אים געדעדט וועגן רמבם און ער האָט אים געזאָגט, אַז דער רמבם איז קעגן די אַלע גוטע יידן, ער זאָגט, אַז נבואה איז שכליות און וויסן און די אַלע גוטע יידן ווייסן גאָרנישט, טאָ ווי אַזוי זשע קענען זיי זיין נביאים? יאַנקל האָט מורא געהאַט אויסצוזאָגן פּייוולען, אַז ער האָט געלערנט דעם רמבם און פּייוול האָט געבעטן יאַנקלען, אַז ער זאָל קומען צו אים, וועט ער אים געבן דעם „מורה נבוכים”. דער טאַטע האָט דערהערט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אויך דעם „מורה נבוכים”, ער איז אים געבליבן פון שווער, דער שווער האָט אין אים געלערנט, אָבער ער וועט אים נישט לאָזן לערנען, ווייל חסידים לערנען אים נישט. פּייוול האָט געזאָגט, אַז חסידים לערנען גאָרנישט און דער טאַטע איז ברוגז געוואָרן. יאַנקל איז געגאַנגען בסוד צום אַפּיקורסישן מלמד און ער האָט ביי אים געטראָפן אַ סך חקירה ספרים און אַ — משוגענעם. דער משוגענער פון שטאָט איז ביי אים איינגעשטאַנען און די שטאָט האָט אים באַצאָלט דערפאַר. נחמן האָט געהייסן דער דאָזיקער משוגענער און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז יאַנקלס מאַמעס אַ גליד געשוועסטערקינד. די מאַמע האָט דערנאָך געזאָגט, אַז ס'איז אמת. זיין טאַטע איז געווען איר מאַמעס אייגן שוועסטערקינד. זיין טאַטע איז געפאָרן קיין אַמעריקע און ער איז אויף דעם וועג געשטאָרבן און מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. נחמן פלעג זיך אונטערשפּאַרן מיט דער האַנט אונטער אַ באַק און נעמען אַזוי לאַכן, אַז די שטאָט האָט געהודעט און ס'איז געוואָרן קאַלט און היים. קינדער פלעגן וויינען, ווען ער האָט געלאַכט און זיי זיינען אים דאָך געגאַנגען הערן לאַכן. פון אים האָט זיך געגאָסן דער שוויים און ער האָט געלאַכט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לאַכן מאַכט אים גוט. פּייוול פלעג ליב האָבן שטיין און קוקן לאַנג אויף נחמנען ווי ער לאַכט און ס'איז יאַנקלען געווען מאָדנע צו קוקן אויף דעם מלמד; ער איז פון אים אָוועקגעגאַנגען און דערנאָך איז ער נאָך אַמאָל געגאַנגען אים זען און אויך נחמנען. דער משוגענער פלעג וועלן מיט אים ריידן, ער איז געווען, האָט ער געזאָגט, אין דער גרויסער וועלט און ער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן.

די מאַמע האָט טאַקע געזאָגט, אַז ער איז געווען אין דער גרויסער וועלט און ער איז צוריקגעקומען קיין קיליע משוגע ווערן. צווישן דעם אַפּיקורסישן מלמד און דעם משוגענעם האָט יאַנקל פאַרלוירן די צייט אין קיליע, וואָס איז אים געווען זייער שווער און לאַנגווייליק. ער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין איין חבר. ער פלעג גיין אויפזוכן די חברים מיט וועלכע ער

האָט געלערנט אין חדר און אַז ער האָט זיך געזען מיט זיי, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ריידן.

דבורהן האָט ער געזען, אָבער זי האָט אים שוין נישט געגעבן די האַנט, זי האָט זיך שוין געהאַלטן ווי אַ גרויסע און פרעמד. ער האָט געוואוסט, אַז מען רעדט איר שידוכים און אַז ער איז אַ קליין יינגל פאַר איר, כאָטש ער איז עלטער מיט עטלעכע חדשים פון איר און עס האָט אים ווי געטאָן. ער פלעגט זיך אַמאָל באַהאַלטן אין אַ ווינקל אין שטוב און וויינען. פון דעסט וועגן, ווען ער האָט געהערט, אַז זיין שוועסטער מרים פירט אַ ליבע, האָט עס אים פאַרדראָסן און ער איז געווען גרייט זי צו באַליידיקן. די מאַמע האָט אים דערציילט ווי אַ גרויסן, וואָס מיט דער מאַכטער קומט פאַר. זי איז פאַר־ליבט אין יאַנקל וויינבערג, אין רפאל דעם שענקערס זון, וואָס געהער צו די רייכערע פאַמיליעס אין קיליע, זי זאָגט, אַז זי קען אָן אים נישט לעבן. ער איז אַ גילוח, ער היט נישט אָפּ שבת, ער פּאַסט אַזוי פאַר אברהם שוחטס טאָכטער ווי איך ווייס וואָס. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? וויל זיין פאַמיליע נישט דעם שידוך... די מאַמע האָט געדרונגען, אַז ס'איז נישט דערפאַר, ווייל דער יחוס שטייט זיי נישט אָן, נאָר ווייל זיי ווילן נדן פאַר אים. און די מאַ־מע האָט שטילערהייט דערציילט, אַז די שוועסטער האָט זיך שוין געוואָלט כמען און טאַקע יאַנקל וויינבערג האָט זי געראַטעוועט און געבראַכט דאָס פלעשל פון סם צום טאַטן און ער האָט אים געזאָגט: „ר' אברהם, פון היינט אָן און ווייטער האָט זיך צווישן מיר און אייער טאָכטער אַלץ געענדיקט" און דער טאַטע האָט אים געענטפערט שטילערהייט: „ווען דו האָסט אָנגעהויבן, האָסטו מיך נישט געפרעגט. פאַרוואָס זשע קומסטו מיר דערציילן, אַז עס האָט זיך געענדיקט?" די מאַמע, וואָס האָט נישט אָפּט געמאַכט קאָמפּלי־מענטן דעם טאַטן, האָט געזאָגט, אַז דאָס מאָל האָט ער געענטפערט ווי אַ וועלט־חכם... מרים האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל ריידן וועגן דעם און אַז זי האָט געהערט, אַז די מאַמע סודעט זיך מיט יאַנקלען, האָט זי געשריגן, אַז זי וועט אוועק פון דער שטוב. „אַ צייט געקומען, האָט די מאַמע גע־קרעכצט: עלטערן דאַרפן שוין מורא האָבן פאַר די קינדער, אנישט אַנטלויפן זיי. איך האָב מיין מאַמען נישט געזאָגט, אַז איך וועל אַנטלויפן"...

יאַנקל האָט געפילט אַ רחמנות צו מרימען. ער האָט געזען, ווי אירע שיי־נע אויגן זיינען פאַרהויכט און זיי זיינען כסדר טרויעריק און ער וואָלט גע־וואָלט ווערן נאָענט צו איר, אָבער זי איז אים געבליבן פרעמד, זי האָט אים גערעדט מיט אַ סך רוסישע ווערטער און האָט אים געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פאַנאַטיקער. ער האָט געפילט, אַז מען וועט זי בראָטן אין גהינום און אַז זי ליידט איצטער אויך און ער האָט רחמנות גע־האַט און ער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז נישט געווען אין קיליע, אָבער

ער אַליין איז געווען טרויעריק וועגן דבורהן און אויך וועגן מרימען. מיט זיין יינגערער שוועסטער שפרה האָט ער זיך געקריגט ווי אַמאָל און דאָס קליינע ברודערל לייב, וואָס איז געוואָרן פינף יאָר, פלעג זיך ווי באַהאַלטן פאַר אים. ניין, זיין היים איז שוין נישט געווען קיליע, נאָר קעשענעוו, די דאָרטיקע ישיבה און דאָס קאַברינער שולעכל, וואו ער האָט אַ סוד מיט זיין חבר ליי־בוש. ער האָט ביי דער מאַמען אויסגעבעטן צוויי קערבלעך דער טאַטע זאָל נישט וויסן און ווען ער איז געקומען קיין קעשענעוו, האָט ער געגעבן ליי־בושן, אַז ער זאָל זיך קויפן אויף דעם טאָלטשאָק אַ נייע קאַפּאָטע, ווייל פון זיין אַלטער איז שוין געפאַלן שטיקער. און לייבוש האָט געהאַט פאַר אים אַ נייעס — אַן אַנדער ספר, וואָס איז נאָך שענער ווי דער „מורה נבוכים" — דער „כוזרי" פון ר' יהודה הלוי, וואָס באַווייזט אויך, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז די אמתע אמונה איז די יידישע.

אין ישיבה האָט מען דעמלט געלערנט „בשר וחלב", די דינים וועגן מילכיקס און פליישיקס. אַ סך פון די דאָזיקע דינים האָט ער געקענט פון דער היים, זיין מאַמע האָט זיי אויך געקענט און אפילו די דינסט ביי זיי האָט זיי אויך געקענט, אָבער דאָס לערנען איז דאָך געווען שווער און פאַרדרייט. דער „פרי מגדים" האָט אַרויסגענומען די אויגן און אויסגעדרייט דעם מוח און מרדכי פלעג זיצן און ריידן קאַלט און שמייכלען אַזוי, אַז מען זאָל אים נישט קענען ליב האָבן און ער האָט אויך געזוכט נאָר שווערער צו מאַכן. ער האָט געהאַט אַ ספרל מיט „היכי תמצאס" און ער האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן פון דאָרט אַלץ אַזעלכע שאלות, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פאַר־קערט. עס איז אויסגעקומען: ווי אַזוי קען אַ שאלה, וואָס דאַרף זיין כשר, זיין טריפה, אָדער פאַרקערט? טויזנטער שאלות זיינען געווען וועגן דעם, צי איז אַ טאָפּ, וואָס האָט נאָך געהאַט דעם טעם פון מילך און ס'איז אין אים אַריינגעפאַלן אַ שטיק פלייש, כשר, צי טריפה?

און לייבוש האָט געלערנט מיט אים דאָס נייע ספר. דער „כוזרי" האָט גערייצט די פאַנטאַזיע אַ סך מער ווי דער „מורה נבוכים", דאָ איז קודם כל געווען אַ מעשה. אַ יידישער למדן, דער חבר ר' יצחק סנגרי האָט אַ וויכוח מיט דעם מלך פון די כוזרים, וואָס איז נאָך אַ גוי און ער דערווייזט אים, אַז די יידישע אמונה איז די בעסטע. און טאַקע דאָס דערווייזן אַליין רייצט אויך! יאַנקל וויל דאָך פון תמיד אָן וויסן מיט וואָס די יידישע אמונה איז די בעס־טע. וואָרום אויב זי זאָל נישט זיין די בעסטע, פאַרוואָס איז מען זיך אַזוי מוסר נפש איבער איר און מען לאָזט זיך וואַרפן אין פייער אַריין? און חוץ דעם דאַרף מען סתם האָבן די בעסטע אמונה... מען דאַרף האָבן דעם בעסטן טאַטן, די בעסטע מאַמע, מען דאַרף אַליין זיין דער בעסטער און מען דאַרף האָבן די בעסטע אמונה... ארץ ישראל איז אויך דאָס בעסטע לאַנד און מען וועט זיך נאָך אומקערן אַהין. דאָס ספר „כוזרי" איז צעטיילט אויף סימנים

און יעדער סימן איז אַ וועלט... קודם רעדט דער חבר וועגן די פילאָסאָפן, וואָס ווייסן אַליין נישט וועגן גוטס און שלעכטס און די תורה ווייסט וואָס ס'איז גוט און וואָס איז שלעכט און זי הייסט אויסקלייבן דאָס גוטע... און ביי ר' יהודה הלוי איז דאָ מער דערהויבונג, דער מענטש האָט אַ חשיבות, ווייל ער איז העכער פון דער בהמה, ווייל ער האָט אין זיך די אויבערשטע חשיבות. די נבואה איז אויך דערהויבונג, נישט נאָר שכל... עס קומט ארויס אַנדערש ווי ביים רמבם! ביידע גרויסע יידן, ביידע די גרעסטע יידן און יעדער פון זיי האָט אַנדערע געדאַנקען. און אָט רעדט דער „חבר" וועגן דעם, צי די ברירה איז ביים מענטשן, צי נישט. ר' יהודה הלוי זאָגט, אַז יעדער מענטש האָט די ברירה און דאָך ווייסט גאָט וואָס ער טוט און ער קוקט זיך צו. וועגן דעם האָט דאָך יאַנקל אַמאָל געפרעגט מעכל מלמד די קשיה פאַר וועלכער מ'האָט אים שיעור נישט ארויסגעוואָרפן פון דער ישיבה... אין גאַנצן קלאָר ענטפערט ר' יהודה הלוי אויך נישט, גאָט ווייסט יאָ און נישט... צו ליב וואָס האָט גאָט בכלל געדאַרפט באַשאַפן גוטס און שלעכטס? ער האָט דאָך געקענט באַשאַפן גוטס אַליין... זאָגט לייבוש, אַז גוטס אַליין קען נישט זיין, פּונקט ווי ליכט אַליין קען נישט זיין, עס מוז זיין פינצטערניש אויך. דאָס לעבן איז אַ מלחמה און ווער עס וויל דעם גן עדן, זאָל זיך שלאָגן מיט זיין אייגענעם יצר הרע און ער זאָל געווינען... ר' יהודה הלוי רעדט טאַקע וועגן די יידן גאָר באַזונדער און זיי זיינען טאַקע די אויסגעוויילטע און די אמתע אמונה איז נאָר זייערע און נאָר פאַר זיי... אויך דעם „כוזרי" איז געווען שווער צו פאַרשטיין און לייבוש האָט זיך געמוטשעט אַ סך מאָל מוטשען ביז ער האָט איינגעביסן, כאָטש ער האָט אים שוין אויך געלערנט צום צווייטן מאָל. יאַנקל האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס לערנט בעסער נישט דער רבי אַזאַ ספר ווי דער „כוזרי", דאָס איז דאָך שענער און עס דערהויבט מערער! אָבער לייביש האָט אים אָנגעזאָגט זהיר וזהיר, אַז ער זאָל אויך וועגן דעם לערנען פון „כוזרי" נישט דערציילן אין ישיבה...

און דער אָנהייב זומער איז געשטאַנען אין זיין שענסטער צייט, די ביימער זיינען שוין געווען געדעקט מיט בלעטער און מיט צווייט, קעשענעוו האָט געשמעקט מיט אַקאַציעס און מיט בעז. די גרשונקע האָט געזאָגט, אַז אפילו ביי איר אין הויף, וואו ס'איז דאָ אַזויפיל מיסט, האָבן שוין די ביימער אָנגעגרייט גרינס אויף שבועות. אין ישיבה האָט מען געלערנט ביי אָפענע פענצטער, כאָטש אַ סך מאָל האָט עס געשטערט צום לערנען. צווישן די בחורים און דעם רויטן רבין איז געבליבן אַ קאַלטע וואַנט און אַ שנאה. מען האָט גערעדט אָפן, אַז דאָס בלוט, וואָס ער פאַרצאַפּט גמליאלן, וועט אים נישט געשענקט ווערן. און איינמאָל איז ארויסגעקומען אַ קריג צווישן אַ בחור און מרדכין. דער בחור איז געווען אַ קעשענעווער, איציק האָט ער געהייסן און ער איז געווען אַ תקיף, כאָטש ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן.

ער האָט קוים נאָכגעהאַלטן דאָס לערנען און ערשט, ווייל ער איז געווען א גרויסער מתמיד. ער איז געווען פון רייכע עלטערן און געזאָגט האָט מען, אז זיין טאַטע האָט געצאָלט פאַר דעם לערנען. שלום פּערלמוטער האָט גענומען דאָס געלט און האָט עס אויעקגעגעבן אויף קליידער פאַר אָרעמע בחורים. דער דאַזיקער איציק האָט זיך עפּעס געפונען מיט מרדכין, ווייל ער איז געקומען שפּעט. איציק האָט זיך פאַרענטפערט און מרדכי איז עפּעס גראָד געווען אויפגערעגט און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין טשעפּען, האָט איציק זיך פאַרלוירן און ער האָט אויסגעשאָסן און ער האָט געזאָגט מרדכין, אז ער וואָלט אין גאַנצן נישט געדאַרפט קומען אהער, ווייל ער איז א משיג גבול און אן עם הארץ. דער רויטער רבי איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און ער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן. אין עלטסטן חדר האָט מען נישט געשלאָגן. גמליאל האָט קיינמאָל נישט געשלאָגן, ער האָט געשריגן, געשאָלטן, אָבער נישט געשלאָגן. עס איז געוואָרן א רעש און מען איז זיך צונויפגעלאָפן. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, איז אָנגעקומען שמחהלע... עמיצער האָט געהייסן אלע בחורים אַרויסגיין פון חדר און זיי זיינען אַרוים. מרדכי מיט שמחהן זיינען געבליבן אליין. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א בורענישע. חברה האָט געזאָגט, אז מען דאַרף איצטער פאַרלאַנגען, אז גמליאל זאָל ווידער לערנען יורה דעה. שמחה איז באַלד אַריינגעקומען אין „ליידיקן חדר" אַריין, וואו אלע זיינען געווען און ער האָט געוואָלט אויף דער הייסער מינוט אלע דערליידיקן, ער האָט גערופן אלע צוריק אין חדר אריין, חוץ איציקן. יינגלעך האָבן געענטפערט, אז אָן איציקן וועלן זיי נישט גיין... אנדערע האָבן געזאָגט, אז מיט אים וועלן זיי אויך נישט גיין, צו מרדכין נישט, סיידן צו גמליאלן... שמחהלע איז אויך געוואָרן בלייך, ער האָט געמיינט, אז ער וועט באַשטראָפן אביסל איציקן און אלע וועט זיין גוט, אָבער אויב זיי ווילן נישט, וועט ער מוזן שיקן רופן ר' שלום טשאַרטקאָווער און אויב עס וועט זיין נויטיק, וועט מען מוזן ברענגען שלום פּערלמוטער מיט משהלע קלוגמאַן. די בחורים האָבן רויאיק אויסגעהערט און גאָרנישט. מרדכי איז אוועק פון דער ישיבה און אלע זיינען אריין אין חדר אריין און זיך געהיצט און זיי האָבן געדאַוונט מינחה און מעריב מיט גרוים כוונה... שמחהלע האָט געזאָגט, אז ווייל זיי זיינען בונטאָווששיקעס, וואָלט ער זייט שוין נישט געדאַרפט געבן צו עסן קיין וועטשערע. מען איז אים באַפאַלן פון אלע זייטן און מען האָט אים געזאָגט, אז ער וויל שוין דערביי פאַרדינען א קעסל מילך. ער האָט זיך דערשראָקן און ער האָט שוין מער דערפון נישט גערעדט...

די גדולים זיינען געקומען מאָרגן. עס זיינען נאָר געקומען שלום טשאַרטקאָווער און משהלע קלוגמאַן; שלום פּערלמוטער האָט מען דערוויל נישט געוואָלט דערציילן, אז ער זאָל זיך נישט ערגערן און זיי האָבן גאָרנישט געפועלט. שמחהלע האָט זיך געדרייט אויף אלע זייטן ווי א שלאַנג, ער האָט

אַלעמאָל אַוועקגענומען אַן אַנדער בחור אין אַ זייט און גערעדט איבער אים און גערעדט. ער האָט אויסגעזוכט די גאָר פֿלאַכע און דערשלאָגענע. די בחורים, וואָס ער האָט געפּרואווט באַאַרבעטן, האָט מען באַלד צוריק באַאַרבעט און די גאַנצע ישיבה האָט אויסגעזען ווי אין אַ מלחמה. אין די אַנדערע חדרים האָט מען אויך נישט געלערנט. מען איז אַלעמאָל אַרויסגעלאָפֿן אין קאָרידאָר אַריין, עס האָט נישט געהאָלפֿן, וואָס שמחהלע האָט געהאַלטן אין איין טרייבן, די מלמדים אַליין האָבן נישט געקענט איינזיצן אויף אַ פּלאַץ. עטלעכע טעג האָט אַזוי געדויערט דער שטרייק מיט די פֿאַרהאַנדלונגען, ביז וואַנען עס איז געבליבן אין איין טאָג, אַז מען זאָל אויסזעצן דאָס גאַנצע חדר און מען זאָל פֿרעגן יעדן איינעם, וואָס ער וויל. אַלע האָבן געשריגן, אַז זיי האַלטן זיך פֿעסט און זיי וועלן ענטפֿערן, אַז זיי וועלן נישט צוריקגיין לערנען צו איציקן און זיי ווילן נישט מרדכין. געקומען איז משהלע קלוגמאַן און שרהקעלע מיטן וואוּאַל איבער דעם געגאָלטן פּנים, נאָך זיי איז געגאַנגען שלום טשאַרטקאָווער מיט דער קאָטיקענער קוטשמע אויפֿגעשטעלט און שמחהלע איז זיי אַלע פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. און ער איז צוגעלאָפֿן דער ערשטער צו אברהם פֿאַרעך, וואָס האָט נישט געהאַט קיין טאַטן און נישט קיין מאַמען און ער האָט געגעסן אין דער ישיבה און איז דאָרט געשלאָפֿן און ער האָט דאָרט געקראָגן וועש און אפֿילו אַ פּאָר קאָפּיקעס אין מרחץ אַריין. ביים לערנען איז ער געווען אַ שרייער, אָבער אַזוי איז ער געווען אַ שטילער און אַן איבערגעשראָקענער און ווען שמחה האָט אים געפֿרעגט: „דו ווילסט בלייבן לערנען ביי מרדכין און אָן איציקן?" האָט ער באַלד געענטפֿערט: „יאָ!" שמחה האָט גלייך אויסגעקליבן נאָך אַ שוואַכן, אויך אַ יתום און נאָך אַ שוואַכן... אַלע האָבן שוין געזען, אַז ס'איז פֿאַרשפּילט. די שטאַרקע האָט שמחה געלאָזט צום לעצט. ווען ער האָט געפֿרעגט אַ בחור מאָטל, אַ זון פֿון אַ קעשענעווער שוחט, וואָס איז געווען איינער פֿון די גרעסטע קעמפֿער, האָט יענער געזען, אַז די מערהייט האָט געענטפֿערט „יאָ", האָט ער געזאָגט: „אַז אַלע זאָגן יאָ, זאָג איך אויך!" שמחה האָט אים באַמערקט: „האָב איך נישט געפֿרעגט ביי דיר און איך וועל פֿרעגן דיין טאַטן"... שלום טשאַרטקאָווער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה פֿאַר די בחורים און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפֿן זיך שעמען, זיי זיינען ערגער ווי די גאַסן־יונגען. ער האָט געהערט זאָגן, אַז מען האָט דאָ געזונגען דאָס אַפּיקורסישע ליד „עוד לא אבדה תקוותנו". אַ גליק, וואָס ער האָט נישט געהערט... פֿון איצטער אָן זאָל מען זיך היטן, ווייל ער וועט אויף אַלע האַלטן אַן אויג און וועמען עס געפֿעלט נישט, קען נאָך איצטער אויך גיין. מרדכי איז נאָך אין יענעם טאָג צוריקגעקומען צום לערנען, ער האָט זיך געשעמט צו קוקן די יינגלעך אין די אויגן אַריין און ער איז נאָך געווען רויטער ווי פֿריער. די בחורים האָבן דווקא יאָ געקוקט אויף אים און ער האָט געפֿילט זייער שטעכנדיקע און

בריענדיקע שנאה... ער האָט געזאָגט דעם שיעור אין דער יורה דעה אריין און ער האָט נישט געקוקט, צי מען הערט אים און ער האָט טאַקע געפילט, אַז מען הערט אים נישט, אייניקע האָבן צווישן זיך גערעדט אויף אַ קול.

יאַנקל האָט זיך נאָך דער דאָזיקער געשיכטע געפילט זייער מיאוס, עס איז אים געווען נמאס די גאַנצע ישיבה און ער האָט געוואָלט ערגעץ אַנט־לויפן און ווען ער האָט נישט רחמנות אויפן טאַטן, וואָלט ער טאַקע געלאָפן. ער האָט געזוכט ערגעץ אַ פּלאַץ וואו ער זאָל זיך פילן היימיש און ער האָט נישט געפונען. ער פלעג ארומגיין איבער אַלערליי טיילן פון דער שטאָט, ער איז געגאַנגען קוקן אין אָרעמען „סלאָנימער" שטיבל, וואו שוואַרצע, אויס־געטרוקנטע יידן, צום מערסטן אָרעמעלייט, וואָס האָבן גערעדט ליטוויש, זיינען געזעסן איבער אַ פלאַש וואַסער און געזונגען ניגונים און געטאַנצט און געשפּרונגען ביז אין דער סטעליע און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי טאַנצן. די בוהושער טרינקען כאָטש ווייִן, איידער זיי טאַנצן. ער איז געגאַנגען אין חבד שטיבל פון דעם גרויסן וויין־עקספּאָרטירער שניי־ערסאָן, וואָס איז געווען אַ קרוב פון ליובאַוויטשער רבין און ער האָט דאָרט געטראָפן סאַמע שיינע יידן, פאַרפּוצטע, מיט פאַרקעמטע שוואַרצע בערד און פאַרגעלטע פאות און מיט לאַקירטע שטיוול. עס האָט זיך דערקענט, אַז זיי זיינען גבירים אדירים. זיי האָבן כסדר גערעדט בנעימות וועגן התקרבות, וועגן דערנעענטערן זיך צו קודשיה בריך הוא און זיי האָבן נישט אויפגעהערט זאָגן דעם פּסוק „כי קרוב אליך הדבר מאד" (די זאַך איז דיר זייער נאָענט) און זיי האָבן געדאַוונט מיט די פויסטן אַרויף און זיי האָבן געזונגען מאָדנע. יאַנקל האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קען מען ריידן וועגן דערנעענ־טערן זיך צו גאָט, אַז דער רמבם זאָגט, אַז מ'קען זיך אים נישט פאָרשטעלן...

אין קעשענעוו האָט זיך דעמלט גערודערט מיט אַ נייעם חזן. „אברהם קאַלעכניק" האָט מען אים גערופן. ער איז טאַקע געווען אַ קעשענעווער, אָבער ער האָט אַ לאַנגע צייט געפעלט און ער איז געקומען ווערן חזן אין דער „גרויסער שול". ער האָט באַלד געהאַט אַ קאָנקורענט, איינעם „מאיר דער ווייסער". די חסידים האָבן געהאַלטן מיט אברהם קאַלעכניק, ווייל ער האָט געטראָגן אַ באָרד, דער אַנדערער חזן איז געווען אַ גילוח. די בוהושער חסי־דים האָבן געזאָגט, אַז אברהם קאַלעכניק איז אַ בוהושער און זיי האָבן אים געשטיצט. יאַנקל איז באַלד געוואָרן אברהם קאַלעכניקס אַ חסיד און וואו ער האָט געדאַוונט, איז ער אים געגאַנגען הערן. קיין שטימע האָט ער שוין נישט געהאַט, קיין מתיקות אפילו האָט ער אויך נישט געהאַט, אָבער ער האָט געהאַט יידישע און חסידישע קנייטשעלעך, וואָס האָבן געצופּט ביי דער נשמה און גערירט דאָס האַרץ. ער פלעג אַריינלייגן די ווערטער אין האַרצן אריין, ער האָט זיי פאַרטייטשט. די „קנייטשן" האָבן געהאַט אַ זעלטענעם חן... אין קעשענעוו פלעג מען אין דער גרויסער שול אַפּלאָדירן די חזנים

נאָך יעדן שטיקל, וואָס זיי האָבן געזאָגט. יאַנקל פלעג אַפּלאָדירן און איינ־לייגן די וועלט. ער פלעג שבת קומען שפּעט פון דאַווענען, מאָטל מנקר האָט געדאַרפט וואַרטן אויף אים, אָבער ער האָט אים מוחל געווען, ווייל אברהם קאַלעכניק איז אַן אייגענער. אברהם קאַלעכניק איז געבליבן אויף צוויי יאָר אין דער „גרויסער שול" און יאַנקל האָט עס באַטראַכט פאַר זיינעם אַ ניצחון...

„מאיר דער ווייסער" איז פאַרבליבן חזן אין דער „העקער שול", וואָס די רייכע קצבים האָבן זי געגרינדעט און זי איז געווען די אַריסטאָקראַטישע שול. מען האָט דאָרט געדאַוונט מיט קליינע „שאַרפלעך", נישט מיט קיין גרויסע טליתים. דאָרט האָט אַמאָל געדאַוונט דער גרעסטער חזן ראַזומני, ווען ער האָט זיך צעקריגט אין אָדעס. אָבער דער גרעסטער חזנישער פּאָסטן האָט זיך גערעכנט אין דער „גרויסער שול", וואו עס האָט אַמאָל געדאַוונט ניסיע בעלזער אַליין... קעשענעווער יידן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די גרעסטע מבי־נים. געווען יידן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אברהם קאַלעכניק איז דער טאַטע פון די מנגנים. אַ ייד, וואָס איז געווען אַ שטיק יודע ספר און ער האָט דאָך גערעדט פראָסט, האָט געזאָגט: כל העולם לא ניזון אלא בשביל חנינא בני, וחנינא בני קושט אין אחור הגדול... עס איז אָנגעקומען זיידל ראַוונער — אַ קליין יידל מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס האָט געדאַוונט מיט פיר און צוואַנ־ציק משוררים. ער האָט זיי אַליין דיריזשירט. געשטאַנען מיטן גרויסן טלית איבערן קאָפּ און דיריזשירט. ער האָט געהאַט אַ קליין שטימעלע, וואָס מ'האָט קוים געהערט. ער איז געווען כמעט אַ שטומער, אָבער ס'איז געווען שיין צו קוקן ווי ער דיריזשירט און טאַקע צו הערן אויך...

די שטאָט האָט זיך דאָס מאָל אויף אַן אמת צעטיילט אויף צוויי צדדים; פון איין זייט זיינען געווען „קאַלעכניקעס" און פון דער צווייטער זייט — „ראַוונער". מען האָט זיך געקריגט וועגן ביידע חזנים אין די שולן, קלויזן און שטיבלעך; מען האָט זיך געקריגט אין די גאַסן, אין די שענקן, אין די קראָמען. אפילו אין באָד, אויף דער אויבערשטער באַנק, צי גאָר אין מיקווה, האָט מען זיך געקריגט. און ס'איז נישט איינמאָל אויך געקומען צו געשלעגן. אייניקע יידן האָבן געזאָגט, אַז אברהם קאַלעכניק דאַוונט אַליין און דער רבונו של עולם הערט אַ וואָרט, בעת ביי זיידל ראַוונער שרייט דאָס כאָר. און פון אים הערט מען נישט קיין וואָרט, האָבן אַנדערע שוין צוריקגעזאָגט, אַז אברהם קאַלעכניק גרעבצט... יידן האָבן פאַרגעסן אין פרנסה, אין שידוכים פאַר די קינדער און אפילו אין גוטע יידן און זיי האָבן נאָר גערעדט וועגן די צוויי חזנים. ביידע חזנים האָבן קאָנקורירט: האָט איינער געמאַכט אַ קאָנצערט אין מיטן דער וואָך אין אַ שול מיט אַן אָרקעסטער, האָט באַלד דער צווייטער נאָכגעטאָן. ביידע חזנים האָבן געהאַט געדונגענע שרייערס. און ס'האָט זיך נישט איין מאָל געמאַכט, אַז איין און דער זעלביקער ייד האָט היינט געשריגן פאַר איין חזן און מאָרגן האָט ער געשריגן פאַר אַ צווייטן,

ווייל מען האָט אים דאָרט געצאָלט בעסער. געווען אַ ייד, וואָס האָט געהייסן „משה דוניי". ער האָט דעם דאָזיקן צונאָמען געהאַט, ווייל ער האָט שטענדיק געזונגען אַ מין לידל, וואָס האָט געהאַט אַ צושפּיל „איי דוניי, דוניי". ער איז געווען אַ צעטראָגענער, ער איז שטענדיק געגאַנגען צעשפּיליעט די הויזן און צעכראַסטעט דאָס העמד. די געדיכטע קאָלטענעוואַטע באָרד פלעג ער אַ סך מאָל אַזוי אויפהייבן, אַז זי האָט אויסגעזען העכער פון קאָפּ און זי האָט געשטאָכן אין הימל אַריין, די צעשויבערטע פּאות האָבן אים אַרומגעפלאָטערט. ער האָט געהאַט אַ צעדרינזשעטע שטימע און ער איז דאָך געווען אַ מנגן. ער פלעג זינגען לידער אין לשון קודש און איינעם מיט יידיש; ער האָט שטענדיק געזונגען אַ לידל:

אני ביער הלכתי,
קולות מצפּרים שמעתי,
קולות מצפּרים,
מזמזים מזמרים,
אחד מזמזם רע, רע...

איך בין געגאַנגען אין ווילדן וואַלד,
איך האָב באַגעגנט פייגל יונג און אַלט.
די פייגל האָבן געזונגען,
די קולות האָבן געקלונגען,
איינער האָט געזונגען רע, רע...

וואוהין „משה דוניי" איז געקומען, האָט מען אים געבעטן, אַז ער זאָל זינגען דאָס דאָזיקע ליד. ער איז אומעטום געווען פול; בוהושער חסידים האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ בוהושער, סאַדעגערער, אַז ער איז אַ סאַדעגערער א. א. וו. ער פלעג אַ גאַנץ יאָר אַרומפאָרן איבער בעסאַראַביע. אין יעדער שטאָט איז ער געווען איין מאָל אין צוויי יאָר. ווען ער איז געקומען אין אַ שטאָט אַריין, זיינען אים באַלד די קינדער נאָכגעלאָפן. יאַנקל האָט אים אַ סך מאָל געזען אין קיליע. ער איז געווען אַ מין לאַנדס־משוגענער. אין קיליע האָט „משה דוניי" געקענט יאַנקלען, אין קעשענעוו האָט ער אַפילו זיין טאַמן נישט געקענט... ווען ער איז געקומען צווישן גאָר פּראָסטע יידן, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ רבי און ער האָט געפּראַוועט טישן און גענומען קוויטלעך און די פּראָסטע יידן איז ער געפעלן געוואָרן — אַ רבי, וואָס זינגט אַ לידל. אָט אָ דער „משה דוניי" האָט היינט געהאַלטן מיט זיידל ראָוונער און מאָרגן מיט אברהם קאַלעבניק און איבערמאָרגן ווידער מיט זיידלען און ער האָט אַ סך מאָל געכאַפּט פּעטש און ער האָט געזאָגט, אַז אים אָרט נישט. זאָל

זיין פעטש, אבי פרנסה. זיידל ראַוונער האָט וואָס אַ מאָל געקראָגן מער חסידים. יאַנקל האָט שוין געמוזט האַלטן מיט אברהם קאַלעבניק און ס'איז אים נמאס געוואָרן. ער האָט אין גאַנצן אויפגעהערט זיך צו מישן.

אין דער ישיבה אַליין זיינען די בחורים געווען צעטיילט אין דריי כתות. איינע צו דער צווייטער האָט געפילט נישט נאָר אַ פרעמדקייט, נאָר אַ שנאה. די ערשטע און גרעסטע כתה איז געווען די מתנגדישע, וואָס איז צום מערסטן באַשטאַנען פון ליטוועקעס. די דאָזיקע כתה איז געווען די מתמידים; טאָג ווי נאַכט זיינען זיי געזעסן איבער דער אָפענער גמרא, אָדער איבער דער אָפענער יורה דעה און זיי האָבן געלערנט. זייערע אַלע געדאַנקען זיינען געווען וועגן לערנען און זייערע שמועסן זיינען געווען וועגן הלכה. פאַר איבעררייסן פון לערנען זיינען זיי געווען גרייט דורס צו זיין, דער מאמר פון פרק „הפוסק משנתו ואומר מה נאה ניר זה, מה נאה אילן זה, הרי זה מתחייב בנפשו (ווער עס רייסט איבער דאָס לערנען און ער זאָגט ווי שיין ס'איז אַט דער אקער, ווי שיין ס'איז אַט דער בוים, קומט אים צו טויטן) איז געווען אַ הייליקייט ביי זיי. גרויס מאַכן די תורה, אָפּהיטן אַלע מצוות פונקט אַזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, דאָס איז געווען דער גאַנצער עיקר זייערער. זיי האָבן געלערנט צוויי מאָל אַזויפיל וויפל דער רבי האָט געהייסן און דריי מאָל אַזויפיל און ווען זיי זיינען שוין נישט געווען אונטער קיינעמס השגחה און זיי האָבן געלערנט אַליין אין „ליידיקן חדר", האָבן זיי נאָך מער געלערנט. זיי האָבן נישט געזונגען קיין ניגון, נישט דערציילט קיין מעשה און ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אַמאָל אין אַ יום טוב, האָבן זיי אָן אויפהער נאָכגעזאָגט דעם ווילנער גאונס ווערטער פון פאַר דער פטירה: „אַ שאָד צו שטאַרבן, אין רבונו של עולמס וועלט זיינען דאָ אַזעלכע שיינע זאַכן, ווי: תורה, מצוות, ציצית, תפילין..." און זיי האָבן זיך טאַקע באַלד געזעצט לערנען. דער גרעסטער פון די מתנגדים איז געווען איינער משה צבי סטאָלינער, אַ קליינינקער, אַ שוואַרצער, אַן אויסגעדייווערטער, אַ גרינער מיט גראָבע פאות און ברענענדיקע אויגן. ער האָט זיך דערלויבט צו האָבן מער ווי אַ שמינית שבשמינית גאווה און ער האָט אויף אַ סך געקוקט פון אויבן אַראָפּ, איבערהויפּט אויף די חסידים. ער פלעג זאָגן, אַז דעם יצר הרע קומט ער שטענדיק ביי מיט אַ בלאַט גמרא, פון בעט לויפט ער אַ סך מאָל אַרויס אַנטקעגן אים מיט אַ בלאַט גמרא...

דער צווייטער צד און דער גרעסטער איז געווען דער כת חסידים. צום מערסטן בעסאַראַבער, כערסאָנער און פּאָדאָליער, אַביסל פּוילישע אויך. זיי פלעגן אויפשטיין שפּעט, אַ סך פון זיי זיינען אַלע טאָג געגאַנגען אין מקווה אַריין, געדאַוונט האָבן זיי שוין ביחידות און זיי האָבן שטענדיק געזוכט אַ מנין צו זאָגן אַ ברכו און אַ קדושה. די מתמידים פלעגן זיך בייזערן, אַז זיי זיינען אַנדערע מבטל פון תורה און אַליין לערנען זיי אויך נישט; „ירבעם בן

נבט", האָבן זיי געשריגן... גערדאווונט האָבן די חסידים בקול רם, מיטן לערנען זיינען זיי קוים נאָכגעקומען און ווען זיי זיינען געווען אין „ליידיקן חדר" האָבן זיי שוין כמעט גאָרנישט געלערנט. ביינאַכט פלעגן זיי זיצן שפעט, זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ פרק „חובב הלבבות" און זיי האָבן זיך געקוויקט מיט יעדער וואָרט און זיי האָבן געשטראָפט די מתנגדים פאַרוואָס זיי נעמען נישט קיין מוסר ספר אין דער האַנט אַריין. פאַרענדיקט האָבן זיי מיט אַ מעשה פון בעל שם, אָדער פון אַן אַנדער רבין און זיי האָבן געזונגען אַ ניגון און טאַקע געגאַנגען אַ ריקוד און זיי האָ נישט געאַרט, וואָס אַנדערע שרייען, אַז זיי קענען נישט שלאָפן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן ברייטע פלייצעס און אַלע חסידים פון דער שטאָט וועלן זיך פאַר זיי אָננעמען און טאַקע שלום טשאָרטקאָווער אַליין אויך. דאָנערשטיק ביינאַכט פלעגן זיי זיצן ביז אין טאָג׳ אַריין, זיי האָבן געלערנט חומש מיטן אורח חיים און האָבן זיך געקוויקט און זיינען געשפרונגען אין דער לופטן אַריין. דער ראָש זייערער איז געווען איינער אַ בעסאַראַבער בחור, וואָס האָט געהייסן יאָסל רישקאַנער און איז געווען אַ לאַנגער, אַ שוואַרצער, אַ דאַרער און ער האָט געהאַט גוטע און אביסל איבערגעקערטע אויגן. ער האָט געלערנט אין „ליידיקן חדר", אָבער מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ קנאַפער למדן, ער האָט בעסער ליב געהאַט מעשהס און ניגונים, ווי לערנען. ער איז געווען אַ פאַרברענטער סאַדעגערער חסיד און די סאַדעגערער חסידים פון „הויכן" בית מדרש האָבן אים געשיקט אויף זייערע הוצאות קיין סאַדעגער און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען ממש אין הימל, דאָס היטל פלעג אים שיעור נישט אַראָפּפליען פון קאָפּ און דער קאָפּ אַליין האָט געטאַנצט אין איינעם מיט די מלאכים אין הימל און די מתנגדים האָבן געזאָגט, אַז ער זעט אויבנאָן, אין דער סאַמע מיט פון דער מעשה המרכבה נישט כביכולן, נאָר דעם סאַדעגערער רבין. טאָג ווי נאַכט האָט ער דערציילט ניסים. און ער האָט זיך שוין אויפגעפירט אין גאַנצן ווי אַ מנהיג און אַ תקיף, ער פלעג אַרומגיין און שרייען: „אין השכינה שורה מתוך עצבות", די שכינה רוט נישט דאָרט וואו ס׳איז טרויעריק, די שכינה האָט פיינט מרה שחורה, חדווה האָט זי ליב די שכינה, פרייד ביז עלות הנשמה... און אַז איינער פון זיינע פלעג האַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פלעג ער צוגיין און שרייען: „דו, דו, וואָס פאַר אַ מרה שחורה?" און אַמאָל פלעג ער געבן אַ פאַטש אויך. די מתנגדים האָבן אים פשוט גערופן יאָסל דער משוגענער...

יאָסל פלעג זוכן אַרויסרופן די מתנגדים אויף אַ וויכוח. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט, אָבער ס׳האָט זיי נישט געהאָלפן, זיי האָבן געמוזט טענהן מיט אים. ער האָט גערעדט וועגן האַריץ און זיינע קעגנער האָבן גערעדט וועגן תורה. משה צבי סטאָלענער פלעג באַשפייען די פינגער, באַנעצן די פלעשלדיקע פאות און שרייען, אַז ער דאַרף אויף כפרות יאָסלס האַריץ, זאָל ער דאָס

ארויסוואַרפֿן פֿאַר די הינט, אויב ער קען נישט קיין תורה, לכלב תשליכיהו... און יאָסל האָט געשריגן: חדווה! פֿרייד! רינה, גילה, דיצה... משה צבי האָט געשריגן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער חדווה ווי נאָר די דאָזיקע, וואָס קומט פֿון דער תורה. די קולות פֿלעגן גיין ביז אין הימל אַריין. פֿון אַלע חדרים איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן, פֿון דער גאַס האָט מען אָנגעהויבן לויפֿן. שמחהלע פֿלעג קומען צו פֿליִען ווי אַ ווינט און הייסן שטיל ווערן. יאָסל האָט געשריגן, אַז ער זאָל זיך נישט מישן, ווייל ס'איז אַ מחלוקת לשם שמים, גאָט ברוך הוא אַליין הערט זיך צו צו אַזאַ מחלוקת, אָבער משה צבי האָט געשריגן, אַז יאָסל איז מבטל פֿון תורה און ער איז אַ בן סורר ומורר און אַ מסית ומדיח...

די דריטע כתה איז אייגנטלעך קיין כתה נישט געווען, מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי איז דאָ, אָבער מיטן פֿינגער האָט מען אויף איר נישט געקענט אָנווייזן. מען האָט געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ חברה, וואָס גייען ערגעץ לערנען רוסישע ביכער און אַזעלכע לשון קודשדיקע ביכלעך, וואָס שרייבן, אַז די וועלט איז אַ „קדמון" און נישט גאָט ברוך הוא האָט זי באַשאַפֿן, אָבער אויף זיכער האָט קיינער נישט געוואוסט ווער עס געהער צו זיי. אַמאָל איז זייער עלטסטער געווען איינער לייזערל אָבאַדיוווקער, וואָס איז שוין אַוועק פֿון דער ישיבה און ער איז שוין געוואָרן אַפּיקורס און ער האָט שוין אפילו געשריבן ביי די משכילים, ער האָט זיך געחתמעט אליעזר שטיינמאַן און מען האָט אין דער ישיבה אַריינגעבראַכט זיינע אַ חסידישע מעשה, וואָס האָט געהייסן „נרות" (ליכט) און מען האָט געזוכט אַפּיקורסות אין איר און מען האָט נישט געפֿונען. לייזערלס געוועזענע חברים זיינען אַלע געגאַנגען געפּוצט און ריין, אָבער זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען נישט קיין משכילים און זיי האָבן אַפֿילו נישט געוואוסט, אַז לייזערל איז אַן אַפּיקורס. יאָסל פֿלעג זיך צום מערסטן טשעפּען צו זיי און ער האָט ביי איינעם אויפֿגעהויבן די פּאות און געוויזן, אַז אונטן איז אונטערגעשוירן אַזוי, אַז ווען ער פֿאַר־קאַטשעט זיי, זעט מען אין גאַנצן נישט, אַז ער האָט פּאות...

יאַנקל האָט אייגנטלעך צו קיין כתה נישט געהערט, ער האָט געגעסן ביים בוהושער חסיד מאָטל מנקר און ער איז געווען אַ גאַנצער בן בית ביי אלי קיליער און ער האָט דאָרט געהערט חסידישע מעשהס און מאמרים און ער האָט געזונגען אַ ניגון, די בוהושער חסידים האָבן זיך מיט אים געגרויסט און האָבן אים געהייסן, אַז ער זאָל נאָך בחורים „מכנים זיין תחת כנפי השכינה" און זיי מאַכן פֿאַר בוהושער, אָבער קיין שטאַרקן חסידישן ברען האָט ער נישט געהאַט, שטענדיק איז אים עפּעס קשה געווען און שטענדיק האָט ער געוואָלט עפּעס פֿרעגן. דערצו איז אים נאָך דאָס בלוט געווען אומרו־איק בסדר און ס'האָט אים געקאָכט. ער איז איינמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען אַ שטיל געסל, איז אים צוגעקומען אַ מיידל מיט אַ שאַלעכל אויף די אַקסל און זי האָט אים גערופֿן. ער האָט געמיינט, אַז זי רופֿט אים אַריין צו אַ מנין, עס

האָט אים שוין אַ סך מאָל געטראָפֿן אין קעשענעוו. דאָס מיידל האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימערל, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ בעטל, צוויי בענקלעך, אַ שיסל מיט וואַסער, אַ האַנטוך און עס זיינען געליגן אָנגעוואָרפֿן עטלעכע קליידער. אויף די ווענט זיינען געווען בילדער, עפּעס אַ נאַקעטע פֿרוי, אַ מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי שיכור. די פֿאָרהענגלעך פֿון די פֿענצטער זיינען געווען פֿאַרהאָנגען. דאָס מיידל האָט אים אָנגעכאַפּט און צוגעטוליעט צו זיך שטאַרק, שטאַרק, ער האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם, ער האָט זיך געוואָלט אויסרייסן און אַנטלויפֿן און אים איז דאָך געווען גוט. פּלוצים האָט אים דאָס מיידל געפֿרעגט, צי ער האָט געהאַט געלט און אַז ער האָט געענטפֿערט „דריי קאָפּיקעס”, האָט זי זיך צעבייזערט און גענומען שרייען: „גיי דו טאָווּשע (יאָלד) אַרויס פֿון דאַנען, גייט נעמען די וועלט אויף זיכער!” און זי האָט אים אַרויסגעשטופּט. ביי דער טיר האָט זי אים געזאָגט: „אַנו, ווייז נאָר אַהער די דריי קאָפּיקעס” און אַז ער האָט זיי איר געגעבן, האָט זי זיי אָנגענומען און אַרויסגעוואָרפֿן. דערנאָך איז ער וואָכן לאַנג אַרומגעגאַנגען און נישט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט יאָ געהאַט געלט און וויפֿל געלט האָט זי געוואָלט...

ווען יאַנקל האָט געקוקט ווי יאָסל מיט זיינע חסידים זיינען זיך משמח און זיי זינגען און טאַנצן, איז אים איבערגעגאַנגען דאָס האַרץ און ער האָט געפֿילט, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי פֿריילעך. און די צייט איז אים אַלץ שווערער געפֿאַלן אויף די פּלייצעס. אַמאָל פֿלעג ער אַרויסקוקן אויף דעם פֿרייטיק צו גיין אין מרחץ אַריין. ער פֿלעג גיין אין דער גרויסער באָד, וואָס איז געווען ווייט אונטן, לעבן דער גרויסער שול, וואו עס זיינען געווען אַ סך קליינע און געדרייטע און שמאָלע געסלעך, אין וועלכע עס האָט קוים געקענט אַריינפֿאָרן נאָר איין וואָגן. די ערשטע צייט פֿלעג ער זיך פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן ביז ער האָט געטראָפֿן אין באָד אַריין. זי איז געווען זייער גרויס די דאָזיקע באָד, ער האָט געמיינט, אַז דאָרט פֿלעגן פֿרייטיק בייטאָג זיין אַ סך מער ייִדן וויפֿל אין גאַנץ קיליע. און וואָסערע אַלערליי ייִדן! דינע און גראָבע, לאַנגע און קליינע, אַלטע און יונגע. איניקע מיט ריינע לייבער און איניקע מיט נישט גאָר ריינע. איניקע מיט אָפּגעשניטענע איברים, ביי איינעם אַ ייִדן האָט אַפֿילו געפֿעלט די מילה אין גאַנצן און די אויגן זיינען ביי אים געווען רויטע און ער האָט זיך געפּאַרעט אויף דער העכסטער באַנק און ער האָט געשריגן מיט אַ שטום קול. אַנדערע האָבן געשריגן, אַז די ווענט האָבן געהודעט. יאַנקל פֿלעג דאָרט אָפּקאָמאַנדעווען דעם גאַנצן בייטאָג מיט ייִנגלעך, ער פֿלעג אַרויפֿגיין אויף דעם מויער פֿון דער מקווה און אַראָפּשפּרינגען. די לעצטע צייט האָט ער עס שוין מער נישט געטאָן, ער האָט זיך שוין געפֿילט ווי אַ גרויסער און לייבוש האָט אים געזאָגט, אַז אין דער גרויסער באָד קען מען גיכער קראַנק ווערן, ווי זיך ריין מאַכן. ער

איז נאר איינמאל געגאנגען מיט לייבושן אין א פרייטיק בייטאג צו דער „סירקע וואסער", וואס איז געווען א סך וויטער פון דער באד. מען האט געזאגט, אז יענע וואסער, וואס רינט פון שטיינער איז זייער געזונט. ער האט זי געטרונקען און געפילט דעם ריח פון שוועבל און פון פארשטונקענע אייער און ער האט נישט פארשטאנען פארוואס מען לויפט אזוי טרינקען און צו וואס דאס וואסער העלפט... אזוי האט ער זיך געדרייט פון איין עק אין צווייטן און ער האט זיך קיין פלאץ נישט געפונען.

לייבוש האט יאנקלען גענומען לערנען א ניי ספר. „אור ה' " האט עס געהייסן, גאטס ליכט. ס'האט אויך געהייסן „נר מצווה", דאס ליכט פון מצווה. דער מחבר האט געהייסן, האט אים לייבוש געזאגט, חסדאי קרשקש. דאס דאזיקע ספר איז אויך א חקירה וועגן גאט, אבער עס בייזערט זיך אויף דער חקירה. דער קרשקש בייזערט זיך אויף דעם רמבם, וואס דארף ברענגען ראיות פון ארישטו, אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט. גאט דארף נישט קיין ראיות. דער קרשקש רעדט נישט פון קיין דרייצן עיקרים ווי דער רמבם, נאר פון זעקס. די עיקרים זיינען ביי אים צו קענען גאט, זיין השגחה, זיין קענטעניש, די נבואה, די בחירה און דעם מוסרדיקן תכלית פון דער וועלט. דער קרשקש גלויבט אין משיחן און אין תחיית המתים. ער גלויבט, אז די גופים וועלן צוריק אויפלעבן. נישט ווי דער רמבם, וואס רעדט, אז נאך תחיית המתים וועט מען האבן נאר אן „עונג רוחני" (א גייסטיקן פארגעניגן). אבער ער האלט דאס קומען פון משיחן און תחיית המתים פאר נישט קיין עיקרים. מען קען נישט גלויבן אין זיי און זיין א גוטער ייד. דער קרשקש האט גערעדט אויך וועגן דעם, וואס יאנקלען האט שטענדיק אינטערעסירט: ווייס גאט, וואס עס וועט זיין מיטן מענטשן, אדער נישט? דער קרשקש זאגט, אז גאט ווייסט, אבער אנדערש ווי א מענטש, ער ווייסט און גיט די ברירה דעם מענטשן... גאט איז משגיח איבער די מענטשן, אבער ער לאזט זיי דאך א פרייע בחירה. אויף יידן האט גאט א באזונדער השגחה. ער האט די השגחה דורך דריי כתות: מלאכים, נביאים און חכמים... די הויפט עיקרים זיינען גאט און די תורה...

יאנקלען האט דער קרשקש גענומען, ער האט א ברען און ער איז אי שווער, אי גרינג, אי בייז, אי גוט... און ער האט זיך געקלערט, אז אפשר איז דער רבי איינער פון די כתות דורך וועלכע גאט האט השגחה אויף דעם מענטשן. איז ער נישט קיין מלאך, איז ער א נביא, איז ער נישט קיין נביא, איז ער א חכם... און האט זיך גענומען צוקוקן צו די חסידים.

און איינמאל אין א דאנערשטיק ביינאכט, ווען ער האט זיך צוגעקוקט ווי די חסידים זיינען „אויף" און זיי טאנצן, איז צו אים צוגעגאנגען יאסל, וואס איז געווען פארשוויצט און אביסל אויך אונטער דעם גלעזל און ער האט צו אים געזאגט: „קיליער גנב... ביזט א בוהושער חסיד, א משלנו... א

ריזשינער... אַלע ריזשינער זיינען צדיקים, דער גרעסטער צדיק, **דער** צדיק הדור איז דער סאַדעגערער. אָבער דו ביזט אַ געמאַכטער חסיד, כאָטש דו גייסט צו אלי קיליער. דו האָסט גמליאלן געשטעלט אַן אַפּיקורסישע שאלה... אין דיר איז דאָ אַ ניצוץ פון אַ ליטוועק אַ מתנגד... דו לערנסט און דו ביזט קאַלט ווי אייז, דו זינגסט אַ ניגון און דו ביזט אויך קאַלט ווי אייז... אָבער גאָט ברוך הוא איז אַ גוטער, ער איז מוחל... מען דאַרף נאָר תשובה טאָן און מיטן גאַנצן האַרצן... נאָר חדווה, אָן מרה שחורה, אין דיין זיידן אַריין דעם ליטוועק... מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט געהאַט אַ זיידן אַ מתנגד... חדווה... דעם חובת הלבבות לערן, דעם זוהר, דעם אורח חיים, דעם ארי..."

די בחורים האָבן דערוויילּ געטאַנצט און געזונגען „מי שחטא ישוב, ישוב, ישוב ונמחל לו" (ווער עס האָט געזינדיקט, זאָל תשובה טאָן, וועט מען אים מוחל זיין) און יאָסל האָט אָנגעוויזן יאַנקלען: „הערסט? מי שחטא ישוב, ישוב ונמחל לו... אבי תשובה טאָן, אין דיין זיידן אַריין..." און ער האָט גענומען זינגען מיט זיי אין איינעם: „אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה, יפה, יפה ירושתנו (וואויל איז אונז, ווי גוט ס'איז אונזער חלק און ווי שיין ס'איז אונזער ירושה!) זינג, גנב, טאַנץ! יאָסל האָט נישט געזונגען שיין, ער האָט נישט געהאַט קיין קול און ער האָט ווי געזונגען אַנדערש ווי אַלע, אין דער זייט אַריין, אָבער ער האָט געזונגען מיט אַזאַ ברען, די אויגן האָבן אים אַזוי געפלאַמט, אַז ס'האָט זיך געגלוסט מיטזינגען. און דער ניגון איז געווען אַ שיינער, אַ האַרציקער, אַ טרויעריקער און אַ פרייליכער.

און יאַנקל האָט זיך פאַרטראַכט. אָט זיינען בחורים, וואָס זיצן איבער דער גמרא און זאָגן, אַז נאָר תורה און אָט זיינען דאָ בחורים, וואָס זאָגן, אַז מען דאַרף זינגען און טאַנצן פאַר גאָט. און ביידע זיינען פרום. משה צבי סטאָלינער איז אַ פרומער און יאָסל רישקאַנער איז אַ פרומער... גלויבן נישט אַלע יידן גלייך? פאַרוואָס זשע האָט מרדכי געזאָגט, אַז דער בית יוסף האָט געמאַכט, אַז עס זאָל זיין נאָר איין יידישקייט און ווען נישט ער, וואָלטן געווען אַ סך יידישקייטן. עס זיינען דאָך דאָ אַ סך... חסידים און מתנגדים און אַלערליי חסידים און חבד... לייבוש האָט אים דערציילט וועגן אַ רבין ר' נחמן בראַסלאַווער, וואָס איז שוין לאַנג נישטאָ און די חסידים פאָרן צו אים אויף דעם קבר... ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט אויף אַן אַלטן וועג, וואָס איז ניי... לייבוש זאָגט, אַז יעדער איד און יעדער מענטש דאַרף גיין אויף אַ וועג, וואָס איז אי אַלט, אי ניי...

יאַנקל האָט גענומען לערנען דעם „זוהר". אַ שווערע עברי און סודותדיק, שווער צו פאַרשטיין. און אַז ער האָט געפּרוּווט עמיצן פרעגן, האָט מען אים געענטפערט, אַז דעם זוהר פרעגט מען נישט... אַז מען פאַרשטייט, איז גוט און אַז מען פאַרשטייט נישט, איז אויך גוט; אַז מען פאַרשטייט נישט, זאָגט מען... דער אָנהייב איז דווקא געווען אינטערעסאַנט, אָבער דערנאָך... ער

האָט געמישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל און עס האָט זיך אים גערדאַכט, אַז אָט וועט זיך אויפדעקן דער סוד און צום סוף ווערט נאָך מער סוד... ער הויבט אָן: „אַזוי ווי אַ רויז צווישן דערנער. ווער איז די רויז דער כלל ישראל איז אַזוי ווי אַ רויז צווישן דערנער. אַזוי ווי אַ רויז האָט רויטס און ווייס, אַזוי האָט אויך די כנסת ישראל רויטס און ווייס. אַזוי ווי אַ רויז האָט דרייצן בלעטלעך, אַזוי האָט די כנסת ישראל דרייצן מידות, פון רחמים, וועלכע שיצן זיי פאַר דער סטרא אחרא". עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען יאַנקל האָט געפונען אַ רויז און ווען ער האָט זי געפונען, האָט ער איבערגעציילט אַ סך מער בלעטלעך ווי דרייצן... ער האָט געלערנט אין זהר, אַז אויבן איז אויך דאָ אַ מענטש און אַז גאָט האָט געמאַכט דעם אונטערשטן מענטשן אַזוי ווי דעם אויבערשטן. און אַז ער האָט אים געגעבן אַלע כוחות פון אויבערשטן מענטש און גאָט האָט געמאַכט דעם מענטשן נאָך אַלע בהמות און חיות, בכדי ער זאָל האָבן זייער אַלעמענס כוח און קענען הערשן איבער זיי. אָבער דער רבי אין חדר האָט דאָך געזאָגט, אַז גאָט האָט געמאַכט דעם מענטשן צום סאַמע לעצט, בכדי ער זאָל נישט זיין שטאָלץ און ער זאָל נישט נכשל ווערן אין גאווה רחמנא ליצלן, וואָס איז דער גהינום אַליין... און דער זהר רעדט אַלץ וועגן יידן און יידן. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט צוליב די יידן און נאָך אין יענעם טאָג, אין וועלכן ער האָט באַשאַפן די וועלט, איז ער טרויעריק געוואָרן, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָס בית המקדש וועט חרוב ווערן... האָט ער דאָך געקענט אַנדערש מאַכן! גאָט איז דען אויך פון עמיצן געוועגדט? דער זהר זאָגט, אַז די יידן זיינען דער צווייג, וואָס ציט די יניקה גלייך פון גאָט.. די חסידים זאָגן, אַז דער צדיק איז נעענטער צום מקור, זיין נשמה איז משפיע און מען דאַרף זיך ציען צום רבין דורך נגינה און דורך פרייד. האָט אים יאָסל געהייסן לערנען דעם ארי און דער ארי רעדט פון סגופים, פון פייניקן דעם קערפּער ביז וואַנען ער וועט זיך אין גאַנצן מתפשט זיין פון די תאוות... און וואָס זיינען די ספירות? וואָס מיינען זיי? הוד, יסוד, תפארת נצח, מלכות... הוד מיינט שיינקייט און תפארת מיינט שיינקייט... אָט איז דבורה פינחס שוחטס שיין און זיין גליד שוועסטערקינד ציפּע, וואָס איז אַן אשת איש אויך שיין... און פון דעסט וועגן זאָגט מען, אַז די שיינקייט פון אַ נקבה פירט איבער פון אַלע וועלטן און פון דעסט וועגן פאַרגלייכט מען אַלץ צו אַ נקבה, שבת איז אַ שיינע כלה און די שכינה איז אויך אַ נקבה און אין אַלעמען איז דאָ „נקביות" (ווייבלעכקייט) און „דכריות" (מענלעכקייט). אַלע, וואָס האָבן געוואָלט ברענגען משיחן, האָבן זיך געשלאָגן מיט דער „נקביות"...

און דאָך איז ביי די חסידים אַזוי גוט! יאַנקל זעט, אַז ווען יאָסל מיט דער חבריא טאַנצן, צינדן ביי זיי זיך אָן די אויגן און זיי פאַרהייבן די קעפּ און זיי זיינען אין אַנדערע וועלטן. זיי זעען גאָרנישט אויס גלייך ווי אַנדערע מענטשן און מען זעט, אַז זיי האָבן הנאה. זייערע גופים האָבן הנאה און

זייערע נשמות האָבן הנאה. פון זינגען און טאַנצן קען דאָך נישט הנאה האָבן נאָר דער גוף... און יאַנקל געדענקט אַליין נישט ווי אַזוי, נאָר ער איז געוואָרן אַ חסיד אויף אַן אמתן. ער האָט זיך צוגעהערט צום „חובת הלבבות", וואָס זיי האָבן געלערנט. אַ בחור האָט געלייענט און פאַרטייטשט אויף יידיש, כּאָטש אַלע האָבן פאַרשטאַנען. זיין קול האָט געדונערט: „און אַז דער יצר הרע וועט דיר וועלן איינריידן, אַז די וועלט איז נישט ניי באַשאַפן און זי איז קיינמאָל נישט אַנדערש געווען, תמיד איז זי געווען אַזוי ווי איצטער און קיינער איז נישט קיין באַשאַפער און קיינער איז נישט קיין באַשאַפענער, קיינער איז נישט מחויב דעם אַנדערן צו דינען, קער דיך אום צום פאַרשטאַנד"... און דאָ האָט זיך יאָסל געכאַפּט: „ און דער פאַרשטאַנד דערציילט דאָך קלאָר, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, מיר זעען דאָך, דעם הימל און די ערד און די זון און די שטערן, עס איז דאָך פונקט אַזוי ווי עס שטייט אין בראשית... און ס'איז דאָך דער מענטש אַליין, וואָס גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן און דער רבי... און אַז עס איז דאָ אַ גאָט, דאַרף מען אים דינען... און ס'איז גוט צו דינען..." און ער האָט גענומען זינגען:

ס'איז גוט צו דינען,\
ס'איז וואויל צו דינען,\
ס'איז פריילעך צו דינען,\
ס'איז לעבעדיק צו דינען...\
וועמען?!\
דעם לעבעדיקן גאָט!...

און איידער יאַנקל האָט זיך נאָך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען אין אַ ראָד און יאָסל איז געווען לעבן אים און ער האָט אים געשלעפּט און געשריגן אין מיטן טאַנצן: „וועסט נאָך זיין אַן אפיקורס, דו? שטעל וויין, דו! דיין נשמה האָט געהאַט אַ תיקון"... און יאַנקל האָט אויסגעליידיקט די קעשענעס און ער האָט אַוועקגעגעבן וויפל ער האָט געהאַט און ער האָט געפילט, אַז ער ווערט אוים עלנדער, ער קריגט חברים און ברידער.

און יאַנקל איז געוואָרן אַ חסיד מיט דעם גאַנצן ברען, ער איז געוואָרן אָפּגעלאָזט, האָט זיך זעלטן געפּוצט די שיך, האָט זיך פאַרלאָזט גרעסערע פּאות און ער איז געגאַנגען צעשויבערט און צעבאַרשטן און שטענדיק זיך אונטערגעזונגען און אונטערגעטאַנצט און געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט. ער פלעג איינשלאָפן ווערן ווי אַ געהרגעטער און מען האָט אים אין דער פרי קוים אויפגעריסן פון שלאָף. די זינדיקע מחשבות וועגן דבורהן און וועגן ציפען און וועגן ווייבער בכלל זיינען ביי אים אַוועק. ביי אלי קיליער האָט מען גאָר אָנגעקוואָלן פון אים און ער האָט זיך געמישט צווישן גרויסע חסי־

דים און דערציילט מעשהס און ביי ניגונים איז ער גאר געווען א פלאם פייער. ר׳ לייבעלע, אלי קיליערס שוואגער האט געבורטשעט: „איך האב שטענדיק געזאגט, אז ער איז נישט קיין פוילישער נאר „דאי נאשטרי״... געווען צווישן די בוהושער א יונגערמאן א הייסער חסיד אלי שפרינצאק, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער און ער איז געווען א רייכער ייד. האט ער אין גאנצן געוואלט נעמען יאנקלען צו זיך און ער האט אים געזאגט, אז ער מעג אי־בערלאזן די ישיבה אין איינעם מיט שלום פערלמוטער און שלום טשארט־קאווער און גיין צו אים און ווען ער וועט וועלן וועט ער לערנען און ווען ער וועט וועלן, וועט ער גיין אין מקווה אריין און קוקן אין ספרים אריין... ביי אלי קיליער אליין איז פריי געווארן א פלאץ ביים טיש פון א בחור, וואס האט חתונה געהאט. האט אלי געוואלט יאנקלען צו זיך אויף שבת און ער האט געזאגט, אז ער האט אים אוועקגעגעבן, ווען ס׳איז ביי אים נישט געווען קיין פלאץ, אבער איצטער איז ער בר מצר... האט מאטל מנקר געזאגט, אז ער האט שוין חזקה אויף אים און זיידל פון ארץ ישראל געלט האט אויך גע־האלטן מיטן מנקר, כאטש ער האט געהאלטן, אז יאנקל דארף אריינקומען וואס אפטער צו אלי קיליער און דארטן מחנך ווערן על ברכי החסידות, ווייל ער דארף ווערן דער אמתער בוהושער חסיד, דער למדן און ירא שמים... יאנקל האט געקראגן א שם צווישן די חסידים און מאמעס האבן זיך גע־בענטשט מיט אים. יידן פון „הויכן״ בית מדרש פלעגן צוקומען צו אים און אים גלעטן מיט ליבע. די מערסטע פון יענע יידן האבן נישט געהאט קיין גרויס נחת פון זייערע קינדער. יאנקל האט געהערט ווי אלעמאל איז אנט־לאפן אן אנדער בחור פון א בארימטן חסיד, וואס האט געוואלט אפשניידן די פאות, גיין א קורץ רעקל און זיך פארלאזן א „טשוב״ פארנט. די טאטעס האבן געמוזט נאכגעבן די קינדער און זיי פלעגן מאכן פשרות מיט זיי. אין דער וואכן זאלן זיי גיין קורצע רעקלעך, אבער שבת זאלן זיי קומען אין בית מדרש אריין מיט קאפאטעס און מיט זיידענע גארטלען. וועגן די פאות פלעגן ביי אייניקע פועלן, אז זיי זאל נאר פארשארן און אנדערע האבן געמוזט נאכ־געבן, אז זיי זאלן זיי אפשערן. די בערד האט מען נישט געשוירן, נאר גע־צופט... עס זיינע געגאנגען בריוו מיט קוויטלעך צו די גוטע יידן און עס האט נישט געהאלפן. וועגן דעם, וואס עס איז פארגעקומען מיט די טעכטער האט מען נישט גערעדט אויף א קול, נאר מען האט שטיל געקרעכצט. גע־זאגט האט מען, אז ארום קעשענעוו ברענט דער גהינום... אויף די ישיבה בחורים, וואס האבן זיך געהאלטן אין דער מעלה האבן די רייכע חסידים גע־קוקט מיט ליבע און מיט קנאה...

☆

ק א פ י ט ל ז י ב ע צ ן

די שוועסטער זיינען אוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע און דער רבי איז געקומען קיין קעשענעוו

לייבוש האָט נישט געהאַלטן שטאַרק פון יאַנקלס נייעם דרך, ער האָט געזאָגט, אַז ער אַליין איז אַ חסיד, אָבער ער איז נישט קיין כניאָק. אויך די אַקערמאַנער חברים יאַנקלס, וואָס זיינען געווען סאַדעגערער חסידים, האָבן געזאָגט יאַנקלען, אַז ער איז געוואָרן צופיל כניאָק און אַז זיי זיינען געקו־מען אין דער ישיבה אַריין לערנען און פּראַווען חסידות ווען זיי צייט האָבן. לייבוש פלעג נאָך ווייטער לערנען די חקירה ספרים אין קאָברינער קלויז און ער האָט געהאַלטן אין איין רופן יאַנקלען אַהין, ער האָט געזאָגט, אַז אין צווייען לערנט זיך עפּעס געשמאַקער, מען קען זיך בעסער און קלאָרער און וואַרעמער מסביר זיין אַן ענין.

און לייבוש האָט יאַנקלען ווידער אַריינגעשלעפּט צו זיך אין קלויז אַריין און ער האָט גענומען לערנען מיט אים אַזאַ ספרל, וואָס האָט געהאַט אָפּגע־ריסענע טעוועלעך און ביידע האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי עס הייסט און ווער עס איז דער מחבר. עס האָט דערציילט וועגן אַ פאָלק, וואָס לעבט אין הודו, דאָס זעלביקע הודו, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער מגילה... לייבוש האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אינדיע. דאָס ספרל האָט דערציילט, אַז די הודיים האָבן געגלויבט אין גאָט נאָך פאַר די יידן און אַז די וועלט איז נישט אַזוי־ווייניק אַלט וויפל די יידישע ספרים זאָגן, נאָר אַז זי איז אַ „קדמון”. דער גאָט פון די אינדיער האָט געהייסן בראַמאַ... בראַמאַ האָט אַלס באַשאַפן... „די גאַנצע וועלט איז פאַרביילויפנדיק, קיין שום זאַך איז נישט אייביק. אַלעם בייט זיך און ענדערט זיך. אַ סך מאָל זיינען שוין וועלטן צעשטערט געוואָרן און אַנדערע זיינען באַשאַפן געוואָרן. אייביק איז נאָר בראַמאַ. דעם מענטשנס נשמה וואַנדערט אויך פון איין קערפּער אין אַנדערן, ווערט מגולגל, הערפון נעמט זיך, וואָס אַ צדיק ליידט, ס'איז אים שלעכט, זיין נשמה קומט אָפּ פאַר די זינד פון איר פריערדיקן קערפּער.” די אינדיער האָבן אַזעלכע „פאַ־

קירן", וואָס ריידן מיט גאָט, אַזוי ווי די נביאים און קענען באַווייזן מופתים, אַזוי ווי גוטע יידן. ביי יאַנקלען אין קאָפּ איז געוואָרן אַ גאַנצער געמיש, ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס האָט גאָט געמאַכט אַזוי, אַז קיין שום זאַך זאָל נישט זיין אייביק, הייסט עס, אַז ביי די אינדיער זיינען אויך דאָ גילגולים. און צו וואָס האָט גאָט געדאַרפט מאַכן די וועלט מיט אַזוי פיל שלעכטס, אַז איין גילגול זאָל אָפּקומען פאַר דעם צווייטן?... אין מיט איז געווען אויסגעריסן. לייבוש האָט געלייענט ווייטער, אַז מען האָט געפרעגט: „דער בראַמאַ איז דאָך אַ גוטער גאָט, פאַרוואָס זשע האָט ער באַדאַרפט באַשאַפן דאָס שלעכטס?" און געענטפערט האָבן זיי, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ „מאַי", וואָס דאָס מיינט אַ טעות און אַז בראַמאַ האָט געהאַט אַ טעות, ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט, מענטשן בלאָנדזשען אום און זיי זוכן גליק און קיין גליק איז גאָר נישטאָ. בראַמאַ האָט נישט באַשאַפן קיין גליק... און ווען אַלע מענטשן וועלן זיך דאָס דערוויסן, וועלן זיי ווערן גאָרנישט און זיי וועלן זיך אומקערן צוריק צו בראַמאַן. לייבוש האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי ריידן גויים, אין דער יידישער תורה שטייט בפירוש, אַז גאָט האָט געזען, אַז ס'איז גוט און אַז מען זאָל אויסקלייבן דאָס לעבן... זיי האָבן געלערנט ווייטער אין ספרל. נאָך שטאַרקער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די וועלט איז אַ טעות איינער סידאַרטאַ האַיטאַמאַ, וואָס מ'רופט אים אויך סאַקיאַ מוני און בודאַ... יאַנקל האָט באַמערקט, אַז ער האָט יתרום נעמען, אָבער לייבוש האָט געענטפערט, אַז גאָט הייסט אויך אדני און אלהים און יהוה... יאַנקל האָט צוריק געענטפעט, אַז אַלע זיינען איין גאָט. סאַקיאַ מוני האָט געזאָגט, אַז לעבן און ליידן ווייטיק איז איינס. פון ווייטיק קען מען זיך באַפרייען נאָר ווען מען פאַרגייט אין דער „נירוואַנאַ" און מען ווערט גאָרנישט... סאַקיאַ מוני האָט דערציילט, אַז ער האָט גאָרנישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'איז געווען פריער. „שטעלט אייך פאָר, האָט ער געזאָגט, אַ מענטשן, וועלכן אַ פייל האָט געלעכערט דאָס האַרץ, וועט אים דער רופא נעמען פרעגן פון וואָס די פייל איז געמאַכט און ווי אַזוי מען האָט זי געמאַכט?..." הייסט עס, אַז דאָס לעבן איז אַזאַ אומגליק ווי אַ געלעכערט האַרץ און מען דאַרף גאָרנישט קלערן וועגן דעם... אין ספרל איז אויך דערציילט געוואָרן ווי אַזוי דער דאָזיקער סאַקיאַ מוני איז געקומען צו זיינע געדאַנקען. זיין טאַטע איז געווען אַ מלך און ער האָט געלעבט אין רייכקייט, אַרום אים זיינען געווען יונגע און פריילעכע מענטשן, האָט ער איינמאָל דערזען אַן אַלטן אַן איינגעבויגענעם... האָט ער געפרעגט ווער ער איז, האָט מען אים געענטפערט, אַז ער איז אַן אַלטער. האָט ער געפרעגט, צי ער איז אַזוי געבוירן געוואָרן, האָט מען אים געזאָגט, אַז ניין, ער איז עס געוואָרן און אַלע מענטשן ווערן אַזוי; האָט ער געפרעגט, צי ער וועט אויך ווערן אַזוי, האָט מען אים געענטפערט, אַז ער אויך. און דערנאָך האָט ער געזען אַ קראַנקן...

און שפּעטער אַ לוויה. און ער איז טרויעריק געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז דאָס לעבן איז נאָר גרינג און פריילעך. איז ער אַוועק אין מדבר און ער איז דאָרט געוואָרן אַ נזיר און ער האָט געלעבט צווישן געלערנטע און ביי זיי האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די וועלט איז נאָר אַ קייט פון שלעכטס... דער יסוד פון לעבן איז ליידן און עפּעס אַנדערש איז נישטאָ, מען דאַרף גאָרנישט טראַכטן וועגן קיין גליק... איינמאָל איז צו בודאַן געקומען אַ פרוי בעטן, אַז ער זאָל איר לעבעדיק מאַכן דעם זון, האָט ער איר געענטפערט, אַז זי זאָל אים ברענגען אַ זאַך פון אַ שטוב, וואו ס'איז קיינער נישט געשטאָרבן און זי איז אַרומגעגאַנגען און געזוכט און נישט געפונען... לייבוש האָט באַמערקט יאַנקלען, אַז אין תנך שטייט, אַז אלישע האָט יאָ לעבעדיק געמאַכט אַ קינד... סאַקיאַ מוני האָט געהייסן דעם מענטשן פאַרטרייבן פון זיך די מרה שחורה, אַזוי ווי פייער לעשט וואַסער און דער ווינט טרייבט שטרוי, אָבער נישט טראַכטן וועגן קיין גליק, ווייל ס'איז נישטאָ. עס איז דאָ נאָר די אייביקע רו פון יענער זייט לעבן. אַז מען איז מנצח דעם ווייטיק, דערגרייכט מען די רו...

איינמאָל איז צו אלי קיליער געקומען אַ גאָר אַלטער חסיד. עס איז שווער געווען צו קוקן אויף אים אַזוי אַלט איז ער געווען. ער איז געווען איינגעבויגן אין דרייען און ער האָט געהאַט אַ ווייסע באָרד, וואָס איז געווען געל פון טאַבעקע, אין מויל האָט ער נישט געהאַט קיין איין צאָן און ער האָט שטענדיק געהאַלטן די צונג אין דרויסן און ס'האָט גערונען פון איר, פון דער נאָז איז אויך גערונען. און אויגן האָט ער געהאַט רויטע און עס האָט אויך גערונען פון זיי. דאָך האָט אים דאָס פּנים עפּעס ווי געלאַכט און אַביסל געשיינט. ער האָט שטענדיק געקרעכצט און עפּעס האָט פון אים זיך געהערט אויך ווי אַ געזאַנג... אַלע אין שטוב האָבן אַרום אים געטאַנצט און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער ייד. זיי האָבן דערציילט, אַז אַלע נאַכט ריכט ער אָפּ חצות און ער וויינט און קלאָגט... יאַנקל האָט זיך געפרעגט: יאָסל זאָגט, אַז אַ חסיד טאָר נישט זיין טרויעריק, ער מוז זיין פריילעך, אַנישט רוט נישט די שכינה אויף אים. ווי אַזוי זשע קען דער דאָזיקער אַלטיטשקער זיין אַ חסיד? מען האָט אים גערופן ר' לייבעלע אַסערמאַנער און צווישן די בוהושער חסידים איז געווען אַ רויש וועגן אים. מען האָט אַלין צוליב אים געשיקט מיט די געסט און מען האָט גערעדט וועגן אים עפּעס ווי וועגן אַ רבין. עס זיינען געקומען לכבוד אים צו אלי קיליער בוהושער חסידים, וואָס האָבן געוואוינט אין אַן אַנדער עק שטאָט. עס זיינען געקומען צוויי ברידער, וואָס איינער האָט געהייסן ר' נחמן און דער צווייטער ר' אברהם האַלפּערן. ביידע זיינען שוין געווען יידן מיט ווייסע בערד, אָבער ר' נחמן איז געווען גאָר אַלט, דאָך איז ער געווען אַ זייער ריינער, כאָטש ער איז געגאַנגען איינגעבויגן און ער האָט גערעדט מיט אַ קרעכץ. ער האָט געקענט מער מעשהס

פון אַלע בוהושער חסידים און אַ סך זאַכן האָט ער אַליין געזען. אַז ער האָט גערעדט, האָבן אַלע געשוויגן און ער האָט מאַקע געזאָגט געהויבענע זאַכן און כאָטש ער אַליין האָט שוין געקרעכצט פאַר אַלטקייט, איז אַרויסגעקומען אַ שטענדיקע פרייד און אַ שיין פון זיינע ווערטער. ווען ער איז געקומען צווישן די בוהושער חסידים, איז געוואָרן אַ יום טוב. ר׳ אברהם האַלפּערן איז געווען ייִנגער און געזינטער און ער האָט געשריגן אַזוי ווי יאָסל: חדווה! ער פלעג אַ ייִדן מיט אַ באָרד געבן אַ פּאַטש, אַז ער זאָל נישט זיין מרה שחורהדיק. די ביידע ברידער האָבן זיך געפריינט מיט ר׳ לייבעלע אַקערמאַנער און זיי האָבן זיך דערמאָנט מיט אים אין איינעם אַלטע זאַכן נאָך וועגן דעם אַלטן רבין און נאָך פריער...

די אַקערמאַנער ייִנגלעך האָבן דערציילט וועגן ר׳ לייבעלען אַ זייער מיאוסע זאַך, זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַמאָל מזנה געווען מיט זיין אייגענער טאָכטער און אין אַקערמאַן רופט מען אים „דער בועל בתוניק״... יאַנקל האָט נישט געגלייבט. ער האָט געזאָגט, אַז זיי ריידן אַזוי, ווייל זיי זיינען סאַדעגערער חסידים און ער איז אַ בוהושער, אָבער די ייִנגלעך האָבן זיך געשוואוירן, אַז די גאַנצע שטאָט רופט אים אַזוי און איבער זיין גרויסער זינד איז ער אַזוי פאַרפינצטערט געוואָרן, ער איז נישט אַזוי אַלט ווי ער זעט אויס... דערפאַר איז ער אויך אַזוי שטענדיק מרה שחורהדיק און ער קרעכצט, ווען מען באַגייט אַזאַ זינד, קען מען נישט ווערן צוריק פריילעך, מען האָט שטענדיק מורא פאַר דעם גיהנום, כאָטש דער אַלטער רבי האָט אים געגעבן אַ גרויסע תשובה און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז ווי ניי געבוירן... יאַנקל האָט אָנגעהויבן גלייבן אין דעם און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ר׳ לייבעלע איז דער זעלביקער זקן, וואָס סאַקיאַ מוני האָט געזען. פון ר׳ לייבעלעס ווערטער האָט ער דערקענט, אַז ס׳איז אמת, וואָס די אַקערמאַנער ייִנגלעך דערציילן. יאַנקל פלעג קוקנדיק אויף אים ווערן מרה שחורהדיק, האָט ר׳ לייבעלע צו אים געזאָגט: „מילא איך בין מרה שחורהדיק, ווייל איך בין אַן אַלטער גוי, אַן אַלטער חוטא, אָבער דו? דו ביזט דאָך אַ תינוקת של בית רבן״... די ייִנגלעך פון אַקערמאַן האָבן געזאָגט, אַז ער באַהאַלט זיך גאָרנישט מיט זיין זינד, ווייל ער וויל זיך אַליין פאַרשעמען און דורך דעם קריגן תשובה...

אַ לאַנגע צייט נאָך ר׳ לייבעלעס אָוועקפאָרן האָט יאַנקל זיך געפילט צעפלעטשט און יאָסל האָט מיט אים געדאַרפט אַ סך האָרעווען ביז ער האָט אים צוריק פאַרטריבן די מרה שחורה. אַ גליק, וואָס ס׳איז באַלד געקומען סוף זומער און די ימים נוראים, וואָס האָבן דערלויבט צו זיין מרה שחורהדיק און זיך אויסוויינען אויף דאָס האַרץ און נאָך זיי איז געקומען דער סוכות, וואָס האָט מיטגעריסן מיט זיין פרייד און אַפילו ווען מען האָט נישט געוואָלט, האָט מען געמוזט זינגען און טאַנצן. יאַנקלען האָט מען פשוט צע־

ריסן, וואָסארא בוהושער חסיד ס'האָט נישט געמאַכט קיין שמחה, האָט ער אים גערופן, ווייל ער איז געווען דאָס מיזיניקל און דער תכשיט און ער האָט מאַקע געזונגען אַ ניגון אויך. הערשל שוחט פון קיליע איז געקומען אויף די צווייטע טעג סוכות. ער איז געקומען אריינגעבן זיין יינגסטן זון אין דער ישיבה אריין, ווייל ער האָט זיך מתקנא געווען אין יאַנקלס טאַטן. הערשל איז געקומען מיט אַ שטעל און מיט אַ תקיפות און ער האָט זיך באַלד צע־קריגט מיט שלום טשאַרטקאָווער. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ בעל שמסקי אייניקל, האָט ר' שלום געזאָגט, אַז ער איז אויך אַ בעל שמסקי איי־ניקל אוןביידע האָבן זיך אויסגערעכנט מיט דעם יחוס און זיי האָבן זיך ערשט רעכט צעקריגט. הערשל האָט געזאָגט, אַז ר' שלום האָט אַ צו שיינע באָרד, אַ ייד טאָר נישט האָבן אַזאַ שיינע באָרד... ווען נישט הערשלס יחוס, וואָלט מען זיין יינגל נישט געווען אריינגענומען, אָבער מען האָט אים נישט געוואָלט אריינגעמען מער ווי אין ערשטן חדר, כאָטש ער איז שוין געווען בר מצווה... יאַנקל איז געווען צופרידן צו האָבן אַ בן עיר. מען האָט אים צוליב דעם גאַסט גערופן „יאַנקל קיליער", אָדער „דער גרויסער קי־ליער"... ווען הערשל איז דערנאָך צוריקגעפאָרן אהיים האָט ער דערציילט דער מאַמען און דעם טאַטן, אַז יאַנקל זעט אויס זייער שיין און אַז ער איז דאָס אויבערשטע פון שטייסל ביי די בוהושער חסידים און די מאַמע האָט נאָס געמאַכט די גאַנצע שטוב מיט טרערן, כאָטש זי האָט פון בוהושער אַלץ נישט געהאַלטן... זי האָט געשריבן יאַנקלען, אַז זי האָט געהערט, אַז אויף דעם צווייטן זומער קומט דער בוהושער רבי קיין קעשענעוו, איז אויב ער איז יאָ אַזאַ חשוב ביי זיינע חסידים, זאָלן זיי אויספועלן, אַז דער טאַטע זאָל אויך קריגן אַ טייל פון די שטיקלעך, דער טאַטע אַרבעט אַזוי שווער און בּיטער...

אויף ווינטער האָט מרדכי אָנגעהויבן לערנען „תערובות", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם „שער התערובות" פון פרי מגדים, וועלכער איז געווען געדרוקט מיט קליינע אותיותלעך, וואָס האָבן ארויסגענומען די אויגן און אויסגעדריעט דעם קאָפּ און יאַנקל האָט זיך שוין געקענט חשבון געבן, אַז דער מחבר האָט אַ שווער לשון און ער קען נישט מסביר זיין, וואָס ער וויל. מרדכי איז שוין געווען איבערגעבעטן מיט אַלע בחורים, אָבער ליב געהאַט האָבן זיי אים נישט און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ קאַלטער און ער קומט נישט צו גמליאלן, כאָטש זיי האָבן נישט געלערנט ביי אים; וואו זיי האָבן געקענט, האָבן זיי מרדכין געגעבן אַ שטאָך. דער קליינער שמואליק מיטן קרו־מען מייזלעכל פלעג אָפּט אין אַ שמועס מיט מרדכין ארויפקומען אויף השגת גבול און יענער האָט זיך געמאַכט, אַז נישט אים מיינט מען, אָבער רויט פלעג ער ווערן ווי פייער. מען האָט איינגעפירט, אַז ער זאָל לערנען נישט נאָר יורה דעה, נאָר אויך אַ בלאַט גמרא, האָט מען געזאָגט, אַז ער מעג הייצן די הרובע

ביי ליבן און מען פלעג זוכן צו דערווייזן, אַז ער קען נישט און מען פלעג אים פאַרשיטן מיט קשיות, אַז דער קאָפּ זאָל זיך אים פאַרדרייען. מען איז געווען אַזוי אָנגעצויגן אויף אים, אַז אפילו צו זיין לשון האָט מען זיך גע־טשעפּעט. ער האָט גערעדט קיעווער און ער פלעג אָפט זאָגן אַ „י" אַנשטאָט אַ „ע", ער האָט געזאָגט „קירן" אַנשטאָט „קערן" און „הירן" אַנשטאָט „הערן", האָט מען געלאַכט. אַ גרויסער בחור האָט אפילו איינמאָל דערציילט, אַז אַ קעשענעווער מיידל האָט חתונה געהאַט קיין טיטיעוו און ווען זי איז געקומען אַהין, האָט איר איינמאָל דער שווער געזאָגט: „טאָכטער ליבן, געב אַהער דעם ביזעם", ער האָט געמיינט דעם בעזים, אָבער זי האָט געמיינט, אַז ער מיינט דעם בוזעם, איז זי אַנטלאָפן. מרדכי איז זייער ברוגז געווען פאַר דער דאָזיקער געשיכטע און האָט געזאָגט אַז ס'איז ניבול פּה. וועגן ריידן יידיש האָט מען בכלל זיך געקריגט און יעדער האָט געהאַלטן, אַז זיין לשון איז דאָס בעסטע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת וועגן דעם, צי מען דאַרף זאָגן „דרוסן", אַזוי ווי די בעסאַראַבער זאָגן „דרויסן", אַזוי ווי די וואָלי־נער, כערסאָנער און פּאָדאָליער זאָגן, „דרייסן", אַזוי ווי די ליטוועקעס זאָגן און „דראַסן", אַזוי ווי די פּוילישע זאָגן. צוויי יינגלעך, אַ ליטוועק מיט אַ בעסאַראַבער, האָבן זיך אַמאָל אָפּגעקריגט אַ האַלבע שעה וועגן דעם ווי אַזוי מען דאַרף זאָגן „דאָס" היטל, אָדער „די" היטל, איז דורכגעגאַנגען אַ בחור מיט אַ קליין היטעלע, וואָס מען האָט אים גערופן „דער לאָדזשער" און מען האָט אים געפרעגט ווי אַזוי מען זאָגט ביי זיי, האָט ער געגעבן אַ זונג: „ס'היטל"...

ליבוש האָט מיט יאַנקלען איבערגעלערנט „איוב", ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ שיינע מליצה און שיינע געדאַנקען, וועלכע מען דאַרף קענען. עס איז שיין צו הערן ווי אַזוי איובס חברים טענהן זיך אויס מיט איובן און ווי אַזוי איוב טענהט מיט גאָט... דעם רמבם זאָגט טאַקע, אַז גאָט קען מען זיך נישט פאָרשטעלן, אָבער איוב טענהט צו אים ווי צו אַ מענטשן, הייסט עס, אַז גאָט האָט אויערן און ער הערט... און נאָך מער: עס שטייט דאָך, אַז גאָט רעדט. עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן ויען ה' את איוב ויאמר, גאָט האָט געענטפערט צו איובן און ער האָט געזאָגט. אויף דעם באַרג סיני האָט גאָט אויך גערעדט, ער האָט דאָך געגעבן די עשרת הדברות און די תורה, אָבער דאָרט שטייט געשריבן, אַז ער האָט גערעדט דורך פייער און בליץ, גערעדט ווי אַ גאָט, אָבער דאָ שטייט דאָך געשריבן, אַז ער האָט גערעדט ווי אַ מענטש. איוב איז געזעסן אויף דער ערד און זיך געשיט אַש אויף דעם לייב און עס קומט ווי אויס, אַז גאָט איז געזעסן לעבן אים און גערעדט... פריער שטייט געשריבן, אַז „גאָט האָט געענטפערט פון שטורעם" און דערנאָך שטייט שוין פשוט געשריבן, אַז ער האָט גערעדט, דאָס הייסט אַליינס ווי אַ מענטש... און ווי אַנדערש דאָ קומט אויס ווי אין יענעם ספרל וועגן בראַמאַן און סאַ־

קיא מוני, דאָס קומט אוים. אַז איוב האָט טענהס פאַרוואָס ער ליידט; עס קומט אוים, אַז מ׳קען לעבן און נישט ליידן אויך... און ווי גאָט רעדט עס! ווי ער באַרימט זיך, אַז ער פירט די גאַנצע וועלט. ער גיט אַכטונג ווי די „שטיינציגן״ געבערן און ווי די „אינדינס״ האָבן ווייען, ווען זיי געבוירן און ווי ער לאָזט פריי דאָס וואַלדאייזל און ווי די ווילטירן ברומען און ווי דער פליגל פון שטרויספויגל קלאַפּט פריילעך מיט די פליגל און ווי דאָס פערד האָט גבורה. ער באַרימט זיך, אַז ווען אַ פערד שפּרינגט ווי אַ היישעריק, גיט ער אים דעם כוח... און ער סטראַשעט, אַז דעם, וואָס טרעט אַרויס קעגן אים, דעם באַצאָלט ער... יאַנקל האָט פאָרט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער שווייגט די אַלע, וואָס זינדיקן. אין קעשענעוו זיינען דאָ אַזויפיל זינדיקע יידן, וואָס טוען אַזעלכע זאַכן, אַז ס׳איז אַ שרעק צו הערן. אַפילו יום כיפור זינדיקן זיי. און פּאָגראָמען זיינען דאָך שוין געווען צוויי מאָל אין קעשענעוו. עס זיינען דאָ יינגלעך, וואָס האָבן געטראָגן די צעריסענע תורות צום בית עולם. זיי דערציילן ווי מען האָט זיי אויסגעשטעלט צו צוויי און זיי האָבן געטראָגן אין אַזעלכע שווערע בלעכן. די דאָזיקע, וואָס האָבן פאַרכעס, האָט שמחהלע פאַרשעמט און נישט צוגעלאָזט. אברהם פאַרעך האָט דעמלט געוויינט אפשר אַ גאַנצע וואָך... פאַרוואָס זשע האָט גאָט נישט געשטראָפט די פּאָגראָמשטשי־קעס, וואָס האָבן צעריסן זיינע תורות? ער זאָגט דאָך, אַז ער באַטראַכט אייזן פאַר שטרוי און קופּער פאַר צעפוילט האָלץ! ער האָט זיך נישט געקענט אָפּ־רעכנען מיט די שונאים? לייבוש האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און יאָסל האָט געהאַט איין תירוץ, אַז איבער גאָטס וועגן טאָר מען נישט נאָכ־קלערן. און יאַנקל האָט נישט געוואָלט קלערן, אָבער עס האָט זיך געקלערט... נאָר די חסידים האָבן נישט געלאָזט קיין סך קלערן. אַלעמאָל איז ערגעץ אַנ־דערש געווען אַ קערמעשל, דאָ איז געווען אַזאַ יאָרצייט און דאָ אַן אַנדערער. י״ח כסליו האָבן אַלע געפּראַוועט די באַפרייאונג פון ליובאַוויטשער פון דער פעטערבורגער תפיסה, וואָס איז געווען אַ נס פאַר אַלע יידן. און חנוכה איז אוודאי געווען חנוכה און שבת איז דאָך שטענדיק שבת. דאָס שענסטע זיי־נען געווען די מלווה מלכות, מען פלעג זיך צונויפטוליען אין איינעם און נישט געוואָלט אוועקגיין און מען האָט דערציילט מעשהס און געזונגען ניגו־נים. אין דער גאַס האָבן שוין לאַנג די שליסלען געסקריפּעט וואַכעדיק אין די פאַרזשאַווערטע שלעסער און מען האָט געעפנט וואַכעדיק טירן פון קליי־טן און טויערן פון הייף און מען האָט שוין צוריק פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט און מען איז שוין געשלאָפן און ביי אלי קיליער איז מען נאָך אַלץ געזעסן שבתדיק ביים טיש, כאָטש מען האָט שוין געדויכערט פּאַפּיראָסן און ליול־קעס און מען האָט געטרונקען טיי פון אַ געשטעלטן סאַמאָוואַר. דאָס פייער אין הרובע איז שוין אָפּגעגאַנגען, עס האָט אָנגעהויבן ווערן קאַלט, האָט מען זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און גערעדט און דערציילט

מעשהלע און ווען מען איז געגאַנגען מיט אַ לעצטן ריקוד, האָט זיך נישט גע־גלוסט אויפהערן. מען האָט דערציילט, אַז דער אַפּטער רב האָט געזאָגט, אַז ער האָט געדענקט, ווען ער איז געווען אַ שעפּעלע און יעקב אָבינו איז גע־ווען זיין פּאַסטוך און ער האָט געזאָגט: „ווי גוט איז מיר געווען און ווי וואויל איז מיר געווען, ווען איך בין געווען דאָס שעפּעלע און יעקב אָבינו איז געווען מיין פּאַסטוך!" און די חסידים האָבן נאָכגעזאָגט די ווערטער און זיי האָבן געטאַנצט... זיי האָבן דערציילט פון אַן אַנדער רבין, אַז ער גע־דענקט ווי ער האָט געאַרבעט מיט ליים און ציגל ביי פּרעהן אין מצרים און ער האָט געזאָגט: „וואָלט איך איצטער געווען אין מצרים, וואָלט איך נאָך דערקענט די לאָפּעטע מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט!" האָט מען אויך די ווערטער נאָכגעזאָגט און געטאַנצט און געוואָלט, אַז ס'זאָל זיך נישט ענ־דיקן. עס האָט זיך נישט געגלוסט גיין אַהיים צו דער אַרבעט... לעבן הייסט דאָך זיצן און ריידן וועגן רבין און זינגען אַ ניגון און גייען אַ ריקוד...

עס איז געקומען פּורים און יאַנקלען האָט מען איינגעלאַדן אפשר אין צען שטיבער, ער האָט זיך נישט געקענט צערייסן. מען האָט געמאַכט אַ גאַנ־צע וואָך פּורימדיקע סעודות. די גרויסע סעודה האָט מען געפּראַוועט ביי אלי קיליער און דערנאָך האָט געזאָגט אלי שפּרינצאַק, אַז ער פאַרלענגערט דעם יום טוב און ער מאַכט נאָך אַ סעודה, האָט שוין נאָך אַ ייד געמאַכט אַ סעודה... יאַנקל האָט זיך דערמאָנט דאָס לידל „שושנת יעקב", וואָס שמואל האָט אים אויסגעלערנט און ער האָט עס געזונגען, האָט מען אים נישט געלאָזט אויפ־הערן. ער האָט געזונגען וועגן דעם, וואָס מרדכי איז געלאָפן צו אסתרן מיט אַ גרוים „געשראַי" און ער האָט איר געזאָגט, אַז די יידן זיינען פאַרביי, האָט זי געפּאַסט „טעג דריי", דערפאַר, זינגט מען „בראותם יחד תכלת מרדכי". זיין יונג קולכל האָט געקלונגען:

פאַרשאָלטן זאָל ווערן המן,
דער רשע דער ערגסטער,
געבענטשט זאָל ווערן מרדכי,
דער צדיק דער גרעסטער,
פאַרשאָלטן זאָל ווערן זרש,
מיט אירע שוועסטער,
געבענטשט זאָל ווערן אונזער מוטער,
וואָס זי הייסט אסתר...

די ווייבער פון די חסידים און די טעכטער האָבן זיך געשטעלט ביי דער שוועל קוקן און יאַנקל האָט נישט אויפגעהערט זינגען:

חרבונהן אפּצודאנקען,
מיר זיינען אים שולדיק א חוב,
ער איז געלאָפן צום מלך אחשוורוש
מיט א גאָר גרויס געלויף
און האָט אים געזאָגט די בשורה,
אז די תליה שטייט אין הויף,
זינגען מיר וגם חרבונה זכור לטוב...

צענדליקער מאָל האָט ער דאָס לידל געזונגען, ער איז געוואָרן הייזעריק און ער דאָס מויל נישט געקענט עפענען, אנדערע האָבן עס געזונגען, האָט מען געזאָגט, אז עס טויג נישט, צו אים קומט עס נישט. אלי שפּרינצאַק האָט אים געלערנט ווי אַזוי צו זינגען מיט די נישט הייזעריקע טענער און איבערהויפּט מיט די הויכע טענער, וואָס ווערן נישט הייזעריק. ער איז אליין געווען א מנגן און ער האָט דערציילט, אז ער איז אַמאָל געווען אויף יום טוב אין בוהוש און ער האָט דווקא געקענט עטלעכע נייע ניגונים און ער איז הייזעריק געוואָרן, אז ער האָט דאָס מויל נישט געעפנט און ער האָט געשלונגען לויזע אייער און געטרונקען פונש און ער האָט נאָך דערצו געהאַט א ברכה פון רבין און ער איז געוואָרן העל ווי דער טאָג...

אויף זיין חסידות און אויף זיין גלויבן האָט מען נישט אויפגעהערט צו לויערן. גלייך מען וואָלט זיך פאַרליינט אויף זיי און זיי געוואָלט אומברענגען. דער סאַמע ערשטער האָט זיך צו זיינע יאָרן גענומען א זקן פון דערבייאַיקן מושב זקנים. שלום פּערלמוטער האָט אויסגעהאַלטן א מושב זקנים לעבן דער ישיבה. צווישן דיביידע אַנשטאַלטן איז געווען א הויכער פּלויט מיט א טירל. אָבער דאָס טירל איז שטענדיק געווען פאַרשלאָסן. אז מען האָט געוואָלט אריינגיין אין מושב זקנים, האָט מען געדאַרפט ציען דעם גלאָק. די אַלטי־טשקע האָט מען ארויסגעלאָזט נאָר איין מאָל אין דער וואָך און יאַנקל האָט אין גאַנצן א פּאָר מאָל געזען עטלעכע אַלטע יידן און יידענעס, וואָס האָבן אויסגעזען זייער זויבער. איינמאָל, ווען שלום פּערלמוטער איז געקומען אָנ־קוקן ביידע אַנשטאַלטן, האָט מען געעפנט דאָס טירל צווישן ביידע און א סך בחורים זיינען אריין אין מושב זקנים און יאַנקל איז אויך אריינגעגאַנגען, און ער האָט געזען די באַזונדערע צימערן, דאָס קליינע שולעכל, דאָס עס־צי־מער און די באָד. מאַן און ווייב האָבן געוואוינט אין קליינע צימערלעך און ס'האָט אין זיי געשמעקט, מענער אליין און ווייבער אליין זיינען געשלאָפן אין לאַנגע שלאָפצימערן, אַזוי ווי די ישיבה בחורים. אין די ווייבערישע שלאָפצימערן איז געווען זייער ריין, אָבער אין די מענערישע איז נישט גע־ווען אַזוי ריין און ס'האָט זיך געפילט א שלעכטער ריח. שמחהלע האָט באַ־מערקט, ווי אויף אייניקע טישלעך לעבן די בעטן ליגן עפּל און ער האָט גע־

זאָגט, אַז די זקנים גנבֿענען עפּל, האָט אים אַ זקן באַלד אָפּגעזידלט און אָפּ־געבאָרן פון קאָפּ ביז פּיס. איז געווען איינער אַ זקן, וואָס פלעג זיך יעדן בייטאָג באַווייזן אויף דער גאַס, כאָטש דער טויער איז שטענדיק געווען פאַר־שלאָסן. ער האָט זיך שוין אַרויסגעגנבעט. ער איז געווען אַ ריינער, ווייסינ־קער זקן, אָבער אויגן האָט ער געהאַט רויטלעכע און ס'האָט גערונען פון זיי. אין מויל האָט ער שוין גאָר קיין ציין נישט געהאַט און ער האָט שטענדיק געקייעט מיט די יאַסלעס. אויך ווען ער האָט נישט געגעסן. דער דאָזיקער אַלטיטשקער, וואָס האָט, דאַכט זיך, שוין גאָרנישט געזען, האָט איינמאָל דער־זען ווי יאַנקל האָט געקויפט אַן „אייער בייגל" און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אויך קויפן איינעם. יאַנקל האָט באַצאָלט, אָבער דער אַל־טיטשקער האָט גענומען נישט קיין אייער בייגל, וואָס איז געווען אַ סך גרעסער און ווען יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז מען טאָר יענעם בייגל נישט עסן אומגעוואַשן, האָט ער געלאַכט אַן די ציין און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויינט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געוואַשן און די הענט זיינען ביי אים זייער ריין. און דער אַלטער האָט דעם יונגן בחור אַנגענומען ביי דער האַנט און אים אוועקגעפירט אין אַ זייט און ער האָט אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין, אַז אויב ער וועט קיינעם נישט דערציילן, וועט ער אים עפּעס זאָגן. יאַנקל האָט זיך געשוואוירן, אַז ער וועט שווייגן און דער אַלטער האָט געזאָגט, אַז צו אַליץ דאַרף מען האָבן שכל. דאָס וואַשן זיך איז צוליב דעם, אַז די הענט זאָלן זיין ריין. אַן עם האַרץ דאַרף זיך שטענדיק וואַשן, אָבער אַן איידעלער מענטש וואַשט זיך, ווען ער דאַרף. ער וועט סיי ווי נישט עסן מיט קיין אומריינע הענט. יאַנקל האָט אים געפּרעגט: אויב דאָס וואַשן איז נאָר צוליב ריינקייט, פאַר וואָס זשע דאַרף מען זיך נישט וואַשן צו קיין אייער קיכלעך און אייער בייגל, האָט דער אַלטער געזאָגט, אַז ס'זיינען דאָ אַ סך תירוצים, אייערדיקע זאַכן גיט מען אַ נאַש און ברויט עסט מען, אָבער אין גאַנצן איז עס אַ נאַרישקייט.

און דער אַלטער האָט זיך שוין דערנאָך אַ סך מאָל געטראָפן מיט יאַנק־לען, זיך געהייסן קויפן אַ בייגל און ער האָט אים שטילערהייט געהאַלטן אין איין ריידן און ריידן. ער האָט גערעדט קעגן גאַנצן מושב זקנים. ער האָט געזאָגט, אַז די זקנים קריכן צו די זקנות און אפילו צו די דאָזיקע זקנות, וואָס האָבן מענער. וועלכע טויגן שוין נישט. יאַנקל האָט רעכט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער מיינט און ער האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן. און דער אַלטער האָט גערעדט קעגן גאָט אַליין, וואָס האָט דעם מענטשן געמאַכט אַזוי שלעכט אויף דער עלטער, פּונקט ווען דער מענטש ווייסט שוין און פאַר־שטייט שוין, איז ער שטענדיק קראַנק און ער ליידט און עס שטעכט אים און ברעכט אים און ער הוסט און ניסט... און זיך נעמען דאָס לעבן טאָר מען נישט, מען איז אַ מאבד עצמו לדעת... ער אַליין האָט זיך שוין אַמאָל גע־

פּרואווט אַריינוואַרפֿן אין ברונעם אַריין, ווייל ער האָט נישט געהאַט צוליב וואָס צו לעבן, האָט מען אים אַרויסגענומען. ער מוז דווקא לעבן און לויבן גאָט פֿאַר דעם לעבן, כאָטש ער פֿילט אין גאַנצן לעבן אַ טעם ווי אין קליאַטשע. ער איז געווען אַ רב, האָט ער זיך דערמאָלט אָפּגעזאָגט פֿון רבנות. פֿון מושב זקנים האָט מען אים שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אַרויסוואַרפֿן, ווייל ער איז אַן אַפּיקורס. מען האָט אים איינמאָל געפּאַקט נעמען אַ קליין שטיקל ברויט צו אַ ביסל בראָנפֿן. דאָס שטיקל ברויט איז געווען קלענער ווי אַ כזית, האָט מען געהאַט טענהס, אַז ער האָט געגעסן אומגעוואַשן און אָן אַ המוציא. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט גענומען דאָס שטיקל ברויט נאָר „בכדי ליפּות" (צו פֿאַרבעסערן) דעם בראָנפֿן, האָט מען אים אַלץ גערופֿן אַפּיקורס און מען האָט אים געזאָגט, אַז מען וועט אים אַרויסוואַרפֿן, אויב ער וועט עס נאָך אַמאָל טאָן. מען האָט אים אַפֿילו אַ נאָמען געגעבן „ליפּות" און מען רופֿט אים אַזוי עד היום...

דער אַלטער האָט נישט אויפֿגעהערט צו ריידן צו יאַנקלען, אַז ער זאָל זיין אַ בר שכל און הנאה האָבן פֿון לעבן. שלמה המלך איז גערעכט, אַז ס'איז אַלץ הבל הבלים. און דער תנאי, וואָס האָט געזאָגט, אַז „האי עלמא לביה הילולא דמיא" (די וועלט איז געגליכן צו אַ שמחה) און מען דאַרף ה י י נ ט כאַפּן און עסן, ווייל מאָרגן קען מען קיין כוח נישט האָבן, אָדער גאָר שטאַרבן.

און חוץ דעם דאָזיקן אַלטיטשקן האָט זיך אויף יאַנקלס גלויבן גענומען אַ בלינדער. אונזער העלד איז אַלע טאָג, אויפֿן וועג צו דער ישיבה, דורכגעגאַנגען לעבן אַ שיינעם מויער פֿון אַ רייכן ייִדן, וואָס האָט געהייסן געצל פּערלמוטער. אייגנטלעך האָט יאַנקל דאָרטן אַרומער נישט געדאַרפֿט דורכגיין און ער האָט אָנגעלייגט וועג און ער איז געגאַנגען אַרום און אַרום, ווייל דאָרט האָט עמיצער געשפּילט זייער שיין פֿידל. יאַנקל האָט אין ערגעץ נישט געהערט אַזוי שיין שפּילן פֿידל און ער איז אַ סך מאָל געשטאַנען לאַנג, לאַנג און געהערט און ער האָט צוליב דעם פֿאַרשפּעטיקט מיטן קומען אין ישיבה אַריין. געשפּילט האָט געצל פּערלמוטערס זון, אַ בלינדער. אין אַ צייט אַרום האָט ער אויפֿגעהערט צו שפּילן, אָבער יאַנקל האָט אַלץ דערלייגט וועג און ער איז געגאַנגען דאָרט אַרומער, ווייל ער האָט געהאָפֿט, אַז ער וועט ווידער אָנהייבן שפּילן. דער בלינדער פֿלעג אָפֿט שטיין אין דרויסן. ער איז געווען אַ מיטלוויקסיקער און ער האָט געהאַט אַ שיין פּנים און אַ שיינעם קערפּער און ער איז געגאַנגען זייער שיין און ריין און געפּוצט אָנגעטאָן, אָבער ביי די אויגן האָט ער געהאַט גערדיכטע שוואַרצע ברילן, מען האָט בשום אופֿן נישט געקענט זען, וואָס הינטער די ברילן טוט זיך. מיט דער צייט איז דער בלינדער שוין שטענדיק געשטאַנען אין דרויסן, ווען אונזער העלד איז דורכגעגאַנגען און איינמאָל האָט ער אים אָפּגעשטעלט און גענומען ריידן מיט אים. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ ישיבה בחור. ווען ער האָט גערעדט, האָט

ער געהאַט אַ זייער שיינעם שמייכל, כאָטש מען האָט זיינע אויגן נישט געזען. יאַנקל האָט דעמלט געזען, אַז מ'קען שמייכלען אָן אויגן אויך. די ערשטע צייט האָט דער בלינדער גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און וועגן גאָרנישט, אָבער דערנאָך האָט ער אויך גענומען ריידן קעגן גאָט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב גאָט קען מאַכן אומשולדיקע מענטשן פאַר בלינד פון געבוירן, איז ער אָדער קיין גאָט נישט, אָדער ער איז אַ שלעכטער גאָט. און ער האָט אויך גערעדט קעגן אַלע געלערנטע. אַ פרומער געלערנטער ייד האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז תורה איז אַ ליכט צו די אויגן, אָבער ער גלויבט נישט. דער גרעסטער געלערנטער און דער פרימסטער ייד קען אים נישט דערקלערן דעם חילוק צווישן ווייס און שוואַרץ. אים זאָגט מען, אַז רויזן זיינען זייער שיין און זיי שמעקן, אָבער ער צעבלוטיקט זיך ביי זיי שטענדיק די פינגער. צוליב וואָס האָט גאָט געדאַרפט מאַכן אַזאַ מענטשן ווי ער, וואָס נישט ער לעבט און נישט ער שטאַרבט? מען וויל אים גיבן אַ כלה, אָבער ער וועט זי נישט זען און אַן אַנדערער וועט זי יאָ זען און וואָס וועט ער קענען וויסן, וואָס זי וועט טאָן הינטער זיינע פּלייצעס. מען רעדט אַזויפיל וועגן שיינע ווייבער, אָבער וואָס ווייסט ער וועגן שיין און מיאוס? און ווער קען אים דערקלערן, וואָס ס'איז שיין און וואָס ס'איז מיאוס?

יאַנקל האָט טאַקע נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס גאָט האָט באַדאַרפט מאַכן, אַז דער מענטש זאָל ווערן אַלט און צוליב וואָס ער באַשאַפט בלינדע און אַנדערע קאַליקעס. דער גלויבן האָט זיך נישט אויפגעהערט וואַקלען אין אים. עס האָט זיך אים נישט אויפגעהערט דאַכטן, אַז ווען ער איז גאָט, מאַכט ער אַ בעסערע וועלט...

אין יענעם ווינטער האָט יאַנקל באַקומען מאָדנע בריוו פון דער היים. זיין שוועסטער מרים, מיט וועלכער ער קריגט זיך שטענדיק און וועלכע ער האָט דאָך ליב, פאָרט קיין אַרגענטינע. יאַנקל וויינבערג פאָרט אויך אַהין און זיי וועלן דאָרט חתונה האָבן, ווייל דאָ ווילן נישט די עלטערן זיינע, זיי זאָגן, אַז אַן נדן איז קיין תכלית נישט פאַר אים... דערצו האָט ער עפּעס געהאַט צו טאָן מיט דעם „פּריזיוו" און מען האָט זיך געטשעפּעט צו אים. וואָס ער איז אַ סאָציאַליסט און ס'איז בעסער, וואָס ער פאָרט אַוועק... די מאַמע וויינט און קלאָגט, אָבער עס איז פאָרט די איינציקע עצה... אָט איז דער פעטער אלי פון איזמאַיל אויך אַוועקגעפאָרן... מרים וויינט, זי וועט דאָרט זיין עלנד, האָט מען באַשלאָסן איר מיטצוגעבן די קלענערע שוועסטער שפרה, זי וועט שוין דאָרט זיין מיט איר אין איינעם. מרים וועט אַרבעטן, וועט איר שפרה צורוימען די שטוב און זי וועט שוין דאָרט קריגן אַ חתן אויך, מען זאָגט, אַז ס'איז גרינג... דער טאַטע האָט געוויינט אין די בריוו און ער איז געווען צופרידן אויך. ווען ער האָט חתונה געמאַכט מאַמציען, האָט ער געשריבן, איז ער געבליבן אַ בעל חוב, אַז ער צאָלט נאָך איצטער. פון אַוועק-

שיקן ביידע מיידלעך ווערט ער אויך אַ בעל חוב, ער גיט זיי אַוועק אַ האַלבע שטוב און מען מאַכט און מען מאַכט, און שיפסקאַרטן קאָסטן אויך, אָבער ער פּטרט דאָך אַראָפּ ביידע מיידלעך אויף אַמאָל. און געַרעדט און געטאָן, די מיידלעך זיינען טאַקע געפאָרן. באַלד נאָך פּורים האָט יאַנקל באַקומען אַ בריוו, אַז ער זאָל פאָרן קיין „ראַזדיעלניע”, וואָס געפינט זיך אויף דעם וועג צווישן קעשענעוו און אָדעס און דאָרטן וועט ער זיך געזעגענען מיט ביידע שוועסטער, וואָס פאָרן גלייך קיין האַמבורג. מען האָט אים אויסגערעכנט געַנוי מיט וואָס פאַר אַ צוג ער זאָל פאָרן און ווען ער וועט אָנקומען און וואו ער זאָל זיי זוכן. און ער איז געפאָרן אַן איבערגעשראָקענער, כאָטש ער איז שוין געווען אַ גרויסער בחור און זיין צוג האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט. ער האָט ביידע שוועסטער געטראָפן צווישן נאָך אַ סך עמיגראַנטן, איינגעהילט אין שווערע מאַנטלען און אין שאַלעכלעך, מען האָט קוים אַרויסגעזען זייערע פּנימער. מרים איז שוין געווען אַ מענטש, דאָך האָט זי אויסגעזען איבערגעשראָקן, שפרה איז געווען קינדיש און זי איז געווען צופרידן, וואָס זי פאָרט און זי האָט אפילו געהאָפט, אַז דאָרט וועלן איר איבערגיין די קלייען... יאַנקלס צוג האָט פאַרשפּעטיקט און עס איז זיי געבליבן נישט קיין סך צו ריידן. עס איז באַלד אָנגעקומען זייער צוג און עס איז געוואָרן אַ געלויף און אַ כאַפּגיש אויף פּלעצער, אַז מען האָט זיך שיעור נישט פאַרלוירן. און ערשט, ווען זיי האָבן שוין געפונען זייערע פּלעצער, האָט מען זיך גענומען געזעגענען. אי מרימען אי יאַנקלען האָט אַזוי געשטיקט אין די העלדזער, אַז זיי האָבן ביידע נישט געקענט ריידן. מרים האָט געזאָגט, אַז ער זאָל פאַרגעסן, וואָס עס איז אַמאָל געווען און זי געדענקען נאָר צו גוטן, ווייל אַ שוועסטער איז אַ שוועסטער און אויב ער פאַרשטייט זי נאָך נישט איצטער, וועט ער זי אַמאָל פאַרשטיין... מער האָט זי שוין נישט געקענט ריידן... זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן איינס פון אַנדערן, אַלע דריי האָבן זיי זיך צונויפגעקלעפּט, די אַרומיקע, וואָס האָבן געוואוסט, אַז אַ ברידער אַ ישיבה בחור איז געקומען זיך געזעגענען, האָבן געשריגן: „גענוג שוין, די באַן גייט אַוועק”... און ווייבער האָבן אָנגעהויבן וויינען און ס'איז געוואָרן תשעה באָב אין וואַגאָן. און ער איז אַראָפּ דורך די טרעפּ און ער האָט זיי נאָך אַמאָל געזען דורך דעם פענצטער, זיי האָבן ביידע געוויינט... דער צוג איז אַוועק און געלאָזט נאָך זיך אַ רויך און יאַנקל איז נאָך אַריינגעגאַנגען אין גרויסן וואָקזאַל אַריין וואַרטן אויף זיין באַן און קוקן אויף דעם גרויסן סאַמאָוואַר, וואָס ער איז דאָרט געשטאַנען. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ער געזען דעם דאָזיקן גרויסן סאַמאָוואַר און ער האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן מיט אים און איצטער האָט ער אויך ליב געהאַט צו קוקן אויף אים, ער איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ פאַס, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט צען עמער. זייער סאַמאָוואַר איז אַ גרויסער, האָט ער איין עמער און דער

האָט גאַנצע צען. יאַנקל האָט זיך געקויפט אַ גלאָז טיי, נישט ווייל ער האָט געוואָלט אַזוי שטאַרק, נאָר ווייל עס איז געווען פון דעם גרויסן סאַמאָוואַר... און צוריקגעפאָרן איז ער אַ זייער טרויעריקער. ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געפילט אַזאַ טרויער, ער איז קינדווייז אַוועקגעפאָרן פון דער היים, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט צוריקקומען און דאָ האָט ער געפילט, אַז ער וועט ביידע שוועסטער שוין מער נישט זען.

און דאָ האָט אים לייבוש געגעבן אַ נייע טרייסט — ביכער אין יידיש. שמרס ראָמאַנען האָט ער געפּאַקט. אַ סך ראָמאַנען. איינער איז געווען גע־קניפּט אין צווייטן. „אַ פּונק אידישקייט", „די אייזערנע פרוי"... די דאָזיקע ראָמאַנען האָבן זיי שוין נישט געלייענט אין איינעם, נאָר באַזונדער. זיי זיינען געזעסן שטיל, אַליין אין קאָברינער שולעכל און געגליט ווי אויף קוילן און גע־לייענט. זיי האָבן אַלץ געוואָלט וויסן, וואָס ס'איז ווייטער... לייבוש האָט גע־נומען ביי יאַנקלען אַ שבועה, אַז ער וועט קיינעם ניט אויסזאָגן... די ראָמאַנען האָבן געוויזן, אַז ס'איז דאָ אַ סך שלעכטס אויף דער וועלט און אַז די רשעים ווערן סוף כל סוף באַשטראָפט. לייבוש האָט געזאָגט, אַז ער קען קריגן קליינע ביכלעך פון איינעם שלום עליכם, אָבער זיי זיינען צום לאַכן און מען לערנט ניט אין זיי וועגן גוטס און שלעכטס. האָט ער בעסער געבראַכט יעקב דינענ־זאָנס צוויי ראָמאַנען „הנאהבים והנעימים, אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנ־טשיק" און „אבן נגף, אָדער אַ שטיין אין וועג". לייבוש האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען ענלעך צו שמרס ראָמאַנען, אָבער זיי קומען אַלץ נישט צו זיי, ווייל זיי ענדיקן זיך טרויעריק. יאַנקל האָט זיך ביי זייט גוט אָנגעוויינט. ער האָט אָנ־געוויזן לייבושן, אַז דינענזאָן ווייזט דווקא די פרומע ווי גאַטס גנבים און רשעים, האָט לייבוש געזאָגט, אַז ס'זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע. און זיי האָבן ווייטער געלייענט שמרן. עס איז ביי זיי געוואָרן אַ מוראַדיקע לייַדנשאַפט. זיי האָבן קוים געמאַכט דעם שיעור און געלאָפן לייענען. אַמאָל זיינען זיי געזעסן גאַנצע נעכט ביז אין טאָג אַריין. און יאַנקל האָט דעמלט דערפילט אַ נויטיקייט צו שרייבן פונקט ווי שמ"ר. ווי די אַנדערע ספרים, וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט שרייבן, ער האָט נאָר איינמאָל אָנגעשריבן אַ פשטל, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט, אָבער ווי שמר האָט זיך אים געגלוסט שרייבן. און ער האָט זיך איינמאָל פאַרשפּאַרט אויף אַ גאַנצן טאָג ביי גרשון מלמד און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז קראַנק און ער האָט געשריבן פונקט ווי שמר. ער האָט אפילו געשריבן דייטשמעריש. דאָס האָט ער נאָך געלערנט ביי אהרן לערער...

אויף פסח איז יאַנקל אַהיימגעפאָרן, אַנדערטהאַלבן יאָר איז ער שוין נישט געווען אין שטוב. די מאַמע מיטן טאַטן האָבן אים געהאַלטן אין איין באַקוקן ווי ער איז אויסגעוואַקסן, ער האָט שוין טאַקע אויסגעזען ווי אַ גרוי־סער. ער האָט באַמערקט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען ביידע עלטער

געוואָרן, זיך פֿאַדאַוועט אַביסל, כאָטש דער טאַטע האָט נאָך אַלץ געזוכט אַ גרויע האָר אין דער רויטער באָרד און צו זײַן באַדויערן נישט געפֿונען... דער ברודער איז שוין אויך געווען אַ יונגאַטש. ער איז שטענדיק אַרומגעלאָפֿן און שוין געטראָגן אַ סך קלענערע פּאות ווי ער און ווײניקער געדאַוונט און ווײניקער געלערנט. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן בײדע געקרעכצט, אַז עס זײַנען שוין געקומען אַנדערע צײַטן, דאָס ייִדישקייט גייט אַראָפּ און מ׳קען גאָרנישט טאָן... העלפֿן קען דאָ גאָט אַליין! איציק זיידמאַן האַלט אין איין שרײַען: „רבונו של עולם, העלף זיך אַליין, ווײַל אַז דו וועסט זיך נישט העלפֿן, וועט דיר קיינער נישט העלפֿן!" דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז איציק זיידמאַן איז אַ גרויסער חכם. אין שטוב איז געווען שטיל, ס׳איז זיך נישט געווען מיט וועמען צו קריגן אַפֿילו, מרים און שפּרה האָבן געפֿעלט. ער האָט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער האָט נישט וועמען צו שרײַען שפּרה, נעכע און מאַריאַ מאַגדאַלענאַ... דער פּעטער פּראַים איז אויך אַוועקגעפֿאָרן מיט בײדע קלענערע ייִנגלעך, דעם גרעסערן האָט ער געלאָזט מיט אַלע מיידלעך. דער גרעסערער איז אַביסל אַ קאַליקע, ער הינקט אויף אַ פֿוס און ער איז טויבלעך אויף איין אויער, פֿאַר אַ נײַ לאַנד טויג ער נישט און דאָ העלפֿט ער דערווײַל צו דעכען... די מומע מיט די דרײַ טעכטער קוקן אַרויס. אין קיליע קען אַזאַ אָרעמאַן ווי דער פּעטער פּראַים נישט האָפֿן צו קענען אויסגעבן די טעכטער און דאָרט איז פֿאַרט אַ וועלט. איין טאָכטער האָט ער אויסגעגעבן, טאַקע קיין פּעטראָווקע, וואו יאַנקלס שוועסטער מאַמציע וואוינט, האָט ער זיך אַזוי פֿאַרשולדיקט איבער דעם קאָפּ, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט קענען אויסצאָלן און ער האָט נאָך דרײַ. צוליב די טעכטער איז ער געפֿאָרן.

עס זײַנען געקומען קיליער יונגעלײַט אים זען, אָבער מער אויף חידוש, ווי צו ווערן חבר, זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו ריידן מיט אים. פֿאַר די דאָזיקע, וואָס האָבן געלערנט אין גימנאַזיע, איז ער געווען אַ פֿאַנאַטיקער און פֿאַר די דאָזיקע, וואָס האָבן געאַרבעט, איז ער געווען אַ צו געהויבענער גאַסט. זיי האָבן זיך געשעמט עפּנען אַ מויל פֿאַר אים, זיי האָבן געזאָגט, זיי האָבן מורא, אַז ער וועט לאַכן... ער איז געגאַנגען מיט אַ היטל מיט אַ דעניק; ער איז געווען דער איינציקער בחור אין קיליע, וואָס איז געגאַנגען מיט אַזאַ היטל. אַלע זײַנען געגאַנגען מיט קאַפּעליושן. קויפֿן נאָר אויף פּסח אַ קאַפּעליוש איז געווען אַן עבירה. אַפֿילו פּאָליציי האָט אים אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט אויף אַ פּאַס. ער האָט איר אויסגעזען ווי אַ פֿרעמדער. אַמאָליקע חברים האָבן אים גערופֿן צו זיך אַהיים און ער איז געגאַנגען אַ שעמעוודיקער, מען האָט אים אויפֿגענומען מיט אײַנגעמאַכטס. אַלע האָבן זיי געהאַט שוועסטערס, וואָס אַמאָל זײַנען זיי געווען קליינע מיידעלעך און ער האָט געשפּילט מיט זיי און איצטער זײַנען זיי געוואָרן גרויסע, שיינע מוידן און זיי האָבן זיך געדרויטלט קוקנדיק אויף אים און אייניקע האָבן דאָך גערעדט דרייסט צו

אים און אים געפּרעגט, וואָס מען לערנט אין דער ישיבה און פאַרוואָס מען גייט דאָרט אַזעלכע לאַנקע קאַפּאָטעס און פּאות. איין מיידל, געדענקט ער ווי היינט, האָט אים געזאָגט, אַז דאָס היטל פּאַסט אים זייער שטאַרק. ער איז איר געווען דאַנקבאַר, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און ער איז רויט געוואָרן. ערשט שפּעטער האָט ער געזאָגט: „און אַ סך מאַכן חוזק פון מיין היטל!“ און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז ער האָט געענטפערט שפּעט און אַז ריידן מיט אַ מענטשן, הייסט קענען ענטפערן באַלד. אַפילו די מאַמע האָט אים באַמערקט, אַז ער איז צו שעמעוודיק און ער ענטפערט נישט באַלד, ווען מען רעדט צו אים, אָבער זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער טראַכט פון לערנען. שמרס ביכלעך האָט ער מורא געהאַט צו זוכן און די צייט איז אים געווען לאַנג. מען האָט געטאָן אַלצדינג, אַז עס זאָל זיין פריילעך אין שטוב. צום סדר איז געווען אַן אורח, וואָס האָט געקענט זינגען און יאַנקל האָט געזונגען און דער טאַטע האָט אויך געזונגען אי די נוסחאות פון זיין טאַטן, אי די נוסחאות פון זיין שווער, אָבער עס איז פאָרט געווען טרויעריק. די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען וועגן די מיידלעך, וואָס זיינען אוועקגעפאָרן אַזוי ווייט און דער טאַטע האָט איר געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז מען טאָר נישט וויינען אום יום טוב און אַליין האָט ער נישט געקענט דערשטיקן די טרערן אין זיך און ער האָט נאָס געמאַכט דעם קיטל מיטן היסב בעט. שבת חול המועד און די אַנדערע טעג פּסח זיינען געקומען געסט, האָט די מאַמע ווידער גערעדט וועגן די מיידלעך און געוויינט. ייִדענעס האָבן זי געטרייסט און געזאָגט, אַז גאָט און לייט זיינען זי מקנא, די טעכטער וועלן דאָרט מירטשעם קומען צו לייט, אָבער זי האָט געוויינט. די מומעס האָבן איר נישט אויפגעהערט זאָגן: „זע נאָר, לייקע, דו דאַרפסט זיך פרייען מיטן גאַסט, וויינסטו גאָר...“ און זי האָט נישט געקענט באַהערשן די טרערן... און ווען יאַנקל איז אוועקגעפאָרן, האָבן די עלטערן נישט אויפגעהערט וויינען און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט נאָר וועגן אים, נאָר אויך וועגן זיינע שוועסטער און אים האָט געצויגן צוריק קיין קעשענעוו, אַזוי ווי מיט צוואַנגען. עס האָט אים אויך געצויגן צו שמרס ראָמאַנען. און ער האָט געאיילט די שיף און דעם צוג, אַז זיי זאָלן פאָרן גיכער...

און אין קעשענעוו האָט אים יענעם זמן געוואַרט אַ נייעס. מרדכי האָט אָנגעהויבן לערנען „טריפות“ און מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער זמן ביי אים. דערנאָך ווערט מען שוין אַ פרייער מענטש און מען לערנט אין „לײדיקן חדר“, אָדער גאָר ביי שלום פערלמוטער. אלי קיליער האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין זען, אַז ער זאָל לערנען אין שולעכל. ער איז אַ בחור, וואָס קען זינגען אַ ניגון און אויב ער איז נישט קיין שטאַרק שיינע־, איז ער אָבער אויך נישט קיין מיאוסער און עס איז זיך נישטאָ פאַרוואָס צו באַהאַלטן מיט אים. זאָל ביי שלום פערלמוטער אין שולעכל זיין אַ בוהושער

חסיד אויך, עס זיינען דאָרט דאָ נאָר סאַדעגערער, באַיאַנער, טשאָרטקעווער און סקווערער... מרדכי האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט „טריפות" און ער האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן „היכי תמצאָס". ניקוב הקורקבן, אַז ס'איז געלעכערט דער פּופּיק, איז טריפה, ווי אַזוי זשע קען זיין, אַז דער פּופּיק זאָל זיין געלעכערט און ס'זאָל דאָך זיין כשר? יאַנקלען האָבן די היכי תמצאָס געמוטשעט און ס'האָט אים געמוטשעט דער שווערער „פרי מגדים" מיט די קליינע אותיותלעך און מיט דער שווערער עברי, וואָס ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין שוין אויך נאָך דעם. וואָס מרדכי האָט זי צעקייעט. און ער האָט זיך פאַרשיכורט מיט שמרס ראַמאַנען און ער איז אַליין געווען די אַלע העלדן, וואָס ליבן און ליידן... און יאַנקל איז פּלוצים געקומען אין אַ מחלוקת מיט דעם רויטן רבין צוליב אַ נייער קשיה, וואָס אים איז איינגעפאַלן. גמליאל האָט קיין גמרא נישט געלערנט, מרדכין איז איינגעפאַלן צו לערנען גמרא און ווייזן זיין לומדות. ער האָט אין יענעם זמן געלערנט די מסכתא „שבת" און ער האָט גראָד געהאַלטן ביי דער שאַרפער דיסקוסיע צווישן היללן און שמאַין וועגן דער ריינקייט פון וויינטרויבן און איילבירטן. שמאַי האָט געזאָגט, אַז וויינטרויבן זיינען גרייט צו ווערן אומריין און מען דאַרף זיי רייסן אין ריינקייט. הילל האָט געזאָגט, אַז די וויינטרויבן זיינען נישט גרייט צו ווערן אומריין און מען מוז נישט אכטונג געבן, ווען מען רייסט זיי. האָט הילל געפרעגט: פאַרוואָס דאַרף מען רייסן וויינטרויבן אין ריינקייט און ניט פליקן קיין איילבירטן אין ריינקייט? האָט שמאַי געענטפערט: אויב דו וועסט מיר דערצערנען, וועל איך גוזר זיין אומריינקייט אויך אויף די איילבירטן. די גמרא דערציילט דערנאָך, אַז זיי האָבן אין יענעם טאָג אַריינגעשטעקט אַ שווערד אין בית המדרש און מען האָט געזאָגט: ווער עס גייט אַריין, זאָל אַריינגיין און ווער עס גייט אַרויס, זאָל נישט אַרויסגיין. און אין יענעם טאָג איז הילל געזעסן אַ געבויגענער פאַר שמאַין ווי איינער פון די תלמידים און ס'איז געווען שווער פאַר די יידן, ווי דער טאָג, ווען ס'איז אין אים געמאַכט געוואָרן דער עגל. די גאַנצע געשיכטע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע בחורים. די גאַנצע סימפּאַטיע איז געווען אויף דער זייט פון דעם מילדן הילל און די גאַנצע אַנטיפּאַטיע איז געווען אויף דער זייט פון בייזן שמאַי. אַלע האָבן ליב געהאַט דעם ערשטן, וואָס האָט געוואָלט מאַכן, וואָס גרינגער און זיי האָבן פיינט געהאַט דעם צווייטן, וואָס ער האָט געזוכט צו מאַכן וואָס שווערער. מען האָט זיך עפּעס פאַרגעשטעלט שמאַין אַזאַ בייזן ווי מרדכי און הילל אַזאַ גוטן ווי גמליאלן. עס איז אַלעמען געווען קלאָר, אַז דער טאָג איז געווען אַזאַ שווערער פאַר אַלע יידן, ווייל מען האָט זיך געקריגט. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז די שווערד האָט געוויס אַריינגעשטעקט שמאַי, וואָס איז מסתמא געווען אַ „רויטער גזלן". און פּלוצים איז יאַנקלען איינגעפאַלן אַ קשיה. ער האָט געפרעגט: וואָס האָט עפּעס שמאַי געזאָגט, אַז אויב ער וועט

אים דערצערנען, וועט ער גוזר זיין אומריינקייט אויך אויף איילבירטן? עס גייט אין דערצערנען, נישט אין דין? ממה נפשך, זיינען זיי אומריין, דאַרף מען זיי ריין מאַכן, אויך ווען מען דערצערנט נישט און ווען זיי זיינען נישט ריין, טאָר מען זיי נישט מאַכן אומריין אויך ווען מען דערצערנט. יאַנקלען אַליין האָט אויסגעוויזן, אַז איילבירטן ווערן גיכער אומריין ווי וויינטרויבן, ווייל איילבירטן זיינען נאַס און וויינטרויבן זיינען טרוקן... וועגן דעם, צי איילבירטן קענען יאָ ווערן אומריין, האָט מרדכי געענטפערט און געענטפערט. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער תוספות דערווייזט, אַז בוימאייל קען וויניקער ווערן אומריין, ווי וויין, אָבער אויף דער ערשטער פראַגע האָט ער קיין תירוץ נישט געקראָגן און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אפּיקורסות, אָדער טיפּשות. ער ווייסט, אַז יאַנקל האָט שוין געשטעלט אַן אפּיקורסישע פראַגע, ווען ער איז נאָך געווען אַ שנעק. אונזער העלד האָט זיך געשוואוירן, אַז זיין האַרץ איז שלום מיט גאָט ברוך הוא און ער האָט חלילה קיינמאָל נישט געוואָלט זיין קיין אַפּיקורס, ער האָט נאָר געוואָלט פאַרשטיין, אָבער מרדכי האָט נישט אויפגעהערט שרייען און זיך בייזערן און ער איז אָט געוואָרן בלייך און אָט נאָך רויטער ווי ער איז געווען געוויינלעך. און צווישן מלמד און תלמיד איז געבליבן שטיין ווי אַ גאַנצער באַרג מיט שנאה, וואָס האָט אים געשטאָכן און געברענט און געבראָטן און דאָס גאַנצע לעבן איז יאַנקלען געוואָרן שווער און טרויעריק און ביטער. צום גליק איז פאַר אים יאָ געקומען אַ טרייסט. די טרייסט איז געווען, וואָס דער בוהושער רבי קומט קיין קעשענעוו. קיין אויסלענדישע יידן לאָזט מען נישט אַריין קיין רוסלאַנד, אָבער מען האָט דאָך אויסגעפּועלט, אַז ער זאָל אַריינקומען; גרויסע גבירים האָבן זיך געמיט. ער וועט קומען, האָט מען געזאָגט, מיט אַלע גבאים. און אויב אַלע גבאים, איז אַריה דער גלאַוונער גבאי און אַריה איז זיידל פון ארץ ישראל געלטס אַ ברודער און — זיידל האָט געזאָגט, אַז עס וועט שוין זיין רעכט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַמאָל געבעטן אַ קליין קיילעטשל פון רבינס טיש און טאַקע אַריה האָט נישט געוואָלט געבן, ווייל עס זיינען געווען בילכערע פון אים; ווען ער וואָלט דעמלט געהאַט זיידלען, וואָלט ער נישט אַזויפיל געדאַרפט וויינען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע וועגן דעם וואו דער רבי זאָל איינשטיין. געקומען איז עס אַלי קיליער, אָבער ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף איינשטיין אין די העכערע גאַסן, נעענטער צו די גבירים, ווייל דער רבי דאַרף מאַכן געלט אין קעשענעוו און אַלי וואוינט אין דער אַלטער שטאָט, נעענטער צו די קבצנים. עס זיינען געווען אַ סך רייכע יידן, וואָס האָבן אָנגעבאָטן זייערע הייזער פאַר דעם רבין, אָבער ביי אַ נישט בוהושער חסיד האָט מען נישט געוואָלט ער זאָל איינשטיין. געווען אַ רייכער בוהושער חסיד, וואָס האָט געהייסן שוואַרצבערג און ער האָט געהאַט די גרעסטע מיל אין

קעשענעוו. ער איז שוין אַביסל געגאַנגען פאַרגלייכט דאָס בערדל, דאָך איז ער געווען אַ הייסער חסיד, האָט ער אָבער געהאַט אַ נייגונג צום רבינס יינגערן ברודער, צום פּאַשקאַנער און אלי האָט נישט געוואָלט, אַז דער רבי זאָל צו אים צופאָרן. איז געבליבן, אַז ער זאָל זיך אַריינציען צו יאָסל דאָליצקי. ער וואוינט פּונקט אין מיט שטאָט אויף ניקאָלאַיעווסקאַיאַ און ער האָט אַ גרויסע שיינע שטוב. איי, יאָסל דאַרף אויך וואוינען? וועט מען פאַר אים מיט די קינדער דינגען בשכנות צוויי צימערן און די גאַנצע שטוב וועט זיין פאַר דעם רבין. מען האָט אויסגערעכנט, אַז ס'איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען, עס איז דאָ אַ גרויסער זאָל צו פּראַווען טישן און עס איז דאָ אַ גרויסער הויף פאַר די חסידים און פאַר אַלע, וואָס דאַרפן וואַרטן אויפן רבין. יאַנקל האָט זיך געפילט גאָר לעילאָדיק, וואָס דער רבי שטייט איין ביי זיין שוועסטערקינד, עס איז אויסגעקומען, אַז ער שטייט אַביסל איין ביי אים אַליין, ווייל ער פלעג אָפט קומען צו יאָסלען און דאָרטן עסן אין אַ וואָכעדיקן טאָג און אַמאָל עסן אַביסל צימעס אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט. פון די אַלע גליכן פלעג יאַנקל, פּונקט ווי אַלע בחורים, אָפט אונטערהונגערן און אין אַ וואָכעדיקן טאָג איז אַ נאַש און אפילו אַ נישקשהדיקער מיטיק געווען אַ חלום... צו ציפּען, יאָסל דאָליצקים שוועגערן, איז געווען נעענטער פון דער ישיבה ווי צו יאָסלען, אָבער זי איז געווען פאַר אים פרעמדער ווי יאָסלס ווייב ריווע און חוץ דעם האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פון די זינדיקע געדאַנקען וועגן איר, זי איז געווען אַזאַ גרויסע, העלע, שיינענדיקע און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט אים אומויסטן אַריין מיט די גרויסע אויגן. אַז זי זאָל אים רייצן. יאַנקל האָט געהאַט נאָך אַ גליד געשוועסטערקינד דעם טאַטנס, צו וועלכער ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט עסן אַביסל צימעס, אָבער זי האָט שוין געוואוינט צו ווייט, זי האָט געוואוינט ערגעץ אויף דעם נייעם מאַרק, וואו עס האָט געשמעקט מיט פעפער און קנאָבל און קאָלבאַס און מיט גלאַט האַרבע פעפערלעך און פאַרפוילטע אוגערקעס, פלעג ער גיין דערפאַר זייער זעלטן אַהין. ביי יאָסל דאָליצקין איז נאָך דער ישיבה און נאָך אלי קיליער געווען יאַנקלס היים. ווייניקער ווי אומעטום איז געווען זיין היים ביי דער גרושונקע, כאָטש ער איז דאָרט שטענדיק געשלאָפן. יאַנקל איז געווען זייער אין די פעדערן פון דעם, וואָס דער רבי וועט איינשטיין ביי זיין קרוב און ער האָט אין ישיבה יעדן געזאָגט: „דער בוהושער רבי וועט איינשטיין ביי מיין שוועסטערקינד יאָסל דאָליצקי, וואו מיין טאַטע איז איינגעשטאַנען, ווען ער איז געקומען קיין קעשענעוו"...

און דער רבי איז געקומען קיין קעשענעוו. די וועלט איז געגאַנגען כאָדראָם. מיט צענדליקער פאַעטאָנען איז מען דעם רבין אַנטקעגן געפאָרן, גויים זיינען געלאָפן קוקן ווי אַזוי דער רבי זעט אויס. ווייבער האָבן געחלשט אויף דעם וואָקזאַל, אַזוי האָט מען זיך געשטופּט. אלי קיליער איז גע־

ווען אזוי צעחושט, אַז ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און ער האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, דו ווייסט? דער בוהושער רבי איז דאָ אין קעשעניוו". זיין שוואָגער ר' לייבעלע, וואָס איז געווען דערביי, האָט זיך אָפּגערופן: „וואָס רעדסטו משוגענער? דער רבונו של עולם ווייסט עס פאַר דיר"... ר' נחמן האַלפּערן, וואָס איז געווען דער עלטסטער בוהושער חסיד, האָט נעחלשט און מען האָט אים קוים דערמונטערט, דער רבי איז נישט אוועקגעפאָרן, ביז וואַנען אים איז נישט בעסער געוואָרן. ער האָט אים טאַקע אַריינגענומען צו זיך אין דער קאַרעטע. יאָסל דאָליצקי האָט אים אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ. די קאַרעטע איז די גאַנצע צייט געגאַנגען טריט ביי טריט, ווייל מען האָט איר נישט געלאָזט פאָרן, ס'איז אויסגעקומען כאָטש פאַר אַרויף אויף מענטשן. און מען האָט געהאַלטן אין איין געבן שלום עליכם דעם רבין. ער האָט געהאַלטן אַרויסגעשטעקט אַ האַנט און ווער עס האָט געוואָלט, האָט זי אָנגערירט. און ווען עס איז צוגעקומען עטלעכע גאַסן פאַר יאָסל דאָליצקיס שטוב, האָט מען אויסגעשפּאַנט די פערד און מען האָט אַליין געשלעפּט דעם וואָגן... דער רבי האָט אַרויסגעקוקט, געשריגן, אַז מען דאַרף נישט און ער האָט געשמייכלט. יאַנקל איז נאָכגעגאַנגען דער קאַרעטע און ער האָט גוט געזען דעם רבין, ער האָט אויסגעזען אזוי ווי אַמאָל אין קיליע. נאָר אַביסל עלטער. ער האָט געהאַט מערער גרויע האָר אין דער באָרד. עס זיינען נאָכגעגאַנגען מתנגדים און אַפּיקורסים אויך. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די חסידים זיינען גוטע פערד. האָט עס די חסידים פאַרדראָסן און זיי האָבן געזאָגט, אַז די פערד זיינען די דאָזיקע, וואָס שלעפּן נישט... אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיקע וואָס טשעפּען זיך צו די חסידים, זיינען פון יוסף ראַבינאָוויטשעס לייט1). געווען איז קעשענעוו אַמאָל אַ מיסיאָנער אַ משומד, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצע באַנדע אַרום זיך, ער איז שוין דעמלט געהאַט לאַנג געשטאָרבן, אָבער זיין נאָמען האָט מען נישט אויפגעהערט דערמאָנען. עס האָט געהאַלטן ביי ווערן אַ געשלעג, אָבער דער רבי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט מען זאָל זיי טשעפּען, זאָלן זיי זאָגן, וואָס זיי ווילן. און אלי קיליער און אלי שפּרינצאַק און יאָסל דאָליצקי האָבן נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל זיין אַ געשלעג און מען האָט דעם וואָגן אַריינגעבראַכט אין הויף אַריין. ערשט אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן די שלום עליכמס. אַ לאַנגע צייט איז דער רבי געשטאַנען און זיך געלאָזט צורירן צו זיין האַנט און ער האָט זיך סוף כל סוף אַנידערגעזעצט אַ מידער.

1) ער איז צוזאַמען מיט יעקב גאָרדין געווען איינער פון די גרינדער פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט", דערנאָך איז ער געוואָרן אַ פּשוטער עוואַנגעלישער מיסיאָנער. ער האָט געשטאַמט פון דער בעסאַראַבישער שטאָט אָרהייעוו.

יאַנקל האָט צום צווייטן מאָל געגעבן שלום דעם רבין און אלי קיליער האָט געזאָגט ווער ער איז און אים שטאַרק אויסגעלויבט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז דער אמתער בוהושער אין דער ישיבה. דער רבי האָט געקוקט אויף אים און ער האָט געפרעגט, וואָס דער טאַטע טוט און צי עס זיינען דאָ בריוו פון די שוועסטער פון אַרגענטינע. חסידים האָבן זיך איבערגעוואונקען, דער רבי, האָבן זיי זיך געזאָגט מיט די אויגן, האָט אַלעמען אויף דעם קאָפּ... זיי גבאים האָבן אָנגעהויבן זאָגן, אַז דער רבי איז מיד און מען האָט אים געלאָזט אַליין, אָבער אַוועקגעגאַנגען זיינען די חסידים נישט, זיי האָבן געטרונקען לחיים, געזונגען אַ ניגון און געגאַנגען אַ ריקוד און זיי זיינען געשפּרונגען ביז אין הימל אריין. דער רבי האָט געעפנט די טיר, געקוקט און צוגעפּליעסקעט פּונקט ווי אַמאָל אין קיליע און ווען ער האָט פאַרמאַכט די טיר, האָבן די חסידים פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך צולייגן און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען. דאָס טירל פון טויער האָט מען געהאַלטן פאַרמאַכט און יאָסל דאָליצקי האָט אַרויסגעלאָזט איינציקווייז. די גאַס איז געווען פאַרפּלייצט מיט מענטשן און פּאָליציי האָט געטריבן און גאָרנישט געקענט טאָן. עס זיינען צום מערסטן געשטאַנען אין דרויסן קאַליקעס, קרומע מיט קוליעס און מיט שטעקענעס, מענטשן אָן הענט, מענטשן מיט בלינדע אויגן, אויסגעדרייטע פּנימער... יאַנקל האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס זיינען דאָ אין איין קעשענעוו אַזויפיל קאַליקעס. ווען ער וואָלט געשטאַנען איצטער לעבן רבין, וואָלט ער אים געפרעגט צוליב וואָס באַשאַפט גאָט אַזויפיל קאַליקעס. ער וואָלט עס אים געפרעגט, כאָטש ער האָט שוין אַמאָל געהאַט זיין שלעכטן סוף פאַר פרעגן. און ער האָט זיך געפילט גוט, וואָס דער רבי איז נישטאָ, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דער רבי וואָלט אים אויך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ר' נחמן האַלפּערן, וואָס איז קוים געגאַנגען און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף יאַנקלען, האָט ווי געלייענט זיינע געדאַנקען און ער האָט אים געזאָגט: „זעסט אַזויפיל קאַליקעס? דאָס האָט גאָט ברוך הוא אומיסטן געמאַכט, בכדי מיר, די מיט אַלע איברים און די געזונטע, זאָלן וויסן ווי אַזוי צו שעצן אונזער געזונט און ווי אַזוי צו דאַנקען גאָט ברוך הוא". יאַנקל האָט אים געפרעגט, וואָס די קאַליקעס האָבן געזינדיקט, האָט ר' נחמן געענטפערט, אַז מיסתמא האָבן זיי געזינדיקט און אויב זיי האָבן נישט געזינדיקט אין דעם גילגול, האָבן זיי געזינדיקט אין אַ פריערדיקן גילגול און עס קען זיין, אַז דאָס, וואָס זיי ווייזט אויס שלעכט, איז גאָר גוט און זיי קומען אָפּ און וועלן באַפרייט ווערן... האָב קיין מורא נישט, האָט ר' נחמן געשמייכלט, עס פירט זיך אויבן אַ חשבון און קיין שום זאַך ווערט נישט פאַרלוירן...

יאַנקל איז שוין איצטער טאָג ווי נאַכט איבערגעלעגן ביים רבין; אין שמרס ראַמאַנען האָט ער פאַרגעסן און צום לערנען איז ער אויך גאַנץ ווײַ־

ניק געקומען, ער איז געגאַנגען צו איין שיעור פון דריי. דער מלמד האָט אים מוחל געווען, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ בעל שמחה, אַלציינס ווי איינער אַ קעשענעווער בחור, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער חתונה פון אַ שוועס־טער. ביים רבין איז שטענדיק געווען לעבעדיק און פריילעך, שוין פון אין דער פרי ניין אַזייגער האָט דער רבי געפּראַוועט און די חסידים האָבן גע־זונגען און געטרונקען. עס זיינען געווען עלטערע יידן, וואָס האָבן איבערגע־לאָזט ווייבער און קינדער און געשעפטן און ארבעט און זיי זיינען טאָג ווי נאַכט געזעסן ביים רבין, כאָטש זיי האָבן זעלטן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַ קוק צו טאָן אויף אים. זיי פלעגן זאָגן, אַז עס ציט ווי מיט צוואַנגען. די איידעלערע האָבן געזאָגט, אַז עס ציט זיי צום שורש; „מיר זיינען, האָבן זיי געקרעכצט מיט תענוג, די צווייגן און דער רבי איז דער בוים."

אין דער ישיבה האָט מען נישט אויפגעהערט זיך מתווכח זיין וועגן בור־הושער רבין. מען האָט אים פאַרגליכט מיט זיינע צוויי ברידער, דער אַדזשו־טער און פּאַשקאַנער, וואָס איינער פון זיי איז געווען מיט צוויי יאָר צוריק אין קעשענעוו און דער אַנדערער מיט איין יאָר צוריק. אייניקע בחורים האָבן געזאָגט: „קינדער פון דעם זעלביקן טאַטן און אַרום יענע איז געווען שטיל און אַרום דעם גייט די וועלט כאַדאָראָם". די מתנגדים האָבן געזאָגט „הכל תלוי במזל". די חסידים האָבן זיך צעטיילט. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז טאַקע אַ גרעסערער רבי, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דער קלענסטער ברו־דער זיינער, דער פּאַשקאַנער איז איידלער און מער למדן און אַ גרעסערער רבי, אָבער ער האָט קיין נאָמען נישט. „בוהוש" הערט מען שוין אפשר פופ־ציק יאָר און „פּאַשקאַן" הערט מען צום ערשטן מאָל. ווען אַ רבי ווערט ניפטר, שלאָגן זיך די קינדער איבער זיין שטול צוליב דער שטאָט. יחידים קלויבן זיך אויס אַ רבין, אָבער דער המון ווייסט דעם נאָמען פון דער שטאָט און מער נישט... דערפאַר, ווען דער סאַדעגערער איז ניפטר געוואָרן, איז דאָרט געווען אַזאַ געשלעג און דווקא דער קלענערער איז געבליבן אין סאַדעגער און דער עלטערער האָט געמוזט אַוועק קיין באיאַן; יאַנקל האָט געפּילט, אַז דאָס איז אמת. ווען דער אַדזשוטער איז געווען אין קעשענעוו און אַ ייד האָט געזען ווי מען שטופּט זיך צו אַ רבין, איז ער צוגעגאַנגען און געפרעגט וואָס פאַר אַ רבי דאָס איז און ווען מען האָט אים געענטפערט „דער אַדזשוטער", האָט ער אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און ער איז אַוועק. אָבער ווען אַ ייד דערהערט, דער „בוהושער", לויפט ער... די מתנגדים האָבן געזאָגט, אַז אויב דאָס דאָזיקע איז אמת, קומט פאַר אַ גזילה ביי די גוטע יידן, ווען דער טאַטע ווערט ניפטר, ווייל דער, וואָס בלייבט אין שטאָט, נעמט צו די גאַנצע ירושה און די אַנדערע קריגן גאָרנישט. זיינען שוין די חסידים ברוגז גע־וואָרן און זיי האָבן געזאָגט, אַז גזלנים קענען זיין די מתנגדים, אָבער נישט די גוטע יידן; „און נאָך פון דער ריזשינער גזע", האָט יאָסל צוגעגעבן. און

ס'איז אוועק א מחלוקת. עס זיינען אויך פֿאָרגעקומען מחלוקתן צווישן די „טשערנאָבילער" און די „ריזשינער", די ערשטע האָבן געזאָגט, אז דער בו־הושער גייט צו געפּוצט. ער טראָגט אפילו בריליאַנטן ביים שניפּס און דאָס טאָר מען נישט. זייט חורבן בית המקדש טאָר מען נישט גיין אזוי געפּוצט. האָבן די „ריזשינער" געזאָגט, אז זייערע רבים זיינען בני מלכים, זיי זיינען מזרע דוד המלך און זיי מעגן אַלץ. יאָסל האָט ערגעץ געפּאַקט א מדרש, וואָס זאָגט: „בני מלכים תוקעין בדין", האָט ער געטייטשט, אז דאָס מיינט: „בני מלכים פייפן אויף די דינים"... איז געוואָרן א געשלעג! די מתנגדים האָבן געזאָגט, אז די דאָזיקע, וואָס פייפן אויף דעם דין, זיינען עוכרי ישראל און מער האָט מען נישט באַדאַרפט... פון דעסט וועגן האָט יאָנקל באַמערקט, אז כאָטש די סאַדעגערער און די באָיאַנער און די טשאָרטקאָווער און די הור־סיאַטינער און די שטעפאַנעשטער שרייען אזוי שטאַרק קעגן די מתנגדים און די אנדערע חסידים, און כאָטש זיי לויפן צום בוהושער נאָך שיריים, פון דעסט וועגן ריידן זיי נישט צווישן זיך אזוי גערויבן וועגן אים און יע־דער איינער זאָגט, אז ער קומט אפילו נישט צו די קרסולים פון זיין רבין און ער האָט געזען, אז פונקט ווי יעדער ייד האָט נאָר איין גאָט, פונקט אזוי האָט יעדער חסיד נאָר איין רבין...

שטאַרקע וויכוחים האָט ארויסגערופן דער קידוש, וואָס דער רבי האָט געמאַכט בפני כל עם ועדה. דער קידוש האָט געמאַכט א גרויסן רושם אין שטאָט און מען האָט אומעטום וועגן אים גערעדט. דער רבי האָט אים גע־זאָגט מיט אַזאַ ניגון, וואָס האָט צעבראָכן, האָבן אייניקע געזאָגט; אנדערע האָבן געזאָגט, אז דער ניגון האָט דערהויבן און די חסידים האָבן פאַרזי־כערט, אז דער ניגון איז גענומען פון בית המקדש... בעת דער רבי האָט גע־מאַכט קידוש, האָט ער אַליין געציטערט און דער כוס אין האַנט האָט ביי אים געציטערט און דער וויין אין בעכער האָט געציטערט און ער איז ארויס־געלאָפן און אריינגעלאָפן צוריק. וועגן אָט דעם ציטערן האָט מען דערציילט די אומגלויביקסטע זאַכן. חסידים האָבן געזאָגט, אז די מלאכים אַליין שאָק־לען דעם וויין אין כוס... מתנגדים האָבן געזאָגט, אז ס'איז דאָ זעלצער־וואַ־סער אינעווייניק און דערפאַר זידט אזוי דער וויין. אייניקע האָבן אפילו גע־זאָגט, אז דער בעכער האָט אינעווייניק שפּרינגזינעס. חסידים פון אנדערע גזעם זיינען געקומען באַקוקן דעם כוס און מען האָט זיי אים געוויזן. ישיבה־בחורים האָבן געפּרואווט נאָכמאַכן דאָס שפּריצן, אָבער זיי האָבן נישט גע־וואוסט ווי אזוי עס שפּריצט, ווייל עס איז זיך געווען שווער צוצושלאָגן און זען פון דער נאָענט ווי אזוי דער רבי מאַכט קידוש. עס איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז כמעט אַלע ישיבה בחורים האָבן צום קידוש ארומגערינגלט דעם רבין און זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי אזוי ער מאַכט עס. עס האָט נישט גע־האָלפן קיין שרייען „שקצים, לאָזט צו עלטערע חסידים!" זיי זיינען גע־

שטאַנען און זיי האָבן געקוקט. און דערנאָך איז געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך פון נאָכמאַכן דאָס שפּריצן. מען האָט אָן אַ שיעור גלעזער צעבראָכן און שמחהלע האָט געזאָגט, אַז צוליב דעם בוהושער רבין צעברעכט מען אים די גאַנצע ישיבה... אייניקע בחורים האָבן שוין נאָכגעמאַכט פּונקט אַזוי ווי דער רבי. אָבער יאַנקל האָט נישט נאָכגעגעבן און ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט דאָס... מען האָט זיך שטאַרק מתווכח געווען וועגן דער "תורה", וואָס דער רבי האָט געזאָגט ביים טיש. ער האָט זי געזאָגט אַזוי שטיל, אַז נאָר גאָר געציילטע, וואָס האָבן זיך געקענט צובויגן, האָבן זי געהערט. די גבאים אַליין פּלעגן נאָכזאָגן די „תורה" וואָרט ביי וואָרט, אָבער צום מערסטן האָט מען נישט פאַרשטאַנען. יאַנקל האָט עטלעכע „תורות" אויפגעשריבן און נאָכגע־זאָגט. די מתנגדים האָבן געקנייטשט מיט די פּלייצעס און האָבן געזאָגט, אַז זיי פאַרשטייען נישט. האָבן די חסידים געשריגן: „וואָס מיינט איר? ס'איז ניגלה? ס'איז מרדכי דעם רויטנס אַ תורה? ס'איז ניסתר". יאָסל רישקאַנער האָט צוגעגעבן, אַז דער סאַדעגערער זאָגט נאָך טיפערע „תורות", ווייל דעם בוהושערס פאַרשטייט ער אביסל און דעם סאַדעגערערס פאַרשטייט ער גאָר־נישט...

לייבוש האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז דער בוהושער רבי איז אים שטאַרק געפעלן, עס איז אים געפעלן זיין הדרת פּנים, זיין איידלקייט און זיין האַר־ציקייט. דאָס, וואָס דער ווײַן זידט ביים קידוש, איז גאָרנישט, ער וואָלט עס אויך געקענט מאַכן, אָבער דער גאַנצער דרך איז אַ שיינער. דער רבי זעט טאַקע אויס ווי אַ יידישער מלך און ס'איז אַרום אים שטענדיק דאָ פאָלק, אָבער קיין בוהושער חסיד איז ער דאָך נישט געוואָרן. ער איז געווען אַ קאַלטער מלאך, אַ בעל מוח. ער האָט זיך נישט געקענט היצן. יאַנקל האָט נעהאָפט, אַז מיט דעם רבינס קומען וועט ער צוקריגן אַ סך חברים אין דער ישיבה און ער וועט זיך קענען באַרימען פאַר ר' אלין, אַז ער האָט זיי גע־מאַכט אָבער עס איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט געוויזן ר' אלין איף לייַ־בושן, אַז עס געפעלט אים זייער דער רבי און אלי האָט געדונערט מיט דעם פאַרדומפּענעם קול פון דער קאַרטאָפליענער נאָז: „היינט זיינען אַלע קע־שענעווער יידן בוהושער, אַלע זיינען מאַנשי שלומינו". יאַנקל האָט געזען, אַז ס'איז נישט אַזוי. אין דער ישיבה געוויס נישט. אין די ערשטע צוויי חדרים, וואו עס האָבן געלערנט צום מערסטן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, זיינען געווען אַ סך בוהושער, אָבער זיי האָבן קיין סך נישט פאַר־שטאַנען און זיי זיינען געלאָפן צום רבין, ווייל זייערע טאַטעס האָבן זיי געשריבן, אַז זיי זאָלן לויפן און ווייל זיי האָבן דערווייל אביסל געוואָלט פּטור ווערן פון לערנען. מען האָט סיי ווי אין יענע טעג אַ סך ווייניקער גע־לערנט אין דער ישיבה און משה צבי סטאַלינער האָט געשריגן, אַז דער בו־הושער איז געקומען מבטל זיין פון תורה...

און מען איז אַלץ מער און מער געלאָפן צום רבין. מען האָט די שבתדיקע טישן געמוזט פּראַווען אין אַ שפּייכלער, וואָס מען האָט אויסגערייניקט, אויסגעפּוצט און באַהאָנגען מיט ווייסע ליילעכער. עס פלעגן קומען טויזנטער מענטשן צו די טישן און מען האָט ביי די טירן פון שפּייכלער געמוזט אַוועקשטעלן פּאָליציי. מען האָט דערציילט אַן אַ שיעור מופתים וועגן רבין, מען האָט דערציילט, אַז ער האָט אויסגעהיילט קראַנקע און געמאַכט טויבע הערנדיק און בלינדע זעענדיק. איבערהויפּט האָט מען דערציילט, אַז ער האָט געזונט געמאַכט חולי נופלים און די דאָזיקע קראַנקע האָבן זיך מוראדיק געשטופּט צו אים און אַ סך פון זיי פלעגן פאַלן אין מיטן דעם טישפּראַווען און חסידים האָבן זיי אַרויסגעטראָגן און געזאָגט, אַז דער רבי וועט שוין אם ירצה השם העלפן.

יאַנקל איז שוין צופיל געזעסן ביים רבין, מרדכי האָט אים אָנגעהויבן וואָרענען, אַז ער וועט דערציילן און ער האָט אים געזאָגט, אַז אַלץ דאַרף האָבן אַ שיעור... געוויינלעך האָט מען קיין מלמד אין דער ישיבה נישט געענטפערט, אַז ער האָט עפּעס געזאָגט, אָבער יאַנקל האָט געענטפערט מיט אַ שטעכווערטל, אַז דער בוהושער רבי האָט נישט קיין שיעור... מרדכי איז געוואָרן בלייך און ער האָט דאָך געפּרואווט שמייכלען און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אויך אַ רבין, אָבער זיך אין גאַנצן מבטל זיין פון תורה צוליב אים וועט ער נישט, ווייל אַ רבי אָן תורה איז גאָרנישט און אַן עם הארץ קען קיין חסיד נישט זיין, עס שטייט בפירוש „ולא עם הארץ חסיד” און ער קען עס טאַקע נישט זיין, ווייל ער ווייסט נישט ווי אַזוי... יאַנקל האָט אויסגעהערט דעם מוסר און ער האָט געפילט, אַז אַביסל איז דער מלמד גערעכט, אָבער אַז ער איז געקומען צום רבין און ער האָט דאָרט געטראָפן אַ סך חסידים, וואָס האָבן געזונגען און געטאַנצט, האָט זיך אים נישט געגלוסט אַוועקצוגיין. דערצו פלעג אים דעם רבינס הויפּט־גבאי, דער שוואַרצער מאיר ענגלבערג מיט דער ביבקע אויפן אויער און מיט די ברענענדיקע אויגן שטענדיק זאָגן, אַז ער זאָל בלייבן, ווייל ער דאַרף אים האָבן צו שרייבן אַדרעסן. מאיר האָט נישט געקענט קיין רוסיש און יאַנקל האָט פאַר אים געשריבן די רוסישע אַדרעסן און ער האָט געפילט, אַז ער איז נוצלעך דעם רבין אַליין און ער איז שוין נישט אַוועקגעגאַנגען.

און ווען דער רבי איז אַוועקגעפאָרן, איז געוואָרן פינצטער און אומעטיק. מען האָט געזען בפועל ממש, אַז ס'איז אַזוי ווי רשי זאָגט, אַז ווען דער צדיק פאָרט אַוועק, גייט אַוועק די שיינקייט און די שיין... אין דער ישיבה איז געוואָרן שטיל, מען האָט פאַרגעסן אין די וויכוחים וועגן קידוש און וועגן אַלע טענות און מען האָט געלערנט. ווען דער רבי איז אַריינגעפאָרן אויף אַ שבת אין קאַלאַראַש, וואָס איז געווען גאָר נאָענט און מען איז אין אַ שעה צוגעפאָרן מיט דער באַן, האָבן די חסידים מיטגענומען אויך יאַנקלען, אַז

ס'זאָל זיין ווער עס זאָל זינגען אַ ניגון, כאָטש דער רבי האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ גבאי, וואָס האָט געזונגען אַ ניגון, אָבער ער האָט דאָך געדאַרפט אַ געהילף. אין קאַלאַראַש איז געוואָרן אַזוי ענג צוליב דעם רבינס קומען, אַז ס'איז נישט געווען וואו צו שלאָפן, אין די שולן איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ. מען האָט פּרייטיק צונאַכטס געמוזט אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט אונטער דעם וואַרעמען הימל און אַרויסקוקן אויף דעם מאָרגנשטערן, בכדי צו קענען גיין פון די ערשטע אין מיקווה אַריין, ווייל שפּעטער וועט די מיקווה ווערן אין גאַנצן בלאָטיק... פון קאַלאַראַש האָט זיך דער רבי נאָך אומגעקערט קיין קעשענעוו, אָבער שוין שטילערהייט. און ער איז באַלד געפאָרן ווייטער. עס איז שוין געוואָרן אין גאַנצן פינצטער.

איינמאָל האָט יאַנקל דערהערט ווי מען מאַכט צו אים „טשיטש..." ער האָט זיך אומגעקוקט. עס איז געשטאַנען אַן עלטערער מענטש מיט אַ קאַטערינקע און אַ בחור מיט אַ פויגל און מיט צעשויבערטע האָר. דער בחור איז געווען אַ קיליער. זיין טאַטע האָט געהייסן בערל קיצים. ער איז געווען אַ קליינער ייד מיט אַ לאַנגער און ברייטער ווייסער באָרד. יאַנקל האָט געדענקט, ווען אָט דער בערל קיצים האָט זיך באַזעצט אין קיליע. ער איז געקומען ווי אַן איינינקל, אַ שיינער ייד. ער האָט געקענט אַ סך מעשהס פון גוטע יידן. ער האָט זיך אויסגערעכנט קרובים מיט חיים יאַנקל קיצים און יענער האָט אים געהאָלפן. ער האָט זיך באַזעצט אין קיליע און געוואָרן אַ מעקלער. קיין ווייב האָט ער נישט געהאַט, נאָר צוויי קינדער, אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. ביידע וואוילע קינדער. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז מען דאַרף בערל קיצים חתונה מאַכן, ווייל ער פירט זיך אויף .שלעכט. ער גייט צו יהודיתן... יהודית איז געווען אַ פעטע יידענע, וואָס האָט געוואוינט אין עק שטאָט, שוין צווישן די גויים און זי האָט גערעדט פרום און איז שטענדיק געזעסן מיטן קרבן מינחה סידור און מען האָט געזאָגט, אַז אַלע אַלמנס גייען צו איר. יאַנקל האָט עס געהערט, ווען ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען. האָט בערל דערנאָך חתונה געהאַט פאַר אַ יידענע, וואָס מ'האָט גערופן „די ליקערשע". זי האָט פאַרקויפט מעל און איז שטענדיק געגאַנגען אָנגעפּעלצט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מאַן און האָט געהאַט אַ מענערישע שטימע. אפילו די בראָדיווקע, וואָס זי האָט געהאַט אויף דעם בערדל איז געווען ווי פון אַ מאַן. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ שלעכטע שטיפמאַמע און זי וועט פאַרטרייבן די קינדער. איצטער האָט יאַנקל געזען בערל קיציסעס זון מיט אַ קאַטאַרינטשיק. ער האָט רחמנות געקראָגן אויף אים און אים אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט. דאָס ייִנגל האָט געוויינט און געבעטן ער זאָל שרייבן זיין טאַטן ער זאָל אים העלפן. יאַנקל האָט געשריבן און באַקומען ענטפער. אָבער דאָס ייִנגל איז אַריין ווי אין וואַסער. איינמאָל האָט ער אים יאָ געזען, אָבער ער איז אַנטלאָפן. יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פשוט

אויסגענאַרט ביי אים געלט. דאָך האָט אים נישט פאַרדראָסן. ער האָט שטענדיק געטראַכט פון אים און אים אַפילו מקנא געווען, וואָס ער איז פריי, מוטשעט זיך נישט ביי קיין לערנען און פאָרט אויס אַ וועלט.

דאָס לערנען איז געקראָכן שווער יאַנקלען אין קאָפּ אַריין. מען האָט אַלץ געלערנט „טריפות" און מען האָט אַ סך זאַכן געדאַרפט אויסחזרן אויף אויסנווייניק, קיין שכלדיקס איז נישט געווען. איז ער געשלאָפן שלעכט, עס האָט זיך אים געבענקט נאָכן רבין, נאָך זיין ליכטיקער צורה, נאָך דער פרייד פון די חסידים. דער רבי פלעג ביי די טישן זינגען אַ ניגון. גאָר שטיל האָט ער אים געזונגען, מען האָט זיך געדאַרפט נאָך מער צובויגן צו אים, ווי דעמלט, ווען ער האָט געזאָגט די תורה. די חסידים זיינען געווען זיכער, אַז דאָס ניגונדל שטאַמט פון בית המקדש אַליין און די לווים האָבן עס געזונגען. זיי האָבן געזאָגט, אַז קיינער חוץ דעם רבין קען עס נישט אויסלערנען און אַז דער רבי האָט עס בקבלה פון זיין טאַטן און זיין טאַטע האָט עס געהאַט פון זיין טאַטן און אַזוי איז עס געגאַנגען פון דור דורות אָן, אַזש פון ירושלים. דאָס ניגונדל האָט געהאַט דריי „פאַלן", האָבן חסידים געזאָגט, אַז מ'קען אויסלערנען איין „פאַל", אָדער צוויי, אָבער נישט אַלע דריי. יאַנקל האָט געפילט, אַז ער קען אַלע דריי „פאַלן", אָבער ער האָט דאָס קיינעם נישט דערציילט, די חסידים האָבן סיי ווי געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט נאָכזינגען דאָס ניגונדל... נעכט גאַנצע איז יאַנקל נישט געשלאָפן און געברומט דאָס ניגונדל און ווייבער האָבן אים ווידער אָנגעהויבן קומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט געטראַכט פון דבורהן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז זי איז שוין אַ כלה. דער טאַטע האָט עס אים געשריבן, ער האָט אים דערציילט מיט אַ געוויסן ניצחון, אַז פינחס האָט געמוזט נעמען פאַר זיין מיזינקע נישט קיין כלי קודש, נאָר אַ פּראָסטעק אַ סוחר מיט אַן אונטערגעשניטן בערדל און דבורה וועט זיך די האָר נישט אָפּשערן... און פון זיין גליד געשוועסטערקינד ציפּע האָט ער אויך נישט אויפגעהערט טראַכטן. ער איז איצטער אַ סך מאָל אַריינגעגאַנגען צו איר, כאָטש זי איז געווען אַ מרשעה און האָט אויף אים שטענדיק לאַכנדיק געקוקט מיט אירע פעטע אויגן און זי האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער גייט אַזעלכע לאַנגע פּאות און פאַרוואָס ער פּוצט זיך נישט אַביסל מער אויס. ער האָט געלערנט וואָס אַמאָל ערגער און מרדכי האָט זיך געהאַלטן אין איין טשעפּען, עס איז געווען דער לעצטער זמן און ער האָט זיך געוואָלט אָפּרעכנען מיט די אַלע, וואָס זיינען געווען ביים אָנהייב קעגן אים. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער וויל פּשוט אַ קערבל. און איינמאָל האָט זיך יאַנקל אין גאַנצן צעקריגט מיט אים. ער האָט ביינאַכט נישט געקענט שלאָפן, האָט ער זיך בייטאָג ערגעץ צוגעלייגט און ער איז אַרויפגעקומען צום שיעור אַביסל שפּעטער. האָט אים מרדכי געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט געקומען פריער, מען האָט דאָ געגעבן איינגעמאַכטס, האָט

יאַנקל ווידער פאַרגעסן, אַז אַ רבין ענטפערט מען נישט און ער האָט געזאָגט, אַז דאָרט וואו ער איז געווען, האָט מען אויך געגעבן איינגעמאַכטס... מער האָט מען נישט באַדאַרפט! מרדכי איז געוואָרן בלייך און ער האָט געציטערט און ער האָט געשריגן, אַז אויב ער וועט אים נאָך אַמאָל אַזוי ענטפערן, וועט ער זיך נישט איבערשרעקן אַפילו פאַר דעם בוהושער רבין אליין און ער וועט אים אַרויסוואַרפן אויף דריי שפּענדלעך... יאַנקל איז געווען ברוגז אויף מרדכין, וואָס ער איז אַפילו נישט געגאַנגען געבן שלום דעם רבין, אַנדערע סקווערער חסידים זיינען געגאַנגען, אַפילו וועלוול סקווערער איז געגאַנגען און ער נישט, האָט ער גענומען שרייען, אַז דעם בוהושער רבין זאָל ער נישט דערמאָנען; איז מרדכי שטיל געוואָרן. די בחורים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט מורא געהאַט פאַר די בוהושער חסידים, וואָס קענען האָבן אַ גרויסע דעה ביי שלום טשאַרטקאָווער און אַפילו ביי שלום פּערלמוטער אַליין...

און יאַנקל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, ער האָט באַשלאָסן נאָכצופאָרן דעם רבין. אין אַ שטעטל, וואָס האָט געהייסן האַנטשעשט איז איצטער דער רבי געווען. דאָרט האָט געוואוינט פּינחס שוחטס איידעם שמואל, ביי וועמען ער האָט געלערנט, דאָרט האָט אויך געוואוינט זיין קרובה מלכה וועגן וועלכער דער טאַטע האָט שטענדיק גערעדט. ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן, איז ער אַוועק און פאַרקויפט זיין איבערציער פאַר אַ שיבוש און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, ער האָט אַפילו קיינעם נישט געזאָגט, ער האָט אויך נישט געדונגען קיין פורל, ער האָט געוואוסט, אַז אויף דעם וועג וועט ער קריגן פאַר ביליקער. מיטגענומען האָט ער מיט זיך די תפילין, אַ פאָרל וועש און אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס. דער פּאַפּירענער קאָלנער מיט דער פּאַפּירענער מאַנישקע זיינען געווען קויטיק, אָבער דאָס האָט אים נישט געאַרט. קיין האַנטשעשט איז ער אָנגעקומען דאָנערשטיק פאַרנאַכט און ער איז אַוועק גלייך צום רבין. די גבאים האָבן זיך מיט אים גאָר דערפרייט און מאיר ענגלבערג האָט אים באַלד געזעצט שרייבן רוסישע אַדרעסן. דאָך האָבן אים די גבאים געראָטן, אַז ער זאָל גיין זוכן אַ קוואַרטיר, ווייל די שטאָט איז פול. ער איז צוגעגאַנגען צו שמואלן און יענער האָט זיך גאָר דערפרייט און פּינחסעס טאָכטער אסתר האָט זיך נאָך מער דערפרייט, זי האָט געמיינט, אַז ער קומט פון קיליע און זי האָט ביי אים געפרעגט אויף די עלטערן. זי איז געווען נאָך שענער ווי אַמאָל, זי איז געווען ווייס ווי מילך און האָט געהאַט רויטע פאַרב אין די באַקן און אויגן האָט זי געהאַט טיפע, פאַרטראַכטע, בעטנדיקע און ברענענדיקע. זי האָט אָנגעהויבן דיק צו ווערן, אַזוי ווי איר טאַטע. זי האָט אים אויף גיך דערציילט, אַז איר שוועסטער דבורה איז אַ כלה, טאַקע פון האַנטשעשט און נישט פאַר קיין כלי קודש. און זי האָט צוגעגעבן, אַז דבורה האָט מער מזל פון איר, באַטש זי האָט זיך אויך דאַנקען גאָט

ניט צו באקלאגן, אבער פארט א רביצין אין א קליין שטעטל, דאס טו נישט און אהין גיי נישט... די גאנצע וועלט לעבט און זי טאר נישט! אין אירע שיינע אויגן האבן זיך באוויזן טרערן. שמואל איז געזעסן און גערעדט מיט חסידים און ער האט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. קיין פלאץ וואו צו שלאפן איז נישט געווען, אלע פלעצער אין שטוב זיינען שוין געווען פארנומען, אפילו דער פאל איז פול געווען. יאנקל האט געוואלט גיין צו זיין קרובה מלכה, האט אסתר געזאגט, אז זי איז נישט קיין גרויסע חסידה און וועט לאכן פון אים, וואס ער, אזא קליין יינגל, פארט צום רבין. אבער אין הויף ביי איר וואוינט א שכנה, אן ארעמע יידענע, מיט אן ארעמען יידן, וועט זיך ביי זיי נאך געפינען א פלאץ. זיי האבן איין צימער מיט א „פראכאזשע", שטייט אין „פראכאזשע" א בעטל. אסתר האט אים טאקע אליין אריינגעפירט אהין און ער האט דארט איבערגעלאזט דאס פעקל און איז באלד אוועקגעגאנגען צום רבין. נאך אין יענעם אוונט, באלד נאך מערב, האט ער געגעבן שלום דעם רבין אין איינעם מיט נאך א סך חסידים, וואס זיינען געקומען פון אנדערע שטעט. דער רבי האט צו אים א שמייכל געטאן. ער האט געמיינט, אז ער וועט אים זאגן מוסר, וואס ער איז זיך מבטל פון תורה, צום סוף האט ער גאר א שמייכל געטאן און ער האט געזאגט, אז ער האט אן אמתע נשמה פון א חסיד, כאטש זיין זיידע פון דער מאמעס צד איז געווען א ליטוועק און א מתנגד... און ער האט נאך אין יענעם אוונט געזונגען א ניגון אין איינעם מיט חסידים און אליין אויך און ער איז געגאנגען א ריקוד. דער רבי איז ארויסגעקומען און האט געפליעסקעט און ווען יאנקל האט דורכגעטאנצט נאענט צו אים, האט אים דער רבי געזאגט, אז ער זאל באהאלטן דעם האלדז אויף אם ירצה השם שבת...

מיד איז יאנקל געווען, איז ער געגאנגען פריער אביסל שלאפן. ער האט געמיינט, אז ביי זיינע באלעבאטים שלאפט מען שוין, די יידענע האט אים געזאגט, אז ער קען אריינגיין ווען ער וויל, ווייל די טיר וועט זיין אפן. עס זיינען איצטער אין האנטשעשט נישטא קיין גנבים, עס זיינען דא חסידים. און חוץ דעם קענען זיי ביי איר מער ווי דעם דלות נישט צוגנבענען. ער האט געעפנט שטיל די טיר, אבער די באלעבאסטע איז ארויסגעקומען צו אים, זי איז נאך נישט געשלאפן. זי האט אים געפרעגט, צי ער קומט פון רבין און ער האט נישט געזען דארט איר מאן דעם שלימזל, וואס איז אויך געגאנגען אהין. יאנקל האט געענטפערט, אז עס זיינען דארט דא א סך יידן און זיי זינגען נאך דארט און זיי טאנצן. די יידענע האט אים געפרעגט, צי ער וויל עפעס עסן, ער זאל זיך נישט שעמען, ווייל זי וועט סיי ווי זיין די זעלביקע קבצנטע. ער האט געזאגט, אז ער איז נישט הונגעריק. ער האט אין דער האלבער פינצטערקייט זי קוים געזען. זי האט אויסגעזען ווי א יונג ווייבל, זי האט נישט געהאט קיין איין קנייטש אויף דעם פנים און די אויגן זיינען

ביי איר געווען בלויע און פעטע און זי האָט געקוקט גלייך אויף אים אין טרויעריק. דאָס גרויסע טיכל אויף דעם קאָפּ, אונטער וועלכן עס האָט אַרויס־געקוקט אַ ווייסע קאָסינקע, האָט זי געמאַכט עלטער. זי האָט אים אָנגעוויזן וואו עס שטייט נעגל־וואַסער און האָט אים געזאָגט אַ גוטע נאַכט און זי איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז געבליבן אַליין און ער האָט געזאָגט פרום קריאת שמע און ער האָט זיך געפילט גוט. ער איז שוין אַ גרויסער מענטש, אַליין איז ער נאָכגעפאָרן דעם רבין, אַפילו קיינעם נישט געפרעגט. און ער איז געווען צופרידן ווי אַזוי דער רבי האָט געקוקט אויף אים און געשמייכלט און ווי אַזוי ער האָט גערעדט וועגן אים און דאָס מאָל זיינען אים וויניקער זינדיקע געדאַנקען געקומען אין מוח אַריין, אַסתּר די רביצן האָט אים יאָ געשוועבט פאַר די אויגן, אָבער ער האָט זי געפּרואווט פאַרטרייבן און ער איז גיך אַנט־שלאָפן געוואָרן, ער האָט אַפילו קיין חלומות נישט געזען...

...און פּלוצים האָט ער געפילט ווי מען טאַרעט אים, אַ ווייבערישע האַנט האָט ער געפילט און אַ ווייבעריש קול האָט ער געהערט. און ער האָט דער־פילט אַ הייסן אָטעם... ער האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ חלום. אָבער די באַלע־באָסטע איז לעבן אים געשטאַנען אין הוילן לאַנגן ווייסן העמד און מיט דער בלויזער קאָסינקע אויף דעם קאָפּ. זי האָט אים געזאָגט שטיל און טיף: „זיי מיט מיר, יינגל, מיין מאַן איז אַ שלימזל... און ער וויל נאָך מיטן גטן, ווייל איך האָב קיין קינדער נישט... איך וועל נישט האָבן צו וועמען צו גיין... איך בין אַ יתומה... די שטאָט האָט מיך חתונה געמאַכט, זי האָט עס מיר גע־געבן דעם שיינעם מאַן... זיי מיט מיר, יינגל"... די אויגן איוּע האָבן שוין נישט אויסגעזען פעט אַזוי ווי פריער, זיי האָבן געברענט און דער אָטעם אי־רער האָט אים שיעור נישט דערשטיקט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיט יוסף הצדיק און מיט פּוטיפרס ווייב, ער האָט געוואָלט זיך אויסרייסן פון איר און אַנטלויפן אין הוילן וועש. זי האָט זיך געבעטן: „אַנטלויף נישט, יינגל, דו מאַכסט מיך אומגליקלעך און דו וועסט אויך ליידן אַ בושה..." און זי איז אַריין צו אים אין בעט אַריין און זי האָט אים צוגעהאַלטן דאָס מויל און אים איינגענומען מיט שטילע, גוטע, טיפע רייד, און זי האָט נישט אויפ־געהערט צו זאָגן: „זיי מיט מיר..."

ער איז שוין דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און ער איז געלעגן אַזוי האַלב יאָ געדרימלט און האַלב נישט. ער האָט געהערט ווי דער באַלעבאָס איז געקומען און ער האָט געהערט ווי ער איז אויפגעשטאַנען און זיך אָפּגע־גאָסן נעגל־וואַסער. ער האָט אים דורך דעם דרימל געזען אַרויסגיין אין הויף אַריין. אַ קליינער דאַרער יידל מיט אַ שוואַרץ, האַלב אויסגעקראָכן בערדל און מיט אַ הינקענדיקן פוס. שפּעטער איז ער צוגעקומען צו אים און ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער וויל די נעגל־וואַסער אין בעט אַריין, וועט ער אים געבן און יאַנקל האָט געזען, אַז זיינע אויגן זיינען האַלב פאַרמאַכטע און ער קוקט

קוים מיט זיי. ער האָט אים טאַקע געגעבן נעגל־וואַסער אין בעט אריין און אים געגעבן שלום עליכם און ער איז געווען גאָר צופרידן. וואָס אַזאַ וואַזשנע אורח שטייט ביי אים, ער האָט אים נעכטן געהערט זינגען ביים רבין און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מען נאָך גערעדט וועגן אים. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס ווייב וויל ער זאָל אים געבן מילך מיט ציקאָריע אין בעט אריין. זיי טרינקען טיי, אָבער אַזאַ אורח ווי ער, וועלן זיי געבן ציקאָריע מיט מילך...

יאַנקל איז קוים אַוועק פון שטוב און ער איז געלאָפן אין מיקווה אריין. ער האָט געוואָלט פון דאָרט גיין צום רבין דאַוונען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געלאָזן די תפילין אויף דער קוואַרטיר און ער האָט נאָך דער מיקווה געמוזט זיך אומקערן. ער האָט געטראָפן די באַלעבאָסטע אַליין און זי האָט געקוקט אויף אים מיט געבעט און נעבעכדיק. אַזוי קוקן די קי אויף זייער טאַטן פאַר דער שחיטה... זי איז געשטאַנען פון ווייטן און ער האָט גענומען די תפילין און ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, איז זי צוגעלאָפן צו אים, זיך געוואָרפן צו זיינע פיס און אים געקושט די שיך. ער איז קוים אַנטלאָפן.

דאָס דאַוונען איז אים נישט געגאַנגען אין קאָפּ אריין. ער האָט אפשר צען מאָל אָנגעהויבן יעדע תפילה און ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט וואו ער האַלט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז מערישקעס גייען אים אַרום איבער דעם לייב און זיי שרייען אים „טמא, טמא..״ אַלע יידן האָבן געדאַוונט אויף אַ קול, געשריגן, אים איז דער האַלדז געווען פאַרמאַכט. און ווען מען האָט נאָך דעם דאַוונען גענומען צו ביסלעך משקה און מען האָט אים אויך געגעבן אַביסל בראָנפן און אַן אייעריס קיכל, האָט ער די משקה קוים אַראָפּגעשלונגען און דאָס קיכל האָט ער געקייעט, געקייעט און נישט געקענט אַראָפּשלינגען. ער איז בייטאָג געגאַנגען אין מרחץ אריין און ער האָט געוואָלט אויף דער העכסטער באַנק פון שוויץ אַרויסבריען פון לייב די זינד און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בעזימל שרייט אים „חוטא״ און אַלע יידן, וואָס קוויקן זיך און שרייען מיט העלע און מיט הייזעריקע קולות „איי, איי״, שרייען אים אויך זינדיקער... דאָס דאַוונען איז ביי אים דערנאָך נישט געווען קיין דאַוונען און דאָס עסן קיין עסן נישט. ער האָט געמוזט גיין עסן צו שמואלן, וואו ס'איז געווען אַ פולע שטוב מיט אורחים און אסתר האָט פון דעסט וועגן געזען ווי ער עסט נישט און זי האָט אים געפרעגט, צי עס געפעלט אים נישט און זי האָט אים לאַכנדיק געבעטן, אַז ער זאָל נישט דערציילן דער מאַמען, אַז זי קען נישט קאָכן... און דער „טיש״ דעם רבינס איז אויך עפּעס נישט געווען, וואָס שטענדיק. ער האָט זיך נישט געקענט צושלאָגן נעענטער און ער איז געשטאַנען פון דער ווייטנס. צום גליק האָט מען אים נישט געהייסן זינגען קיין ניגון, אַנישט וואָלט ער נישט געקענט דאָס מויל עפענען. די ניגונים האָט געזונגען אַ ליעוּוער חזן, וואָס איז געקומען אויף

שבת צום רבין. ער איז געווען אַ הויכער ייד אַ געזונטער און אַ רויטער. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּאַס, אָבער ער האָט געהאַט אַ חנוודיק פּנים מיט פריילעכע אויגן. ער איז געווען העכער פון אַלע און מען האָט אים מער אָנגעזען פון אַלע. ער האָט געהאַלטן אין איין זינגען און דער רבי האָט געהייסן די גאַנצע צייט, אַז מען זאָל אים געבן וויין. און ער האָט געזונגען נישט נאָר ניגונים, ער האָט נאָכגעמאַכט ווי אַזוי ליטוועקעס זינגען „ישמחו" און ער האָט געשריגן „סיימריי סאַבעס (שומרי שבת) טאַטענקו, סיימריי סאַבעס גוואַלד!" דער רבי האָט אַנגעקוואָלן און אים געהייסן געבן נאָך און נאָך וויין און די חסידים האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער קען אַראָפּלאָזן אַ פּאַס אָן אַ שטריק. ער האָט נאָכגעמאַכט ווי חבדניקעס זינגען און די יידענעס, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, האָבן געזאָגט, אַז ווען יאַנקל חזן פון ליעווע איז דאָ, דאַרף מען שוין נישט האָבן קיין טעאַטער. די שיינע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן גערעדט, אַז מען דאַרף אים אויסכאַפּן ביי ליעווע און דינגען אויף ימים נוראים... ווען דער טיש האָט זיך געענדיקט, האָט נאָך יאַנקל חזן אַלץ געזונגען און אַ סך האָבן געפרעגט פון וואַנען ער נעמט אַזויפיל כוח. און מען האָט נישט אויפגעהערט צו טאַנצן, דער רבי האָט געמוזט עטלעכע מאָל עפענען די טיר און צופליעסקען. ערשט שפּעטער האָבן אייניקע חסידים באַמערקט, אַז דער בחור, וואָס איז געקומען פון דער קעשענעווער ישיבה איז עפּעס מרה שחורהדיק און זיי האָבן אים געשלעפּט אין אַ ראָד אַריין. שמואל האָט צו אים געשריגן: איך בין דאָך דיין רבי, איך האָב דיך דאָך געלערנט תורה, דאַרפסטו מיך פאָלגן און זינגען און טאַנצן. ער האָט קוים געשלעפּט די פיס און ער איז געקומען צו זיין זינדיק בעטל, ווען ס'איז שוין געווען טאָג. ער איז געליגן און נישט געשלאָפן און ער האָט געהערט ווי די באַלעבאָסטע שיקט אַוועק דעם מאַן אין מיקווה אַריין, דער רבי איז דאָ, זאָגט זי אים, דאַרף מען זיין ריין. און ער איז אַוועקגעגאַנגען און אין אַ צייט אַרום איז זי ווידער געקומען צו אים. נישט צוליב זינד, האָט זי געזאָגט ציטערנדיק, נאָר בכדי צו זיין אין גאַנצן זיכער, אַז זי וועט האָבן אַ קינד... זי האָט זיך געבעטן און געוויינט אַזוי ווי נעכטן און ער האָט געפילט, אַז סיי ווי ער האָט שוין די נשמה דעם נישט גוטן אַוועקגעגעבן... ער האָט קוים דערלעבט צו זען דעם ערשטן שטערן שבת צו נאַכטס. ער האָט געוואָלט אַ ציגאַר־טיטון, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען, ער פלעג שוין רויכערן און אפילו צווישן מענטשן אויך. קיין געלט אויף טאַבאַק האָט ער נישט גינ־האַט און בעטן ביי עמיצן האָט ער זיך געשעמט. ער האָט דאָך נישט געקענט אַריבערטראָגן און ביי איין יידן געבעטן אַ שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און ביי דעם צווייטן האָט ער געבעטן אַביסל טיטון און דערנאָך ערשט איז ער געגאַנגען אין קיך אַריין זוכן פייער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט בעטן ביי קיין דריטן יידן. ער האָט געדאַרפט זונטיק אַוועקפאָרן צוריק און ער איז

באַלד נאָכן דאַוונען אַרייַנגעגאַנגען זיך פּראַווען ביים רבין, ער האָט געהייסן דעם גבאי אָנשרייבן אַ קוויטל און אויף קיין פּדיון האָט ער נישט געהאַט, ער האָט געוואוסט, אַז אָן אַ פּדיון האָט דאָס גאַנצע פּראַווען קיין ווערט נישט, אָבער ער איז דאָך געגאַנגען. דער רבי האָט אים געהאַלטן לענגער די האַנט און ער האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל, אַז ער זאָל אים ווינטשן. ער האָט געענטפערט: „רבי, איך וויל, אַז איר זאָלט מיט ווינטשן, אַז איך זאָל קענען פאָרן צו אייך קיין בוהוש". דער רבי האָט געענטפערט: „יאָ, דער אויבערשטער זאָל העלפן בהרחבה"... ער האָט געזען אין דעם אַ רוח הקודש, דער רבי האָט דערפילט, אַז ער איז פאַרענגט, ברוח הקודש האָט ער עס געזען. און ער האָט זיך באַשלאָסן: ער האָט געזאָגט דעם רבין, אַז ער האָט אים עפּעס צו דערציילן, אים אַליין, קיינער זאָל נישט זיין דערביי. דער רבי האָט געשמייכלט, וואָס ער וויל האָבן יחוד מיט אים און ער האָט געהייסן דעם גבאי פאַרמאַכן די טיר. ער האָט דערציילט דעם רבין אַלץ, וואָס עס האָט געטראָפן מיט אים אין האַנטשעשט. דער רבי האָט מיט איין האַנט געמאַכט ווי אַ דעכל איבער די אויגן, דאָך האָט ער אַריבערגעקוקט איבער דער האַנט אויף אים ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און ער האָט אַזש געציטערט. ער האָט ביים אָנהייב געזאָגט יאַנקלען, אַז ער האָט פריער געדאַרפט אַנטלויפן, אַזוי ווי יוסף הצדיק; בעלי תשובה שטייען אויף אַ הויך פּלאַץ, אָבער שענער איז נישט צו זינדיקן... איצטער איז שוין שפּעט... גיין חרוב מאַכן אַ יידישע שטוב, פאַרשעמען אַ יידישע טאָכטער, וואָס איז, געוואַלד! הרה לזנונים... וועלטן קענען דאָ חרוב ווערן... דער רבי האָט זיך געבייזערט... אַזוי אַ טוט מען תשובה? הרוצה לעשות תשובה, ילבוש שחורים ויעטוף שחורים וילך למקום שאין מכירין אותו און ער האָט אים פאַרטייטשט, גלייך ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז ווער ס'וויל טאָן תשובה, זאָל זיך איינהילן אין שוואַרצן און אָנטאָן שוואַרץ און ער זאָל אַוועקגיין אין אַ פּלאַץ, וואו מען קען אים נישט... דער רבי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, אַז דער קאַפּעליוש אין איינעם מיט דער יאַרמעלקע איז אים שיִעור נישט אַראָפּגעפאַלן. דער קאַרק און דער גאַנצער האַלדז האָט אים געשוויצט... ער האָט אויסגעזען בייז און צאָרנדיק. און ער האָט דערנאָך ביטער געלאַכט און געזאָגט, אַז מיסתמא איז די גאַנצע מעשה אַ חלום, ייִנגלעך אין זיינע יאָרן האָבן שטענדיק אַזעלכע חלומות... ער האָט עס געזאָגט אַזוי זיכער, אַז יאַנקל האָט שוין אָנגעהויבן קלערן, אַז אפשר איז עס באמת אַ חלום... און דער רבי האָט ווייטער געברומט, אַז ס'איז אַ חלום און אַז חלומות שווא ידברו, די חלומות זאָגן ליגן...

דער רבי האָט גערופן דעם גבאי. אין דרויסן זיינען שוין געשטאַנען אַ סך יידן און יידענעס, וואָס זיינען גרייט געווען זיך צו פּראַווען און דער רבי האָט געגעבן יאַנקלען אַ שפּיץ פון פינגער צום געזעגענען זיך און ער איז אַוועק. איידער ער איז אַוועק אין וועג אַריין, איז ער נאָך געגאַנגען צו זיין קרובה

מלכה; ער האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע וועט אים פרעגן: „ווי איז מען עס אין האַנטשעשט און מען גייט נישט זען מלכהן?” זי האָט געוואוינט רייך און איר מאַן האָט אויסגעזען ווי אַ האַלבער פריץ, כאָטש ער האָט געטראָגן אַ גאַנצע באָרד. זי האָט גוטמוטיק געלאַכט פון אים ווי אַזוי ער זעט אויס און האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער שערט זיך נישט אַרום אביסל די פאות און ער גייט נישט אָנגעטאָן ריינער, זיין טאַטן געדענקט זי גאַרנישט פאַר אַזאַ כניאָק. זי האָט אים געפרעגט, צי אַלע אין דער ישיבה זיינען אַזעלכע כניאָקעס. זי האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף שוין פאָרן לערנען. זי האָט אים געגעבן אַן אַדרעס פון איר אַ שוועסטערקינד אין קעשענעוו און זי האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז דאָרט איז דאָ אַ בחור, לערנט ער מיט די ישיבה לייט רוסיש אומזיסט און ער מאַכט זיי פאַר מענטשן. ער הייסט פּאָדאָלסקי און ער איז אַ סטודענט. יאַנקל איז רויט געוואָרן און ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף אים נישט, אָבער דער אַדרעס איז ביי אים דאָך געבליבן אין קעשענע... ער איז געגאַנגען אָפּנעמען דאָס פּעקל און געטראָפן די יידענע אַליין, זי האָט געקוקט אויף אים פרום און גאָטפאָרכטיק און זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיך געזעגנט אָן דער האַנט מיט איר און זי האָט אים מיטגעגעבן אַ פּעקל מיט עסן און איז אים געפאַלן צו די פיס און זיי ווידער געקושט... ער איז קוים אוועק פון איר. ווען ער איז שוין געווען אין הויף, האָט זי אים נאָכגעשריגן, אַז זי וויל וויסן ווי אַזוי ער הייסט, ער האָט איר געענטפערט און ער איז אוועק זיין וועג.

ער איז געגאַנגען אַ שטיק וועג צו פוס, דערנאָך האָט אים אָנגעיאָגט אַ פור מיט חסידים און אים אַרויפגענומען אויף אַ שטיק וועגס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע און זיי האָבן געטרונקען בראָנפן, זיי האָבן אים אויך געגעבן. דער בראָנפן האָט אים געברענט ביים האַרצן. ער האָט געוואָלט אַ גלאָז טיי, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען, אָבער ער האָט זיך געשעמט צו בעטן און ער האָט געטרונקען בראָנפן. דערנאָך זיינען די חסידים אוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער זייט און ער האָט געדאַרפט גיין צו פוס. דער בראָנפן האָט אים געברענט און ער איז געגאַנגען אַזוי און די טרערן זיינען אים געפאַלן פון די אויגן. ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ דאָרף. אינעווייניק איז געווען שטיל, אָבער ביים סאַמע עק דאָרף האָט מען געשפּילט און געזונגען און געטאַנצט. דריי קלעזמער האָבן געשפּילט. איינער, אַ בלינדער אויף אַן אויג, האָט געשפּילט אויף אַ צימבל און איינער האָט געפייפט מיט אַ טראָמפּייט און איינער האָט געקלאַפּט מיט אַ פּויק. שקצים מיט שיקסעס האָבן געטאַנצט און געשריגן. די שיקסעס זיינען געווען אָנגעטאָן מיט פאַרביקע קליידער און פאַרטוכער און האָבן געהאַט בלומען אין די קעפּ. די שקצים זיינען געגאַנגען אין מאָלדאַוואַנישע העמדער, אויסגענייטע מיט בלו-

מען און זאַנגען. די שקצים און די שיקסעס זיינען געווען צעפּלאַמט און זיי האָבן איבערגעשריגן די מוזיק. אַלטע גויים און גויהס האָבן זיך צוגעקוקט, אייניקע האָבן געפּליעסקעט און געטרונקען וויין. די שקצים מיט די שיקסעס האָבן אין מיטן טאַנצן געשטופּט איינס דאָס אַנדערע די קוואָרטן מיט וויין אין די מיילער אַריין. אַלעמאָל האָט אַן אַנדער שגץ אַוועקגעשלעפּט אַ שיקסע מיט וועלכער ער האָט געטאַנצט אין אַ זייט אַריין און זי געקושט און געריסן דאָס פאַרטוך פון איר. די שיקסעס האָבן געלאַכט. אייניקע האָבן געוויינט אויך. איין שייגעץ האָט אַראָפּגעריסן דאָס פאַרטוך ביי דער שיקסע און עס אָנגעצונדן. דער טאַנץ איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַזאַ מאָלדאַוואַנישע שמחה, וואָס הייסט „זשאָק". ביי יידן זיינען אַזעלכע שמחות נישטאָ. נאָר אַלטע לייט טאַנצן ביי יידן... אַמאָל, ווען יידן האָבן נאָך געלעבט אין ארץ ישראל, פלעגן זיי פּראַוועו פּונקט אַזעל־כע „זשאָקן" אין די ווייגנגערטנער. מען האָט געזאָגט, אַז בעסאַראַבישע יידן פלעגן אויך פּראַוועו אַזעלכע „זשאָקן" און אַז ערשט צוריק מיט פופציק יאָר זיינען נאָך אַזעלכע יידישע „זשאָקן" פאָרגעקומען און ר' שלמהלע דיין האָט געלייגט אַ חרם אויף זיי. מען האָט דעמלט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט פאַרשטערט שמחות ביי יידן... יאַנקל איז אַוועק ווייטער אין וועג אַריין.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, ער האָט געזען אַ סך ליכטער פון ווייטן, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו גיין בעטן נאַכטלייגער. ער האָט זיך געפּרואווט לייגן הינטער אַ סקערדע שטרוי, האָט אַ הונט אָנגעהויבן צו בילן, איז ער ווייטער געגאַנגען און ער איז ערגעץ אַנידערגעפאַלן לעבן אַ בערגל. ער האָט נישט געדענקט, וואָס מיט אים איז, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אין דרויסן איז געווען גרין און קאַלט. ער האָט געציטערט, כאָטש ס'איז געווען זומער. די ראָסע האָט אים געגעסן די אויגן וואָס האָבן אים ווי געטאָן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט אַזאַ ווייטיק אין די אויגן. דערנאָך איז געוואָרן וואַרעמער און ס'איז געוואָרן הייס, ער האָט געשוויצט און ער איז געגאַנגען. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפרעגט, צי ער איז אויף דעם וועג קיין קעשענעוו. ער האָט געמיינט, אַז ער איז ערגעץ אין אַ דאָרף. ער האָט ערשט איצטער געזען ווי גרויס די שטאָט איז. ביים אַריינפאָרן האָט זי סאַמע קליי־נע שטיבלעך, אָן הייף. און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען. ווען ער איז צו־געקומען וואו דער טראַמוויי איז שוין געגאַנגען, האָט ער נישט געהאַט צו באַצאָלן און ער איז ווייטער געגאַנגען. ער האָט געפילט, אַז ער זעט שוין באַלד אויס ווי בערל קיציסעס זון מיט דער קאַטערינקע. און ער איז דאָך אָנגעקומען צו דער גרשונסקע, זי האָט זיך אַזש דערשראָקן פאַר זיין אויסזען. זי האָט אים געגעבן אַ גלאָז טיי און אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און האָט אים געגעבן אַ ריין פּאָרל וועש. ער האָט געציטערט, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט ווערן קראַנק, אָבער אין דער פרי איז ער אויפגעשטאַנען געזונט און

ער איז אוועק אין דער ישיבה אריין. דאָרט האָט מען אים געפרעגט וואו ער איז געווען. מען האָט געפרעגט אויף אים ביי דער קוואַרטיר, שמחהלע האָט איינגעלייגט וועלטן, ער האָט געזאָגט, אַז אַ בחור טאָר נישט אוועקפאָרן און קיינעם נישט פרעגן, ס'איז נישט הפקר אַ וועלט. פון מאָטל מנקר און אלי קיליער האָט מען אים אויך געזוכט. זיידל פון ארץ ישראל געלט האָט אים פּאָר זיי געזוכט. די בחורים האָבן אים אָפּגעגעבן שלום, אויך דער רבי מרדכי האָט אים אָפּגעגעבן שלום עליכם מיט אַ ברייטער האַנט, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים שוין מער ווי דריי טעג נישט געזען. אין זיין שלום געבן איז געווען אַ געלעכטער און אַ חוזק און יאַנקל האָט זיך געפילט זייער שלעכט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש און מרדכי האָט געהאַלטן איין קוקן צו אים, ווען ער האָט געזאָגט דעם שיעור און ער האָט ווי געלאַכט פון אים... און דערנאָך, אַז ער האָט געדאַרפט פאַרהערן די יינגלעך, האָט ער דאָס ערשטע אים געפרעגט, כאָטש ס'איז געווען אַ שיעור, וואָס ער האָט אים נישט געהערט. יאַנקל האָט גענומען זאָגן און ער האָט זיך צעוויינט. ער האָט געפילט, אַז דער בייזער און גיפטיקער מלמד רעכנט זיך מיט אים איצטער אָפּ פאַר דער קשיא ווענן הילל, וואָס ער האָט אים געשטעלט. ביטער אויפן הארץ איז אים געווען פון דער גאַנצער איבערלעבעניש. ער האָט דאָך געמיינט אַזוי שטאַרק צו גוטן און צום סוף איז אַרויסגעקומען אַזוי צום שלעכטן. ער האָט געפילט, אַז דאָס אומגליק שפּאַנט אים נאָך טריט ביי טריט און וויפל מאָל ער דערוואַרט אַ גרויסע פרייד, קומט אַ גרויסער טרויער. ער איז געפאָרן צום רבין נאָך דערהויבונג, איז געקומען אַן אשת איש אויף זיין קאָפּ און האָט אים טמא געמאַכט און ער פילט, ווי זיין לייב וואָלט אים געווען פאַרוואָרלאָזט און דאָ קומט נאָך דער בייזער מלמד און רייצט זיך מיט אים, גלייך ער וואָלט געווען בלויז שולדיק און ער וואָלט גאָרנישט געמיינט צו גוטן. דאָס הארץ האָט זיך אים געעפנט מיט אַלע קוואַלן און ער האָט געוויינט בדמעות שלוש.... מרדכי האָט זיך עפּעס פאַרלוירן, די יינגלעך האָבן אים געפרעגט, צי ער איז נישט קראַנק און ער האָט געענטפערט, אַז ניין. אויף מאָרגן האָט זיך מרדכי ווייטער געטשעפּעט צו יאַנקלען, ער האָט אים געזאָגט, אַז אַ בחור אַ חסיד איז אַלציינס ווי אַ בחור אַ שדכן: פריער דאַרף מען לערנען און אַז מען איז אַן איידעם אויף קעסט, דעמאָלט איז מען אַ חסיד. יאַנקל האָט געהערט זיינע שטעכווערטלעך און ער האָט געפילט ווי מוראשקעס גייען אים אַרום איבערן לייב, ער האָט זיך געפילט טמא און פאַרלוירן פון אַלע וועלטן, כאָטש דער רבי האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ חלום. און ער האָט זיך אין גאַנצן צעחושט און גענומען שרייען, וואָס ס'איז אים געקומען אין מויל אריין. ער האָט אים געזאָגט: „איך בין אַ פאַרלוירענער, אָבער איר נאָך מער... איך האָב בכיוון נישט געטאָן קיין שלעכטס און איר יאָ... איר זיינט אַ משיג גבול... און אַ נוקם ונוטר זיינט איר אויך. מעכל מלמד האָט באַלד פאַרגעסן מיין קשיה

און איר געדענקט זי... און איר געדענקט נישט, אז ס'דארף זיין ימינו דוחה ושמאלו מקרבת (די רעכטע האנט שטויסט אפ און די לינקע איז מקרב) איר שטויסט אפ מיטביידע הענט, אזוי ווי א רשע... מרדכי איז בלייך געווארן, האט זיך געווארפן צו אים, האט דאך נישט אויפגעהויבן די האנט און ער האט אים געהייסן גיין. ער האט נישט גערעדט דאס צווייטע ווארט און ער איז אוועקגעגאנגען, ער האט גענומען דאס קעסטל זיינס אין „קלאדאווקע" און ער איז דערמיט אוועק צו דער גרשונקע און ער האט אפילו נישט געפילט, אז עס איז אים שווער, אן אנדער מאל האט ער עס קוים גע־קענט אויפהייבן. די גרשונקע האט זיך דערשראקן און זי האט אים געפרעגט וואס ס'איז געשען, ער האט געזאגט, אז גארנישט און ער איז אריין אין בעט אריין. לייבוש איז געקומען צו אים און ער האט אים געראטן, אז ער זאל איצטער גיין און אויף דער הייסער מינוט איבערבעטן מרדכין און ס'וועט גארנישט זיין, ווייל מרדכי אליין האט שוין געהאט צופיל סקאנדאלן אין דער ישיבה. ער האט אים געהייסן, אז ער זאל עס טאן שוין, איידער מען דער־ציילט עס שמחהלען און שלום טשארטקאווער, יאנקל האט זיך איינגעעקשנט און נישט געוואלט גיין, ער האט געזאגט, אז ער איז שוין סיי ווי פארפאלן פון ביידע וועלטן... ער איז קיינמאל נישט געווען אזא עקשן ווי דעמלט.

אויף מארגן איז ער געגאנגען צו אלי קיליער און דארט איז געווארן א גאנצער יאריד, אלע האבן זיך צוגעבויגן גלייך ווי ער וואלט דערציילט א מעשה פון טויזנט איין נאכט. פון האנטשעשט האט ער נאר דערציילט, אז ער איז געווען ביים רבין און ס'איז געווען א פריילעכער שבת, מער נישט... אלי קיליער האט די גאנצע זאך אויפגענומען ווי א אייגענער. ער האט גע־האט ערגערנישן דערפון, וואס יאנקלס טאטע וועט האבן יסורים. דערפאר האט יאנקל אליין אויך מורא געהאט. אלי איז אוועק צו שלום שלום טשארט־קאווער און ער איז צוריק געקומען מיט גארנישט. ער האט געזאגט, אז אין דער ישיבה איז שוין דא צופיל הפקרות און עמיצן דארף מען באשטראפן. דאס ביסל „טריפות", וואס יאנקל האט נאך צו לערנען ביי מרדכין, קען ער לערנען אליין. אנישט וועט ער עמיצן פרעגן. און עסן מעג ער ביי אלי קיליער אויך. וואו צו לערנען איז דא אין קעשענעוו. ער וועט אים לאזן לערנען ביי שלום פערלמוטער אין שולעכל אויך. מרדכי, האט שלום טשארטקאווער דער־ציילט, וויינט: א בחור א תלמיד, וואס לערנט פערטהאלבן זמן ביי אים, זאל אים אזוי באליידיקן און אפילו נישט קומען איבערבעטן. וואו איז כבוד התורה? אלי קיליער האט אויך מודה געווען, אז יאנקל איז נישט גערעכט. ער האט אפילו געזאגט, אז ער האט נישט געטארט פארן קיין האנטשעשט. ער האט אויך געוואלט פארן, אז דאס חיות איז אים אויסגעגאנגען און פון דעסט וועגן, אז ער האט נישט געקענט, איז ער נישט געפארן. אבער ווען ער האט געזען, אז יאנקל איז גאר פארצווייפלט, האט ער אים געטרייסט אין

ער האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט אויסגיין צום גוטן און ער האָפּט, אַז זיין טאַטע־מאַמע און אַלע בוהושער וועלן נאָך האָבן אַ סך נחת פון אים. און ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל, קען ער שוין איבערריידן מיט זלמן דיין, אָדער ברוכל דיין, אָדער משהלע דיין, צי אַפילו מיט דעם אַלטן שלמהלע דיין און זיי וועלן אים אַריינלאָזן אין פסקען שטיבל און אויף צו להכעיס די שונאים וועט ער ווערן אַ רב און טאַקע גאָר גיך און ער וועט אַ גאַנץ שטעטל אונטער־פירן אונטער בוהושער נגידות... און יאַנקל איז טאַקע געגאַנגען גאָר גיך אין פסקען שטיבל. די שאלות זיינען צום מערסטן געווען גרינגע און ער האָט פון דעסט וועגן אַלע מאָל געעפנט אַ יורה דעה און אַריינגעקוקט. אַז ס׳איז געקומען אַ יידענע מיט אַ ווייבערישע שאלה, פלעג ער רויט ווערן און הייסן צוגיין צום דיין. און ווייבער זיינען געקומען מיט זייערע שאלות, אַפילו מיט העמדער זיינען זיי געקומען...

און ווידער האָט יאַנקל געהאַט אַ מעשה מיט אַ קשיה. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעוואוינען פון זיין טבע. עס איז געווען אין אַ פּרייטיק פאַרנאַכט, אין שטיבל איז געזעסן שלמהלע דיין און עטלעכע בהורים. שלמה־לע איז שוין געווען זייער אַלט, ער איז געווען אַ ייד אין די אַכציקער, ער איז געווען זייער אַ גוטער און האָט געהאַט אַ דין קולכל און אַ מילדן קינ־דישן שמייכל. ער האָט קיין הויך וואָרט נישט גערעדט, אָבער געזאָגט האָט מען, אַז אַמאָל, אַמאָל ווערט ער בייז און דעמלט ווערט ער ווי אַ תלמיד חכם, וואָס „דרייט זיך אַרום ווי אַ שלאַנג". ס׳איז געווען שפּעט. מען איז געקומען פרעגן אַ שאלה וועגן עירוב, וואָס האָט זיך ערגעץ איבערגעריסן לעבן דער גרויסער שול. ר׳ שלמהלע האָט זיך געהייסן איילן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די שטאָט וועט בלייבן אָן אַן עירוב און דאָס וועט זיין אַ מכשול פאַר טויזנטער יידן און ער האָט גיך און נערוועז געוויזן. ווי אַזוי צו פאַר־בינדן דעם עירוב. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס שטריקל טאָר מען נישט אַרומ־בינדן אַרום ־סלופּ, נאָר מען דאַרף דאָס צובינדן אויבן צו אַ טשוואָק, וואָס איז צוגעקלאַפּט. יאַנקל האָט געפרעגט, אַז אויב דער עירוב דאַרף פאַר־שטעלן אַזאַ מין פלויט, וואָס מאַכט, אַז די שטאָט זאָל זיין אַ רשות היחיד, אַזוי ווי אַ הויף, טאָ וואָס זשע איז דער חילוק, צי דאָס שטריקל איז צוגע־בונדן אויבן, צי אַביסל נידעריקער? דער אַלטער דיין איז געוואָרן אָנגעצונדן און ער האָט געוויזן יאַנקלען דעם גראָבן פינגער און ער האָט אים געזאָגט: „נאַ, אָט וויז איך דיר, איאָ דו ווערסט נישט ברוגז? און אָט וויז איך דיר אים ווייטער (און ער האָט אים אַריינגעשטעלט צווישן צוויי פינגער און גע־מאַכט אַ פייג) און דו ווערסט ברוגז..." און מיט דעם זעלביקן כעס האָט ער געזאָגט צום איבערגעשראָקענעם בחור: „דו וועסט שוין קיין הורמנאָס ביי מיר נישט קריגן, אויב דו קענסט שטעלן אַזעלכע קשיות..." מער האָט ער דערפון נישט גערעדט, אָבער וויפל מאָל ער האָט אים דערנאָך געטראָפן, האָט ער

געקוקט אויף אים ברוגז און יאנקל האָט ערשט איצטער געפילט, אַז ס'איז זיין סוף. די רוגזא מיט דעם עלטסטן קעשענעווער דיין איז ערגער ווי דער קריג מיטן מלמד מרדכי. און ער האָט זיך געפילט אי איבעריק אויף דער וועלט, אי פאַרלוירן פון יענער וועלט. טמא פון אַן אשת אשה און פאַר־שטויסן פון אומעטום. ווען ער טרעפט איצטער קאַטערינטשיק מיטן פויגל, גייט ער אַוועק מיט אים. און ער איז געגאַנגען זוכן דעם סטודענט פּאָדאָלסקי. וואָס לערנט אומזיסט רוסיש מיט די ישיבה בחורים, צו וועלכן ער האָט גע־האָט אַן אדרעס פון זיין קרובה אין האַנטשעשט.

קאַפּיטל אַכצן

ער איז אַוועק אויף אַ נייעם וועג

פּאָדאָלסקי איז געווען אַ הויכער יונג, אַ געשטרעקטער און אַ פּריילעכער. ער האָט שטענדיק געלאַכט. יאַנקלס קומען צו אים האָט ער אויפגענומען זייער נאַטירלעך. ער האָט אים נאָר געזאָגט, אַז ווייל ער וואוינט אַזוי אין די אויבערשטע גאַסן און מען מוז גיין צו אים דורך גויים, וואָלט גלייכער געווען, אַז ער זאָל זיך אַביסל מער פּוצן. טאַקע די זעלביקע פּאות, אָבער גלייכער אַביסל, מער פאַרקעמט און פאַרגלעט. און בעסער אָנגעטאָן דעם שניפּס ביים קאָלנער און ער האָט אים טאַקע געוויזן ווי אַזוי. און די קאַפּאָטע קען מען אויך גיין בעסער פאַרשפּיליעט. קליידער מאַכן טאַקע נישט דעם מענטשן, אָבער דאָס אויסזען האָט אויך אַ ווערט. אַזוי האָט ער געזאָגט און ער האָט גוטמוטיק געלאַכט. ער איז גרייט געווען צו געבן יאַנקלען צו לייענען לשון קודשדיקע ביכער און לערנען רוסיש מיט אים. אויף רוסיש לערנען האָט זיך יאַנקל נאָך נישט באַשלאָסן, אָבער אַ לשון קודשדיק בוך ער באַלד גענומען. ער האָט אים געגעבן פּרץ סמאָלענסקיס „התועה בדרכי החיים". יאַנקל האָט צוויי טעג און צוויי נעכט געפּיבערט איבער דעם דאָזיקן בוך, וואָס דערציילט די געשיכטע פון דעם יתום יוסף, וואָס האָט געבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון לעבן. שרעקלעכע זאַכן ווערן דאָרט דערציילט וועגן יידן און וועגן פרומע יידן און וועגן בעל שם אַפילו... עפּעס האָט זיך נישט געגלויבט, אָבער ביי אים איז געווען אַריינגעקלאַפּט אַ מין גלויבן אין אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין ספרים. ער האָט פון דעסט וועגן געפרעגט פּאָדאָלסקין, צי עס איז טאַקע אַזוי געווען און דער סטודענט האָט אים דערקלערט, אַז אַ ראָמאַן דערציילט נישט זאַכן, וואָס זיינען פּינקטלעך געווען, נאָר וואָס קענען זיין, מען זאָגט אָבער, אַז דאָס איז טאַקע סמאָלענסקיס לעבנסגעשיכטע אַליין, ער זאָגט דאָך, אַז ער האָט דאָס בוך אָנגעשריבן „בכדי צו עפענען די אויגן פון די בלינדע, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין גריבער אַריין, אַזוי ווי איך, וואָס בין געשטרויכלט געוואָרן, געפאַלן און אַנטרונען געוואָרן באַצייטנס". וועגן דעם, וואָס עס קענען זיין אַזעלכע פאַראַרבענע צווישן פרומע יידן האָט פּאָדאָלסקי געזאָגט, אַז די פרומע יידן זיינען נישט

אַנדערש ווי די נישט פֿרומע און צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מורא פֿאַר גאָט, ווערן זיי נאָך נישט קיין גוטע. עס זיינען דאָ גויים, וואָס האָבן נאָך מער מורא פֿאַר גאָט ווי יידן און פֿון דעסט וועגן זיינען זיי גענוג פֿאַרדאָרבן און עס זיינען דאָ צווישן זיי אַזעלכע, וואָס הרגענען. און פּאַדאַלסקי האָט אים נעגעבן נאָך און נאָך ביכער. מאַפּוס „אהבת ציון", „אשמון שומרון", „עיט צבוע". אויך ביים גוטן מאַפּו האָט ער געטראָפֿן געשיכטעס וועגן שלעכטע און פֿאַרדאָרבענע און אינטריגאַנטן צווישן די פֿרומע יידן, וואָס פֿאַרבן זיך שיין און זיי זיינען מיאוס. ער האָט געלייענט סמאָלענסקיס „קבורת חמור" און פֿאַרגאָסן טרערן און ער האָט געלייענט ליליענבלומס „חטאת נעורים" און אין קאָפּ ביי אים האָבן זיך צונויפֿגעמישט יוסף, אמנון, צלפחד... איין זאַך איז אים קלאָר געוואָרן: אין לעבן איז דאָ אַ סך שלעכטס און ווער עס וויל לעבן ערלעך און גוט, האָט אַ סך אויסצושטיין. יאַנקל האָט געשטעלט פּאַ־דאַלסקין אָן אַ שיעור פֿראַגן און יענער איז נישט ברוגז געוואָרן. ער האָט גע־זאָגט: „דער חילוק צווישן אונז און „זיי" איז וואָס ביי אונז מעג מען פֿרעגן און מען דאַרף פֿרעגן און ביי „זיי" טאָר מען נישט פֿרעגן, מען טאָר ביי „זיי" נישט פֿרעגן, וואָס איז אויבן און וואָס איז אונטן און מיר פֿרעגן דווקא יאָ און מיר ווילן וויסן. יאַנקל האָט געפֿרעגט פּאַדאַלסקין צוליב וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט. האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, אַז ער ווייסט נישט. ער האָט מיט גאָט קיינמאָל נישט גערעדט... אָבער, האָט ער זיך געהיצט, ווען מיר זאָלן זאָגן אַזוי ווי די רעליגיע זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, ווייסן מיר שוין צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן. צוליב וואָס מאַכט אַ רייכער מענטש אַ סך הייזער און גיטער? בכדי ער זאָל קענען הערשן. די פֿרומע זאָגן דאָך, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, אַז ער זאָל האָבן אויף וואָס צו הערשן. מיר אָבער טראַכטן, אַז די וועלט האָט קיינער נישט באַשאַפֿן, זי איז געוואָרן פֿון זיך אַליין... יאַנקל האָט נישט געגלויבט אין דעם. פֿון זיך אַליין, האָט ער געזאָגט, ווערט גאָרנישט, אַ שטוב ווערט אויך נישט פֿון זיך אַליין, מען דאַרף זי בויען... פּאַדאַלסקי הערט אים אויס און זאָגט, אַז ווען עס זאָל אַפֿילו זיין אַזוי, האָט קיינער נישט געזען, ווי אַזוי און ווען די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן.. די פֿרומע ספֿרים זאָגן, אַז צוריק מיט פֿינף טויזנט און איבער זעקס הונדערט יאָר; עס זיינען אָבער דאָ באַווייזן, אַז די וועלט איז אַ סך, אַ סך עלטער. דאָס קען מען נישט דערציילן אויף איינמאָל, דאָס דאַרף מען לערנען און לערנען. און פּאַדאַלסקי האָט געגעבן יאַנקלען אַ ניי מין ספֿר, שוין נישט קיין ראָמאַן, נאָר אַ באַשרייבונג ווי אַזוי דער מענטש איז געקומען צו דער איצטיקער מדרגה. „תורת השלמת האדם" האָט דאָס ספֿר געהייסן און ס'איז געווען איבערגעזעצט פֿון דייטש. פּאַדאַלסקי האָט אים גע־זאָגט: „דער גרויסער דייטשער געלערנטער יוליוס ליפּערט האָט עס אָנגע־שריבן און דער גרויסער העברעאישער שרייבער דוד פֿרישמאַן האָט עס אי־

בערגנזעצט״. און ער האָט איבער דעם בוך געפּיבערט נישט ווייניקער ווי איבער די ראָמאַנען און ער האָט זיך דערוואוסט זאַכן, וואָס זיינען פּונקט פאַרקערט ווי ער האָט ביז איצטער געמיינט. און פּאָדאָלסקי האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל שטאַרק זיך אָנשטרענגען און פאַרשטיין די אמתע יידישקייט, וועט ער אים געבן אַ ספר, וואָס איז אַזוי שווער ווי דער „מורה נבוכים״, אָבער וואָס עפנט די אויגן — עס הייסט „מורי נבוכי הזמן״ און געשריבן האָט עס ר׳ נחמן קראָכמאַל, אַ געלערנטער, וואָס האָט נישט לאַנג געלעבט. יאַנקל האָט גענומען דאָס ספר און ער האָט איבערגעזוכט לייבושן און געוואָלט מיט אים גיין אין קאָברינער קלויז. לייבוש האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין זייט לאַנג געזוכט דאָס דאָזיקע ספר, אָבער מיט יאַנקלען אין איינעם האָט ער עס מורא צו לייענען דאָרט, ווייל מ׳קען זיי נאָך דערזען און מ׳זאָגט שוין סיי ווי אויף אים אין דער ישיבה, אַז ער איז אַן אפּיקורס. און אַז מען וועט לייבושן אַרויסוואַרפן פון דער ישיבה, וועט ער שוין נישט האָבן וואָס צו עסן. און פּאָדאָלסקי אַליין האָט טאַקע געגעבן אַ פּלאַץ ביי אים אין שטוב די צוויי ישיבה בחורים זאָלן לערנען דאָס שווערע ספר און ער איז פון צייט צו צייט אַליין אַריינגעגאַנגען צו זיי און זיך צוגעהערט ווי אַזוי זיי לערנען די פילאָזאָפיע פון גאַליציאַנער משכיל מיט דעם זעלביקן ניגון און מיט דעם זעלביקן קנייטש ווי זיי לערנען אַ בלאַט גמרא. עס איז אין דער הקדמה געווען דערציילט די לעבנסגעשיכטע פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, וואָס איז געווען אָרעם און קראַנק און ער האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת און די חסידים האָבן אים גערודפט. ער האָט געלעבט ווי אַ הייליקער. מען האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר בערלינער רב, האָט ער נישט געוואָלט אָננעמען. ער האָט נישט געהאַלטן, ווי ר׳ יהודה הלוי, אַז די פילאָזאָפיע ווייסט גאָרנישט, ער האָט געהאַלטן, אַז די פילאָזאָפיע איז „דער פעלזן שטיין, פון וועלכן אַלץ איז אויסגעהאַקט און צו איר מוזן אָנקומען אַלע, וואָס ווילן וויסן״. ביי אים איז דאָס יידישקייט נישט געווען די מצוות און די עבירות, נאָר דאָס גייסטיקע, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון דורות און דורות. ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן „רוחני״ און „קודש רוחני״ און יאַנקל האָט עס פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. דאָס ספר האָט געהאַט זיבן און דרייסיק שערים און זיי האָבן גערעדט וועגן די אַלע פראַגן, וואָס דער רמב״ם און ר׳ יהודה הלוי ריידן וועגן זיי און אין סאַמע עיקר איז אויסגעקומען, אַז בכדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען קענען און וויסן אַלע גייסטיקע יידישע אוצרות, אַלע אָפענע און באַהאַלטענע ספרים. יאַנקלען איז אויסגעקומען, אַז די חסידים האָבן אים גערודפט, ווייל ער איז טאַקע קעגן זיי, ביי די חסידים קען מען זיין אַ ייד מיט דאַווענען, מיט אַ קרעכץ, מיט אַ קאַפּיטל תהילים, מיט אַ ניגון און מיט אַ ריקוד... יאַנקל האָט בפירוש געזאָגט פּאָדאָלסקין, אַז אַזעלכע יידן ווי ר׳ נחמן קראָכמאַל וויל, קענען נישט זיין אַלע. האָט אים פּאָדאָלסקי

געזאָגט: אָבער איר, הער באָטאָשאַנסקי, ווילט דאָך נישט זיין גליידך ווי אַלע, איר ווילט דאָך זיין אַ געלערנטער, נישט אַ טענצער ביים רבין"... דערמיט, וואָס פּאָדאָלסקי האָט גערופן יאַנקלען „ה' באָטאָשאַנסקי" צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האָט ער אים אונטערגעקויפט. אָבער דורך די זיבן און דרייסיק טויערן (שערים) פון ר' נחמן קראָכמאַל האָט ער שטאַרק געבלאָנדזשעט.

און דערווייל האָט יאַנקל באַקומען אַ בריוו פון טאַטן, וואָס איז געווען פול מיט קלאָג און געוויין. דער טאַטע האָט זיך שוין דערוואוסט, אַז ער איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג. עמיצער האָט אים שוין געשריבן, כאָטש ער איז נאָך געגאַנגען מיט די זעלביקע פּאות און מיט דער זעלביקער קאַפּאָטע, וואָס פריער. דער טאַטע האָט געפרעגט אין זיין נאָמען און אין דער מאַמעס נאָמען, צי דאָס איז דער נחת, וואָס ער טוט זיי אָן. ער איז עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען ווי צעדולט און ער האָט עס דערציילט פּאָדאָלסקין. דער סטודענט האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז „ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן". ביי אים איז אויך געווען דאָס אייגענע. ביי אברהם אָבינו איז אויך געווען דאָס אייגענע. פרומע יידן דערציילן ווי אברהם אָבינו האָט צעבראָכן זיין טאַטן תרחס געצן און זיי האָבן הנאה דערפון. זייט שטענדיק אָן צעברעכן קינדער, וואָס טאַטעס בויען און זיי בויען פון ס'ניי. און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער קען רוסיש, וואָלט ער אים געגעבן אַ רוסישן ראָמאַן, וואָלט ער געזען, וואָס ביי די רוסן קומט פאָר צווישן עלטערן און קינדער... און דער סטודענט האָט דערציילט דעם ישיבה בחור, וואָס ליליענבלום איז אויסגעשטאַנען פון זיינע עלטערן און וואָס מאַפּו האָט געליטן פון די חסידים און טאַקע וואָס ר' נחמן קראָכמאַל אַליין האָט געליטן און ער האָט אים געזאָגט, אַז דער עיקר: ער זאָל זיך האַלטן פעסט... און פּאָדאָלסקי האָט אים אַלעמאָל באַקענט מיט מיידלעך, וואָס האָבן געהייסן מאַניאַ, סאָניאַ, מאַרוסיאַ... זיי האָבן אַלע אַזוי זיס געשמייכלט צו אים. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ווען ער טוט אויס די קאַפּאָטע, לאָדן, זיי אים איין צו זיך אין שטוב. האָט ער נישט פאַרגעסן אין זיין שטייגער און געפרעגט: „וואָס זשע וואָלט געווען?" האָבן זיי געלאַכט...

יאַנקל האָט געפילט, אַז ער דאַרף אַהיימפאָרן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מוט און ער איז געפאָרן צו דער שוועסטער קיין פּעטראָווקע מיטן געדאַנק, אַז פון דאָרטן וועט ער זיך גרייטן צו פאָרן אַהיים. ס'איז געווען אָנהייב אלול, ווען ער איז געפאָרן, עס איז געווען נאָך היים, אָבער פאַרנאַכט האָט שוין אָנגעהויבן ווערן קיל און בלעטער זיינען שוין געפאַלן פון די ביימער, וואָס זיינען געווען מער געל ווי גרין. ער האָט זיך כמעט מיט קיינעם נישט געזעגנט אין קעשענעוו. פון די ישיבה בחורים האָט ער זיך געזעגנט נאָר מיט לייבושן און בסוד. זיי האָבן זיך צעקושט ערגעץ אין אַ שטיל געסל און לייבוש האָט זיך אַ סך מאָל אומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט. ער האָט זיך נישט געזעגנט מיט קיינעם פון די מלמדים און נישט מיט אלי קיליער

און נישט מיט מאָטל מנקר אַפּילו. עס איז אים געווען שווער די לעצטע צייט צו גיין אין „הויכן״ בית מדרש אריין, ווייל מען פלעג אים דאָרט באַפאַלן און לייבעלע האָט אים שוין געזאָגט, אַז ער איז אַ פּוילישער... ער האָט די אַלע מענטשן ליב געהאַט און ער וואָלט געוואָלט שטאַרק און האַרציק זיך געזעגנען מיט זיי, אָבער ער האָט געפילט, אַז צווישן אים און זיי האָט זיך געשטעלט אַ וואַנט. ער איז געפאָרן אין באַן און מיט אים זיינען מיטגעפאָרן די אַלע פיר יאָר, וואָס ער האָט געלערנט אין קעשענעוו, ער האָט אַזויפיל זיך אָנגעלערנט אין די דאָזיקע פיר יאָר, אַ גאַנצע וועלט האָט ער צונויפגענומען אויף זיינע פּלייצעס און אויף זיין קאָפּ און אין זיין האַרצן און איצטער האַלט דאָס אין איין פאַלן... מען האָט געלערנט מיט אים וועגן תריג מצוות און אַלע דאַרף מען אָפּהיטן און ווייסן ווי אַזוי אָפּצוהיטן, קומט צו גיין אַ ר׳ נחמן קראָכמאַל און ער רעדט, אַז „קודש רוחני״ איז דער עיקר. און וואָס איז מיט „מליחה״ און „בשר בחלב״ און „תערובות״ און „טריפות״, וואָס ער האָט געלערנט? זיי זיינען אויך „רוחני״ און „קודש רוחני״? און וואָס איז מיט די אַלע דינים וועגן דעם, ווען מען מעג שוין יאָ דאַווענען פאַרטאָג און ווען מען טאָר נאָך נישט? און וואָס איז מיט די אַלע דינים וועגן דעם וואָס פאַר אַ ברכה צו מאַכן אויף אַלערליי פּירות און משקות? דאָס איז אויך „קודש רוחני״? די באַן האָט זיך אַזוי געשאָקלט און יאַנקל האָט אַלעמאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נאָך ערגעץ זען אַ שטיקל קעשענעוו, וואָס איז געווען זיין היים. וואו וועט איצטער זיין די היים זיינע? וואָס וועט ער טאָן אין פּעטראָווקע און וואָס וועט ער טאָן אין קיליע? אַ נאַרישקייט געדענקט זיך אים: ווען ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, איז אים אַראָפּגעפאַלן דאָס היטל, דאָס נייע היטל מיט דעם הויכן דעקל, וואָס ער האָט געקויפט אין קעשענעוו פאַר דעם פאָרן, כאָטש פּאָדאָלסקי, דער איינציקער, וואָס האָט אים באַגלייט צום וואָקזאַל, האָט אים געגעבן איידל אָנצוהערן, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען ער קויפט זיך שוין אַ שליאַפּע... ער האָט פון דעסט וועגן מורא געהאַט צו בלייבן זיצן אָן דעם היטל און ער האָט אַרויסגענומען אַן אַלט היטל פון קעסטל. אַ מיידל האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער גיט אַ קלונג בלייבט שטיין די באַן און מען געפינט דאָס היטל, אָבער מען דאַרף באַצאָלן פינף און צוואַנציק רובל שטראָף. זי האָט גערעדט רוסיש. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אָבער ענטפערן איז אים געווען שווער, דאָך האָט ער זי געפרעגט: „און אַז מען האָט נישט צו באַצאָלן די שטראָף?״ און ער האָט אַליין געלאַכט פון זיך, וואָס ער מוז שטעלן פראַגן. דאָס מיידל האָט אויך געשמייכלט און זי האָט אים געזאָגט, אַז ער מעג מיט איר ריידן יידיש אויך, זי איז פון פּעטראָווקע און זי קען אויך זיין שוועסטער. וואָס איז געפאָרן קיין אַרגענטינע, יענע קען בעסער רוסיש פון אים. זי אַליין הייסט סאָפיאַ וואָלענבערג און זי האָט נאָך עטלעכע שוועסטער אין

פעטראָווקע און אַלע לייענען זיי רוסיש. זי מיט אירע שוועסטער האָבן טאַקע זיין שוועסטער געהאָלפן לערנען רוסיש און ווערן אַ מענטש. האָט ער זיך טאַקע באַזונדערס דערמאָנט אין מרימען און ער האָט געקלערט, אַז איצטער וואָלט זי אים צונוץ געקומען, זי וואָלט אים געהאָלפן לערנען, רוסיש, כאָטש ער אַליין איז נישט געווען זיכער, אַז ער וועט טאַקע נעמען לערנען רוסיש. ער האָט איבערהויפּט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן, עס איז אים אויסגעקומען, אַז ער דאַרף ווידער ווערן אַ קליין יינגל...

אין פעטראָווקע האָט ער שוין די שוועסטער געטראָפן מיט דריי קליינע קינדער. זי איז געווען פאַרענדערט, אויף דעם שטערן זיינען איר צוגעקומען נייע קנייטשן, אָבער דאָס פּנים איז געווען יונג און קינדיש ווי אַמאָל. דער שוואָגער איז געוואָרן אַ סך דיקער און בכבודיקער, ער האָט שוין נישט אויסגעזען ווי אַ יינגל, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ חתן, נאָר ער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ ייד. די שוועסטער האָט אויסגעמיטן צו ריידן מיט אים וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען; דער שוואָגער האָט געזוכט צו דיסקוטירן מיט אים און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט שוין מיסתמא, אַז די וועלט האָט נישט גאָט באַשאַפן, נאָר זי איז אַ „קדמון" און ער וועט שוין מיסתמא גיך ווערן אַ ציוניסט. „רעדסט מיט די ציוניסטן, האָט ער געזאָגט, שרייען זיי געוואַלד, אַז זיי ווילן ראַטעווען דאָס יידישקייט, אָבער ווער עס ווערט אַן אפיקורס, ווערט באַלד אַ ציוניסט..."

אין שטעטל זיינען געווען עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן געלערנט אין אָדעס און זיי האָבן דעם זומער פאַרבראַכט אין דער היים און זיי האָבן זיך שוין ווידער געקליבן פאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אייניקע זיינען שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן. עס האָבן דאָרט היינטיקן זומער, האָט אים דער שוואָגער דערציילט, צוויי יונגעלייט געהאַט אַ שולע, וואו מען האָט געלערנט אי רוסיש, אי העברעאיש און ביידע אָן די היטלען. ביידע לערער האָבן געהייסן יאָסיף, איינער פעלדמאַן און דער אַנדערער פרידמאַן. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז יאָסיף פרידמאַן איז דעם אַנטשיקראַקער שוחטס יינגל, וועלכן ער האָט געזען, ווען ער איז געפאָרן מיט דעם טאַטן בלייבן אין דער ישיבה. ער איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן אין אַ דערבייאיקן שטעטל, וואָס האָט געהייסן מאַנזיר, אָדער גראַפּיניע אויף אַ קאָנדיציע. ער קלויבט זיך צו ווערן דאָקטער, אָבער דערווייל איז ער אַ לערער און ער עסט טעג ביי די באַלעבאַטים ביי זיינע. יעדן טאָג אין דער וואָך עסט ער ביי אַן אַנדער באַלעבאָס און מען גיט אים אַביסל געלט אויך. יאָסיף פעלדמאַן איז נאָך דאָ אין פעטראָווקע, ער קען מער רוסיש און ווייניקער העברעאיש, ער איז טאַקע אַ פעטראָווקער, זיין טאַטע הייסט טאָדרעס און ער איז „יענער תוך", ער האָט נאָך צוריק מיט צוואַנציק יאָר שוין געמאַכט „ליוביטעלסקי ספּעקטאַקלען". יאָסיף פעלדמאַן איז געקומען זיך באַקענען מיט יאַנקלען. ער

איז געווען א נידעריקער, א רויטלעכער און א זייער געפאקטער, דאָך איז ער געווען שטארק רירעוודיק. ער איז געווען א היימיש און פריינטלעך און האָט געקענט זינגען און טאנצן. ער האָט גערעדט צום מערסטן רוסיש, אָבער געזונגען האָט ער כמעט נאָר יידישע לידער. ספּעקטאקלען האָט ער געמאכט אָפט און אויך נאָר אין אידיש און ווען ער האָט גערעדט יידיש, האָט ער גערעדט שלום עליכמדיק און מיט א קוועטש און מיט א קנייטש. אין שטעטל האָבן אים כמעט אלע ליב געהאט אויסער די עטלעכע גאָר פרומע, וואָס האָבן געזאָגט, אז ער פירט אראָפּ די יוגנט פון גלייכן וועג. ער האָט געזאָגט, אז ער פירט זיי ארויף אויף דעם גלייכן וועג, ווייל אין שול אריין גייען זיי סיי ווי נישט און א דאנק אים מאכן זיי א ספּעקטאקל און פארקויפן א שקל אָנשטאָט זיי זאָלן גיין אין שענק אריין און שפּילן אין קאָרטן... ער איז געווען א פארברענטער ציוניסט. ער האָט באלד געפרעגט יאנקלען, צי ער איז עס אויך און יאנקל האָט אים געענטפערט, אז דערווייל איז ער א ישיבה־בחור, וואָס זוכט א וועג...

יאָסיף פעלדמאן האָט פאָרגעלייגט יאנקלען, אז ער זאָל מיט אים לערנען גמרא און ער וועט אים דערפאַר לערנען רוסיש. דאָס שותפות איז געמאכט געוואָרן און יאנקל האָט הנאה געהאט אויך פון דער גמרא וואָס ער האָט געלערנט מיט זיין נייעם חבר. יוסף פעלדמן האָט געוואָלט וויסן ווען די תנאים און אמוראים האָבן געלעבט און דאָס דאָזיקע האָט געצוואונגען יאנקלען צו קוקן אין „ערוך השלם" און אין „ספר הדורות" און ער האָט אָנגעהויבן קענען אביסל יידישע געשיכטע, פריער האָט ער נישט געהאט די קלענסטע אנונג וועגן אביסל כראָנאָלאָגיע. יוסף האָט מיט אים אָנגעהויבן לערנען רוסיש און עס איז אים געווען אי לייכט, אי שווער. עפּעס איז געווען צו פּשוט און מען האָט צופיל געדארפט לערנען אויסנווייניק. צענדליקער ווערטער, וואָס שרייבן זיך מיט הער בוכשטאב „יאטי" האָט ער געדארפט אויסלערנען אויסנווייניק, קיין שכל איז דערביי נישט געווען... אמאָל האָט ער זיך פארטשעפּעט אין א וואָרט און עס בשום אופן נישט געקענט פרשטיין. ער האָט געלערנט געאָגראפיע, אז די ליניע וואו דער „נעבעסני סוואָד" פאריייניקט זיך מיט דער ערד הייסט „האָריזאָנט". וואָס הייסט „סוואָד"? „נעבעסני" הייסט פון הימל און „סוואָד" וואָס הייסט? יוסף האָט געזאָגט „דאָס, וואָס קאטשעט זיך אראָפּ", ווי אזוי הייסט עס אויף יידיש? און ער האָט זיך אָנגעהויבן איבערצייגן, אז אין יידיש זיינען א סך ווערטער נישטאָ. יוסף האָט אים געזאָגט: „דערפאר רופט מען עס זשארגאָן!" אין העברעאיש, האָבן זיי געפונען אין ווערטער־בוך, הייסט עס „שיפּוע", אָבער אין דער ישיבה האָט מען געזאָגט „שיפּוע" אויך ווען מען האָט גערעדט יידיש. ער האָט אויפגעהערט צו זוכן די רוסישע ווערטער אין

יידיש, ער האָט זיי נאָר געזוכט צו פאַרשטיין און עס איז אים געגאַנגען גרינגער.

עס איז אונטערגעקומען ימים נוראים, יוסף פעלדמאַן איז געגאַנגען אין שול, אָבער אַביסל, און יאַנקל, וואָס איז נאָך געגאַנגען מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און וואָס האָט נאָך נישט אָפּגעשניטן אינגאַנצן די פאות, איז אויך געגאַנגען ווייניקער ווי אַמאָל אין שול אריין, ער האָט פאַרשפּעטיקט, אָבער ער האָט דאָך דערדאַוונט, ער האָט נאָך זיך נישט באַשלאָסן עפּעס צו פאַרפעלן פון דאַוונען. אין דער קאַפּאָטע און מיט די פאות האָט ער אין איינעם מיט יוספן פאַרבראַכט אין זיין געזעלשאַפט צווישן גימנאַזיסטן, גימנאַזיסטקעס און סתם שטעטלשע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געלייענט אַ סך רוסיש און האָבן גע־זוכט אַ צוקונפט. די מיידלעך האָבן אַרויסגעוויזן אַ קוריאָזיטעט צו יאַנקלען, טאַקע ווייל ער איז געווען נאָר וואָס פון דער ישיבה. מען פלעג שפּילן אין „פאַנדן" און אין „צענזור" און מען פלעג יאַנקלען אריינזאָגן וועגן זיין קאַ־פּאָטע און זיינע פאות, איינער פלעגן וועגן אים גלאַט אַ זאָג טאָן, אַז ער איז אַ יאָלד, פעלדמאַן האָט זיך פאַר אים שטענדיק אָנגענומען. איינער האָבן געגומען רעדן וועגן אַ ספּעקטאַקל און זיי האָבן געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל שפּילן דעם קאָמיקער מיט דער קאַפּאָטע. פעלדמאַן, וואָס פלעג זיין דער רעד־זשיסאָר פון די ספּעקטאַקלען, האָט זיך אונטערגענומען אים אויסצולערנען שפּילן; ביים אָנהויב איז געגאַנגען גוט, אָבער דערנאָך האָט יאַנקל זיך גע־פילט שלעכט, עס איז אים אויסגעקומען, אַז ער דאַרף נאָכקרימען זיך אליין און זיין טאַטן און זיין שוואָגער... ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט שפּילן, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין טעאַטער. פּאָדאָלסקי האָט אים געפירט אין קעשענעווער שטאָט־גאָרטן פאַר דעם אָוועקפאָרן אין „פּאָוועליאָן", מען האָט געזאָגט, אַז דאָרט טאַנצן נאַקעטע מיידלעך, ס'איז נישט געווען אמת, נאַקעט זיינען זיי נישט געווען, זיי זיינען נאָר געגאַנגען מיט קורצע קליידלעך, אָבער זיי האָבן נאָר געטאַנצט, קיין טעאַטער האָבן זיי נישט געשפּילט. עס איז פון דעם ספּעקטאַקל גאָרנישט געוואָרן. יאַנקלען איז נמאס געוואָרן דאָס זיין אין פעטראָווקע, כאָטש עס זיינען דאָרט פאָרקומען זייער אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס פון צייט צו צייט. מען האָט טאַקע ביי די שוועס־טער וואָלענבערג אין שטוב גערעדט און געפירט דיסקוסיעס, אָבער אין רוסיש און וועגן רוסישע ביכער און ער האָט ווייניק פאַרשטאַנען רוסיש און די ביכער וועגן וועלכע מען האָט גערעדט האָט ער נישט געלייענט. געווען אַ מיידל אַ מאָדיסטקע פאַני שעכטמאַן, אַ טאָכטער פון אַ שניידער, האָט זי געלייענט די אַלע ביכער און ער נישט. ער האָט מקנא געווען די אַלע, וואָס ריידן רוסיש מיט אַזעלכע געשליפענע צינגלעך און ער איז געווען ברוגז אויף זיי, וואָס זיי ריידן נישט קיין יידיש. ער האָט אויך געפילט, אַז די קאַפּאָטע מוטשעט אים, אויסטאָן האָט ער זיך נישט באַשלאָסן אַן דעם טאַטנס וויסן

און ער האָט אויך נישט געהאַט אויף אַ קורץ רעקל. און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער פאָרט קיין קיליע. ער איז געפאָרן ביז אין אַ סטאַנציע, וואָס הייסט טראַ־יאַנאָוו וואַל און פון דאָרט איז ער צוגעפאָרן עטלעכע וויאָרסט קיין באַל־גראַד, וואו עס האָט געוואוינט זיין פעטער אליס עלצטער זון בערל, וואָס האָט שוין חתונה געהאַט און געהאַט צוויי מיידלאך און וואָס האָט נישט גע־וואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. אין באַן האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ בחור, וואָס האָט געלערנט אין דער ישיבה און וואָס איז אַוועק, ווייל זיין טאַטע איז אים געשטאָרבן און ער איז געווען דער עלצטער אין שטוב און ער האָט גע־דאַרפט זיין ביי דער פרנסה. ער האָט געהייסן גדליה אָטשאַקאָווער, אָבער זיי־נע עלטערן האָבן זיך איבערגעצויגן פון לעבן אַדעס קיין בעסאַראַביע. איינ־איינעם מיט גדליהן איז געזעסן עפעס אַ דיינס אַ זון, וואָס האָט געטראָגן אַ קאַפּאָטע מיט פאות, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין דיין און ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז ווערן אַ סוחר. ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם, אַז כלי קודש זיינען נישט פריי און ער האָט דערציילט, אַז ביי זיי אין שטעטל איז דאָ אַן אַפּטייקער, גייט זיין ווייב נישט נאָר מיט די בלויזע האָר, נאָר זי גייט פריי, זי גייט אין גאַס אַ בלוזע, זעען זיך אויבן אַרויס די אָנהויבן פון די ברוסטן. וועט אַ דיינס אַ ווייב, האָט ער געפרעגט, אויך גיין אַזוי? יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז די מציאה פון גיין אַזוי און ער האָט זיך דערמאָנט אין גמליאלס ווערטער, אַז די אַלע, וואָס זיי־נען אפיקורסים, זיינען קנעכט, ווייל עס שטייט „עבדא בהפקרא ניחא ליה", אַ קנעכט האָט ליב הפקרות, נישט קיין פרייהייט, ווייל אַ פרומער ייד איז פריי צו דינען גאָט... יאַנקל האָט געוואָלט וויסן, צי גאָט פאַרלאַנגט טאַקע, אַז מ'זאָל דאַווענען און אַזוי אָפּהיטן יידישקייט ווי זיין טאַטע און יענער רעדט וועגן דעם, אַז דאָס ווייב זאָל גיין פרייער אָנגעטון... בערל האָט זיך אין באַלגראַד געחכמהט מיט יאַנקלען, מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז געפאָרן קיין קעשענעוו אַ מלאך און ער קומט צוריק אַ גלח. ער האָט דער־פילט, אַז מען רעדט אַ סך וועגן אים... פון באַגלראַד איז ער געפאָרן קיין איזמאַיל, דער פעטער אלי איז שוין נישט געווען, די באָבע אויך נישט, זי האָט שוין נישט קיין כוח געהאַט צו זיין אַ הייבאַם און זי איז געפאָרן קיין קיליע. עס איז נאָר געווען די מומע ליבע, דער פעטער הערש איז שוין אויך געשטאָרבן. די עלטערע טאָכטער מאַניא האָט שוין חתונה געהאַט קיין אַקער־מאַן און פאַר דער יינגערער האָט מען געזוכט אַ שידוך. דאָס קלענערע יינגל לייב איז אויך געשטאָרבן, ער האָט זיך פאַרקילט און געשטאָרבן. די מומע ליבע האָט פאַר איר פּלימעניק שטאַרק געוויינט וועגן איר יינגל, וועגן איר מאַן נישט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז די יינגלעך, וואָס מען גיט אַ נאָמען בערל נאָך דעם טאַטנס טאַטן, שטאַרבן און ער האָט געלאַכט צו זיך אַליין. אָט לעבט אין באַלגראַד אַ בערל און אין

איזמאַיל איז געשטאָרבן אַ לייב... ער האָט זיך אָנגעהערט אין איזמאַיל נאָך וועגן אַ סך אייגענע, וואָס זיינען געשטאָרבן. אין אַזאַ קורצער צייט אַזוי פיל געשטאָרבן. די שטאָט אליין האָט אויך אויסגעזען ווי געשטאָרבן. ווי לאַנג האָט אים איזמאַיל אויסגעזען ווי די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט? די מו־מע האָט געזאָגט, אַז פון נאָך דעם פּאָגראָם זיינען זיך אַ סך יידן צעלאָפן קיין אַמעריקע און אַרגענטינע און די שטאָט איז געוואָרן טויט. די גויים אליין ווייסן עס און זיי טוט באַנק, וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם פּאָגראָם און זיי בעטן די געבליבענע יידן, אַז זיי זאָלן נישט אַוועקפאָרן. די מומע האָט יאַנקלען אויך דערציילט, אַז די מאַמע וויינט טאָג און נאַכט פון דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער איז עס נישט געוואָרן. די מומע האָט געשמייכלט, אַז איר איז סיי ווי אַלצאיינס, ווייל זי איז נישט אַזאַ „צלמניצע" ווי די מאַמע, וואָס האָט מורא, אַז מען וועט איר שוין צונע־מען דעם גן עדן מיטן שור הבר און מיטן לוויתן...

יאַנקל האָט נישט געשריבן אַהיים, אַז ער קומט און ווען ער איז אָנגע־קומען מיט דער שיף, האָט קיינער נישט געוואַרט אויף אים. אַ שגץ האָט גענומען ביי אים דאָס קעסטל צום טראָגן און ער האָט זיך געלאָזט צופוס. ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבן זיך שוין איבערגעצויגן אין אַ נייער שטוב, דאָס מאָל אין אַן אייגענער. די שטוב האָט געהערט צו אַן אַלטן דאַמסקע שניידער לעבעדינסקי, איז ער געשטאָרבן און די קינדער זיינען זיך אַלע צופאָרן קיין אַרגענטינע. דער טאַטע האָט אים געשריבן, אַז אַ סך קיליער זיינען אַוועק קיין אַרגענטינע. איציק העניע רחלס זון, וואָס איז געווען אַ שניידער אין איזמאַיל און מען האָט אים דאָרט גערופן „משה אַנאָל", איז באַלד נאָך דעם פּאָגראָם אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, פּונקט ווען דער פּע־טער אלי איז געפאָרן קיין אַמעריקע. די צאַליסעס פון קיליע, וואָס זיי זיינען געווען שניידערס און קירזשנערס און זיי האָבן אַלע געהאָלפן ברענגען דעם טאַטן פון טשיטשמע קיין קיליע, זיינען איצטער כמעט אַלע אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. אַ תכלית געוואָרן פון דער שטאָט. עס קומט אוים כאָטש נעם און פאָר נאָך... אָבער מרים שרייבט, אַז שפרה וויל צוריקקומען און דער טאַטע וועט זי מוזן ברענגען, ווייל זי דערגייט דאָרט מרימען די יאָרן. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין נישט האָבן קיין עול פון קיין טאָכטער און קענען דינען גאָט מיט אַ רואיקן קאָפּ און צום סוף וועט ער ווייטער דאַרפן זוכן אַ שידוך... אַזוי האָט ער געשריבן, דער טאַטע. און קיליע האָט טאַקע אויסגעזען ווי טויט. דער פּאָרט איז געשטאַנען שטיל און פאַרפּראַשעט און די קלייטן פון דער גרויסער גאַס זיינען געשטאַנען מיט האַלבע טירן פאַר־מאַכט.

ווען יאַנקל איז צוגעקומען צו זיין טאַטנס שטיבל, איז דאָרט קיינער פאָרנט נישט געווען און אויף דער גאַנצער גאַס איז אויך קיינער פאָרנט ניט

געווען. דאס שטיבל איז געווען א סך נידעריקער, ווי ער האט עס געדענקט. עס איז געשטאנען פונקט אנטקעגן דעם הויף, וואו עס איז געווען חיים ערלעכס חדר, אבער דארט איז געווען א שענק און פון אינעווייניק האט מען געהערט גוייִשע שיכורים זינגען. יאנקלען האט א צופ געטון ביים הארצן. דאס שטיבל האט געהאט א דאך פון „קאמיש”, וואס האט אויסגעזען זייער אלט, די דאזיקע דעכער באגייט מען געווײנלעך איינמאל אין עטלעכע יאר, אבער ער האט דערקענט, אז דעם „אטשערעד” פון אט דעם דאך האט מען שוין לאנג נישט געביטן. יאנקלען האט זיך געדאכט, אז דאס שטיבל האט אן אלטן קאפ און ס'האט אים אנגעבויגן און סע טראכט... ווען ער איז אריינ־געגאנגען אין הויף, איז די מאמע געגאנגען מיט די פּלייצעס צו אים און האט עפּעס געטראגן. ער האט דורך די פּלייצעס דערקענט, אז זי איז עלטער געווארן און ווען ער האט געגעבן צו איר א געשריי „מאמע, איך בין געקו־מען”!, האט זי געגעבן א שטעל עפּעס א כלי און זיך געגעבן א דריי אויס צו אים און געוויזן טאקע א פארעלטערט פּנים און זי האט זיך געווארפן מיט א געוויין צו אים אויף דעם האלז. און זי האט זיך גוט אויסגעוויינט און אים געמאכט נאס מיט אירע טרערן און דערנאך האט זי גענומען שרייען:

— אברהם, לייב, שווינער, וואו זיינט איר? יאנקל איז דאך געקומען...

דער טאטע איז באלד ארויסגעלאפן פון בית השחיטה און זיך אים גע־ווארפן אויף דעם האלז, עס האט געשמעקט פון אים מיט בלוט און קויט פון הינער. די מאמע האט זיך צעבייזערט:

זע נאר, נישט געקענט לאזן דאס כאלאטל מיט בלוט און מיט פעדערן אין קעמערל!

די באבע איז שווער ארויסגעקומען פון א צימער און זיך געווארפן מיט איר גאנצער משא אויף יאנקלען און אים געקושט אן ציין און זי האט דער־ווייל געזאגט צו דער מאמען:

איצטער דארף מען זיך אויך קריגן?...

אלע דריי האבן זיך אנגעקוקט און געקוקט אויף דעם גאסט און דער גאסט האט דערקענט, אז קיין שטארקער שלום איז דא צווישן אלע דריי נישטא... דערווייל איז ארייננעלאפן דער מוזיניק, וואס האט אים אנגעפייפט אין בן יחידות אריין, א קליין שווארץ אינגעלע מיט ברענענדיקע אייגלעך. ער איז געגאנגען מיט א היטל מיט א גלינצעריקן דאשעק און מיט א הערב און מיט א „טוזשורקע” מיט געלע קנעפּ און מיט א גארטל מיט א שפּרינצעק. עס איז געווען די אוניפארם פון דער רוסישער „שטאטישער שול”. דער קליינער יאט איז אויף אים ארויפגעשפּרונגען, אז ער האט אים שיעור נישט איבערגעקערט און ער האט אים געפרעגט, וואס ער האט אים גע־בראכט. יאנקל האט געקוקט לאנג אויף אים און די מאמע האט געזאגט, אז ער גייט אין „שקאלע” ריין, ווייל היינט זיינען אנדערע ציטן, אין די

חדרים לערנט מען היינט נישט מער ווי א האלבן טאג און איידער ארומלויפן פוסט און פאס און איבערליגן ביים טייך, איז שוין בעסער צו גיין אין „שקאלע“ אריין. יאנקל האט זיך צוגעהערט און זיך געחידושט. מיט מרימען האט מען זיך פשוט געשלאגן, אז זי זאל נישט לערנען קיין רוסיש און אים האט מען אליין אריינגעגעבן אין „שקאלע“ אריין און מען האט גאר קיין מורא נישט פאר קהל. ער האט געמיינט, אז אים וועט מען אויך מוחל־זיין, וואס ער ווערט אן אנדערער, אבער ער האט געהאט א טעות, ער איז געווען דאס ווינטשפינגערל, וואס האט צוגעזאגט א בארג מיט עולם הבא און האט נישט געגעבן, ער איז געווען דאס גרויסע לאטעריע־צעטל, וואס איז ארויס אין טיראזש... אנגעהויבן האט די מאמע און געענדיקט האט דער טאטע. ער האט גאר קיינמאל נישט געהערט דעם טאטן אזוי ריידן, ער האט באקומען א גיי לשון. נאכדעם, וואס ער האט זיך נאכגעפרעגט צי מען האט אים ארויס־געוואָרפן און ער האט געענטפערט, אז ער איז אליין אוועקגעגאנגען, ווייל ער האט נישט געוואלט ווארטן ביז וואנען מען וועט אים ארויסווארפן, האט זיך אנגעהויבן א טרויעריקער מוסר פאר דעם נחת, וואס ער האט אנגעטאן. דער טאטע האט עס געטאן מיט א שטילן געוויין און די מאמע און די באבע מיט א שלוכצן; די גוטע באבע האט אויך געדארפט צוהעלפן. זי האט זיך איצטער אפגענומען אירם פאר די מתנות, וואס זי האט אים אמאל געקויפט... יאנקל האט געזאגט, אז ער האט דאס געטאן אן כוונה, אן ווילן, עס האט זיך גלאט אזוי געטאן. און דא האט דער טאטע גענומען ריידן גארנישט מיט זיין קול און נישט מיט זיין לשון:

אט דאס איז טאקע דער אומגליק, וואס אן כוונה און אן ווילן. א ייד צו זיין דארף מען האבן א סך כוונה און א סך רצון...

יאנקל האט נישט פארשטאנען פארוואס ער זאגט נישט דאנקען גאט. ער זאגט דאך אויף אלץ דאנקען גאט, ווען ער וואלט געשטארבן, וואלט ער געווים געזאגט „ברוך דיין אמת...“ דער טאטע האט דווקא געוואלט וויסן, וואס ער טראכט ווייטער צו טאן, ער האט א פאר מאל נישט געענטפערט און ווען ער האט דווקא געמאנט אן ענטפער, האט יאנקל אים געזאגט, אז ער וויל פארן קיין אדעס און עס איז געווארן א יללה... דער טאטע איז געווארן א פלאם פייער. „אין קעשענעוו, האט ער געשריגן, האט זיך עס אנגעהויבן, אין אדעס וועט זיך עס ענדיקן... געלערנט צו זיין א גוי, די ערגסטע גויים זיינען דאך די דאזיקע, וואס קענען, וואס האבן געלערנט“. דער טאטע האט כאטש גע־וואלט אפדינגען אויף דערווייל. זאל ער דערווייל נישט פארן קיין אדעס, ער וועט אים צונעמען א לערער אויף רוסיש און ער וועט לערנען, ער האט נאך צייט. מען וועט זען... דער כעס איז אריבער און דער טאטע איז ווידער גע־ווארן דער שטילער, וואס איז א קוילער נאר צו די הינער און צו די בהמות, צו די מענטשן איז ער די גוטסקייט אליין. די מאמע האט נישט אויפגעהערט צו

וויינען און קלאָגן, דער טאַטע האָט געשוויגן און זיך שטיל געעקט. די מאַמע האָט אויסגעפונען, אז אין קעסטל פעלן די תפילין און זי האָט געמאכט א ליארעם, און ווען ער האָט געענטפערט, אז ער האָט זיי פארגעסן אין דער ישיבה, האָט זי געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נישט פאַרגעסן דעם קאָפּ, דער טאַטע האָט געהייסן נישט מאכן קיין רעש און שפּעטער האָט ער געהייסן שרייבן א בריוו אין ישיבה אריין, ווייל ס'זיינען נחמן סופרס תפילין, א יקר־המציאות... און יאנקל איז דערווייל געבליבן אין קיליע.

קאפיטל נײַנצן

דבורה האָט חתונה און יאנקל פאָרט קיין אָדעס

דער זומער האָט זיך פארצויגן אין יענעם יאָר און דער ווינטער איז ניט
געקומען. יאנקל האָט ערשט איצטער זיך באַקענט מיט זיין שטעטל. ער האָט
עס באַקוקט פון אלע זייטן. א זיבן - אכט גאסן אין דער ברייט האָט עס גע־
האט און אין דער לענג האָט עס געהאט יידישע א צוועלף קוואַרטאלן, דער־
נאָך האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן גוישע, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן אויף
דעם פארייִדישטן מאָלדאוואניש — „מאהאַלע". אין דער דרום־מערבדיקער
זייט האָבן געוואוינט מאָלדאוואנעס, ביים טייך האָבן זיי געוואוינט, פון יע־
נער זייט איז געווען אלט־קיליע, א קליין שטעטל, וואָס איז געבליבן רומע־
ניש. אין צפון מזרח האָבן געוואוינט קאצאפּעס און כאָכאָלן. אין צוויי פאר־
שיידענע טיילן האָבן זיי געוואוינט. די מאָלדאוואנעס זיינען געווען די זעל־
ביקע „פּראוואָסלאוונע", וואָס די כאָכאָלן, די קאצאפּעס זיינען געווען „סטא־
ראָבריאַדצעם" און האָבן געפּראוועט אַן אנדער רעליגיע, אַן עלטערע. די
קאצאפּעס האָבן נישט גערויכערט און נישט געטרונקען קיין וויין און זיי
זיינען דאָך געווען ערגער ווי די שיכורע כאָכאָלן. אין דער מיט האָבן גע־
וואוינט „מאָלאָטשניקעס", אזעלכע, וואָס האָבן נישט געגעסן קיין פלייש און
האָבן גערעדט גרויסרוסיש. יאנקל האָט געוואָלט עפּעס וויסן וועגן זיין שטאָט
און אין ערגעץ נישט געפונען גאָרנישט אין דער געשיכטע וועגן איר, אויסער
וועגן דעם, אז אין יאָר 1594, ווען דער רומענישער קעניג מיכאַי וויטיאַזו
(דער גבור) האָט אין א סך שטעט געמאכט פּאָגראָמען אויף יידן, האָט ער
אין קיליע אויך געמאכט. אַנטקעגן אין אַלטקיליע, האָט מען געזאָגט, אַז דער
בעל שם האָט דאָרט געהאַלטן שביעי של פסח און געגעסן קניידלאך. ער
איז געפאָרן קיין ארץ ישראל און א שטורעם־ווינט האָט פארטראָגן זיין שיף
אַזש קיין אַלטקיליע. ער איז אהין אָנגעקומען אין איינעם מיט זיין טאָכטער
האָדל און ער איז שוין געווען ביז נאָך יום טוב, מען האָט געזאָגט, אז עס
שטייט נאָך די שטוב, וואו ער איז געווען... אין יאנקלס קיליע, אין נייקיליע,
איז גאָרנישט פאָרגעקומען. אין די אַלטע פּינקסן איז גאָרנישט געווען פאַר־
שריבן קיין אינטערעסאנטע זאכן. אפילו וועגן דער צעשאָסענער פעסטונג,

וואָס איז געשטאַנען ווי א באַרג אנטקעגן דעם טייך, האָט מען אויך גאָרנישט דערציילט חוץ דעם, אז מען האָט זיך דאָ א סך געשלאָגן מיטן טערק. היינט איז די גאַנצע פעסטונג געווען א פרידלעכער באַרג, וואו עס זיינען געווען עטלעכע שטיבלעך, אין וועלכע עס האָבן געוואוינט די גרעניץ־באַאמטע, די היטערס און א מאָלדאַוואַנישער גלח. דער באַרג האָט אויך גערינט פאַר א שפּאַציר־פּלאַץ, ווייל אין דער גאַנצער שטאָט, וואָס האָט געהאַט מער ווי דרייסיק טויזנט איינוואוינער, איז נישט געווען קיין איין שטיקל בולוואַר. די יינגלאַך מיט די מיידלאַך האָבן גערופן די פעסטונג „גאָרקאַ" (דאָס בערגל) און באַלד עפּעס איז געווען „פּאַידיאָם נאַ גאָרקו" (לאָמיר גיין אויפן בערגל) יאַנקל איז איצטער א סך מאָל געגאַנגען צום בערגל אַליין, געקוקט אַ טרויעריקער אין אַלע זייטן אריין און אויסגעקריצט מיט א מעסערל זיין נאָמען אין די אַלטע און יונגע ביימער פון בערגל און זיך צוגעקוקט ווי יינגלאַך מיט מיידלאַך שפּילן זיך דאָרט און זיך צוגעהערט ווי זיי זינגען און לאַכן ער האָט זיי מקנא געווען, וואָס זיי קומט אָן גרינגער דאָס לעבן... אויבן איז ער דאָ גאָר קיינמאָל נישט געווען. ער איז געווען אונטן אין „בוינע", ער פלעג איינמאָל אין יאָר גיין אנטקעגן, אין טאָל, רייסן פון די ווייַנענדיקע ווערבעס אויף הושענה רבא, אָבער אויבן אויף דעם „קרעפּאָסט", האָט ער געוואוסט, אז מען טאָר נישט ארויפגיין, ווייל דאָרט איז דאָ א קלויסטער. פאַר א נויט האָט מען גאָר געזאָגט, אז פּאָליציי לאָזט נישט. צוליב יידישקייט וועגן האָט מען געזאָגט א סך ליגנס... פונדעסטוועגן איז אים געווען גאַנץ פרייליך, ווען ער איז געגאַנגען רייסן הושענות, עס זיינען געווען די שמשים און אזוי פיל יינגלאַך, היינט האָט ער זיך דאָ געדרייט איינער אליין און זיך צוגעהערט צום רויש פון טייך דאָרט אונטן. דער טייך האָט פרייליך געפּלאַפּלט. א סך מאָל האָט ער געזען ווי יינגלאַך מיט מיידלאַך שיפן זיך מיט „לאָדקעס" און זיי פילן אָן דעם טייך מיט געזאַנג. ער האָט דאָס קיינמאָל נישט פארזוכט. מען האָט אויף דעם ברייטן טייך נישט דערלויבט קיין יידן זיך צו שיפן, ווייל עס איז געווען ביי דער גרעניץ און מען האָט מורא געהאַט, אז זיי זאָלן נישט אנטלויפן, אָבער מען האָט זיך שוין אַן עצה געגעבן. פאַר עטלעכע קאָפּיקעס האָט מען א סך פאַרבאָטענע זאַכן געמאַכט פאַר דערלויבטע.

דער לערער, וואָס דער טאַטע האָט צוגענומען פאַר יאַנקלען, איז זייט נישט לאַנג געווען אין שטאָט. ער איז געווען אַ קליינינקער, איבערהויפּט איז ביי אים געווען קליין דער צווייטער העלפט קערפּער. ער האָט געקענט אי רוסיש, אי דיקדוק און ער האָט אמאָל מסתמא געחלומט צו ווערן א דאָקטאָר. ער איז שוין געווען א זייער אלטער בחור און ער האָט גערעדט נאָר רוסיש. ער איז געגאַנגען מיט אַ גרויסן שטעקן, אויך שבת האָט ער אים געטראָגן, דאָס איז געווען זיין סימן, אז ער איז אַן אינטעליגענט. צוריק מיט יאָרן וואָלט מען אים געווען פארשטיינט דערפאַר אין קיליע, היינט האָט מען אים דאָס

געשווינג. ער האָט צום מערסטן צוגעגרייט יינגלעך און מיידלעך אין דער גימנאַזיע אריין פון איזמאַיל, אין קיליע האָט מען זיך שוין זייט צוואַנציק יאָר אוועקגעלייגט צו מאַכן א רוסישע גימנאַזיע און מען האָט נישט גע־פועלט. ער האָט געגרייט יאַנקלען פאַר פיר קלאַסן גימנאַזיע און ער האָט געוואָלט מיט אים אויך שמועסן וועגן וועלט־זאַכן, אָבער דער טאַטע האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נאָר לערנען. ער האָט געהייסן עפּשטיין דער לערער און ער האָט געהאַט א שם פון א גרויסן אַפּיקורס, מען האָט געזאָגט, אַז ער רויכערט אום שבת.

יאַנקל האָט ערשט דעמאָלט רעכט אָנגעקוקט דעם תבואה־מאַרק דעם קיליער, וואָס מען האָט אים גערופן „דער פּריוואָז" און פון וועלכן עס האָט געלעבט מער ווי א האַלב שטעטל. אַהין פלעגן קומען די פורלעך מיט תבואה פון אַלע ארומיקע דערפער, עס זיינען געקומען כאַכאַלן, מאָלדאַוואַנעס, באָלגאַרן, טאָטאַרן, גאַגאַוזן, קאַצאַפּעס און דייטשן. די יידן האָבן גערעדט מיט יעדן פויער אויף זיין שפּראַך. די דאָזיקע, וואָס האָבן געקויפט די תבואה, האָט מען גערופן „שפּיגעלאַנטן" (ספּעקולאַנטן), זיי פלעגן איינקויפן תבואה, אָפּליגן אין שפּייכלער און דערנאָך וואַרטן, ווען עס וועט ווערן א טייערער מקח און פאַרקויפן צו גרויסע הייזער, צום מערסטן צו דרייפוסן. וואָס ער האָט געהאַט א גרויסן קאַנטאָר. ס'זיינען אָבער געווען אויך אָרטיקע יידן, וואָס האָבן געהאַט גרויסע קאַנטאָרן, ס'האָבן געהאַט אַזעלכע ביוראָס די אָרטיקע נגידים חיים יאַנקל קיציס, שלום לעווענטאָן און ישראל זילבערמאַן. די „שפּיגעלאַנטן" פלעגן ביי א סך פויערים אָפּקויפן די תבואה, ווען זיי האָבן נאָר פאַרזייט און זיי האָבן ריזיקירט מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן. זיי פלעגן אין צייט פון אַקערן אַרומפאָרן אין די דערפער און אָפּקויפן די תבואה, וואָס דאַרף ערשט וואַקסן. און אַז עס איז געווען א שלעכט יאָר, פלעגן זיי בלייבן מיטן שטעקל. אָבער נישט אַלע פויערים פלעגן וועלן פאַרקויפן פון פריער. אַז עס פלעג אריינקומען א פורל מיט ווייץ, אָדער גערשטן, אָדער קאָרן, אָדער פּאַפּעשויעס אויף דעם מאַרק, פלעגן ווערן א געלויף פון די מעקלער. יעדער „שפּיגעלאַנט" האָט געהאַט א פּאָר מעקלערס וואָס האָבן געקויפט פאַר אים. און נישט איינמאָל האָבן זיך די מעקלער געשלאָגן צווישן זיך ביז בלוט. נאָך קינדרוויז האָט יאַנקל געהערט וועגן בלוטיקע געשלעגן צווישן די מעקלער, וואָס זיינען זיך געווען שונאים אויפן לעבן און דער שדכן נחמן רויזן האָט דווקא געוואָלט צונויפפּאָרן קינדער פון מעקלער, וואָס זיינען זיך שונאים. אַז עס זיינען נישט געקומען קיין פורלאַך זיינען די „שפּיגעלאַנטן" און די מעקלער אַרומגעגאַנגען מיט די שטעקלעך און געגעניצט און זיך צונויפגעשמועסט אין רעדלאַך און גערעדט ניבול־פּה. די פרומערע פלעגן שרייען „פע" און זיי פלעגן זיך צוהערן מיט אַן אויער. זיי פלעגן קענען דער־ציילן, אַז יענער בחור דער נאַר, ווען ער האָט חתונה געהאַט, איז אויף מאָרגן

נאָך דער חתונה ארויסגעגאנגען און האָט זיך געשעמט און געזאָגט שטילער־הייט „איי, איז דאָס גוט". אמאָל פלעג שבת קיין „פריוואַז" נישט זיין, איצטער זיינען שוין באלד מער אידן יאָ געגאנגען אויף דעם „פריוואַז" ווי נישט...

יאנקל האָט זיך געפּרואווט מאכן א טאָלק פון זיין לערנען. ער האָט זיך איינגעשטעלט א סדר פון טאָג. ער האָט געלערנט דעם קורס פון גימנאזיע, ער האָט געלערנט העברעאיש און ער האָט דעם טאטן צוליב געטון און גע־לערנט אַלע טאָג א בלאַט גמרא. ער האָט אויך געלערנט אין דער „יורה דעה" „טריפות" צו פארענדיקן וואָס ער האָט נישט דערלערנט ביי מרדכין. גמרא און יורה דעה איז ער געגאנגען לערנען אין בית־המדרש אריין בייטאָג. צוליב אים האָט מען דאָס בית מדרש געלאָזט אָפן, אמאָל האָט עס אפילו קיין שלאָס נישט געהאט און איצטער, האָט דער שמש געזאָגט, בעוונותינו הרבים, מוז מען שוין האלטן פארשלאָסן. דאָס בית מדרש האָט אויסגעזען פארעל־טערט, ס'איז געווען פארשטויבט און פארלאָזט. דער גרויסער וואנט־זייגער האָט נאָך אַלץ געהאָנגען און געקלונגען. יאנקל האָט זיך דערמאָנט, אז די יידן פון זיין טאטנס שולעכל פלעגן זאָגן, אז דער בית־מדרש זייגער שרייט „טשערקעס", ווען ער קלינגט און אים האָט זיך איצטער אויסגעדאכט אז ס'איז אמת. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם אונגארישן חבר זיינעם אברהם, וואָס האָט אים דער ערשטער געלערנט אריינצוקוקן אין אנדערע ספרים אויסער תנ"ך און גמרא. וואו איז ער ערגעץ דער דאָזיקער אברהם? יאנקל האָט דעמאָלט געחלומט פון קעשענעוו און איצטער האָט זיך שוין געענדיקט קעשענעוו. וואָס וועט זיין ווייטער? ער האָט זיך געזוכט צו פארגעסן אין דער גמרא און האָט נישט געקענט. ער האָט געפּרואווט לערנען דעם „תהילים" און אים האָט א סך מאָל א נעם געטאָן. אַלעמאָל האָט ער געפונען אַן אנדער תפילה, וואָס פּאַסט פאר אים. ער האָט געלייענט: „כי שבעה ברעות נפשי וחיי לשאול הגיעו" — זאט מיט שלעכטס איז מיין זעל און מיין לעבן האָט דער־גרייכט ביז צום גרוב, „נחשבתי עם יורדי בור, הייתי כגבר אין איל" — איך בין צוגערעכנט צו די דאָזיקע, וואָס גייען אין גרוב ווי א מענטש אָן כוח. אומעטום, אין אַלע קאפּיטלען, האָט ער געטראָפן געבעטן וועגן עלנדקייט און ער האָט געזאָגט און געוויינט און געלאכט פון זיך אליין און זיך געפרעגט, צי עמיצער הערט אים...

עס האָט זיך דעמאָלט באוויזן א קאָמעט. וואָס מען האָט גערופן „האליים קאָמעט". ס'איז געווען א שטערן מיט א לאנגן עק. מען פלעג אים זען אין פריען אָוונט. אמאָל, ווען עס איז געווען כמארנע, האָט מען אים געזען ביי־טאָג אויך. געזאָגט האָט מען אז ס'איז א סימן אויף מלחמה. אנדערע האָבן געזאָגט, אז דער דאָזיקער שטערן וועט זיך גיך באגעגענען מיט דער ערד און זי איבערקערן. נחמן דער משוגענער האָט געלאכט און געזאָגט, אז ער האָט

ניִשט קיין מוראַ, די ערד איז שוין סיי ווי גענוג איבערגעקערט. אייניקע יידן האָבן גלאַט געהאַלטן, אַז ס'איז אַ סימן, אַז משיח דאַרף קומען. אַ סך יידן פלעגן שטיין און קוקן אין הימל אַריין, אַזוי ווי דער קאָמעט האָט זיך נאָר באַוויזן און יאַנקל האָט אַ סך שעה פאַרלוירן קוקנדיק אין הימל אַריין און אין איין וועג האָט ער זיך אויסגעלערנט פון זיין לערער עפּשטיין די נעמען פון אַ סך שטערן. ער האָט אויך געפונען אַ ספרל ביים טאַטן אין שאַפע, וואָס האָט געהייסן „כוכבי לכת" און ער האָט זיך דערוואוסט אַז אַ קאָמעט אויף העבראיש הייסט „כוכב שביט" (אַ שטערן מיט אַן עק). ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער תנא שמואל האָט זיך באַרימט, אַז ער קען די וועגן פון הימל, פונקט ווי ער קען די וועגן פון דער שטאָט נהרדעא, וואו ער האָט געוואוינט. אָבער וואָס אַ קאָמעט איז, ווייסט ער נישט. דאָס ספרל, וואָס ער האָט געהאַלטן האָט געזאָגט, אַז אַ קאָמעט באַווייזט זיך איינמאָל אין זיבעציק יאָר... ער האָט זיך דערמאָנט אַ גמרא אין ברכות, אַז אין הימל זיינען דאָ צוועלף מזלות, אויף יעדער מזל דרייסיק חיילות, אויף יעדער חייל דרייסיק לעגיאָנען, א. א. וו. א. א. וו. און ווען דער קאָמעט איז פאַרשוואונדן; און ער איז אַוועק צוריק אין בית מדרש, איז אים געווען זייער טרויעריק.

אין שטוב ביי זיי איז געווען נאָך טרויעריקער ווי אין בית מדרש. די מאַמע האָט זיך שטענדיק ווען עפּעס געפונען צו קריגן זיך מיט דער באָבען און נאָך מער מיטן טאַטן. זי האָט געזאָגט, אַז ווען די באָבע איז געווען געזונט און זי האָט געקענט קויפן מתנות, איז זי געווען אין איזמאיל, איצטער איז זי ביי איר. ס'איז דער מאַמען געגאַנגען אין לעבן אַריין, אַז די באָבע זאָל זיין ביים פעטער נח אויך. דער פעטער האָט צוגעזאָגט, אַז נאָכדעם, וואָס זי וועט זיין ביים טאַטן אַ יאָר, וועט ער זי נעמען צו זיך, אָבער דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין פּלאַץ. די מאַמע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די מומע חוה וויל נישט אַרבעטן, האָט זי געשריגן אַז זי האָט אויך קיין כוח נישט צו אַרבעטן. האָט דער פעטער נח צוגענומען אַ דינסט אין שטוב אַריין, ער האָט איר געצאָלט, אָבער די מאַמע איז נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן. און זי האָט שטענדיק געטענהט און געטענהט. די באָבע איז געלעגן אין אַנדערן חדר, האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס מ'רעדט און האָט נישט געקענט, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז מען רעדט פון איר און זי האָט זיך געערגערט. האָט די באָבע אויסגעלאָזט אָפט איר האַרץ צו יאַנקלען, איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נישט גענוג פרום און אַז ער מאַכט קיין ברכה נישט און אַז ער כאַפּט צו גיך אָפּ דאָס בענטשן און ער האָט איר געשוויגן, געשוויגן, ביז ער האָט זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט אויף איר און זי האָט דערנאָך געוויינט און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל זי שוין אַמאָל צונעמען. זי האָט, פלעג זי זאָגן, שוין גענוג געלעבט, מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל דער זיידע. די מאַמע האָט אין פרומקייט געהאַלטן מיט דער באָבען. די מאַמע

איז בכלל געווען אויפגערעגט עס איז איר נישט געגאַנגען. זי האָט יאָרנלאַנג איינגעליינגט וועלטן, אַז מען זאָל זי לאָזן פאָרן קיין קרעמענטשוג, ווייל דאָרטן וווינען די גוראריעס, דעם זיידנס קרובים, רייכע מענטשן, זי איז גע־ווען זיכער, אַז ווען זי וועט קומען צו זיי און זי וועט זיי דערציילן, אַז זי דאַרף חתונה מאַכן אַ טאָכטער (שפרה האָט שוין געדאַרפט צוריקקומען פון אַרגענטינע), וועט זי ביי זיי קריגן אַ פאַרמעגן און זי איז געפאָרן און צוריק־געקומען מיט קליין געלט. זי האָט איצטער געהאַט אַ נייעם חלום, זי וועט פאָרן צו איר ברודער ווינגדער, וואָס איז אַ קאָלאָניסט אין אַנאַטאָליע, אין טערקיי און זי איז זיכער, אַז ער איז אַ רייכער מענטש און ער וועט איר העלפן. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז די מאַמע האָט ליב אַרומצופאָרן... ער האָט נישט געגלויבט, אַז דער פעטער ווינגדער קען העלפן, ער איז געווען זי־כער, אַז ער איז געווען אַ גאָרנישט און ער וועט בלייבן אַ גאָרנישט... איז יאַנקלען געווען שווער איינצוזיצן אין שטוב.

אַנטקעגן בית־מדרש האָט געוואוינט אַ פאַמיליע קאַמאַראָווסקי. זיי האָבן געהאַט אַ וועשעריי, אַ „פּראַטשעטשנע" האָט מען עס גערופן אין שטאָט. דער פאָטער איז געשטאָרבן און עטלעכע יינגלעך און עטלעכע מיידלעך האָבן אַליין געפירט די וועשעריי. דער מיטלסטער בחור האָט געהייסן לווי, ער איז עלטער געווען מיט אַ דריי יאָר פון יאַנקלען און ער איז איינמאָל אַריינ־געקומען צו אים אין בית המדרש אַריין ריידן. ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט יידישע זשאַרגאָן־ביכער. יאַנקל האָט געפרעגט, צי שמרס, האָט ער גע־לאַכט און געזאָגט, אַז שמרס מעשהס זיינען נאַרישע פאַנטאַזיעס, ער האַלט נישט פון זיי. יאַנקלען האָט עס פאַרדראָסן, ער האָט שוין טאַקע לאַנג נישט געלייענט שמרן, אָבער אין טעם זיינען אים נאָך געליגן זיינע מעשהס, וואָס פאַרכאַפּן אַזוי שטאַרק. לווי קאַמאַראָווסקי האָט געזאָגט, אַז פון ביכער דאַרף מען עפּעס לערנען. פון שלום עליכמן לערנט מען, פון פרצן לערנט מען נאָך מער, אָבער עס איז אים שווער צו פאַרשטיין, האָט יאַנקל געלאַכט: אויף זשאַרגאָן שווער צו פאַרשטיין? ער פאַרשטייט די שווערסטע ביכער אויף לשון קודש. און ער האָט גענומען פריער צו לייענען ספּעקטאָרס „הויזפריינד" און ער האָט הנאה געהאַט טאַקע פון ספּעקטאָרס אַנהויב פון אַ ראָמאַן וועגן בעל שם, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט בעסאַראַבישע פעלדער און ער הערט בעסאַראַבישע פאַסטוכער פייפן. ער האָט דאָרט געלייענט דינענזאָנס אַ מאמר מיט אַ סך פּסוקים און גמרא און ער האָט אַלץ פאַרטייטשט זיין נייעם חבר, אָבער זיי האָבן סיי ווי ביידע נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט. שלום עליכם איז ביים אָנהויב נישט געפעלן יאַנקלען, אָבער דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן פילן אַ טעם אין אים, איבערהויפּט איז אים געפעלן טביה מיט די פאַרקערטע פּסוקים, אים האָט זיך געדאַכט אַז טביה רעדט אַמאָל ווי משה דראַגוליער און מנחם מענדל איז ווי נחמן רויזן דער שדכן... שטאַרק איז אים

געפעלן פרץ. לווי האָט אים געגעבן אַ גרויסן באַנד מיט אַ סך זאַכן פרצעס און ער האָט דאָס בוך געלייענט טאָקע אין בית מדרש אויף דער גמרא. די מעשהס וועגן די חסידים האָבן אים אויסגעוויזן אַ פונקט אַזוי ווי ער האָט זיי געקענט, אַ אַנדערש, ער האָט ביי פרצן דערקענט אַ אַלי קיליער, אַ דעם אַלטן נחמן האַלפּערן, אָבער מער פון אַלץ איז אים געפעלן פרצעס מעשה „וואָס איז נשמה?" ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טעם פון פּאָעזיע. און ער האָט שוין דערנאָך גענומען ביכער און ביכער ביי לווין. פייוול מלמד האָט אים געגעבן העברעאישע ביכער, אייניקע מיט שיינע מעשהס און אַנדערע צום לערנען. ער האָט אים געגעבן דאָס גרויסע ספר „דור דור ודורשיו" פון אייזיק הירש ווייס, וואָס האָט אים געעפנט די אויגן וועגן דעם גאַנצן תלמוד און די גאונים און חכמים. פון דעם דאָזיקן ספר האָט ער זיך דערוואוסט, ווען יעדער תנאי און אמורא האָט געלעבט און וואו ער האָט געלעבט און דורכדעם האָט ער אויך פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען. עס האָט אים שטאַרק באַנק געטון, וואָס ער האָט דאָס דאָזיקע ספר נישט געקענט איידער ער האָט געלערנט גמרא מיט יוסף פעלדמאַן אין פּעטראָוווקע, ער וואָלט מיט אים גאָר אַנדערש געלערנט... אָבער מער פון אַלץ איז ער איבערגעליגן איבער די יידישע ביכער, וואָס ער האָט גענומען ביי קאַמאַראָווסקין. דער טאַטע האָט אים אַזש געזאָגט: „וואָס ווּעסטו אויסלערנען פון די זשאַרגאָנישע ביכער? פון רוסישע וואָלט דאָך שוין געווען בעסער. „און אַליין האָט ער געכאַפּט אַ לייען פרצן און געזאָגט, אַז מסתמא מאַכט ער חוזק פון די חסידים... פון שלום עליכמן האָט ער אָנגעקוואָלן, ער האָט נאָך געדענקט זיין „פעטער פיניע און מומע רייזע" וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

אין שטאָט האָט מען פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט ריידן, אַז יאַנקל איז צוריקגעקומען אַן אַפּיקורס און מען האָט אים געזוכט צו כאַפּן ביי עבירות, אַידענעס האָבן אים פשוט נאָכשפּיאָנירט און זיי זיינען געקומען קוקן, צי ער זיצט אָן אַ היטל. אַנדערע יידענעס זיינען געקומען בעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיי שרייבן בריוו קיין אַמעריקע און קיין אַרגענטינע, ווייל ער האָט נישט גענומען קיין געלט. די לערערס האָבן געוואָלט געלט. ער געדענקט ווי ס'איז צו אים געקומען שרייבן אַ בריוו איינער אַ ייד, וואָס האָט געהייסן סאַניע און וואָס פלעג אַרויספירן דאָס מיסט פון שטאָט און ער פלעג אויך רייניקן די בית הכסאס. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע באָרד מיט קאָלטענעס, וואָס איז געווען אַ קליין ביסל געלבלעך און דאָס איבעריקע שוין ווייס. שבת האָט ער געטראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע פול מיט לעכער און מיט לאַטעס און אַ פּליושן היטל, ווי אַ שוחט. ער איז געקומען שרייבן אַ בריוו צום בוהושער רבין. ער האָט געהאַט טענות צו אים. ער האָט געהייסן שרייבן צום רבין, אַז ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָט זי דער איידעם איבערגעלאָזט, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז עס שטינקט פון איר, ווייל איר טאַטע רייניקט בית הכסאס.

סאניע האָט זיך נישט געהיצט, ער האָט גערעדט לאַכנדיק און ער האָט געזאָגט, אז דער רבי זאָל אויספועלן, אז ס'זאָל דעם איידעם זיינעם שטינקען אויף אַן אמת פון האלדז... ער האָט געזאָגט, אז קיינער פארשטייט נישט זיין אַרבעט. מען דאַרף צו איר אַ סך שכל. אויסצורייניקן אַ סמעטניק, דאַרף מען אַ פוד שכל און אויסצורייניקן אַ „נוזשניק" איז נישט גענוג קיין צען פוד שכל אויך...

איציק זיידמאַן פלעג זיך שטילערהייט טשעפּען צו יאנקלען און אים זוכן אריינצוזאָגן אין בית מדרש צווישן מנחה ומעריב און אין איין וועג האָט ער אים געפּרואווט פארהערן, צי ער קען שוין מאטעמאטיק און ער האָט אים געפרעגט, צי אַ קובישער „סאזשען" האָלץ און צוויי האַלבע זיינען אַלציינס. דער פיפיקער, איינגעזעסענער און אַליין נישט שטאַרק פרומער נחמן רויזן, דער שדכן, האָט זיך געטשעפּעט צו יאנקלען גראָב און ער האָט געליטן און געשוויגן און געזוכט עפּעס אַ פּשטל אים אריינצוזאָגן און ער האָט זיך עס אויסגעטראַכט. עס איז געווען אין אַ שבת פאַר מינחה און ס'איז געווען אַ גרויסער עולם אין בית מדרש. ווען נחמן האָט געזאָגט יאנקלען, אז ער איז געפאָרן קיין קעשענעוו אַ מלאך און ער איז צוריקגעקומען אַ גלח, האָט ער אים פּלוצים אָפּגעשטעלט און אים געזאָגט: „הערט אויס, ר' נחמן, אין דער תוכחה שטייט „והייתה משוגע", זאָלסט זיין משוגע, צו וואָס זשע דאַרף נאָך דערנאָך שטיין „יכך ה' בשגעון" — גאָט זאָל דיר שלאָגן מיט אַ שגעון?" נחמן האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן און דאָ האָט זיך ארומגערינגלט אַ גרויסער עולם, האָט יאנקל געענטפערט: „דאָס איז דערפאַר, ווייל זיין אַ משוגענער איז ניט קיין קללה. עס שטייט חרש, שוטה וקטן, אַ טויבער און אַ משוגענער און אַ קינד, פגיעתן רעה, זיינען אַ בייז באַגעגניש, ווער עס מאַכט זיי אַ בייל, איז חייב און ווען זיי מאַכן אַ בייל, איז פטור... מיט נחמן דעם משוגענעם איז עפּעס גוט צו אָנהויבן זיך? איז אָט דערפאַר האָט די תוכחה געדאַרפט שרייבן צוויי מאָל, פריער והייתה משוגע, דו וועסט זיין משוגע און זיך טשעפּען צו דער גאנצער וועלט און דערנאָך ערשט קומט „יכך ה' בשגעון", גאָט וועט דיר שטראָפן מיט אַ גרעסערן משוגענעם, וואָס וועט דיר ברעכן די ביינער. אזוי זאָג איך אויך אייך, איר זיינט אַ שגץ און איר טשעפּעט זיך, אָבער איר וועט אָנטרעפן אויף אַ גרעסערן שגץ..." דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט און געזאָגט: „בראַוואָ, יאנקל"! אַ שטיק צייט האָט דערנאָך יאנקל דאָס פארעכנט פאַר זיין ערשטן פּאַמפּלעט, אָבער ער האָט שפּעטער געפונען דאָס זעלביקע פּשטל אין אַ ספרל. אין שטאָט האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם ענטפער, וואָס דעם שוחטס זון האָט געגעבן דעם שדכן דעם שגץ מיט אַ גמרא אין די ציין אריין און מען האָט הנאה געהאַט. אפילו נחמן דער משוגענער האָט אים באַגעגנט און ער האָט געזאָגט, אז ווייל ער האָט אזוי אריינגעזאָגט יענעם נחמן, קומט צו לאַכן און ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אזוי לאַכן, אז די

גאנצע שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן. און יאַנקל האָט זיך געקלערט: „שוין עטלעכע יאָר, ווי נחמן לאַכט אין די קיליער גאַסן און מען לויפט זיך נאָך אַלץ צונויף, ווען ער הויבט אָן לאַכן".

אין שטעטל האָבן צוויי יידן דעמלט אַ לאַנגע צייט געגוסט. ביידע זייַנען זיי געווען אַלטע יידן און נאָך איידער זיי האָבן נאָך צוגעמאַכט די אויגן, האָט מען שוין געזאָגט, אַז קיין יינגערס פון זיי זאָל נישט שטאַרבן. און פון דעסט וועגן האָט דאָס גאַנצע שטעטל אָנגעשפּיצט אַלע חושים צו די שטיבער פון די צוויי גוססים. ווער פּרנסה, וואָס שידוכים זוכן פאַר קינדער, וואָס זאָרג פאַרן ווינטער. מען האָט גערעדט נאָר וועגן די צוויי, וואָס גייען אַ גאַנג. ביידע זייַנען זיי געווען זייער פאַרשיידענע. איינעם האָט מען גערופן „דער אַלטער וואָלטשיקים" און דעם צווייטן — שעיה מלמד. דער ערשטער איז אַמאָל געווען אַ ייד אַ גביר און ער האָט שוין אין דער יוגנט געהאַט אַ שם פון אַ גוי. אויף צו זיין אַן אפּיקורס, האָט ער זייער ווייניק געקענט אין די קליינע אותיותלעך, איז ער גלאַט געווען ווי אַ גוי, וואָס היט נישט אָפּ קיין יידישקייט. ער איז שוין געווען, האָט מען געזאָגט, אַ מענטש אין די אַכציקער און ער האָט שוין געהאַט אַ סך אייניקלעך און אוראייניקלעך און אור־אוראייניקלעך. אָבער זיי זייַנען אַלע געווען קבצנים און זיי האָבן געוואוינט אַרום דער שטאָט, ערגעץ צווישן גויים, אָדער אין די דערפער. לעבן זיך האָט ער געהאַט צוויי טעכטער. איינע האָט געהייסן טאַקע חווה וואָלטשיקים און זי האָט געהאַט אַ גרויסע באַקאַליי קראָם. זי איז געווען אַ האַרטע פרוי מיט אַ שטעל און אַ קול פון אַ מאַן און מען האָט געזאָגט אַף איר, אַז זי איז מער מאַן ווי פרוי. מען האָט דערציילט וועגן איר, אַז זי האָט צוריק מיט אפשר פערציק יאָר חתונה געהאַט און דער חתן האָט זי באַלד נאָך דער חתונה איבערגעלאָזט און דער דיין האָט געזאָגט, אַז דער חתן איז גערעכט, ער דאַרף אפילו קיין גט נישט גיבן, ווייל די חופּה וקידושין האָבן קיין שום ווערט נישט. אין שטעטל האָט מען זיך שטענדיק געחכמהט און יידן האָבן געפרעגט: ווי אַזוי האָט דער דיין געקענט וויסן, וואָס חווה האָט? ער האָט אַ קוק געטאָן? חווה אַליין האָט צום מערסטן גערעדט רוסיש און שטענדיק זייַנען ביי איר אין קראָם געווען גויים און זי האָט גערעדט מיט די זעלביקע גראָבע רייד ווי זיי און זי האָט אפילו געשפּיגן צווישן די ציין ווי זיי. די צווייטע טאָכטער פון דעם אַלטן וואָלטשיקים האָט געהייסן מאַדאַם קראַיז און איר מאַן האָט געהייסן יאָסל קראַיז. זיי האָבן געהאַט די איינציקע זעלצער־וואַסער פאַבריק אין שטעטל און זיי האָבן אין דער פאַבריק אַריין קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא, אַז מען זאָל נישט נאָכמאַכן, ווייל — מאַכן זעלצער־וואַסער איז די צווייטע קונץ פון פעדערן פליקן. מאַדאַם קראַיז האָט אויסגעזען ווייבלעכער ווי איר שוועסטער חווה, אָבער זי האָט אויך קיין קינדער נישט גע־

האָט און מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַזאַ מישפּחה פּעלער. זי איז געווען אַ קליינטשיקע, אַ פּעטלעכע און אַן אומגעהויער קאַרנאָסע. די נאָז איז ביי איר געווען צעפּלעטשט איבער דעם גאַנצן פּנים און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער האַלט איר צו די נאָז מיט אַ פּאַרטשעפּער. זי איז שוין אויך נישט געווען קיין יונג ווייבעלע און זי האָט זיך געפּוצט אין עסיק און אין האָניק. זי האָט געקענט אין אַ וואָכעדיקן טאָג זיך אָנטאָן אין אַ גרויסאַרטיקן זיידן קלייד און נעמען די דינסט און גיין אין מאַרק אַריין. אַז מען האָט זי אָנגעקוקט, האָט מען שוין געלאַכט. דער מאַן אירער, יאָסל קראַיז, איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטער און ער האָט געהאַט אַ גרויסע, אויסגעסטאַרטשעטע נאָז. ווען ער איז געגאַנגען אין איינעם מיט זיין פרוי, האָט זיך געדאַכט, אַז עס וואָקסט אַרויף און זי זינקט אַראָפּ. ער האָט גערעדט מיט אַ גראָב קול און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די נאָז איז אים פול מיט קאַרטאָפליעס. ער איז אַלע מאָל געפאָרן קיין אָדעס און די שאָלטיקעס פון שטעטל האָט ער געזאָגט, אַז ער פאָרט אַהין, ווייל דאָ הי לאָזט אים די פרוי נישט גיין צו קיין שיקסעס, זי גיט אַכטונג אויף אים. ער האָט געהאַט אַ שיינעם מויער און ער איז שטענדיק געזעסן פאָרנט פאַר דער פאַראַדנער טיר. פאַרנאַכט איז ער געזעסן אין איינעם מיט דער פרוי און אין דער פרי איז ער געזעסן אַליין און אַז ער האָט דערזען אַ יינגל אַ שאָלטיק, האָט ער אים צוגערופן און ער האָט מיט אים געגומען ריידן מיאוסע זאַכן אויף אַ קול און ער האָט אַליין אַזוי געלאַכט, אַז די שטאָט האָט געהירזשעט. די יידן האָבן נישט אויפגעהערט צו באַדויערן דעם אַלטן וואָלטשיקים, וואָס לאָזט די אמתע קדישים נאָך זיך. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז געגוג וועט מען אים ברענען פאַר די אייגענע עבירות, וועט מען אים נאָך מער דאַרפן בראָטן פאַר די מעשים פון זיינע טייערע קינדער. פאַר חוהלען אַליין, וואָס זי איז ערגער ווי אַ גויה, וועט מען אים שוין גאָר ברענען און בראָטן. מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז דער אַלטער וואָלטשיקים מוטשעט זיך אַזוי און ער קען נישט שטאַרבן, ווייל ער האָט אַזעלכע טייערע קינדער. ער האָט געהאַט אַ ראַק אין מאָגן און ער האָט שוין זייט וואָכן און וואָכן נישט געקענט עסן. מען האָט אים דערהאַלטן דערמיט, וואָס מען האָט אים געמאַכט קאַנעס פון וויין, אָדער פון בוימייל. עס האָט געהייסן, אַז ער עסט הינטער־אַרומער. ער איז שוין געווען ווייס ווי אַ טויב זייט יאַנקל האָט אים געדענקט און ער האָט געהאַט געלע וואָנציעס פון דעם רויכערן און ער האָט די וואָנציעס אוינטערגעהאַקט און ער האָט כמעט שטענדיק געזאָגט: „פּע"... האָט מען דערציילט, אַז פאַר דעם טויט האָט ער געזאָגט: „אַז מען קען נאָך עסן אויבן־אַרומער, בע, אָבער עסן הינטן־אַרומער — פּע..." און באַלד נאָך דעם איז ער געשטאָרבן.

שעיה מלמד איז נישט געווען אַזוי אַלט ווי וואָלטשיקים, ער האָט נאָך געהאַט אַ מיידעלע פון אַ יאָר פערצן, אָבער געזאָגט האָט מען, אַז עס פעלט

אים שוין אויך נישט קיין סך צו זיבעציק און וועדליק ער האָט געלעבט, האָט ער נאָך דערלעבט צו אַ טיפער עלטער. קיין שום מלמד האָט נאָך ברוך השם נישט דערלעבט אין קיליע צו קאַרגע זיבעציק. דער עלטסטער זון פון מלמד איז נאָך קיין דרייסיק נישט אַלט געווען און ער האָט שוין געהייסן אַן אַלטער בחור. ער האָט געהאַט רויטע אויגן און אַ גוטן, מילדן אויסדרוק. געזאָגט האָט מען, אַז ער וויל נישט נעמען קיין עול פון אַ ווייב אויף זיך ביז וואַנען ער וועט נישט זען חתונה געהאַט זיינע דריי ייִנגערע שוועסטער. ווען ער וואָלט חתונה געהאַט, וואָלט די גאַנצע פאַמיליע זיינע אין איינעם מיט זיין מאַמען און מיט דער אַלטער באָבען, וואָס איז שוין אַלט געווען אפשר נייַנציק יאָר, געדאַרפט נעמען אַ טאַרבע און גיין אין די הייזער. דער מלמד אַליין, וואָס האָט שטענדיק פּאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, האָט די לעצטע יאָרן שוין גאָרנישט געהאַט קיין קנעלונג, ווייל ער איז געווען קראַנק. ער האָט געהאַט אַ זאַדישקע (געזאָגט האָט מען, אַז אַלע מלמדים קריגן זאַדישקעס) און ער האָט געהוסט, האָט מען מורא געהאַט, אַז ס'איז „זאַראַזיטעלנע" (אַנשטעקנדיק) און מען האָט אים נישט געוואָלט גיבן קיין קינדער. ער איז געווען בלייך, אַזוי ווי דער טויט און ער האָט געהאַט טרויעריקע און איינגעשראָקענע אויגן. ער האָט געוואוינט לעבן פּינחס שוחט און יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט נאָך געלערנט ביי פּינחסעס איידעם, איידער ער איז געפאָרן אין דער ישיבה אַריין, האָט ער מורא געהאַט צו קוקן שעות מלמד אין די אויגן אַריין און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט אין זיי דעם טויט. און ער האָט דווקא גערעדט אַזוי, אַז מען האָט געמוזט לאַכן. ער פלעג זאָגן, אַז ס'איז אויף דעם בוידעם אַ יאַריד, ווייל מען פירט די קו אויפן בוידעם, אָדער אַ קבצן איז גוט ווי די וועלט, ער האָט נישט מורא, אַז מען וועט אים באַגנבענען. און אויך פאַר דעם טויט האָט שעיה אַרויסגעבראַכט אַ שאַרף וואָרט. ער האָט געזאָגט: „אָ, מ'מוטשעט זיך שטאַרק אָן, ביז וואַנען מ'ווערט אַ מת..." און ער האָט באַלד זיך פאַרהוסט און ער איז שוין מער צו זיך נישט געקומען.

ביידע לוויהס זיינען פאָרגעקומען אין איין טאָג און געדאַכט האָט זיך, אַז דורך די דאָזיקע לוויהס שפּאַנען אַלע אַריין אין ווינטער אַריין. ס'איז געווען באַלד נאָך סוכות און דאָס גאַנצע שטעטל איז אין יענעם טאָג געווען אויפן „פעלד" און ס'איז געווען גלייך אין איינעם מיט די צוויי אַלטע יידן באַגראָבט מען אויך דעם זומער. יידן האָבן זיך געחידושט, וואָס ביידע גריבער ווערן נישט פול פון דער ערד, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן פון זיי, כאָטש מען האָט אַריינגעלייגט די מתים. האָבן די מאַלאַטשעס געזאָגט: „וויי־סעך וואָס! די אמתע מתים! קיי און שפּיי! נישט געווען אויף וואָס צו קוקן." יאַקל שוסטער, וואָס איז געווען ראש מאַלאַטשעס, האָט געזאָגט, אַז ער האָט דעם אַלטן וואָלטשיקים געוואָלט גיבן אַ פעטשל אין הינטן אַריין, ווייל ער

איז געווען נישט קיין ערלעכער ייד, אָבער ס'איז נישט געווען אין וואָס צו דערלאַנגען. און ער האָט שוין אין איין וועג דערציילט, אַז אַלע מתים, וואָס זיינען נישט געווען פרום, דערלאַנגט ער אַ פּעטשל און אַז איין ייד האָט שוין אַפילו אָנגעזאָגט אין דער צוואה, אַז ער זאָל אים נישט מטהר זיין, ווייל ער האָט זיך איין מאָל געקריגט מיט אים, האָט ער זיך גערייצט, אַז ער וועט אים נאָך מטהר זיין און דערלאַנגען אַ פּעטשל אין ריכטיקן פּלאַץ... יידן לומדים האָבן געזאָגט, אַז די גריבער ווערן נישט פול, ווייל עס שטייט געשריבן: „אין הבור מתמלא מחוליתו". יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז דאָס מיינט אַ גרוב מיט וואַסער, אַ ברונעם, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פול פון זיין קוועלן, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישן. ביי דעם אַלטן וואָלטשיקים האָט קיינער נישט געוויינט און אַ פרעמדער ייד, אַ שמש, האָט געזאָגט קדיש, ביי שעיה מלמדס קבר האָט מען איינגעלייגט וועלטן און דאָס ווייב און די קינדער האָבן געקוויטשעט און געחלשט... יידן האָבן געזאָגט, אַז וואָלטשי־קים איז טאַקע כל ימיו געווען אַ גביר און שעיה איז געווען אַ קבצן, אָבער דער מלמד איז געשטאָרבן ווי אַ מענטש און דער געוועזענער גביר איז גע־שטאָרבן ווי אַ הונט נעפּריטשקעם. ביים צוריקגיין האָט מען זיך געקריגט איבער אַ פּלאַץ אַף אַ פּורל און מען האָט זיך געזאָגט מוסר, וואָס מען שעמט זיך נישט צו קריגן לעבן בית עולם, וואו מען זעט דעם סוף און מען האָט זיך דאָך ווייטער געקריגט און ווען מען איז צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין, האָט שוין געשמעקט מיט ווינטער.

עס איז געוואָרן חשוון; דער טאַטע האָט אים אויף כוח געשלעפּט אויף ג' חשוון צו אַ חסידישער סעודה און ער האָט געזונגען און אַפילו געטאַנצט און געפילט אַ פרעמדקייט. און דער ווינטער האָט זיך גענומען רוקן. עס האָבן אָנגעהויבן גיסן רעגנס, עס איז געווען אַזוי כמארנע, אַז ס'האָט זיך געדאַכט די וועלט ענדיקט זיך ביי דער טיר... יאַנקלען איז דעמאָלט געוואָרן וואָס אמאָל פוסטער און וויסטער. ער האָט שוין אָנגעהויבן בעסער פאַרשטיין רוסיש און ער האָט געלייענט רוסישע ביכער, ער האָט געלייענט טורגעניעווס „טאַטעס און קינדער" וועגן וועלכן פּאָדאָלסקי האָט אים געהאַלטן אין איין רעדן. ער האָט זיך געקוויקט מיט באַזאַראָווס טיראַדן, וואָס האָבן אים דאָך אויסגע־וויזן עפּעס צו גרינג. אויף דעם האַרץ איז אים געווען פּוסט... און דערווייל האָט מען אָנגעהויבן ריידן, אַז ביי דבורה פּנחס שוחטס דאַרף אין גיכן זיין די חתונה. ער האָט זי צוויי מאָל געזען און זי האָט מיט אים גערעדט אַזוי ווי אַ וואַזשנע כלה. גלייך זיי וואָלטן נישט געווען קיין קינדער אין איינעם. אים האָט געקלעמט ביים האַרצן... פּנחס האָט נישט געגלויבט, אַז ער איז אַן אַפּיקורס און ער האָט דוקא געהאַלטן פון אים. דער איידעם האָט אים געשריבן, אַז ער איז געווען אין האַנטשעשט ביים רבין אויף שבת און דער רבי האָט פון אים געהאַלטן און ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן מיט אים וועגן חסידות און

ער האָט אים אפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט אים געוואָלט פאַר אַן איי־דעם, אָבער זי וויל נישט קיין כלי־קודש... פון ריידן מיט פנחסן איז ער נאָך מער טרויעריק געוואָרן, ער האָט געפילט, אַז מען האָט ביי אים צוגענומען זיין כלה... און ווען ער איז אַמאָל געזעסן אין בית מדרש און עס איז געווען שטאַרק כמאַרנע און עס האָט געגאָסן אַ רעגן, האָט ער פלוצים אָנגעשריבן אין יידיש עפּעס אַ ליד צום, גראַם, פון וועלכן ער געדענקט נאָר דעם אָנהויב:

פינצטער,
עס גייט אַ רעגן
און ס'איז נישטאָ
איין טראָפּן ליכט אנטקעגן . . .

און עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה. דער טאַטע מיט דער מאַ־מען זיינען געגאַנגען צו דער חופּה, אים האָבן זיי נישט געפרעגט, צי ער וויל מיטגיין. אויך ווען זיי זיינען געגאַנגען שבת צו־נאַכטס צו דער וועטשערע, האָבן זיי אים אויך נישט געפרעגט, צי ער וויל גיין. זאָלן זיי געווען האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז די דאָזיקע חתונה פאַרשאַפט אים נישט קיין פרייד?...

די באָבע איז געשלאָפן אין אַ ווייטערן חדר און מען האָט געהערט איר כראָפּען. יאַנקל האָט געלייענט טורגעניעווס אַ ראָמאַן „רויך", ער האָט שווער געביסן די רוסישע ווערטער און ער האָט דאָך געפילט דעם טרויער פון דעם לעבן, פון וועלכן עס בלייבט רויך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויך פון זיין לעבן איז אים שוין מער נישט געבליבן ווי רויך... ער האָט זיך געדרייט ארויס און אריין און אין דרויסן האָט אים אַלע מאָל ארומגענומען אַ קעלט. אין שטעטל איז געווען שטאַרק פינצטער, מען האָט גאָרנישט אָנגעזען. ערגעץ וווייט האָט געברענט נאָר איין לאָמטערן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט קלעזמער שפּילן, כאָטש די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ שפּייכלער, וואָס איז געווען ווייטער מיט צוויי קוואַרטאַלן. פונקט ווי קינדוויז, ווען ער איז געווען ברוגז אויף אַ יינגל, האָט ער אים געזען אַ דערהרגעטן און ער האָט טאַקע באַלד רחמנות געקראָגן אויף אים, פּונקט אַזוי האָט ער איצטער געזען דעם חתן אַ דערהרגעטן און ער האָט אויך רחמנות געהאַט אויף אים. און די צייט איז געגאַנגען פּאַוואָליע, פּאַוואָליע. דער וואַנט־זייגער זייערער האָט זיך קוים גערירט און אַלעמאָל האָט ער געהערט ווי די „וואָג" פון זייגער לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ ציטער...

און פלוצים האָט ער דערהערט ווי דאָס טירל פון טויער האָט זיך ביי זיי געעפנט. ס'איז נאָך נישט געווען דער טאַטע מיט דער מאַמען, ס'איז גע־ווען די דינסט פראַסיע, וואָס האָט געדינט ביי זיי, אַ שיקסל מיט פלאַקסענע האָר און מיט פאַרשייטע אויגן, זי האָט שטענדיק געקוקט צו אים מיט אַ

פאַרשייטן געלעכטער. ער האָט איר נישט איינמאָל נאָכגעקוקט מיט אַ קלעם ביים האַרצן און מיט אַ ציטער. זי האָט געזען, אַז ער זיצט ביים לעמפּל און זי האָט זיך געמאַכט נישט ווּיסנדיק. זי איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שמאָלן צימערל זיך לייגן. יאַנקל האָט געוואַרט אַביסל און ער איז אַריינגעגאַנגען צו דעקט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט זי אים פרעגן, צי ער וויל הערנדיק. ערשט, ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי איר אויף דעם בעטל, האָט זי אים געהייסן אַרויסגיין, אַנישט וועט זי דערציילן דער באַלעבאָסטע. זי האָט דאָך גערעדט שטיל אויף נישט אויפוועקן די באָבע און זי האָט גע־סמראַשעט, אַז אויב ער וועט נישט אַרויסגיין, וועט זי אָנהייבן צו שרייען. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט מיטן קאָפּ צו אירע פיס און אָנגעהויבן ציטערן און זי איז געוואָרן שטילער און אָנגעהויבן פרעגן וואָס ער וויל... ער האָט גע־פילט, אַז זי לאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דאָס ווייבל אין האַנטשעשט האָט אים געזאָגט און ער האָט נישט אויפגעהערט שעפּטשען צו איר: „זיי מיט מיר!" זי האָט גענומען ריידן מיט אַ לאַכנדיק קול און זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט געמיינט ער איז אַן אַנדערער, ער גייט דאָך נאָך מיט „פּייסיקעס" און מיט אַ קאַפּטאַן", אַזוי ווי אַ „כאַכאַם"... ער האָט זיך גערוקט מער צו איר און זי האָט גענומען נאָך מער לאַכן פון אים און זי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מיינען, אַז מיט אַ דינסט מעג מען טאָן אַלדינג... אַ דינסט איז אויך אַ מענטש... און זי האָט אים דאָך צוגעדרוקט אַביסל צו איר און דערנאָך האָט זי אים אָפּגעשטויסן. זי האָט זיך געשפּילט מיט אים אַזוי ווי קאַץ מיט אַ מייזל און ער האָט וואָס אַמאָל מער געציטערט... דערנאָך האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט אַ חתן און ער זאָל שוין אַרויסגיין פון איר. ווייל איצטער איז זי טאַקע געווען מיט דעם חתן, זי איז מיט אים געשטאַנען אין שמאָלן ליקל אפשר צוויי שעה. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַוועק־גיין און ער האָט נישט געקענט און זי האָט אים אויך נישט געלאָזט, זי האָט אים געהייסן אַוועקגיין און זי האָט אים דאָך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט... און ער ווייסט אַליין נישט ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט. אָבער ער האָט געהערט ווי עס האָט זיך געעפנט די טיר פון שטוב, ווי עס האָט זיך געעפנט דאָס טירל פון טויער האָט ער נישט געהערט. ער האָט געגעבן אַ לויף אַרויס פון צימער און פּראַסיאַ האָט אים נאָכגעשריגן, אַז זי וועט דערציילן דער מאַמען, אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן גע־הערט וואָס פּראַסיאַ האָט געזאָגט און זיי האָבן אים געזען אַרויסלויפן פון איר צימער, זיי האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק. די מאַמע האָט גערעדט וועגן דער חתונה און זי האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ זייער שיינע, אָבער צו מאָמציעס חתונה קומט זי נישט, יענע איז געווען אַ וועלט־חתונה... יאַנקל איז געגאַנגען שלאָפן און ער האָט קיין אויג נישט געקענט צומאַכן. די מאַמע האָט עס געפילט און זי איז אַראָפּגעגאַנגען צו אים און אים צוגע־

דעקט און האָט האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט זי אים פרעגן, צי ער וויל אביסל מילך און זי וועט אפילו נישט זאָגן מילך, נאָר „מאַני", ווי זי פלעג עס רופן פאַר די קינדער און אים זיינען געקומען טרערן אין די אויגן און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. זי האָט אים צוריק אַ קוש געטאָן אין דער האַנט און האָט אים געזאָגט: „לייען קריאת שמע, יאַנקעלע, וועסטו בעסער שלאָפן"...

און יאַנקל האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אָוועקפאָרן קיין אָדעס, ער וועט גאָרנישט זאָגן וועגן דעם די טאַטע־מאַמע און ער וועט זיך אויפזעצן אויף דער שיף און אָוועקפאָרן, ער וועט נאָר דערציילן ביים פעטער נוח פריער, בכדי ער זאָל זיי באַלד אויסזאָגן, אַז זיי זאָלן זיך נישט איבערשרעקן. ער האָט דעם פעטער געזאָגט, אַז די טענות, וואָס וואָלטן געווען וועגן דעם, וואָלטן די עלטערן צופיל געזונט געקאָסט. איידער ער איז אָוועקגעפאָרן, האָט ער אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו פּאָדאָלסקין קיין קעשענעוו, ער האָט אים געשריבן, אויף לשון קודש און צוגעזאָגט, אַז פון אָדעס וועט ער אים שוין שרייבן רוסיש. ער האָט אים געשריבן, אַז זיין חלום ווערט פאַרווירקלעכט, כאָטש וואָס ער וועט טאָן אין אָדעס, ווייסט ער נישט. ביים טאַטן קיין געלט וועט ער נישט נעמען. אין דער ישיבה האָט אים דער טאַטע געמעגט אויס־האַלטן, אָבער נישט אין אָדעס. ער האָט סיי ווי גענוג וויי־געטאָן דעם טאַטן אויך איצטער, האָט ער געשריבן אין דער העברעאישער מליצה. רינען פון זיינע אויגן טייכן טרערן... „דער טאַטע — האָט יאַנקל געשריבן — האָט די לעצטע צייט געקוקט אויף מיר, ווי אויף דעם טייערסטן איידלשטיין, וואָס ער פאַרלירט... און איצטער פאַרלירט ער מיך מאַקע אין גאַנצן. ער וועט מיר שוין נישט נאָכגיין, ער איז שוין צו אַלט און איך צו אים זיך אומקערן? איר וועט נישט לאַכן פון מיר? איך טראַכט נאָך איצטער אַרויפצופאַלן אויף זיין האַלדז און אים זאָגן, אַז איך בלייב און לאָמיר ביידע פאָרן קיין בוהוש צום רבין... איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די וועלט איז געמאַכט געוואָרן, אַז מען זאָל אַזוויפיל ליידן אין איר און איך פאַרשטיי עס אויך נישט איצטער, אָבער איצטער מאַך איך דאָך אַליין, אַז מיינע עלטערן זאָלן ליידן... אָבער איך רייד נאָר אַזוי, איך פאָר דאָך קיין אָדעס"...

אויפן שיף זיינען קיין קיליער יידן נישט געפאָרן. ווען ער איז צוגעקומען צום ברעג, איז געגאַנגען אַ רעגן און עס איז געווען אַזוי נאַס און פינצטער און קאַלט, אַז ס'איז געווען אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן. אונזער העלד האָט זיך געפילט גוט אין זיין איינזאַמקייט. אים איז געפעלן, וואָס ער האָט נישט קיין איין נאָענטן באַקאַנטן. ס'איז געווען פריער אָוונט, אָבער אין דרויסן איז געווען שוין מוראדיק פינצטער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל, דער רוים און דער טייך זיינען איין שטיק פינצטערקייט און דער רעגן העלפט זיי נאָך מער צונויפגיסן אין איינעם. די עטלעכע קריסטן, וואָס

זיינען געפאָרן אין דריטן קלאַס, האָבן זיך באַלד געלייגט אין די נאַרעס און זיך איינגעהילט אין די מאַנטלען, אייניקע האָבן געהאַט גרויסע שובעס. יאַנקל האָט זיך אויך געפּרוּווט לייגן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן; און ער האָט זיך געמוטשט אויפהייבן. אויף דער דעק איז געווען פינצטער און קאַלט און דער ווינט האָט געשמיצט מיט רעגן אין פּנים אַריין. ס'איז געווען שווער צו זען אויף אַ שפּאַן ווייטער. דאָך האָבן פון פאַרשיידענע עקן גע־פינקלט ליכטער, וואָס האָבן אַריינגעבערענט אין טייך אַריין. פון צווייטן און ערשטן קלאַס האָט זיך געהערט מוזיק און ס'האָבן זיך געטראָגן געלעכטערס. מען האָט דאָרט געטאַנצט און זיך געפרייט. אונזער העלד האָט געקלערט, אַז ער וועט דאָס גאַנצע לעבן פאָרן אין דריטן קלאַס און ער האָט מקנא גע־ווען די דאָזיקע, וואָס קענען דערפאַר, אַז מען זאָל אָפּשאַפן קלאַסן. עס איז אים געקומען אויף דעם זינען זיך אַריינצוואַרפן אין וואַסער אַריין און ער האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר דעם געדאַנק און ער איז אַראָפּ צוריק צווישן די גוים, וואָס האָבן געכראָפּעט.

מען איז דורכגעפאָרן ווילקאָוו און יאַנקל האָט זיך געטראַכט, אַז דאָרט איז ערגעץ דאָ דער גוטער משה משיטשילניצקי, וואָס וועט אים שוין מער קיינמאָל נישט פרעגן, צי האָט אַ קאַץ אַ פּופּעק... ער האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס ער פאָרט קיין אָדעס, ביכער זיינען דאָך דאָ אין קיליע אויך. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַנטלויפט פאַר גאָט, אַזוי ווי יונה הנביא איז אַמאָל אַנטלאָפן; און פאַר טאַטע און מאַמע אַנטלויפט ער אויך, כאָטש זיי זיינען דאָך אַזעלכע גוטע...

▼

סוף פון ערשטן טייל.

אינהאַלט:

זייט

פון קיליע ביז בוענאָס איירעס (אַז איר ווילט, איז עס אַ הקדמה) 5
קאַפּיטל איינס — דער ערשטער ווינטער 9
„ צוויי — דאָס גרויסע געוויסער און אָן אַ רעגן 18
„ דריי — דער גלאַוונער מחותן האָט פאַרשלאָפן די תנאים 37
„ פיר — דער רבי קומט און רופט אַרויס אַ מלחמה צווישן טאַטן מיט דער מאַמען 55
„ פינף — ער פאָרט קיין איזמאַיל נאָך מתנות און קומט צוריק און ווערט אַ גנב 67
„ זעקס — אַ פריילעכע חתונה מיט אַ צעריסן רעקל 93
„ זיבן — „יאַנקלס אורח", דער קעשענעווער פּאָגראָם און אַ בלוט־בילבול 107
אַכט — צוליב וואָס דאַרף מען אָרעמע און רייכע און גוטע און שלעכטע? 129
„ ניין — די עלטערע שוועסטער האָט חתונה און יאַנקל ווערט אויס בן יחיד 149
„ צען — ער פאָרט קיין אָדעס און זעט די רעוואָלוציע 172
„ עלף — יאַנקל האָט מורא, אַז ער האָט אַ חלק אין אַ יידנס טויט 188
„ צוועלף — ער פאָרט אין דער ישיבה אַריין 216
„ דרייצן — ער האָפט, אַז אין דער תורה וועט ער פאַרגעסן די בענקשאַפט 239
„ פערצן — ער ווערט אַ בר מצווה, קומט אַהיים אַ גרויסער און כאַפּט שמיץ 263
„ פופצן — גמליאל דער ראש הישיבה האָט געוואָלט ווערן משיח 288
„ זיבעצן — די שוועסטער זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע און דער רבי איז געקומען קיין קעשענעוו 331
„ אַכצן — ער איז אַוועק אויף אַ נייעם וועג 370
„ ניינצן — דבורה האָט חתונה און יאַנקל פאָרט קיין אָדעס 383

ביכער פון יעקב באטאשאנסקי

נאָך דער פאָרשטעלונג

(גראַטעסקן און בילדער פון יידישן אַקטיאָרן לעבן)

פרייז: איין פעזע פופציק סענטאוואָס.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

(טראַגיקאָמעדיע אין דריי אַקטן)

אויספאַרקויפט.

פון ביידע זייטן ים

(נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער)

פרייז: איין פעזע פופציק סענטאוואָס.

בעסאַראַביע

(לעגענדן, מעשהס און בילדער)

פרייז: איין פעזע פופציק סענטאוואָס.

משה לייב האַלפּערן

(אַ קליין קרענצל אפן קבר פון א גרויסן דיכטער)

אויספאַרקויפט.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער

אויספאַרקויפט.

דראַמען

(ר׳ בער ליעווער, צווישן רעוואָלוציאָנערן, הערשעלע אָסטראָפּאָליער)

פרייז: צוויי פעזעס.